STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01829

# MAAPILIM-BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מעפּילים־בוך / תרצ"ד־תש"ו

« MAAPILIM BUCH » (LE LIVRE DES MAAPILIM)
Traduit de l'hébreu par Moshé Kalchheim
Printed in France 1949
Copyright by World Zionist Organisation European Bureau, Paris.

# מעפּילים-בוך

רעדאַגירט דורך

**משה באַסאַק**

---

געקירצטע אויסגאַבע

---

איבערגעזעצט פון העברעאיש

דורך

**משה קאַלכהיים**

---

תש"ט — 1949

פאַרלאַג פון אייראָפּעאישן ביוראָ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע
אין פּאַריז

אין די טעג, ווען די יידישע מדינה איז געוואָרן פון אַ חלום אַ לעבעדיקע ווירקלעכקייט —

אין די טעג, ווען די גרעסטע וועלט־מאַכטן האָבן אנערקענט מדינת ישראל —

אין די טעג, ווען די יונגע יידישע אַרמיי, די צבא הגנה לישראל, קעמפט זיגרייך קעגן די פילצאָליקע אַגרעסאָרן און זי קומט אַלץ נאָענטער צום ענדגיל־טיקן נצחון —

אין די טעג, ווען צענדליקער טויזנטער עולים שטראָמען פון פאַרשיידענע עקן פון דער וועלט, פון אַלע פּאָרטן און אויף אַלע סאָרטן שיפן פ ר י י צו די ברעגעס פון אויסגעבענקטן לאַנד —

אין די טעג, ווען י י ד י ש ע ש י פ ן אונטער דער ב ל ו י ־ ו ו י י ס ע ר פאָן אַנקערן פריי און אומגעשטערט ביי די ברעגעס פון חיפה און תל־אביב —

אין די דאָזיקע היסטאָרישע טעג, וועלכע מיר לעבן היינט איבער, זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן יענע, נישט ווייטע נאָך, טעג און נעכט, ווען הונדערטער און טויזנ־טער חלוצים, עלטערע יידן, פרויען און קינדער, האָבן זיך אויף קליינע מאָטאָר־און זעגל־שיפן געלאָזט קיין ארץ־ישראל איבער די ברייטע ימים, — אויפן וועג פון העפלה, וועלכע איז אַזוי רייך געווען אין שרעקלעכע ליידן און יסורים, אָבער גלייכצייטיק אין אַזוי פיל יידישער אויסדויער־קראַפט און העלדישקייט.

זאָל אויך נישט פאַרגעסן ווערן, אַז די ה ע פ ל ה איז געווען דער וויכ־טיקסטער וועג, וואָס האָט דערפירט צו דער יידישער זעלבסשטענדיקייט.

דאָס „מעפּילים־בוך", וואָס מיר ברענגען דאָ פאַר די יידישע לייענער, און וואָס איז אַ געקירצטע איבערזעצונג פון משה באַסאָקס בוך אין עברית „ספר המעפילים" — האָט דעם ציל אויפצופרישן און שטענדיק אויפצוהאַלטן אינם זכרון און אין האַרצן פון יעדן יידן דאָס ליכטיקע בילד, די גרויסע עפּאָפּעע פון דער יידישער גבורה, און פונם שטאָלענעם ווילן צו דערגרייכן אויף אַלע וועגן און אומוועגן די ברעגעס פון ארץ־ישראל, וואָס די טויזנטער און צענדליקער טויזנ־טער מעפילים האָבן אַריינגעשריבן אין דער יידישער געשיכטע אין די לעצטע יאָרן פון דער ערב־אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה.

***

מיר דריקן אויס אונזער דאַנק דעם הער משה קאַלכהיים פאַר זיין מיפּולער אַרבעט ביים איבערזעצן דעם העברעאישן טעקסט פון „ספר המעפילים" און ביים רעדאַגירן דאָס קאַפּיטל „עקזאָדוס 1947 — יציאת אירופה — תש"ז", וואָס איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער יידישער אויסגאַבע פון „מעפילים־בוך".

## דער אייראָפּעאישער ביוראָ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז

ואל ימוט בלב ימים לבבך

ר' יהודה הלוי.

# פאַרוואָרט

פיל דורות האָבן זיך ביי יידן געריסן קיין ארץ-ישראל, — די העפּלה איז אָבער אַ טאָכטער נאָר פון אונזער דור.

דאָס, וואָס יחידים און גאַנצע קאָלעקטיוון האָבן זיך דור-איין, דור-אויס אַליין אויסגעוואָרצלט פון די גלות-לענדער און אָן דער דערלויבעניש פון די מאַכטהאָבער און אָן צו איבטערעסירן זיך מיט די באַדינגונגען געוואָלט עולה זיין, — זיבער שטעקט דע-רין אַן עלעמענט פון העפּלה. די דאָזיקע לאַנגע ריי רבנים, צדיקים און סתם פרומע לייט, „עמך"-מענטשן און גבירים, גאָט-געבענטשטע און פאַרלאָזענע, — זיי האָבן אַלע מיט זייער העפּלה-קרוין קיינמאָל נישט שטאָלצירט, מעפּילים זיינען זיי אָבער דאָך געווען.

יאָ, די לעצטע צוויי דורות, וואָס זיינען גרויס אין חידושים און רייך אין שי-נויים, האָבן זוכה געווען אָנצוהויבן אַ נייע עליה-תקופה און אויסצוצייכענען זיך מיט זייערע העפּלה-אויפטוען.

דאָס „מעפּילים-בוך" פאַרקלענערט נישט די באַדייטונג פון די אַמאָליקע עולים, דער הויפּט-אינטערעס ווערט אָבער אין אים געווידמעט דער געשיכטע פון די הייַנטיקע. נישט האָבנדיק בדעה אָנצורירן די רעכט פון די ערשטע, ווערט דאָס שווער-געוויכט אין אים געלייגט אויף דער גרענעצלאָזער וויכטיקייט פון אונזער הייַנטצייטי־קער העפּלה. אמת, אירע יאָרן זיינען געציילטע און שלעכטע, די אַנטפּלעקונגען אירע זיינען אָבער אומגעהויער גרויס און איר ליכט שיינט זייער ווייט, — א י ר ווערט דעריבער דאָס דאָזיקע בוך געווידמעט.

עליות זיינען געווען פיל, די העפּלה איז איינע.

זי איז דוחק דעם קץ, די העפּלה. זי איז די פאַרקערפּערונג פון העלדישקייט; קיין שום מניעות און שטורמען זיינען נישט בכוח זי אָפּצוהאַלטן.

זי ברעכט דאָס געזעץ, וואָס הערשער גיבן אַרויס צוליב ציטוווייליקע אויס-רעכענונגען, זי צעשטערט די צאַמען פון פאָרמעלע דינים. און געטון ווערט עס אַלץ דערפאַר, ווייל די מאַכטהאבער רעכענען זיך נישט מיטן מאָראַלישן, העכערן און אייביקן געזעץ — די עקזיסטענץ-רעכט פונם יחיד, דאָס „חיי עולם" פונם פאָלק.

העפּלה איז אַן אָריגינעלע פּאָליטישע פּאָזיציע, אַ בוישפּיללאָזע קאַמפּס-פאָרם פון אַ פאָלק, וואָס האָט נישט זיין גלייכן.

איר הויפּט-אויפגאַבע איז אַ נאַציאָנאַלע. איר אינהאַלט איז — ראַטעווען און אויסלייזן: ראַטעווען גאַנצע יידישע געמיינדעס פון אומקום; אויסלייזן דורך אַ קאַמף פאַר אַ פאָטערלאַנד, וואָס וואַרט אויף זיין פאָלק.

גרויס איז די העפּלה פונם יחיד, ווייל דאָס איז זיין לעבנס-זין; אָבער נאָך גרע-סער איז די קאָלעקטיווע העפּלה, ווייל אין איר קומט צום אויסדרוק דער יידישער מאָ-דערנער געראַנגל פאַר לאַנד און קיום.

איידער די אָרגאַניזירטע העפּלה איז געשאַפן געוואָרן, זיינען געווען יחידים און גאַנצע גרופּן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון יבשה-ווּיסטענישן אין ים-מדבריות מיט דער הילף

פון גרענעץ-שמוגלער און רווחים־זוכער, וועלכע האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ געשעפט. די וואַנדערער האָבן זיך אויסגעלערנט צו מאַסקירן און אַריינצוגנבענען זיך אין זייער פאַטערלאַנד אין פינצטערע נעכט. פיל פון זיי זיינען געשפרונגען אין ים אַריין און נישט זוכה געווען צו דערגרייכן זייער ציל.

מיט דער צייט איז געקומען די אָרגאַניזירטע העפלה. געשען איז דאָס אין די צייטן, ווען דער נאַציזם האָט באַהערשט דייטשלאַנד. געזעלשאַפטלעכע כוחות הויבן זיך דאַן אָן באַשעפטיקן מיט דער העפלה. ביי אייניקע פון זיי הייליקט דער ציל די מיטלען און אַלע אופנים זיינען ביי זיי כשר. די גרונט-באַוועגונג אָבער וועגט און מעסט, זוכט און פאָרשט. טאַקע העפלה, אָבער מען מוז זיך רעכענען מיט די באַדינגונגען און נישט פאַרגעסן דעם הויפט-ציל — דאָס ראַטעווען.

נאָך נאָוועמבער 1938 אין דייטשלאַנד, נאָך די לאַנדאָנער געשפרעכן, אין מערץ 1939 — ענגלאַנדס צווייטער „מינכען" — האָט די אָרגאַניזירטע מאַסן-העפלה מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רעטונגס-אַקציע און אַ נישט-אונטערגעבן זיך צוזאַמען. „מיר וועלן זיך נישט אונטערגעגעבן" האָט באַדייט העפלה. זי האָט זיך עס קעגנגעשטעלט אין יאָר 1939 דעם „ווייסבוך", כדי אים צונישט צו מאַכן, און די דאָזיקע פאָזיציע פאַרנעמט זי ביזן היינטיקן טאָג.

ס'זיינען, מעגלעך, געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אין דער העפלה געזען בלויז אַ פּאָליטיש מיטל, אַ קריגס-געצייג; די גרונט-באַוועגונג האָט אָבער באַטאָנט, אַז איר ווערט שטעקט קודם-כל אין איר גופא, אין דער עצם עליה זעלבסט, און דעריבער דאַרף מען נישט קיין דעמאָנסטראַציעס, אַמווינציקסטן איז — זי זאָל געלינגען.

מיט שווערע נסיונות איז זי געפרווט געוואָרן און פיל יסורים האָט זי דורכגעמאַכט. די מאַכט אָרגאַניזירט אויף איר אַ געיעג. שפּעטער שיקט זי אַרויס געהיימאַגענטן אין די ווייטע האַפנס און אויספיר-אַעראָפלאַנען איבער די ברייטע ימים; זי הויבט אָן שיסן אויפן ים און שטעלט אויף קאָנצענטראַציע-לאַגערן אין פאַרשידענע יבשה-פונקטן; זי שטעלט אויך אָפּ די שטיצע צוזאַמען מיטן אַזיל און דראָט מיט גרויסע געלט- און תפיסה-שטראָפן פאַר עובר זיין אויף אירע תקנות. אַפילו איר גרויסע מלחמה מיט אירע שונאים ווענדט נישט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון דער מאַנדאַט-מאַכט פון איר קאַמף מיט דער העפלה. דאָס האָט זי פאַרמשפּט צו דעפּאָרטאַציע די מעפילים פון די שיפן; זי איז עס פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן בלוט פון „פּאַטריאַ". זי האָט עס געשאַפן די סדרה „מאַוריציוס" און אָפּגעחתמעט: „אייביקער גלות". זי האָט עס געקענט אויסמיידן דעם אומגליק פון „סטרומאַ" און האָט אים נישט אויסגעמיטן. זי האָט אַפילו אין די אַל־עלמיין-צייטן נישט געפונען פאַר נויטיק צו באַפרייען די עתלית-אַרעסטירטע.

אין די ערשטע יאָרן האָבן מיר זיך געטרייסט: די מאַכט איז טאַקע שלעכט, אָבער דערפאַר איז דער מענטש גוט — דער זעלנער און דער פּאָליציסט האָבן אָפט אַרויסגעוויזן מענטשלעכקייט און האַרציקייט. די לעצטע יאָרן אָבער איז אויך דאָס דאָזיקע שטיקל טרייסט פון אונז אַוועקגערויבט געוואָרן. היינט האָבן מיר קריגס-שיפן, וואָס בלאָקירן שיפלעך מיט פליטים; יאַגד-אַעראָפלאַנען, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויף זיי; מיליטער-אָפּטיילונגען, וואָס קעמפן מיט געוועזענע פּאַרטיזאַנער און קאָלאַניזאַציע-אַנטרוגן מיט דער הילף פון גאַזן און באַגנעטן — און דערביי האָבן זייערע הערצער אַפילו קיין קלאַפּ נישט געטון. קיין איינער פון זיי האָט נישט פּראָטעסטירט: „ניין, איך וועל נישט אָנהויבן קיין נייע מלחמה מיט יידן, נאָכדעם ווי ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער קריג, וואָס איך האָב געפירט מיט זייערע פאַרניכטער!..."

געיאָגטע און געפּלאָגטע, פּנים אל פּנים מיט דער ליקווידירונגס-אימה, צווישן טויט-געפאַרן, אַנטקעגן געשלאָסענע טויערן, — האָבן די מעפילים געטרוימט און געקעמפט, זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג און זייערס דערגרייכט. געשלאָגענע און פאַרוווּנדעטע, אָבער נישט רעזיגנירטע, האָבן זיי געשפּאָלטן ימים און עולה געווען.

יאָ, זי איז פּאָליטיק, די העפלה, פּאָליטיק און רייך-געשטאַלטיק! זי ציטערט פאַר יעדן אָפּהאַלט, און גייט קעגן סכנות; זי איז דורכגענומען מיט ראַטעווען און וואַרפט זיך אין געפאַרן; איר שטים קלינגט אויף דער גאַנצער וועלט, און זי גופא איז אייגנ־

הילט אין סודות; זי שטרעבט צום זוניקן לאַנד, און אירע שיפן שמוגלען זיך מיט אויסגעלאָשענער ליכט דורך פינצטערע נעכט; זי איז אַרומגעהילט מיט אַן אָריאָל פון היליקייט, און אירע וועגן זיינען אָפט אַוואַנטוריסטישע; מען רעדט וועגן איר ווי די וועלט האָט אַן עק, און זי גופא איז פאַראורטיילט צום שווייגן, — אירע שליחים און אויספירער הילן זיך אין שאָטן.

יאָ, נישט ווייניק זיינען די פאַרשוויגענע קאַפּיטלען. זייער פיל ווערט אין דעם דאָזיקן בוך נישט דערזאָגט, אָדער „געזאָגט" דורך אָנצוהערענישן. זיכער זיינען אַזעלכע אָנצוהערענישן און רמזים עלול בלויז צו פאַרקלענערן די באַדייטונג פון וויכטיקע דערשיינונגען. ס'וועט נאָך אָבער קומען אַ טאָג, ווען מען וועט וועגן דעם רעדן. דאָס דאָזיקע בוך איז נישט אויסן אָפּצושליסן, גענוי ווי די דערשיינונג גופא האַלט נישט ביים אָפּגעשלאָסן ווערן.

פיל שיפן האָבן דערגרייכט זייער ציל, אָבער נאָר איינציקע פון זיי (וועלאס, פּאַטריאַ, סאַלוואַדאָר, סטרומא) שטעלן מיט זיך פאָר קאַפּיטלען פאַר זיך. די איבעריקע קומען מיט זייערע געשיכטעס און פּאַסירונגען קאָנצענטרירט אין די אַנטשפּרעכנדיקע קאַפּיטלען לויט די באַזונדערע טעמעס. וועגן אַ שיף, וואָס איר „ביאָגראַפיע" ווערט געגעבן אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם, קען מען האָבן אַ גענויערע פאָרשטעלונג לויט אַן אַנדער שיף, וועלכע איז ענלעך צו איר און דאָך ווערט וועגן איר, צוליב אַ וועלכע נישט איז סיבה, גערעדט ברייטער.

דאָס בוך נעמט אַרום די העפּלה־פּאַסירונגען פון 13 יאָר (תרצ"ד—תש"ז).

עס הויבט אָן מיט דער שיף „וועלאָס", וואָס איז אַרויסגעשווימען אין יאָר תרצ"ד, און פאַרענדיקט מיטן באַקאַנטן „שטאַפּל", ווען ענגלאַנד האָט נאָך איר באַזיגן דעם נאַציזם דערקלערט אַ קריג דער העפּלה, — מיט די דעפּאָרטאַציעס קיין ציפּערן אין חודש אב תש"ו. דאָס איז אַ דאַטע אין דער געשיכטע פון דער העפּלה. אַ גרויסמאַכט קאָנצענטרירט איר קראַפט אויף דער יבשה, אויפן ים און אינדערלופטן, רופנדיק גלייכצייטיק צו הילף אַנדערע מלוכות און רעגירונגען.

דער פראָנט דויערט נאָך. עס שטייען נאָך אויף אים די פּיאָנערן פון פאָלק און זייערע מיטגייער — זקנים, פרויען, קינדער אויף די הענט פון זייערע מוטערס, קאַצעט-מענטשן און זין פון זייער פאָטערלאַנד.

דאָס איז אַ משונהדיקער ים־פראָנט, אַן איינציקער אין זיין מין זינט דורות: פון איין זייט אַ מעכטיקער פלאָט פון אַ ים־פאָלק און אַ לענדער־דעראָבערער און פון דער צווייטער זייט — אַ „מעפּילים־פלאָט" פון אַ באַרויבט פאָלק, וואָס זוכט פאַר זיך אַ מקום־מנוחה. אַזאַ פראָנט האָבן די יאָרן, די לענדער און דער אָקעאַן נישט געזען אין משך פון דורות. די דאָזיקע העלדן־עפּאָפּעע שרייבט דאָס לעבן אַליין.

אשדות-יעקב — ירושלים, אייר תש"ז.      מ ש ה ב אַ ס אַ ק

# 1934 : דער ערשטער העפּלה-אויסברוך
# און זיינע ליידן

וועלאס — די ערשטע שיף פון דער העפּלה

די עליה און דער גײעג נאָך איר

# „וועלאס" – די ערשטע שיף פון דער העפלה

## דער ליידנס־וועג פון דער פיאָניערן־שיף

אין אָנהויב פון יאָר 1933 באַוויייזן זיך אויפן האָריזאָנט די ערשטע „אומ־לעגאַלע שיפן". וואָרשיינלעך זיינען זיי אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די פּאַרטייען און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע לענדער. דער ערשטער ערנסטער פּרווו פון אָרגאַניזירטער עליה, אָן דעם וויסן פון דער רעגירונג — איז געווען די שיף „וועלאָס", וועלכע האָט געהאַט אויף איר דעק 350 חלוצים.

די שיף „וועלאָס" האָבן געפונען מענטשן, וועלכע זיינען צו דעם צוועק אַוועק ביז גריכנלאַנד, ווייל די שיף „סאַנט אַנטאַני", וועלכע האָט געפירט די מענטשן פון „מכביה" — האָט אויך געשטאַמט פון גריכנלאַנד.

אין אַטען, אַ שטאָט, וואָס פאַרמאָגט זייער אַ קליינע צאָל יידישע איינוווי־נער און ציוניסטן — האָט זיך אויך געפונען אַ ייד, וועלכער האָט אונז זייער פיל געהאָלפן. געווען איז ער אַ ציוניסט, אַ רב'ס אַ זון, און זיין ברודער איז געווען בשעתו אַ דאָקטאָר אין דער קאָלאָניע מחנים, וו ער איז אויך געשטאָרבן. אָט דער דאָזיקער ייד איז אַלס סאָלדאַט בשעת דער וועלט־מלחמה געווען אין גריכנלאַנד, וו ער איז אויך געבליבן וווינען. ער האָט עס טאַקע „אַנטדעקט", די פּאַסאַזשיר־שיף „וועלאָס", וועלכע איז גראָד געווען „אַרבעטס־לאָז". איר אויפנאַמס־פעאי־קייט האָט באַטראָפן ביז 150 מאַן, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצופירן אויף איר 350 מאַן. דער אייגנטימער און דער קאַפּיטאַן פון דער שיף האָבן געוווסט, אַז דאָס לאַנדן וועט פאָרקומען אויף אַן „אומלעגאַלן" אופן. מיר האָבן אויך געהאַט צווישן זיך עטלעכע מאַטראָזן, חברים פון ארץ־ישראל, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אונזער אָפּשיפונג, כדי צו ברענגען די שיף צום באַשטימטן פּונקט פון די ארץ־ישראל־ברעגעס.

געווען איז דאָס אין חודש יולי, ווען אין איינעם אַ פרימאָרגן איז אַ גרופּע זינגנדיקע חלוצים אַרויסגעפאָרן אין אַ ספּעציעלן צוג פון וואַרשע קיין אַטען. צוויי פון אונזערע חברים האָבן זיי באַגלייט. אויפן וועג האָבן נישט געפעלט קיין צרות און ערנסטע אָנשיקענישן. צום ערשטן מאָל האָבן אָט די „טוריסטן" אונטערגע־נומען אַזאַ לאַנגע רייזע, צו וועלכער אַפילו די באַגלייטער און אָרגאַניזאַטאָרן זיי־נען צוגעטראָטן אַן וועלכער עס איז נויטיקער דערפאַרונג און פּראַקטיק.

זייער פיל שאָדן האָט אונז געבראַכט דער צו גרויסער טאַראַראַם, וואָס איז אַנטשטאַנען אַרום אונזער שיף. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז די דאָ־זיקע עליה קען נאָר דאַן געלונגען, ווען זי וועט דורכגעפירט ווערן בסוד און דיס־קרעציע. דעריבער האָבן געציטערט און געפלאַטערט אונזערע הערצער אין יענער נאַכט, ווען די שיף איז אַרויס אין וועג.

זי איז אַרויס בשלום — און איז אויך אָנגעקומען בשלום. נישט באַמערקט דורך קיינעם, זיינען די עולים צוגעשווומען צום ברעג, נישט ווייט פון תל־אביב. מיט איין שיפֿל איז געשען אַן אומגליקס־פֿאַל, עס האָט זיך איבערגעקערט און צוויי אונזערע חברים האָבן געפֿונען זייער טויט: איין חברה איז דערטרונקען געוואָרן און איין חבר איז אַרויף אויף אַ פֿעלז ביים ברעג און זיך דעם קאָפּ צעשמעטערט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ערשטער פּרוּוו איז געלונגען. און אין עטלעכע וואָכן שפּעטער ווערט באַנייט די אַרבעט מיט דער זעלבער שיף. אָבער צוליב זיכערקייטס־טעמים, ווערן איצט די אָנגעקומענע געפֿירט קיין ווארנא. אויך די שיף קומט אָן צו דער באַשטימטער צייט אין פּאָרט. אָבער באַלד ביים אָנהויב פֿון אונזער אַרבעט איז געשען אַן אומגליק: אויפֿן וועג צווישן די דאַרדאַנעלן איז די שיף באַמערקט געוואָרן און מען האָט וועגן דעם צוויסן געגעבן דער בריטישער מאַכט. מיר זיינען אַריינגעפֿאַלן אין קלעם.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקע ליידנס־געשיכטע פֿון „וועלאָס".

די שיף האָט זיך דערנענטערט צו די ברעגעס פֿון לאַנד, אָבער די פֿאַרבינדונג מיטן ברעג קלאַפּט עפּעס נישט. די פּאָליציי באַוואַכט די ברעגעס און אין לאַנד זיינען נישט פֿאַראַן קיין יידישע שיפֿלעך, אויף וועלכע מען זאָל קענען צוקומען ביז צו אונזער שיף, די פֿאַרבינדונגס־מענער מוזן דעריבער שווימען 10 קילאָמעטער כדי צוצוקומען צו אונז; מען געפֿינט נישט קיין פּאַסנדיק אָרט צום לאַנדן. אין צווישנצייט האַלט זיך ביים ענדיקן דער קוילן־זאַפּאַס, וועלכן מיר פֿאַרמאָגן אויף דער שיף און באַלד וועט זי נישט האָבן מיט וואָס צוריקצוקערן זיך קיין גריכנלאַנד. זי איילט זיך דעריבער שנעל אויף צוריק און דערגרייכט דעם גריכישן אינזל סיראָס. אויפֿן אינזל געפֿינט זיך אַ בריטישער קאָנסול — און די שיף פֿאַראַנקערט פּונקט אַנטקעגן זיין הויז. מיר זיינען זיכער, אַז איצט געפֿינט זיך אין די בריטישע הענט אַ גענויער ראַפּאָרט וועגן דער שיף און איר מאַרשרוט.

ס'ווערט אָבער ווידער באַנייט דער קאָנטראַקט מיטן שיף־אייגנטימער וועגן אַ צווייט־מאַליקער אַפּשיפֿונג קיין ארץ־ישראל.

מען דערנענטערט זיך צו תל־אביב. מיר הויבן שוין אָן צו לאַנדן און מיטאַמאָל — עס בליצט אויף אַ פּראָזשעקטאָר. אַ פּאָליציי־שיפֿל. די שיף רייסט זיך קוים אַרויס. די ערשטע סטאַציע — סיריע. פֿון דאָנען קערט זי זיך צוריק קיין גריכנלאַנד. דער שיפֿס־קאַפּיטאַן, וויל מער נישט איבערחזרן אַזאַ געפֿערלעכע רייזע און וויל נישט רירן פֿון אָרט. מיר קומען דורך, אַז די שיף זאָל זיך אויסבאַהאַלטן אינם גרויסן אָבער פּוסטן און פֿאַרלאָזענעם האַפֿן: סאַלאָניקי.

דערווייל איז דער נאָמען פֿון אונזער וואַנדער־שיף באַקאַנט געוואָרן איז גאָר דער וועלט, און האָט פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן פֿון דער וועלט־פּרעסע. „די פֿאַנטאַם־שיף" — רופֿט מען זי. אַנדערע באַצייכענען זי אויך: „די שיף פֿון שדים און כישוף־מאַכערס". דאָס האָט גורם געווען אַז אויך אין סאַלאָניקער פּאָרט לאָזט מען אונז נישט אַריין, און די שיף פֿאַראַנקערט אויסער דעם פּאָרט. מען דערלויבט צו ברענגען אונז עסנוואַרג, אָבער אויף אומגעהויער אויפֿגעשרויפֿטע פּרייזן.

אונזער אונטערנעמונג איז דורכגעפֿאַלן. מיר ווילן אָבער ראַטעווען די מענטשן. מיר שלאָגן פֿאָר, אַז פֿון ארץ־ישראל זאָל מען אונז שיקן סערטיפֿיקאַטן. אָבער דער פֿאָרשלאָג טרעפֿט אָן אויף פּאָליטישע שוועריקייטן. עס וואָלט אפֿשר

# „וועלאס" — די ערשטע שיף פון דער העפלה



די שיף „וועלאס"




די „וועלאס"־געשיכטע אויף די ערשטע שפּאַלטן פון דער וועלט־פּרעסע

מעגלעך געווען צו געבן פאַר די מעפּילים סערטיפיקאַטן, אויפן חשבון פון דעם חלוצישן שעדיול, אָבער וואָס וועט געשען מיט די אַנדערע יידן, וועלכע וואַנדערן איבער וועגן און אומוועגן? פון וואַנען וועט מען פאַר זיי נעמען סערטיפיקאַטן? מיר זוכן אַ וועג צוריקצוקומען קיין פּוילן, אָבער אויך דער וועג איז פאַרשטעלט. נאָר פּוילישע בירגער פון אונזער גרופּע, וועלכע זיינען אגב די מערהייט, האָבן דאָס רעכט דורכצופאָרן אַן וויזעס, די איטאַליענישע טעריטאָריע, אָבער נישט די אַנ-דערע. (ליטווישע, לאַטווישע). יאָ, די עליה ב' איז אַ סך שווערער ווי יעדער אַנ-דערער שמוגל: מען קאָן נישט וואַרפן דאָס „פּעקל" אין ים אַריין. אַלע ברעגעס זיינען פאַר אונז פאַרשלאָסן.

אונזערע באַמיונגען, צו געפינען אַן אויסוועג פון דער לאַגע, גייען אין דריי ריכטונגען: אַראָפּזעצן די עולים אין גריכנלאַנד; באַקומען דורכרייזע-וויזעס דורך רומעניע; באַקומען וויזעס אין אַנדערע לענדער. וועגן דעם ענין פון אַראָפּ-זעצן די מענטשן אין גריכנלאַנד דערגייען מיר ביז צום רעגירונגס-שעף. ער האָט אפילו צוגעזאָגט אונז צו העלפן. מיר זיינען שוין אפילו דורכגעקומען מיט זיין פאַרטרעטער, אָבער אין צווישן איז מעטאַקסאַס צוריקגעקומען פון אַ פּאָליטישער רייזע, און דער גאַנצער פּלאַן איז דורכגעפאַלן. די פּוילישע געזאַנדשאַפט ווערט געבעטן זיך איינצושטעלן פאַר אונז, אָבער דער גענעראַל-סעקרעטאַר קלערט אונז אויף, אַז דער דרוק פון די ענגלענדער אויף גריכנלאַנד איז אַזוי גרויס, אַז זיי וועלן אונז גאַרנישט קענען העלפן.

עס שווימען אויך אויף כל מיני משונהדיקע פאַרשלאָגן. אַ גריכישער פאַר-לאַמענט-דעפּוטאַט קומט צו אונז מיט אַ פאַרשלאַג, אַראָפּצוזעצן די פּאַסאַזשירן אויף אַ ווייניק-באַווינטן אינזל, אויפצושטעלן דאָרט באַראַקן און אויסהאַלטן זיך פון די געלטער, וואָס וועלן קומען פון אויסלאַנד — אַזאַ פאַרשלאַג קען געווינען די צושטימונג פון דער רעגירונג.

בלית ברירה האָבן מיר צוגעשטימט צום פאַרשלאַג, אָבער אויך קעגן דעם האָט זיך מעטאַקסאַס קעגנגעשטעלט: ער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם בריטישן דרוק.

דערווייל ווערט די אַטמאָספערע וואָס אַמאָל אַנגעלאָדענער. אַ שיף, וועל-כע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ יידישער געזעלשאַפט פון טשעכיע, ווערט גע-כאַפּט מיט אירע אַלע פּאַסאַזשירן ביים אויסגוס פון טייך ירקון. די אַדמיניסטראַ-ציע פון ארץ-ישראל האָט זיי באַפרייט בתנאי, אַז דער שיפס-קאַפּיטאַן וועט צו-ריקנעמען מיט זיך אַלע עולים.

פון ארץ-ישראל האָבן מיר באַקומען אַן אָנווייזונג: באַקומען אַ צווייטע שיף און צום דריטן מאָל פּרוּוון דערגרייכן דאָס לאַנד.

מיר האָבן אויך געפונען אַ שיף („העלענאַ"). אַלע צוגרייטונגען צו דער אָפּ-שיפונג מוזן געמאַכט ווערן מיט דער גרעסטער פּרעציזקייט, כדי עס זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דעם דער פריערדיקער שיפס-אייגנטימער, וועלכער קען אונז — צוליב קנאה, וואָס עקזיסטירט צווישן די שיפס-אייגנטימער — פאַרמסרן און לאָזן אַרעסטירן. נאָך אויסערגעוויינלעך קאָנספּיראַטיווע צוגרייטונגען איז באַשטימט געוואָרן, אַז די באַגעגעניש צווישן ביידע שיפן — „וועלאָס" און „העלענאַ" — וועט פאָרקומען ווייט פון סאַלאָניקי. דאָרט וועלן די עולים איבערגעפירט ווערן פון איין שיף אויף דער אַנדערער. מיר האָבן אויך באַשלאָסן, אַז צו דער „העלע-

נא" וועט צושווימען א זעגל־שיף, וועלכע וועט אין א באשטימטן מרחק פון די ארץ ישראל־ברעגעס, אויפנעמען אלע עולים פון „העלענא", און שווימענדיק מיט דער פולער שנעלקייט צום ברעג צו, וועט זי ארויף אויפן זאמד און בלייבן שטעקן. אזוי ארום וועלן די מענטשן אראפגיין אויף דער יבשה אן דער הילף פון שיפלעך; „העלענא" וועט, באלד נאכן איבערזעצן די עולים, שנעל אנטלויפן.

לאנג, זייער לאנג און ווייט נאך דער באשטימטער שעה, האבן מיר געווארט אויף דער שיף. צום סוף האט זיך ארויסגעוויזן, אז „העלענא", שווימט נישט אפ קיין ארץ־ישראל, נאר גייט צוריק קיין אטען. מיר האבן זיך דערוווסט: די רעגירונג האט זיך ארייננגעמישט און איר נישט דערלויבט ארויסצושווימען.

הייסט עס, אז אויך די דאזיקע אנשטרענגונג איז צונישט געווארן. אומזיסט האבן מיר פלאנירט, אומזיסט איז געווען אונזער טרחה.

סוף כל סוף האבן מיר באקומען רומענישע טראנזיט־וויזעס. אויף א לאסט־שיף, וואס שטייט אין פירעאוס שווימען מיר אפ. רומעניע נעמט אונז אויף נישט פריינטלעך. דאקעגן איז כדאי אונטערצושטרייכן, אז פוילן האט מסכים געווען אויפצונעמען אלע עולים, אויך די 30 עולים, וועלכע זיינען נישט פוילישע בירגער. זי האט אבער געשטעלט איין תנאי: קיינער פון די מענטשן קערט זיך נישט צוריק צו זיך אהיים, און אלע ווערן קאנצענטרירט אין א ספעציעלן לאגער אין זאלעשטשיקי, נישט ווייט פון דער רומענישער גרענעץ. דא דארפן זיי בלייבן, ביז זייער עליה וועט דערליידיקט ווערן דורך סערטיפיקאטן, וועלכע זיי וועלן באקומען פון די באטרעפנדיקע „החלוץ"־צענטראלעס.

אזוי האט זיך געענדיקט די גרויסע פרשה, די געשיכטע פון דער פיאניערן־שיף „וועלאס" — וועלכע איז אזוי רייך געווען אין געשעענישן און ליידן.

ח נ נ י ה

## אין א שעת רצון אויפן דעק פון „וועלאס"

לאנגזאם, לאנגזאם איז צוגעפאלן די נאכט, און מיט איר איז געקומען די רואיקייט אויף דער שיף פון טויזנטער ליידן. איינער נאכן צווייטן צינדן זיך אן די שטאט־ליכטער אנטקעגן אונז, די ליכטער פון א פרעמדן און פיינטלעכן האפן.

דער ברעג — נישט ווייט איז ער איצט פון אונז. אבער אויך היינט — פונקט ווי נעכטן און אייערנעכטן, פונקט ווי מיט א וואך און צוויי צוריק, איז דער וועג צו אים פארשטעלט און פארהאמערט. און מיר די אומבאשיצטע און פארלאזטע וואנדערן איבער די ימים און נישט פאראן איז א רעגירונג, וואס זאל אונז דערלויבן אראפצושטעלן א פוס, אפילו נאר אויף איין טאג, אויף איין שעה — אונז קינדער פון א פאלק, וואס איז שוין זאט פון וואגלענישן, מענטשן וואס האבן געוואלט דערשלאגן זיך צום ברעג — און זיינען נכשל געווארן.

מיר האבן זיך שוין צוגעוווינט צו געהערכן אנן מיר וונדערן זיך שוין מער נישט, הערנדיק די אנטגילטיקע תשובה: „ניין, איר וועט דא נישט אראפגיין!". דאס איז דאך נישט דער ערשטער פארט, וואס נעמט אונז אויף מיט א בייז אויג און אן אפשטויסנדיקער האנט.

עס איז אויך נישט קיין וונדער אויף די פאליציי־לייט, אויף אלע מינים

אָרדנונג־היטער, וועלכע דרייען זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג אויף דער שיף און אָבסער־ווירן מיט אַ נייגיריק און פּאַרדעכטיק אויג די משונה'דיקע און אייגנאַרטיקע „טוריסטן". קיין נײַס איז אויך שוין נישט פאַר אונז די שטענדיקע „רעוויזיע", בשעת וועלכע אַלע תושבים פון דער שיף ווערן צוזאַמענגענומען אין איין ווינקל פון דעק און דאַן גייען זיי דורך „כבני מרון" פאַרן „אייניקל פון האָמער" אין פּאָליציי־אוניפאָרם, וועמען עס איז שווער אויסצורופן די נעמען, וואָס קלינגען אַזוי פרעמד אין זיין מויל.

אַ שטילקייט הערשט איצט אויף דער שיף, ווי אַ שטילקייט נאָך אַ שטורעם, וועמענס שליאַדעס מען דערקענט נאָך גוט אַרום און אַרום. „זיבן מאָל זיינען מיר אויפגעשטאַנען און זיבציק מאָל זיינען מיר געשלאָגן געוואָרן". און דעריבער שווייגן מיר. מיט אָפענע אויגן, טרויעריק אָבער ניכטער קוקן מיר אויף אונזער קעגנוואַרט, און מיר וואַרטן אויף דעם, וואָס די צוקונפט וועט אונז ברענגען. אַ רואיקייט איז אויסגעגאָסן אויף אונזערע פּנימער, און אינעווייניק — פאַרבי־טערטקייט און ווייטיק, אַ טיפע און שטאַרקע בענקשאַפט און אפילו ברעקלעך — האָפענונג.

האָפענונג? יאָ, עפּעס אַ גוטע בשורה האָט אָנגעהויבן שוועבן אין דער לופטן און ווי אַ פליגל־גערויש האָט די האָפענונג אָנגעשלאָגן זיך, און קלינגט אין די אויערן פון די פאַרטריבענע: אפשר — אפשר וועט שוין קומען אַ סוף צו די צרות און ליידן און עפּענען וועלן זיך די טויערן — — —

ערשט נישט לאַנג האָבן מיר געענדיקט דאָס אָוונט־ברויט, און מיר זיינען אַרויס אויף אַן אָוונט־שפּאַציר — אַ טאָג־טעגלעכער מנהג אונזערער. פּאַרלעך־ווייז און גרופּן־ווייז צעשפּרייטן מיר זיך איבערן דעק. איבער אונז די לבנה אין איר פולן גלאַנץ, און ווייט־נאָענט פון אונז בלינצלען די שטאָט־ליכטער. דער אָוונט־גע־רויש פון דער פּאָרט־שטאָט טראָגט זיך צו אונז און ווערט פאַרשלונגען פון די ים־כוואַליעס, וועלכע שלאָגן זיך אָן אין די ווענט פון אונזער שיף. איינער נאָכן אַנדערן פאַרלעשן זיך די ליכטער פון דער שיף און אַן אַנגענעמע טונקלקייט הילט איין דעם שיף־דעק. אַ לייכט ווינטל רייסט זיך דורך די מאַסט־בוימער און גלעט ליבלעך די פּנימער, וואָס זענען אָפּגעצערט געוואָרן אין די טעג פון ליידן און הונגער.

עס איז איצט אַ שעת רצון. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, זאַמלט זיך צונויף אַ גרופּע, דריקט זיך צוזאַמען, גלייך ווי איינער וואָלט דעם צווייטן אַ סוד דערציילט. אָט הויבט אָן איינער צו זינגען און עס ציטערן אין דער לופט שטילע טרויעריקע קלאַנגען, באַלד קומט צו אַ צווייטער קול, דערווייל אַ נישט זיכערער — נאָך אים אַ דריטער און אַ פערטער.

איצט האָט זיך שוין צעגאָסן אַ מעכטיקער כאָראַלער געזאַנג פול מיט טרויע־ריקער בענקשאַפט. אויף איין רגע האָט זיך דער געזאַנג איבערגעריסן — און באַלד ווידער זיך דערהויבן. דאָס איז שוין אַ ליד פון אַ חלוץ, וועלכער האָט אָפּגעשלאָסן זיין חשבון מיט דער פאַרגאַנגענהייט, זיין באַגער — אַ נײַ לעבן, זיין בענקשאַפט — אַ נײַע וועלט, וועלכע ער וועט מיט אייגענע הענט אויפבויען אויף דער ערד פון זיינע עלטערן.

אויטאָמאַטיש שטייען עטלעכע אויף פון זייערע ערטער. לייגט מען אַרויף, מיט האַרציקער ברודערלעכקייט, האַנט אויף אַקסל, און עס פאַרפלעכטן זיך אַרעמס אין אַרעמס. און ווי נאָר דער שטורעמדיקער טאַנץ האָט זיך אָנגעהויבן און געוואַקסן

אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער — זענען די זינגענדיקע איינער נאָכן צווייטן אַריינ־געריסן געוואָרן אין ראָד. מיט כוח און ריטם האָבן די פיס זיך געהויבן אינם מעכ־טיקן טאַנץ און די קערפּער האָבן זיך געטראָגן אינם געווירבל.

ווו זיינען עס פאַרשוווּנדן די דאגות און דער צער? און די פאַרביטערט־קייט און שפּאָט — ווי אַזוי זיינען זיי פאַרגעסן געוואָרן? ווי די ים־כוואַליעס גע־טריבן דורך דעם ווינט, אַזוי דרייט זיך דער ראָד פון די טענצער, אַזוי באַוועגן זיי זיך אינם ריטם פון געזאַנג. אין דער אַרומיקער פינצטערניש פינקלען זייערע אויגן ווי יענע ליכטער דאָרט העט פון דער ווייטנס.

מיט עקשנות קלאַפּן די פיס און מיט ציין־קריצעניש שרייען די מיילער :
„ארץ, הוי ארץ, הוי ארץ־ישראל".

אַ ברוטאַלע האַנט האָט איבערגעריסן די קייט: דער שיפס־קאַפּיטאַן דער־לויבט נישט צו טאַנצן — כדי נישט צו שטערן דעם שלאָף פון די שטאַט־איינ־וווינער אַנטקעגן. פאַרשוווּנדן איז דער חלום, און אַלץ איז ווידער ווי פריער. אַ געדיכטע פינצטערניש הילט אונז איין. די האַנט טאַפּט און זוכט דעם טרעפּ־אַנלען, און די פיס קריכן פּאַמעלעך אויף די קרום געדרייטע טרעפּ אַראָפּ, אַראָפּ — אין „קעלער" אריין.

און אין „קעלער" — ווי תמיד: אַ פייכטע און פאַרפוילטע לופט. די חברים ליגן שוין אויסגעצויגן אויף זייערע בעטלעך לינקס און רעכטס פון מיר, איבער מיר און אונטער מיר, זייער כראָפּן שפּאַלט די געדיכטע לופט ווי נעכטן און אייער־נעכטן.

און דאָך איז די היינטיקע נאַכט אַנדערש, ווי אַלע נעכט. דאָס האַרץ איז שוין נישט אַזוי אָפן פאַר פאַרפירערישע נאַכטראַכטעניש. דאָס זענען דאָך חלו־צים, די וואָס ליגן דאָ אין דער דאַזיקער מענטשן־הייל. זיי האָבן געשטורעמט די פאַרהאַקטע טויערן פון דעם היימלאַנד און איצט ברענגען זיי טאָג־טעגלעך אַ קרבן אויפן מזבח.

שלאָף־דורשטיקע קלעפּן זיך די אויגן אַליין צו. אַ שרעקלעכע פינצטערקייט אַרום, נאָר די ים־כוואַליעס פּליאַסקען פון הינטער דעם אָפענעם פענצטערל, און ווי אַ שטילער טרייסט־געזאַנג קלינגט זייער גערויש פול מיט לוסטיקייט און באַ־רואיקונג — עוד לא אבדה...

מ. זהבי

# די עליה און דער געיעג נאָך איר

„מיר וועלן גיין דורך אַלע וועגן.
וועט זיך פאַר אונז עפענען אַ טויער —
וועלן מיר אַריינקומען דורכן טויער,
וועט זיך פאַר אונז עפענען אַ שפּאַרע —
וועלן מיר אַריינקומען דורך דער שפּאַרע.
מיר וועלן גיין סיי דורכן טויער און סיי דורך דער שפּאַרע".

משהביילינזאָן

## אין געיעג נאָך די „אומלעגאַלע"

אין די דריי יאָר 1933—1935 איז די פּראַגע פון יידישער טוריסטיק געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט דער פּראַגע פון עליה, צוליב דעם, וואָס זי האָט דערפירט צום באַזעצן זיך אין לאַנד פון פיל טוריסטן, וועלכע האָבן דאָרט געפונען אַרבעט און פּרנסה. אַ מאַסן־עליה פון טוריסטן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין לאַנד איבער דער דערלויבטער צייט, האָט זיך אָנגעהויבן פרילינג 1932 און האָט געדויערט אין אַ גאָר גרויסן פאַרנעם ביז ענדע 1933. אַלס פּועל־יוצא פון דעם גרויסן מאַנגל אין אַרבעטער איז אויך אויפן אַרבעטס־מאַרק געבליבן אַ פריי פעלד, וואָס האָט געקענט אויפנעמען די יידן, וועלכע זענען געקומען אין לאַנד אַריין אַלס טוריסטן.

די ידיעות וואָס, האָבן זיך פאַרשפּרייט אין גלות — אַז אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אַ שפע פון אַרבעטס־מעגלעכקייטן — האָבן באַוווגן אַסך יידן צו פּרוון אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל אַלס טוריסטן ווייל זיי האָבן שוין פאַרלוירן דעם געדולד, צו וואַרטן ביז עס וועט קומען זייער ריי אויף סערטיפיקאַטן פונם שעדיול. אויך דאָס נישט רעכענען זיך מצד דער רעגירונג מיט די אויפנאַמס־פעאיקייטן פאַר פאַרשידענע שיכטן, ווי צ. ב. בעלי־מלאכות מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל, קליין הענדלער, א. א. וו. וועלכע זענען קיינמאָל נישט גענומען געוואָרן אין אַכט ביים באַשטימען דעם עליה שעדיול — אויך דאָס האָט געווירקט אין דער ריכטונג. די רעגירונג האָט זיך ענערגיש קעגנגעשטעלט אָט דעם איינאָרדנען זיך פון טוריסטן, זעענדיק אין דעם אַ מאַסן־פאַרלעצונג פונם געזעץ. זי האָט געטענהט, אַז אויב אַפילו דאָס געזעץ דערלויבט דעם טוריסט צו בעטן אַ דערלויבעניש סטאַביל צו בלייבן אין לאַנד, אויב ער געפינט פאַר זיך אַ פּרנסה, איז אָבער נישט געזעצלעך צו בעטן אַן איינרייזע־דערלויבעניש אַלס טוריסט, אין מאָמענט ווען ער האָט די כוונה שוין פון פאָרויס צו בלייבן אין לאַנד אויף שטענדיק. דאָס וואָס האָט נאָך מער אַרויסגערופן די שאַרפסטע קעגנערשאַפט פון דער

רעגירונג איז געווען דער פאקט, וואס דאס „אומלעגאל באזעצן זיך" האט פארגרעסערט די צאל פון דער ממשותדיקער אויפנעמונגס־קראפט ווייט אויסער די גרענעצן פון די אויפנעמונגס־מעגלעכקייטן, וועלכע זיינען באשטימט געווארן דורך דער רעגירונג ביים צוטיילן דעם עליה־קאנטינגענט. אנהויבנדיק פונם ווינטער שעדיול פון 1933, האט די רעגירונג — אמת, נאך א פריערדיקער ווארנונג — אנגעווענדן דעם מיטל פון אפציען פון דעם עליה־קאנטינגענט פאר די אומלעגאל פארבליבענע אין לאנד. אין אקטאבער 1933 האט דער הויך־קאמיסאר מודיע געווען דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ, אז ער האט בדעה איינצופירן באגרענעצונגס־פאראָרדנונגען לגבי דעם אריינקומען פון טוריסטן, בכדי צו דערשטיקן די באוועגונג פון אומלעגאלן איינארדנען זיך. לויט די דאזיקע פאראָרדנונגען, דארף יעדער טוריסט, וואס פארט נישט מיט דער ערשטער קלאס, איינלייגן אין דעפאזיט 60 פאלעסטינער פונטן ווי אויך באווייזן א בילעט אויף צוריק. די רעגירונג האט אויך באשלאסן איבערצוגעבן יעדן טוריסט ביי זיין אנקומען אין לאנד א ווארנונג, אז ס'איז פארבאטן אנצונעמען דא ארבעט; זי האט אנגעהויבן א ספעציעלע אקציע כדי אויפצודעקן די שפורן פון טוריסטן, וועלכע זיינען געבליבן אין לאנד, ווי אויך אנגענומען א ריי מאסנאמען כדי צו פארמיידן דאס אריינקומען אין לאנד דורך אויסמיידן די גרענעץ־קאנטראל.

די עקזעקוטיווע האט אויסגעדריקט איר שארפן פראטעסט קעגן די פארגעשלאגענע מאסנאמען, נישט באַרעכטנדיק דעם עצם געזעץ־ברוך. זי האט אויפגעקלערט די סיבות, וואס האבן דערפירט צו דער קאלאסאלער פארגרעסערונג פון דער צאל טוריסטן, וואס בלייבן אין לאנד און זי האט אויפגעוויזן, אז די זאך איז געווען מעגלעך נאר א דאנק דעם, וואס אלע איבערגעבליבענע האבן געפונען ארבעט אין לאנד. זי האט אונטערגעשטראכן, אז דער איינציקער ממשותדיקער וועג א סוף צו מאכן צו אט דער לאגע איז: אויפצועפענען ברייט די טויערן פון לאנד כדי צו דערמעגלעכן דאס געזעצלעכע אריינקומען פון עולים פון אלע שיכטן, וועלכע קענען אנגענומען ווערן אין לאנד. זי האט מודיע געווען, אז די שיטה פון זוכונגען און דעפארטאציעס מוז שאפן א לאגע פון בהלה צווישן די נייע אנגעקומענע, דערשיטערן און צושטערן אונטערנעמונגען, וואס זענען שוין פון לאנג אויפגעשטעלט געווארן און דערוועקן אן אלגעמיינע פארביטערונג. גלייכצייטיק האט די עקזעקוטיווע אונטערגעשטראכן, אז די ווארנונג וואס די רעגירונג האט בדעה איבערצוגעבן די טוריסטן איז נישט אין איינקלאנג מיטן עקזיסטירנדיקן געזעץ וואס גיט רעכט יעדן טוריסט צו בעטן א דערלויבעניש צו באזעצן זיך אין פאל, ווען ער געפינט ארבעט אין לאנד. וואס שייך דער שיטה פון איינלייגן געלט, האט די עקזעקוטיווע געטענהט, אז זי איז עלול צו באשווערן אין א גרויסער מאס די אמתע טוריסטן־באוועגונג אין די ראמען פון געזעץ. אין באצוג צו די געלט־דעפאזיטן האט די רעגירונג מסכים געווען צו באפרייען פון דער ידאזיקער פליכט יעדן טוריסט, פאר וועלכן איינער פון די עקזעקוטיווע־מיטגלידער וועט האפטן. חוץ דעם פונקט זענען אלע אנדערע פאראָרדנונגען אריין אין קראפט אן שום ענדערונגען דעם 2־טן נאוועמבער 1933.

טוריסטן־דעפארטאציעס זיינען פארגעקומען במשך דעם גאנצן יאר 1933, אבער אין חודש נאוועמבער האט זיך דער געיעג נאך טוריסטן מצד דער רעגירונג פארשטארקט אין אזא מאס, אז די עפנטלעכקייט האט אים א נאמען געגעבן

„יאגד". עס ווערן דורכגעפירט זוכונגען אין די האטעלן און קאפע־הייזער. פאסא־זשירן אין די אויטאבוסן און צוגן ווערן פארהאלטן דורך פאליציאנטן און ווערן אויפגעפאדערט צו באווייזן די דאקומענטן. זייער אסך תושבים פון לאנד האבן צוליב דעם געהאט אויסצושטיין פיל אומאנגענעמלעכקייטן. די גאנצע אקציע האט זייער שטארק אויפגערעגט דעם יידישן ציבור און אסך מאל איז געקומען צו צוזאמענשטויסן צווישן יידן און דער פאליציי. די עקזעקוטיווע האט אנגע־נומען ענערגישע טריט קעגן די מיטלען אין וועלכע די רעגירונג האט זיך אנגע־כאפט, און אין דעצעמבער 1933, האט זיך „די יאגד" אפגעשטעלט.

אין 1933, זענען פון לאנד דעפארטירט געווארן 30 יידישע טוריסטן און 50 אומלעגאלע עולים.

די ציוניסטישע עקזעקוטיווע.

# די שענדלעכע יאגד

איך ווייס נישט און וויל נישט וויסן וואס איז געזעצלעך, און וואס נישט־געזעצלעך בנוגע דעם אריינקומען פון אונזערע ברידער, קינדער פון ישראל קיין ארץ־ישראל. איך האלט, אז דאס אריינקומען פון די קינדער פון ישראל קיין ארץ־ישראל, איז געזעצלעך: אלנפאלס איז דאס א מאראלישע געזעצלעכקייט, וועלכע שטייט העכער און אויסער אלע געזעצן פון ביוראען און ביוראקראטן.

איך האלט, אז אין דער איצטיקער שעה, ווען דאס גאנצע יידנטום ווערט געראדפט, פרעגט מען נישט דעם פארפאלגטן, וועלכער רייסט זיך אריין אין הויז: מיט וואס פאר א רעכט ביזטו אהערגעקומען?! ער ווערט פארפאלגט דורך דעם צארן פון רשעים, דורך דעם צארן פון אונטערדריקער און פייניקער, און דער־מאלט איז די גאנצע וועלט זיין הויז!

איך האלט, אז אויב א ייד קומט אריין אין ארץ־ישראל און געפינט דארט ארבעט, נישט פאלנדיק צו לאסט דער געזעלשאפט און דער רעגירונג — איז דער חוב פון דער רעגירונג אים אריינצונעמען, געבן אים בירגער־רעכט און אים צו באגריסן, וואס ער ברענגט נוצן דער אנטוויקלונג פון לאנד און פארגרעסערט די הכנסות פון דעם רעגירונגס־אוצר!

אבער זאלן די באגרינדונגען פון דער רעגירונג, וועלכע פארשטעלט און פאר־שטאפט אירע אויערן, כדי נישט צו הערן דאס געשריי פון אונזער פאלק נאך עליה — זיין וואס זיי זאלן נישט זיין. זאלן אירע סיבות, באווארנישן, באטראכטונגען און גריבלונגען — זיין וואס זיי זאלן נישט זיין.

אויף איינס קענען מיר אבסאלוט נישט דערלויבן:

— די יאגד נאך יידן אין אונזער לאנד!

„צוד צדוני כציפור". מען כאפט יידן אין די גאסן, מען באזוכט און רע־ווידירט זיי. דער ייד גייט ארום אין זיין לאנד, אויף זיין ערד, אונטער זיין הימל און מיטאמאל ווערט ער פארהאלטן אין מיטן גאס.

אין אונזער נאיוויטעט האבן מיר געשאפן די לעגענדע, אז קומען וועט די צייט און ארץ־ישראל וועט זיך פארשפרייטן איבער אלע לענדער און אז מיר וועלן לעבן א פריי לעבן פון פרייע מענטשן אומעטום, אויף יעדן ארט. און זיי — זיי שאפן

אַ לאַנגע גליידּ ווי דאָס צאַרישע רוסלאַנד וואָלט זיך פאַרשפּרייט אויך איבער א"י.

ניין. עס איז אוממעגלעך איבערצוטראָגן די דאָזיקע חרפּה! ניין. צו דער יאַגד נאָך יידן אין ארץ־ישראל וועלן מיר נישט מסכּים זיין!

28 נאָוועמבער 1933. ק. י. סילמאַן.

## די אַראַבישע „פּרייוויליקע"...

אויף די פּאַליציאַנטן האָבן פאַרלוירן, ווייזט אויס, די גלייכגעוויכט און קאָנטראָל איבער זייערע נערוון און זיי האָבן נאָר אין זינען „צו כאַפּן". זיי שטעלן אָפּ אויטאָמאָבילן און רעווידירן אַלע פּאַסאַזשירן. זיי פאַרהאַלטן אומ־שולדיקע רייזנדע אויף אַלע וועגן פון לאַנד און רעווידירן זיי.

וואָס קומט דאָ פאָר? פון ווען אָן איז דאָס מחויב, דווקא דער ייד און נאָר ער, צו טראָגן מיט זיך זיינע דאָקומענטן ווען ער גייט אַרויס פון זיין שטוב? פון ווען אָן ווערט עס דער ייד באַשטראָפט, אויב ער האָט ביי זיך נישט זיינע דאָקומענטן, אָדער ער וויל זיי נישט אַרויסציען פון זיין טאַש אויף דער פאָדערונג פון יעדן פּאָ־ליציאַנט, — פון ווען אָן ווערט ער באַשטראָפט פאַר דעם מיט פאַרהאַפטונג, אַרעסט און מיט געבן קוויטל און מיט אַנדערע שיינע זאַכן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט „פאַרדאַכט"?

דאָס אַלץ ווערט געטון ביי דער פולשטענדיקער הפקרות בנוגע דער „אומלע־גאַלער עליה" פון אַראַבישע אימיגראַנטן, וועלכע קומען אַריין אין לאַנד אין טויזנטער און קיינער גיט קיין פּיפּס נישט. אַפילו די ריכטער, ווען עס קומט זיי אויס אַמאָל צו באַשעפטיקן זיך מיט די דאָזיקע אימיגראַנטן, טראָגן אויף זיי נישט תמיד, אַבסאָלוט נישט תמיד, אַרויס אָט דעם פּסק־דין, וועלכער איז שוין לגבי די יידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעץ: דעפּאָרטאַציע.

מיר זעען אין דעם דאָזיקן שענדלעכן לגבי אונז שפּיל, זייער אַ גרויסע סכנה. עס איז אומדערהערט, אַז דאָס אָפּהיטן די עליה־געזעצן, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין האַלטן מענטשן אין אַ פּערמאַנענטער שרעק. די רעגירונג מוז אויס־וואָרצלען אָט די „תאווה פון יאַגד", וואָס האָט באַהערשט די פּאָליציאַנטן און צעטומלט זייערע מוחות. אָבער קודם כל און ראשית כל איז די פליכט פון דער מאַכט תיכף ומיד, נישט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט — אָפּצושטעלן די אונטער־גראָבנדיקע „פרייוויליקע דינסט" פון די אַראַבישע יונגעלייט. ווייל זיי און נאָר זיי שטערן די אָרדנונג, זיי און נאָר זיי שטעלן אין געפאַר, מיט זייער העצערישער טעטיקייט, די עפנטלעכע זיכערקייט. נישט קעגן דעם ייִנגל פון פוילן אָדער דעם ייד פון איראַק, וועלכע זיינען געקומען אַהער, כדי צו געפינען אַ מקום מקלט, — וועלכער קומט זיי און פאַר וואָס זיי זיצן איצט פאַרשפּאַרט אין די תפיסות פון דער א"י־רעגירונג, — נאָר קעגן אָט די אונטערהעצער, וועלכע גרייטן זיך מיט אָפענער אויסגערעכנקייט און כוונה צו שווערע אומרוען — אָט קעגן זיי מוז די רעגירונג באַשיצן דאָס לאַנד און זיינע איינוווינער.

10 אויגוסט 1934. „ד ב ר"

# די דעפּאָרטאַציע פון 17 יידן

3 סעפּטעמבער, 1934.

די 17 יונגעלייט, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרן אויף דער גריכישער שיף און וועלכע זיצן שוין זינט צען טעג אין אַרעסט, האָבן נעכטן פּראָקלאַמירט אַ הונגער שטרייק. זייערע שרעקלעכע יסורים, וואָס זענען אַריבער יעדע מאָס, האָבן זיי דערפירט אַנצוכאַפּן זיך אין אַט דעם געפערלעכן מיטל; זיך אויסצוהונגערן, בכדי צוצואיילן דעם סוף פון זייערע פיזישע און מאָראַלישע ליידן, אויב עס וועט נישט געפונען ווערן קיין אויסוועג פון זייער לאַגע.

זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטן. זיי האָבן אויך נישט קיין שום בירגערשאַפט. צו־ערשט האָט די פּאָליציי געוואָלט זיי איבערגעבן דעם געריכט, זי האָט זיך אָבער, צוליב עפּעס אַ סיבה מישב געווען, און אַנולירט די געריכטלעכע תביעה קעגן זיי. אָבער צוליב דעם איז בכלל נישט לייכטער געוואָרן דער מצב פון די אַרעסטירטע אַז אַ משפּט און וועלכע האָבן קיין אַנונג נישט, ווען וועט זיך זייער אַרעסט ענ־דיקן און וווהין זיי וועלן פון דער תפיסה פאַרשיקט ווערן. וועט זיך דען געפינען אַ לאַנד, וואָס וועט איינגיין אַריינצונעמען די וואַנדערנדיקע יידישע יונגעלייט, אויב ארץ־ישראל נעמט זיי נישט אריין?

84 טעג האָבן די אַרעסטירטע נישט געהאַט קיין לעפל וואַרים וואַסער אין זייער מויל.

אויף דעם לאַנגן און ליידנס־פולן וועג האָבן זיי פאַרלאָרן דאָס לעצטע ביסל פון זייער אָרים פאַרמעגן; שרעקלעך איינזאַם צווישן די תפיסה־ווענט, האָבן זיי נישט קיינעם וואָס זאָל זאָרגן פאַר זייער גורל — איז דען אַ וווּנדער, וואָס דער יאוש האָט זיך אַריינגעריסן אין די הערצער פון די אַרעסטאַנטן, וועמען דער גורל האָט אַזוי שרעקלעך געטראָפן?

17 „פאַרברעכער", וועלכע האָבן געוואָלט אַריינקומען אין לאַנד, וואָס לעכצט נאָך יונגע אַרבעטס־כוחות און צו וועלכן זיי האָבן נאָך אַזוי פיל יאָרן פון בענק־שאַפט און נאָכן דורכגיין אַלע שבעה מדורי גהינום ענדלעך דערגרייכט — האָבן דערקלערט אַ הונגער שטרייק.

וועט ווער אויפציטערן ?

*

דוקא ערב יום־טוב האָט דאָס געזעץ געטון דאָס זייניקע. די 17 „פאַרברע־כער" זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד. וווהין? — דאָס איז נישט באַקאַנט.

אַט די געשעעניש, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַזוי פיל פאַרביטערטקייט, מוזן מיר קודם כל אַריינזאַפּן אין זיך, פאַרזוכן און פאַרגעדענקען איר גאַנצן ביי־טערן טעם, איר גאַנצן שמערצלעכן ווייטיק. מיר וועלן זיך נישט קענען אָפּשיידן פון איר נישט אין די יום־טובדיקע און נישט אין די וואָכעדיקע טעג. מיר וועלן תמיד מוזן אַט די געשעעניש אויפפרישן פאַר אונזערע אויגן און ווים: אין דער זעלבער שעה, ווען מיר אין ישוב, זיינען געווען איבערפולט מיט פריידיקן און

שטאָלצן פּאַרגעניגן, רואיק, זיכער און יום־טובדיק געשטימט, געגאַנגען יעדער איינער זיין וועג, ווער אין שול אַריין און ווער צו אַ פּריוואַטלעכער מסיבה, ווער אויפן ספּאָרט־פּלאַץ און ווער אויף אַ חברישן צוזאַמענטרעף, ווער צו זיין משפּחה און ווער אין זיין איינזאַמען ווינקל — אין אַט דער זעלבער שעה זיינען די זין, וואָס קערן זיך צוריק אין זייער לאַנד, אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף די ימים און קיינער ווייס אַפילו נישט אין וואָס פאַרא ריכטונג, באַרויבט פון יעטוועדע רעכט, אָן אַ נאָמען, אָן „פּאַפּירן", אָן אַ ציל און אָן יעטוועדן דאָקומענט, קינדער וואָס האָבן נישט קיין היים און אַ זיכער אָרט.

איינס האָבן זיי אָבער יאָ געוווסט: זיי זיינען קינדער פון יידישן פאָלק.

דאָס זעלבע פּילן אויך די אַלע, וואָס וואַרטן אויף זייער ריי אין עכו און אין בית־לחם. דאָס זעלבע פילן אויך די אַלע — נישט נאָר צענדליקער און הונדערטער, נאָר צענדליקער טויזנטער און מיליאָנען יידן, רעכטלאָזע און טיילמאָל אויך אָן „פּאַפּירן" און אָן אַ נאָמען, קינדער אָן אַ היים, אָן אַ מקום מקלט, אַלע יידן, וועמענס צאָל מען קען אַפילו נישט אויסרעכענען, ווו זיי זאָלן נאָר נישט זיין: אויף אַלע וועגן, אויפן ים און אויף דער יבשה, און אויף דער גאַנצער וועלט.

און זיי האָבן דאָך אַלע דאָס רעכט צו זיין דאָ מיט אונז צוזאַמען. עס איז דאָך נאָר אַ צופאַל, וואָס מיר געפינען זיך דאָ, אינעררהאַלב דעם ישוב פול מיט יום־טובדיקער פרייד, און זיי וואַנדערן און וואַגלען איבערן שטורעמדיקן ים. ווייל זיי זיינען די יעניקע, וואָס האָבן אָפּגעהיטן דעם ז כ ר פון ארץ־ישראל מיט אמונה און טרייהייט, מיט יסורים און ליידן, זיי זיינען דאָס די יעניקע, וואָס האָבן געוווּנען די אינטערנאַציאָנאַלע־אַנערקענונג פאַר דער שאַפונג פון אַ יידיש היימלאַנד אין ארץ־ישראל. זיי זיינען געוועזן די, וואָס האָבן מיט זייערע אָרימע גראָשנס און אָתן הארץ געבויט צוזאַמען מיט אונז און פאַר אונז, דאָס אַלץ, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין לאַנד, זיי זיינען די יעניקע, וואָס האָבן גורם געווען אונזער היינטיקע פרייהייט, אונזער היינטיקע שטאָלצקייט, אונזער רואיקייט און זיכערקייט, פון וועלכע מיר אַלע געניסן אין אַזאַ פולער מאָס.

מיר אַלע, מענטשן פון גאַס און מענטשן פון ביוראָ זיינען מחוייב אויפצופרישן דאָס דאָזיקע שרעקלעכע בילד, האַלטן עס שטענדיק פאַר אונזערע אויגן, סיי אין די יום־טובדיקע סיי אין די אַרבעטס־טעג.

12 סעפּטעמבער 1934.

## דער „געררעכטער" משפּט אין עכו

נעכטן זיינען פאַרן בריטישן פּרידנס־ריכטער אין עכוער געריכט געשטעלט געוואָרן צום משפּט 60 מענער און 5 פרויען, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג פון אומלעגאַלן אַריינקומען אין לאַנד. געקומען זיינען זיי אויף אַ גריכישער שיף, וועלכע האָט זיך במשך פון אַכט טעג געדרייט ביי די ברעגעס פון לאַנד און נישט געקענט אַראָפּזעצן אירע פּאַסאַזשירן. ווען דער פּראַוויאַנט האָט זיך ביי די מענטשן געענדיקט, האָבן זיי געפאָדערט פון די שיפסלייט און פון די גרענעץ־שמוגלער, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען אַריינצוברענגען זיי קיין ארץ־ישראל, אַז זיי זאָלן זיי אַראָפּזעצן אין וואָס פאַראַ אָרט עס זאָל

נאר נישט זיין, כדי א סוף צו מאכן צו זייערע לײדן צוליב הונגער און דורשט. די שיפס־לייט האבן זיי אויף שיפלעך צוגעפירט צום ברעג צווישן עכו און חיפה, ווו זיי זיינען אריינגעפאלן אין די הענט פון דער פאליציי.

די באשולדיקונג האט געפאדערט פון געריכט ארויסצוטראגן א שווערן פסק־דין ספעציעל קעגן 12 מאן, וועלכע פרוון שוין צום צווייטן מאל אריינצוקומען קיין ארץ־ישראל. וועגן דריי פון זיי ווערט געזאגט אין דער באשולדיקונג, אז זיי זיינען פראפעסיאנעלע גרענעץ־שמוגלער און אז זיי ארגאניזירן פאר געלט די אומלעגאלע עליה, אבער די דאזיקע טענה האט די באשולדיקונג נישט געקענט אויפווייזן.

דער שופט האט פארמשפט די 12 מאן צו איין יאר תפיסה און דעפארטאציע. די רעשט באשולדיקטע זיינען אין גרעסטן טייל פארמשפט געווארן צו דריי חדשים תפיסה און דעפארטאציע. חוץ 3 זקנים און 5 פרויען, וועלכע זיינען פארמשפט געווארן צו צוויי חדשים תפיסה.

וואס אנבעלאנגט 3 זקנים און פיר אנדערע באשולדיקטע, וועלכע האבן מודיע געווען, אז זיי האבן אין לאנד קרובים, וואס ווילן נעמען אויף זיך זיי אויסצוהאלטן, האט דער שופט באשלאסן פארצושלאגן דעם הויך־קאמיסאר, ער זאל זיי דערלויבן צו בלייבן אין לאנד. דער שופט האט דערקלערט, אז קיינער באדוירט זיכער נישט מער פון אים די לײדן און עינויים, וואס די דאזיקע מענטשן האבן דורכגעמאכט און וואס האבן זיי באוויזן אריינצודרינגען אומלעגאל קיין ארץ ישראל, ווי אויך, אז ער האט זיך ביז איצט נוהג געווען צו באשטראפן מילד אזעלכע באשולדיקטע, אבער איינזעענדיק, אז די אומלעגאלע עליה ווערט וואס אמאל שטארקער און אז די לייכטע שטראפן האבן נישט די קראפט זי אפצושטעלן, — איז ער דעריבער דאסמאל געווען געצוווּנגען ארויסצוטראגן א הארבע שטראף, כדי אפצוהאלטן די ווייטערדיקע אומלעגאלע עליה, ווייל לויט זיין מיינונג, וואלטן די אלע מענטשן זיכער באקומען סערטיפיקאטן קיין ארץ־ישראל, ווען זיי וואלטן זיך געווענדן מיט א בקשה צו דער רעגירונג.

31 אקטאבער 1934 (פון דער כראניק)

## דער הונגער־שטרייק אין דער עכוער תפיסה

דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל און די יידישע מאסן אין גלות זיינען אויפגעטרייסלט געווארן פון דער ידיעה וועגן דעם הונגער־שטרייק פון 80 יידן, ארעסטירטע אין עכו, וועלכע זיצן נאך אלץ אין דער דאזיקער תפיסה, הגם עס זיינען שוין חדשים פארלאפן, זינט מען האט איינגעטליעט. אנולירט דעם פסק־דין פון ארעסט, וועלכן די ריכטער האבן אויף זיי ארויסגעטראגן.

די דאזיקע מענטשן זיינען באגאנגען א שווער „פארברעכן": געטריבן דורך דער שרעקלעכער נויט אין גלות זיינען זיי באגאנגען אזא שווערע „זינד", וועלכע מען קען, לויט דער געריכטלעכער און מאראלישער אויפפאסונג פון דער ארץ־ישראל־מאכט, קיינמאל נישט מכפר זיין, און נעמלעך — אנטלויפן פון גיהינום און זוכן, אויף אייגענער האנט, אן א דערלויבעניש פון דער מאכט, א באהעלטעניש אין דעם צוגעזאגטן לאנד!...

# 1937: און טראָץ אַלעמען —
# וועלן די מעפּילים ווייטער קומען

אין שליחות פאר דער העפּלה

„און צונויפגעקליבן האָט ער זיי פון אַלע לענדער —
צום אָרט פון זייער באַגער"

# אין שליחות פאר דער העפלה

## פון דער העפלה אין פוילן

די יידן גופא האבן דערפילט, אז זייער בלוט איז געווארן הפקר, אז זיי האבן דארט קיין שום אויסוועג נישט, און ס'איז אויפגעקומען די הארבע פראגע: ווי ראטעוועט מען זיך, ווי אזוי שיצט מען זיך? אט דער דאזיקער אומרו האט זיך אויך אריבערגעכאפט אינם יידישן פוילן: וויבאלד די בייטש האט אין דייטשלאנד א פאכע געטון, פרעגט זיך: ווי לאנג וועלן די פאגראמשטשיקעס אין פוילן האלטן די הענט פארלייגט אין שוים? — אין דער אמתן האט דאך דער קאלטער פאגראם שוין פון לאנג דארטן געבושעוועט: יידן זיינען ארויסגעשטויסן געווארן פון זייערע עקאנאמישע און ווירטשאפטלעכע פאזיציעס, די מלוכה האט קאנפיסקירט א סך יידישע אונטערנעמונגען, „ארישע" געשעפטן האבן זיך געעפנט דא און דארט; אויך זאל מען נישט פארגעסן מעשה־פשיטיק או"וו. די שכנותדיקע רומעניע איז פון דעם אנטיסעמיטישן כאר אויך נישט אפגעשטאנען.

דער יידישער לעבנס־אינסטינקט האט דאס גוט געשפירט. מהאי טעמה איז די ציוניסטישע באוועגונג שטארקער געווארן אומעטום און דער חלוצישער געדאנק האט זיך גענומען אלץ מער און מער פארשפרייטן. יונגווארג און דערוואקסענע האבן זיך מאסנווייז אנגעשלאסן אן די הכשרה־קיבוצים. אפילו דער באלעבאטישער ייד האט זיך אויך ביסלעכווייז איבערצייגט, אז ס'איז פאר אים קיין אנהאלט נישטא אין גלות. די ציוניסטישע באוועגונג אין פוילן, וואס איז אין 1931 נאך געווען זייער שוואך, איז אין 1935 עולה לגדולה און ווערט א מאסן־באוועגונג. דער „החלוץ" ציילט אין פוילן 40.000 חברים. די יידישע יוגנט, וואס פארבינדט איר גורל מיט ארץ־ישראל, כאפט ארום א פערטל מיליאן נפשות. א לאנג־יאריקער חלום האלט ביים פארווירקלעכט ווערן: דאס יידישע פאלק שטייט אויף ווי איין מאן, כדי זיך ארויסצורייסן פון גלות.

אין יענע טעג איז ווי פון זיך אליין, אויף דעם איינפאכסטן אופן, אויפגעקומען — די „אומלעגאלע עליה". אנגעהויבן האט זי זיך דווקא אין די יארן, ווען די לעגאלע עליה האט געהאט אנגענומען א מאסן־כאראקטער: אין 1934 האבן 32 טויזנט יידן עולה געווען לעגאל, און מען האט זיך געקענט משער זיין, אז אין 1935 וועלן זיין נאך מער עולים. אבער עס איז געווען קלאר, אז די דאזיקע לעגאלע עליה אליין איז נישט גענוג, מען דארף אויסגעפינען נייע וועגן, אנדערע וועגן. און איינער א חבר אונזערער האט זיך דעמאלט וועגן אט דעם פראבלעם ארויסגעזאגט בזה הלשון: „די הויפט־זאך איז, די יידן גופא זאלן די עליה נעמען אין זייערע הענט. אפילו ווען די ענגלענדער זאלן אונז געבן א מיליאן סערטיפיקאטן יערלעך און איבערבלייבן זאל נאר איין־איינציקער ייד, וואס אים זאל פארווערט

זיין לעגאַל אַריינצוקומען אין לאַנד, ליגט אויך אויף אונז אַ חוב דעם דאָזיקן יידן צו ברענגען אַהין". דאָס איז געווען אַ פעסטער און קלאָרער שטאַנדפּונקט, אַ שטאַנד־פּונקט, וואָס האָט זיך געפונען אין פולן הסכם מיטן אַלגעמיינעם יידישן מצב אין יענעם מאָמענט — און אויך אין הסכם מיט די פּערספּעקטיוון, וואָס האָבן דער־וואַרט די יידן אין דער גאָר נאָענטסטער צוקונפט. און צו יענער צייט, דאַרף מען געדענקען, איז דאָך נאָך נישט געווען די רייד דערפון, אַז די יידן וועלן אויסגעראָט און פאַרטיליקט ווערן דורך היטלערן: נאָר שוין דאַן האָבן נישט געפעלט אין אונזער ציוניסטישן לאַגער וויטזיכטיקע מענטשן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט מתרה צו זיין און אָנצווייזן אויף דער גרויסער סכנה, וואָס לויערט אויפן יידישן פאָלק, ווען עס וועט קומען צו אַ צווייטער וועלט־מלחמה. שליחים פון ארץ־ישראל, וואָס זיינען טעטיק געווען אין פּוילן, און דער עיקר די, וואָס האָבן געהאַט איבערגעלעבט אַמאָלט די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, האָבן נישט געקענט איינרוען; זיי האָבן ווי געפילט אויף זיך אַ חוב עפּעס צו טון, כדי צו פאַרהיטן דעם אומגליק; כדי צו פאַרהיטן די נייע שחיטה. אָבער דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט אַנדערע חברים און האָבן געטענהט צו זיי: אָט פאָרן גרויסע גרופּעס אויף אַ לעגאַלן אופן קיין ארץ־ישראל, אַזאַ עליה ווי די היינטיקע איז אין אונזער געשיכטע נאָך נישט פאָרגעקו־מען — און איר פאַרנעמט זיך דאָ גאָר מיט עפּעס אַ שיפל אַ קליינעם, וואָס פירט אַריבער אַ 300 יידן.

ווי נאָר מיר האָבן גענומען אָרגאַניזירן די דאָזיקע אומלעגאַלע עליה, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָן אַ זייער האַרבן פּראָבלעם: ווער זשע וועט דער ערשטער אויף דעם אופן זיך דורכרייסן? מיר האָבן גוט געוווסט, אַז טאָמער וועלן אין ארץ־ישראל נישט זיין קיין אַרבעט־ און עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן, האָט די עליה קיין צוקונפט נישט; אָבער מיר האָבן גלייכצייטיק אויך געוווסט, אַז די חלוצים, וואָס זיינען עולה, אַפילו אין אַ צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט, געפינען אויך אין ארץ־ישראל אַן אָנהאַלט, זיי באַשאַפן שוין אַרבעט. אַזאַ מין עליה נויטיקט זיך בכן אין חלוצישע כוחות.

עס איז אונז אויך קלאָר געווען, אַז אַן אומלעגאַלע עליה איז פאַרבונדן מיט געראַנגל און מיט קאַמף. די מאַכט, האָבן מיר זיך געזאָגט, וועט דאָך מסתמא נישט צוקוקן מיט פאַרלייגטע הענט. מיר האָבן געוווסט, אַז אַלץ וואָס איז געטון גע־וואָרן אין פּרט פון עליה אַפילו אין וואוקאַפּס צייטן, איז געטון געוואָרן קעגן דעם ווילן פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל. אויף די צוויי הונדערט טויזנט יידן, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד פאַר דער צייט וואָס ער איז גע־ווען הויך־קאָמיסאַר, האָט מען געקוקט מיט אַ קרום אויג. דעמאָלט איז גראָד געווען אַ „שעת־הכושר", ווייל היטלער האָט אָקאָרשט געהאַט אָנגעהויבן צו רודפן די יידן, די עפנטלעכע מיינונג אין גאָר דער וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, און איר דרוק איז געווען אַ שטאַרקער — האָט מען דערלויבט די יידן עולה צו זיין. אָבער זיי וועלן אַוודאי באַלד נעמען איינצוימען די עליה. עס איז ביי אונז קיין שום ספק נישט געווען, אַז די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל וועט באַלד אַרויס־גיין אין קאַמף קעגן דער אויסערגעוויינלעכער עליה.

דערצו איז נאָך צוגעקומען דער דורכפאַל פון „וועלאָס" ב', וואָס איז אָפּגע־שווומען אַ קורצע צייט נאָכן אָפּפאָרן פון „וועלאָס" א', אָבער עס האָט זיך איר נישט איינגעגעבן צו דערפירן אירע פּאַסאַזשירן די עולים קיין א"י און זי האָט

געמוזט נאָך אַ חדשים־לאַנגן אַרומבלאָנקען אויפֿן ים זיך אומקערן צוריק אין גלות. מיר האָבן געליטן אַ מפּלה — און דער גאַנצער אויפֿטו איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן. די עליה, וואָס האָט זיך אַזוי שיין געהאַט אַנטוויקלט אין 1934, ווערט אָרגאַניזירט דורך פֿאַרשידענע יידישע קרייזן, וואָס זיינען צווישן זיך נישט פֿאַרבונדן; מחמת דעם ווערט זי טאַקע אַלץ מער און מער איינגעשרומפּן, עס גייען איר סוף כל סוף אויס די כוחות — און שוין אין 1935 שטעלט זי זיך אין גאַנצן אָפּ. די באַמיונגען פֿון כּלערליי קרייזן און געזעלשאַפֿטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער עליה פֿון נישט־חלוצישע עלעמענטן, האָבן נישט געהאַט קיין פּעולה, אַזוי באַלד ווי די ווירט־שאַפֿטלעכע לאַגע אין ארץ־ישראל איז ערגער געוואָרן. און די חלוצישע באַוועגונג? — אויף אירע פּלייצעס איז געלעגן, ווי אַ שווערע משא, דער גרויסער געלט־שאָדן, וואָס די מפּלה פֿון „וועלאָס" ב' האָט גורם געווען. במשך צוויי יאָר נאָכאַנאַנד האָט זי געמוזט היילן אירע ווונדן, אַנשטאָט צו פֿירן אַ פּאָזיטיווע אַקציע.

***

אין די חלוצישע קרייזן — דער עיקר אָבער ביי די חברים, וואָס געפֿינען זיך אויף די הכשרה־פּונקטן — וועקט זיך אויפֿסניי אויף דער ווילן וואָס גיכער עולה צו זיין. אָבער די ציוניסטישע קרייזן, וואָס האָבן פֿריער זיך געהאַט פֿאַרנומען מיט דער עליה, זיינען געוואָרן אַפּהעטיש. צוליב דער מפּלה פֿון „וועלאָס" ב' און צוליב דעם גרויסן געלט־שאָדן. מיר זיינען צו אַזעלכע שוועריקייטן נאָך נישט גע־ווען געוווינט, און די דורכפֿאַלן האָבן אונז צעטומלט די מוחות. אָט האָבן זיך גע־פֿונען חברים, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך צו קווענקלען, און אַנדערע האָבן נאָך אָנ־געהויבן צו שרייען: „נישט דאָס איז דער וועג!"

בינו לבינו איז פֿאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ראַדיקאַל איבערגעביטן דעם מצב אין ארץ־ישראל: די געשעענישן פֿון תרצ"ו. צוליב די דאָזיקע געשעענישן גופא איז די אויפֿנעם־פֿעאיקייט פֿון לאַנד באַגרענעצט געוואָרן, אָבער אַחוץ דעם זיינען זיי געווען די סיבה פֿון נאָך אַן ערגערער דערשיינונג: מען האָט געמוזט פֿון איצט אָן זיך רעכענען מיט דער מיינונג פֿון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע. איי־ביקע האָבן געזאָגט, מיר דאַרפֿן זיך רעכענען נאָר מיט אונזער ווירקלעכקייט, מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט און אַנדערע האָבן נאָך צוגעגעבן: די ענגלישע סאָל־דאַטן, ריזיקירן זייער לעבן לטובת די יידן און די רעגירונג וועט פֿאַר דער דאָזיקער מאָט זיך לאָזן גוט באַצאָלן, זי וועט זיך באַמיען איבערבעטן די אַראַבער אויף אונ־זערע קאָסטן. די, וואָס האָבן אַזוי געטענהט, האָבן זיך נישט געהאַט איבערגעשראָקן פֿאַר די געשעענישן, פֿראָסט־פּשוט, זיי האָבן נאָר מורא געהאַט, אַז אונזער פֿאַר־בינדעטער וועט פּלוצלונג אונז איבערלאָזן אויף הפקר. דער געדאַנקען־גאַנג זייערער איז געווען דער: איך מיט מיינע אייגענע כוחות וועל נישט קענען זיך פֿאַרטיידיקן, איך בין באַדינגונגסלאָז פֿאַרבונדן מיט די ענגלענדער, — מוז איך, צי איך וויל יאָ, צי איך וויל נישט, נאָכגעבן עטלעכע פֿאָדערונגען זייערע. דער חבר, וואָס האָט דעמאָלט גערעדט וועגן דעם, האָט דערקלערט: די ענגלענדער וועלן אונז נאָכ־געבן אויף עטלעכע שטחים, ווי אַ שטייגער אין דער פֿראַגע פֿון קאָלאָניזאַציע, פֿון זיכערקייט; דאָ וועלן זיי זיך נישט אַריינמישן. אָבער וווּ זיי וועלן זיך יאָ אַריינ־מישן, דאָס איז דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך וועגן דעם סימבאָל גופא פֿון זייער הער־שאַפֿט אין לאַנד, אין דער פֿראַגע פֿון דער אימיגראַציע, אין דער עליה. די

ענגלענדער וועלן קיינמאָל נישט מסכים זיין, מיר זאָלן אויף אַט דעם געביט זיך אַנטקעגנשטעלן זייערע געזעצן.

אַ גאַנץ יאָר, פון סוף 1937 ביז סוף 1938, האָבן מיר געפירט אין אונזערע קרייזן אַ דיסקוסיע איבער דער עליה ב׳. מען מוז זאָגן, אַז געווען זיינען אויך אַזוינע חברים, וואָס אַרויסזאָגנדיק זיך קעגן דער דאָזיקער עליה, האָבן זיי פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן זייער יידישע ווירדע און זייער גרייטקייט צו שטיין אויף דער וואַך; זיי האָבן געמאַכט אַן אויספיר פון אַ געגעבענער סיטואַציע — און זייער אויספיר איז געווען אַ פאַלשער, געוויס זיינען אויך אין אונזער באַוועגונג געווען מענטשן, וואָס זיי איז אַ קאַמפּס־סיטואַציע גאָר נישט געווען צום האַרצן — צי ווייל זיי האָבן אין דעם געזען אַן ענין קאָנטראַבאַנדע און אַפּנאַרעריי, צי ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס לוינט נישט צו פאַרטאַכלעווען ענערגיע און כוחות אויף אומלעגאַלע עליות אין אַ צייט, ווען עס באַווייזן זיך גרויסע אימיגראַציע־מעגלעכקייטן, און ווען די האָפענונג אויף אַ יידישער מלוכה האַלט ביים מקוים ווערן. אָבער אויך אין דעם האָט געשטעקט אַ שווערער טעות. דער צוגאַנג האָט געדאַרפט זיין אַן אַנדערער: אַריינברענגען אין לאַנד אויף וואָס פאַרא וועג עס זאָל נישט זיין נאָך הונדערט טויזנט יידן; נאָכדעם, ווען דער דרך־המלך, וועט זיין פריי, וועלן מיר אַריינברענגען נאָך הונדערטער טויזנטער יידן.

נאָכדעם ווי דאָס לאַנד האָט זיך געהאַט אַ ביסל אויסגעטשוכעט פון די אומרוען און דער פוילישער „החלוץ" איז שוין געהאַט צו זיך געקומען נאָך דער מפּלה פון „וועלאָס" ב׳, איז דער געדאַנק וועגן ממשיך זיין אַ זעלבסשטענדיקע יידישע עליה, ווידער אַרויסגעשווומען אויפן סדר היום. די הכשרה־קיבוצים, וואָס זיינען דורך דער געמיינזאַמער אַרבעט און דורך די געשעענישן קאָנסאָלידירט געוואָרן, האָבן איבערגענומען די איניציאַטיוו. זיי זיינען געווען די, וואָס האָבן גענומען פאָדערן די אומלעגאַלע עליה: זיי האָבן נישט צורו געלאָזט די אינסטיטוציעס און פערזענלעכקייטן, געוועקט זיי, גערופן, און געפאָדערט צו באַנייען די עליה קיין ארץ־ישראל אויף וואָס פאַר אַ וועג עס זאָל נישט זיין. און אָנהויב 1939, איז טאַקע די עליה באַנייט געוואָרן. אַ קליין שיפל מיט פינף און זעכציק חלוצים פון פוילן איז אָנגעקומען אין לאַנד. אַט די עליה איז צושטאַנד געקומען נאָר אַדאַנק די אָנשטרענגונגען פון דעם „החלוץ" אין פוילן.

פאַמעלעך האָט זיך די דאָזיקע אַרבעט געפירט דאָס גאַנצע יאָר 1938. ס׳איז געווען אַן אויסשפּיר טעטיקייט פון „פּאַרטיזאַנער". פאַרנומען ברייט האָבן מיר זיך ערשט צום סוף יאָר 1939, ווען דער פּאָגראָם אויף די דייטשע יידן האָט זיך אָנגעהויבן. אין 1939 האָבן מיר אָנגעהויבן צו שיקן שיפן מיט 300, 800 און אַפילו אויך 1400 פּאַסאַזשירן. איצט איז אונז ערשט קלאָר־געוואָרן וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן מיר האָבן געהאַט און וואָס פאַר אַ גרויסע מעגלעכקייטן מיר האָבן נאָך אין דער צוקונפט. אין משך פון אַכט חדשים פונם יאָר 1939 האָבן מיר געבראַכט קיין ארץ־ישראל פּונקט מאָל מער עולים ווי פאַרן גאַנצן פאַרגאַנגענעם יאָר. מיר האָבן אויך אָנגעקניפּט פּאָליטישע באַציונגען מיט די רעגירונגען פון די לענדער, פון וואַנען די עולים האָבן געשטאַמט, און דאָס האָט אונז דערמעגלעכט צו פאַרברייטערן אונזער טעטיקייט־פעלד. מיר האָבן שוין אַפילו געהאַלטן ביים לייזן די געלט־פראַגע, די עולים גופא האָבן די עליה פינאַנסירט כמעט אָן קיין שום זייטיקער הילף. אָבער אַט איז אויסגעבראָכן די מלחמה. די העפלה האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ש מ ע ו ן

# התחלה־ווייען

מיין שליחות אין אויסלאַנד איז אויסגעפֿאַלן אין דער תקופֿה פֿון די אומרוען אין ארץ־ישׂראל, אין אַ מאָמענט, ווען די עליה האָט גענומען אָפּשטעלן זיך. דער פּוילישער „החלוץ", האָט שוין דריי־פֿיר יאָר נאָכאַנאַנד געליטן פֿון אַ באַשרענקטער עליה, אַזוי אַז אין די קיבוצים האָבן זיך געפֿונען זייער פֿיל חברים, וואָס האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט פֿיר־פֿינף יאָר הכשרה. זיי האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף דער אַלגעמיינער שטימונג און אויפֿן לעבנס־שטייגער. האָט זיך דעריבער די באַוועגונג מיט שטורעם געריסן צו עליה.

געוויס האָט די באַוועגונג אויפֿגעשטעלט זייער וויכטיקע ווירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען. מיט וועלכע, מען וואָלט זיך אַפֿילו אין ארץ־ישׂראל גופֿא נישט געהאַט וואָס צו שעמען; דער ווירטשאַפֿטלעכער מצב אינעם קיבוץ האָט זיך געהאַט שטאַרק געבעסערט און אַלע חברים זיינען געווען אריינגעטון אינעם „בנין המשק", ווי מען האָט דאָס דאָרט געהאַט אַ נאָמען געגעבן, (הגם אַ משק — ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז דאָס אייגנטלעך נישט געווען; אָבער פֿונדעסטוועגן איז ער באַשטאַנען פֿון אַ גאַנץ בכבודיקן אינווענטאַר און אין געוויסע קיבוצים, ווי דהינו אין דעם לאָדזשער קיבוץ, איז זיין פֿינאַנציעלער אומזאַץ געווען אַ גאַנץ לייטישער). אָבער נישט אין דעם האָבן מיר געזען די עיקר־אויפֿגאַבע אונזערע. די הכשרה־באַוועגונג גופֿא האָט שטאַרק געליטן פֿון אַ געוויסער פֿאַרגליווערונג, ס'איז אין איר פֿון לאַנג נישט צוגעקומען קיין פֿרישע בלוט פֿון דרויסן און עס זיינען נישט אַריינגעקומען קיין פֿרישע יונגע כוחות. די עליה וואָלט אַזוי אַרום נישט נאָר פֿאַרענטפֿערט אַן אָנגעווייטיקטע פֿראַגע ביי די חברים, וואָס זיינען „פֿאַרזעסן" געוואָרן אין די קיבוצים, נייערט זי וואָלט אויך אַרויסגערופֿן אַן „אינערלעכע" עליה: די עליה פֿון יונגע כוחות אין די הכשרה־קיבוצים. עס איז שווער געווען זיך צו באַגנוגענען במיעוט מיט קליינע יוגנט־גרופּעס, וואָס דרייען זיך אויף אַן אָרט און שטעלן זיך צופֿרידן מיט גאָר באַשיידענע אויפֿטוען, און מיט איינגעשרומפּענע הכשרה־קיבוצים, וואָס האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין „שומרי הגלות".

כאָטש אין ארץ־ישׂראל האָבן זיך געפֿונען מענטשן, וואָס זיינען מחמת ווירטשאַפֿטלעכע טעמים — אַזוינע טעמים שווימען תמיד אַרויס בעת אַ דעפּרעסיע־צייט — געווען קעגן עליה, איז דאָך געווען קלאָר: די עליה־מאָס איז צו קליין געוואָרן. מיר האָבן אויך נישט געקענט זיך באַגנוגענען נאָר מיט דער קולטורעלער אַרבעט און מיט דער טעאָרעטישער פּאַרטיפֿונג פֿון אונזער באַוועגונג, ווי דאָס האָט זיך געפֿירט פֿון לאַנגע יאָרן אָן, עס איז נישט גענוג געווען צו געווינען די הערצער פֿון די חברים פֿאַר דער געוויינלעכער טאָג־טעגלעכער חלוצישער טעטיקייט, וואָס אין איר זיינען מיר דערצויגן געוואָרן: גיין אין דער מושבה, אַרבעט און קאָלעקטיוו. די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם עליה־אידעאַל, די עליה גופֿא פֿון יעדן חבר — זי איז דאָך פֿאַרבונדן געוואָרן ממש מיט אַן איבערקערעניש. געוויס איז אין דער באַוועגונג קיינמאָל נישט איינגעשלאָפֿן דער געדאַנק, ווען עליה אויף אַלע וועגן; אָבער די מפּלה פֿון „וועלאָס" ב' האָט אַ ביסל געליימט דעם דאָזיקן געדאַנק. און עס האָט זיך קיין איינער נישט געפֿונען, וואָס זאָל דערקלערן: „מיר האָבן דעם ענין־עליה גענומען אין אונזערע הענט און מיר וועלן אים דורכפֿירן". די יחידים, אָדער אפֿשר דער איינציקער, וואָס וואָלטן יאָ געווען ביכולת דאָס צו

זאָגן און צו פאַרווירקלעכן, — אויך הינטער אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער שאָטן פון „וועלאַס". איך וויל נישט זאָגן, אַז „וועלאַס" איז געווען אַ מפּלה. אַז מען באַקלערט זיך גוט, מוז מען צוגעבן, אַז די דאָזיקע אונטערנעמונג איז געווען אַ גרויסער אויפטו, — און דורכגעפאַלן איז זי נישט, ווייל די טוערס אירע זיינען נישט פּאַסיק געווען. מען קען זאָגן, אַז דורכגעפאַלן איז די גאַנצע באַוועגונג, ווייל זי האָט אין „וועלאַס" געזען אַ מין קאָניונקטור-ענין און נישט אַן אתחלתא פון אַן עליה אויף אַלע וועגן.

און די שמועסן און באַראַטונגען מיט די חברים איז באַשלאָסן געוואָרן: מען דאַרף פּרובירן אַן עליה-אַקציע. איך דערמאָן זיך אין אַ כינוס פון פּעילים פון אַ יוגנט-באַוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַזימיר. קאַזימיר איז אַ קליין פּויליש-יידיש שטעטעלע אויף די ברעגעס פון דער ווייסל, אַ ליב-חן'עוודיק שטעטל, וואָס ליגט איינגעטונקט אין גרינס אויף אַ נישט הויכן באַרג. מיר האָבן אויף דער דאָזיקער באַראַטונג געוואָלט באַהאַנדלען די פראַגע פון אויפאָדערן די מיטגלידער פון די יוגנט-באַוועגונגען צו גיין אויף הכשרה; אַזוי ווי קיין עליה איז נישט געווען, האָבן מיר געוואָלט באַווייזן, אַז הכשרה, איז דער ערשטער טריט צו עליה.

נאָך אַ נאָכט-זיצונג, ווי דער מנהג איז געווען אין פּוילן, זיינען מיר זיך צונויפגעקומען אַרום דריי אַזייגער נאָך חצות ערגעץ-ווו אין דעם שטעטעלע טאַקע. מיר האָבן געפאָדערט פון שמעון'ען, וואָס האָט זיך געדאַרפט באַלד אומקערן צוריק קיין ארץ-ישראל, ער זאָל נעמען אויף זיך דורכצופירן די עליה. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז פּעיק געווען די זאַך אָנצוהויבן. צו אים וואָלטן שפּעטער צוגעקומען נאָך אַנדערע.

נאָך פאַר דער דאָזיקער פאַרטאָגיקער זיצונג, האָבן מיר ביידע שוין געהאַט געפירט אַ לאַנגן שמועס. געגאַנגען זיינען מיר אַזוי שפּאַצירנדיק אין די שיינע אַלייען פון קאַזימיר און האָבן בעת מעשה אַרומגערעדט דעם ענין. איך האָב געגאַרט צו הערן פון זיין מויל קלאָר און דייטלעך — און נישט „לייענען צווישן די שורות" פון זיינע ווערטער — אויף ווי ווייט ער גופא איז גרייט זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַקציע און ווי אַזוי, מיינט ער, דאַרף מען שטעלן די ערשטע טריט. אַנשטאָט דעם האָט ער מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטון: „און דו? ביסטו גרייט דערצו?" — איך האָב אים תיכף געענטפערט: „יאָ. איך בין גרייט". אָבער אין דער אייגענער רגע האָט מיר אַ פּויק געטון אין האַרצן און געדוכט האָט זיך מיר, אַז איך בין צו געשווינד געקומען מיט מיין ענטפער, ווארעם אין דער אמתן האָב איך דאָך גאָר נישט אָנגעהויבן צו וויסן ווי אַזוי און מיט וואָס מען הויבט דאָס אָן. מיר זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיטן איינדרוק, ווי מיר וואָלטן זיך געהאַט געגעבן אַ „תקיעת-כף", מען זאָל תיכף ומיד צוטרעטן צו דער אַרבעט.

איך האָב זיך אומגעקערט צו מיין קיבוץ מיטן פעסטן גלויבן, אַז איך קען אָנזאָגן מיינע חברים, וואָס קוקן אַלע אויס די אויגן זייערע אויפן גרויסן — אויפן יום-טובדיקסטן טאָג אין דער חלוצישער באַוועגונג, די גוטע בשורה: אָט-אָט גייען מיר איבער צו מעשים.

און געווען איז דעמאָלט אַ צייט פון גרויסע דיסקוסיעס און אַמפּערייען אַריבער דער פראַגע פון דער „חלוקה": זאָל מען יאָ מסכים זיין צום חלוקה-פּלאַן, אָדער נישט מסכים זיין. אַלע לויפן אַרום פאַרהאַוועטע, און ווי צעטומלטע פון דער גאולה, וואָס האַלט שוין ביים קומען. ס'האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט גאָר נישט די צייט

געווען איצט צו פּאַרנעמען זיך און פּאָדערן אַזאַ מין עליה. שווערע טעג, האָבן מיר געזען, רוקן זיך אָן אויף אונז: מיר האָבן איינגעזען, אַז אויב אַפילו די גרויסע, שיינע פּלענער וועלן טיילווייז יאָ מקוים ווערן, וועלן זיי אויך נאָך נישט ברענגען אונזער באַוועגונג די גאולה, וואָס מיר דערוואַרטן.

מיר זיינען, ווי איך זע איצט, געווען צו באַשיידן און האָבן זיך צופרידנגע־שטעלט במועט. מיר האָבן געוואָלט מאַכן דעם ערשטן פּרוּוו און אַריינברענגען אין לאַנד אַ קבוצה פון 50־60 מאַן. דערצו איז נויטיק געווען צו דינגען עפּעס אַ פּרי־מיטיווע, קליינע כלי. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס דאַרף זיין אַ זעגלשיף מיט אַ מאָטאָר פאַרשטייט זיך. פאַרוואָס עפּעס אַ זעגלשיף? — ווייל אַ זעגלשיף האָט אַן אומשולדיק פּנים און קיינער וועט איר נישט חושד זיין, אַז זי פירט מענטשלעכע קאָנטראַבאַנדע. שווימט זיך אַזאַ מין „קעסטל" אַ קליינס אין ים, אָן קוימענס, אָן רויך — ווער וועט גיין זיך אומקוקן אויף אים? נישט ווען דאָס שיפל וועט אַרויסשווימען אין ים אַריין, נישט ווען עס וועט אָנקומען אויף אַן אָרט וועט מען עס באַמערקן. די פּאַסאַזשירן וועלן פּראָסט־פּשוט אַריינקריכן אין שיפל — און היידא, אַוועקגעשוווּמען! אויב ס'איז ווייניק געווען, וואָס מיר האָבן געוואָלט אָר־גאַניזירן אַן אומלעגאַלע עליה קיין ארץ־ישראל, האָבן מיר נאָך געוואָלט דורכפירן, אַז דאָס אָפּשווימען פון דער שיף פון אַטען זאָל אויך פאָרקומען אומלעגאַל. דער דאָזיקער פּלאַן האָט זיך אונז אויסגעוויזן פּשוט ביז גאָר.

פון ארץ־ישראל האָט מען אונז געהאַט צוגעזאָגט, אַז די ים־לייט צו באַ־גלייטן אונזער שיף וועלן זיין גרייט און אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען אונז צוויסן געבן, ווי עס האַלט מיט דער גאַנצער צוגרייטונגס־אַרבעט. איך דערמאָן זיך מיין ערשטן שפּאַציר מיט שמעון אין דער פּאָרט־שטאָט פּירעאוס. ס'איז מיר דער־מאָלט אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק דער סיפור־המעשה פון מענדעלען, פון דער סאַמע ערשטער עליה־תקופה קיין ארץ־ישראל אין די אַכציקער יאָרן פונם פאַרגאַנ־גענעם יאָרהונדערט. אַ מעשה מיט אַ יידן, וואָס גייט אַריין אין אַ קראָם פון תבואה, נעמט אָן אַ פולן הויפן ווייץ און פרעגט דעם קרעמער: „שיינע גערשטן איז דאָס, וואָס? איך האַלט אויך ביים פאָרן קיין ארץ־ישראל, איך בין אויך אַ מבין אויף ווייצן און גערשטן..." פונקט אַזוי זיינען מיר ביידע זיך פאַרגעקומען אין מיינע אויגן, ווען מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט אין דעם פּאָרט פירעאוס אָדער ריכטיקער געזאָגט אין דעם פּאָרט פון לאַדקעס. צענדליקער, הונדערטער זעגלשיפן מיט און אָן מאָטאָרן, הילצערנע און מיט אייזן באַשלאָגענע זיינען דאָרט געווען פאַראַנקערט. דאָ, האָבן מיר זיך געזאָגט, וועלן מיר געווים געפינען די ערשטע שיף אונזערע.

מיר האָבן אָנגעקוקט „אונזער" שיפל. געווען איז זי אַ הילצערן, מיט צוויי מאַסטבוימער, אַ מאָטאָר און אַ גרויסן מאַגאַזין. און אין איר דאַרפן עס אַריינגיין אַ 50־60 מאַן. אַז איך האָב גענומען גענויער באַטראַכטן די שיף, האָט מיר דאָס האַרץ אַ ציטער געטון: „צי קען מען אין אַזאַ כלי, האָב איך זיך געפרעגט, ערגעץ־ווו אָנ־קומען?" אָבער שמעון ענטפערט מיר: „קאָלומבוס, בכבודו ובעצמו, איז אויך אָנ־געקומען אין אַמעריקע אויף אַ שיף פון 49 מאַן". פאַרלאָז איך זיך אויף אים. דעם בעל־הבית פון דער שיף זעען מיר צוויי מאָל אַ טאָג. אַן אַלטער גריך איז ער, איין האַנט זיינע פאַרמאָגט זעקס פינגער. ער רעדט אויך טערקיש. מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אַ גרויסער עושר און געפירט אַלערליי טונקעלע געשעפטן, ער האָט געשמוגלט און געקאָנטראַבאַנדעוועט וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט. איצט זיינען

אנגעקומען שווערע צייטן: נישטא מער קיין סחורה צו שמוגלען — נו, וועט ער שמוגלען מענטשן... ער האט תיכף ומיד פארשטאנען אונזער מיין, אבער מיר האבן צו אים קיין גרוים צוטרוי נישט געהאט. אין אונזערע ענינים מוזן מיר קודם־כל זיין „ביטרער" פון די גויים. שמעון האט מיר זייער פיל דערציילט פון דער „וועלאס"־צייט, וועגן דעם גוי, וואס האט צוערשט געוווינען זיין צוטרוי און דאן אים סוף כל סוף אפגענארט. ווי געפינט מען פארט א גוי אזא, וואס זיין זאל ער טאקע געשיקט און ביטרע, אבער אפנארן זאל ער נישט? — אט דער דאזיקער „גוי" האט, ווי שוין געזאגט, קיין גרוים צוטרוי ביי אונז נישט ארויסגערופן. א מאדנער נפש איז ער געווען: א שווייגעוודיקער, עפעס גארנישט ווי א גריך, א קאלטער, א פלעגמאטיקער, אבער טאמער ווערט ער אין כעס — דאן איז חיות נישט זיכער. זיצט ער זיך אזוי און שפילט זיך מיט א שנור, דרייט זי אין די הענט אהין און אהער, לאזט רינגען רויך פון זיין פיפקע, רעדט צו אונזער ייד גריכיש, און דער גיט אונז איבער אויף א לשון א צעבראכענעם, וואס גרילצט אין די אויערן: האלב־יידיש האלב דייטש; דאס צוזאמענריידן זיך — אן אמתע קאטארזשנע ארבעט! סוף כל סוף ווערן מיר מיט אים מושווה און גיבן אים אפילו האנטגעלט אויך.

ס'איז באשלאסן געווארן, אז איך דארף זיך „ארויפכאפן" קיין ארץ־ישראל — נישט נאר כדי דארט מודיע צו זיין די חברים, אז די שיף האלט ביים אנקומען, נייערט כדי צו פארהאנדלען מיט די חברים איבער דעם גאנצן ענין פון דער אומלעגאלער עליה. איך האב שטארק געצווייפלט אין דעם דערפאלג פון מיין שליחות. ווייל איך האב געוווסט, אז עס זיינען דארט פאראן גרויסע חילוקי־דעות. אבער איך האב אויך געוווסט, אז טאמער גיט זיך אונז איצטער דער פלאן נישט איין, וועט מען עס אונז קיינמאל נישט מוחל זיין; טאמער זיינען מיר נישט מצליח — וועלן ווידער אוועקגיין יארן און יארן אן א נייעם פרוו, ווי דאס איז געווען נאך דעם דורכפאל פון „וועלאס".

❋

...איינעם אן ערב־שבת, ארום עלף אזייגער פארמיטאג, באוויז איך זיך פלוצלונג אין תל־אביב. מיין ערשטע באגעגעניש איז געווען מיט א פאר חברים, וואס האבן געהאט א נאענטע שייכות מיטן ענין. איך בין גלייך צוגעטראטן צום תוך פון דער זאך. דאס, וואס איך דערצייל, איז פאר זיי א גרויסער סיורפריז.

עטלעכע מאל האבן מיר שוין אפילו פריער זיי געהאט טעלעגראפירט; אבער וואס איז א קאלטע טעלעגראמע אנטקעגן א לעבעדיקווארט פון א חברס מויל, וואס קומט אנזאגן: „הנה, זייט וויסן, אז אין צוויי וואכן ארום פארן מיר אפ"?

איך טרעף זיך מיט חבר איקס און וויקל פאר אים פונאנדער די גאנצע מגילה „החלוץ". ניין, איך רייד כלל נישט וועגן דער נויטיקייט פון פירן א פאליטיש־ציוניסטישע מלחמה, אויך נישט דעם ענין פליטים באריר איך; איך רעד נאר וועגן דעם, אז מען דארף ראטעווען די „החלוץ"־באוועגונג. ער האט פארשטאנען וואס איך האב געמיינט און האט געפסקנט: ווען עס וואלט געגאנגען נאר אין דעם, וואלט שוין אויך כדאי געווען עפעס צו טון! און וויבאלד איר האט שוין אנגעהויבן די אקציע, דארף מען זי אוודאי און אוודאי דערפירן צו א סוף! דעם זעלביקן טאג נאך האב איך זיך געטראפן אויך מיט אנדערע חברים. איך האב דאס געפיל, ווי איך וואלט געבראכט א גוטע בשורה. מען איז שוין מיד געווארן פון די דיסקוסיעס איבער דעם חלוקה־פלאן. די אומרועס זיינען נאך אין פולן גאנג; עס זיינען פאראן

הרוגים און פאַרוואונדעטע. דער ישוב פאַרטיידיקט זיך טאַקע און ווייזט אַרויס זיין כוח; אָבער נאָך גרעסער איז די חשיבות פון דעם דאָזיקן כוח מיט דעם וואָס ער קומט אַזוי בולט צום אויסדרוק — דווקא אין די איצטיקע טעג!

אַרום פיר אַזייגער נאָכמיטאָג, אין אַ גוס־רעגן, לאָז איך זיך אין וועג, כדי צו מאָביליזירן נאָך אַ חבר, וואָס דאַרף נעמען דעם ענין אין זיינע הענט אַריין. שוין צוויי טעג ווי איך געפין זיך אין לאַנד און בין נאָך ביי זיך אין שטוב נישט געווען. איצט, דוכט זיך מיר, איז אַלץ אָפּהענגיק דערפון, אויב יענער חבר, וואָס איך גיי איצט אים אויסזוכן, וועט באַלד איינשפּאַנען זיך אין דער אַרבעט. אַ שעה נאָך אַ שעה פאַרגייט. די ערד, דוכט זיך מיר, ברענט אונטער מיינע פיס. אין מיטן וועג פאַרהאַלט אונז אַן ענגלישער פּאָליציאַנט. ער רעווידירט אונז, איז אונז חוקר ודורש; אָבער געפונען האָט ער ביי אונז גאָרנישט מיט גאָרנישט; אַז מיר טראָגן אין האַרצן ביי אונז דעם ענין עליה ב׳ — דאָס האָבן אפילו די פאַרשנדיקע פּאָליציאַישע אויגן אויך נישט געקענט אויסגעפינען. ער בייזערט זיך אויף אונז, הלמאי מיר לאָזן זיך ביינאַכט אין וועג, ביי אַזאַ גוס־רעגן. נו, גיי דערצייל אים מעשיות. פאַרוואָס, פאַר־ווען...

דעם טויער פונם „משק" האָט אונז געעפנט איינער אַן אַלטער געטרייער חבר פון לאַנגע יאָרן אָן. ער וווּנדערט זיך, וואָס איך קום אַראָפּ אין מיטן נאַכט. נאָך אַ שמועס מיט די חברים און נאָכדעם ווי איך האָב זיך געהאַט אויסגעטענהט מיטן אייגנטלעכן „בעל־דבר", איז געבליבן, אַז ער פאַרט מיט מיר אין שטאָט, איך האָב דאָס שוין באַטראַכט ווי אַ האַלבן נצחון: איך וועל אים ברענגען אין שטאָט אַריין, האָב איך זיך געטראַכט, און דאָרט וועט מען אים שוין אַזוי לאַנג „אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַריין", ביז ער וועט מוזן מרוצה ווערן. ביז ער וועט זאָגן: יאָ, איך בין גרייט!

⁂

געדוכט האָט זיך, אַז אַלע מענטשן — אויסער דער קליינער גרופּע, מיט וועל־כער איך בין אין אַ שטענדיקן ענגן קאָנטאַקט — באַציען זיך אומבאַוווּסטזיניק מיט אומצוטרוי צום גאַנצן ענין. אויך דער חבר, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו העלפן אַראָפּצוזעצן די עולים פון דער שיף, קוקט אויף אונז — האָט זיך מיר גע־דוכט — מיט אַ סקעפּטישן בליק, ווי איינער זאָגט: „וויים איך וואָס? אַ ירידה אינם זיבעטן הימל..." אָבער סוף כל סוף האָבן מיר אים אויך „בייגעקומען". געלאָזט האָט ער זיך אַריינציען אין דער אַרבעט... אויף אַ קורצע צייט — און געבליבן איז ער ביי איר לאַנגע, לאַנגע יאָרן. —

אויפן וועג צו „איגרעק", האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ מין ציטער. די לאַגע איז אַזאַ, אַז טאָמער זאָגט ער „ניין", איז אַ סוף צום גאַנצן ענין. ווייל נאָך אַלעמען ווילן מיר דאָך קענען זיין ווילן גאָרנישט נישט טון.

איך הויב אָן דעם געשפּרעך מיט אַן אויפקלערונג וועגן דעם ענין, דערצייל וועגן דער לאַגע אין וועלכער עס געפינט זיך דער „החלוץ" און וועגן דער נויטווענ־דיקייט פון אַ באַלדיקער עליה שוין איצט; איך רעד נישט וועגן ארץ־ישראל, נישט וועגן אַנדערע ציוניסטישע פּראָבלעמען: איך שטעל זיך פאַר אַלץ חבר און מיטגליד פון „החלוץ", וואָס איז פעסט דעצידירט דאָס דורכצופירן. דאָ האָט זיך אָנגע־הויבן די דיסקוסיע. ער גיט מיר צו דערקלערן מיט אותות ומופתים, אַז דאָס איז עלול צו ברענגען אַ שאָדן אי אונז, אי דער עליה. איך שטרענג זיך אָן צו זיין אויסגעהאַלטן אינם וויכוח. קען זיין, אַז איך האָב — אין דער היץ פון דער

דיסקוסיע — זיך אַרויסגעכאַפּט מיט ווערטער און מיט אַרגומענטן, וואָס זיינען נישט געווען אויף אָן אָרט; אָבער — ווי געזאָגט — איך האָב קיין צייט נישט גע־האַט צו וועגן און צו מעסטן מיינע רייד. זיי זיינען אַרויס פון זיך אַליין, נישט איך האָב זיי אַרויסגעזאָגט. און געזאָגט האָב איך, אַז מכוח עליה ב׳ נויטיקן מיר זיך בכלל נישט אין אַ באַשלוס. ער ווידער האָט דעם דאָזיקן ענטפער מיינעם איינגעשאַצט ווי אַ צו גרויסע „חוצפּה" מצד מיר. איך האָב אים אויף דאָס ניי אַ פרעג געטון, צי בעת דער דריטער עליה האָבן די אַלע, וואָס האָבן זיך געריסן אין לאַנד אַריין מיט אַלע וועגן, געפרעגט די דעה פון דעם „וועד הצירים"? עס איז גריילעך מעג־לעך, אַז דער „וועד הצירים" וואָלט דאַן אויך געזאָגט „ניין" — אָבער די „החלוץ"־באַוועגונג האָט נישט געקענט אַנדערש, סיידן עולה צו זיין.

פון מיינע ערשטע ווערטער האָט ער, ווייזט אויס, זיך נישט געכאַפּט, אַז איך דערצייל אים דאָ פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז שוין אין פולן גאַנג. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז די מענטשן זיצן שוין אויף אַ שיף, וואָס געפינט זיך אין מיטן ים, איז ער ווי אַ לייב אויפגעשפּרונגען פונעם פאָטעל און האָט זיך צע־שריען: אַזוי און אַזוי! ער וועט מיך רופן צו אַ חברים־געריכט... אָבער שוין אין אַ מינוט אַרום האָט ער מיט מער ישוב־הדעת מיר אַ פרעג געטון: אויב אַזוי, טאָ וואָס זשע ווילסטו איצט פון מיר? — האָב איך אים אָפּגעענטפערט בזה הלשון: „איך בין געקומען דיר זאָגן, אַז דאָס וואָס מיר טוען מחוץ לארץ איז אונזער זאַך, און מיר פאַרלאַנגען, אַז איר דאָ אין לאַנד זאָלט טון אַלץ, כדי די עולים זאָלן דאָ אַרונטער־גיין פון דער שיף בשלום. ווי אַ ווינט האָט ער זיך אַ הויב געטון פון זיין געזעס און אויסגערופן — „אין דער נאַכט, ווען זיי וועלן דערגרייכן דעם ארץ־ישראל־ברעג, זאָלט איר קומען אויפוועקן מיך פון שלאָף. איך וועל זיין דער ערשטער, אייך צו העלפן! אין דעם מאָמענט, ווען אַ ייד קומט צו צום ברעג פון ארץ־ישראל — איז ער אין מיינע אויגן כשר וישר, פונקט אַזוי ווי אַ ייד, וואָס קומט אַריין לעגאַלער־הייט אין לאַנד. — ווער עס איז שוין אַרויס אין וועג — פאַרפאַלן, אָבער אויף להבא — זאָג איך : ניין. איר ווילט אַ בירור — גוט, וועלן מיר זיך זעצן באַ־טראַכטן דעם ענין און וועלן אָננעמען אַ באַשלוס. אַזוינע זאַכן ווערן אָן אַ באַשלוס נישט געטון!

דאָס האָט פון „איגרעק" אַרויסגערעדט דאָס וואַרימע יידישע האַרץ, דער ליבער חבר, דער טייערער מענטש. דער געשעענער פאַקט האָט אים משכנע געווען.

נאָכדעם בין איך געגאַנגען זען „א". געטראָפן האָב איך אים אַ פאַרמאַ־טערטן, אַז אויסגעמוטשעטן נאָך אַ טאָג פון אומרוען. ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן די געשיכטע מיט דער שיף, האָט ער זיך גלייך אויפגעוועקט, און מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צו מיינע ווערטער. אויך ער האָט געהאַלטן, אַז מען האָט נישט גע־טאָרט בשום אופן אָן אַ באַשלוס פאַרוויקלען זיך אין אַזאַ מין אונטערנעמונג. אָבער היות ווי אויך ער איז אַ „יידישער גזלן", האָט ער געפּסקנט, אַז ווייבאַלד דאָס איז שוין געשען, איז גאָר אַנדערע רייד. קיין פראַגע נישט, אַז ער וועט העלפן, ווי אין פּסוק שטייט: „עזוב תעזוב עמו". ער פרעגט אויס וועגן אַלע פּרטים, אַלץ וויל ער וויסן, יעדע קלייניקייט. וואָס לענגער מיר רעדן, אַלץ מער פאַרשווינדן די פריי־ערדיקע קווענקלעניש — און „א" ווערט גאָר אַן אַנדערער מענטש, געטריי און אײַ־בערגעגעבן דעם ענין און גרייט צו יעדער אָנשטרענגונג.

איך דאַרף מיטנעמען מיט זיך אַ באַגלייטער, אַ געניטן ים־מענטשן, וואָס זאָל ברענגען אונזערע עולים צו אַ זיכערן ברעג. די שיף גייט ערשט אָפּ שבת, דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. און איך האָב אַזוי אַרום פּרייטיק אינדערפרי געקענט זיך פאַר־גינען צו קומען אַהיים צו מיר. אָט די צוואַנציק שעה, וואָס איך האָב זיך געפונען אין שטוב ביי מיר, האָבן אַריינגעבראַכט רו אין מיין האַרצן און אָפּגעפרישט מיינע געדאַנקען. איך האָב זיך אַריינגעטונקען אין דער וואַרעמער סביבה פון נאָענטע חברים, פונם משק, וואָס האָט, זינט איך בין אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן, זיך געהאַט שטאַרק אַנטוויקלט.

ווי גוט איז דאָס פאַר איינעם, וואָס טוט אַזאַ אַרבעט ווי איך, וואָס דערפילט אַזאַ אומזיכערע און געפערלעכע שליחות, צו פאַרמאָגן אַ שטוב, אַן אייגענע היים.

*

איך קער זיך אום קיין אַטען און געפין דאָ אַ קאָמפּלעטן דורכפאַל: דער גוי, — קיין גוי נישטו, די שיף — נישטו קיין שיף, און וואָס שייך דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אַריינגעלייגט אין דער אונטערנעמונג — איז עס, אויך אַזוי גוט ווי פאַר־לוירן. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די שיף, וועגן וועלכער מיר האָבן געהאַט פאַר־האַנדלט מיטן גוי, איז גאָר נישט זיינע געווען; פאַר האַנטגעלט, וואָס ער האָט גע־קראָגן פון אונז, האָט ער ערשט געוואָלט זי קויפן, בינו לבינו האָט מען נאָך געדאַרפט פאַרריכטן דעם שטאַרק קאַליע געוואָרענעם מאָטאָר; און ווידער האָט מען געדאַרפט אַריינשטאָפּן אַ הויפן געלט אין אַ זאַך, אָן שום גאַראַנטיע, אַז אַלץ וועט איצט שוין גיין כשורה. מיר האָבן בכן בכלל זיך אָפּגעזאָגט פון דעם געשעפט מיט אים, נישט געקוקט אויף אַלע צוגרייטונגען צו דער נסיעה, וואָס מיר האָבן גע־האַט געמאַכט און אויף דער פאַרזיכערונג, וואָס איך האָב די חברים אין ארץ־ישראל געהאַט געגעבן, אַז אָט־אָט פאָרן מיר שוין אָפּ.

עס הויבט זיך אָן אַלץ אויפסניי, — פון „בראשית". אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר אויסגעפונען אַ נייעם „גוי". „מאַברוס" איז זיין נאָמען — און שוואַרץ איז ער טאַקע ווי סמאָלע. ער זעט אויס ווי אַ פּיראַט. געקומען איז ער צו אונז אָן אָנגעגאָסענער מיט „ריצנאַייל־ווײַן" (אַזאַ מין פּאָפּולערער וויין, וואָס האָט אַ ריח פון האַלץ פון אַ ריצנאַייל־בוים; מען טרינקט אים זייער פיל און עס געדויערט לאַנג, ביז מען ווערט שיכור פון אים). רעדן רעדט ער פאַר צען און אַ טעמפּעראַמענט האָט ער אַ הייסן, אַ „לעבעדיקן". וואָס מען פרעגט אים, האָט ער גלייך אויף דעם אַ פּאַסיקן ענטפער, אַ זיכערן. ער רעדט מיט די הענט און מיט די פיס, מיט איין וואָרט — „כל עצמותי תאמרנה". ער ווייזט אויס צו זיין זייער אַ גוטמוטיקער מענטש. אַ כשר פאַרדינסטל, אַ ראַיעלער מסחר איז אים נישט צום האַרצן. עס איז אים שוין מיאוס ומאוס געוואָרן צו טראַנספּאָרטירן אַליוון־אָפּפאַל, אָדער ענלע־כעס און ער חלשט ממש אַוועק נאָך עפּעס אַ „טונקעל" שטיקל אַרבעט. האָבן מיר זיך געטראַכט: ער איז דער ריכטיקער בעל־דבר. און הגם ער בעט נאָך אַמאָל אַזוי־פיל, ווי דער ערשטער גוי, איז דאָס געשעפט אויך כדאי.

אין דעם דאַזיקן געשעפט איז צוגעקומען נאָך איינער: אַ קליינער „גוילע" אַזאַ: באַרילאַ הייסט ער. ער איז אַ טרייער דינער פון דעם יידן, וואָס האָט אונז „צוגעשאַנצט" מאַרבוסן און זיין שיף. באַרילאַ איז אַ טיפּיש גריכישער אינטעליג־גענט. געווען איז ער אַ קאַפּיטאַן אין דער גריכישער אַרמיי, וואָס איז בשעתו אַריין

אין טערקיי, אין אנאטאליע. אחוץ דעם איז ער אַ מוזיק־לערער, אַ ספּאָרט־מענטש און אַן אויסגעצייכנטער שווימער. פונוואַנען לעבט אַזאַ מין נפש? איין גאָט ווייס דאָס. דערצו איז ער נאָך אַ פילאַנטראָפּ און טיילט אויס נדבות אויף רעכטס און אויף לינקס, אַ צער־בעלי־חיים'ניק איז ער אויך און איז מכנים־אורח אַלע פאַר־לאָזענע קעץ, וואָס ער טרעפט אָן אין גאַס; ער איז אויך כאָר־דיריגענט ביי די יידן אין שול ראש השנה און יום־כיפור. ער קען אויף אויסנווייניק „ויהי בנסוע הארון", וואָס ער זינגט אַרונטער מיט אַן אמת גויישן אַקצענט. אַ גוטהאַרציקער און טריי ווי אַ הונט. טראָץ דער אינטעליגענץ זיינער, איז ער אָבער זייער אַ פּרימיטיווער מענטש און נישט קיין איבעריקס גרויסער חכם. אויסגעבונדן איז ער מיט אַ וועלט גריכן מכל המינים; די באַקאַנטשאַפטן זיינע שטאַמען פון די קאַפע־הייזער, ווו ער איז אַן אָפטער גאַסט. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז כארילאַ איז געווען אַ ידיד פון דעם יידישן מעקלער, פרעגט זיך: וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער געהאַט מיט אים? — די מוזיק האָט זיי צונויפגעבונדן. ער אַקאָמפּאַנירט דעם יידן, בשעת ער זינגט „אריעס"; ער איז אויך דעם יידנס משרת אַלע זונטיק, ווען דער מעקלער אונזערער מאַכט זיך זיין רייט־שפּאַציר; בכלל העלפט ער אים אונטער אין דער באַלעבאַטישקייט — און אַזוי אַרום ציט ער אַרויס זיין ביסל היונה. מיר האָבן אים באַשטימט אַ פּענסיע. מן הסתם איז דאָס געווען זיין ערשטע שטענדיקע און רעגלמעסיקע פּרנסה אין זיין לעבן. איצט פרעסט ער שוין זיינע הויזן און טראָגט אַ נייעם שניפּס. ער איז דאָס דער פּאַרמיטלער צווישן אונז און דעם „גוי", לויפט פון אים צו אונז און צוריק. מיר טענהן זיך אויס מיט אים אויף אַ מאָדנעם לשון, וואָס באַשטייט פון „ברעקלעך" גריכיש, פון האַלבע ווערטער אין פראַנצויזיש, און בשעת הדחק — העלפט אַרויס אויך אַן ענגליש וואָרט. ווען מען דאַרף איינקויפן צידה לדרך — גייט ער כאַרילאַ, פאַרהאַנדלען און אויסדינגען די פּרייזן...

אָבער פונדעסטוועגן איז זיין שכל פּאַרט אַ געזונטער — גוישער שכל.

שפּעטער, ווען מיר זיינען עולה לגדולה געוואָרן און ער איז ביי אונז געוואָרן אַ גאַנצער „קאָד־לעפל", האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז עס זאָל אים אויסקומען זיך צו באַגעגענען מיט איינעם פון די העכערע באַאַמטע פון דער פּאַרט־מאַכט. דער לעצטער האָט אים אַ פרעג געטון: „זאָגט מיר נאָר, ווי לאַנג וועט זי גדויערן, די עליה ב' זייערע?" „ביז די יידישע מדינה וועט אויפגעשטעלט ווערן" — האָט כאַ־רילאַ באַלד געענטפערט. כארילאַ וויל זיך מתגיר זיין און באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. אָבער קודם כל וויל ער אָנפירן מיט דער ערשטער שיף, וואָס פירט קיין ארץ־ישראל אומלעגאַלע עולים, כדי צו ווייזן זיי, די ענגלענדער און די אַראַבער, ווי יידן קומען אַריין אין ארץ־ישראל.

די פאַרהאַנדלונגען מיטן „שוואַרצן" פירן זיך ווייטער אין אַ שנעלן טעמפּאָ. די שיף זיינע איז אַ מיט אייזן באַשלאָגענע, מאָטאָר־שיף מיט זעגלען און מיט מאַסט־בוימער. זיין תקיפות און די זיכערקייט, מיט וועלכער ער רעדט, גיט אונז אויך צו מוט און שטאַרקט אונזער געפיל פון בטחון. אַז מיר האָבן אים אַ פרעג געטון, ווי אַזוי מיר וועלן איינגלעד אריינזעצן אונזערע מענטשן אין דער שיף, האָט ער, אויפן גריכישן שטייגער, אַ הויב געטון איין האַנט אין דער הויך און די צווייטע פאַרלייגט אויף הינטן, זיך אויפגעשטעלט און פונאַנדערגעשריען זיך: „וואָס? מיך וועט מען נישט לאָזן „אנלאַדענען"?. — פאַרוואָס מיר זיינען אַזוי זי־כער געווען, אַז די אָפּעראַציע וועט זיך אונז איינגעבן — איז אונז ביזן היינטיקן

טאָג נאָך אַלץ נישט קלאָר. אָבער דאָס דאָזיקע גריבנלאַנד איז געבענטשט מיט אַ סך אייזגוסן. ווו דו ווילסט נאָר, קענסטו „אויסבויען" אַ פּאָרט, אומעטום קען אַפילו אַ גרויסע שיף איר אַנקער אַרונטערלאָזן — און אַזאַ שיף ווי אונזערע אוודאי און אוודאי. אמת, די שיף שטייט אַ צוויי־דריי הונדערט מעטער ווייט פון ברעג, אָבער מען קען צוקומען צו איר אויף שיפלעך.

האַלטן מיר אַ קאַרטע פון גריבנלאַנד פאַר די אויגן און הערן נישט אויף צו זוכן — דער עיקר אַרום די ברעגעס ביי אַטיקאַ — עפּעס אַן אָרט אַ פּאַסיקן, ווו מען זאָל קענען פּאַראַנקערן אונזער שיף. עס זיינען שוין די לעצטע טעג. מאָרגן איבערמאָרגן דאַרפן אָנקומען אונזערע „פּאַסאַזשירן". וואָס טוט מען? דער מיט „דערפּאַרונג" באַלאַדענער חבר, וואָס געפינט זיך צווישן אונז, דערמאָנט זיך אַז די ציַיטן פון „וועלאָס", ווען עס זיינען פּלוצלונג אַראָפּגעקומען הונדערטער מענטשן און די באַן־באַאַמטע האָבן נישט געוווּסט פּשוט ווי זיך אַן עצה צו געבן מיט זיי. איז ער צוזאַמען מיט עטלעכע חברים געקומען אין קאָנטאַקט מיט די באַן־קאָנטראָלערן, און דער־לייִדיקט אַלץ וואָס איז געווען נויטיק. אַ טומל, אַ ליאַרם, אַ געשריי, אַ ים מיט פּעקלעך, אַן עולם אַ געדיכטער פון חלוצים, חלוצות און סתם יידן. אַזאַ מין ספּעקטאַקל איז ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די גויים, און אוודאי דרייען זיך אויך אַרום דאָ געהיימ־פּאָליציסטן פון ארץ־ישראל ספּעציעל אַראָפּגעקומענע אַהער, כדי אויסצושפּיאָנירן: די גאַנצע אונטערנעמונג קען נאָך חלילה ליידן אַ דורכפאַל. מיר האָבן זיך זייער געשראָקן פאַר די שעה, וואָס וועלן דורכגיין פון דעם מאָמענט, ווען אונזערע מענטשן וועלן אַרויסגיין פון וואַק־זאַל ביז זיי וועלן דערגרייכן די שיף, וואָס וואַרט אויף זיי. אין דער קורצער צייט קענען מיר חלילה „נכשל" ווערן. אויב אין דער באַן פאָרן אַ פינפאונזעכציק יידי־שע בחורים אין לעדערנע קורטקעס, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל, גלייך זיי וואָלטן זיך פאַרנומען אויף אַן עקסקורסיע — דאָס לייגט זיך נאָך ווי עס איז אויפן שכל. אָבער וואָס טוט מען מיט זייערע בלאַסע גרויסשטעטישע פּנימער? יעדעס מער־וויניק געניט אויג וועט דאָך תיכף דערקענען אין זיי יענע חברה־לייט, וואָס אַלץ אויף זיי זאָגט עדות, אַז זיי האָבן בדעה זיך „אַריינצוגנבענען" אין ארץ־ישראל... נאָך אַ קורצן ישוב הדעת האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר וועלן „שטיין שמירה" אַנטקעגן דעם וואָקזאַל און דער אויבן דערמאָנטער „דערפאַרענער" חבר וועט מיט אונזער „גוי" צופאָרן צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע פון אַטען, כדי מקבל פּנים צו זיין אונזערע פּאַסאַזשירן און בשעת מעשה אויך אַריינצוקנעלן אין זיי אַ פּרק אומגאַנג אויפן טוריסטישן שטייגער. מיר האָבן געבעטן גאָט, אַז די זון זאָל שיינען און נישט ווינט, נישט רעגן זאָלן אונז שטערן אין דער אַרבעט. די דאָזיקע געשעעניש האָט זיך צוגעטראָפן דעם 31־סטן דעצעמבער. אין שטאָט האָט געהערשט אַן ערב יום־טוב־באַוועגונג. דאָס איז דווקא געווען ווי געוווּנטשן פאַר אונזער אונטערנעמונג. אָט קומען זיי שוין אָן. אָט איז דער „דערפאַרענער" חבר און אָט באַווייזן זיך אויך די ערשטע חלוצישע פּנימער. זיי שטעלן טריט ווי אויף אַ פרעמדן באָדן. אָט זיצן זיי שוין אין די אויטאָבוסן — און מיר, איילן הינטער זיי אין אַן אויטאָ.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף אַן אָרט, האָבן מיר זיי שוין געהאַט איבער־געיאָגט. די אויטאָבוסן האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן פּאָרט. די פישער־שיפלעך, וואָס האָבן געזאָלט זיי ברענגען צו דער שיף, זיינען שוין געשטאַנען גרייט. איך און

דער „דערפארענער" חבר לאזן זיך אויף א שפאצירגאנג, מיר גייען ארויף אויף איינעם פון די שכנותדיקע בערגלעך און קוקן ארונטער אויף דעם פראכטפולן איינגוס. פון דערווייטנס שטארצן ארויס די פעלאפאנעזישע מיט שניי באדעקטע בערג, לינקס זעט מען — די אין גרינס איינגעטונקענע בערג לענגאויס דעם וועג, וואס פירט קיין אטען. און דא ליגט זיך א שיף אין אט דעם קליינעם איינגוס. אט נעמט זי שוין איינשלינגען חלוצים וואס קומען צו איר צו אויף לאדקעס, איינע נאך דער אנדערער. אונזער „מאברוס" גייט אריין אין ביורא פון דער פארט־פאליציי, וואס געפינט זיך א היפש שטיקל וועג ווייט פון דעם ארט, וווּ אונזער שיף ליגט. ער פארבלייבט אבער דארט לענגער ווי עס איז געווען פארויסגעזען. א שרעק כאפט אונז אן. „מיר דוכט זיך, רוף איך זיך אן צו מיין חבר, אז מיר וועלן שוין דא בלייבן שטיין אויפן בערגל, ווי נאפאלעאן בשעתו פאר די טויערן פון מאסקווע און אז מיר וועלן דא מיט אונזערע אייגענע אויגן זען אונזער ערשטע מפלה". סוף כל סוף באווייזט זיך ווידער דער „שווארצער", ער לאזט זיך צו דער שיף. אבער זיין גאנג, באמערקן מיר, איז נישט דער ווי אלעמאל, ס'איז אן אנדער הילוך, אן אנדער ריטם. נישט אזוי גייט תמיד דער „שווארצער". מן הסתם איז עפעס געשען — ציטערט אין אונז דאס הארץ. אין א פאר מינוטן ארום שפרינגט ארויס פון ביורא א פאליציאנט, יאגט אים אן אין מיטן וועג און צווינגט אים זיך אומצוקערן.

עס האט גענומען ווערן טונקל. דער „מעקלער" איז געקומען צולויפן צו אונז, מיר באשליסן, ער זאל זיך תיכף צוריקערן, און זאל בלייבן דארט אויפן ארט און זיין גרייט על כל צרה שלא תבוא. מיר ביידע גייען דערווייל ארויף אויפן בריק איבער דעם קארינטער קאנאל. נעבן בריק איז פוסט, ליידיק, נישט ווייט פון אים אן איינזאמער שענק. הארט ביים בריק שטייט א שומר. מיר גייען אהין און צוריק.

די זון האלט ביים אונטערגיין. צי האלט אויך נישט אונזער ענין, — פיקט מיר א געדאנק אין מוח, — ביי דער שקיעה? — אן שום ספק האט זיך אריינגעכאפט א שטערונג א גרויסע, די פארט־פאליציי האט זיך אריינגעמישט אין אונזער אונטערנעמונג און לייגט שטיינער אין וועג, בכל אופן גייט נישט אלץ כשורה. די עולים, זיי ווערט גארנישט נישט געשען: קען זיין, אז זיי וועלן אפקומען מיט עפעס א גרינגן קנס און אפשר וועט מען זיי בכלל נישט טשעפען, נישט דאס איז אונזער הויפט־דאגה. וואס אונז עקבערט, איז דער דורכפאל פון דעם עצם ענין, פון דער עליה. צי האבן מיר דען נישט געדארפט לכתחילה פארויסזען, די געפאר? ווי אזוי זיינען מיר דערגאנגען דערצו? צי זיינען מיר גופא נישט שולדיק אין אונזער מפלה? זיינען מיר דען נישט ווערט מלקות? — די געדאנקען יאגן איינער דעם צווייטן, פארפלאנטערן זיך, זיי פייניקן אונז. עס ווערט פינצטער. מיר באמיען זיך ארויסצושלאגן די פיינטלעכע געדאנקען פון קאפ. עס איז שוין געווען שפעט אינדערנאכט, ווען דער „מעקלער" איז געקומען צולויפן צו פוס א פארשוויצטער, א פארסאפעטער. ס'איז שווער ארויסצוקריגן פון אים אווארט. קורץ, עס איז ביטער. דער „שווארצער" איז איינגעזייפט. ביי אונזער שיף שטייט א וואך.

מיר האבן באשלאסן, אז אלע, וואס געפינען זיך דא, זאלן דערווייל בלייבן, און מיר וועלן פארן אין שטאט אליארמירן אונזערע גוטע פריינט, זיי זאלן איינטערוועניר, זיי זאלן זיך משתדל זיין פאר אונזער שיף און פאר אונזער אונטערנעמונג. דאס אלץ ווערט באשלאסן כמעט אן ווערטער, אויפן ווונק, ווייל עס איז

שווער געווען צו רעדן און יעדער האָט געוואָלט אויסמיידן צו קוקן דעם צווייטן אין די אויגן אַריין. מיר גייען אַרום אויפן שאָסיי. עס געלונגט אונז על פּי צופאַל צו טרעפן אַן אויטאָ. שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר געקומען אין אַטען. ביז דריי אַזייגער ביינאַכט בין איך געזעסן מיטן „דערפאַרענעם" חבר און מיר האָבן איינאייר נעם אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

די נאַכט האָט זיך געצויגן, געצויגן: אַ שווערע מאַטמדיקע נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט. ערשט באַגינען האָט זיך אונז איינגעגעבן צו כאַפּן אַ דרעמל. אַ קלונג פון דעם טיר־גלעקל האָט מיך אויפגעוועקט. אונזער אַדוואָקאַט איז געקומען. איך בין תיכף מיט אים אַוועק צו דער שיף. בינו לבינו האָט די פּאָרט־פּאָליציי זי שוין געהאַט אַריבערגעפירט אויף אַ צווייטן אָרט, אין אַ גאָר ווינקל געגנט. פאַר דער מלחמה זיינען דאָ געווען ערץ־גרובן, וואָס זיינען — וואַרשיינלעך, שוין געגעצלעך אויסגענוצט געוואָרן, און אַלע איינוווינער פונם דאָרף זיינען אַוועק פון דאַנען. נישטאָ קיין לעבעדיק נפש אַרום און אַרום. און דאָ, אין דעם איינגום שטייט איצט אונזער שיף.

איך האָב דאָ געזאָלט בלייבן ביז צום אָוונט, ביז צום אָפּפאָר פון אונזער שיף, ווייל אין צווישנצייט איז דער ענין נאָך אַ סך אינטערווענצן דערליידיקט געוואָרן און די עולים האָבן דעם אייגענעם טאָג נאָך, דעם ערשטן יאַנואַר 1938, פאַרנאַכט, געזאָלט אָפּפאָרן.

לאַנג קומט מיר אויס די צייט. איך גיי אום צווישן די חורבות. די טיפע רו, וואָס הערשט דאָ און די וויסטענישׁ אַרום און אַרום האַמערן אויס מיין גייסטיקן צושטאַנד. איך קוק לאַנג אויף אונזער שיף, אויף „פּאַסיידאָן", אָבער מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן, ווייל אַ באַפעל האָבן זיי באַקומען, נישט באַווייזן זיך אויפן דעק נאָר בלייבן פאַרשטעקט אין מאַגאַזין. איך זע, ווי אַ רויך שלענגלט זיך אַרום פונם קליינעם קיך־קוימען און דאָס האַרץ פרייט זיך אין מיר, ווייל איך ווייס, אַז אין דער שיף איז פאַראַן לעבן, אַז די שיף פירט אונזערע בחורים אַוועק אין אַ לאַנגן, שווערן וועג.

ד נ י

## דער רוף פון אַ חלוצים־צונויפפאָר: עפנט די טויערן!

— עס איז אָוונט. דאָס עס־צימער פון קיבוץ איז אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן; היינט קומט פאָר אַ כינוס און אַלע פּלוגות פון דער געגנט זיינען זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג. ס'איז לעבעדיק־פריילעך, מען טומלט זיך, איינער פרייט זיך מיטן צווייטן, מען זינגט, מען לאַכט.

אַ שיין פּאַלט אויפן פּלאַקאַט, וואָס הענגט אויף דער וואַנט: „נישט געקוקט אויף אַלץ וועלן מיר עולה זיין". אַלע פּנים'ער זיינען ערנסט.

אַ חבר פון אָרטיקן קיבוץ עפנט די באַראַטונג. ער רעדט וועגן דער גרויסער חשיבות פון דעם היינטיקן כינוס, וועגן דעם שווערן קאַמף, וואָס שטייט נאָך פאָר, און וועגן דער גוואַלטיקער ענערגיע, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דעם גאַנצן

ישוב, און פאַדערט די אויסלייזונג פון לאַנד. ער דערמאָנט די חברים, וואָס זיינען געפאַלן אין ארץ ישראל אויף זייערע פאָסטנס, אויף דער וואַך פון די קבוצות און ביי דער אַרבעט. אַ ציטער גייט דורך דורכן זאַל: אַלע געדענקען זיי נאָך זייער גוט. דאָ נישט לאַנג זיינען זיי נאָך געשטאַנען אין אונזערע רייען — און אַט זיינען זיי שוין מער נישט צווישן די לעבעדיקע. זיי האָבן זייער שליחות אויסגעפירט ביז צום סוף. מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דער חבר שטעלט זיך אָפּ אויף דעם איצטיקן מצב און אויף די נאָענטסטע אויפגאַבן אונזערע. דאָס וויכטיקסטע ביים היינטיקן טאָג איז: איין מחנה אין קאַמף פאַר דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס איז מוכן ומזומן עולה צו זיין. דאָס אַלץ איז אַלעמען גוט באַקאַנט, אָבער עס שאַדט נישט דאָס נאָכאַמאָל צו דערמאָנען. די דאָזיקע רייד קלינגען תמיד ווי ניי. מיר טאָרן דאָס אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן.

דעם אַנדערן טאָג דאַרפן זיך אַרויסזאָגן די אַנדערע חברים. וואָס פאַר אַ שטעלונג וועלן זיי אָננעמען? וואָס וועלן זיי מחדש זיין? — מען שושקעט זיך אין זאַל. און אָט הויבט זיך אויף אַ שטים אַ שטאַרקע, אַ שטים פון אַ חבר, וואָס באַטויבט אַלע קווענקלענישן, אַלע „טאָמערס". און די דאָזיקע שטים דערקלערט: „נישטאָ קיין לופט מער צו אָטעמען, נישטאָ קיין אויסוועג, ביידע טירן זיינען פאַרשפאַרט: די טיר צו דער עליה און די טיר צו דער הכשרה. לאָמיר אויפרייסן ביידע טירן. גיט מען אונז נישט די עליה מיט גוטן, וועלן מיר זי נעמען מיט געוואַלט, יאָ, מיט געוואַלט. מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן. די חלוצישע באַוועגונג ווייס נישט פון קיין פשרות. — — —

און אַזוי האָט זיך דער אָטעם פון אָט דער דאָזיקער שטים אַריבערגעוואָרפן פון איינעם צום צווייטן. און געדוכט האָט זיך, אַז מען הערט עפּעס אַ ליד אויפשטייגן פון דער טיפעניש פון הארצן. ווי אַ נס וואָלט דאָ געשען, אַן אומבאַגרייפלעכער וואונדער. נאָר אָט פאַרשווינדט דער וואונדער און אויף זיין אָרט קומט אַרויס די פרייד, די פרייד פון אַ מענטשן, וואָס האָט צוריקגעפונען דעם פאָדעם פון זיין לעבן.

דער חבר פון מרכז פירט אויס אין זיין שלום-רעדע: „זאָל דער כינוס אונזערער גילטן ווי אַ נייער כינוס, ווייל ער האָט אונז באַנייט. מיר האָבן געשטרעבט געוואַלט זען ביי אונז אַלעמען גרייטקייט און אַ מחנה וואָס איז אינערלעך מאָראַליש פעסט און גרייט — וועט באַווייזן וואונדער: די טויערן וועלן זיך עפענען".

מ א י ר   ב ל י ז א ו ו ס ק י

יוני 1937

# „און צונויפגעקליבן האָט ער זיי פון אַלע לענדער — צום אָרט פון זייער באַגער"

## די וואָס לאָזן זיך אין ים אויף שיפלעך

1938. די טעג זיינען טעג פון העפלה, מעפּילים פון פּוילישע קיבוצים זיינען עולה קיין ארץ־ישראל. דער „באַראַכאָוו־קיבוץ" האָט זיך איינגעהילט אין סודות. טאָג פאַר טאָג באַווייזט זיך אין דער וואַנט־צייטונג אַ נייע נעמען־רשימה פון חברים, וואָס האָבן געקראָגן „אורלויב" צו גיין אָפּשטאַטן אַ באַזוך זייערע פאַמי־ליעס. לכתחילה איז די זאַך געווען אַ ביסל קשה: סטייטש, עס פעלן אַזוי אויס אַרבעט־הענט, און דאָ לאָזט מען די חברים אָפּ צו זיך אַהיים? נאָר באַלד איז דער ענין געוואָרן אַ „סוד פאַר גאַנץ בראַד", די טעמים און די מאָטיוון פון דעם דאָ־זיקן „אורלויב" האָט שוין איטלעכער פון אונז געקענט. כאָטש אויף די פאַרזאַמ־לונגען איז פון דעם דאָזיקן „אורלויב" גאָר קיין רייד נישט געווען, האָט מען גע־וווסט, אַז די חברים האָבן „געוווּנען דאָס גרויסע געווינס".

אַ געניט אויג וואָלט תיכף געקענט באַמערקן די ענדערונג אין דער האַלטונג פון די דאָזיקע חברים, די פרייד, וואָס האָט אין איטלעכער באַוועגונג זייערער זיך געצאַפּלט. אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אַ שווערער וואָלקן האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן קיבוץ. עס זיינען נישט געווען קיין שום ידיעות וועגן גורל פון די חברים, וואָס האָבן זיך געהאַט געלאָזט אין וועג אַריין. וואָכן זיינען פאַר־גאַנגען נאָך וואָכן — און גאָרנישט, מען ווייס נישט ווו זיי זיינען אַהינגעקומען. די דאָזיקע אומגעוויסהייט פּייניקט אַלעמען, אָבער קיינער פרעגט נישט, קיינער רעדט נישט וועגן דעם. ווען עס וואָלטן געווען גוטע נייעס, וואָלט מען זיי דאָך באַלד אַלעמען געגעבן צו וויסן. אומעטיק, צעבראָכן האָט זיך יעדערער פון אונז געפילט. צי זיינען זיי נישט אַמאָל, האָט מען זיך געפרעגט, געכאַפּט געוואָרן ביי די טויערן פון לאַנד?

איינעם אַן אָוונט אַזאַ האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן איז געקומען מיט אַ באַזוך אין קיבוץ. חברה איז תיכף געלאָפן אין עס־צימער, מען האָט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן: זאָל ער אַ ליד זיינס לייע־נען, זאָל ער אויפמונטערן די געמיטער מיט עפּעס אַ וואָרט.

י. ק. האָט אַרויסגעצויגן פון זיין קעשענע אַ תנ"ך'ל, האָט אויפגעמישט תהי־לים און אַן אַ שום הקדמה האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען פסוקים פון קאַפּיטל ק"ז:

„און צונויפגעקליבן האָט ער זיי פון אַלע לענדער, אי פון מזרח, אי פון מערב, אי פון צפון, אי פון דרום...

אַלע די, וואָס זיינען אין דער פינצטערניש געזעסן, אַלע אַרעסטאַנטן, אין קייטן אייזערנע, אין עלנט און אין פּיין געשמידטע...

ווײל צעבראָכן האָט ער אַלע טירן קופּערנע און די רינגלען אײזערנע האָט ער צעשניטן...

די וואָס לאָזן זיך אין ים אויף שיפן, די וואָס קוועלן זיך און האָרעווען אויף דער
טיפעניש פון ווײטע ימים

ביז צום הימל ווערן זײ געשלײדערט, אין אַ תהום אַרײנגעוואָרפן, דאָס געמיט גײט
שיעור נישט אויס פאַר פּײן.

שאָקלען זיך און טרײסלען זיך ווי שיכורע און גאָר די חכמה זײערע פאַרשלונגען ווערט...

און אײנשטילן וועט ער דעם שטורעם און וועט די כוואַליעס הײסן שווײגן.

וועלן זײ זיך פרײען, וואָס די כוואַליעס זײנען שטום געוואָרן. און ער וועט זײ פירן
דאַן צום אָרט פון זײער באַגער".—

דער דיכטער האָט קײן שום קאָמענטאַר נישט צוגעגעבן. און די דאָזיקע פּסוקים האָבן אונז אַלעמען באַרואיקט. אַלע חברים האָבן געפילט, אַז די דאָזיקע ווערטער זײנען געווען ווי אַ בשורה. די וואָס לאָזן זיך אין ים וועלן טאַקע צוקומען צום אָרט, וווהין זײ פאָרן.

די וואָס האָבן זיך געלאָזט אויף די ימים, זײנען טאַקע בשלום אָנגעקומען צום אָרט פון זײער באַגער.

מ ר ד כ י ה אַ ל ט ע ר

# דער לײדנס־וועג איבער די גרענעצן

אין יענער און אין די ווײטערדיקע נעכט האָב איך געהאַט אַ לאַנגן ישוב הדעת מיט זיך אַלײן. געגוויטיקט האָט זיך אין מיר דאָס קלײנע, זיך צעפּאַלנדיקע לאַנד פון מײן געבורט (טשעכאָסלאָוואַקײ — איבערז.) און גערופן האָט מיך אויך מײן פאָטערלאַנד — ארץ־ישראל.

איך האָב אָבער באַשלאָסן צו ענטפערן אויפן רוף פון מײן אויסגעבענקטן פאָטערלאַנד: איך פאָר קײן ארץ־ישראל.

די רומענישע גרענעץ איז נישט שווער אַריבערצוגײן. די גאַנצע געגנט אַרום און אַרום און די ברעגעס פון דער טיסע זײנען מיר באַקאַנט נאָך פון קינדהײט אָן. דער טײך איז נישט ברײט און נישט טיף — און אָנגעזען האָט ער זיך שוין גענוג אָפּעראַציעס אַזעלכע. אין די נעכט פלעגט מען אַריבערשמוגלען איבער אים די סחורות פון רומעניע, ווו אַלץ איז געווען שפּאָט ביליק, און נישט אײן שלים־מזל פלעגט זיך „קוואַפּען" אויף זײ. און יעדער, וואָס רעדט אַ טשעכיש, אַ רומעניש און איז אויסגעמישט מיט די אָרטיקע מענטשן, קען לײכט מיט אַ פּראָוויזאָרישער גרענעץ־קאַרטע, וואָס מען קריגט פאַר אַ פּאָר קראָנען, אַריבערגײן די גרענעץ.

אין סיגעט האָב איך זיך געטראָפן מיט אַלטע באַקאַנטע מײנע. איך האָב פון די דאָזיקע באַגעגענישן גאָר קײן הנאה נישט געהאַט, ווײל זײ האָבן געשמעקט מיט סכנה. וכך הוה. איך בין טאַקע אַרײנגעפאַלן אויף אײן טאָג אין

טורמע צוליב אַ מסירה פון איינעם אַ יידן. יום־כּפּור האָט מען מיך אַריבערגע־פירט קיין קלוש.

דאָס וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין רומעניע איז געווען אַ מין פאַרגע־שמאַק פון די ענויים קשים, וואָס די עליה איז אַזוי רייך אין זיי. די סביבה גופא, די אָרעמקייט פונעם פאָלק און די קאָרופּציע פון די באַאַמטע, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. ווו דו גייסט און שטייסט, זעסטו און פילסטו אָפּ־געשטאַנענקייט און דעספּאָטיזם און אומעטום אַ שרעקלעכע קאָרופּציע. געוווּנ־דערט האָב איך זיך, וואָס נישט איז באַן, נישט אין די וואַרט־זאַלן פון אַ וואָס פּאַר אַ נישט איז אמת, נישט אין רעסטאָראַן און נישט אין אַן אַנדער עפנטלעכן אָרט, — האָב איך קיינמאָל נישט באַגעגנט אַ מענטשן מיט אַ צייטונג אין דער האַנט.

צוויי וואָכן לאַנג האָב איך געוואַרט אין טורמע אויף אַ מיליטערישן משפּט. דאָס מיליטער־געריכט האָט מיר נאָכדעם צוגעפּסקנט אַ חודש תּפיסה. מען האָט מיך אַריבערגעפירט אין אָראַדעיאַ. דאָרט האָבן מיר פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אמתער תּפיסה. די אויפזעער אונזערע זיינען געווען גראָבע יונגען, — אַרעס־טאַנטן, וואָס האָבן אין טורמע גופא „עולה לגדולה״ געווען, אָדער סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געפליסט אויסצופירן געטריי זייער וועכטער־ראָל. דאָס אויסזען און דער הילוך פון די דאָזיקע „אויפזעער״ זיינען געווען נעבעכדיקע ביז גאָר: זיי זיי־נען געגאַנגען אַנגעטון קרועה־בלואה, שטענדיק שמוציקע און פאַרבלאָטיקטע — אַז אַן עקל האָט אַזש אָנגעכאַפּט, קוקנדיק אויף זיי. געטראָגן אויף זיך האָבן זיי נישט מער ווי אַ העמד און אַ פּאָר הויזן, און קיינמאָל האָט מען זיי נישט געזען אַן אַ נאַגייקע אין דער האַנט. זיי פלעגן אונדז אויפוועקן אינדערפרי, געבן אונדז גאַנצע צוויי מינוט צייט אויף צו מאַכן אונזער טואַלעט און דערנאָך פלעגן זיי אונדז אויסשטעלן אין רייען, מיר זאָלן דאַווענען בציבור. אָבער אפילו די דאָזיקע „פרומע קאָמאַנדאָ״ פלעגט אויך נישט פאַרבייגיין אָן קלעפּ. נאָך אַ מאַמעליגאַ־פרישטיק פלעגט מען אונדז פירן אין ריי גלייך צו די שטיין־גרובן. די אַרבעט־מכשירים טויגן נישט צו דער אַרבעט. די מוסקלען טוען ווי, אין די שלייפן פּויקט — און אַ וועלכן נישט איז רעזולטאַט פון דער אַרבעט זעט מען נישט. נאָך אַ קורצער הפסקה אויף מיטאָג — אַ געקעכץ אַזאַ, פון פאַרפוילטע רעשטלעך קרויט און אַ שטיק מאַמעליגאַ־געבעקס — נעמען מיר זיך ווידער צו דער אַרבעט ביז אין דער נאַכט אַריין. אין קאָמאַנדאָ־טריט קערן מיר זיך אום צוריק אין טורמע, דערביי פלעגן מיר באַקומען ביטערע שלעק פאַרן נישט האַלטן זיך אין דער ריי און פאַר יעדן אמתן אָדער אויס־געטראַכטן — דורך די אויפזעער — אָפּשטיין פון דער גרופּע.

אין דער נאַכט פלעגן מיר אין דער תּפיסה שיעור, שיעור נישט דערשטיקט ווערן פאַר ענגשאַפט און פון דער שלעכטער לופט: לייז זיינען געקראָכן אויף אונזערע לייבער און אַ האַרץ־רייסנדיק געזיפצערײ פלעגט אָנפילן די לופט פון די צע־לעס. מיר האָבן אָבער געהאָפט, אַז אין קורצן וועט זיך ענדיקן אונזער אַרעסט, און מיר וועלן באַפרייט ווערן פון אָט די שלעק.

אין איינער אַ נאַכט, אַרום 12, האָט מען אונדז צוגעפירט צו דער גרעניץ. מיר האָבן לייכטער אָפּגעטעמט: נאָך 5 קילאָמעטער — און מיר וועלן זיין אין אונגאַרן. געוווּסט האָבן מיר, אַז אויך דאָרט וועלן מיר נישט געפינען קיין רו,

אונזער אויסרעכענונג איז אָבער געווען, אַז די מאַדיאַרן וועלן אונז כאַפּן און צו־ריקפירן דאָרט, פון וואַנען מיר זיינען געקומען. און דעמאָלט וועלן מיר דערגרייכן די ברעגעס.

געטיילט האָבן זיי אונז אין גרופּן און פון צייט צו צייט אַריבערגעוואָרפן אי־בער דער גרענעץ. די גרופּן זיינען באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליקער, אַמאָל אויך פון הונדערטער. די געשיכטע פון אַט די פּליטים, וואָס זיינען טעג־ און וואָכן־לאַנג געזעסן אויף די גרעניצן — דאָס איז אַ פּרשה פאַר זיך. איך האָב געקענט מענטשן, וואָס האָבן אַזוי געוואָגלט איבער אַלע צענטראַלע און דרום־אייראָפּע־אישע לענדער. אָפּגעשטאַנענע צוליב שוואַכקייט האָט מען אונטערגעטריבן מיט ביקסן־שפּיזן. און רייך איז אויך די כראָניק פון די אומגליקס־פאַלן צווישן די דאָ־זיקע וואַנדערער. אָט איז אַ געשיכטע פון אַ קליין יינגעלע, וואָס האָט מיט אַ געשריי איבערגעריסן די נאַכט־שטילקייט און איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. און אָט אַ געשיכטע פון אַ חבר פון דער „דרור"־באַוועגונג, וועמען מען האָט צווישן דער אונגאַרישער און יוגאָסלאַווישער גרעניץ, מיט דער קאָלבע פון אַ ביקס — דעם פּוס צעבראָכן. און אָט אַ געשיכטע מיט אַ משפּחה פון בראַטיסלאַוואַ...

פיר מאָל האָט מען מיך איבערגעפירט פון איין גרעניץ צו דער אַנדערער. איך געדענק נאָך גוט אָט יענע נאַכט, ווען מיר זיינען זאַלבע צען, מענטשן פון טשע־כיע, דייטשלאַנד און פּוילן, געגאַנגען אין איין שורה, איינער נאָכן אַנדערן אי־בער אַ שמאָלער וואַלד־סטעזשקע. הינטער מיר איז געגאַנגען אַן אַלטער ייד, אַ זקן, נאָך אים — דער וועכטער. איך האָב געפילט איטלעכן קלאַפּ, וואָס דער זקן פלעגט באַקומען, און נישט אַרויסלאָזן דערביי אפילו קיין קרעכץ. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און פאַרויסגעלאָזט פאַר מיר דעם אַלטיטשקן. אַזוי ווי איך האָב אויף מיינע פּלייצעס געטראָגן אַ רוקזאַק — האָט דער וועכטער מיר אַ זעץ געגעבן אי־בערן עלנבויגן — דאָס מעסער האָט מיר דורכגעשטאָכן דאָס פלייש ביז צום ביין. ביים אָפּרוען זיך האָבן די „געזעץ־היטער" געריצט זיך מיט אונז: „פאַרוואָס האָט איר דערמאָרדעט יעזוסן?" — צעבראָכענע און צעניזוקטע זיינען מיר פון זיי קוים פּטור געוואָרן נישט ווייט פון דער גרענעץ.

„מבפנים"

# אַ סאָלדאַט אויפן העפּלה־פּראָנט

נאָכן געלונגענעם פּרווו מיט דער שיף „פּאָסיידאָן", (יאַנואַר 1938) וועלכע האָט איבערגעפירט 65 ותיקים פון דער הכשרה אין פּוילן, איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרצוזעצן די אַקציע אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב.

ווען איך בין אָנגעקומען אויפן אָרט, איז שוין די שיף געווען געדונגען און איך האָב נאָר געדאַרפט פעסטשטעלן, אויף וויפיל זי איז באַוועגונגס־פעאיק, וועלכע זיינען די שלאָף־באַדינגונגען, וואָס איז דער צושטאַנד פון די פּראָוויאַנט־מאַגאַ־זינען און פון די לאַדקעס, אויף וועלכע מען וועט אַראָפּזעצן די מענטשן אא"וו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָב איך זיך געטראָפן מיט די שיף־אייגנטימער און מיטן שטייערמאַן. די שיף־אייגנטימער זיינען געווען צוויי ברידער פון דער גריכישער קליין־בורזשואַזיע, וועלכע פאַרמאָגן געוויינלעך אַ צוויי־דריי קליינע שיפ־

לער. אונטערן דרוק פון חובות האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרנעמען זיך מיט אַט אַזאַ אַרבעט. דער אייגנטלעכער בעל־הבית פון דער שיף איז געווען איינער פון די ברי־דער, וועלכן מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „איטאַליענער", אַ מאַן פון אַ יאָר 38, אַן איידעלער און דעליקאַטער לויט זיין אויסערלעכקייט, אָבער ביטרע ווי אַלע גריכן און אַ שווער־קראַנקער.

די 230 טאָניקע שיף איז געווען פאַראַנקערט אין דעם סאַמע שמוציקסטן דרום־מערבדיקן טייל פון פירעאוסישן פּאָרט, אינצווישן פון 80 ביז 100 פאַרלאָ־זענע שיפלעך, וואָס זייער אויפנאַמס־קראַפט איז געווען פון 100 ביז 1500 טאָן.

אונזער שיפל, מיט וועלכן מיר האָבן געדאַרפט אָנהויבן די אַרבעט איז גע־ווען באַדעקט מיט אַ גדיכטער שטויב־שיכט. דערזעענדיק דאָס שיפל, איז מיין ער־שטער געפיל געווען: שרעק. איך האָב דאָך געוווּסט, אַז די 130 מאַן, וואָס דאַרפן דוקא איצט, אין די קאַלטע טעג פון סוף ווינטער, אַפּשווימען אויף דעם שיפל, נישט נאָר וואָס זיי זיינען נישט קיין ים־מענטשן, נאָר זיי זעען דעם ים צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן. און איך האָב מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך נישט קענען באַפרייען פון נידערגעשלאָגנקייט במשך דער גאַנצער צייט פון זייער לאַנ־גער, לאַנגער רייזע. דער באַוווּסטזיין אָבער, אַז די מענטשן מוזן דערגרייכן זייער ציל און דוקא מיט דער הילף פון אָט דעם שיפל — ווייל קיין אַנדערס איז נישטאָ — האָט מיר צוגעגעבן מוט. דערמוטיקט האָט מיר אויך די גרייטקייט פון דער אַרבעטער־גרופּע, פון וועלכער אַ טייל האָט זיך שוין געפונען אויף דער שיף, דורכ־צומאַכן דעם וועג, אַפילו אין די ערגסטע באַדינגונגען.

נאָך אַ גרינדלעכן איבערקוקן די שיף און נאָכדעם ווי איך האָב זיך שוין אַביסל צוגעוווינט צו איר אויסזען, האָב איך באַשלאָסן צו באַשטעטיקן דאָס אַפּשווימען מיט איר.

אויך דער צוזאַמענטרעף מיטן שטייערמאַן פון דער שיף האָט מיר צוגעגעבן מוט. פאַרמאָגט האָט ער אָט יענע גרויסע מעלות פון די אינטעליגענטע גריכישע ים־מענטשן. געשטאַמט האָט ער פון די גריכישע אינזלען, אַ מאַן פון אַ יאָר 50 אָדער אפשר נאָך עלטער, אַ שטילשווייגנדיקער, גוט־האַרציקער, און דער עיקר — ער טוט זיין אַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט. אים דאַרפן מיר באַדאַנקען, וואָס אונזער רייזע איז געלונגען.

נאָכן פאַרענדיקן אַלע טעכנישע צוגרייטונגען, איין טאָג פאַרן אָנקומען פון אונזערע מענטשן, האָבן מיר פאַרלאָזן דעם פּאָרט פירעאוס און אַוועק צום אויס־גאַנגס־פּאָרט. בכדי גוט און גרינטלעך צו באַקענען זיך מיט דער שיף, האָב איך באַ־שלאָסן דורכצומאַכן דעם וועג פון פירעאוס ביז צום אויסגאַנגס־פּאָרט אויף דער שיף, און נישט צו וואַרטן אין שטאָט ביז די עולים וועלן קומען.

דעם 19־טן אַפּריל 1938 — צום צווייטן יאָרטאָג פון אויסברוך פון די גע־שעענישן אין ארץ ישראל — איז, אין דער באַגלייטונג פון אונזערם אַ חבר, אָנ־געקומען אין פּאָרט אַריין אַ גרופּע פון 128 בחורים און בחורות, אַלטע הכשרה־מיטגלידער פון פּוילן.

פאַרנאַכט, ווען דער לעצטער פון דער גרופּע איז אַרויף אויף דער שיף, האָבן זיך דערהערט דריי סירענע־פייפן. מיר האָבן אויפגעהויבן דעם אַנקער און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. אויף דעם עגעאישן ים פאַרעכנט זיך נאָך דער חודש אַפּריל צו די ווינטער חדשים, און דער ים האָט אונז טאַקע זייער „פריילעך" אויפגענומען,

אזוי, אז נאָך עטלעכע שעה זיינען מיר געווען געצוווּנגען צו זוכן שוץ ביי איינעם פון די נאָענטע אינזלען. געבליבן זיינען מיר דאָרט אַ גאַנצן טאָג און ערשט אויף צומאָרגנס, ווען דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, האָבן מיר פאָרגעזעצט אונדזער וועג.

די צייט, וואָס מיר זיינען געשטאַנען ביים אינזל האָבן מיר אויסגענוצט פאַר איינפירן די נויטיקע אָרדנונגס־געזעצן און אַרבעטס־פאַרטיילונג, וואָס דאַרפן גילטן במשך דער גאַנצער צייט פון אונזער רייזע, וועלכע וועט, ווער ווייס, ווען זיך ענדיקן. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן קאָמיסיעס פאַר: אַפּראָוויזאַציע, געזונטהייט און קולטור. אויך די אַרבעט אין קיך איז צעטיילט געוואָרן אא״וו. און ווען מיר האָבן — אויסגערוטע און ביי אַ געהויבענער שטימונג — ווידער זיך געלאָזט אין ווייטן אַריין, נאָכדעם ווי דער ים האָט זיך איינגעשטילט — האָט אַלץ אויף דער שיף געקלאַפּט, ווי עס דאַרף צו זיין.

אַ וויכטיק קאַפּיטל איז געווען דאָס צוזאַמענלעבן זיך פון דער מעפּילים־גרופּע. מענטשן, וואָס האָבן בכלל זיך נישט געקענט, האָבן באַלד געמוזט זיך צוגעוווינען צו די באַדינגונגען פון אַבסאָלוטן קאָלעקטיוון לעבנס־שטייגער, וואָס דריקט זיך אויס קודם כל אינם פּראָבלעם פון עסן. דעריבער האָט די אויפגאַבע פון דער אַפּראָוויזאַציע־קאָמיסיע נישט געהערט צו די לייכטע. מען האָט געמוזט צעטיילן די גרופּן און באַשטימען אַ סדר ביים עסן לויט דער פּאַרטייאישער צוגעהעריקייט. די קאָמיסיע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען, האָט געמוזט קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג וועגן דער צייט פון עסן און וועגן דעם אַנטייל פון יעדער גרופּע ביים דערלאַנגען צום טיש און ביי דער קיך־אַרבעט. די דיסציפּלין איז געווען אַ שאַרפע, אָבער די מענטשן האָבן דעם דאָזיקן אורטייל גענומען אויף זיך באהבה און די קיך האָט געאַרבעט 24 שעה אין מעת־לעת.

דער זאַפּאַס פון טרינק־וואַסער האָט געקענט סטייען דריי מאָל אַזוי פיל, וויפיל די רייזע האָט געדאַרפט דויערן. פונדעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן צו באַגרעניצן באַלד פון אָנהויב דעם צוטייל פון וואַסער ביז צו אַ מינימום, ווייל קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס דער מאָרגן קען ברענגען. וואַשן זיך ווי אויך שווענקען דאָס געשיר האָט מען געקענט נאָר מיט ים־וואַסער, און דאָס זיסע־וואַסער איז באַשטימט געווען נאָר צום טרינקען און צום קאָכן. שווער איז דעריבער פון אָנפאַנג געווען די אויפגאַבע פונעם שומר ביים וואַסער־קראַן, אָבער מיט דער צייט האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז די פאַראָרדנונג איז דאָך פאַר זייער טובה און זיי האָבן זי אָנגענומען.

די שווערסטע אויפגאַבע איז געלעגן אויף דער קאָמיסיע פאַר ריינקייט און געזונטהייט. זי האָט געמוזט באַשטימען די מענטשן צום רייניקן די מאַגאַזינען, וועלכע האָבן געדינט אַלס שלאָף־צימערן, ווי אויך, דעם דעק און ביידע פּרימיטיוו־איינגעאָרדנטע קלאָזעטן, וואָס די ריי לעבן זיי איז געשטאַנען אי בייטאָג אי ביינאַכט. די קאָמיסיע און אירע מיטהעלפער האָבן דערפילט זייער חוב בשלמות און אַ דאַנק דעם האָט מען אויסגעמיטן דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון קראַנקייטן, ווי עס טרעפט שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן.

געווען זיינען אויף דער שיף אַלע רעגן־בויגן־קאָלירן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, טראָץ דעם אָבער האָט צווישן זיי געהערשט אַ טיף־חברישע באַציונג.

הגם עס איז נישט געווען קיין געמיינזאַמע שפּראַך צווישן די עולים און דער

מאַטראַזן־גרופּע וועלכע האָבן נאָר געקענט זייער מוטער־שפּראַך גריביש, האָט זיך צווישן ביידע אַנטוויקלט אַן אויפריכטיקע פריינטשאַפט. איינער פון די מאַטראָזן האָט אפילו זוכה געווען צו באַקומען אַ ליבלעכן צונאָמען אַדאַנק זיין הייטערקייט. זיין גאַנצע פרייע צייט האָט ער פאַרברענגט צווישן די פּאַסאַזשירן. אויך דער שיפס־קאַפּיטאַן און דער שיפס־אייגנטימער האָבן זיך באַפריינדעט מיט עטלעכע עולים, און אַ סך חדשים שפּעטער האָבן זיי נאָך שטענדיק מיך געבעטן איבערצוגעבן גרוסן פאַר די עולים.

אויך מיר, די באַגלייטער, זיינען געוואָרן, אַ אומצורייסבאַרער באַשטאַנדטייל פון דער חברה, און פאַרברענגט מיט זיי — חוץ די שעהן פון פליכט־אויספירונג, — ביים עסן, שלאָפן און צייט־פאַרטרייבונג און אויך אָנטייל גענומען אין די מסיבות און אין דער גאַנצער קולטורעלער אַרבעט.

די קולטור־קאָמיסיע האָט אַרויסגעגעבן אַ טעגלעכן ביולעטין, האָט איינגעאָרדנט מסיבות און די קרוין־אַרבעט אירע איז געווען — די מסיבה צום 20־סטן יאָרטאָג פון „החלוץ".

❦

אויפן פערטן טאָג פון אונזער רייזע, ווען מיר זיינען פאַרנאַכט־צו דורכגעשווומען נישט ווייט פונם אינזל ציפּערן, האָבן מיר באַקומען די ידיעה, אַז מען דערוואַרט אונז שוין היינט אין אָוונט ביי די ברעגעס פון ארץ־ישראל. מיר האָבן אָבער נישט געקענט אָנקומען צו דער באַשטימטער צייט, ווייל מיר האָבן פאַרלוירן איין טאָג צוליבן שטורעם, וועלכער האָט אויסגעבראָכן אין טאָג פון אונזער אָפּשווימען. אין ארץ־ישראל האָבן זיי אָבער באַלד פאַרשטאַנען די סיבה פון אונזער פאַרשפּעטיקונג און צומאָרגנס האָבן מיר באַקומען אַ צווייטע ידיעה, אַז זיי וואַרטן אויף אונז אויך דעם היינטיקן אָוונט.

דעם זעלבן טאָג, אין די מיטאָג־שעהן האָט זיך פאַר אונזערע אויגן אַנטפּלעקט דאָס בילד, צו וועלכן מיר האָבן אַזוי שטאַרק געבענקט במשך אונזער גאַנצער רייזע — מיר האָבן דערזען אויפן האָריזאָנט דעם שפּיץ פון הר־הכרמל. דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר פאַרברענגט אויף צוגרייטונגען, פאַרבונדענע מיט אונזער אויסשטייגן אויף די ברעגעס. די מענטשן זיינען צעטיילט געוואָרן אין גרופּן צו 10 מאַן. בראש פון יעדער גרופּע איז באַשטימט געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטלעכער. עס זיינען אויך באַשטימט געוואָרן סדרנים פאַר די אָפּשטייגנדיקע. אַלע רעטונגס־גאַרטלען זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אויף איין אָרט. נישט ווייט פון די אָראָפּגאַנג־לייטערס, — על כל צרה שלא תבוא. אין די לעצטע שעהן האָבן מיר אויך צוגעגרייט די לאָדקעס. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום ברעג, זיינען מיר געווען גרייט תיכף ומיד אָנצוהויבן דאָס אַראָפּשטייגן. עס האָבן אָבער נאָך געפעלט עטלעכע שעה ביז צום זון־אונטערגאַנג און מיר זענען דעריבער געצוווּנגען געווען צו מאַנעווירן אַ געוויסע צייט, אַביסל ווייטער פון די ברעגעס, בכדי אַ פרעמד אויג זאָל אונז נישט באַמערקן. ווי נאָר עס איז טונקל געוואָרן, האָבן מיר זיך דערנענטערט צום ברעג. געווען איז דאָס שוין אַרום 8 אין אָוונט, ווען מיר האָבן דערזען די סימנים, אויף וועלכע מיר האָבן געוואַרט. מיר האָבן פאַרוואָרפן דעם אַנקער עטלעכע הונדערט מעטער ווייט פונעם ברעג און אָנגעהויבן די הייליקע אַרבעט.

די ערשטע לאָדקע האָט געדאַרפט אויספירן די לאַגע אויפן ברעג, דאָן צוריקקערן זיך מיט די אויספירער, וואָס וואַרטן אויף אונז אויפן ברעג. מיר האָבן

דעריבער אויסגעקליבן פון די עולים די זיבן בעסטע שווימערס און ארומבינדנדיק זיי מיט רעטונגס־גארטלען, האבן מיר זיי אראפגעלאזט אין דער לאדקע אריין. דער באגלייטער און איינער פון די מאטראזן האבן באלד א נעם געטון די וויאסלעס און די לאדקע איז אפגעשווומען צום ברעג צו.

אוי, ווי געציטערט האבן מיר און ווי אומגעדולדיק איז געווען אונזער ווארטן! א הייליקער שוידער האט ארומגענומען אלע איבערגעבליבענע אויף דער שיף. די צייט האט זיך געצויגן שרעקלעך לאנג, און אינגאנצן האט עס געדויערט 20 מינוט. ענדלעך האט די לאדקע ווידער זיך באוויזן, און אין איר די אויסשפירערס. די ארבעט האט זיך אנגעהויבן און איז אוועק מיט פולן ברען. גרופנווייז, גרופנווייז צו 7-12 מאן. לויטן פארויס באשטימטן פלאן, זיינען די עולים אריבערגעפירט געווארן אויפן ברעג.

געדויערט האט די ארבעט 2 שעה אן איבערייס. ווען די לעצטע לאדקע איז צוריקגעקומען האבן די מאטראזן פארנומען זייערע פלעצער אויף דער שיף, און נאכן אויפהויבן דעם אנקער — האט זיך די שיף געלאזט אין וועג אריין — אויף צוריק.

גרויס איז געווען אונזער שמחה און א טיפע צופרידנקייט האט אונז באהערשט, ווען די שיף האט זיך אנגעהויבן צו באוועגן. אט דאס דאזיקע שיפל, וואס איז ביז איצט געווען אזוי קליין און נעבעכדיק, איז מיטאמאל אויסגעוואקסן אין אונזערע אויגן ביז גאר. מיר האבן אפגעלאזט די צוימען פון אונזער פרייד און געלאזט זיך ווויל־גיין ביי טישן פול־געדעקטע מיט עסנווארג און משקה. שפעט נאך האלבער נאכט, פיזיש און גייסטיק אנגעזעטיקטע, האבן מיר זיך צום ערשטן מאל רואיק געלייגט שלאפן, פטור פון יעטוועדער דאגה.

אויפן דריטן טאג פון אונזער רייזע, זיינען מיר צוגעקומען צו די אינזלען, נישט ווייט פון די גריכישע ברעגעס, און די ערשטע זאך, וואס מיר האבן געטון איז געווען: פאראנקערן ביי איינעם פון די אינזלען, כדי צוווייסן צו געבן קיין אטען וועגן אונזער צוריקומען, און דער עיקר — באזארגן זיך מיט פריש ברויט, וויין און פלייש. ערשט דאן האבן מיר פארגעזעצט דעם וועג. ווען מיר האבן דערגרייכט דעם ציל פון אונזער רייזע, האבן מיר זאלבע דריט פארלאזט די שיף און אוועק קיין אטען, כדי אנצוהויבן אויפסניי.

ע מ י ר ם ש ו ח ט (*)

## עם פאלן קרבנות פאר דער עליה

י ע ק ב ג ר י נ ש פ א ן

די ים־כוואליעס האבן ארויסגעווארפן א טויטן קערפער פון א יונגנמאן. מען האט פעסטגעשטעלט, אז דאס איז דער קערפער פון יעקב גרינשפאן, א חבר פון „השומר הצעיר" פון באראנאוויטשער קן אין פוילן. מיט א וואך צוריק איז

*) א באגלייטערין אויף די מעפילים־שיפן. געבוירן אין תל־אביב. אומגעקומען אויף דער שיף „לביא הים", וואס איז דעם 18־טן מאי 1941 ארויסגעפארן אין שליחות פון גענעראל־שטאב אויפן מיטללענדישן ים בכדי דורכצופירן א וויכטיקע מיליטערישע אקציע אין צוזאמענהאנג מיט די קאמפן אין סיריע.

ער געשפּרונגען פון אַ שיף, כדי צו דערגרייכן די ברעגעס פון ארץ־ישראל — און איז דערטרונקען געוואָרן.

אַן אַלטער חבר פון „השומר הצעיר", באַקאַנט אַלס סקאַוט־דערציער און אַקטיווער מנהל פון דעם באַראַנאָוויטשער קן און באַראַנאָוויטשער קרייז. ער האָט באַשלאָסן צו קומען קיין ארץ־ישראל אויף וואָס פאַראַ וועג עס זאָל נישט זיין. נאָך לאַנגע חדשים פון געפערלעכע וואַנדערונגען איבער לענדער און גרענעצן, איז ער ענדלעך, פאַרשטעקט אין פאַפּירן, אָנגעקומען אויף אַ שיף צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל. נישט ווייט פון פּאָרט איז ער פון דער שיף אין ים געשפּרונגען — און פאַרשוווּנדן.

מען האָט נישט פעסטגעשטעלט די אומשטענדן פון זיין טויט: אַ האַרץ־שלאַק, אַרויפגעפאַלן אויף אַ ים־פעלז, אָדער גאָר אַ מאָרד. דאָס איז אַ סוד — און וועט בלייבן אַ סוד.

6 יאַנואַר 1938 „ד ב ר"

**

געטראָפן האָבן מיר זיך אין ווין. איך אויפן וועג אין גלות אַריין אין שליחות פון ארץ־ישראל און ער — אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

באַלד ביי מיין ערשטן ביקור אינם קן, האָט ער צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. אַ יונגער טיכטיקער בחור פול מיט ענערגיע, אַ נשיא (אָנפירער) פון „בני מדבר", (יינגסטע כיתה פון „השומר הצעיר"). פול מיט גוטע עצות פאַר די מנהלים. דערציילט האָט מען מיר: ער איז עולה קיין ארץ־ישראל, און דאָ האָט ער זיך פאַרהאַלטן אויף אַ געוויסער צייט...

שפּעט ביינאַכט, נאָך אַלע שיחות און אסיפות זיינען מיר אַרום אויף אַ שפּאַציר איבער די שטילע ווינער גאַסן און ער האָט מיר אָנדערציילט וועגן זיין ליידנספולן וועג.

ער וואַנדערט, גנבעט גרענעצן און אויך דאָ אין שיינעם ווין איבערוואַרט ער נאָר אַ שטיקל צייט, כדי ווייטער פאָרצוזעצן זיין וועג. דערווייל — איז ער אינגאַנצן איינגעטונקען אין דער אַרבעט פון קן.

איך שעם זיך, אָבער איך בין זיך מודה ומתודה: נישט פאַרשטאַנען האָב איך אָט דעם מענטשן, וואָס האָט געשפּרייזט נעבן מיר. אין אַ געוויסן מאָמענט בין איך שטיין געבליבן אַ צעטומלטער. איך האָב געפּרוווּט דערגיין, פון וואַנען נעמט עס זיך צו אָט דעם יונגן יינגל אַזאַ געוואַלטיקע גבורה, אַזאַ קאַלאָסאַלער בוח צו קענען אָן מורא און שרעק וואַנדערן און וואַלגערן זיך אָן יעטוועדן דאַקומענט און אָן וועלכער עס זאָל נישט זיין דערלויבעניש?

אין אַ געוויסער צייט אַרום, נאָך צענדליקער טרעפונגען אינם לאָקאַל פון ווינער קן — האָבן מיר זיך צעשיידט. ער איז אַוועק זיין וועג, אויף וועלכן איך האָב אים מיטגעגעבן מיין האַרציקסטן שלום, און אין מיין האַרצן — אַ שטילע תפילה.

פאַרגאַנגען זיינען עטלעכע טעג, און איך האָב פון אים אַ גרוס באַקומען,

פון גריבנלאַנד. ענדלעך האָט ער דערגרייכט די ברעגעס פון ים, וועלכן ער האָט באַשלאָסן אַריבערצוקומען. זינט דאַן, האָב איך פון אים מער קיין שום גרוס נישט באַקומען — ביז עס האָט מיך דערגרייכט אָט די דערשיטערנדיקע ידיעה, פון וועלכער מען קען זיך נישט באַפרייען...

אויב אמת איז, אַז פאַר די אויגן פון אַ זיך טרינקנדיקן מענטשן לויפן דורך מיט אַ בליץ־שנעלקייט די געשעענישן פון זיין גאַנץ לעבן — האָט אָט דער חבר אונזערער זיכער געזען פאַר זיינע אויגן זיין יונג לעבן, פול מיט אינהאַלט, אָנגע־זאַפּט מיט קרישטאָל־ריינער בענקשאַפט און איבערגעגעבנקייט; איבערגעגעבנקייט ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט — — —

פעברואַר 1938 מ ש ה ז י ל ב ע ר ט א ל

# דער געראַנגל מיט די ים־כוואַליעס

מרדכי פּאַראַנץ ליגט איצט אין תל־אביבער שפּיטאָל קראַנק אויף אַ לונגן־אָנצינדונג און נעבן אים אַ פּאָליציי־וואַך.

פּאַראַנץ איז בשעתו צוגענומען געוואָרן אַלס אַרבעטער אויף דער שיף „הר ציון”, און ווען זי איז דאָס לעצטע מאָל אַריינגעקומען אין חיפה'ער פּאָרט האָט אים די פּאָליציי חושד געווען אין וועלן אַריינקומען אין לאַנד אַריין אָן אַ דער־לויבעניש, און האָט אים דערפאַר געשמידט אין קייטן.

5 שעה האָט מען אים געהאַלטן געשמידט אין קייטן און ווען מען האָט זיי אים ענדלעך אַראָפּגענומען, איז ער צוזאַמען מיט אַ צווייטן חבר, ביי וועמען מען האָט אויך אַראָפּגענומען די קייטן, געשפּרונגען אין ים אַריין. אַכט שעה איז ער געשווומען אויף די ים־כוואַליעס, ביז עס איז אים געלונגען צוצוקומען צום ברעג, אָבער ליידער נישט צו קיין זיכערן. מיט זיינע לעצטע כוחות האָט ער זיך דער־שלעפּט ביז לעבן הרצליה און דאָ איז ער, אַ דערשעפּטער, געפאַלן אויף דער ערד. עטלעכע שעה איז ער אַזוי געלעגן ביז ער איז אַביסל געקומען צו זיך. ציטערנדיק פון קעלט און מידקייט האָט ער זיך קוים דערשלעפּט ביז צו די געצעלטן פון ערב־אל־קורן. דאָרט האָט מען אים געגעבן הייסע טיי צו טרינקען, אַרומגעוויקלט אים מיט דעקעס און... איבערגעגעבן דער פּאָליציי אין הרצליה.

מרדכי פּאַראַנץ, 25 יאָר אַלט, געבוירן אין הערגאַמאַרעש אין טראַנסילוואַ־ניע. אַ חבר פון „הפועל המזרחי” געווען 5 יאָר אויף הכשרה.

*

פּרייטיק נאָכמיטאָג איז נישט ווייט פון דער תל־אביבער פּלאַזשע געפונען געוואָרן דער קערפּער פון אַ געטרונקענעם. דער קערפּער איז איבערגעפירט געוואָרן אין „הדסה”־שפּיטאָל. ביז איצט איז ער נאָך אַלץ נישט אידענטיפיצירט געוואָרן. מען מיינט, אַז דאָס איז דער חבר פון פּאַראַנץ, וועלכער איז צוזאַמען מיט אים געשפּרונגען דאַנערשטיק פון דער שיף „הר ציון” און איז דערטרונקען געוואָרן.

7 אויגוסט 1938

# דער „פארברעכן" און זיין שטראף

וואס פארא פארברעכן איז באגאנגען דאס קינד, וואס איז געשטארבן אין דער טורמע פון חלסה? און די אחריות פאר זיין טויט — אויף וועמען וועט זי פאלן? די מאמעס, קינדער און אלטע לייט, וועלכע מען האט געכאפט די טעג ביי דער צפונדיקער גרענעץ, האבן זיך פארזינדיקט קעגן די געזעצן פון לאנד, ווייל זיי האבן געוואלט אריינדרינגען אין אים אן דער נויטיקער דערלויבעניש; אבער צי זיינען זיי — נאך פאר א וועלכן ס'איז באשלוס פון א געריכט — פארמשפט געווארן צו די דאזיקע שרעקלעכע ליידן לויט די געזעצן פון לאנד און לויט א הומאניטארן משפט? די שרעקלעכע גילגולים: פון צפת ביז עכו, ביז בית־לחם, ביז חלסה און ווידעראמאל קיין צפת און פון דארט ווידער קיין עכו; דאס אפטיילן קינדער פון זייערע מאמעס. דאס אוועקשיקן א קינד, אין „שולע" אריין, וואס די עלטערן האבן אפילו קיין אנונג נישט ווו די שולע, געפינט זיך, דאס האלטן אין טורמע א צעשלאגענעם 90־יאריקן זקן, וואס זיין האנט איז צעבראכן, און וועלכער האט קיין געהעריקע פלעגע, און אפשר אויך אינגאנצן נישט קיין פלעגע: אט די גאנצע באציונג ווי אויך די באדינגונגען אין דער תפיסה, וואס האבן דערפירט צום טויט פון אן אנדערטהאלב־יאריק קינד — לויט וואס פארא געזעץ זיינען אזעלכע אורטיילן ארויסגעטראגן געווארן? ווער האט דאס מפקיר געווען די לעבנס און דאס בלוט פון די „שווער־פארזינדיקטע" פרויען, אלטע און קינדער, וואס זיינען אנטלאפן פון דער נויט אין בוכארא, אפגאניסטאן, אדער איראק אין זייער היימלאנד אריין, וואס איז זיי צוגעזאגט געווארן, און וועמענס טויערן זיי האבן געפונען פארהאקט אויף זיבן שלעסער?

מיר דיסקוטירן נישט איצט וועגן עצם געזעץ, וואס פארמאכט די טויערן פון דער „נאציאנאלער היים" פאר די גערודפטע און דערשלאגענע יידישע פליטים, וואס אט, אט און זייער לעצטער אטעם וועט דערשטיקט ווערן הן אין די „ציוויליזירטע" לענדער פון אייראפע, הן אין די „פינצטערע" לענדער פון אזיע און אפריקע, אין וויטן צפון און אין תימן. קעגן אט דעם פארהאקן פון די טויערן האט זיך צעפלאקערט אונזער מלחמה אויף דער גאנצער ברייט פון אונזער ציוניסטישן פראנט, וועלכער איז איצט אויך געווארן די קאמפס־פאזיציע פון גאנצן יידנטום. אבער אויב אפילו זייערע אויערן זיינען פארשטאפט און אונזער געשריי קען נישט אפשטעלן די שרעקלעכע גזירה, איז עס דאך אן עלעמענטארער חוב, אז די ליידן צוליבן געזעץ טארן נישט איבערשטייגן דעם געוויכט פונעם געזעץ אליין. א פראגרעסיווע רעגירונג איז דאך מחויב לכל הפחות צו אונטערשיידן צווישן קרימינעלע פארברעכער און אט די פארזינדיקטע, וועלכע באוויינען איצט אין די טורמעס פון עכו און בית־לחם דאס געשטארבענע קינד, און דאס קינד. וואס איז ערגעץ־ווו אוועקגעפירט געווארן, און דעם זקן, וועמענס טעג זיינען געציילטע, ווייל נידערטרעכטיקע מענטשן האבן אים צעממיתט און אים די האנט צעבראכן. די געזעצן־אפהיטער האבן אפילו דאס מענטשלעכע געוויסן פארלוירן און אנשטאט אים אין שפיטאל אוועקצופירן, האבן זיי אים אין א טורמע־קעלער אריינגעווארפן. אפילו דעם שווערסטן פסק־דין, וואס א רעגירונג לייגט ארויף אויף א בירגער, איז זי מחויב דורכצופירן לכל הפחות מיט א מינימום פון הומאניטארע געפילן. עס איז דאך אבער אומדערהערט, אז אויב איינער איז עובר

א געזעץ — איז שווין זיין לעבן אינגאנצן הפקר. די רעגירונג פון ארץ־ישראל וועט אויפגעפאדערט דורכצופירן א באלדיקע און גרינטלעכע אויספארשונג וועגן אלע די „אויפזיכט"־מעטאדן, וועלכע מען פראקטיצירט לגבי די „פארזינדיקטע" אין יידישער עליה און וועמענס געשריי נאך הילף רייסט זיך צו אונז פון אלע לײדנס־ערטער — פארן פסק־דין, נאכן פסק־דין און אויך נאכדעם, ווי מען האט זיי זייערע זינד פארגעבן.

26 יאנואר 1938. „ד ב ר"

## אפענסיווער קאמף פאר עליה

אויף קאמפראמיסן, מוז מען גיין אין פאליטישן לעבן, אויף קאמפראמיסן, מוז מען אויך גיין אין די צווישן־פעלקערלעכע באציונגען; אויך אין די אינערלעכע באציונגען פון א פאלק זיינען נויטיק קאמפראמיסן; איין פונקט איז אבער פאראן, וואס ביי אים קען איצט אבסאלוט נישט חל זיין קיין שום קאמפראמיס, און דאס איז: די יידישע עליה קיין ארץ־ישראל. מיר קענען דיסקוטירן וועגן יעטוועדער פשרה אויף וואס פארא שטח עס זאל נישט זיין — אבער נישט וועגן א פשרה אין די פראגן פון עליה; אין אנבליק פון דער לאגע אין דער וועלט, אין אנבליק פון די אויסראטונגס־גזירות, וואס היטלער און זיינע פארבינדעטע האבן אויף אונז ארויסגעטראגן — האבן מיר אין ארץ־ישראל אן איין און איינציקן באדארף, א ברענענדיקן, דרינגענדיקן, אומבאדינגטן און קאטעגארישן באדארף: א באלדיקע עליה פון הונדערטער טויזנטער יידישע יונגעלייט. נישט במשך פון דורות נאר שווין איצט, באלד, בעגלה ובזמן קריב!

באלד נאכן פאגראם אין דייטשלאנד האבן מיר צווישן געגעבן דער רעגירונג און דעם ענגלישן פאלק, אז ארץ־ישראל איז גרייט אריינצונעמען, תיכף ומיד, הונדערט טויזנט יידן, און נאך עטלעכע הונדערט טויזנט יידן, אויב מיר וועלן באקומען א גרויסע פינאנסיעלע הילף פון יידישן פאלק און פון דער ענגלישער און אמעריקאנער רעגירונג. אין דער איצטיקער שעה הייסט ציוניזם — א גרויסע מאסן־עליה. אן עליה פון הונדערטער טויזנטער. אן אנדערער ציוניזם קען איצט נישט עקזיסטירן. סיי די גויים, סיי די יידן וועלן אראפנעמען פון דער טאג־ארדנונג יעדן ציוניזם וועלכער גייט נישט האנט ביי האנט מיט א גרויסער עליה; אויב דער ציוניזם וועט פאר דעם איצט קעמפן וועט ער בייקומען, וועט ער ווייטער עקזיסטירן, און איך גלויב: ער וועט אויך זיגן!

די געשעענישן פארפליכטן אונז צו א נייער מלחמה. און נישט נאר צו א מלחמה פון ווערטער אליין; מיר זיינען נישט א פאלק פון מלחמה־גייציקייט. מיר זיינען פול מיט באגער צו שאפן און צו בויען. אבער דאס וואס קומט פאר אויף דער וועלט, ביי אונז אין לאנד, און אין ענגלאנד. איז אונז מחייב איבערצוגיין פונעם דעפענסיוון קאמף, וועלכן מיר האבן זינט יארן געפירט, צו אן אפענסיוון קאמף פאר א מאסן־עליה קיין ארץ־ישראל, — ווי ווייט מעגלעך מתוך א יידיש־אראבישער פארשטענדיקונג, ווי ווייט מעגלעך מתוך א יידיש־ענגליש־אראבישער פארשטענדיקונג, אבער אויב דאס איז אומעגלעך — אויך אן דעם אלעמען.

12 דעצעמבער 1938 ד. ב ן ־ ג ו ר י ו ן

# 1939: כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט

מעפּילים אויף די בלוטיקע סטעזשקעס

פּראָטעסטן און מאַניפעסטאַציעס קעגן... הערצער פון שטיין

„הבונים יבנו, המגינים יגינו והמעפילים יעפילו"

# מעפּילים אויף די בלוטיקע סטעזשקעס

## די גאַנצע וועלט איז פול מיט אונזער בלוט

שווימען שיפן אינמיטן ים און פירן־מיט די יידישע צרות, וואָס זיינען אויך גרויס און טיף ווי דער ים. עס רופט אַ ים צו אַ ים און אַן אָפּגרונט צו אַן אָפּגרונט — טויב זיינען אָבער די אויערן פון דער וועלט און זיי ווילן נישט אויפנעמען אונזער געשריי.

געווען צייטן, ווען אַ גרויסער דיכטער פון ענגלישן פאָלק האָט געקלאָגט אויף אונזער פּיין:

„די טויב האָט איר נעסט געפונען, זיין הויז אַ מאַן אַ יעדער,
דער האָז זיין פעלז געפונען, און יהודה — נאָר אַ קבר".
איצט האָט דאָס ענגלישע פאָלק אַנדערע, וויכטיקערע זאָרגן; און מיר —
אונזער געוויין איז ווי „דער יאָמער פון אַ סאָווע צווישן די חורבות".
קיין שום נייעס אין דער געשיכטע פונעם אויסדערוויילטן פאָלק פון אַלע פעלקער. צו זיין פּיין און ליידן איז נישטאָ קיין עק.

צוריק מיט פיר הונדערט און פופציק יאָר אַן ערך, ווען ס'איז חרוב געוואָרן דער גרויסער צענטער פון יידישן שאַפונגס־גייסט אין מערב־אייראָפּע, און דריי הונדערט טויזנט יידן האָבן אין איין שיינעם פרימאָרגן צוליב אַ גזירה פון טיראַנען פאַרלאָזן שפּאַניע האָט זיך אַ שוידערלעכער צאָרן פון וואַנדערונגען, תפיסות, הונגער און בלוט אויסגעגאָסן אויף גרויסע מאָסן פאַרוואָגלטע. די היסטאָריקער פון יענע צייטן קענען דערציילן פּרטים וועגן די יסורים פון די גולי ספרד, וואָס מאַכן אויפציטערן די נשמה: וועגן בלוט, הונגער און עפּידעמיעס, וואָס האָבן אומגעבראַכט צענדליקער און צענדליקער טויזנטער פון זיי. האָט מען זיי דאָ פאַרווערט, אויס מורא פאַר אַן עפּידעמיע, אַרויסצוגיין אויפן ברעג, האָבן זיי זיך געמוזט אַרומבלאָנקען חדשים־לאַנג אויף פאַרשידענע ימים, „אויסגעליפערט אויפן ווילקיר פון די שיפס־קאַפּיטאַנען, וועלכע האָבן זיך אויף זיי געזדיעקעוועט ווי אויף שקלאַפן און ביי זיי צוגענומען דאָס לעצט ביסל גוטס"; דאָ האָט מען זיי גאַנצע טעג געפּייניקט מיט הונגער און דורשט, כדי צו צעברעכן זייער יידישע עקשנות און אַריינצונעמען זיי אונטער די פליגל פון דער ליבשאַפט־אמונה; דאָ זיינען זיי דערקלערט געוואָרן אַלס קנעכט פון דעם קעניג און פון די שררות, וואָס האָבן זיך צעטיילט מיטן רויב, און יעדער פון זיי האָט זיך אויסגעקליבן די מענער און די פרויען, וואָס זיינען אים אַמערסטן געפעלן; דאָ האָט מען ביי זיי אַוועקגערויבט זייערע קינדער און אַוועקגעשיקט זיי אויף ווייטע, וויסטע אינזלען, כדי צו דערציען זיי אין קאַטוילישן גייסט, און דער היסטאָריקער גיט צו: „ווען ס'איז געקומען די צייט פון

צעשיידונג, האבן פיל מוטערס אנגעכאפט זייערע קינדער און אריינגעשפרונגען צו־זאמען מיט זיי אין די ים־אפגרונטן. פיל פון די אומגליקלעכע קינדער זיינען גע־שטארבן אויפן פארווארפענעם אינזל, וואס איז געווען באשטימט פאר פארברעכער, צוליבן שלעכטן קלימאט און האבן גערינט אלס שפייז פאר די שלאנגען". און א שפעטערדיקער דיכטער באקלאגט זיך:

„עס פארגיסט יידיש בלוט ווער עס וויל און ווער ס'קאן נאר,

נישטא איז קיין שטראפער, נישטא איז קיין מאנער"...

האבן זיך דען געענדערט די צייטן זינט דעמאלט? די ליידן פון די עלטערן זיינען איבער בירושה צו קינדער. אבער אויך זייער האפענונג און זייער גלויבן.

משה גליקסאן

## דער געהיימניספולער מעפיל

אראבישע פישער האבן ארויסגעשלעפט פון ים דעם טויטן קערפער פון אן אומבאקאנטן מעפיל („א קערפער פון א באשטימטן מענטש", לויט דער אפיציעלער פאליציי־מעלדונג). די ידיעה האט זיך בליץ־שנעל פארשפרייט, און אלע שיכטן פון ישוב זיינען אויפגעציטערט געווארן. אן קיין שום באפעל פון דער הויך האט דער קרעמער געשלאסן זיין קראם און דער ארבעטער האט פארלאזן זיין ארבעט. אויך די קאפע־הייזער, די קינאס און די איבעריקע פארוויילונגס־לאקאלן זיינען גע־שלאסן געווארן.

מאסן מענטשן האבן זיך פארזאמלט אין די גאסן ביים קראנקן־הויז, וווהין דער קערפער איז געבראכט געווארן, כדי פעסטצושטעלן ווער דער אומגעקומענער איז. טויזנטער מענטשן זיינען אין טרויעריקן שטילשווייגן פארבייגעגאנגען דעם קאלטן קערפער, בכדי אפצוגעבן דעם אומבאקאנטן מעפיל דעם לעצטן כבוד. פארביי־געגאנגען און ביי אן איינגעהאלטענעם געוויין און א באהערשטער אויפגעבראכט־קייט, געטראכט וועגן דעם אומבאקאנטן, וואס האט היינט דערגרייכט דעם סוף פון זיינע וואנדערונגען און וועגן די טויזנטער אנדערע מעפילים וואס בלאנקען זיך ארום אויף די ברייטע ימים.

דאס פנים פון דעם אומבאקאנטן איז דעפארמירט געווארן נישט צו דערקע־נען. קלויז אויף די ליפן שוועבט ארום אן אימה־אויסדרוק וועלכער איז פארגלי־ווערט געווארן ווי א בלוט־ריטשקעלע. א שוידער נעמט דורך די פארבייגייער. יעדער איינער פרעגט זיך זעלבסט: אפשר איז דאס מיין ברודער, אדער מיין קרוב, מיין פריינט, מיין חבר?

ווער ביסטו, אומבאקאנטער מעפיל?

## „ארטעמיזא"

23 מערץ 1939

די 17 מעפילים, וועלכע מען האט דעם 6־טן פעברואר, געכאפט ביי הרצליה אויף דעם גריכישן שיפל „ארטעמיזא", און וועלכע ווערן באשולדיקט אין אומלע־גאלער עליה, — זיינען געשטעלט געווארן פארן ענגלישן ריכטער אין חיפה.

דער ריכטער האָט אַרויסגעטראָגן זיין אורטייל: דריי חדשים תפיסה און אַן אָנווייזונג צו דעפּאָרטירן זיי פון לאַנד. דערביי האָט ער באַטאָנט, אַז ער באַדויערט, וואָס דאָס געזעץ צווינגט אים אַרויסצוגעבן אַזאַ אורטייל, און אַז ער וועט זיך פרייען, ווען זיי וועלן ביי זייער אַפּעלאַציע צום העכסטן געריכט געווינען און די דעפּאָרטאַציע וועט אָפּגעשאַפט ווערן.

## „סאַנדו"

23 מערץ 1939. אַפּיציעל.

נעכטן אינדערפרי איז קיין חיפה געבראַכט געוואָרן די רומענישע שיף „סאַנדו" מיט עולים, בירגער פון פאַרשידענע לענדער, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרן ביי די ברעגעס פון לאַנד.

24 מערץ 1939.

אויף דער פאַרהאַלטענער שיף געפינען זיך 269 עולים. צווישן זיי 15 פרויען און אַ קליין קינד, וואָס איז דעם זעלבן טאָג קראַנק געוואָרן; די מאַכט האָט מסכים געווען, אַז מען זאָל דאָס קינד אַראָפּנעמען פון דער שיף, אָבער מיטן באַדינג, אַז דער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אים, וועט זיך פאַרפליכטן צוריקצוקערן אים צו יעדער צייט, ווען ער וועט דערצו אויפגעפאָדערט ווערן. לויטן אויפטראָג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אין חיפה האָט מען זיי נעכטן געבראַכט שפּייז־אַרטיקלען. דער סאַניטאַרער מצב אויף דער שיף איז אַ זייער שלעכטער.

25 מערץ 1939.

די שיף איז דורך דער מאַכט פאַרטריבן געוואָרן פון חיפהער האַפן אין אָפענעם ים.

3 אַפּריל 1939.

די רומענישע מאַכט־אָרגאַנען אין קאָנסטאַנצער פּאָרט האָבן די 269 „סאַנדו"־פּליטים נישט דערלויבט אַרויסצוגיין אויף דער יבשה.

## „אַסטיאַ"

3 אַפּריל 1939.

אויף דער מעפּילים־שיף „אַסטיאַ", וואָס איז נעכטן פאַרהאַלטן געוואָרן ביי הרצליה, געפינען זיך 699 מאַן. צווישן זיי בערך פופציק קינדער און הונדערט פרויען, אייניקע — שוואַנגערע. דאָס רוב פון זיי זיינען אַרויסגעטריבענע פון די נאַצי־לענדער. ס'איז שוין פיר וואָכן ווי די שיף מיט די מעפּילים איז אַרויסגעשוואומען אין ים אַריין. ווען די שיף האָט זיך געפונען בערך צוויי מייל פון ברעג, האָבן זי אַרומגערינגלט דריי מאָטאָר־שיפלעך און אָנגעהויבן שיסן פון אויטאָמאַטיש געווער. דער קאַפּיטאַן האָט זיך צוזאַמען מיט דער שיף באַלד אונטערגעגעבן דער פּאָליציי.

# „אסימי״

12 אפריל 1939. אַפּיציעל.

נעכטן פאַרטאָג איז די שיף „אסימי״ פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער ברעג־פּאָליציי ביי קיסריה. די שיף צוזאַמען מיט אירע צוויי־הונדערט מעפּילים איז געבראַכט געוואָרן קיין חיפה.

18 אפריל 1939.

אַ גריכישע זעגל־שיף מיט 160 מעפּילים איז זונטיק ביינאַכט געכאַפּט געוואָרן ביי די ברעגעס פון לאַנד. דאָס שיפל איז פאַראַנקערט ביי דעם כוואַליעס־ברעכער, נישט ווייט פון דער שיף „אסימי״.

19 אפריל 1939.

162 מעפּילים פון „פּאַנאַדזשיא־קאָנסטריא״ זיינען נעכטן אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער שיף „אסימי״. דאָס איז געמאַכט געוואָרן צוליבן געפערלעכן סאַניטאַרן צושטאַנד אינם שיפל. דער פאַרטרעטער פון דעם קאַפּיטאַן אויף דער שיף „אסימי״ (דער קאַפּיטאַן גופא איז אַרעסטירט) האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם אומגעזעצלעכן אַריבערפירן פּאַסאַזשירן פון אַן אַנדער אָרט אויף דער שיף, פאַר וועלבער ער איז פאַראַנטוואָרטלעך, אָבער די פּאָליציי האָט געטון אירס.

די מעפּילים זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער שיף אין אַ זייער שלעכטן מצב — שוואַכע, הונגעריקע און קראַנקע.

ווען דער שיף „אסימי״ איז באַקאַנט געוואָרן, אַז פון טאָג צו טאָג פאַרגרעסערט זיך דאָרט די צאָל מענטשן, וואָס פאַלן אין חלשות, און מען האָט זייער מורא פאַר אַן עפּידעמיע. ס'פילט זיך אַ מאַנגל אין וואַסער. אויך די באַשפּייזונג איז זייער אַ שוואַכע. די מאַכט־פאַרשטייער זאָרגן דערפאַר זייער ווייניק.

די יידישע חיפה איז שטאַרק באַזאָרגט. די גאַנצע באַפעלקערונג איז דורכגענומען מיט געוואַלדיקער אויפרעגונג קעגן דער רעגירונג, וואָס האַלט הונדערטער מענטשן פאַרשפּאַרט און זאָרגט פאַר זיי נישט אַפילו אין אַזאַ מאָס, ווי יעדע רעגירונג זאָרגט געוויינלעך בנוגע קרימינעלע אַרעסטאַנטן. לא די וואָס זי פאַרנעמט זיך נישט מיט זייער באַשפּייזונג, לאָזט זי זיי נאָך איבער אין שוידערלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען און פירט אַריבער קראַנקע מענטשן צו געזונטע.

22 אפריל 1939.

די שיף „אסימי״ איז צוריקגעשיקט געוואָרן פונם ברעג אין אָפענעם ים אריין.

# די מעפּילים פון „אשקלון״

23 אפריל 1939.

170 מעפּילים זיינען נעכטן פאַרטאָג אַרויסגעזעצט געוואָרן פון אַ שיף אויפן ברעג נישט ווייט פון אשקלות. צווישן זיי בערך פופציק פרויען און ביי צען קינדער. די מעפּילים זיינען געגאַנגען לענגאויס דעם ברעג. דאָס איז אָבער שנעל באַקאַנט געוואָרן דער פּאָליציי און זיי זיינען אַלע געכאַפּט געוואָרן. מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין מיליטערישן לאַגער, וועלכער געפינט זיך אין אשדוד.

אינאָוונט האָט מען די גרופּע מעפּילים געפירט פון אשדוד קיין רחובות. אויף דער צענטראַלער גאַס האָבן זיך פאַרזאַמלט מויזנטער אויפגערעגטע איינוווי־נער. דאָס מיליטער, וואָס שטייט אין אין דער קאָלאָניע, האָט באַפוילן אָפּצורייניקן די גאַסן, און זיך אויסגעשטעלט אין אַ קייט לענג־אויס דעם שאָסיי. אין עק פון דער קאָלאָניע האָט מען דערלויבט צו דערלאַנגען די מעפּילים עסן. זיי זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין יפוער תפיסה, און שפּעטער — אויפן פּלאַץ צום פּאָרט־שטח פון יפו, ווייל אין דער תפיסה האָט פאַרפעלט פּלאַץ. אַ שטאַרקע וואַך לאָזט זיי נישט אַראָפּ פון אויג.

דאָס זיינען אַלץ פּליטים פון דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכיע. זיי האָבן זיך אַרומגעבלאָנקערט אויפן ים זעקס־און־דרייסיק טעג. בעת וועלכע עס האָט זיי אויסגעפעלט ברויט און וואַסער.

## „עגעאום ניקאָלאָס"

מעפּילים דערציילן:

„דעם 20־סטן אַפּריל האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין דער שיף „עגעאום ני־קאָלאָס" אין האַפן פון דער גריכישער שטאָט בורגאַס. דעם זעלבן טאָג זיינען מיר אָפּגעפאָרן. צו אונזער שיף, אַ 1300 טאָן בערך, איז פון הינטן צוגעבונדן געוואָרן אַ זעגל־שיף, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט נאָכגעשלעפּט. אויפן אינזל לאַבריא האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אויף אַכט טעג. די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה אין פּירעאוס האָבן צו אונז געאיילט מיט הילף און אונז באַזאָרגט מיט שפּייז. פון דאָרט זיינען מיר ווייטער געפאָרן און אין צוויי־דריי טעג אַרום זיינען מיר צוגע־קומען צו אַן אַנדער גריכישן אינזל.

נאָך אַ וואָך פאַרהאַלטן זיך ביי די ברעגעס פונם אינזל, וווּ מיר האָבן זיך באַזאָרגט מיט די נויטיקע שפּייז־אַרטיקלען, — איז אונזער שיף אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג פון ארץ ישראל. נאָך פאַרשידענע וואַנדערונגען און פּלאָנטערנישן זיינען מיר דאַנערשטיק אינדערפרי, אָנגעקומען צו די ברעגעס פון לאַנד און האָבן אַראָפּ־געלאָזט דעם אַנקער 21 מייל פון די עזה־ברעגן. אַן ענגלישער אַעראָפּלאַן האָט אונז אָבסערווירט און האָט זיך אָפּט אַראָפּגעלאָזט ביז אַן ערך צען מעטער איבער אונזער שיף. אין משך פונם דאָנערשטיקדיקן טאָג זיינען מיר אַלע אַריבער אין דעם זעגל־שיפל, זיך דאָרט גוט צונויפגעדריקט און זיך באַלד אַוועקגעלאָזט צו דער יבשה. אין דער נאַכט־פינצטערניש פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק האָבן מיר דערגרייכט בשלום דעם ברעג פון עזה, ביים אַראַבישן דאָרף דזשעבעליא. פריער האָבן מיר אַראָפּגע־לאָזט פינף און צוואַנציק בחורים אונזערע, און נאָך זיי זיינען אַראָפּ די איבעריקע מענער, אַרומרינגלענדיק די פרויען אין דער פאָרם פון אַ קרייז. באַלד נאָכדעם איז אונזער שיף צוריקגעשוווּמען".

*

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זיינען די מענטשן ממש דורך אַ נס געראַטעוועט געוואָרן פון דער סכנה אַריינצופאַלן אין די הענט פון אַראַבישע באַנ־דיטן. זיי האָבן זיך געהאַט דערנענטערט צו אַ ישוב און זיך איבערצייגט, אַז זיי געפינען זיך אין אַן אַראַבישן דאָרף. ווי נאָר די אַראַבער האָבן זיי באַמערקט, זיי־נען זיי זיך צונויפגעלאָפן און באַפאַלן די וואַנדערער מיט מעסערס און באַגנעטן.

די מעפּילים האָבן אָבער געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד און אייניקע פון זיי זיינען לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן.

דערווייל איז אָנגעקומען מיליטער און די מעפּילים האָבן זיך איבערגעגעבן צו די זעלנער אין די הענט. די זעלנער האָבן זיך צו זיי באַצויגן גרויסמוטיק, גענו־מען אויף די הענט קינדער, געהאָלפן שוואַכע פרויען. לסוף זיינען זיי אָנגעקו־מען קיין עזה. דאָרט האָט מען זיי מכבד געווען מיט וואַסער און ציגאַרעטן; די באַדערפטיקע האָבן באַקומען מעדיצינישע הילף. נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער צענטראַלער מאַכט אין ירושלים (זי פון איר זייט האָט זיך פאַרבונדן מיט דער יידישער אַגענץ), זיינען זיי מיטן צוג אַריבערגעפירט געוואָרן קיין חיפה.

געווען זיינען זיי 309 מאַן, אָבער דריי פון זיי זיינען נעלם געוואָרן. שבת נאָכמיטאָג האָבן פּאָליציסטן געבראַכט צוויי מענטשן (אַ מאַן מיט אַ פרוי) דער דריטער, אַרטור ווייץ, איז פאַרשוווּנדן און וואָס מיט אים איז געשען ווייס מען נישט.

דער מאַן מיט דער פרוי דערציילן:

אויס מורא פאַר די אַראַבישע באַנדיטן האָבן זיי זיך באַהאַלטן. זיי האָבן זיך איינגעגראָבן אין זאַמד און דאָרט אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָג האָבן זיי באַשלאָסן אויסצוזוכן אַ יידישן ישוב. אַניפן וועג האָבן זיי צום אומגליק באַגעגנט אַ גרופּע פון צוואַנציק אַראַבער, וועלכע האָבן זיי אָנגעהויבן צו פייניקן. זיי האָבן דעם יונגנמאַן אויסגעטון און אָוועקגעשטעלט אַ נאַקעטן. די פרוי האָבן זיי געוואָלט מאַנס זיין, אָבער ביים קעגנשטעלן זיך האָט זי געפונען אַ מיטל וויאַזוי זיי אָפּצונאַרן. אויף וואונק־לשון האָט זי זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי וויל זיך אויסבאָדן. זי איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און האָט אַ וואָרף גע־טון אויפן ברעג אַ פּעקל צירונג. די באַנדיטן האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויפן רויב, אָנגעהויבן קריגן זיך און באַלד איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ געשלעג. דערווייל זיינען אָנגעקומען עטלעכע ענגלישע פּאָליציסטן און האָבן זי אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

# „אַטראַטאַ"

30 מאַי 1939. אָפיציעל:

נעכטן ביינאַכט האָט די שנעל־שיף „ראַטאַן" פאַרהאַלטן אַ שיף פון 234 טאָן, — „אַטראַטאַ" הייסט זי — וואָס איז געשווומען אין דער ריכטונג פון נתניה. אויף דער שיף האָבן זיך געפונען 401 אומלעגאַלע עולים, דאָס רוב פּוילישע יידן. די שיף און אירע זיבן און צוואַנציק מאַטראָזן געפינען זיך איצט אין חיפה'ער פּאָרט און איר דעק ווערט באַוואַכט דורך פּאָליציי.

# „ליזעל"

2 יוני 1939.

די שיף „ליזעל" — 572 טאָן — איז נעכטן ביינאַכט פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ פּאָליציי־שיפל אַנטקעגן דעם פּאָרט פון יפו. אויף דער שיף געפינען זיך

920 אומגלאַלע עולים, צווישן זיי 350 פֿרויען און 60 קינדער. אַלע שטאַמען פֿון עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי. די שיף געהערט צו אַ רומענישער געזעלשאַפֿט און איז געשווומען אונטער אַ פּאַנאַמישער פֿאָן. קיין חיפה איז די שיף באַגלייט געוואָרן דורך דער קריגסשיף „פֿאַנגבאָרן".

די מאַטראָזן און די פּאַסאַזשירן געפֿינען זיך אונטער אַ פּאָליציי־וואַך אויף דער שיף. לויט דער דערקלערונג פֿון קאַפּיטאַן, זיינען די פּאַסאַזשירן געבראַכט געוואָרן צום רומענישן פּאָרט מיטן ים אויף צוויי שיפֿן, אַ יוגאָסלאַווישע און אַ דייטשע. דאָרטן זיינען זיי איבערגעפֿירט געוואָרן אויף זיין שיף.

# אַ זעגל־שיף

נאָענט פֿון עכו איז נעכטן געכאַפּט געוואָרן אַ זעגל־שיף מיט 240 מעפּילים. אויף אויטאָס זיינען זיי איבערגעפֿירט געוואָרן אין דער חיפהער תפיסה. דאָס שיפֿל איז פֿאַרנאַכט צוגעקומען צום חיפהער פּאָרט און האָט פֿאַראַנקערט ביי דער שיף „אַטראַטאַ". מען גיט אַנצוהערן, אַז זי איז אַפּגעשווומען פֿון אַ געוויסן אינזל אויפֿן מיטלענדישן ים.

# אַ וואַנדער־שיף

14 יוני 1939.

די רומענישע פּאָליציי האָט פֿאַרהאַלטן אין פּאָרט בעלזיק (אויפֿן שוואַרצן ים, נאָענט פֿון דער בולגאַרישער גרענעץ) די גריכישע שיף „עגעאָוס ניקאָלאָס" (דאָס איז די זעלבע שיף, וואָס איז דעם 31־טן מערץ געווען ביי די ברעגן פֿון ארץ־ישראל און זי איז אַוועקגעטריבן געוואָרן פֿון דאָרט. אויף דער דאָזיקער שיף איז דעמאָלט איין מענטש דערהרגעט געוואָרן דורך די קוילן פֿון אַ פּאָליציי־שיפֿל. צוויי מענטשן זיינען דערביי פֿאַרוווּנדעט געוואָרן). אין דער שיף זיינען געווען 522 יידישע פּליטים, וואָס האָבן געזאָלט אַפּפֿאָרן קיין ארץ־ישראל. צווישן די פּליטים זיינען געווען 150 מאַן פֿון עסטרייך, אַלע — מענטשן מיט העכערער בילדונג, וואָס האָבן געהאַט עמיגראַציע־פּאַפּירן קיין שאַנכאַי. אין קאָנסטאַנצער פּאָרט האָבן זיי אין משך פֿון עטלעכע חדשים געוואַרט איז אַ קעלער אויף זייער ריי צו עמיגרירן.

דער שרעקלעכער מצב פֿון 130 אַנדערע יידן, וואָס זיינען צונויפֿגעדריקט אין דריי טייך־שיפֿלעך אין סאָלינאַ (ביים דונאַי־אויסגוס) וועקט אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט.

# אין קאָנסטאַנצער פּאָרט

דער קאָנסטאַנצער פּאָרט, וואָס איז נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק וואָך־איין וואָך־אויס געווען אַן עדות פֿון אַ פֿריידיקער אויפֿרעגונג ביי הונדערטער עולים בעת זייער אָפּפֿאָרן קיין ארץ־ישראל, — איז איצט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ

צושויער פון יאוש-בילדער און פארצווייפלונגס-סצענעס פון יידישע פליטים — די רעטונגס-טויערן זיינען פאר זיי געשלאסן געווארן, דער וועג צו דער אויסלייזונג איז פארצאמט, איז זיי דעריבער פינצטער און ביטער (150 פליטים, וואס זיינען איבערגעבליבן אויפן ברעג צוליבן פלאץ-מאנגל אויף דער שיף, וואס איז אפגעשווומען קיין ארץ-ישראל, האבן זיך פארזאמלט ארום איר און איר נישט געלאזט רירן פון ארט. 40 מאן פון זיי, מענער און פרויען, האבן זיך געווארפן אין ים אריין ביי א הארצרייסנדיקן קלאגן און וויינען פון טויזנטער צושויער). דער דאזיקער פארט איז נישט דער איינציקער ברען-פונקט פון דער יידישער פארצווייפלונג. וויניק זיינען די ווינקלען אויף דער וועלט, וו עס זאלן נישט זיין קיין פארצווייפלטע און פארלארענע יידישע פליטים אדער פאראורטיילטע צו אויסווארצלונג, וואס זעען נישט קיין אויסוועג פון זייער פיין און קיין האפענונג אויסגעלייזט צו ווערן פון זייערע צרות.

„ד ב ר"

# „אסתיר"

30 יוני 1939.

היינטיקע נאכט איז ביי מגדל, אין דרום פון לאנד, פארהאלטן געווארן א שיף מיט 724 מעפילים. מען האלט, אז דאס איז די שיף „אסתיר".

די 724 מעפילים זיינען נעכטן געבראכט געווארן קיין חיפה און קיין צריפין. די מענער — ביי דריי הונדערט — קיין חיפה, אין בית עולים פון בת גלים, וו זיי וועלן פארבלייבן אונטער פאליציי-אויפזיכט, ביז עס וועט זיך נישט פארענדיקן זייער רעגיסטראציע און זייער קאראנטין; די פרויען און קינדער — אין איזאלאציע-לאגער פון צריפין. די זעלנער, וואס באוואכן דעם איזאלאציע-לאגער, האבן אויפגענומען די מעפילים זייער פריינטלעך.

צווישן די מעפילים געפינען זיך 430 מענער, פרויען און קינדער פון דאנציג, וועלכע האבן פארלאזן זייער שטאט דעם דריטן מערץ און געפארן צום פארט רעני, וואס ליגט נישט ווייט פון קאנסטאנצא אין רומעניע. פון דעמאלט אן האבן זיי ארומגעוואנדערט פון איין האפן צום צווייטן. ערב פסח זיינען זיי אנגעקומען מיט דער שיף „אסתיר" צו די ברעגעס פון ארץ ישראל. נאכן אראפלאזן פון דער שיף דריי קראנקע פרויען און איין מאן און נאכן באזארגן די שיף מיט שפייז אויף עטלעכע טעג, — זיינען זיי צוריקגעשיקט געווארן אין ים ארויס. ביי פארשידענע גריכישע אינזלען האבן זיי זיך פארהאלטן זעקס וואכן. דארטן האבן זיי זיך באגעגנט מיט דער שיף „אסימי" און דעם 12-טן יוני האבן זיי זיך ווידער אוועקגעלאזט אין דער ריכטונג פון די ארץ-ישראל-ברעגעס.

און אט וואס זיי האבן איבערגעלעבט די לעצטע 48 שעה. אויף א ווייטן מרחק פון די לאנד-ברעגעס זיינען זיי אלע אראפגעלאזט געווארן אין דער זעגל-שיף „מאריאנא", וואס איז געווען צוגעבונדן צו דער שיף „אסתיר", און וואס האט געקענט אריינגעמען מאקסימום 200 מאן. ווען זיי זיינען צוגעקומען אן ערד צוואנציק מייל פון ברעג האט זיך די שיף „אסתיר" אומגעקערט אין אפענעם ים און דאס זעגל-שיפל איז געווען געצוווּנגען מיט די אייגענע כוחות צוצוקומען צום ברעג.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז שווער באַשעדיקט געוואָרן דער מאָטאָר, און דאָס שיפֿל איז געבליבן שטעקן אינמיטן ים. מיט גרויס מי איז זיי מיטוואָך נאָכמיטאָג געלונגען צו דערשלאָגן זיך צום ברעג. געמיינט האָבן זיי, אַז זיי זיינען צוגעקומען צו ראשון לציון. מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן ענגלישע און אַראַבישע פּאָליציסטן, וועלכע האָבן זיי מקבל פּנים געווען מיט דער פֿראַגע, ווו זיינען זיי געווען אַזוי לאַנג, ווייל זיי וואַרטן אויף זיי שוין אַ גאַנצן טאָג. דערנאָך זיינען אויף שיפֿלעך צוגעקומען אַראַבער און האָבן זיי אַריבערגעפֿירט צום ברעג. אויפֿן וועג האָבן די אַראַבער צוגערויבט ביי די מעפּילים אַלץ וואָס איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט, בעיקר — צירונג, זייגערלעך און אַנדערע חפצים. זיי זיינען אַרויף אויף דער יבשה און געגעכטיקט אונטערן פֿרייען הימל. די פּאָליציסטן האָבן זיי געגעבן עסן און וואַסער.

## „לאָס פּערלאָס"

3 יולי 1939. אָפֿיציעל:

נעכטן 7.40 אינדערפֿרי האָט די קריגסשיף „אייבענהו" פֿאַרהאַלטן דריי מייל פֿון נתניה די שיף „לאָס פּערלאָס". די שיף מיט 370 יידישע אומלעגאַלע עולים, וואָס זיינען אין איר געווען, איז געבראַכט געוואָרן קיין חיפה.

אַ מעפּיל דערציילט:

געווען זיינען מיר 370 מאַן, צווישן זיי בערך דרייסיק פֿרויען און איין מיידעלע, ווען מיר זיינען מיט אַ חודש צוריק אַרויף אויף דער שיף אין אַ פּונקט, וואָס ליגט בערך 50 קילאָמעטער ווייט פֿון קאָנסטאַנץ. אין אַ וואָך אַרום זיינען מיר אָנגעקומען קיין גריכנלאַנד. מיר האָבן זיך געוואָלט באַזאָרגן מיט וואַסער, אָבער די פּאָרט־מאַכט האָט אונדז אַוועקגעטריבן. מיר זיינען צוגעקומען צו אַן אַנדער גריכישן פּאָרט, און פֿון דאָרט ווידער אַוועקגעטריבן געוואָרן. ביז מיר זיינען אין צוויי טעג אַרום צוגעקומען צו אַ דריטן פּאָרט, וואָס איז גרעסער פֿון די צוויי ערשטע. דאָ האָט מען אונדז ענדלעך דערלויבט צו באַזאָרגן זיך מיט וואַסער מיטן באַדינג, אַז מיר זאָלן אָפּשווימען דעם זעלבן טאָג. מיר האָבן באַוויזן אָנצופֿילן קוים אַ האַלבן טאַנק און מיר האָבן זיך ווידער אַוועקגעלאָזט וואַנדערן.

פֿרייענדיק זיך אַזוי מיטן וואַסער, איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז איבערגעפֿירט געוואָרן כמעט דער גאַנצער זאַפּאַס ברויט און אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי אַריינצוּוואַרפֿן אים אין ים אַריין. דאָך האָבן מיר פֿאַרגעזעצט אונדזער וועג, צעטיילנדיק „יושרדיק" צווישן זיך די ברויט־רעשטן, וואָס זיינען איבערגעבליבן אין אונדזער מאַגאַזין. אַזוי אַרום זיינען מיר סוף כל סוף צוגעקומען צום פּאָרט מאַרמאַרוס, וואָס געפֿינט זיך אויף די ברעגעס פֿון טערקיי.

דאָ איז אונדז געלונגען צו באַקומען אַביסל ברויט און אַ וואַסער־צוגאַב און אַן איבעריקע שהיות זיינען מיר אַוועק צו אַן אַנדער פּאָרט, ווו מיר האָבן געזאָלט באַקומען ביי אַ טערקישן מאַטראָז אַ זעגל־שיף פֿאַר אַ שיינער מטבע, וואָס מיר האָבן אים באַצאָלט פֿאָרויס. אָבער דער טערק, וואָס האָט דאָס געלט באַקומען, איז נעלם געוואָרן, דער קאַפּיטאַן האָט זיך צוליב דעם זייער אויפֿגערעגט און דערקלערט, אַז אויב דער טערק מיט דע זעגל־שיף וועט זיך נישט באַווייזן ביז פֿאַרנאַכט, וועט ער אונדז צוריקפֿירן קיין קאָנסטאַנץ.

און כך הוה. דער קאפּיטאַן האָט אויסגעדרייט די שיף אין דער ריכטונג פון קאָנסטאַנצאַ. איז ביי אונז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג, ווי האַנדלען ענער־גיש. מיר האָבן זיך איינגעטיילט אין עטלעכע קלענערע גרופּן, באַפאַלן דעם קאַפּי־טאַן און די צוועלף מאַטראָזן, געבונדן און פאַרשלאָסן זיי אין די שיף־קאַבינעס. ביי די קאַבינעס האָבן מיר אָוועקגעשטעלט וואַכן פון אונזערע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געביטן יעדע זעקס שעה. די אַרעסטירטע האָבן מיר דערלאַנגט שפּייז און וואַ־סער, פון שענסטן און בעסטן, אַבי זיי זאָלן אונז מער נישט דערגייען די יאָרן. 18 אונזערע מענטשן האָבן זיך אונטערגעאָרדנט דעם געהילפס־קאַפּיטאַן, וואָס איז גע־ווען אונזער פאַרטרויונגס־מענטש. מיר האָבן אָבער געהאַט אַן אויג אויך אויף אים. די שיף איז דורך אונזערע מענטשן געפירט געוואָרן גאַנצע פינף טעג און אויף אַזאַ אופן זיינען מיר אָנגעקומען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן איבער אונזערע קעפּ אַן אַעראָפּלאַן און מיר זיי־נען געווען געצוווּנגען צו דערווייטערן זיך פון ברעג. אויף מאָרגן האָבן מיר זיך ווידער דערנענטערט בערך אַ דריי מײַלן פון ברעג, נאָענט צו נתניה. אָבער ווען מיר האָבן באַמערקט, אַז עס דערנענטערן זיך צו אונז מאָטאָר־שיפלעך פון דער פּאָלי־ציי — האָבן מיר זיך, ווילנדיק נישט ווילנדיק, ווידער אומגעקערט.

די שפּאַנונג איז געווען גרויס.

ווען מיר האָבן זיך אַ דריט מאָל דערנענטערט צום ברעג, זיינען מיר פּלוצ־לינג באַלויכטן געוואָרן פון אַ רעפלעקטאָר. מיר האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן אין אָפע־נעם ים, אָבער אַ קריגס־שיף האָט אונז דעריאָגט. ענגלישע אָפיצירן און מאַטראָזן זיינען אַראָפּגעקומען אויף אונזער שיף, האָבן אונז אויסגעפאָרשט און באַפוילן צו דערנענטערן זיך מער צום ברעג, צו די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון ארץ־ישראל.

דאָ האָט אונז אָפּגעוואַרט די צערשטערער־שיף „איבענהו“. אַ געוויסע צאָל אָפיצירן און מאַטראָזן זיינען אַראָפּ אין אונזער שיף און האָבן אַרעסטירט דעם קאַפּיטאַן און די מאַטראָזן, ווי אויך דריי פון אונזערע מענטשן. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי אונז מכבד געווען מיט קאָנסערוון און ציגאַרעטן. איינער אַ מאַטראָז איז דערביי געשטרויכלט געוואָרן. ביים וועלן עפענען פאַר אונז אַ פּושקע קאָנסערוון, האָט ער נישט ווילנדיק, אַ ריר געטון דאָס צינגל פון זיין רעוואָלווער, באַלד האָט אַ קנאַל געטון אַ שאָס און ער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. ווען מען האָט אים אַ קוים־לעבעדיקן אַראָפּגעטראָגן פון אונזער שיף — האָבן מיר אים אויפריכטיק אָפּ־געגעבן כבוד. ווען מיר זיינען אַרויס אויפן ברעג, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער איז אויסגעגאַנגען. דער מאַטראָז האָט באַצאָלט מיטן לעבן אין מאָמענט, ווען ער איז באַגאַנגען אַ הומאַניטאַרע טאַט.

## „סענט ניקאָלאַס“

4 יולי 1939. אָפיציעל:

נעכטן אינאָוונט איז צוגעקומען צום חיפהער פּאָרט אַ גריכישע מאַשט־שיף „סענט ניקאָלאַס“, וואָס איז געשווומען אונטער אַ גריכישער פאָן. פּאָליציי האָט זי באַלד אַריינגענומען אין איר רשות. אויף דער שיף זיינען געווען 697 יידישע אומ־לעגאַלע עולים, פון זיי 470 מענער, 190 פרויען און 37 קינדער.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, זיינען די מעפּילים געבראַכט געוואָרן אין אַ שיף (מען האַלט, אַז דאָס איז די שיף „עגעאוס ניקאָלאָס") נאָך פאַריקע נאַכט צו די ברעגעס פון לאַנד, און ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט בערך זעקס מייל פון ברעג, זיינען זיי איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער דערמאָנטער זעגל־שיף.

די שיף גופא איז צוריקגעשוווּמען אין אָפענעם ים, און דאָס זעגל־שיפל מיט אַלע אירע פּאַסאַזשירן האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום חיפהער ברעג. דערביי האָבן זיך פיל מענטשן געהאַלטן ביי די מאַשטן און די שטריק צוליב פּלאַץ־מאַנגל אין דעם שיפל גופא.

דאָס שיפל איז אָן שטערונג און אָן אַ פריערדיקער מעלדונג אַריינגעקומען דורכן הויפּט־טויער אין פּאָרט מיט דער גריכישער פאָן אויפן מאַשט, און באַלד צוגעשווימען צו די צוויי מעפּילים־שיפן, וועלכע זיינען מיט אַ צייט צוריק קאָנפיסקירט געוואָרן און זיינען געווען פאַראַנקערט אין דער האַפן־בוכטע ביים כוואַליעס־ברעכער.

פּונקט איז אין דעם דאָזיקן מאָמענט — צען אַזייגער אינדערפרי איז דאָס געווען — פאָרגעקומען די לוויה פון דעם ענגלישן מאַטראָז, וואָס איז אייערנעכטן געהרגעט געוואָרן דורך דער צופעליקער קויל פון זיין אייגענעם רעוואָלווער, און פיל פּאָרט־אַרבעטער זיינען געווען באַפרייט פון דער אַרבעט צוליב דער מיליטערישער לוויה. פּלוצלונג האָט מען באַמערקט דאָס געהיימניספולע שיפל אַריינגיין אין פּאָרט און בעל־הבתעווען דאָרטן ווי ביי זיך אינדערהיים. באַלד זיינען פּאָליציסטן און פּאָרט־באַאַמטע אַרויסגעשוווּמען מיט מאָטאָר־שיפלעך אַנטקעגן איר. ווי נאָר די זאַך איז קלאָר געוואָרן, האָט מען זי געצוווּנגען אַרויסצוציען זיך פון די פּאָרט־שטחים אויף יענער זייט פונעם כוואַליעס־ברעכער און דאָרט האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם אַנקער.

## „רים" ברענט אינמיטן ים

7 יולי 1939.

אויפן וועג פון קאָנסטאַנצע צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל זיינען נעכטן אַליאַרמירט געוואָרן פאַרשידענע שיפן דורך „ס. אָ. ס."־רופן, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון אַ ברענענדיקער שיף אינמיטן ים. ווען מען האָט זיך אַהין דערנענטערט, האָט מען דערזען, אַז אָן איטאַליענישע שיף, וועלכע איז די ערשטע אָנגעקומען אויפן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דער ברענענדיקער שיף קרוב 400 פּאַסאַזשירן.

מען איז זיך משער, אַז דאָס איז אַ שיף מיט עולים קיין ארץ־ישראל.

## „פּ ר אָ ס אָ ל אַ"

14 יולי 1939.

אַ פאַרדעכטיקע שיף האָט זיך דעם זעקסטן יולי דערנענטערט צו די וואַסערן פון טריפּאָלי (לבנון). די פּאָרט־וואַך איז איר אַנטקעגנגעשוווּמען און האָט

זי פאַרהאַלטן אויסער די גרענעצן פון דעם פּאָרט. די שיף האָט געטראָגן דעם נאָמען „פּראַסאַלאַ“ און געפונען האָבן זיך אויף איר 658 יידישע פּליטים, דאָס רוב פון טשעכאָסלאָוואַקיי. די שיף האָט פאַרלאָזן דעם האַפן סאַלגאַ (דונאַי־אויסגוס) דעם 25־סטן מאַי אונטער אַ פּאַנאַמישער פאָן. דער קאַפּיטאַן האָט געהאַט אַ רייזע־צייגעניש קיין שאַנכאַי דורך פּאָרט־סאַיד. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין דאָקומענט, וואָס זאָל אים געבן דאָס רעכט צו אַנקערן אין דעם דאָזיקן פּאָרט.

## „קאָלאָראַדאָ“

30 יולי. אָפּיציעל:

אַ שיף מיט יידישע עולים „קאָלאָראַדאַ“, אונטער אַ פּאַנאַמישער פאָן, איז היינט פאַרטאָג געכאַפּט געוואָרן דורך דער פּאָליציי נאָכדעם ווי זי איז באַמערקט געוואָרן דורך דער קריגס־שיף „אימפּעריאַל“, נאָענט פון הרצליה, צו צפון פון תל־אביב. די שיף, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען 373 יידישע עולים, איז געבראַכט געוואָרן אונטער אַ וואַך קיין חיפה.

## ווען ס׳איז נישטאָ קיין ברעג

איזמיר, 11 אויגוסט 1939.

די טערקישע מאַכט האָט פאַראָרדנט דעם קאַפּיטאַן פון אַ פּליטים־שיף אונטער אַ פּאַנאַמישער פאָן אַרויסצושווימען אין אָפענעם ים. די 500 יידישע פּליטים האָבן דעם קאַפּיטאַן נישט געלאָזט אויספירן די פאַראָרדנונג. צווישן די פּליטים און די שיף־מאַטראָזן איז צוליב דעם אויסגעבראָכן אַ געשלעג. דער קאַפּיטאַן, ווען די פּליטים האָבן געוואָרנט, אַז ער זאָל נישט רירן פון פּאָרט און אים דערביי געדראָט, האָט גערופן די טערקישע פּאָליציי, זי זאָל אים באַשיצן. די פּליטים, וועלכע געפינען זיך אין פּאָרט פון דאַנערשטיק אָן, איז נישט דערלויבט אויסצושטייגן אויפן ברעג.

ביירוט, 11 אויגוסט 1939.

די ברעג־מאַכט אין ביירוט האָט געכאַפּט 88 מאַן, וועלכע האָבן געפּרוווט אַראָפּצוגיין פון אַ שיף אויף איינעם פון די לבנון־ברעגעס. די שיף איז אַ פּאָרטוגעזישע. די מאַכט האָט די שיף מיט די פּאַסאַזשירן צוריקגעשיקט אויפן אָפענעם ים.

לאָנדאָן, 12 אויגוסט 1939.

צום פּאָרט באַנטאַליא זיינען צוגעקומען צוויי שיפן מיט יידישע פּליטים פון טשעכאָסלאָוואַקיי. די טערקישע מאַכט האָט אָבער די פּליטים פאַרבאָטן אויסצושטייגן אויפן ברעג.

עס זיינען דערהאַלטן געוואָרן ידיעות, אַז נאָך דריי פּליטים־שיפן בלאָנקען זיך אַרום אין מזרח־טייל פון מיטללענדישן ים און קענען נישט אַרויסזעצן זייערע פּאַסאַזשירן אויף קיין שום ברעג.

22 אויגוסט 1939.

אויף א קליינעם וויסטן אינזל, נישט ווייט פון בולגארישן פּאָרט רושטשוק, געפינט זיך איינזאַם זייט פיל וואָכן, אַ גרופּע יידישע פּליטים פון טשעכאָסלאָוואַקיי און עסטרייך, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אַן אומבאַקאַנטער שיף, וועלכע איז אַנטלאָפן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. די פּליטים איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם אינזל, סיידן עס וועט קומען אַ שיף און וועט זיי אַוועקפירן אויסער די בולגארישע גרענעצן. די מאַכט האָט פאַרוועהרט יעדע באַרירונג מיט די פּליטים. די איינציקע פאַרלייכטערונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, איז דאָס, וואָס די יידישע קהילה אין סאָפיע האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו באַזאָרגן זיי מיט שפּייז. אָבער אויך דאָס קומט אָן זייער שווער. די בולגארישע פּאָליציסטן, וואָס קומען אויפן אינזל מיט די שפּייז-טראַנספּאָרטן, דערציילן וועגן דעם מצב פון די פּליטים, אַז זיי האָבן אַפילו נישט קיין רעכט אויף וואַסער צום טרינקען.

## פינף שיפלעך

11 אויגוסט 1939. אָפיציעל:

נעכטן, גאַנץ פרי, האָט די פּאָליציייִשע ברעג-שיף „דער ים-לייב" געכאַפּט פינף שיפלעך, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג אין תל-סאַמאַק, ביי חיפה. דאָרטן זיינען געווען 297 יידישע אומלעגאַלע עולים. צווישן זיי 6 פרויען און 26 קינדער.

די מאַכט האָט מסכים געווען, אַז מען זאָל אַריבערפירן די פרויען מיט די קינדער אין בית עולים פון בת גלים. די איבעריקע זיינען ציטווייליק אַריינגעפירט געוואָרן אין תפיסה, וווּ עס געפינען זיך נאָך די דריי-הונדערט אַכט און זיבעציק מעפּילים פון דער שיף „קאָלאָראַדאָ".

די מעפּילים שטאַמען ס'רוב פון טשעכאָסלאָוואַקיי, עסטרייך און דייטשלאַנד. זיי האָבן זיך געפונען אויפן וועג קיין ארץ-ישראל עטלעכע וואָכן. דער קאַפּיטאַן האָט זיי נישט געוואָלט פירן צו די ברעגעס פון לאַנד און האָט זיי אין מיטן ים אַריבערגעזעצט אויף קליינע שיפלעך. די מענער האָבן אַ גאַנצע נאַכט געטריבן די שיפלעך אין דער ריכטונג פון ברעג מיט דער הילף פון וויעסלעס. פאַרטאָג זיינען זיי געכאַפּט געוואָרן דורך אַ פּאָליציי-שיפל.

## „פּאַריטאַ"

22 אויגוסט 1939.

אַ שטאַרקער פייף, האָט נעכטן אַרום צוויי ביינאַכט אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך אַ שיף. באַלד איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דער מעפּילים-שיף „פּאַריטאַ", — די ערשטע שיף, וואָס איז צוגעקומען צום ברעג פון תל-אביב. די שיף איז אָבער אויפן זאַמד בערך פערציק מעטער פון ברעג. די מעפּילים האָבן געהאַלטן אין איין געבן סירענע-סיגנאַלן און געוואַרט אויפן אָנקומען פון דער פּאָליציי. ווייזט אויס אַז די טראַנספּאָרט-פירער האָבן געוואָרנט די מעפּי-

לים, אז זיי זאָלן נישט אַרויסשטייגן אויפֿן ברעג איינציקווייז, נאָר אַרויסגיין צו־זאַמען, כּדי צו באַקומען סערטיפֿיקאַטן אויפֿן חשבון פֿון געזעצלעכן שעדיול.

מיט דער שיף, וואָס איז געשוואומען אונטער אַ פּאַנאַמישער פֿאָן, זיינען גע־קומען בערך 850 מענער און פֿרויען, צווישן זיי שוואַנגערע, ווי אויך צען קינדער — יינגלעך און מיידלעך. די שיף האָט פֿאַרלאָזט איר אויסגאַנגס־פּאָרט דעם 29־סטן יולי. דריי פּאָרטן פֿון פּיין און יסורים זיינען געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פֿון די מעפּילים: אַלעקסאַנדריע, ראָדאָס און איזמיר.

די שיף איז אָנגעקומען קיין תּל־אָביב אָן אַ קאַפּיטאַן און אָן מאַטראָזן; — געלכע זיינען אַראָפּ אויף אַ שיפֿל ווען די שיף האָט זיך דערנענטערט צום ברעג.

די ערשטע מעפּילים־שיף ביים תּל־אָביבער ברעג איז געוואָרן אַ געשפּרעך־טעמע ביי אַלעמען און האָט אַביסל געמאַכט פֿאַרגעסן די פּאָליטישע געשעענישן אין דער גרויסער וועלט.

צוזאַמען מיט די פֿריידיקע אָוואַציעס ביים דערזען די מעפּילים, וועלכע זיי־נען אָנגעקומען צום יידישן ברעג, איז נעכטן אויך אויסגעבראָכן אַ שאַרפֿער פּראָ־טעסט קעגן דער מאַכט, וואָס האָט באַשלאָסן צו פֿאַרנעמען די צוריקגעקומענע אין פֿאַטערלאַנד — אין אַן איזאָלאַציע־לאַגער.

אין די שטאָט־גאַסן זיינען פֿאַרשפּרייט געוואָרן טויזנטער אויפֿרופֿן, וואָס זיינען געווען אונטערגעשריבן „מעפּילים — בויער — שיצער"; זייער אינהאַלט איז געווען — נישט קיין צריפֿין אין דער וועג פֿון די מעפּילים, נאָר אין בית עולים.

## „טיגער־הייל"

3 סעפּטעמבער 1939.

די שיף „טיגער־הייל" (1500 טאָן) מיט טויזנט פֿיר הונדערט יידישע אומ־לעגאַלע עולים איז נעכטן צען אַזייגער אינאָוונט צוגעקומען צום ברעג פֿון תּל־אָביב און האָט געאַנקערט אַ האַלבן קילאָמעטער ווייט פֿון דער שיף „פּאַריטאַ". צוויי הונדערט פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַרויסגעשמוגלט, און די איבעריקע 1200 מאַן זיינען אָוועקגעפֿירט געוואָרן אין איזאָלאַציע־לאַגער פֿון צריפֿין.

## „אַן אורח אויף שבת"

די מעפּילים־שיף „טיגער־הייל" איז אין תּל־אָביב געווען אַן אורח אויף שבת.

אַן טומל האָט זי געאַנקערט אין די וואַסערן פֿון תּל אָביב, אַנטקעגן דער שכונה מחלול. תּל־אָביב האָט אָבער באַלד דערפֿילט, אַז אין אירע גרענעצן געפֿינט זיך אַ טייערער גאַסט און האָט אים אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס. שנעל האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אַ מעפּילים־שיף איז געקומען, און פֿיל מענטשן האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פֿון ים. אַ ווײַלע האָט מען כּמעט פֿאַרגעסן וועגן דעם שווערלעכן מלחמה־געשפּענסט: טויזנטער הערצער האָבן געקלאַפּט מיט באַ־גריסונג צו די אָנגעקומענע. ווי אַ רעטונגס־פּאַס האָט אויסגעזען דער ברעג מיט די טויזנטער אויגן, וואָס זיינען געווען געווענדעט צו דער שיף מיטן זילבערנעם שוים פֿון די ים־כוואַליעס ביים לבנה־ליכט אַרום.

— שלום, תל־אביב! — האָט זיך דערהערט אַ שטים פון דער שיף, אַ שטים פון בענקשאַפט מצד אַ שטייענדיקן אויפן דעק.

דרייסטע מענטשן זיינען געשפרונגען אין ים אַריין און צוגעשוווּמען צום ברעג. זיי האָבן דערציילט, אַז זייער שיף האָט פיל פּאַסאַזשירן און פּליטים פון אַנדערע שיפן האָבן ביי איר געפונען שוץ. ביז 1400 נפשות דערגרייכט זייער צאָל. ביסלעכווייז האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע „נאַסע" מעפּילים, — יונגע־לייט און מיידלעך — וואָס זיינען צוגעשוווּמען ביז דער יבשה. די פּאָליציי האָט זיי פאַרהאַלטן. ביי די פאַרהאַלטענע פאַרזאַמלען זיך פיל מענטשן און דערמוטיקן די אַנגעקומענע, וואָס ווייסן נישט וואָס עס שטייט זיי פאָר. נאָך דער ערשטער אויפרעגונג האָבן זיי אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין וועג, וויאַזוי ברידער פּליטים האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין וועג; וויאַזוי די פּליטים פון טשעכיע, וואָס בלאָנדזשען שוין זינט פיר חדשים, זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער דאָזיקער שיף; וויאַזוי אַ קריגס־שיף האָט פּלוצלינג אַ וואָרף געטון אַ סנאָפּ־ליכט אויף דער שיף און האָט זי פונאַנדערגעשיידט פון די בלאָנדזשנדיקע שיפלעך; וויאַזוי די שיפלעך צוזאַמען מיט זייערע פּאַסאַזשירן זיינען פאַרבליבן אינמיטן ים אַן וויעסלעס אין די הענט, און דער באַרימהעריציקער ים האָט נישט געשטורעמט — די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַזוי אַרומגעבלאָנקעט ביז „טיגער־הייל" איז צו זיי אַ צווייט מאָל צוגעקומען און זיי פאַרנומען. אָט אַזוי איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעטונגס־שיף (*).

## קרבנות פון דער עליה...

היינט וועט תל־אביב אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד די קרבנות־קדושים פון אַ נייעם מין, — אונזער לאַנגע רשימה פון די אומגעקומענע אין די לעצטע בלוטיקע יאָרן האָט נאָך אַזעלכע נישט געקענט. נישט צוליבן פעלקער־קאַמף אין לאַנד זיינען די אומגעקומענע דערהרגעט געוואָרן און נישט אַן אויפגעהעצטער המון אָדער הפקר־באַנדיטן האָבן פאַרגאָסן זייער אומשולדיק בלוט — ניין, מענטשן פון דער מאַכט האָבן זיי דערהרגעט!

און נישט דערפאַר, וואָס די דערהרגעטע זיינען געווען, חלילה, געפערלעך פאַר דער מאַכט. אויך נישט דערפאַר, וואָס די טובה פונעם לאַנד, וואָס די מאַכט איז באַרופן אָפּצוהיטן, האָט געפאָדערט זיי צו דערהרגענען — דאָס זיינען נישט געווען קיין פאַרברעכער. נישט קיין גערעכט האָט אַרויסגעטראָגן דעם טויט־אורטייל. דער דאָזיקער ראַבערט שניידער פון טשעכיען און דער חלוץ צבי קינדער פון פּוילן האָבן זיך נישט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק שלעכטס צו טון וועמען נישט איז אָדער וועלכער נישט איז מאַכט. זייער גאַנצע שולד איז באַשטאַנען דער־

(*) אין די קריטישסטע מאָמענטן האָט מיט דער „טיגער־הייל" אָנגעפירט ה' כתריאל יפה, אַ באַגלייטער פון מעפּילים־שיפן זינט 1937. ער האָט עס דערפירט דערצו, אַז זיין שיף זאָל זיך באַגעגענען מיט דער שיף „פּראַסאַלאַ", וועלכע איז אָנועקגעטריבן געוואָרן פון ביירוט, און ער האָט זי אַוועקגעפירט צום ברעג, נאָכדעם ווי איר קאַפּיטאַן האָט זי פאַרלאָזט. אין 1941 איז ער אַרויסגעשוווּמען מיטן 23־סטן שיפל אין שליחות פון דער הויפּט־קאָמאַנדע פאַרן מיטללענדישן ים, און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען.

ריז, וואָס זיי און זייערע חברים האָבן באַשלאָסן צו ראַטעווען זייער לעבן פון זייע־רע פאַרפאָלגער און צו ווידמען זייער לעבן דעם אידעאַל פון אויבויען זייער פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד — מעג דאָס זיין קעגן די לעצטע אָנווייזונ־גען פונם קאָלאָניען־מיניסטער, וואָס פיל ענגלישע דעפּוטאַטן און מיטגלידער פון פעלקער־בונד האָבן אָנערקענט, אַז זיי שטייען אין סתירה צום געזעץ און צו דער גערעכטיקייט — ס׳איז פּאַקטיש נישטאָ אַזאַ געזעץ און אַזאַ גריכט, וואָס וואָלט זיי פאַראורטיילט אַזוי ווי זיי זיינען פאַראורטיילט געוואָרן.

מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען דער קאָלאָניען־מיניסטער איז געשטאַנען פאַר די ענגלישע פּאַרלאַמענט־מיטגלידער און האָט געפּרוווט גערווינען זייער הארץ פאַר זיינע גזירות, האָט ער זיך זייער באַליידיקט, ווען איין דעפּוטאַט האָט אים געפרעגט, צי וועט ער ביי זיך וועלן אַרויסצוגעבן אַ באַפעל צו שיסן אויף יידישע פּליטים, וואָס קומען אין לאַנד אַריין. און די ענגלישע צייטונגען האָבן אויף פאַר־שידענע אופנים באַמיט זיך צו דערווייזן, אַז דאָס זיינען נישט אויסן אפילו די אָנהענ־גער פון די אָנווייזונגען.

און אַט וועלן מיר היינט באַגלייטן צו זייער אייביקער רו די קרבנות פון אַזאַ מין שיסן. ס׳איז נאָך אַ נס, וואָס מיר האָבן צו טון נאָר מיט צוויי קרבנות. צוזאַמען מיט זיי און הינטער זיי זיינען געשטאַנען הונדערטער מעפּילים, אומשולדיקע ווי זיי און זינדיקע ווי זיי, און נאָר איין שריט איז געווען צווישן זיי און דעם טויט.

ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן דאָזיקן בלוט? ווער איז פאַראינטערעסירט דעריין, אַז אין ערנסטע גורל־טעג זאָל יידיש בלוט פאַרגאָסן ווערן דורך דער ענגלי־שער מאַכט? סיי דער ישוב, סיי יעדער איינער, וואָס וואַכט איבערן כבוד פון ענג־לאַנד. דאַרף פאָדערן, אַז ס׳זאָל דורכגעפירט ווערן אַ גענויע אויספאָרשונג. ווער האָט עס אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן פאַרפלוכטן באַפעל? דער, וואָס האָט עס געטון, מוז באַשטראָפט ווערן!

דער איצטיקער ערנסטער מאָמענט, ווען מיר שטייען ערב אַ וועלט־מלחמה, פאַרפליכטעט נאָך מער צו באַזייטיקן יעדע איבעריקע סיבה צו אויפרעגונג און פאַר־קריפלונג. ווען נישט דער ערנסטער מאָמענט, וואָלט זיכער אַנדערש געווען אויך די רעאַקציע פון ישוב אויפן מאָרד פון די מעפּילים און אַנדערש וואָלט אויך געווען זיין אָפּקלאַנג אויף דער וועלט. דער ערנסטער מאָמענט פאַרפליכטעט אָבער אויך די מאַכט אָנצונעמען שריט, אַז עס זאָל נישט צוקומען צו די מענטשלעכע זינד — דאָס קרימינעלע פאַרברעכן פון אויפברויזן אַ פאָלק און אַ ישוב.

ברענגענדיק היינט אונזערע קרבנות צו קבורה, האָבן מיר דאָס רעכט צו פאָ־דערן ביי דער רעגירונג, אַז זי זאָל דורכפירן אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג, באַ־שטראָפן די שולדיקע, און געבן אַן אָפענע און קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע, וואָס רעגט היינט אויף דעם גאַנצן ישוב: די דאָזיקע קרבנות אונזערע — זיינען זיי קרבנות פון ווילקיר־באַאַמטע אָדער הרוגי מלכות?

3 סעפּטעמבער 1939. „דבר"

# פּראָטעסט און מאַניפעסטאַציעס... קעגן הערצער פון שטיין

## דאָס שענדלעכע געזעץ

די מעפּילים־מגילה וואָס איז פול מיט העלדישקייט און מסירות נפש, איז נאָך פאַר אונז נישט אינגאַנצן אויפגעדעקט געוואָרן. אָבער אויך די ראַנדן פון דער דאָזיקער מגילה, וואָס קומען פון צייט צו צייט צום אויסדרוק אין דער צייטונגס־כראָניק, אַנטהאַלטן פיל דראַמאַטישן שטאָף. נעמט, צום ביישפּיל, די דערציילונג וועגן די זיבעצן עולים, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרן ביי די גרענעצן פון לאַנד. אַלע האָבן געלייענט די דערקלערונגען פון איינעם פון די וואַנדערער, — איז דאָס דען נישט אַ קאַפּיטל ווייטיק פון דעם חורבן גלות?

אַט וואָס ער דערציילט: ער איז געווען אַן אָפיציר אין דער עסטרייכישער אַרמיי — אַן אַסימילירטער ייד. ווען היטלער האָט באַהערשט דאָס לאַנד, האָט מען אים שרעקלעך געפּייניקט. ער איז אַנטלאָפן קיין טשעכאָסלאָוואַקיי, אָבער אויך דאָרטן איז ער פאַרפאָלגט געוואָרן. איז ער אַנטלאָפן קיין רומעניע, נאָר אויך דאָרט האָבן אים די היטלעריסטישע יאַגד־הינט קיין רו נישט געגעבן. צום סוף איז אים געלונגען אַרויפצוכאַפּן זיך אויף אַ שיף, וואָס פאָרט קיין ארץ־ישראל, און איז צו־געקומען צו אירע ברעגעס. דאָ האָט מען אים געכאַפּט — און קעגן אים האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער מערדערישער געזעץ־פּאַראַגראַף: דריי חדשים תפיסה און אַן אַנווייזונג אויף דעפּאָרטאַציע. פאַרוואָס? פאַרן גרויסן פאַרברעכן — ער האָט גע־וואָלט ראַטעווען זיין לעבן.

יאָ, דאָסמאָל האָט זיך דאָס געזעץ אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצער שאַנד און זיין גאַנצער אחריות. אַפילו דער ריכטער, וואָס איז מיט אים געבונדן, האָט זיך דאָס־מאָל מיט אים נישט גערעכנט; ווייל ער איז נישט קיין טויטער אות, דער ריכטער איז אַ מענטש. קעגן דעם פּאַראַגראַף, וואָס ווייס נישט פון רחמנות און דאַרף דורכ־לעבערן פּעלזן, האָט זיך אויפגעשטעלט דאָס האַרץ און אים פאַרפלייצט מיט זיין מענטשלעכקייט. דער ריכטער האָט אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג, אַז דאָס העכסטע געריכט זאָל מבטל מאַכן דעם שווערן אורטייל. אָט אַזוי רעאַגירט אַ מיטפילנדיק האַרץ אויפן ווייטיק פון אַ מיטמענטש.

און אָט איז אַ צווייטע וואַנדער־שיף: צוויי הונדערט ניין און זעכציק נפשות געפינען זיך אויף איר. מענער, פרויען און קינדער. אויך מיט זיי פירט מען זיך ווי מיט קרימינעלע פאַרברעכער. מיליטער־וואַכן רינגלען זיי אַרום. קיין עסן גיט מען זיי נישט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען מענטשן־מערדער, זיי — און נישט די פאַר־אינטערעסירטע אינם צוריקשיקן זיי אין גיהינום אַריין; זיי, וועמענס גאַנצע זינד איז דאָס, וואָס זיי זיינען יידן, און נישט די, וואָס באַוואַכן זיי.

און אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל איז דאָ איין כאַראַקטעריסטישער פּרט: פון דער גאַנצער גרופּע האָט מען דערלויבט צו פאַרבלייבן אין לאַנד אַ קינד פון דריי

יאר. — אלס קינד אונטערליגט עס נישט קיין שטראף, מעג עס באטרעטן די ערד פון דעם לאנד. די איבעריקע — נישט. דאס געשריי פון דאזיקן קינד; וואס ליגט אפגעריסן פון טאטע־מאמעס ארעמס, איינזאם אין זיין וויגל, — לאזט זיך הערן ווי דער שארפסטער פראטעסט קעגן דער געזעצלעכער מערדעריי, וואס ווערט אויסגעפירט אינם דאזיקן לאנד: אריינצוקומען אין א דערלויבעניש טאר מען נישט, נאר צעשיידן א קינד מיט זיינע עלטערן, נעמען ארנטלעכע מענטשן און שיקן זיי אין א לאנד, וואס פירט צום אומקום — דאס מעג מען יא. דאס ווערט געטון אויפן סמך פון עפעס א טויטן פאראגראף, וואס דעם געזעצגעבער גופא איז נישט איינגעפאלן, אז מען וועט אים אנווענדן אויף אזא ווילדן אופן.

ס'איז קלאר, אז זייער אורטייל וועט נישט זיין מילדער פון די ערשטע אורטיילן. איין זאך מוזן אבער די מאכטהאבער אין לאנד וויסן: די יעניקע, וואס זיינען געשפרונגען פון די שיפן אין ברויזנדיקן ים אריין; די יעניקע, וואס זיינען שעהנווייז געשווומען אין וואסער און ארויסגעקומען געפערלעך קראנקע; די יעניקע, וואס זיצן אין די תפיסות און ווארטן אויף זייער גורל, — זייער אלעמענס גורל וועט נישט אפהאלטן די מעפילים, וואס ווערן געטראגן צו די פאטערלאנד־ברעגעס. פונקט ווי מען קען נישט ארויסרייסן דעם דאזיקן שטיק באדן פונם ערד־קיילעך, אזוי וועט נישט ארויסגעריסן ווערן דער פארלאנג צו לעבן און דאס לעכצעניש צו אויסלייזונג פונם פאלקס הארץ. וועט מען אוועקשטעלן קעגן זיי זעלנער, — וועלן זיי צערייסן די קייט און וועלן אריינדרינגען אינווייניק; וועט מען ארומנעמען די ברעגעס מיט אן אייזערנעם גארטל — וועלן זיי ברעכן יעדן ווידערשטאנד. ס'איז דא א כוח, וואס איז שטארקער פון מיליטער, פון געזעצן, פון תפיסות און פון וואכן — דאס איז דער ווילן פון מיליאנען מענטשן צו לעבן און נישט צו שטארבן. נאך צענדליקער און הונדערטער וועלן געווארפן ווערן אין די תפיסות, מען וועט זיך נאך קעגן זיי באנוצן מיט פיל אנדערע דראקאנישע מיטלען — זייער ווילן וועט דערפון נישט קלענער ווערן און די העפלה וועט ווייטער שטראמען מיט אירע מעבטיקע כוואליעס אהערצו — — — —

ש. דניאל

# שווימען שיפן

שיפן שווימען אינמיטן ים. פאר זיי איז נישטא קיין ברעג און נישטא קיין עק. אין זיי געפינען זיך יידישע וואנדערער, וועלכע זיינען אויסגעווארצלט געווארן פון זייערע היימען. זייער ברעג איז ביי זיי צוגערויבט געווארן. שיפן שווימען אין אפענעם ים. אין זיי זיינען מענער, פרויען און קינדער; אין זיי זיינען זקנים, וואס האבן שוין דורכגעמאכט דאס שענסטע פון זייער לעבן; אין זיי געפינען זיך מוטערס מיט זייערע עופהלעך. שיפן שווימען אין אפענעם ים, אין זיי איז דא הונגער, דורשט, געפערלעכע קראנקייטן, טויט, און הינטער זיי — ליידן פון צוויי טויזנט יאר גלות, אנהויבנדיק מיט די שיפן, וואס האבן געפירט די פיר הונדערט יינגלעך און מיידלעך, וועלכע זיינען גענומען געווארן פון יהודהס געפאנגענשאפט צו א שאנד־לעבן, דורך די שיפן פון די גולי ספרד, ביז די היינטיקע

שיפֿן, וואָס דער פֿאָטערלאַנד־ברעג נעמט זיי אויף מיט אַ שיסעריי און שפּייט זיי אויס אין אַ ים פֿון רשעות.

שיפֿן שווימען אינמיטן ים, איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן און איבערן אינדישן אָקעאַן און איבערן אַדריאַטישן ים. זייער לאַדונג איז — מענער, פֿרויען און קינדער, וואָס זיינען נאָך נעכטן־אייערנעכטן געווען זיכער מיט זייער צוקונפֿט, מיט זייער אַרבעט, און מיט זייער אויפֿגאַבע אין דער געזעלשאַפֿט. איין זינד בלויז לאַסטעט אויף זיי — זיי זיינען יידן. און עס שווימען שיפֿן אין מיטללענדישן ים... יאָ, זייערע פּאַסאַזשירן האָבן מיט נאָך עפּעס געזינדיקט — זיי האָבן געגלויבט אין די רייד פֿון דעם בריטישן קעניגרייך: „דורך רעכט און נישט דורך חסד קערט איר זיך אום אין אייער פֿאָטערלאַנד".

אַפּריל 1939.   ה. בערגער

# ליכט אין דער פֿינצטערניש...

„רעגירונגס־באַאַמטע האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן פֿאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס, אויב מען וועט זיי צווינגען צו שיקן מענטשן אין אַ שיפֿל אויפֿן אָפֿענעם ים. פּאַליציסטן האָבן געוויינט, צוזעענדיק די שוידער־בילדער" — מעלדעט די כראָניק. די לעצטע צייכענען זיך נישט אויס, ווי באַקאַנט, מיט רחמנות־געפֿילן, בפֿרט צו „נידעריקערע". דאָס מאָל אָבער האָבן זיי געוויינט. אונטער די אוניפֿאָרמען האָט אַ קלאַפּ געטון דאָס האַרץ, ביים אָנבליק פֿון פֿרעמדן ווייטיק. דאָס אימהדיקע געשריי פֿון די מעפּילים, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿיל קילאָמעטער ווייט און האָט צוגענומען דעם שלאָף פֿון אַלע חיפֿהער איינוווינער, האָט אויך אַרויסגעדריקט טרערן פֿון ענגלישע קאַלטע הערצער.

און נאָך האָבן מיר געלייענט: איבער די גאַסן פֿון הדר הכרמל זיינען דורכגעגאַנגען ענגלישע זעלנער און דערזעענדיק דעם שטומען פּראָטעסט פֿון דער פֿאַרוואונדעטער יידישער באַפֿעלקערונג, האָבן זיי זיך פֿאַרהאַלטן און מיט דרך ארץ אַראָפּגענומען די היטלען; אין צריפֿין האָבן די פּאָליציסטן געבראַכט שפּייז פֿאַר די געפּייניקטע; אין דער געגנט פֿון אשדוד האָט אַן אַראַבער אַריינגענומען פֿיר מעפּילים צו זיך אין שטוב, זיי געגעבן עסן און טרינקען און האָט זיי געשיקט אין דער ריכטונג פֿון אַ יידישן ישוב. וואַרשיינלעך דרייען זיך נאָך אַנדערע אַרום אין וואַלד...

מיר האָבן נישט געזען די טרערן, וואָס די ענגלישע זעלנער האָבן געלאָזט, מיר האָבן נישט געהערט די קרעכצן פֿון די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן דערלאַנגט שפּייז אַן מאַטראַצן די יידן; מיר האָבן נישט אויפֿגענומען די ליבשאַפֿט־אויסדריקן פֿון דעם אַראַבער צו די פֿיר פּליטים — און דאָך וועט דאָס דאָזיקע נשמה־פֿאַרמעגן, — אַ זייער זעלטן פֿאַרמעגן אין אונזערע צייטן — אָפּגעהיט ווערן אין אונזער אוצר. ווען מיר וועלן אַפֿילו פֿאַרגעסן די מערדער, וואָס ברענגען אום מענטשן אין נאָמען פֿון געזעץ: ווען מיר וועלן אַפֿילו פֿאַרגעסן דעם רויב־לוסטיקן אַראַבישן ערב רב — דעם וויינענדיקן פּאָליציסט און דעם גאַסטפֿריינטלעכן אַראַבער, דעם מיליטערמאַן, וואָס גיט פֿון זיין ברויט אונזערע ברידער, — זיי וועלן מיר קיינמאָל אין לעבן נישט פֿאַרגעסן. נישט געקוקט אויף אַלעמען, זיינען ז י י

אפשר די פאַרשטייער פון דעם ענגלישן און אַראַבישן פאָלק; זיי, די ווינציקע, און נישט אַנדערע.

אַפּריל 1939.　　　　ש. דניאל

# אין פּאַרלאַמענט...

26 אַפּריל 1939.

נאָעל בייקער: ...צי וועט — נעמענדיק אין אַכט די שוידערלעכע לײַדן פון די פּליטים, — זיי דערלויבט ווערן צוריקצוקערן זיך צום ברעג פון ארץ־ישראל, נאָכדעם ווי ס'איז זיי פריער פאַרווערט געוואָרן אַהין אַרײַנצוקומען?

מעקדאָנאַלד: זיי וועלן צוריקגעקערט ווערן אין די האַפנס, פונוואַנען זיי זײַנען געקומען.

נאָעל בייקער: זאָל דאָס באַדייטן — אין די קאָנצענטראַציע־ און איזאָלאַציע לאַגערן?

מעקדאַנאַלד: די אחריות דערפאַר פאַלט אויף די יעניקע, וואָס אָרגאַניזירן די אומלעגאַלע עליה.

טאָם וויליאַמס: נעמענדיק אין אַכט דעם שוידערלעכן גורל פון די פּליטים, וואָלט גלײַכער געווען אויפצונעמען זיי מיט אַן אָפיציעלער באַגריסונג, איידער זיי צוריקשיקן קיין דײַטשלאַנד.

מעקדאַנאַלד: ארץ־ישראל טראָגט אַרײַן איר בײַשטײַער צו דער לייזונג פון דער יידישער פראַגע, אָבער די זאַך מוז האָבן אַ גרענעץ, וואָס קען נישט איבערשריטן ווערן. אויב מיר זאָלן דערמוטיקן דאָס איבערפירן די אומלעגאַלע, וועלן מיר בלײַבן שטיין פאַר אַ פּראָבלעם, וואָס איז אומעגלעך צו לייזן. די רעגירונג באַציט זיך מיטן גאַנצן מיטגעפיל צו די יידישע פּליטים, אָבער אויב די פּאַסאַזשירן פון איין שיף וועט דערלויבט ווערן אַרײַנצוקומען, וועלן באַלד נאָכקומען פיל אַנדערע.

5 יוני 1939.

וועדזשוווד: אין די פיר חדשים זײַנען איינע נאָך דער צווייטער אָנגעקומען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל שיפן אָנגעפּראַפּט מיט פּליטים. דאָס זײַנען נישט קיין שפּיל־שיפן. דאָס זײַנען 300־400 טאָניקע שיפן אָן קיין שום באַקוועמלעכקייטן, פאַרפולט מיט פּליטים פון 200 ביז 900 מאַן. פיל פון זיי האָבן דורכגעמאַכט גאַנצע דריי חדשים אויפן ים ביז זיי זײַנען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. די געפּייניקטע „לאַדונג" פּרוּווט באַטרעטן דעם ברעג. זיי ווערן אָבער געכאַפּט דורך אַראַבער אָדער פּאָליציסטן, וואָס באַקומען אַ פּרעמיע פאַר כאַפּן זיי אויף דער יבשה. איצט כאַפּט מען זיי אויף די ימים, און אויב דער קאַפּיטאַן פאָלגט נישט דעם באַפעל אָפּצושווימען קיין חיפה, עפנט מען אויף זיי אַ פײַער.

די דאָזיקע מענטשן זײַנען פאַקטיש אַנטלאָפענע שקלאַפן. זיי זײַנען אַנטלאָפן פון דײַטשלאַנד, וווּ זייער לאַגע איז ערגער ווי נעגער־שקלאַפערײַ. אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געזעץ, אַז אַ שקלאַף, וואָס האָט געשטעלט אַ פוס אויף אַ בריטישער שיף, ווערט שוין דורך דעם

אַליין פריי און מען קען אים נישט איבערגעבן זיין אייגנטימער. דער פּאַרלאַמענט האָט דעם דאָזיקן ענין אַמאָל באַהאַנדלט, ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דאָס געזעץ וועגן די פּליטים־שקלאַפן און דער פּלאַט האָט אים דורכגעפירט אין לעבן. אַזוי אַרום האָט ער מיטגעהאָלפן אָפּצושטעלן דעם שקלאַפן־האַנדל אויפן רויטן ים. איצט דינט דער פּלאַט אַ פּאַרקערטן ציל — צו כאַפּן אַזעלכע קנעכט און איבערצוגעבן זיי זייערע אייגנטימער. די יידן־פאַרפאָלגונג אין דייטשלאַנד האָט, ווייזט אויס, באַאיינפלוסט אונזער רעגירונג, — און דער עיקר די ארץ־ישראל־רעגירונג — מיטצוהעלפן אַז ממש אויסצופירן די העסלעכע אַרבעט, וואָס די שקלאַפן־אייגנטימער אין דייטשלאַנד בעטן ביי זיי. אַלע געפילן פון אייראָפּע זיינען די לעצטע צען יאָר געגאַנגען צום טייוול. ערשט מיט אַכצן חדשים צוריק האָט זיך דאָס דאָזיקע הויז אויפגערעגט צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט, הלמאי זיבעציק יידן זיינען אַרויסגעשליידערט געוואָרן אויף אַ פעלזן־אינזל אינמיטן דונאַי־טייך, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצופאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיי אָדער אומצוקערן זיך קיין דייטשלאַנד. דאָס האָט דאַן דערוועקט אַזאַ אויפברויז, אַז דער זייער געערטער הער גופא האָט דערלויבט די דאָזיקע מענטשן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. איצט טוען מיר די זעלבע אומענטשלעכע זאַך: מען נעמט אַוועק ביי די דאָזיקע מענטשן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן זייער באַפרייונג.

עס זיינען געווען פיל שיפן. די לעצטע שיף איז געקומען מיט דריי טעג צוריק און געבראַכט נישט קיין נייע עולים, נאָר מענטשן, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון די גריכישע אינזלען און האָבן געהאַט דורכגעמאַכט דעם וועג קיין ארץ־ישראל צוויי מאָל. וועלן זיי באַקומען די דערלויבעניש איינצוואַנדערן? אויב דער זייער געערטער הער רעכנט זיי אַראָפּ פון שעדיול, דאַרף מען זיי דערלויבן עולה צו זיין. וועט דער זייער געערטער הער שטענדיק אָנווענדן אַזאַ מין פּאָליטיק? אויב יאָ, האָבן מיר דאָס רעכט צו פאָדערן, אַז אונז זאָל פאָרגעשטעלט ווערן דער באַפעל, לויט וועלכן עס ווערן געטון אַזעלכע העסלעכע זאַכן, זאָל דער פּאַרלאַמענט אים באַהאַנדלען! ס'איז נישט דערלאָזבאַר, אַז אונזער נאָמען זאָל אַזוי פאַרשוועכט ווערן. אַ פירונג, וואָס פּאַסט פאַר היטלערן, אַ פירונג, וואָס פּאַסט פאַרן מיטלאַלטער, קען נישט זיין די פירונג פון אַ בריטישער רעגירונג אין יאָר 1939. דעם זייער געערטן הער קען געלונגען אָפּצושטעלן די דאָזיקע אומלעגאַלע עליה, אָבער אויב ער וועט עס טון, וועלן זיינע טאַטן אים קאָמפּראָמיטירן אויף אייביק. דאָס איז נישט קיין פירונג, וואָס קען זיך לאָזן פאַרטיידיקן. איר באַשטימט אַ געזעץ, וואָס די יידן וועלן זיין געצוווּנגען צו ברעכן. די יידן וועלן אפשר נישט קענען מבטל מאַכן דעם געזעץ, אָבער אויב זיי וועלן זיך אים קעגנשטעלן, וועט דער זייער געערטער הער קיין דערפאָלג מיטן דאָזיקן געזעץ נישט האָבן, און וואָס גיכער ער וועט אים אָפּשאַפן, איז אַלץ בעסער. מען קען נישט דערוויטערן אַ שיף פול מיט פּליטים פון אַ לאַנד, וואָס וויל זיי אויפנעמען. ווען זיי וועלן נישט האָבן קיין אַנדערן אויסוועג, וועלן זיי דערטרינקען די מאָטאָר־שיפלעך: נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, וועלן זיי שווימען צום ברעג.

4 יולי 1939.

טאָם וויליאַמס האָט געפרעגט דעם פּרעמיער, וואָס פאַראַ אָנשטרענגונגען האָט דער רעגירונגס־פאָרשטייער געמאַכט, כדי משפּיע צו זיין אויף אַ געוויסער צאָל אייראָפּעישע לענדער, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן אַרויסצוגעבן טראַנזיט־וויזעס פאַר

אַלע יידישע פּעטענטן פון דייטשלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיי, כדי צו שטערן דער אומלעגאַלער איינוואַנדערונג אין לאַנד, און צי ער וועט — נעמענדיק אין אַכט די שוועריקייטן און די פּלאָגן, וועלכע ווערן פאַראורזאַכט די פּליטים, וועלכע ווילן אַנטלויפן פון זייערע פאַרפאָלגער — זיך נישט פאַרפליכטן — נישט צו ווענדן זיך אין דער צוקונפט צו די רעגירונגען מיט אַזעלכע בקשות.

בוטלער האָט אים געענטפערט, אַז ס'איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום פּרווו צו שטערן די יידן, אין באַקומען אריינפאַר־וויזעס קיין ארץ־ישראל. אָבער די יידן פון פאַרשידענע לענדער, דערין פון דייטשלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיי, קו־מען אַריין אין לאַנד אויף אַן אומלעגאַלן אופן. איז די בריטישע רעגירונג דעריבער געקומען אין באַרירונג מיט אַ געוויסער צאָל רעגירונגען אין אייראָפּע, כדי צו פאַרזיכערן אַ גרעסערע מיטאַרבעט מיטן ציל אויסצומיידן דאָס צוריקשיקן אומלע־גאַלע עולים. וואָס איז אַ מקור פון פיל שוועריקייטן פאַר דער רעגירונג און איז גורם פיל ליידן די פּליטים.

***

יולי 1939.

דאָף קופּער:

די לעצטע דערקלערונג פון מיניסטער, וואָס זאָגט, אַז צוליב דער אומלעגאַ־לער עליה וועט אָפּגעשטעלט ווערן אויך די לעגאַלע עליה, שטעלט מיט זיך פאַר אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. דאָס איז געגליכן צו דער אויפירונג פון אַ בייזן לע־רער, וואָס האַלט פאַר מעגלעך, צוליב דעם וואָס אַ געוויסע צאָל שילער איז אָפּ־וועזנדיק אין דער שול, — נישט צו לערנען אויך מיט די, וואָס זיינען יאָ אַנוועזנ־דיק. ער באַשטראָפט די יעניקע, וואָס היטן אָפּ דאָס געזעץ און די אָרדנונג, צוליב די שולדיקע אין ברעכן דאָס געזעץ. אויב דער מיניסטער זעט זיך געצוווּנגען אָנ־צונעמען אַזעלכע שריט, איז דאָס אַ באַווייז, אַז זיין פּאָליטיק איז דורכגעפאַלן. אמת, דער מיניסטער האָט שווער געאַרבעט און איך וועל נישט שטימען פאַר רע־דוצירן זיין פענסיע, איך ווייס וויפיל מי און געדולד ער האָט אריינגעלייגט ביים פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פּאָליטיק. און אויב ער איז דאָך דורכגעפאַלן, איז אַ סימן, אַז די ליניע איז געווען נישט קיין ריכטיקע.

מיר האָבן געוואָלט פירן ארץ־ישראל אָן פּאָוואַריזירונגען. אָבער אויב דאָס האָט דערפירט צו פאַרקריפּלטע מיינונגען און צו אַן אומצופרידנקייט פון ביידע צדדים, דאַן דאַרפן מיר איינשטעלן אַ שטרענגערע און קלאָרערע ליניע. מיר דאַרפן זיך מיישב זיין און באַשליסן, וואָס מיר ווילן זען אין ארץ־ישראל, און דאַן מאַכן די נויטיקע שריט, וואָס זאָלן אונז דערנענטערן צום דאָזיקן ציל. אין דער פאַרגאַנ־גענהייט זיינען סיי די יידן, סיי די אַראַבער געווען פריינט פון ענגלאַנד. הן די, הן יענע האָבן אונז אין אַן עת צרה געגעבן זייער וויכטיקע הילף. ווען איר האָט צוויי אַלטע פריינט און זיי קומען ביידע גלייכצייטיק בעטן ביי אייך הילף און איר קענט ביידע מיטאָמאָל נישט באַפרידיקן — וואָס איז דאַן די ערשטע מחשבה, וואָס קומט אייך אויפן זינען, ווען איר זענט געצוווּנגען צו פאָוואָריזירן איינעם לגבי דעם צווייטן? זיכער וועט זיין דאָס ערשטע קריטעריום — ווער פון אייערע ביידע פריינט געפינט זיך אין געגעבענעם מאָמענט אין אַ קריטישערער

לאנגע? ווען מיר קוקן זיך צו צום מצב פון די אראבער ביים היינטיקן טאג, מוזן מיר מודה־זיין, אז אין משך פון די לעצטע צוואנציק יאר האבן זיי דערגרייכט מער פרייהייט און ווירטשאפטלעכן שפע ווי אין פארלויף פון הונדערטער יארן.

ווי אנדערש איז אבער דאס בילד פון איצטיקן צושטאנד ביי די יידן! אין דער לאנג־יאריקער טראגישער געשיכטע פון דעם דאזיקן פאלק איז נישט געווען אזא שרעקלעכע תקופה ווי די היינטיקע. ווען מיר טראכטן וועגן די טענות פון די יידן מכוח דאס גוטע, מיט וועלכן מיר צאלן זיי פאר דעם אלעם, וואס זיי האבן אין דער פארגאנגענהייט געטון פאר דער מענטשלעכער ציוויליזאציע — און ווייניק זיינען די פעלקער, וועלכע האבן מער געטון און גאר ווייניק קענען זיך גלייכן צו זיי — ווען מיר טראכטן וועגן דעם גרויסן חוב, וואס עס קומט זיי שוין פון אונז ביים היינטיקן טאג, מוזן מיר זאגן, אז ער שטייגט מיט פיל איבער די מעגלעכקייט וואס מיר האבן צו באצאלן זיי. דער העסלעכער רעזשים, אין וועלכן זיי געפינען זיך אין דייטשלאנד, דער דאזיקער פלעק, וואס וועט קיינמאל נישט אפגעמעקט ווערן אין דער געשיכטע פון דייטשלאנד — די דאזיקע חרפה איז אין א גרויסער מאס א טייל פון גאנץ אייראפע. ווען די געשיכטע פון דער דאזיקער תקופה וועט געשריבן ווערן, וועט זיך יעדער איינער וואונדערן, פארוואס די ציוויליזאציע האט אזעלכע פארברעכנס דערלויבט. די דאזיקע תקופה וועט אנגערופן ווערן „די תקופה פון די קאנצענטראציע־לאגערן“, גענוי ווי מען רעדט וועגן דער תקופה פון דער טראגישער אינקוויזיציע. אונזער אלעמענס חוב איז דעריבער אלס בירגער פון אייראפע צו טון אלץ וואס מיר קענען, כדי דעם דאזיקן פלעק אראפצונעמען פון דעם גאנצן דור. דעריבער זיינער אונזערע פליכטן לגבי די יידן היינט פיל גרעסער ווי זיי זיינען געווען ווען נישט איז אנדערש. דאס זיינען פליכטן לגבי זיך זעלבסט און לגבי אונזערע צוקונפטיקע דורות — — —

# א מאראלישער בונט

די אומדערלויבטע עליה, וואס איז פארוואנדלט געווארן אין אזא כאראקטעריסטישן שטריך פון דער היינטיקער תקופה, שעפט פיל אונטערשטיצונג מצד דעם ישוב. אויך אין דער פארגאנגענהייט האבן די ארץ ישראל־יידן ארויסגעוויזן א גרויסע מאס פון נאטירלעכן מיטגעפיל צו יענע יידן, וואס האבן נישט געהאט קיין אנדער ברירה ווי אריינצוקומען אין לאנד אן א דערלויבעניש. נישט מער — כל־זמן די עליה איז געווען ארגאניזירט אויף א באזע, וואס האט אנערקענט דאס רעכט פון יעדן יידן אריינצוקומען קיין ארץ־ישראל אן קיין שום צאל־באגרענעצונג, אבי די עולים זאלן קענען איינגעגלידערט ווערן פון ווירטשאפטלעכן שטאנדפונקט, האט דער יידישער ישוב באטראכט די אומלעגאלע עליה ווי א שיטה וואס מען דארף באשטעטיקן. נאך מער, דער ישוב האט נישט צוגעמאכט זיין אויג אויף די פעלערן, וועלכע שטעקן אין אזא עליה, וואס ווערט געפירט אן אן אויסוואל און אן א השגחה. אבער במשך די לעצטע צוויי יאר זיינען פארגעקומען צוויי שנויים, וואס האבן דיאמעטראל געענדערט די שטעלונג פון ישוב. ערשטנס, האט דער שוידערלעכער בראך פון די יידישע מאסן אין צענטראל־אייראפע, וועלכע זיינען ממש דאכלאז, פארוואנדלט אין א בייזוויליקן שפאט די רופן צו אויסדויער און צו דיס־

ציפלין בנוגע דער עליה און האט צעשטערט די אנגענומענע סיסטעמען פון אויסוואל און אויפזיכט. צווייטנס — און די דאזיקע ענדערונג איז געווארן פיל וויכטיקער פון פסיכאלאגישן שטאנדפונקט — דער פאקט, וואס די רעגירונג האט זיך אפגעזאגט פונם פרינציפ וועגן דער ווירטשאפטלעכער אויפנאמס־מעגלעכקייט און האט אויפגעשטעלט אנשטאט דעם א רעזשים פון אבסאלוטן ווילקיר, צעשטערט אין די אויגן פון יידישן ציבור דעם אויטאריטעט פון דער רעגירונג ווי אן עליה־מאכט. דאס „ווייסבוך" האט גורם געווען צו א מאראלישן בונט. די נייע פאליטיק האט מיט איר באגרענעצן די יידישע עליה ביי א פולשטענדיקן ווילקיר און מיט איר מאכן אפהענגיק די עליה אין דעם חסד פון די אראבער, — אפגעלייקנט דאס פונדאמענטאלע רעכט פון די יידן, וועלכע דער מאנדאט האט פריער באטראכט אלס וועזנטלעד און רעאל און זיך מתחייב געווען אונטערצושטיצן זיין פארווירקלעכונג אין דער צוקונפט — דאס רעכט אומצוקערן זיך אין אייגענעם לאנד. די יידן פון זייער זייט האבן אנדערש נישט געקענט האנדלען ווי אפלייקענען די מאראלישע און געזעצלעכע גילטיקייט פון דער דאזיקער גזירה, צוליבן דאזיקן שריט האט די רעגירונג פארלארן יעדעס רעכט צו ארגאניזירן די יידישע עליה. יעדע שיף וואס האט, נישט געקוקט אויף דער דאזיקער פאליטיק, געבראכט פליטים, איז דורך זיי באטראכט געווארן ווי א דעמאנסטראציע פון דעם אייזן־פעסטן רעכט פון יידישן פאלק אומצוקערן זיך אין זיין אייגן לאנד.

די ציוניסטישע עקעקוטיוו

# א געזעגנונג מיטן ענגלישן פלאט

מען מעלדעט, אז די ענגלישע קריגס־שיפן, וואס האבן ביז איצט געהיטן די ארץ־ישראל־ברעגעס קיין יידישער מעפיל זאל, חלילה, זיך נישט דורכשמוגלען אין לאנד אריין, — וועלן פון איצט אן באפרייט ווערן פון זייער פליכט און ס'וועלן אויף זיי ארויפגעלייגט ווערן אנדערע אויפגאבן. מהיום והלאה וועט די דאזיקע שיינע אויפגאבע ארויפגעלייגט ווערן אויף דער ספעציעלער ברעג־פאליציי, וואס שטעלט מיט זיך פאר א געמישטע ענגליש־אראבישע קערפערשאפט.

אין שייכות דערמיט פילן מיר פאר אונזער פליכט און באדערפניש צו זאגן די ענגלישע אפיצירן און מאטראסן, וואס האבן ביז איצט געטראגן אויף זייערע רוקנס די דאזיקע שווערע לאסט און איצט איז זי פון זיי אראפגענומען געווארן — א פאר געזעגנונגס־ווערטער.

דער יידישער ישוב ווייסט, אז נישט צוליב זייער אייגענעם אויסוואל איז אויף זיי די דאזיקע ספעציעלע אויפגאבע ארויפגעלעגט געווארן. מען האט זייער מיינונג נישט געפרעגט, און ווען מען פרעגט זיי יא, קען מען אויך נישט וויסן פארויס זייער תשובה. דאס ענגלישע פאלק אלס גאנצעס און דאס רוב פון זיינע פארשטייער אין פארלאמענט האבן זיך נאך נישט סאלידאריזירט מיט דער דאזיקער פאליטיק פון „מענטשן־יאגד" און אפלייקענען פארפליכטונגען, ס'איז זיי ער מעגלעך, אז די זעלבע אפיצירן און מאטראסן, וועלכע האבן די לעצטע חדשים אויסגעפילט די דאזיקע אויפגאבע, וועלן נאך שטיין אקסל צו אקסל מיט די ישוב־מענטשן אין איין פראנט. צוזאמען מיט זיי אין איין ריי וועלן נאך מעגלעך שטיין

אויך פיל פון די מעפּילים, נאָך ווען זיי האָבן זיך געיאָגט, סיי די געכאַפּטע און סיי די נישט געכאַפּטע; סיי די, וואָס וועלן נאָך געכאַפּט ווערן, און סיי די, וואָס וועלן נישט געכאַפּט ווערן. און די דאָזיקע אָפּיצירן און מאַטראָסן וועלן עס האָבן אַ חלק דערין, וואָס אַזאַ מין שטיין אַקסל ביי אַקסל וועט זיין מעגלעך. זיי זיינען טאַקע מיליטער־לייט און זייער אויפגאַבע האָבן זיי דערפילט אַזוי, ווי דאָס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן, אָבער די פאָרם, אין וועלכער זיי האָבן דאָס אויסגעפילט, האָט גורם געווען דערצו. אַז אונזער גלויבן אין מענטשן זאָל געראַטעוועט ווערן. יענער ענגלישער מאַטראָס, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן בעת ער האָט געאיילט צו העלפן אַ פּרוי צווישן די מעפּילים, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ סכנה; יענע ענגלישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך געטיילט מיט זייער ברויט און געשפּייזט די הונגעריקע צווישן די מעפּילים, ווי אויך יענע זעלנער, וועלכע האָבן געגעבן די מעפּילים זייערע בגדים און זייער געלט, — זיי אַלע האָבן געראַטעוועט אין די יידישע אויגן דעם כבוד פון דער ענגלישער פאָן, וואָס די באַרופענע אָפּצוהיטן זי האָבן געאיילט זי צו באַפלעקן מיט זייער פאַרראַט און ענגהערציקייט.

וואָס זאָלן מיר זיי ווינטשן אין געזעגנונגס־טאָג? — מיר וועלן זיי ווינטשן, אַז ביים דינען זייער פאָלק, זאָל אין זייער גורל אויספאַלן צו דערפילן מער מענטשלעכע און ערנהאַפטע אויפגאַבן און אויב דער דאָזיקער ווונטש לאָזט זיך נאָכנישט פאַרווירקלעכן און זיי שטייען נאָך פאַר אַזעלכע מינים אויפגאַבן — דאַן זאָל אין זיי נישט פאַרטונקלט ווערן דאָס ליכט פון מענטשלעכקייט, וואָס זיי האָבן נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן אין זייער דינסט.

9 אויגוסט 1939.

## ז. דער סוף פון אַ וואַד־שיפל

10 אויגוסט 1939.

נעכטן 3.15 פאַרטאָג איז דערטרונקען געוואָרן דאָס וואַד־שיפל „סינבאַד" ביי וואַדי פאַליק, צו דרום פון נתניה. געשען איז דאָס צוליב אַן אויפרייס. „סינבאַד" איז געבראַכט געוואָרן פון ענגלאַנד מיט אַ קורצער צייט צוריק און עס איז געווען דאָס בעסטע און דאָס שענסטע צווישן די שיפלעך, וואָס היטן אָפּ די ברעגן.

# אין האַרץ פון ים

הקדמה

פון שיף צו שיף

...ווען טיטוס הרשע איז געקומען קיין ירושלים, האָט ער מיטגע־בראַכט דריי טויזנט שיפן און האָט זיי אָנגעפילט מיט יינגלעך און מיידלעך. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אינמיטן ים, האָבן זיי געזאָגט: לאָ די וואָס מיר האָבן דערצערנט דעם רבונו של עולם ביי אים אין הויז, זאָלן מיר נאָך אים אויך דערצערנען אין אדום־לאַנד? און נישט טראַכטנדיק לאַנג זיינען זיי אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין. וואָסזשע האָט געטון דער אויבערשטער? האָט ער זיי געגומען מיט זיין רעכטער האַנט, האָט זיי געבראַכט אויף אַ גרויסן אינזל, וואָס איז געווען באַפּלאַנצט מיט כל המינים גוטע ביימער, האָט זיי אַרומגערינגלט מיט אַ שלל פון פאַרשידע־נע פאַרבן, פון מאַלאַכיט, גראַניט און מירמלשטיין, וועלכע האָבן דעם אויסזען ווי די שטיינער פון בית־המקדש. און האָט געמאַכט אַזאַ מין רויך צו דערנערן דעם קטורת, וואָס איז דאָרט געוואַקסן. ווער עס האָט דאָס אַלץ געזען, האָט געוויינט און געלאַכט גלייכצייטיק: געוויינט — ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אין דער שיינקייט פון בית־המקדש; און גע־לאַכט — פון האָפנונג, אַז דער אויבערשטער וועט אים אין דער צוקונפט צוריקבויען. שטייען זיי אַזוי אין זייער תמימות, און אָפּגעגרענעצט פון יעדער זינד, און זיי דערנערן זיך מיט יראת שמים. און זייערע פּנימער זיינען געגליכן צו רויזן פון דעם רויזן־גאָרטן, וואָס איז אַמאָל געווען אין ירושלים. און דער שיין פון זייער פּנים לייכט ווי דער ליכטיקער שטערן, וועלכער גלאַנצט אַזוי שטאַרק צו דער מזרח־זייט, און זייערע אויגן פינק־לען ווי בליצן פון דער לעבנס־שיינקייט. און זיי האָבן נישט קיין קנייטשן נישט אויפן שטערן און נישט אויף זייער פּנים אַחוץ צוויי קנייטשן אונ־טער די אויגן, ווייל פון דאָרט גייען די טרערן אין ים הגדול און קילן אָפּ דעם גיהנום פאַר די יידישע פּושעים, וועלכע האָבן נישט געלייקנט אין ארץ־ישראל. און זיי זיינען נישט אונטערטעניק קיין שום הערשער, נישט צום מלך פון אדום און נישט צום מלך פון ישמעאל, און נישט צו קיין שום אַנדערן מענטשן־קעניג, נאָר זיי שטייען אין שאָטן פון רבונו של עולם. זיי רופן אים „טאַטע" און ער רופט זיי „מיינע קינדער". און זיי דערציילן אַ גאַנץ לעבן וועגן ירושלים און וועגן דער גרויסקייט פון בית־המקדש — און דער כביכול שמייכלט נישט ווי ער טוט עס געוויינלעך, ער הערט לויבן זיין הויז און זיין הויז־געזינד, און ער זאָגט: דאָס פאָלק וואָס איך האָב באַשאַפן, וועט מיין לויב דערציילן. און ער זאָגט: „טרייסט זיך, ירושלים וועט אין דער צוקונפט צוריקגעבויט ווערן הונדערטער טויזנטער מאָל שענער און גרעסער ווי זי איז געווען, און דער בית־

המקדש וועט זיין גרויס פון איין עק וועלט ביזן צווייטן און הויך וועט ער זיין ביז די שטערן אין הימל און ביז די גלגלים פון דער מרכבה, און די שכינה וועט רוען אויף יעדן ייד, און יעדער ייד וועט רעדן מיטן רוח הקודש.

און די גאַנצע יאָרן וואָס יענע יינגלעך און מיידלעך זיצן אינמיטן ים, האַלטן זיי אין איין וואַרטן אויף דער ישועה. און ס׳גייט נישט דורך קיין איין שיף קיין ארץ־ישראל אַז די יינגלעך און מיידלעך זאָלן איר נישט נאָכגיין, ווייל ווען זיי דערזען אַ שיף אויפן ים, זאָגט איינער צום צווייטן: ס׳איז שוין אוודאי געקומען די צייט פון קבוץ גלויות. באַלד נעמט יעדער איינער אַ כוואַליע פון די ים כוואַליעס און רייט אויף איר ווי אַ רייטער ביז ער קומט צו נאָענט צו דער שיף: און אַ שטים האָבן זיי ווי דער קלאַנג פון די גאָלדענע גלעקלעך ביי די פּאָלעס פון אַ מלבוש און אַלע ים־רייזנדע הערן אים.

און געהערט האָבן מיר פון וואָר־זאָגערס אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט רייזנדע אויפן ים הגדול קיין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן פּלוצלונג דערהערט אַ זיסע שטים. האָבן זיי פון גרויס מתקות געוואָלט אַריינשפּרינגען אין ים און נאָכגיין דער שטים. אַ נס, וואָס די שיף־פירער האָבן זיי צוגעבונדן מיט זייערע גאַרטלען, ביז די שיף איז פון זיי אַוועקגעשווומען...

ש. י. עגנון.

# פון שיף צו שיף

## א גרופע אויפן ים

ווי נאר מיר זיינען ארויסגעשוווּמען אויפן אפענעם ים — האט אונז באלד באגעגנט א גרויסער שטורעם. די ים־כוואליעס האבן זיך אויפגעהויבן, האבן זיך א ריס געטון און פארפלייצט דעם דעק פון שיף. אמת, די דאזיקע שיף אונזערע איז געווען אין פארגלייך צו דער פריערדיקער ווי א קעניגלעכער פאלאץ קעגן א פישער־הייזל, זי האט זיך אבער געפונען אין א שלעכטן צושטאנד. די פאסאזשירן האבן כסדר געחלשט. אלע זיינען אראפ אין אונטערשטן טייל און מען איז דאס רוב געלעגן ווו עס האט זיך געלאזט. מיט אמאל האט זיך דערהערט פון אונטן א ווײ־געשריי: „מיר טרינקען זיך!" — ס'איז אנטשטאנען א לאך אין דער שיף, אבער באלד זיינען מיר אויך דאס בייגעקומען.

נאך האלבער נאכט זיינען מיר צוגעקומען צו איינעם אן אינזל און דא האבן מיר זיך פארהאלטן א גאנצן טאג. ביי דער רואיקייט האט זיך איינגעשטעלט א בעסערע שטימונג. הגם מיר האבן זיך געפונען אויף א שטח פון צוויי שעה בסך הכל פון אונזער אויסגאנגס־פונקט און מיר האבן נאך געהאט א לאנגן וועג פאר זיך. איך האב אויסגענוצט די אפרו־שעהן און גערופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג. איך האב די חברים געזאגט: „ווערט איר ווען — וועלן מיר מצליח זיין, טאמער ווערט איר נישט וועלן — קענען די נסיעה־טעג פארוואנדלט ווערן אין טעג פון בהלה, אלץ איז אין אייער האנט". און נאך האב איך געזאגט: „מיר זיינען באזארגט מיט שפייז נישט אויף א וואך און נישט אויף צוויי וואכן, נאר אויף א גאנצן חודש. דאס זעלבע איז מיט רפואות. דאס דאזיקע גאנצע פארמעגן גיבן מיר איבער אין אייערע הענט. מיר האפן, אז קיין חודש וועלן מיר אין וועג נישט זיין. ווען איר וועט זיך איינארדנען ווי געהעריק, וועט איר דערגרייכן אייער ציל און קומען בשלום קיין ארץ־ישראל". איך האב פארגעלייגט אויסצוקלייבן קאמיסיעס, ווייל מיין אויפגאבע האט זיך געענדיקט מיטן מאמענט ווען מיר זיינען ארויף אויף דער שיף.

אנטשפרעכנד צום פארשלאג האבן זיך אלע פאסאזשירן ארגאניזירט אין א ליגע — „די ליגע פון ים־הכשרה". מיר האבן אויסגעוויילט קאמיסיעס: פאר ארבעטס־ארגאניזאציע, פארן מאגאזין, פאר א טאג־צייטונג און מסיבות, און פאר ריינקייט. באלד האט יעדע קאמיסיע אפגעהאלטן איר זיצונג און פארנאכט האבן זיי אלע אנגעהויבן זייער טעטיקייט.

די קאמיסיע פאר ארבעטס־ארגאניזאציע האט באלד באשטימט מענטשן, וואס זאלן אכטונג געבן אויף דער ריינקייט און אויף דער ארדנונג אין דער קיך. די וואסער־קאמיסיע האט געוווּסט, אז אויב מיר וועלן נישט אפהיטן דאס וואַ־

סער, וועלן מיר אויפֿן ים נישט קענען לאַנג עקזיסטירן, און אַז זי דאַרף דערויף וואַכן פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. יעדער חבר האָט רעכט געהאַט צו באַקומען וואַסער נאָר צום טרינקען, צו ראַזירן זיך און אויסצושווענקען דאָס מויל — מער נישט. איך האָב זיי געזאָגט: בעסער אויסצוגיסן דאָס טרינק־וואַסער אין ים אַריין ווען מיר וועלן אָנקומען קיין ארץ־ישׂראל, איידער מיר זאָלן אויסגיין פֿון דורשט אויף דער שיף, אויב די נסיעה, וועט זיך פֿאַרלענגערן.

פֿאַרנאַכט איז דערשינען די ערשטע צייטונג אויף דער שיף (דוכט זיך, אַז זי האָט געהייסן „בלב־ים"), וואָס האָט באַשריבן אַלע פּרטים פֿון דער רייזע און די זיצונגען פֿון די קאָמיסיעס. די שטימונג איז געווען אַזוי געהויבן, אַז אַפֿילו די קראַנקע זיינען געקומען און דערקלערט: „לאָמיר אַרויספֿאָרן פֿריער, נישט געקוקט אויפֿן שטורעם". דער קאַפּיטאַן האָט אָבער געזאָגט: „ס'איז נאָך נישט כּדאַי" — און דאַן איז ער אַרויסגעפֿאָרן.

עס זיינען אַריבער צוויי טעג. אויפֿן דריטן אָוונט איז פֿאָרגעקומען אונזער ערשטע מסיבה אויף דער שיף. ס'איז פּונקט אויסגעפֿאַלן דער צוואַנציקסטער יובל־טאָג פֿון „החלוץ" ס'איז דערשינען אַ צייטונג געווידמעט דער דאָזיקער געשעעניש; מיר האָבן געהערט די ראַדיאָ־זענדונג פֿון ירושלים; אויך אייגענע חברים האָבן געהאַלטן רעדעס, מען האָט רעציטירט און געזונגען. דער דעק האָט זיך געדוכט, איז ברייטער געוואָרן; צענדליקער, צענדליקער האָבן זיך געדרייט אין טאַנץ.

די מענטשן האָבן זיך צוגעוווינט צום מצב אויפֿן ים. קיין עסן האָט נישט געפֿעלט; די צאָל קראַנקע איז קלענער געוואָרן; די ריינקייט — אַ מוסטערהאַפֿטע; די צייטונג דערשינען; אַ געוויסע צאָל חברים אַרבעטן אין דער מאַנשאַפֿט. אויפֿן וועג האָבן מיר וואָס אַן אמת, געהאַט אַ שטורעם, אָבער די מענטשן האָבן זיך שוין דערצו צוגעוווינט. אַזוי צי אַזוי — מיר זיינען שוין נאָענט פֿון ברעג. מיר האָבן באַמערקט דעם צייכן, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן פֿון ברעג און מיר האָבן שוין געוווסט: נישטאָ קיין שטערונג, מען קען די מענטשן אַרויסזעצן.

מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט אויפֿן ים דאָס ערשטע שיפֿל. אין אַ האַלבער שעה אַרום — די ערשטע פֿאַרבינדונג. די אַרויסזעצונגס־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. זי האָט זיך געפֿירט לויטן סדר, וואָס איז פֿאָרויס באַשטימט געוואָרן. קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצוגיין פֿון זיין גרופּע, האָט אים געמעגט אויספֿאַלן די לעצטע ריי. די גרופּע אַקטיוויסטן האָט פֿיל געהאָלפֿן אין דער אַרבעט. אירע מענטשן האָבן דערלאַנגט די ערשטע הילף צו די באַדערפֿטיקע, פֿיל פֿון זיי האָבן אויך געהאָלפֿן די יעניקע, וואָס זיינען אַראָפּגעגאַנגען אין די שיפֿלעך.

און אַט איז די לעצטע גרופּע — די אַקטיוויסטן — אויך זי גייט אַראָפּ. די מאַטראָסן קערן זיך אום פֿון ברעג און קומען מיטן שיפֿל צוריק. אַלע האָבן זיך אַרויסגעזעצט בשלום! דער אַנקער איז אויפֿגעהויבן. אַ שטילער קרעכץ פֿון דער מאַשין; רואיקע באַפֿעלן פֿון קאַפּיטאַן און זיין געהילף — און מיר הויבן זיך אָן דערווייטערן פֿון די ארץ־ישׂראל ברעגעס מיט דער פֿולער שנעלקייט. ווי ווייט די שיף איז נאָר בכּוח — זיבן מייל אַ שעה בערך (די שנעלקייט פֿון די פּאָליציי־שיפֿלעך דערגרייכט צען מייל אַ שעה). דער צייכן פֿון לאַנד דערווייטערט

זיך פון אונז. מיט יעדער מינוט ווערט ער קלענער, אַט ווערט ער אינגאַנצן פאַרשווונדן, און מיט אים — אויך די ארץ־ישראל ברעגעס.

אַ שווערע און זיסע מידקייט. מיט וואָס ווערט אָפּדאַנקען דעם גורל דער־פֿאַר, וואָס ער האָט דיך מזכה געווען צו זיין איינער פון די מענטשן, וואָס פירן אויס אַזאַ וויכטיקע שליחות? ס'איז שווער, זייער שווער צו זיין ביי די ברעגעס פון לאַנד, זייט דעם אַראָפּלאָזן דעם אַנקער ביזן אויפהויבן אים, און אַנטלויפן. אָבער עפּעס אַן אינערלעכער בטחון וועקט דיך, דאָס איז דער בטחון אין דער־פֿאָלג, און זיין שטים איז די שטים פון דערמונטערונג: „איר וועט זיך נאָך אומ־קערן!"

אויף מאָרגן — אַ ים־שטורעם. אָבער דאָס מאָל איז שוין רואיק און שטיל אויף דער שיף. עס טראָגן זיך שוין נישט די געוויינלעכע געשרייען און קרעכצן, בעת די כוואַליעס צעשפּילן זיך, דערפֿאַר הערט מען אָבער אויך נישט קיין גע־זאַנג אין די אוונט־שעהן נאָך דעם ווי דער שטורעם באַרואיקט זיך. אויס זיצונ־גען מיט די קאַמיסיעס, אויס אָרדענער. ס'איז אַנטשווינן געוואָרן די צייטונג. איר קאָפּ איז פאַריתומט צוגעקלעפּט צו דער וואַנט, זי וואַרט אויפן צווייטן טראַנספּאָרט און אויף אַ פליישיקער האַנט, וואָס וועט זי ווידער אָנפילן מיט אינ־האַלט; אויף אַ לעבעדיקן ריטם פון חלוצים, וואָס שטרעבן צו זייער פאַטערלאַנד. ווו זענט איר איצט, בלייכע און פאַרקרימטע פּנימער פון דער ים־קראַנקייט? — און גוט איז דעם האַרץ צו פילן, אַז איצט שפּרייזן די פיס פון די בחורים פון אַט דעם דאָזיקן דעק, וועלכער דרייט זיך און וואַקלט זיך איבער מוטנע כוואַליעס אויף אַ זיכערן ברעג. געלויבט זאָל זיין דער יעניקער, וואָס האָט זיי באַפרייט.

מיר דערנענטערן זיך צו אַן אינזל. פריער האָב איך אים נישט באַמערקט, אָבער פּלוצלונג האָט זיך פאַר אונזערע אויגן אַנטפּלעקט אַ ברייטער אויסגוס, באַשיצט אויף אַ נאַטירלעכן אופן פון שטורעם־ווינטן. לאַנגזאַם האָבן מיר זיך דערנענטערט צום ברעג. דאָ — האָט דער קאַפּיטאַן דערקלערט — ווען מיר נישט דאַרפן קיין שום צייגניש. דאָס איז אַ הייליק אָרט ביי די קריסטן און יע־דע שיף האָט דאָס רעכט אַריינצופאָרן אין דאָזיקן אויסגוס און אַנקערן אין אים, אין אַ ספּעציעלער דערלויבניש. צום סוף האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל שיקן אין מאָנאַסטיר פון דעם דאָזיקן אינזל אַלס מתנה אַ קאַלב — דאָס זאָל זיין אַ דאַנקבאַרקייטס־קרבן פאַר אונזער דערפאָלג.

אַן אַלטער און אַ דערפאַרענער איז געווען אונזער קאַפּיטאַן, אַ ים־מענטש פון קינדווייז אָן. ער האָט געקענט זיין אַרבעט און געקענט דעם ים. שיפן האָט ער געפירט אין אַ מאָפּע אין דער האַנט. דער וועג איז פאַר אים געווען קלאָר. — „דער אויבערשטער און זיין געזאַלבטער וועלן אייך העלפן אין אייער אונטערנע־מונג, לאָמיר אים באַדאַנקען פאַר דאָס אָפּגעטוענע און בעטן הילף און רחמנות אויף להבא" — האָט ער געזאָגט. ער האָט גערעדט מיט אַ טיפן גלויבן, און מיט גרויס דרך־ארץ, האָב אָנגעזאָגט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער. ער אַליין האָט אַראָפּגעטראָגן דאָס קאַלב אויפן ברעג, און נאָך אים זיינען אויך מיר אַראָפּ.

די מאָנאַסטיר־גלאָקן האָבן לכבוד אונז געקלונגען און דער גאַנצער אינזל איז פול געוואָרן מיטן שטאַרקן מעטאַלענעם קלאַנג. אונז האָט מקבל־פּנים גע־

ווען דער הויפּט פון מאַנאַסטיר גופא, אַנגעטון אין זיינע גייסטלעכע קליידער, נאָך אים זיינע אַרויסגעקומענע זיינע באַגלייטער מיט הייליקע בילדער אין די הענט. יעדער איינער פון אונז האָט באַקומען אַן אָנגעצונדן ליכט און אויף אַזאַ אופן זיינען מיר, ווי אין אַ פייערלעכער פּראָצעסיע, אַריינגעקומען אין דער אַלטער קאַטעדרע. דער קאַפּיטאַן האָט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר פאַרשריבן זיין ווונטש און האָט דאָס אַריינגעוואָרפן אין דער הייל פונם הייליקן קבר אין דער קאַטעדרע; אָבער איך האָב זיך אויף אים נישט פאַרלאָזן. איך האָב מורא געהאַט טאָמער האָט ער פאַרגעסן צו דערמאָנען אויך אונזער אַקציע, האָב איך אויך אַריינגעלייגט מיין בקשה־קוויטל, וואָס האָט געלויטעט אַזוי: (אויף לשון קודש פאַרשטייט זיך) דאָס יידישע פאָלק און זיינע חלוצים מוזן עולה זיין אין זייער לאַנד — העלף, אויב דו קענסט".

נאָכן פאַרענדיקן די צערעמאָניע, זיינען מיר אַרויס פון דער קאַטעדרע און אַריין אין אַ גרויסן זאַל, באַצירט מיט הייליקע בילדער. דאָרטן האָט מען אונז מכבד געווען מיט אַ ספּעציעלן געטראַנק, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט דורך די איינוווינער פונם אינזל.

ס'איז פּונקט צוועלף אַזייגער בייטאָג. פּלוצלונג עס קלינגט אַ גלאָק, גענוי ווי אינדערהיים מיטאָג־צייט! יאָ, דאָ איז אַ גרויסער קאָלעקטיוו. לויט דער אויפקלערונג פונם הויפּט־גייסטלעכן, וווינען אויפן דאָזיקן אינזל קרוב צוויי טויזנט נפשות („איבערגעשטיגן דעם ערשטן טויזנט" — איז דורכגעפלויגן אַ מחשבה אין מיין מוח). אַ טייל פון זיי וווינט אין מאַנאַסטיר, און די איבעריקע אין די הייזער אַרום. זיי באַאַרבעטן די ערד פון מאַנאַסטיר און באַקומען אויך אַ געוויסע קיצבה און מתנות. די קיך איז אַ געמיינזאַמע, אָבער יעדע פאַמיליע עסט ביי זיך אינדערהיים. ווי נאָר עס קלינגט אין דער באַשטימטער שעה דער גלאָק, קומט דער משפּחה־עלטסטער, נעמט אין אַ גרויסן שיסל דאָס עסן פאַר זיין הויז־געזינד (על פי רוב — זופּ און ברויט), ברענגט עס אַהיים און אַלע צוזאַמען עסן דאָרט פון איין שיסל.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דעם איינגנגוס, בין איך אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דער אויפשריפט, וואָס פיגורירט אויף איינעם פון די מאַנאַסטיר־טורעמס: „זאָל לעבן דער דוטשע!" אַ „קיבוץ" אויפן מיטללענדישן ים, הייסט עס, אונטערן שוץ פונם דוטשע.

אין צוויי טעג אַרום זיינען מיר אָנגעקומען אויפן פאַרויס־באַשטימטן פּונקט, ערשט עס וואַרט אויף אונז דער הויפּט פון דער אויסלענדער־פּאָליציי צוזאַמען מיט זיין געהילף. אויף אַזאַ מין כבוד האָבן מיר זיך בכלל נישט גערעכנט. עפּעס גלויבט זיך נישט, אַז דער שעף פון דער אויסלענדער־אָפּטיילונג אין דער פּאָליציי — אַן עלטערער מענטש — זאָל אַרויסקומען אונז מקבל פּנים צו זיין. נישט אַנדערש, אַז דאָ האַנדלט זיך ווענן אַן אַרעסט־באַפעל. אָבער דערצו וואָלט דאָך געגוג געווען אַ קליינע פּאָליציי־אָפּטיילונג... ניין, ער איז אונז נישט געקומען אַרעסטירן — ער איז געקומען פּשוט אונז אויפנעמען, כדי די אָרטיקע פּאָליציי זאָל אונז נישט מאַכן קיין שוועריקייטן. אין אַ פערטל שעה אַרום זיינען מיר שוין געשטאַנען אויף דער יבשה.

# דאָס ליכט פון ברעג

פאַרנאַכט זיינען מיר אַרויסגעשוואומען פון האַפן אין דער ריכטונג פון א״י.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע שיטה אין לעבן פון דער גרופּע אויף דעם שיפסדעק, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן בעתן פאַריקן טראַנספּאָרט, גילט אויך איצט: די ערשטע פאַרזאַמלונג, וואַלן פון קאָמיסיעס אא״וו. און ווי פריער האָט מען אויך איצט איבערגעגעבן די גאַנצע אַרבעט און די פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען (נאָכן גענויעם פעסטשטעלן, וואָס דאָרט געפינט זיך) אין די הענט פון די געוויילטע גופא. יעדן טאָג דערשיינט אַ ציַיטונג, וואָס דערציילט וועגן אַלץ וואָס אויף דער שיף קומט פאָר.

דאָסמאָל באַטייליקן זיך אין דער רייזע אויך חברטעס און זייער איינפלוס אויף די יונגעלייט ברענגט נאָר נוצן. דער „מענטש־מאַטעריאַל״ איז נישט קיין שלעכטער. די מענטשן ווייסן וואָס עס שטייט זיי פאָר און זיינען אויף אַלץ גרייט. זיי קענען אַלע רייזע־פּרטים פון פאָרויס אַדאַנק די בריוו וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייערע חברים אין ארץ. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז די שיף (אויף זייער לשון הייסט זי „פּעסל״) איז אַ סך ערגער, הגם איבער האָבן זיי אַלץ מקבל באהבה געווען. זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אין דעם קעלער פון דער דאָזיקער פישער־שיף, אין אַ שטיקנדיקער היץ, און יעדע כוואַליע, מעג דער ים רואיק זיין, פאַרפלייצט זי און פאַרנעצט אַלץ, וואָס אין איר געפינט זיך.

מיר האָבן אויך איינגעאָרדנט אַן אָוונט. דאָס מאָל האָבן מיר אַפילו אויפגעכאַפּט נייעס. אין טאָג פון אָפּפאָר האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן די חברים פון רמת הכובש, וואָס זיינען אומגעקומען בעת זיי זיינען געפאָרן צו דער אַרבעט.

די אַרויסזעצונגס־אָרדנונג, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אויף דער פאַדיקער שיף, איז אָנגענומען געוואָרן געטרײַ אויך דאָס מאָל. ס׳איז פאַרנאַכט. מיר דערנענטערן זיך צו די ברעגעס פון לאַנד. פּלוצלונג — אַ שיפל איז אויפן האָריזאָנט! אַ פּאָליציי־שיפל? — עס קען נישט זיין! דער אָפּגערעדטער צייכן איז דאָך אונדז געגעבן געוואָרן: „אַלץ איז אין אָרדנונג, דערנענטערט זיך!״ מיר האָבן באַשלאָסן פאָרן ווייטער אויף אַ פּאַראַלעלער ליניע און נישט דערנענטערן זיך. די צייט גייט. שוין אַריבער אַ שעה... אַ צייכן: אַלץ איז אין אָרדנונג, דערנענטערט זיך מיט דער מעגלעכסטער שנעלקייט!״ ליכטער פון דער פינצטערניש רעדן, דוכט זיך, ווערטער מיט אַ הייליקן ציטער: „גוט האָט איר געטון, איר האָט געהאַלטן וואָרט! איר זייט צוריקגעקומען, און נישט מיט קיין ליידיקער שיף. איר האָט אַפילו פאַרגרעסערט די צאָל — הלואי ווייטער און וואָס מער! ווו זענט איר אָבער געווען די גאַנצע צייט? פאַרוואָס האָט עס אַזוי לאַנג געדויערט? וואָס באַדייט דער איבעררייס? איר האָט זיך פאַרשפּעטיקט, איר פאַרלירט דאָך צייט, וואָס איז טייערער פון אַלץ! אָבער קומט שוין, קומט! מיר וואַרטן שוין אויף אייך לאַנג, מיר ווילן אייך מקבל פנים זיין. דערנענטערט זיך צום ברעג און לאָזט אַראָפּ די טייערע לאַדונג, וואָס איר האָט מיטגעבראַכט! — — —״

און נישט ווייט פון די העלע ליכטער ווינקט און פינקלט אַ קליין, באַשיידן ליכטל צו דער שטילקייט פון דער נאַכט, וואָס איז פול מיט איינגעהאַלטענעם פאַרלאַנגען און שטילן ברויזן פון באַהערשטע כוואַליעס. עס פינטלט אַן אויג. אויף

וונק־לשון רעדט עס: „איך בין דאָס דער פּונקט. יענער דאָרטן — איז נאָר א צייכן. צו מיר ריכטעט די שיפלעך".

ביי א פּולער שטילקייט האָבן מיר אראָפּגעלאָזט די ערשטע שיפלעך, און אין זיי האָבן זיך אריינגעזעצט בחורים, וואָס זיינען מייסטערס אין שווימען. א געשפּאַנטע דערוואַרטונג. ס'איז אריבער א פערטל שעה, א האַלבע שעה איז איינגעשלונגען געוואָרן אין דער אומענדלעכקייט פון דער צייט — קיין תשובה איז נישטאָ. ווי גנבים וואָס גראַבן זיך אונטער לאָזן נישט רוען די מחשבות: איז זיי געלונגען? זיינען זיי אָנגעקומען בשלום? אַן אומרואיקע ווײַלע: אפשר איז עפּעס געשען? א סעקונדע פּיקט דער צווייפל. אָבער באַלד פאַלט ווידער דער בליק אויף דער ברעג־פינצטערניש און אויף די צוויי ליכטיקע פונקטן, וואָס צו זיי האָבן זיך די שיפלעך געריכטעט — און דער אומרו פאַרשווינדט מאָמענטאַל: די דאָזיקע ליכטער פאַרפירן נישט! רואיק און געלאַסן שמייכלען זיי, די ליכטער, און שיקן אונדז צו הערמוטיקונגס־שטראַלן: „האָט קיין מורא נישט! אָט־אָ פאָרן זיי צוריק. קוקט זיך גוט צו, וועט איר זען ווער עס פאָרט צו אייך!" די שיפלעך זיינען צוגעקומען, און מיטגעבראַכט ארץ־ישראלדיקע בחורים, געקליידעט אין ים־הויזן, לעבעדיקע, פריילעכע, די פּנימער שטראַלן. „וואָס הערט זיך?" — אָבער איצט איז נישט קיין צייט אויף פראַגעס — צו דער אַרבעט!...

די גרופּן ווערן וואָס ווייטער אַלץ קלענער. צוויי גרעסערע שיפלעך זיינען צוגעקומען צו אונזערע: יעדע פון זיי נעמט אריין א דרייסיק מאַן. אויפן דעק זיינען געבליבן א מאַן 40 בסך הכל. די 20 קראַנקע זיינען שוין לאַנג אַראָפּ. ברוך שפּטרנו! אויך די בחורות גייען שוין אַראָפּ — דאָס זיינען אונזערע בעל־הבית־טעס און אָרדנערינס. דער לעצטער צענדליק איז נאָך געבליבן — דאָס איז דער אַקטיוו. ווען זיי וועלן זיך אַרויסזעצן, וועל איך אויך מיט זיי גיין. לאָמיך לכל הפּחות באַטרעטן די דאָזיקע ערד, די זאַמדן פון אונזערע ברעגעס. איך האָב זיך אָבער דאָרט לאַנג נישט פאַרהאַלטן און באַלד זיך צוריקגעקערט. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו אונזער שיף מיטן אויסגעלאָשענעם ליכט, האָט זי זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט ווי א שוואַרצער פלעק אין דעם ים פון פינצטערניש. ניין, מען קען זי ביינאַכט נישט באַמערקן!

ווען איך בין אַרויף אויפן דעק, האָט מען אויפגעהויבן דעם אַנקער און די שיף האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון דעם אָרט. איך בין נאָס און מיד, אָבער מיין הארץ איז איבערפולט פון די לעצטע איינדרוקן. די ליכטער, וואָס דערווייטערן זיך, ווינקען צו מיר מיט פייערדיקע אותיות. אַן אומגעשריבן געבאָט קריצן זיי אויס טיף־טיף אין האַרצן: „פון איצט אָן — קיין שום איבערדרייס! יעדע שעה איז טייער, לאָמיר זי נישט פאַרלירן!"

פון איין אַנקערן ביזן צווייטן בין איך געווען ביי דיינע ברעגעס, מיין לאַנד. צוריקוועגס ליגט זיך א מענטש ווו ער זאָל נישט ליגן: אויף דער באַנק, אויפן שטרויזאַק. אַלץ איז כדאי, אַלץ!...

## „אטראַטאַ", די רעטונגס־שיף

ס'איז אריין אַז איבערדרייס. די גריכישע רעגירונג האָט אויסדריקלעך געמאָלדן, אַז זי וועט דורך איר לאַנד אונזערע מענטשן נישט דורכלאָזן. דער דרוק

פון ענגלאַנד איז צו שטאַרק, אַז זי זאָל זיך אים קענען קעגנשטעלן. אויך די ארץ־ישראל־רעגירונג האָט אָנגענומען פאַרשידענע שריט צו שטערן די פּאַרזעצונג פון דער זאַך. זי האָט זיך וועגן דעם בּאַראַטן מיט ספּעציאַליסטן און זאַך־קענער אין לאָנדאָן. זי האָט אויך אַראָפּגעבּראַכט איינעם אַ ספּעציאַליסט אַזאַ קיין ארץ־ישראל און זיין תשובה איז געווען, אַז ביי די ארץ־ישראל־בּרעגעס קען מען גאָר־נישט אויפטון. ער האָט גערעדט — נישט לאָזן אַרויסשווימען אין אָפענעם ים. און ענגלאַנד האָט די מעגלעכקייט דאָס צו דערווייזן: זי האָט געהאַט איינפלוס אויף אויסצואיבן אַ דרוק אויף די פריינטלעכע לענדער. גריכנלאַנד האָט איבּערגעריסן אונזער טעטיקייט און איז דערגאַנגען דערצו, אַז זי האָט פאַרווערט די גריכישע שיפן צו שווימען איבּערן ים מיט מעפּילים אונטער דער גריכישער פאָן... אויף אַזאַ אופן זיינען מיר געבליבּן אָן שיפן, אָן טראַנזיט־ און אויסגאַנגס־לענדער, מיט אַ סך עליה־שטרעבנדיקע חלוצים.

פיל אַקטיוויסטן פון דער פּאַרטיי און דער ליגע פאַר דער אַרבּעטנדיקער ארץ־ישראל האָבּן קאַטעגאָריש געפאָדערט מען זאָל זיי געבּן די מעגלעכקייט עולה צו זיין. אויך סתם־יידן האָבּן זיך באַצויגן מיט פיל צוטרוי צום „החלוץ" און גע־בּעטן זיין הילף, הגם אַנדערע געזעלשאַפטן האָבּן געעפנט עליה־אַמטן און נישט געקאַרגט קיין הבטחות.

די זומער־חדשים זיינען אַריבּער, ס'זיינען אויך פאַרבייגעגאַנגען די חדשים סעפּטעמבּער און אָקטאָבּער, וואָס זיינען אַזוי גינסטיק פאַר אונזער טעטיקייט. ערשט צום סוף יאָר 1938 איז אונז געלונגען צו דינגען די שיף „אַטראַטאָ". אָבּער אויך זי איז געווען געצוווּנגען צו שטיין אומטעטיק און וואַרטן אויף בּעסערע צייטן, בּישט האָבּנדיק קיין טראַנזיט־ און אויסגאַנגס־מעגלעכקייט.

פון גריכנלאַנד האָט מען פריער געקענט אַרויסשווימען אויף יעדער מין שיף, אַפילו אין אַ קאַסטן. די רעגירונג האָט זיך מיט אַזעלכע זאַכן נישט אינטערעסירט. אָבּער אין אַנדערע לענדער האָט די האַפן־מאַכט געפאָדערט, אַז די שיפן וואָס פירן פּאַסאַזשירן זאָלן זיין אַנטשפּרעכנדיקע, אַז זיי זאָלן האָבּן קאַבּינעס און געוויסע באַקוועמלעכקייטן לויט די אינטערנאַציאָנאַלע ים־געזעצן. די פאָדערונגען, זיינען, וואָס אַן אמת, גערעכטע, אָבּער אונזער טעטיקייט באַשווערן זיי אומגעהויער.

יוגאָסלאַוויע האָט איצט דערקלערט קאַטעגאָריש: „ניין!" זי האָט, ווייזט אויס, נישט אַזויפיל זעלנער, אויף אָפּצוהיטן דעם צוג. אַפילו אַ טרונק צו טון וואָסער האָט מען דאַך דעם לעצטן טראַנספּאָרט נישט דערלויבּט. זעלנער אין פאַר־לער בּאַוואָפענונג האָבּן בּאַוואַכט אונזערע געשלאָסענע וואַגאָנעס.

אַלזאָ, מיר האָבּן שוין אַ שיף! דאָס איז „אַטראַטאָ" אונטער דער פאָן פון פּאַנאַמע: זי האָט זיך דעראַבּערט אַ ניי פאָטערלאַנד. די פּאַנאַמישע פילפאַרביקע פאָן — די פאָן פון ים־רויבּער — האָט דערצו זוכה געווען. דאָס, וואָס מיר דאַרפן באַד, איז אַ טראַנזיט־לאַנד און אַן אויסגאַנגס־האַפן.

צום סוף איז אַרויסגעשוואומען אַ פאָרשלאַג: איטאַליע ווי אַן אויסגאַנגס־לאַנד און דייטשלאַנד ווי אַ טראַנזיט־מדינה. אַ זייער „פּאַסיקער" שידוך. איינער פון אונזערע קאָפּ־מענטשן האָט אַזוי געזאָגט: איטאַליע און דייטשלאַנד זיינען פאַ־שיסטישע, אַנטיסאָציאַליסטישע, אַנטי־יידישע, און אַנטי־ציוניסטישע לענדער; מיר זיינען אַנטיפאַשיסטן, סאָציאַליסטן, יידן און ציוניסטן, וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ־

ישראל אויף אַן אומלעגאַלן אופן דורך זייערע לענדער, דורך איטאַליע, דער „באַ־שיצעריִן פון איסלאַם". ווער דער דאָזיקער שידוך געלונגען?

— יאָ, ער איז געלונגען. נישט געקוקט אויף אַלע אַנשיקענישן, האָבן מיר מצליח געווען. כּדאַי געווען אַלע צרות!

לכתחילה האָט מען אונדז פאַרגעלייגט אַרויס צו פאָרן פון ווענעציאַ, ווייל דאָס איז אַן אָרט, וואָס איז אַנטשפּרעכנד פאַר טוריסטן. שפּעטער איז אָבער דער פּלאַן געענדערט געוואָרן און אַלס אויסגאַנגס־פּונקט איז באַשטימט געוואָרן באַ־רי — די זעלבע באַרי, וואָס איז באַרימט מיט אירע אַנטי־ציוניסטישע און אַנטי־סעמיטישע ראַדיאָ־זענדונגען.

ווען אונדז די זאַך געלינגען? ווײ, ווײ, וואָס פאַרא שוועריקייטן אונדז שטייען עס פאַר! קודם־כּל איז די פראַגע: וויאַזוי וועלן מיר דורכפירן דורך דייטשלאַנד און איטאַליע אין אַ ספּעציעלן צוג 300 יידן און וויאַזוי וועלן מיר צוקומען צו דער שיף? ווי שווער די אַרבעט איז דווקא אויף דער יבשה און אין די טראַנזיט־לענדער. אויפן ים פילסטו זיך פיל פרייער. דאָרטן שטייט פאַר דיר בלויז איין פראַ־גע: דאָס אַרויסזעצן. אָבער דאָ זיינען גרענעץ־וואַכן, אומענדלעכע חקירות ודרי־שות, און אויספאָרשונגען.

סוף כּל סוף זיינען מיר אויפן ים. אַ קורצער אָפּרו נאָך אַלע פּורעניות'ן, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין אין משך פון די לעצטע דריי טעג. די פאַרבי־טערונג איז אַריבער. אין מוח וועבט זיך אַ מין פאַנטאַסטיש געשפּרעך:

מיר האָבן דאָך נאָך געוואָלט דורכפאָרן אייער לאַנד, און נישט אומזיסט — פאַר פיל געלט. היינט — צי וואָס האָט איר אונדז געדאַרפט פאַרביטערן דאָס לעבן? צי וואָס האָט איר אונדז געדאַרפט שרעקן? אינדערעמתן שרעקט איר זיך דאָך גאָר פאַר אונדז. אפשר האָט איר מורא פאַר אונדזער געהיימען כּוח — איר, זין פון די רוימער. נישט אונדזער חרפּה איז עס, וואָס איר האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין די וואַ־גאָנעס און אַרומגעשטעלט אונדז מיט אַ וואַך, וואָס זאָל אונדז נישט לאָזן אַראָפּ־גיין, אַז אונדזערער אַ דורשטיקער זאָל נישט קענען שטילן זיין דורשט. טאָ זייט זשע וויסן, איר זין פון דער אַלטער און נייער רוים, אַז די אַלע צרות, וואָס מיר האָבן פון אַמאָל אַן ביזן היינטיקן טאָג, שטאַרקן אונדז נאָר תמיד און האַרטעווען...

די שיף זעט אויס ווי אַ קעניגלעכער פּאַלאַץ. מאַשינעס אויף מאַשינעס — פון אונטן און פון אויבן. וווּ דו גיסט אַ טראָט איז אַ מאַשין! די צרה איז נאָר, וואָס די מאַשינעס פאַרנעמען צופיל אָרט און ס'איז שווער צו געפינען אַ פּלאַץ נישט בלויז פאַר 300 מאַן, נאָר אפילו פאַר הונדערט. דאָס איז אַ רעטונגס־שיף; זי איז געבויט געוואָרן אין צאַבישן רוסלאַנד — דערציילט מיר דער קאַפּיטאַן. גע־וויינלעך שטייט זי אויף איר אַנקער אין פּאָרט און וואַרט אויף ראַדיאָ־ידיעות וועגן שיפס־קאַטאַסטראָפעס אויפן אָפענעם ים. ווען זי כאַפּט־אויף אַ „ס.אָ.ס."־רוף, שווימט זי תיכף ומיד אַרויס אויפן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע און טוט איר זאַך, און געוויינלעך — מיט דערפאָלג.

אַזוי איז די שיף געשטאַנען אין האַפן, גרייט צו יעדער רוף. אין זיין קאַבינע איז געזעסן דער ראַדיאָ־מאַן מיט די טרייבלעך אויף די אויערן און געוואַרט אויף אַ הילפס־רוף. אַ לאַנגע צייט איז אַריבער און קיין שום רוף איז נישט געקומען. קיינער רופט נישט נאָך הילף און ס'איז נישטאָ קיין פּרנסה. און די מאַנשאַפט,

וואָס איז תמיד גרייט אויף אַזעלכע שיפֿן, צוזאַמען מיטן שיפֿס־אייגנטימער דאַרפֿן דאָך פּרנסה.

פּלוצלונג — זעצט פֿאַר דער קאַפּיטאַן — כאַפּט אויף אונזער טעלעגראַפֿיסט אַ „ס. אָ ס.״־רוף. לכתחילה שטיל און שפּעטער — אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. מיר האָבן פֿון אָנהויב נישט געוווּסט פֿונוואַנען דער רוף קומט. מיר האָבן לאַנג געמאָסטן און באַרעכנט, ביז מיר האָבן סוף כּל סוף אייך אַנטדעקט. האָבן מיר באַשלאָסן: מען מוז אייך העלפֿן.

„בפֿרט — האָט זיך אַריינגעמישט דער שיפֿס־אייגנטימער, וועלכער האָט אונז באַגלייט — אַז אַזאַ רעטונג ראַטעוועט אין אַ געוויסער מאָס אויך אונז. ס'איז כּלל נישט קיין שלעכט געשעפֿט!״...

יאָ, כּלל נישט שלעכט, ער האָט באַקומען אַ גרויסע סומע, ווי עס פּירט זיך אין אַזעלכע פֿאַלן. אָבער וואָס טויגן די אַלע מעשׂיות, אַז קיין פּלאַץ פֿאַר דריי הונדערט מאַן איז אַלץ נישטאָ.

אין דער שיף זיינען דאָ צוויי קעלערן: איינער — אויף קוילן. דאָס זיינען זייער אָנגעזעענע און טייערע „פּאַסאַזשירן״ ביי אונז און זיי פֿאַרנעמען פֿיל פּלאַץ; און דער צווייטער קעלער איז פֿאַר אונז. ער האָט צוויי שטאָק. דער אונטערשטער איז פֿאַר די בחורים, ווי געוויינלעך, איז דאָרט אַביסל אומבאַקוועם, עס פֿעלט לופֿט און עס שטיקט אַביסל. אויפֿן אויבערשטן שטאָק געפֿינען זיך די בחורות און אַ טייל בחורים, פֿאַר וועמען ס'האָט נישט געסטייעט קיין פּלאַץ אונטן. אין די קעלערן זיינען צוויי־שטאָקיקע געלעגערס — „אינטערנאַציאָנאַלן״ אויפֿן הכשרה־לשון אין פּוילן. די שיף איז זייער נידעריק. ווען דו בויגסט זיך איין אַביסל און שטרעקסט אויס די האַנט — רירסטו אָן דאָס וואַסער. די רעטונגס־שיף האָט זיך אָבער, זעט אויס, אויסגעבריייטערט: זי האָט אונז אַלעמען אַריינגענומען. ס'איז דען געווען אַ ברירה? מיר האָבן אַפֿילו אַנטדעקט צוויי קאַבינעס. איינע האָבן מיר פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַמבולאַטאָריע.

שווער זיינען די ערשטע טעג אויף אַ שיף, איידער דאָס לעבן נעמט אָן די אַנטשפּרעכנדיקע פֿאָרם און עס הויבן זיך אָן, ווי געוויינלעך, די פֿאַרזאַמלונגען מיט די וואַלן פֿון קאָמיסיעס, מיט די זיצונגען. ביסלעכווייז ווערט אָבער דאָס לעבן אָרגאַניזירט און הויבט אָן צו פֿליסן נאָרמאַל. דאָ און דאָרטן לאָזט זיך הערן אַ געזאַנג און אַ שפּילן, מען גרייט זיך צו אַן אָוונט. די צייטונג מעלדעט מיט קידוש־לבנה־אותיות וועגן די צוגרייטונגען צו אים. דאָס מאָל איז דער אָוונט רייך און אינהאַלטספֿול. לכבוד דעם געשעעניש איז אַפֿילו אינסטאַלירט געוואָרן עלעקטריש ליכט (דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר פֿאָרן אין אַ שיף מיט עלעקטרישן שטראָם). אַפֿילו אונזערע קראַנקע זיינען־אַראָפּ פֿון זייערע געלעגערס.

וויאַזוי האָבן זיך אַלע איינגעאָרדנט? דער דעק איז דאָך אַזוי קליין און פֿול מיט מאַשינעס און פֿאַרשידענע איינריכטונגען — וויאַזוי זשע האָט ער געקענט אַלעמען אַריינעמען? — פֿרעגט נישט קיין קשיות! ווער עס האָט באַוויזן דעם נס, אַז דריי הונדערט בחורים און בחורות זאָלן זיך קענען „איינאָרדנען״ אין אַזאַ מין שווים־כּלי, יענער האָט אויך געמאַכט דעם דאָזיקן וווּנדער, אָבער אויך דער ים האָט זיך באַטייליקט אין דעם אָוונט. ווען דער אָוונט האָט דערגרייכט זיין קולמינאַציע־פּונקט, האָבן אונז אָנגעהויבן שמייסן כוואַליעס. פֿיל אָנשטרענגען זיך האָבן זיי

נישט געדאַרפט, כּדי אונז צו דערגרייכן. און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן זייער איינ־דורכספּולע „פאַרשטעלונג", איז שווער געווען זי איבערצורייסן...

ס'האָט זיך צעשפּילט אַ שטורעם. די ערשטע האָבן געחלשט די מיטגלידער פון דער געזונטהייטס־קאָמיסיע. אָבער, ווי געוויינלעך, אין שווערע מאָמענטן, דערשיינען ז יי — די שטילע נסתרים — און דערלאַנגען הילף און דערמוטיקונג. עטלעכע מענטשן פון דער ים־הכשרה אין גדיניע און אַ געווּיסע צאָל מאַטראָזן האָבן זיך פאַרנומען מיט די ים־קראַנקע. זייער הילף איז געווען גרויס. די רעטונגס־שיף גופא דאַרף נישט קיין הילף, זי ראַטעוועט אַנדערע. זי שניידט בייז די חוצפּה־דיקע ים־כוואַליעס. זי ווייס, זעט אויס, ווי טייער עס איז די „לאַדונג" פונם קע־לער, זי טראָגט זיך איבער די כוואַליעס־בערג, זי גייט איר וועג אין שטורעם.

ס'איז אָנגעקומען דער לעצטער טאָג — דער טאָג פון דער עליה. און אַ מאָדנער וווּנדער: קיינעם האָט מען קיין וואָרט נישט געזאָגט, און דאָך זיינען אַלע אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, איידער די זון איז אויפגעגאַנגען. די פאַרשידענע קאָמיסיעס האָבן אָנגעהויבן זייער געוויינלעכע אַרבעט: מען האָט גערייניקט, אַרויס־געגעבן די צייטונג, אויסגעפירט אַנדערע אַרבעטן. די אַרבעט איז אָבער געגאַנגען פויל. דאָס האַרץ קלאַפּט: מען דערנענטערט זיך צום סוף. די מענטשן זיינען זייער אויפגערעגט. נאָך מער פילט זיך עס אַזייגער צען אינדערפרי, ווען די גרופּן־עלטס־טע רופן צונויף די מענטשן אויף אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. אין דעם ברוויזנדיק־איינגעהאַלטענעם אָטעם פון דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו, וועלכער האָט זיך פאַרזאַמלט אויסצוהערן די עליה־בשורה, קען מען אויפכאַפּן אַ מין גערויש פון גליענדיקע קוילן. דאָס איז דאָך דער לעצטער טאָג אויפן דעק פון דער דאָזיקער שיף! דער מיטאָג ווערט בחפזון פאַרענדיקט, יעדער איינער באַקומט אויך זיין פּאָרציע אויפן אָוונט. אינאָוונט וועט מען שוין נישט עסן ביי די טישן. די שפּייז־פּאָרציעס ווערן דע־ריבער אַרויסגעגעבן איינגעפּאַקטע, יעדן איינעם אַ פּעקעלע.

די מיטאָג־שעהן זיינען אַוועק. מען גרייט זיך שטאַרק צו „נעילה". די גרופּן הויבן אָן אַראָפּצוגיין אין די קעלערן, אָבער דאָרטן איז אַ היץ און אַ שטיקעניש נישט איבערצוטראָגן. כּדי צו פאַרלייכטערן די לאַסט און אונטערצוהאַלטן די שוואַ־כע, ווערט באַשטימט אַ גרופּע פאַר „ערשטע־הילף", באַוואָפנט מיט „אַלדאָס גוטס": חלשות־טראָפּנס, וואַלעריאַן, ציטרין, וואַסער. ווערט איינער שלאַף, טראָגט מען אים אַרויס שטילערהייט אויפן דעק איינצואָטעמען אַביסל פרישע לופט — און עס ווערט אים לייכטער. דערווייל גרייטן צו די מאַטראָזן די שיפלעך, גיסן אויס דאָס וואַסער, וואָס עס האָט זיך אין זיי אָנגעזאַמלט, און מען הענגט זיי אויף ביי די זייטן פון דער שיף.

פאַמעלעך פאַלט צו דער אָוונט. ער שפּרייט אויס זיינע טונקל־גראָע פליגלען, פאַרטונקלט די שיף, וואָס באַוועגט זיך איבער די כוואַליעס און נויטיקט זיך אין רחמים און אין נאַכט־שוץ.

פון ערגעץ פינקלען פייערלעך. פון וואַנען איז עס?

— „תל־אביב" — פליסטערט אַ חבר צו זיין פריינט, וואָס ליגט לעבן אים אויפן דעק. און די ידיעה וואַנדערט אַראָפּ אונטן — צו די קעלער־איינוווינער. זיי זיינען מקנא זייערע חברים פון אויבן דאָרט. די גליקלעכע! זיי קענען קוקן אויף די דאָזיקע פייערלעך! זייער בליק שטעכט, דוכט זיך, און דרינגט דורך די דיקע

וועגט פון דער שיף. זיי זעען דיך, תּל־אביב. אך, ווי גרויס זייער שמחה איז מיט דיר! דאָס איז אַ הייליקע פרייד. און דו, תּל־אביב, זעסטו אונז כאָטש? באַמערקסטו פּונוויטן ערגעץ־ווו אין ים אונזער שוואַרצן פּונקט? האָבן שוין דיינע ברעגעס אַמאָל געזען אַזאַ בילד? האָבן זיי געזען אַ שיף — נישט־שיף, אַ קאַסטן — נישט־קאַסטן, וואָס איז פול געפּאַקט מיט מענטשן, אויף וועמענס לײדנדיקע פּנימער איז אויסגעגאָסן אַ ליכט און די פריידיקע באַגייסטערונג, וועלכע שפּרודלט פון זייערע אויגן פאַרבלענדט ממש?

ער באַוועגט זיך פאָרויס, דער דאָזיקער שוואַרצער פלעק, און טראָגט זיך איבער די כוואַליעס כמעט אָן מורא, כאָטש פיל סכנות לאָקן אויף אים אין דער דאָזיקער פינצטערער ווינטער־נאַכט. יאָ, תּל־אביב, מיר הערן דיין שטים, זי פאַרפּלאָגט אונז: „קומט, זעצט זיך אַרויס אין אונזער האַפן, אין אייער שטאָט, אין אייער ערשטער יידישער שטאָט! קומט, וואַנדערער, דערנענטערט זיך, וועל איך לויכטן מיט מיינע פולע ליכטער. מיט אָפענע אָרעמס וועל איך אייך אויפנעמען, מיינע ים־וואַנדערער!...״ — יאָ, מיר ווייסן, אַז דו האָסט אונז דערקענט פונדערווייטנס, אַז דיין האַרץ איז מיט אונז. ס׳איז נאָך אָבער נישט געקומען די צייט אויפצונעמען אַפן אַזעלכע אורחים ווי מיר.

און ס׳דוכט זיך דיר, אַז אויך די שיף איז מלא שמחה פונם דיאַלאָג צווישן אירע שטילשווייגנדיקע פּאַסאַזשירן און די לוסטיקע ליכטער אויפן ברעג; ווי אַז אונטערפּירער, וואָס פרייט זיך מיט דער חופּה פון זיינע טייערסטע, אַזוי איילט זיך אונזער שיף, שניידט דאָס וואַסער לענג־אויס דעם ברעג, וואָס ווייטער פון די דאָזיקע ליכטער, ווי זי וואָלט זיי חושד געווען, אַז נאָר צו פאַרהאַלטן זי זיינען זיי אויסן.

פאַרשווונדן איז תּל־אביב מיט אירע צענדליקער טויזנטער פייערלעך, וואָס ווינקען און פינקלען; ווידער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די פינצטערניש אויף די כוואַליעס און אויף דער שיף — אַ שווערע, דיקע חשכות. אָבער אָט צעפּינקלען זיך איינציקווייז נייע ליכט־גרופּן פון ברעג — דאָס זיינען יידישע קאָלאָניעס. איינע נאָך דער צווייטער טראָגן זיי זיך צו אונז, און ס׳דוכט זיך דיר, אַז דאָס זיינען בינטלעך איידלשטיינער, וואָס הענגען ווי לעגענדאַרע פרוכטן אויף אַ ריזיקן וונדער־בוים ביים ברעג.

און אָט דערהערט זיך אַ באַפעל פון קאַפּיטאַנס בריקל. לאַנגזאַמער שווימט די שיף, געענדערט האָט זי איר ריכטונג. ס׳איז נאָך ווייט דער מרחק פון איר ביזן משונהדיקן לאַנד, צו וועלכן עס שטרעבן אַזוי אירע צאָלרייכע, מאָדנע פּאַסאַזשירן און ווילן זיך וואָס גיכער מיט איר באַגעגענען. יאָ, זייער פאַרלאַנג ווערט באַפרידיקט, די שיף גייט גלייך צום ברעג. ווי אַ בכבודיקע פריצטע דערנענטערט זי זיך, אירע שיפלעך, וואָס הענגען אַראָפּ פון אירע אַקסלען, שאָקלען זיך אַהין און אַהער. אָט איז זי צוגעשוווּמען און שטיין געבליבן. ווייטער גייט עס נישט! דאָ וועט זי אַנקערן. ס׳איז גענוג 300 מעטער פון ברעג. זיי וועלן שוין אַליין דערגרייכן. דערצו זיינען דאָך דאָ שיפלעך.

דאָס ערשטע שיפל איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן. פול מיט מענטשן הוידעט עס זיך אויף די לייכטע כוואַליעס און וואַרט אויף אַ באַפעל.

די ערשטע גרופּע איז אָפּגעשווומען — דאָס זיינען די גוטע שווימער. גע־

דולד. איצט וועט זיין א קליינע הפסקה. מען ווארט אויף א פארבינדונג מיטן ברעג.

די ערשטע אויפרעגונג איז פארבייגעגאנגען. זי איז פארטושט געווארן צו־ליב דער אנגעשטרענגטער, פיבערהאפטער און גלייכצייטיק שטילער, ארבעט. בשלום און אין דער בעסטער ארדנונג זעצן זיך די מענטשן ארויס, און די שיף־פאסאזשירן ווערן וואס ווייטער ווייניקער. „מיר באדויערן זייער — זאגן מיר צום סוף — אבער מיר האבן נישט מער".

— „שווימט צוריק מיט דער פולער שנעלקייט — זאגט אונז דער ברעג — אבער שטילערהייד. א גליקלעכע רייזע!"

אין עטלעכע טעג ארום זיינען מיר אנגעקומען צו א פארוואָרפענעם האפן אין טערקיי. אלע דארפס־איינוווינער, זיינען ארויסגעקומען זען דעם וווּנדער: אזא גרויסע שיף! אפילו די זקנים צווישן זיי האבן זינט־יארן אזא שיף נישט געזען; זינט מען האט אין זייער לאנד אריבערגעפירט די גריכישע פליטים פונדאנען... אויף דער פראגע פון צוויי פאליציסטן וואס טוען מיר דא האבן מיר געענטפערט: מיר האבן אין אייער געגנט געראטעוועט א שיף, וואס האט זיך געטרונקען, איצט זיינען מיר צו אייך געקומען אביסל אפרוען זיך. זיי האבן אונז אויפגענומען זייער פריינטלעך. און קיין ליגן האבן מיר זיי אויך נישט געזאגט, מיר האבן אינדער־אמתן געראטעוועט מענטשן! — — —

# „קאלאראדא"

מיר פארן אויף א נייער שיף — „קאלאראדא" — אונטער א פאנאמישער פאן. דאס איז פריער געווען א פאסאזשיר־שיף ביי די גריכישע ברעגעס, וועלכע איז אויף דער עלטער ארויסגעצויגן געווארן פון געברויך און איז שוין געהאט אריבערגעפירט געווארן אין „מושב זקנים" — אין א קליינער, שטילער בוכטע. שטייט זי זיך, די אלטיטשקע, אויף איר אנקער אין דער געזעלשאפט פון אנדערע שיפן אין זעלבן עלטער. צוזאמען מיט זיי זינקט זי אין א לאנגן חלומות־לאזן שלאף. בלויז פון צייט צו צייט דערמאנט זי זיך, זעט אוים, אין אירע גוטע צייטן, ווען זי פלעגט זיך טראגן איבער נאענטע און ווייטע ימים. אויף יענער זייט פון העלע און גלייכצייטיק פארנעפלטע האריזאנטן זיינען פארבליבן זייערע טאטפולע יוגנט־יארן. איצט זיינען זיי נעבעך צוגעבונדן צום ברעג און שטארק פארלאזן אויף דער עלטער. זעלטן ווען א שטורעם־ווינט גיט צו זיי פון די ים־ברייטקייטן א בלאז. זיי גיבן זיך דאן א וואקל, די אלטע שיפן, ווי דאס וואלט זיי דערמאנט זייער אלטע שטורמישע פארגאנגענהייט, און גלייכצייטיק דערמונטערט: ווער ווייס, אפשר שטייען נאך אויך פאר זיי גרויסע אויפטוען. מען דארף די האפענונג נישט פארלירן...

יא, נישט אומזיסט האבן די ים־ווינטן זיך צעשטורעמט. דער טרוים האט זיך אין א ווירקלעכקייט פארוואנדלט. אין איין שיינעם פארנאכט איז א קליינע גרופע מענטשן אראפגעקומען מיט א וויזיט אין דעם דאזיקן „מושב זקנים". ארומגעגאנגען אהין און אהער און זיך אפגעשטעלט ארום איר, דער אלטיטשקער.

און זי — זי גלויבט יאָ און גלויבט נישט אין איר גליק. זי שמייכלט מיט אַ גוט־מוטיקן אַלטיטשקן שמייכל, ווי זי וואָלט געזאָגט: „וואָס פאַראַ ליצנות האָט זיך אייך פּלוצלונג פאַרגלוסט? פּע, כ'לעבן, נישט שיין אַזוי"...

אָבער דער גורל איז געפאַלן. נאָכן אָפּפאַרבן און „אויספּוצן" זי — איז זי אַרויסגעשוואומען אויפן אָפענעם ים. מיט אַ קנאה־בליק האָבן זי באַגלייט אירע חברטעס די פּריצטעס. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער פון די מאַשטן זייערע, כדי צו זען וויאַזוי זי אָקערט מיט איר נאָז די כוואַליעס, געזעגנט זיך מיט זיי קאָקעטיש פונדערווייטן און באַגריסט זיך מיט אַלטע באַקאַנטע, וועמען זי האָט שוין גאַנצע יאָרן נישט געזען.

ווען די שיף איז אַרויס פון האַפן, איז איר ציל געווען איינער פון די יוגאָ־סלאַווישע פּאָרטן. ביי אַ נאָרמאַלן פאָרן געדויערט אַזאַ רייזע צוויי מעת־לעת. אָבער זי איז אַהין אָנגעקומען ערשט נאָך פיר מעת־לעת מיט פיר שעה אַלס צו־גאָב. געווען איז דאָס אַ פּאַסאַזשיר־שיף, וואָס אָנטשפּרעכט די פאָדערונגען פונם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ. איצט איז זי באַשטימט געוואָרן אויף אַריבערצופירן די דייטשע גרופּע, וואָס האָט געזאָלט אָפּפאָרן פון יוגאָסלאַוויע.

דער אַרויספאָר פונם דאָזיקן טראַנספּאָרט איז געווען פאַרבונדן מיט פיל שוועריקייטן: הונדערטער חברים פון „החלוץ" האָבן זיך אין דייטשלאַנד אויסבאַ־האַלטן, נאָכדעם ווי די געסטאַפּאָ האָט זיי באַפוילן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין משך פון 24 שעה. וווהין? דאָס איז נישט וויכטיק — אויפן הימל אַרויף!.. יאָ, אַהין וואָלט מען געקענט צוקומען: אין דער סטראַטאָספערע פאָדערט זיך נישט קיין שום דאָקומענט, אַנדערש איז אויפן ים. כדי אַרויסצופאָרן אין ים, מוז אַ מענטש האָבן וויזעס. מיטנעמען זאַכן האָט מען נישט געטאָרט. מען האָט געמעגט אַרויספירן נאָר מינדערוואַרטיקע קעגנשטאַנדן. געגאַנגען! „נאָר אייער שאָף און אייער פי זאָל איבערגעלאָזט ווערן. אויך אייערע קינדער זאָלן גיין מיט אייך".

די שיף איז געווען געפּאַקט. מיט גרויסע שוועריקייטן האָט מען זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט. אין יעדן ווינקל — אַ משפּחה מיט קינדער. אויף יעדן טריט און שריט ליגט אַ מענטש. יעדע ווײַלע לאָזן זיך הערן אויפגעבעגטע געשרייען פון די מאַטראָזן: נישט שטיין ביי די ברעגעס פון דער שיף! ווייל ווען אַלע שטייען ביי איין שיף־ברעג און קוקן אויפן וואַסער קענען זיי די שיף אַ נויג טון אויף איין זייט...

ווייזט אויס, אַז די יסורים פון די חברים איז נאָך נישט פול געוואָרן, זיי האָבן נאָך נישט אינגאַנצן יוצא געווען קעגן זייער גורל. אַ ראיה האָט איר: ס'האָט זיך אינמיטן דער נאַכט צעשפּילט אַ שרעקלעכער שטורעם. צו פירן אַזאַ מין שיף אין אַ צעשטורעמטן ים איז געווען אויסגעשלאָסן. האָבן מיר געענדערט די ריכטונג און צוגעפאָרן צום נאָענטסטן יוגאָסלאַווישן פּאָרט. דאָרטן האָבן מיר געאַנקערט.

די 400 שיפס־פּאַסאַזשירן זיינען געווען: אַ העלפט — חלוציש יוגנט, און די איבעריקע — זקנים און קינדער. לויט זייער ביז־איצטיקער באַשעפטיקונג אין זייער־ערע אָפּשטאַמונגס־לענדער — סוחרים, אַגענטן און מענטשן פון פרייע פראָפעסיעס.

די יסורים פון די דאָזיקע מענטשן, בפרט — פון די ווינער, איז נישט צום באַשרייבן. פיל פון זיי האָבן ביים צוקומען צו דער שיף געוויינט פון שמחה. די יוגנט איז געווען פול מיט לעבן און ענערגיע. די חברים פון „הבונים" האָבן צו־

נויפגערופן א פארזאמלונג און באלד געשטעלט די פראגע אין וואס פארא קיבוץ וועלן זיי גיין ווען זיי וועלן אנקומען אין לאנד. ס'איז שווער געווען אויפצווייזן זיי, אז דערוויילערהאַנט געפינען זיי זיך בסך הכל אויף א מרחק פון פינף שעה רייזע פון זייער אויסגאנגס־פונקט.

די מענטשן זיינען אריבער אויף „אמראטא" און איך האב זיך צוריקגע־קערט מיט „קאלאראדא".

דער קאפיטאן פון „קאלאראדא" — אן אנשטענדיקער מענטש, פון א מיוחסדיקער משפחה אין גריכנלאנד, מיט באציונגען אין אלע פארטן — האט זעט אויס, פארגעסן דעם כאראקטער פון זיין ארבעט און האט זיך צוריקגעקערט אין א גרויסן יוגאסלאווישן האפן, כאטש אין די שיפס דאקומענטן איז בפירוש געווען פארשריבן, אז זי פירט 400 פאסאזשירן. ער איז געווען זיכער, אז אים וועט גארנישט געשען. אבער ווען מיר זענען צוגעקומען צום פארט, און די פארט־פארוואלטונג האט פעסטגעשטעלט דעם צושטאנד, האט זי באלד אויפן ארט ארעסטירט דעם קאפיטאן, מיך און נאך איין מיטארבעטער פון דער שיף, און האט תיכף אנגעהויבן אן אויספארשונג.

„מיך ארט נישט — האט מיר דערקלערט דער אויספארשונגס־באאמטער — וועך עס זיינען די דאזיקע מענטשן. ווען זיי זיינען יידן — זיינען זיי אויך מענטשן. זאגט מיר אבער, איך בעט אייך, ווו זיינען זיי? אנדערש מוז איך אייך באשולדיקן, אז איר האט זיי ארייגעווארפן אין ים אריין"...

די ארטיקע פרעסע איז שוין דעם זעלבן אוונט דערשינען מיט שרייענדיקע קעפ: „די פיראטן־שיף „קאלאראדא" האט געאנקערט ביים ברעג. מאסן מענטשן האבן גענומען שטראמען צום ברעג, כדי צו באטראכטן די „גזלנים־שיף". דער מצב איז געווארן ערנסט. און נישט דערפאר, וואס די יוגאסלאווישע רעגירונג איז אזוי געווען באזארגט מיטן גורל פון די דאזיקע יידן, נאר דערפאר וואס זי האט זייער מורא געהאט, טאמער האט מען זיי אראפגעלאזט ערגעץ־ווו אין יוגאסלא־וויע. אויך די באציונג אין דער שטאט צו אונז איז געווען א שלעכטע. ווען די מאטראזן פון אונזער שיף זיינען אינאוונט אריין אין א שענק, איז דארט אויס־געבראכן א געשלעג. מען האט זיי ארויסגעשליידערט אויף דער גאס און נאכגע־שריען: „פאר פיראטן איז דא נישטא קיין ארט!" צום סוף איז דער ענין פאר־ריבן געווארן. דערויף האבן מיר אבער געפטרט פיל צייט.

*

סושאק־פיומע איז א שותפות־שטאט פון צוויי לענדער — פון יוגאסלאוויע און איטאליע. זי ליגט אויף ביידע זייטן פון איין טייך. דער טייך איז נישט קיין ברייטער און פון איין ברעג זעט מען וואס אויפן צווייטן ברעג טוט זיך. נישט זעלטן טרעפט, אז אויף איין ברעג טייך — אויפן יוגאסלאווישן — קומט פאר א לאנגזאמע לוויה און אויפן איטאליענישן ברעג שפרייזט א שיינער מאניפעסטא־ציע־צוג, מיט א גרויסן ארקעסטער בראש, וואס שפילט פאשיסטישע מארשן. דא, אויף די צוויי ברעגעס, בליט אויך א האנדל — דער עיקר מיט געלט־טוישן. עס זיינען דא אויך יידן, וואס באשעפטיקן זיך דערמיט אומלעגאל, און דערפאר האבן זיי אונז אזוי שיין אויפגענומען. דא ווייס מען וועגן אונזער טעטיקייט, האט מען אונז אוועקגעשטעלט אינם פארווארפנסטן ווינקל פונם פארט. פריער

זיינען מיר געווען פֿאַרשפּאַרט אין דער שיף. שפּעטער האָט מען אונדז דערלויבט אַראָפּצוגיין אויפֿן ברעג, אָבער נישט צו נעכטיקן דאָרט.

דאָ האָב איך זיך באַגעגנט מיט איינעם פֿון אונזערע חברים, וועלכער האָט מיר איבערגעגעבן וועגן דעם נאָענטסטן פּלאַן פֿון אונזער לייטונג. דער מצב אין אייראָפּע איז ערנסט. דייטשלאַנד דראָט טשעכאָסלאָוואַקיי. ס'איז פֿאָרגעקומען די מינכענער פֿאַרשטענדיקונג. פֿאַרן טשעכישן יידנטום האָבן מיר נאָך גאָרנישט געטון. מיר מוזן אָרגאַניזירן אַ טראַנספּאָרט אויך פֿון דאָזיקן לאַנד.

און נאָך גיט ער מיר איבער: אין דריי־פֿיר טעג אַרום וועלן די דאָזיקע מענטשן — נאָכן דערליידיקן געוויסע ענינים — קומען פֿון טשעכיע אַהער.

ס'איז טאַקע אַ ריכטיקע מיינונג, הגם אין פּוילן האָבן מיר איבערגעלאָזט אַ טייערן חלוצישן מענטשן־מאַטעריאַל, און זייער ריי איז שוין אויך געקומען נאָכן פֿאַרענדיקן די סדרה מיטן דייטשן טראַנספּאָרט. דאָס איז אָבער אַ פֿראַגע פֿון געציילטע טעג.

מיר האָבן געהאַט פֿיל פֿרייע צייט, זיינען מיר אַוועק באַטראַכטן די שטאָט. באַלד האָבן מיר זיך דערוווסט וועגן אַ הכשרה־קיבוץ פֿון פֿישערס, וואָס געפֿינט זיך אין איינע פֿון די פֿאָרשטעט. איך האָב זיך געפֿרייט מיט דער געלעגנהייט צוזאַמענצוטרעפֿן זיך מיט חברים. נאָכמיטאָג בין איך אָנגעקומען אויפֿן אָרט.

אַן איינגעאָרדנטער קיבוץ. אויף די ווענט — העברעישע אויפֿשריפֿטן און לאָזונגען. אויך אַן ארץ־ישׂראלדיקער געזאַנג האָט זיך געלאָזט הערן אין דער באַגלייטונג פֿון אַ האַרמאָניקע פֿון ערגעץ אַ ווינקל. אָבער ווי שווער איז מיר געווען צו באַגעגענען זיך מיט אַ הכשרה־קיבוץ פֿון „החלוץ“, מיט ליבע, אָפּגעבערנטע פּנימער, מיט לאָזונגען וואָס זיינען מיר אַזוי צום הארצן, מיט אַזאַ באַקאַנטן פֿאַר מיר געזאַנג, אָבער — אָן אַ געמיינזאַמער שפּראַך פּשוט, נישטאָ קיין לשון! איינער רעדט קראָאַטיש, אַ צווייטער — גריכיש, אַ דריטער — טערקיש. זייער גאַנצע העברעיש־קענען באַשטייט פֿון „שלום“ און „מה שלומך“ — מער נישט. בלויז איינער פֿון זיי קען אויך העברעיש — דאָס איז דער סעקרעטאַר. אָבער צום שלים־מזל איז ער איצט נישטאָ. האָב איך זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקל און זיך צוגעהערט צו זייער זינגען, וואָס איז מיר נאָענט מיט זיינע ניגונים און ווייט מיט זיינע קראָאַטישע ווערטער. „מען לערנט זיך און מען האָפֿט, אַז מען וועט קענען“ — איז געווען זייער ענטפֿער. מיט געציילטע ווערטער — מיין גאַנצער לעקסיקאָן אין גריכיש — האָב איך זיי געפֿרעגט, וואָס הערט זיך ביי זיי. פֿון זייערע ענטפֿערס האָב איך אַרויסבאַקומען, אַז זיי חלשן צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. נאָר דאָרטן, אין ארץ, — האָבן זיי געזאָגט — וועלן מיר קענען אונזער שפּראַך.

איך האָב דאָ געפֿונען אַ פּעקל נומערן „דבר“, וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען דורך דער פּאָסט. עס איז נאָך געווען איינגעוויקלט אינם באַנדעראָל. קיינער האָט עס נישט געעפֿנט. מיט גרויס שׂמחה האָב איך עס אויפֿגעעפֿנט: שוין אַ צייט לאַנג ווי איך האָב נישט געלייענט קיין טאָג־צייטונג. אָבער באַלד ביים ערשטן בלעטערן זיינען דערשינען פֿאַר מיינע אויגן מיטגעפֿיל־נעקראָלאָגן וועגן די אומגעקומענע פֿון די געשעענישן אין מיין ישוב... איך בין צעטומלט געוואָרן. יעדער איינער פֿון די אומגעקומענע קדושים איז געשטאַנען ווי אַ לעבעדיקער פֿאַר מיינע אויגן. אַלע, אַלע זיינען זיי מיינע חברים. מיין ווייטאָג איז געווען אומדער־

טרעגלעך. איך האָב זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען: זאָל איך זיך אומקערן
אין ארץ, כדי צו פאַרנעמען דאָרט דעם פּלאַץ פון אַן אַפּוועזנדיקן: אומקערן זיך
תיכף ומיד אָן איבעריקע פּירושים? אָדער דווקא פאַרבלייבן און פאַרזעצן די אַב־
בעט, טון אַלץ, וואָס איז מעגלעך, אַז אַנשטאָט איין געפאַלענעם זאָלן אַריינקומען
צענדליקער. אַ דערשלאָגענער בין איך אַרויס פון קיבוץ. איך בין צוריקגעקומען
אויף דער שיף און לאַנג געטראַכט אויפן געלעגער: וואָס זאָל איך טון?

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר דערהאַלטן די שיינע בשורה, אַז היט־
לער איז אַריין אין פּראָג. דער היטלעריזם האָט אָנגעהויבן זיין פאַרניכטונגס־
מאַרש איבער אייראָפּע. דער דייטשער ראַדיאָ גיט איבער מיט טריומף וועגן דעם
„פּירערס" אַריינקומען קיין פּראָג. דייטשן, וואָס שטייען איין אין האָטעל, וווּ־
היין איינער פון אונזערע בחורים האָט פאַרבלאָנדזשעט, זיצן זיך ביים ראַדיאָ
און הערן זיך צו. קיין מיינונג זאָגן זיי נישט אַרויס, אפשר דריקט אויס זייער
שווייגן אַ געפיל פון בושה פאַר זייער „פּירער", וואָס באַזעצט אַזאַ דעמאָקראַטיש,
אַזאַ קולטורעל לאַנד ווי טשעכיע? זיי זיינען איצט אויסער די גרענעצן פון
זייער לאַנד, די דאָזיקע דייטשע טוריסטן, און זיי האָבן וויכטיקערע אויפגאַבן, ווי
זיך צו באַטייליקן אין די געשפּרעכן פון די בטלנים צווישן די האָטעל־געסט. בע־
סער שווייגן. דעם זעלבן אָוונט איז טאַקע פאָרגעקומען אין האָטעל־רעסטאָראַן אַ
פייערלעכקייט לכבוד דעם „געבורטסטאָג" פון איינעם אַ גאַסט אין דער דאָזיקער
גרופּע...

*

פיומע — דאָס שטעטל ווימלט פון יידישע פּליטים. אויף די ברעגעס פון
אַדריאַטיק זיצן זיי און וואַרטן אויף אַ נס: אפשר וועט זיך זיי אונטערדרוקן עפּעס
אַ רעטונגס־שיף און וועט זיי אַריינגעמען. וווהין? — ס'איז אַלץ איינס. דער עיקר
איז אַוועקגיין פון דאַנען. אַנטלויפן! וואָס ווייטער פון דער משוגענער נאַציסטי־
שער אייראָפּע. אָבער אַזעלכע נסים געשעען נישט יעדן טאָג. שיפן קומען און
שיפן פאָרן אַוועק, זיי ווערן אויסגעלאָדן און אָנגעלאָדן. די, וואָס גייען אָפּ,
נעמען אויף קוילן, געהילץ, פאַרשידענע סחורות. אָבער אַזעלכע פּאַסאַזשירן, אַזאַ
„סחורה" — ווער דאַרף עס? אפילו די גרויסע סומעס געלט.. וואָס זיי לייגן פאַר,
די שיפס־אייגנטימער, העלפן נישט. קיין לאַנד דערלויבט נישט אַרויסצוזעצן זיי
אויף אירע ברעגעס, אפילו נישט יענץ לאַנד, וואָס זיי טענהן, אַז ס'איז זייערס:
דאָס לאַנד, ווו זיי האָבן זיך אַמאָל אויסגעלעבט נאַציאָנאַל און פּאָליטיש; זיין
געזעץ איז שטרענגער לגבי זיי, ווי דאָס געזעץ פון יעדן אַנדער לאַנד: מען אַרעס־
טירט דעם קאַפּיטאַן צוזאַמען מיט דער מאַנשאַפט און אַ חוץ דעם קאָנפיסקירט
מען די שיף... זיצן זיי נעבעך, די אומגליקלעכע, דאָ, אַ קליינער טייל — אויפן
ברעג פון ים, און די מערהייט — אין דער שיף, וואָס איז פאַראַנקערט און רירט
זיך נישט פון אָרט, זיצן און וואַרטן אויף אַ נס, וואָס זאָל זיי אַרויסראַטעווען.
מען וואַרט אויף די אַגענטן, וועלכע האָבן פון זיי אויסגעקוועטשט זייער געלט
און זיי צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג. ס'איז גענוג געווען, אַז איינער
זאָל בילדן אַ געזעלשאַפט און מעלדן וועגן אַ מעגלעכקייט פון עמיגראַציע, אַז
מאַסן זאָלן צו אים ציען. און אין דער לעצטער מינוט פאַרן אָפּפאָרן, ווען דער־
פילן די צוזאָגן האָט זיך נישט געלאָזט (און סיבות דערצו זיינען גענוג: נישטאָ

קיין מעגלעכקייט צו קריגן אַ שיף; האָט מען יאָ געקראָגן — ווערט זי אויסגע־בראַקירט דורך דער פּאָרט־לייטונג; פאַרמאַליטעטן וואָס מען קען נישט בייקומען) — זיינען זיי געבליבן שטעקן דאָ, ווייט פון זייער ווונ־לאַנד, אָן רעכט זיך צו־ריקצוקערן. ס'האָבן געטראָפן אויך אַגענטן, וואָס פלעגן פאַרשווינדן אָן קיין שום ענטפער; אַנדערע וואָס האָבן צוליב וועלכער נישט איז סיבה נישט געקענט פאַר־שווינדן. געפינען זיך דאָס רוב אויפן ברעג, זיי האָבן אויף אַ געלעגנהייט אָפּצו־פאָרן, און זייער אַדרעס איז — דער האָטעל, וווּ אויך איך שטיי איין.

וויפיל צרות די דאָזיקע מענטשן זיינען עס אויסגעשטאַנען און מיט וואָס פאַרא יסורים זיי זיינען אַלץ נישט געשטראָפט געוואָרן. אָד. ווי שטאַרק עס ווילט זיך זיי העלפן! עס זיינען דאָך דאָ אַזויפיל מעגלעכקייטן צו ראַטעווען די דאָזיקע אומגליקלעכע און פיל אַנדערע ווי זיי! דאָס, וואָס מיר האָבן ביז איצט געטון, איז דאָך נישט מער. ווי אַ טראָפּן אין דעם דאָזיקן ים, וואָס אויף זיינע ברעגעס זיצן זיי; אויך זייער בראָך איז נישט קלענער פון אים.

## דער סוף פון „קאַלאַראַדאָ"

אַ שווערע לאַגע האָט זיך געשאַפן אין אונזער אַרבעט. די רעגירונג זוכט וויאַזוי צו פאַרציען די שטריק: אַ שטאַרקע שמירה אויפן אַרויסזעצונגס־ברעג מצד די „היטער פון געזעץ און אָרדנונג"; די ברעג־פּאָליציי באַזיצט נייע מאָטאָר־שיפלעך מיט אַ גרויסער שנעלקייט; די קריגס־שיפן האָבן זיך פאַרפליכטעט צו קעמפן מיט די מעפּילים־שיפן; קאָנצענטראַציע־לאַגערן דאַרפן פאַר אונזער כבוד אויפגעשטעלט ווערן אין ציפּערן; און איבער דעם אַלעם — שוועריקייטן ביים קריגן אַ טראַנזיט־דערלויבעניש צו אַ ים־אויסגאַנג. און אָט האָט דער גורל גע־וואָלט, אַז דווקא אין אַזאַ שווערן מצב זאָלן זיך אַנטפּלעקן די גרויסע מעגלעכ־קייטן.

מיר האָבן באַשלאָסן צו פירן אונזערע מענטשן דורך רומעניע. מיר האָבן, וואָס אַן אמת, געוווּסט, אַז די שליחים פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג זיינען פאַר־שפּרייט אין אַלע ווינקעלעך, ווו עס קען נאָר זיין אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר שיפן און שיפלעך. מיר האָבן אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. אויפן דורכגאַנגס־מאַרשרוט איטאַליע - דייטשלאַנד, וואָס האָט אונז ביז איצט גאַנץ גוט געדינט, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פיל שוועריקייטן. האָבן מיר דעריבער געעפנט דעם נייעם מאַרשרוט. די רעגירונג פון דער דאָזיקער מדינה, וועלכע איז שטענדיק גע־ווען להוט אויף פּריוואַטע הכנסות, פאַר אירע באַאַמטע, האָט גערן אָנגענומען אונזער פאַרשלאַג, בפרט ווען מיר האָבן איר צוגעזאָגט, אַז אַלס צוגאָב צו יעדן טראַנספּאָרט, וואָס וועט דורך איר לאַנד דורכגיין, וועט אויך אַרויסגעפירט ווערן אַ באַדייטנדיקע גרופּע יידן פון רומעניע.

אויפן וואַרשעווער מרכז — אַלס ערשטן — איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט צוצוגרייטן אַ טראַנספּאָרט פון אַ זעקס הונדערט און פופציק מאַן בערך, צו וועלכן עס וועלן נאָך צוקומען הונדערט און פופציק מאַן פונם טראַנזיט־לאַנד. דער־ביי איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז עס וועלן אַרויספאָרן צוויי שיפן מיטאַמאָל.

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן אין אַ ספּעציעלן צוג פון 14 וואַגאָנעס, אַחוץ צוויי

רעסטאַראַן־וואַגאָנעס. דאָס איז געווען זייער וויכטיק: אַ דאַנק דעם זיינען די מענטשן נישט אָנגעקומען אַזוי מיד נאָך אַ צוויי־דריי טעג פאָרן אין אַ צוג צום פּאָרט.

די גרענעץ־וואַך איז פּוילן האָט ממש געיובלט פון שמחה, וואָס אַזויפיל ייִדן פאַרלאָזן איר לאַנד אויף נישט אומצוקערן זיך. דער דאָקומענטן־קאָנטראָל איז געווען אַ שוואַכער. אויף מאָרגן זיינען מיר אַריבער די גרענעץ פון דער שכנותדיקער מדינה, און דאָ הויבט זיך אָן די באַקאַנטע סדרה פון שוחד. דער פאָרשטייער פון אויסערן־מיניסטעריום, וועלכער האָט באַגלייט דעם טראַנספּאָרט, האָט מיר בפירוש געזאָגט (האַלב אויף יידיש און האַלב אויף העברעיש, כאָטש ער איז אַ גוי): „פאַרשטייט איר, ר׳ ייִד, דורך מיר זיינען דורכגעגאַנגען אין אייער ארץ־ישראל טויזנטער ייִדן, לעגאַל און אומלעגאַל. די לעצטע, — זאָגט ער מיר — די אומלעגאַלע הייסט עס, זיינען אויך ביי מיר ייִדן. נאָר וואָס דען — אַלע מוזן צאָלן!״

איך ווייס נישט אויף וואָס פאַר אַ אופן, אָבער די ייִדן, פון די שטעטלעך, וואָס ליגן נאָענט צו די באַן־שינעס. מיט וועלכע אונזער צוג איז געפאָרן, האָבן זיך דערוווּסט וועגן אונזער טראַנספּאָרט, און האָבן זיך מחנותווייז פאַרזאַמלט אויף די סטאַציעס, כדי מקבל פּנים צו זיין אונז און מיטברענגען פון כל טוב. ווי נאָר אונזער צוג פלעגט זיך דערנענטערן צו אַ סטאַציע, פלעגן זיי אויסברעכן מיט התקוה־געזאַנג. פרויען האָבן געוויינט פון שמחה. אויף אַ געוויסער סטאַציע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שטיקל בימה, און איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט אונז אויפגענומען מיט אַ באַגריסונגס־רעדע.

די פּאָליציי, וואָס האָט אונז באַגלייט, האָט פון מיר געפאָדערט, אַז איך זאָל הייסן די מענטשן זיך פונאַנדערגיין, ווייל אין קעגנפאַל וועט דער צוג צוריק־געקערט ווערן צו דער גרענעץ. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעמאָנסטראַציעס. אויף איין סטאַציע האָבן מיר טאַקע געזען אַ טרויעריק בילד: אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן פּעראָן, און די פּאָליציי האָט געשלאָגן די פאַרזאַמלטע מיט בייטשן. מיט גרויס שוועריקייט איז מיר געלונגען וועגדן זיך דורכן פענצטער צום עולם און בעטן אים. אַז ער זאָל זיך פונאַנדערגיין. איך האָב זיי אויפגעקלערט, אַז דאָס קען אונז גורם זיין נאָר צרות. אין ס׳רוב ערטער האָט מען נישט גע־וואָלט פאָלגן.

איין סטאַציע פלעגט, ווי געוויינלעך, איבערגעבן דער צווייטער, און מען האָט שוין געוואַרט אויף אונז. דער עיקר האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון דאָס בילד פון אַ געוויסער סטאַציע: ס׳שטייען הונדערטער מענטשן ווי איין מאַ־סיווער בלאָק, און קיינער טוט קיין פּיפּס נישט. אָבער זייער פאַרעקשנט שטיין, זייער ברענענדיקער בליק, וואָס איז געווענדעט צו די גליקלעכע אין צוג, — האָבן גערעדט דיבורים. נישט געקוקט אויף דער שטילקייט אין דער דעמאָנסטראַ־ציע, איז די פּאָליציי געשטאַנען די גאַנצע צייט אין פולער גרייטקייט, און די צאָל פּאָליציאַנטן איז געווען פיל גרעסער ווי געוויינלעך. די פאַרזאַמלטע האָבן בלויז געקוקט אויף אונז, זייער בליק האָט אונז באַגלייט אויך ווען דער צוג האָט פאַרלאָזט די סטאַציע און זיך געטראָגן ווייטער, ווייטער, צום פּאָרט.

נאָך פיר און צוואַנציק שעה — אויפן וועג, האָבן מיר צונויפגעזאַמלט די

# שווימען שיפן אינמיטן פון ים . . .



אויפן דעק פון אַ מעפּילים-שיף



„קאלאראדא" אין חיפהער פּאָרט

יידן פון יענער מדינה, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן צו פֿאָרן מיט אונדז — זיינען מיר צוגעקומען צו אַ פֿאַרוואָרפֿענעם פּאָרט נישט ווייט פון דער סאָוועטישער גרענעץ.

אָנגעקומען אויפֿן אָרט זיינען מיר פֿאַרנאַכט, אָבער צוליב דער פּוילקייט פון די באַן־באַאַמטע איז דער צוג אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען אויף דער סטאַציע. ערשט אויף מאָרגן האָט מען אונדז אַריבערגעפֿירט אויף דער שיף. נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג ביים אַריבערפֿירן די פּאַסאַזשירן פון איין שיף אויף דער צווייטער און אַנדערע זאָרגן, האָבן מיר געדירט פון אָרט.

אויף מאָרגן נאָכן אַרויספֿאָרן איז קראַנק געוואָרן דער שיפֿס־אינהאַבער, וואָס איז גלייכצייטיק געווען קאַפּיטאַן, האָט מען אים אַוועקגעלייגט אינדערהויך אויפֿן קאַפּיטאַן־בריקל, און פון דאָרטן האָט ער אָנגעפֿירט מיט דער שיף. דעם זעלבן טאָג איז, די שיף, באַלד נאָכן אַריינפֿאָרן אינם דאַרדאַנעלן־דורכגאַנג, ווען דער עולם איז זיך צונויפֿגעקומען אויף דער ערשטער פֿאַרזאַמלונג, — אַרויף אויף אַ זאַמד. און נאָר דורך אַ נס, אָדער ריכטיקער — אַ דאַנק די שטאַרקע מאַשינעס — איז זי פון זאַמד אַראָפּ אומבאַשעדיקט. די נעכט זיינען געווען נעפּלדיקע, און ס׳איז געווען אַ גרויסע סכנה צו פֿאָרן, בפֿרט אונטער דער אָנפֿירונג פון אַזאַ קאַפּיטאַן ווי דער, מיט וועלכן מיר זיינען דאָס מאָל געבענטשט געוואָרן. אַזוי איז די שיף געגאַנגען, פּייפֿנדיק אָן אויפֿהער ביז משוגעת. מיר האָבן זיך גערוקט פֿאָרויס זייער לאַנגזאַם.

נאָענט פון ציפּערן איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם, און ס׳איז אוממעגלעך געווען ווייטער צו פֿאָרן אויף אַ שיף, וואָס איז איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. צום גליק, האָבן מיר געפֿונען אַ שוץ־אָרט נישט ווייט פונם אינזל און דאָרט האָבן מיר איבערגעוואַרט דעם בייזן שטורעם־ווינט. דריי טעג זיינען מיר דאָרט געשטאַנען — פּונקט זיינען עס געווען די טעג ווען מען האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דעם „ווייסבוך״.

...ווען דער אוונט האָט זיך דערנענטערט, האָבן מיר געענדערט די ריכטונג און געווענדט די שיף צום ברעג. באַלד האָבן מיר אָבער דערפֿילט, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג. דער וויכוח, וואָס איז אַנטשטאַנען צווישן אונדזער מאַנשאַפֿט און דעם קאַפּיטאַן וועגן די ברעג־צייכנס און זייערע ספֿקות זיינען פֿאַר אונדז געווען אַ שלעכטער סימן. מיר האָבן פֿאַרלאָרן די זיכערקייט, אַז דער דאָזיקער אָרט איז טאַקע דער באַשטימטער לאַנדונגס־פּלאַץ.

ס׳איז אָוונט. די שטערן גלאַנצן פון אויבן און שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער; זיי ווינקען צו די כוואַליעס און שפּילן זיך מיט זיי. די זאַך־קענער פּרוון טרעפֿן: דאָס זיינען צוויי ליכטער פון אַ שיף אין ים, נישט מער — זי דערווייטערט זיך פון אונדז. מען קען דעריבער פֿאַרזעצן די פּרוון צו דערנענטערן זיך צום ברעג דאָרט וועלן מיר שוין אויסזוכן דעם אָרט, וואָס איז פֿאַר אונדז באַשטימט געוואָרן. מיר האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג. אָבער וואָס קומט דאָ פֿאָר? די צוויי ליכטער, וואָס מיר האָבן פֿריער באַמערקט, שפּילן זיך מיט אונדז: אָט דערווייטערן זיי־זיך אָט דערנענטערן זיי זיך ווידער. ס׳איז געקומען דער מאָמענט און דאָס שפּיל האָט זיך געענדיקט: ווי פון אונטערן וואַסער זיינען די ליכטער אַרויסגעשוואומען און זיך באַוויזן... איצט איז שוין אונדז קלאָר געוואָרן: דאָס זיינען קאַמפּס־לוסטיקע קריגס־שיפֿן, וואָס שטייען שוין לאַנג און וואַרטן אויף אַ שטיקל אַרבעט, און אָט האָט זיי דער שטן בלויז צוגעשאַרט אַזאַ שטיקל אַרבעט. דאָ האָט זיך אָנגע־

הויבן די סדרה פון אַנטלויפן און נאָכיאָגן. אונזער שיף שניידט מיטן פולן דאַמף בײַ כוואַליעס און אַנטלויפט פון דער שיף, וואָס יאָגט זיך נאָך איר. אונזער שיף גיט זיך אָפּ אַ רעכנונג וואָס פאַר אַ סכנה שטייט איר פאָר. ווער וועט דאָ געווינען אין וועטלויף! ער ברומט און דראָט, דער לייב פון דער פאַן, וואָס פלאַטערט אויפן שפּיץ מאַשט: הערט אויף צו אַנטלויפן, אַנדערש וועל איך אייך ווייזן מײַנע שאַרפע נעגל... אָבער קיינער הערט אים נישט. אונזער שיף שטרענגט אָן אירע לעצטע כוחות און טראָגט זיך ווײַטער — ווײַטער פון ברעג. נאָך אַביסל און זי רײַסט זיך אַרויס פון די טעריטאָריאַלע וואַסערן, און דאָ, זאָגט דאָס געזעץ, האָט זי רעכט צו שווימען פראַנק און פרײַ. אָבער דאָס אַנדערע מענטשלעכע געזעץ — דער באַוואָפנטער כוח — אַנערקענט נישט קיין שום זאַך. ער לאָזט נישט אָפּ זײַן קרבן.

אונזערע חברים אין דער שיף זײַנען רואיק, גלײַך ווי זיי וואָלטן נישט געוווּסט, וואָס עס שטייט זיי פאָר. קיין שום קראַפּט קען זיי נישט אָפּהאַלטן פון גיין אין זייער לאַנד! זיי ווייסן אויך נישט, אַז די קעסלען אין דער שיף זײַנען אַזוי הייס, אַז יעדע רגע קענען זיי פּלאַצן, און גורם זײַן אַן אומגליק. זיי זײַנען שטיל. נאָך מער: זיי לאַכן זיך אויס אַפילו פון די צוויי האַרמאַטן־שאָסן, וואָס זײַנען אויף אונז אויסגעשאָסן געוואָרן פון דער קריגס־שיף. צום סוף האָבן זיי אונז דעריאָגט. זיי האָבן געזיגט אין דער „שלאַכט". מיר האָבן פאַרהאַלטן אונזער שיף. די קריגס־שיף מיט אירע פולע ליכטער האָט זיך אויך פאַרהאַלטן אויף אַ געוויסן מרחק פון אונז.

אין אונזער שיף האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט די ווײַס־געקליידעטע מענטשן מיט רעוואָלווערן אין דער האַנט. באַלד האָבן זיי זיך געווענדט צום קאַפּיטאַנס בריקל, — דער קאַפּיטאַן איז געלעגן אויף זײַן בעטל. אין אַ פערטל שעה אַרום איז אַראָפּ אַ מאַטראָז, צוגעגאַנגען צו מיר און האָט אין נאָמען פון קאַפּיטאַן מיר איבערגעגעבן, אַז איך זאָל ברענגען די פּאַספּאָרטן פון די פּאַסאַזשירן. מײַן לאָגיק האָט אָבער דערפון אָפּגעהאַלטן. מען האָט מיך גערופן צו די „אָנפירער". ס'איז פאַרגעקומען אַ לאַנג געשפּרעך. מײַנע ענטפערן און אויסדרייעניש האָבן אויפגערעגט די אויספאָרשער. איינער פון זיי האָט מיך אַ כאַפּ געטון פאַרן קאָלנער, האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ באַזונדערע קאַבינע און האָט מיך איבערגעגעבן צו אַ וואַכמאַן. אַ מידער פון די געשעעניש, בין איך באַלד אײַנגעשלאָפן ווי נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג אין פעלד אָדער אינדערהיים...

פאַרטאָג, ווען איך האָב זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, האָב איך באַלד דערקענט פונדערווײַטן חיפה, אָבער אַביסל נענטער — בײַ מיר אין דער קאַבינע — האָב איך דערזען מיטאַרעסטירטע: אונזער ים־מענטש און נאָך איינעם, וואָס איז אינגאַנצן אומשולדיק. מען האָט אים געדראָט מיט אַ שטרענגן אַרעסט, אויב ער וועט תיכף ומיד נישט אויפגעבן די נעמען פון די העפּלה־ און טראַנספּאָרט־אָרגאַניזאַטאָרן.

וואָס עס טוט זיך אונטן אין דער שיף צווישן די חברים האָב איך נישט געוווּסט. איך בין געווען הונגעריק, מען האָט אָבער פאַרוואָרט צו דערלאַנגען עסן. אין מיר נישט איבערגעבליבן עפּעס אַנדערש, ווי אויסצוציען זיך אויף דער באַנק און אײַנדרימלען. אין אַרעסט בין איך פּטור פון פליכטן — עם „זאָרגן" שוין פאַר מיר אַנדערע!

צען אזיינער אינדערפרי האבן אנגעהויבן ארויפצוקומען אויף דער שיף פארשידענע דעלעגאציעס: א דעלעגאציע פון דער געהיים־פאליציי, א מעדיציני־שע קאנטראל־קאמיסיע א. א. זיי גייען ארום איבער דער שיף אין דער לענג און אין דער ברייט: מעסטן, שושקען זיך, מאכן כל מיני חשבונות און בארעכענונגען. איין באאמטער האט אנגעהויבן פארצייכענען די נעמען פון די חברים. ער האט אבער באלד אויפגעהערט: אונזערע ענטפערס זיינען אים נישט געווען באגלויבט.

דערווייל האבן זיך די חברים ארומגעדרייט ליידיק אין די שיף־דורכגענג און אין אירע פארשידענע ווינקעלעך. פארשטייט זיך, אז זיי זיינען אויך געקומען א קוק טון, וואס מיר, די ארעסטירטע, מאכן. דער פאליציסט, וואס האט אונז באוואכט, האט בשום אופן נישט געקענט פטור ווערן פון זיי: ער טרייבט זיי אוועק פון דאנען. באוויזן זיי זיך פון דער אנדער זייט, זיי קוקן אריין דורכן פענצטער און ברענגען אונז פון אלדאס גוטס איבערצובייסן.

אונטן אין דער שיף האט דאס לעבן געקאכט פיבערהאפט. באראטונגען, כל המינים פארשלאגן און עצות, א פראיעקט פון א הונגער־שטרייק און נאך און נאך.

אוונט־צו האבן זיך די מענטשן איינגעארדנט גרופנווייז און אנגעהויבן זינגען לידער פון בענקשאפט נאכן פאטערלאנד — — —

שיין ביסטו, חיפה, בייטאג, אבער נאך שענער ביסטו ווען עס קומט דער אוונט! גרויס איז געווען דיין כישוף יענעם אוונט, ווען הונדערטער בענקענדיקע זין האבן צו דיר געווענדט זייערע בליקן פונדערווייטן, זוכנדיק דעם מקור פון יעדן ליכט־שטראל, וואס דו האסט צו זיי געשיקט, פול מיט ליכטער ביסטו. א הויבער בארג פון ליכט. אך, ווען זיי האבן פליגלען, די צוגויפגעדריקטע אויפן דעק פון דער דאזיקער שיף, וואלטן זיי דאך צו דיר געפלויגן אויפן בארג־שפיץ! איצט טראגט זיך בלויז זייער בענקענדיק ליד צו דיינע אפענע גאסן, צו דיינע איינוווי־נער, וואס זארגן פאר אונזער געזונט.

אבער ווער איז דאס דא, ארום אונז, אין שאטן פון שטראנד? יא, איך האב זי דערקענט: דאס איז די מעפילים־שיף „ארטעמיזא". זי שטייט אן אומעטיקע, מיט אויסגעלאשענער ליכט, גלייך ווי זי וואלט אונז באגריסט מיט איר מאשט ווי אלטע באקאנטע. אויך זי איז נישט לאנג געכאפט געווארן, נעבן איר — נאך איי־נע. איין גורל האבן מיר אלע.

נישט ווייט פון זיי, נאענט צום צווייטן שטראנד, שטייען אביסל אפגערוקט אן א זייט קריגס־שיפן און קוקן אויף זייערע קרבנות, ווי זיי וואלטן הנאה געהאט פון זייער פארציקונג, וואס ליגט אן סימנים פון לעבן. אט־א גייט איצט ארום אוונט־צייט איינע פון זיי אויפן אפענעם ים, אפשר וועט זיך איר ווידער מאכן א „פעטער ביסן" אזוי ווי נעכטן...

זעקס שיפן האבן יענעם אוונט געאנקערט אין חיפהער פארט, דעם האפן פון דער יידישער שטאט: דריי מעפילים־שיפן, וואס האבן געווארט אויף זייער אורטייל, און דריי קריגס־שיפן, וועלכע „לעבן זיך אויס" דעריון, וואס זיי יאגן זיך נאך ארימע שיפן, פולגעפאקטע מיט אומגליקלעכע פליטים. זאלבערזעקסט האבן זיי זיך דא צוזאמענגעטראפן אין דעם דאזיקן הייסן זומער־אוונט אין יאר טויזנט ניין הונדערט ניין און דרייסיק...

דער טאָג איז אַריבער — און מיר שטייען שוין די צווייטע נאַכט אַנטקעגן דעם ברעג.

צומאָרגנס זיינען אונזערע בחורות אַראָפּגעגאַנגען און אויף דער שיף זיינען פאַרבליבן נאָר די בחורים. ווידער איז אַראָפּגעקומען די פּאָליציי און גענומען מאַכן רעוויזיעס. זי האָט געניש̇טערט אין יעדן ווינקעלע און עפּעס געזוכט. איר טירחה איז אָבער געווען אַן אומזיסטע.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אויך אונז, די בחורים, אַראָפּגעפירט. מיר איז געלונגען אַריינצוגיין אין ערשטן אויטאָ, וואָס איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון פּאָליציסטן, כדי אוועקצופירן אונז אין תפיסה. דאָ האָט יעדער פון אונז באַקומען אַן אימפּונג; מען האָט ביי אונז אויך גענומען פינגער־אָפּדרוקן, ווי מען נעמט געוויינלעך ביי גרויסע פאַרברעכער, כדי מען זאָל זיי קענען אידענטיפיצירן ביי יעדן נויטיקן פאַל.

נאָכן בדקענען די חפצים, נאָכן זוכן געווער און כלערליי אַנדערע פאַרבאָטענע זאַכן, האָט מען אונז אוועקגעפירט אויפן הויף צום פאָטאָגראַפירן. די רעוויזיע איז אַריבער בשלום; נאָר אַ פּול־פעדער און אַ קליינע געלט־סומע זיינען געפאַלן אַ קרבן אין די הענט פונם רעווידענט, — דער אַראַבישער באַאַמטער האָט עס פּשוט אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין דער קעשענע.

אויפן הויף איז געשטאַנען אַן אַראַבישער פאָטאָגראַף, וואָס האָט אונז געזאָלט פאָטאָגראַפירן. יעדער פון אונז האָט באַקומען אַ נומער, — צוזאַמען מיטן נומער וועררט דער „פאַרברעכער" פאָטאָגראַפירט. הגם איך בין אַ פאָטאָגראַף אַן אַמאַטאָר, האָב איך דאָס מאָל געהאַט אַ קנאַפּן חשק צו פאָטאָגראַפירן זיך.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן וואָס איך האָב געטון, אַ פאַקט איז, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום בין איך שוין געווען אויף דער גאַס, אַ פרייער צווישן פרייע.

## „טיגער־הייל"

מיר גרייטן זיך צו אַ גרויסן טראַנספּאָרט פון אַכט הונדערט מאַן. אונזער שיף הייסט „טיגער־הייל". געווען איז דאָס אין די הייסע זומער־טעג, ביים אָנהויב פונם ציוניסטישן קאָנגרעס, אַ חודש פאַרן דייטשן רויב־צוג אין אייראָפּע, אייד־דער פוילן איז באַפאַלן געוואָרן. מיר זיינען אָנגעקומען קיין ק. אויפן שוואַרצן ים.

ווען מיר זיינען אָוונט־צייט אָנגעקומען אויפן אָרט, און דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז שוין מיט די רוק־זעק אויף די אַקסלען געשטאַנען גרייט אַרויסצוגיין פון די וואַגאָנעס, האָט מען אונז געגעבן צו וויסן, אַז היינטיקע נאַכט וועלן מיר זיך נישט איינשיפן, — נישט היינטיקע נאַכט און נישט די קומענדיקע. אונזער גאַנצע עליה איז צווייפלהאַפט. וואָס איז געשען? ס'איז אויסגעאיבט געוואָרן אַ זייער גרויסער דרוק אויף דער רומעניש̇ער רעגירונג, אַז זי זאָל נישט דערלויבן די מעפּילים דורכצופאָרן זייער לאַנד און זי זאָל זיי אויך נישט דורכלאָזן דורך אירע פּאָרטן. זי האָט זיך פאַרפליכטעט צו פאַרהאַלטן אונז אין האַפן, און מען האָט אונז צוריקגעקערט אין די וואַגאָנעס.

דעם צוג האָט מען אוועקגעשטעלט הינטער דער שטאָט, אויף זייטיקע שינעס, גלייכצייטיק זיינען געשטעלט געוואָרן זעלנער צו באַוואַכן אונז. מיר זיינען

ממש צעבראָכן פון דער שרעקלעכער איבעראַשונג. די מאָרגנזליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורך די וואַגאָן־פענצטערלעך, האָט פאַר אונז אַנטפּלעקט אַ גרויסע אומאָרדנונג. די מענטשן אין די וואַגאָנעס האָבן געפילט אַ שטיקעניש אין די העלזער. די לופט איז געווען געדיכט. נישטאָ נישט קיין שפּייז, נישט קיין וואַסער. וויאַזוי האָט עס די מאַכט געוואַגט צו פאַרשפּאַרן אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן אין אַ צוג, צו אַכט אין אַ קופּע, אין אַזעלכע הייסע טעג אָן וואַסער? מיר האָבן שרעקלעך מורא געהאַט עס זאָל נישט אויסברעכן קיין עפּידעמיע.

אויפן דריטן טאָג האָט אונז אָפּגעגליקט: די וואַד־זעלנער האָבן זיך גע־טוישט און מיר האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין אַביסל פון דער שטי־קעניש אין די וואַגאָנעס. ווי נאָר די חברים האָבן באַטראָטן די ערד, זיינען זיי אַלע צוזאַמען, ווי אָפּגערעדט פון פריער, אַרויס אין אַ שטורמישער „הורא". דאָס איז געווען אַ טאַנץ פון באַפרייטע און גלייכצייטיק פאַרהאַלטענע, אַ געמיש פון שטויב, שוויים און שמוציקע קערפּערס, וואָס זיינען אויף גאַנצע טעג פאַראורטיילט גע־וואָרן צו שטיקעניש; פון היץ און נשמה־ריינקייט. דער חלוצישער הימן האָט זיך ברייט צעקלונגען, אויפגעפלאַקערט אַ גלויבן, איינגעפלאַנצט אַ זיכערקייט.

דערווייל האָט זיך די וואַד געביטן. באַלד איז געגעבן געוואָרן אַ קורצער באַפעל: צוריק אין די וואַגאָנעס! ליתר תוקף איז דער באַפעל באַגלייט געוואָרן פון קלעפּ מיט גומע־שטעקעלעך אויף די רוקנס פון די טענצער.

*

...ס'איז שוין אַריבער אַ וואָך, און די חברים זיינען נאָך אַלץ פול מיט האָפע־נונג, אַז די אונטערנעמונג וועט געלונגען. פון די פאַרבינדונגען מיט חברים, וואָס זיינען פריער געפאָרן, האָבן זיי געוווּסט, אַז סוף כל סוף וועלן זיי צום געווונטשע־נעם ברעג קומען און צו זייערע ליידן וועט נעמען אַ סוף. אָבער צום סוף פון דער צווייטער וואָך, ווען די צאָל קראַנקע — צווישן זיי איינער אַ שווערער — האָט זיך פאַרמערט, האָט זיך אין האַרצן אָנגעהויבן אַריינגנבענען אַ ספק.

אַ שווערער קלאַפּ האָט זיך אויף אונז אַראָפּגעלאָזט מיטן טויט פון אונזער חברטע צפּורה לעוויט. ווען זי איז נאָך געווען אין אויסלאַנד, איז זי קראַנק געווען אויף שקאַרלאַטין. נאָכן אויפשטיין פון קראַנקן־בעט, האָט זי באַקומען אַ ידיעה װעגן דער מעגלעכקייט פון אַ נאָענטער עליה. האָט זי דאָס נישט אָפּגעלייגט ביז זי וועט פולשטענדיק געזונט ווערן, נאָר תיכף אַרויסגעפאָרן. נאָכן אָפּזיין צוויי טעג אויף דער שיף האָט זי די קרענק ווידער גענומען פּייניקן. ווען איך בין איינ־מאָל געווען אויף אַ זיצונג פון די גרופּן־פירער, האָט מען מיך פלוצלינג אַרויסגע־רופן איך בין אַריין צו דער קראַנקער און דערזען, אַז אירע מינוטן זיינען גע־ציילטע. דער שיף־דאָקטאָר איז געווען זייער דערשלאָגן. אַ שטיקל אייז, — האָט ער געזאָגט — ווו קען מען קריגן אַ שטיקל אייז? מיר האָבן געפּרוווּט אָפּצוקילן וואַסער מיט פאַרשידענע פּרימיטיווע מיטלען, אָבער דאָס האָט ווייניק וואָס גע־האָלפן. זי האָט געברענט ווי אַ פייער, זי האָט געהאַלטן מיין האַנט און געטענהט: „איך האָב נישט זוכה געווען צו זען אונזער לאַנד". זי האָט שוין געגוססט, איר האַנט איז קאַלט געוואָרן און איז פלוצלינג פון מיין האַנט אַרויסגעפאַלן. זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה אין ריינקייט.

די לאַגע איז געווען אַן ערנסטע. ווען מען זאָל וועגן דעם טויט־פּאַל, איי־בערגעבן דער שיף־מאַנשאַפט, קען דאָס גורם זיין פיל שוועריקייטן. לויט די איינ־געוואָרצלטע אַבערגלויבנס ביי די ים־מענטשן, שלעפּט מיט אַ טויט־פּאַל אויף אַ שיף אַנדערע אומגליקן. אין אַזעלכע פאַלן קערט מען זיך אַפּט אום צוריק. האָב איך דעריבער מורא געהאַט, זיי זאָלן זיך וועגן דעם נישט דערוויסן. גלייכצייטיק אָבער, האָב איך געוואָלט אָפּגעבן דער פאַרשטאָרבענער דעם לעצטן כבוד.

איך האָב די גרופּן־אָנפירער, וואָס האָבן זיך תיכף ומיד פאַרזאַמלט, דער־ציילט וועגן דעם טרויעריקן פאַרפאַל און געבעטן זיי איבערצוגעבן די טרויעריקע ידיעה זייערע גרופּן און גלייכצייטיק באַפעלן, אַז זיי זאָלן היינט גיין פריער שלאָפן. די צייט פון דער לויה האָבן מיר באַשטימט אויף איינס אַזייגער ביינאַכט.

אין דער באַשטימטער שעה האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט — די גרופּן־פירער און די ליטווישע גרופּע — אין שפּייז־צימער. צוזאַמען מיט אונז איז אויך געווען איי־נער אַן אַלטער מאַטראָז און דער קאַפּיטאַן. מיר זיינען אַריינגעקומען אין איר באַ־לויכטענער קאַבינע.

צפורה איז געלעגן אויף איר בעט מיט אַ ביטערן שמייכל אויף אירע ליפּן. אירע אויגן זיינען געווען אָפן, גלייך זיי וואָלטן געקוקט אויף אונז. מיר זיינען פאַרציטערט געוואָרן. דער אַלטער מאַטראָז איז בלייך געוואָרן. איר פאַרעקשנטער בליק האָט אַזוי איבערגעחזרט אירע לעצטע ווערטער: פאַרוואָס? פאַרוואָס האָב איך נישט זוכה געווען? איך האָב דאָך אַזוי געוואָלט זיין אין אונזער לאַנד! איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג!...

מיר האָבן דעם קערפּער איינגעוויקלט אין אַ ליילעך און אַריבערגעטראָגן אים אין עס־צימער. אירע חברים האָבן געזאָגט עטלעכע אַפּשיידס־ווערטער און „קדיש". דער קערפּער איז צוגעבונדן געוואָרן צו אַ הילצערנעם טאָוול און ביים שיין פון דער לבנה איז אין מיטללענדישן ים די חלוצה צפורה לעווויט געבראַכט געוואָרן צו „קבורה"...

...אויף מאָרגן. דאָס לעבן פאַדערט זיינס. דער הונגער לאָזט זיך פילן. דאָס ברויט איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען. די סוכאַרעס זיינען על פּי רוב „באַצירט" מיט גרינע שימל־פלעקן. אויך די איבעריקע שפּייז־אַרטיקלען, די קאָנסערוון אא"וו, ענדיקן זיך שוין. נאָר דער הונגער צווינגט דעם חבר, אַז ער זאָל אויסטרינקען דאָס ביסל קאַווע, וואָס ווערט אים אינדערפרי דערלאַנגט אין אַ פאַרפעטסטן זופּן־טע־לער. דאָס זעלבע קומט פאָר מיטאָג־צייט די געשלענגלטע ריי ביים עס־צימער ציט זיך. אויך ביים איינציקן וואַסער־קראַן אויף דער שיף איז די ריי גרויס. די באַ־פולמעכטיקטע איבערן וואַסער שטייען אויף דער וואַך, אַז מען זאָל חלילה, נישט פאַרטאַכלעווען דאָס וואַסער.

מיר האָבן באַשלאָסן דערנענטערן זיך צו ראָדאָס. נאָענט פונם אינזל האָבן מיר טעלעגראַפירט צו דער מאַכט: מיר בעטן וואַסער, ברויט און מעדיקאַמענטן. מיר וועלן אייך גוט באַצאָלן אין וואַלוטע און דאָלאַרן. איז פון דאָרט אָנגעקומען אַ שיפל, צוגעקומען צו אונזער שיף און געפרעגט, וואָס מיר פאַרלאַנגען. האָבן מיר אונזער בקשה איבערגעחזרט. איז דאָס שיפל צוריקגעשווומען צום אינזל און מיר זיינען געשטאַנען און געוואַרט. אין צוויי שעה אַרום האָבן מיר געקריגן אַן ענט־פער־דעפּעשע: „מיר האָבן נישט קיין ברויט אויפן אינזל, מיר האָבן אויך נישט

קיין וואַסער און קיין מעדיקאַמענטן. טראָגט זיך אָפּ תיכף ומיד, אין קעגנפּאַל וועלן מיר אויף אייך אַרויסשיקן די קריגס־שיף, וואָס שטייט ביים ברעג". און כדי צו ווייזן, אַז דאָס זיינען נישט קיין פּוסטע דיבורים, איז באַלד אָנגעקומען אַ מאַטראַז־שיפל מיט מאַשין־געווער.

זיינען מיר אָפּגעשוואומען צו דער טערקישער אַנאַטאָליע. אפשר וועט מען אונז דאָ געבן, וואָס מיר דאַרפן, פאַר גוט געלט. פּונדערווייטן האָבן מיר באַמערקט שטיין אַ שיף. לכתחילה האָבן מיר זיך געוואָלט אָפּטראָגן, כדי נישט אַריינצופאַלן אין אַ פּאַסטקע. אָבער אַזוי ווי מיר זיינען געווען ביים ברעג, האָבן מיר זיך שוין נישט געקענט צוריקציען. ביים דערנענטערן זיך — האָבן מיר געטראָפן אַ שיף ענלעך צו אונזערער: אַ מעפּילים־שיף. זי איז אַרויס פון צפון־אייראָפּע און איז דורכגעגאַנגען דעם גיבראַלטאַר, זי האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן צוויי טעג און איר איז געלונגען צו באַקומען וואַסער. אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג, איז זי אָפּגעשוואומען. דאָס איז געווען אַ באַגעגעניש צווישן צוויי שוועסטער־שיפן, אַ זייער און זייער הארציקע באַגעגעניש. אַ געזאַנג פון „התקוה" האָט זיך אַרויסגעריסן פון די דעקן. ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען איינע נעבן דער צווייטער: אַ געזאַנג, וואָס איז פול מיט טרויער און האָפענונג. מיר האָבן זיך געריכטעט צום ברעג. צו אונז איז צוגעקומען אַ פּאָליציי־שיפל. די טערקן האָבן אויסגעהערט אונזער בקשה און אונז געהייסן וואַרטן. אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען זיי צוריקגעקומען מיט עטלעכע זעק פלעצלעך. קלאָר, אַזאַ הויפן קען אונז נישט אָנזעטיקן. פאַר די פלעצלעך האָבן זיי באַקומען 105 פונט. „מער ווי דאָס קענען מיר אייך נישט געבן. פאָרט ווייטער תיכף ומיד!" — האָט מען אונז דערקלערט.

אויף מאָרגן פרי זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ צווייטן אינזל. דאָ האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט אַ דערהאָבן בילד: אַ וואַסערפאַל מיט פרישן, זיס וואַסער. דאָס וואַסער האָט געשפּרודלט פון אַ בערגל עטלעכע מעטער די הויך און מיט גערויש אַראָפּגעפאַלן אין ים אַריין. אַך, ווען מיר קענען ריכטן דעם דאָזיקן וואַסערפאַל צו אונז אין דער שיף, צו אונזערע מענטשן, וואָס שטייען דאָ אין דער ריי נאָך דער נישטיקער וואַסער־פּאַרציע, אָדער צו אַן אַנדער גרופּע, וועלכע שטייט דאַרטן ביי די מאַשינעס און וואַרט מיט אומגעדולד, אַז עס זאָלן אַראָפּרינען אַ פּאָר טראָפּנס וואַסער פון אַ קליין לעכל אין דער דאַמף־טרויב! לאַנגע שעהן שטייט אַ חבר און זאַמלט די וואַסער־טראָפּנס אין אַ קליין פלעשעלע. מיט אַ שטומער געדולד וואַרטן זיינע חברים ביז זיין אַרבעט וועט פאַרענדיקט ווערן, און אַ צווייטער וועט מיט די בלים אין די הענט פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

מיר האָבן פאַרוואַרפן דעם אַנקער און מיר זופן מיט די אויגן די קאַלטע וואַסער־שפּע. ס'איז אָנגעקומען אַ פּאָליציי־שיפל. ווי עס זעט אויס, האָבן זיי שוין געוווסט וועגן אונזער אָנקומען, ווייל זיי האָבן אונז תיכף געגעבן צו וויסן: טראָגט זיך אָפּ, ווייל אין קעגנפאַל וועלן די קוילן פון אונזער מאַשין־געווערן (דערביי האָבן זיי אָנגעוויזן אויפן שיפל) מאַכן פון אייער שיף אַ רעשעטע". ווען מיר האָבן זיי אָנגעוויזן אויפן וואַסער, האָבן זיי אויף אונז געדונערט: „מיר האָבן נישט קיין וואַסער! טראָגט זיך אָפּ!"

מיר זיינען אַריינגעקומען אין אַ גרויסן, ברייטן איינגאַנג פונם מיטללענדישן

ים, וואס איז געשיצט פון שטורעם־ווינטן. דא — האבן מיר געמיינט — וועט מען אונז, אין זכות פון דער נאטירלעכער שיינקייט מיט וועלכער דער ארט איז געבענטשט, ווי אויך דאס, וואס זיינע איינוווינער זיינען אזוי געשיצט פון אלע זייטן און האבן וועגן אונז נישט קיין שום ידיעות, — דא וועט מען אונזער דור־שטיקער שיף זיכער געבן וואסער:דא וועלן אונזערע הונגעריקע באקומען ברויט און אונזערע געפערלעך־קראנקע — רפואות. מיר וועלן פאר דעם אלעם שיין באצאלן — מיט גוט געלט און מיט הארציקער דאנקבארקייט — און מיר וועלן זיך פארן ווייטער. מיר וועלן חלילה נישט פארבלייבן ביי זיי און נישט אויסנוצן זייער טראדיציאנעלע הכנסת אורחים.

מיר האבן פארווארפן דעם אנקער אויף א געוויסן מרחק פונם ברעג, — דערנענטערן זיך צו אים האבן מיר נישט געוואגט. פאר אונז שפרייט זיך אויס א גרויסער האפן און, ווי די ים־מענטשן פארזיכערן, וואלטן זיינע איינוווינער אונז געקענט מיט אלץ באפרידיקן. ווי געוויינלעך, איז צו אונז צוגעפארן א פאליציי־שיפל.

— האט רחמנות, גיט אונז מעדיקאמענטן, ביי אונז זיינען דא פיל קראנקע.

— נישטא.

— ברויט!

— מיר האבן דא נישט קיין בעקערייען.

—אביסל וואסער אויפצולעבן די מענטשן!

— נישטא! נישטא! טראגט זיך אפ פון דאנען, אבער שנעל!..

בלית ברירה זיינען מיר אפגעפארן אויך פון דאנען. מיר האבן שוין פאר־שטאנען, וועמענס האנט דא שטעקט.

אויפן אכטן טאג נאך צפורהם טויט האבן מיר איינגעארדנט א געדענק־אוונט. ביים דערמאנען די טויטע האבן זיך אויך די לעבעדיקע דערמאנט, אז זיי עקזיסטירן.

און באטש מען האט אונז אוועקגעטריבן פון די ערטער, ווו מיר האבן זיך געווענדט נאך הילף, דאך האבן מיר אויסגעקוקט די זעגל־שיפלעך, וואס האבן גע־זאלט, לויט דעם ווי ס'איז אפגערעדט געווארן, אנקומען אויף א באשטימטן פלאץ, כדי אריבערצופירן אונזערע חברים אויפן ברעג. מיר האבן נאך נישט פארלארן די האפענונג. ווען די נאכט האט אויסגעשפרייט איר שווארץ־גרויע טוך איבער די ים־כוואליעס, האט זיך אונזער שיף פארהאלטן נישט ווייט פון דער יבשה מיט אויסגעלאשענע ליכטער. עס האבן נאר געברענט צוויי רויטע לאמטערנס: אויף איר שפיץ און אויף דער זייט אלס א ווארנונג.

ס'רוב חברים זיינען געלעגן אויף זייערע נארעס און געדרימלט. זיי האבן אפילו קיין כוח נישט געהאט צו שטיין אוןווארטן ביז שפעט ביינאכט אויף דער פארפעטסטער קאווע.

אין דער שיף האבן זיך אנגעהויבן פארשפרייטן פארשידענע קראנקייטן. דער עיקר דעזינטעריע. איין חברטע האט זיך געפונען אין א באזונדערס געפער־לעכן צושטאנד. עס זאל נאר נישט געשען קיין אומגליק! צווישן די מאטראצן, און דער עיקר — צווישן די קעסל־הייצערס, די אפיום־רויכערער, איז געווארן אן אנארכיע. נאכן רויכערן פלעגן צווישן זיי אויסברעכן מעסער־שלאכטן. דער־

זען, אַז מען קען זיך אויף זיי נישט פאַרלאָזן. האָבן מיר איינגעשטעלט אויף זיי אַ וואַך פון אונזערע בעסטע חברים. אחוץ דעם האָבן מיר עטלעכע מענטשן אונ־זערע אַריינגעפירט אין דער מאַשין־אָפּטיילונג, אַז זיי זאָלן זיך אויסלערנען די מלאכה — פון הייצן די קעסלען און די אַנדערע נאַוויגאַציע־אַרבעטן. מאַלע וואָס עס טרעפט זיך!

אין אַ געוויסער נאַכט, ווען מיר האָבן געוואַרט אויפן אָנקומען פון די זעגל־שיפלעך, האָט מיר דער קאַפּיטאַן געמאָלדן, אַז ער באַמערקט ווי עס דערנענטערן זיך צו אונז ליכטער. זייער מעגלעך, אַז דאָס איז איינע פון די שיפלעך. נאָך האַלבער נאַכט איז אָנגעקומען אַ מאָטאָר־שיפל. זי האָט זיך דערנענטערט צו אונ־זער שיף. האָבן מיר איר אַראָפּגעלאָזט אַ שטריק, אַז זי זאָל איר כאַפּן, אָבער אַנ־שטאָט אָנצוכאַפּן זי, האָט זיך דאָס שיפל אַ פּאָר מאָל אַ דריי געטון אַרום אונזער שיף (בשעת מעשה האָבן זיך פון איר געטראָגן מוראדיקע געשרייען, גלייך דאָרט וואָלט פאַרגעקומען אַ קאַמף) און איז אָפּגעפאָרן. מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אויף אונזער ערשטן אויפהאַלטס־פונקט, ווי ס'איז ביי אונז געווען אָפּגערעדט. ס'איז אַריבער נאָך איין שווערער טאָג. מיר האָבן אין יענעם אוונט, וואָס אַן אמת, אַרויסגעלאָזט אַ לעבעדיקע צייטונג, אָבער ווי נאָר זי האָט זיך אָנגעהויבן, איז באַלד אויסגעבראָכן אַ שטורעם און דאָס פאַרלייענען זי איז איבערגעריסן געוואָרן. אַלע אויבערשטע און אונטערשטע כוחות האָבן זיך, ווי עס שיינט, מאָביליזירט קעגן אונז.

אויף מאָרגן פרי — מיר גיבן אַ קוק, ערשט עס דערנענטערט זיך פונדער־ווייטנס אַ זעגל־שיפל. דאָס מאָל האָב איך שוין די מענטשן וועגן דעם גאַרנישט געמאָלדן. ס'איז געווען די אַנטוישונג, וואָס דאָס פאַריקע שיפל האָט אונז גע־בראַכט. מיר האָבן נאָכגעפאָלגט דאָס שיפל. און זיך איבערצייגט, אַז זי איז טאַקע געריבנטעט צו אונז. מען קען גאַרנישט באַשרייבן די שמחה, וואָס איז אויף דער שיף אויסגעבראָכן. אפילו די קראַנקע זיינען אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויפן דעק אָנ־צוקוקן דאָס בילד. דער שיף־אייגנטימער, וועלכער האָט שוין נישט איינמאָל באַ־זוכט אונז אויף דער שיף „אטראַטאַ", איז אַרויף אויף אונזער דעק און האָט אונז באַגריסט אין העברעיש: „שלום חברים!"

זיין קומען האָט אַריינגעבראַכט אַ לעבנס־שטראָם אין דער שיף. מיר האָבן באַשלאָסן איינצואָרדנען לכבוד אים דעם זעלבן אוונט אַ מסיבה און דערלאַנגען די חברים „גוטע זאַכן". וואָס זיינען די „גוטע זאַכן", וועלכע זיינען איבערגעבליבן? — אַ פעסל הערינג איז נאָך ביי אונז געווען. מיר האָבן עס אָפּגעהיט...

דערהערט וועגן די פאַרשטייענדיקע „מאַרצעפּאַנעס", איז ביים עולם די שמחה געווען אין לשער. ווען מיר האָבן אָבער אינאָוונט געעפנט דאָס פעסל, האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז מען קען די הערינג נישט עסן. די חברים האָבן אונז אומגעדולדיק אַרומגערינגלט און געוואַרט אויף זייער פּאַרציע „לויתן": דאָס פעסל הערינג איז אָבער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים אַריין. דער אָוונט האָט גע־מוזט פאַרקומען אָן דעם.

הינטערן האָריזאָנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך אַ טאָג. דריטהאַלבן וואָכן זיינען שוין אַריבער זינט מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין אויף אונזער שיף. קיין רפואות, וואַסער, ברויט זיינען נישטאָ. דאָס ביסל ביסקוויטן, וואָס זיי־

נען איבערגעבליבן, טאָגן שוין אויך. קיין צוקער איז שוין פון לאַנג נישטאָ. דער לעצטער וואַסער־טאַנק איז שוין פאַרשימלט, — אויך ער טאָגט שוין. מיר האָבן ארויסגעשיקט דאָס זעגל־שיפל קיין ביירוט, כדי צו דערוויסן זיך וואָס עס הערט זיך מיט דער ערשטער שיף. אַזוי ווי אויך זי האָט זיך נישט אומגעקערט, האָבן מיר באַשלאָסן צוצופאָרן קיין ביירוט.

מיר זיינען אַהין אָנגעקומען פאַרנאַכט און געוואָרפן דעם אַנקער. באַלד איז אָנגעקומען אַ מאָטאָר־שיפל מיט פראַנצויזישער פּאָליציי. האָבן מיר געפּאַדערט, ווי געוויינלעך, ברויט און וואַסער. יענע האָבן אָבער באַלד געענטפערט: „טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, ווייל איר קעגנפאַל...״ צום גליק, איז דאַסמאָל מיט אונז געווען דער שיף־אייגנטימער, אַ מענטש מיט כאַראַקטער, נישט ווי דער קאַפּיטאַן, וואָס יעדער פּאָליציסט און באַקנעפּלטער האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ מורא. און יענער האָט געמאָלדן: „איך וועל זיך פונדאַנען נישט רירן ביז איר וועט נישט דערפילן אונזער בקשה!״ איז אויסגעבראָכן אַ שטורמישער דיאַלאָג צווישן דעם פּאָליציי־שעף און דעם שיפס־אייגנטימער, אַ גריך פון טעסאַליא, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון גלות. „ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, — האָט ער זיך געקאָכט — אַז מען זאָל אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט נישט געבן אַ מענטשן אַביסל וואַסער און אַ שטיקל ברויט. און אַז יידן איז וואָס — זיינען זיי דען קיין מענטשן נישט? ס׳טייטש, היתכן? — האָט ער געשריען ביז משוגעת — מענטשן פון דער פרייער, דעמאָקראַטישער פראַנקרייך זאָלן נישט געבן וואַנדערער זייער וויכטיקסטע באַדער־פענישן! מיר וועלן דאָך אייך גוט באַצאָלן!״

— אָבער אויך דער פראַנצויז האָט נישט געשוויגן. אויך ער האָט געשריען בקולי קולות.

צום סוף האָט זיך דער פּאָליציי־שעף איבערצייגט, אַז ער וועט אים נישט איבערשרייען. איז ער צוגעקומען צו די מאַטראָזן און זיי דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן נישט אויפהויבן דעם אַנקער און וועלן די מינוט נישט אָפּפאָרן, וועט ער אַלעמען לאָזן אַרעסטירן. ער האָט אפילו ארויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און אָנגע־הויבן שלאָגן מיט זיין הענטל איינעם פון די מאַטראָזן. די מאַטראָזן האָבן אָבער געענטפערט, אַז אַז אַ באַפעל פון קאַפּיטאַן קענען זיי זיך נישט רירן פון אָרט. דאַסמאָל זיינען ביים אַנקער געשטאַנען די בעסטע מאַטראָזן אונזערע. דער קאַפּי־טאַן גופא איז געווען בלייך ווי קאַלך און האָט זיך באַהאַלטן. דעם גריך האָט צוגעשפּילט דאָס מזל און נאָך צוויי שעה שרייען, זיינען זיי ביידע שטיל געוואָרן, סיי ער, סיי דער פראַנצויז — אַזוי מיד זיינען זיי געווען. צום סוף האָט דער פּאָ־ליציי־שעף געמאָלדן, אַז מיר וועלן זיך דאָ קענען פאַרהאַלטן 24 שעה און מאָרגן וועט מען אונז געבן וואָס מיר באַדאַרפן. מיר דאַרפן נאָר צושטעלן אַ רשימה פון די נויטיקע זאַכן. אויך קוילן וועט מען אונז געבן.

אינאַוונט זיינען אַלע געגאַנגען שלאָפן אָן אָוונט־ברויט, ס׳איז שוין נישט געווען וואָס צו געבן.

מיר זיינען געראַטעוועט. אָבער צי איז דען דאָס אונזער ציל? האָבן מיר גע־דאַרפט צוקומען צו אַ פּונקט, וואָס שטייט אין פריינטלעכע באַציונגען מיט דער

ענגלישער מאַכט און וועט זיכער האַנדלען אַזוי ווי זי וועט אים הייסן? ווייסן מיר דען, וואָס ער האָט פאַרטראַכט קעגן אונז מיט איינגיין, אַז מיר זאָלן זיך דאָ פאַר־האַלטן? האָט ער שוין אַמאָל נישט איבערגעגעבן דער באַפרײַנדעטער מלוכה אַ גע־נויעם באַריכט וועגן אונז? זײַנען מיר נישט באַגאַנגען קיין נאַרישקייט?...

אָבער מיר האָבן דאָך נישט געקענט פאַרבלײַבן גלײַכגילטיק צום הונגער, וואָס איז געוואָרן אַזוי שאַרף. מיר האָבן יעדן געוואָלט געבן אַ שטיקל ברויט. מיר האָבן געוואָלט באַזאָרגן די דורשטיקע מיט וואַסער און קריגן רפואות פאַר אונזערע צאָל־רײַכע קראַנקע. דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אין דער שיף „וועלאָס" פון פאַר פינף יאָרן. מיר זײַנען דעמאָלט צוגעפאָרן, דרײַ הונדערט פופציק מאַן, צו די זעלבע ברעגעס. איך בין דאָן געשטאַנען, געדענק איך, מיט צוויי עמער וואַסער. מיט אַ טעפּעלע אין דער האַנט, האָב איך יעדן איינעם געטיילט זײַן פּאָרציע — אַ האַלב טעפּל. לאַנג איז דעמאָלט געווען די ריי. הונדערטער געחלשטע פון דורשט האָבן אויסגעקוקט די אויגן נאָך אַ טראָפּן וואַסער.

אויף מאָרגן פרי האָבן זיך צו אונזער שיף דערנענטערט שיפלעך, אָנגעלאָדן מיט קאַסטנס קאָנסערוון, זעק גרויפּן, פּרוכטן, פעסלעך וואַסער, מעדיקאַמענטן, קוילן. די שמחה איז געווען אין לשער. (ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווסט, האָט די דאָ־זיקע שמחה אונז געקאָסט איבער טויזנט פונט). מיר זײַנען פאַרבליבן אין בײַ־רוט גאַנצע דרײַ מעת־לעת אנשטאָט 24 שעה, ווי מען האָט אונז פריער דערלויבט. די מענטשן האָבן געגעסן צו דער זעט און געטרונקען וויפל זיי האָבן געוואָלט.

נישט ווײַט פון אונז האָט אין האַפן געאַנקערט אַ שיף, וואָס איז געווען ענ־לעך צו אונזערער. זי איז אָבער געווען פוסט — איבער איר האָט געפלאַטערט אַ געלע פאָן פון קאַראַנטין. מען האָט אונז איבערגעגעבן, אַז אין דער דאָזיקער שיף האָבן זיך בערך זעקס הונדערט יידישע פליטים פון טשעכיען אַרומגעוואָלגערט גאַנ־צע צוויי חדשים ביז זיי זײַנען נישט צוגעקומען צו ביירוט, ערשט דאָ זײַנען זיי בדלית ברירה אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער יבשה, אין אַ ק א ר א נ ט י ן.

אויפן דריטן טאָג זײַנען מיר אָפּגעשוווּמען אויף אַ געוויסן מרחק. ווען צו אונז איז צוגעקומען דאָס פריערדיקע זעגל־שיפל, האָבן מיר באַשלאָסן אַריבערצו־שיקן דערין די זעלבע נאַכט דרײַ הונדערט מאַן, — זאָלן זיי פּרווון אַרויפצוקריכן זיך אויפן ברעג. אונזער שיף איז געשטאַנען בערך אַ פופצן מייל פון ברעג, אָבער אויך דאָ איז די מורא פון אונזער מאַנשאַפט געווען גרויס.

פאַר האַלבער נאַכט האָבן מיר אָנגעהויבן צו אַרבעטן. מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט גרופּנווייז לויט אַ פריער־איינגעשטעלטן סדר. אינעווייניק אינם שיפל האָבן זיך אין גרויס ענגשאַפט אַרײַנגעפּאַקט הונדערט און פופציק מאַן. די רעשט האָבן מיר באַ־שלאָסן אײַנצואָרדנען אויפן אויבער־דעק פונם שיפל. אַזוי ווי דאָס שיפל האָט נישט געקענט שטיין אויף איין אָרט, האָט זי זיך דערווײַל דערווײַטערט פון דער שיף. ווען זי האָט זיך אומגעקערט, האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן זיך גע־באַפּט, אַז דאָס שיפל, ווערט אָנגעפילט מיט וואַסער, האָבן מיר געמוזט צוריקקערן די מענטשן אויף דער שיף אַרויף.

דאָס איינציקע מאָטאָר־שיפל, וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דער שיף איז לײַדער דערטרונקען געוואָרן. דער ים האָט באַקומען זײַנס. זאָל עס זײַן אַ כפרה פאַר

די גערעטעוועטע לעבנס פון אַנדערע חברים. מיר האָבן פאַרלאָזט דעם דאָזיקן אָרט און זיינען אַוועקגעפאָרן ווייטער אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג... *)

א באַגלייטער

# ווען אַ שיף טרינקט זיך

## א.

דער 9־טער מערץ איז אַריבער. דאָס איז געווען אַ טאָג פון פרייד און פאַרגעניגן — מיר האָבן ענדלעך פאַרלאָזן קאָרינט און די שיף האָט גענומען פאָרן פיל שנעלער. די שמחה איז אָבער געווען געמישט מיט אַ גרויסער פּאָרציע טרויער — טרייַ איר שטרענגער דיסציפּלין, האָט זיך די פירערשאַפט געפילט פאַרפליכטעט צו באַהאַלטן פון אונז אַלע פּרטים פון דער רייזע, כדי מיר זאָלן נישט וויסן וווּהין אונזער שיף ווערט געריכטעט אין דעם אָדער אין יענעם מאָמענט. ניין, מיר האָבן נישט געוווּסט וווּ מיר זיינען אויף דער וועלט, צי פאָרן מיר אויף צפון, צי אויף דרום. דער עיקר האָט אונז געטאַטשעט דער צווייפל: צי שווימען מיר אין דער ריכטונג פון אונזער באַגערט לאַנד. מיר זיינען נישט געווען זיכער דערין.

שטייט אַזוי דער רייזנדער און זיינע געדאַנקען בלאָנדזשען אַרום: וואָס טוען איצט זיינע עלטערן? וואָס טוען איצט די אַלע ליבע, וואָס זיינען פאַרבליבן ערגעץ ווייט־ווייט?... און וואָס אָפּטער עס טויכן אויף זייערע ליכטיקע געשטאַלטן, אַלץ מער שטיקן די טרערן אין האַלז. אָבער אָט דערטראָגט זיך אַ געשריי, וואָס רייסט איבער מיטאַמאָל דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג, — דאָס איז דאָס באַקאַנטע געשריי: „אַלע — אַראָפּ אונטערן דעק!" איך בין צו שוואַך כדי נישט צו פאָלגן און צו שוואַך כדי יאָ צו פאָלגן. איך גיי אַראָפּ ווי אַ געבונדענער מיט די שטיגן און געפין דעם זאַל אַ פול־געפּאַקטן: צוויי הונדערט און פופציק מאַן ליגן איינע לעבן די אַנדערע און איינע אויף די אַנדערע. דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן, נאָר די לבנה באַלייכט די שמוציקע פּנימער און הענט, די צעפּודלטע האָר. אַ קלייניקייט? צוויי הונדערט און פופציק מאַן ליגן אין זייערע זאַכן אויף דער נאַסער פּאָדלאָגע! זייער שווער כראָפּן, וואָס טראָגט זיך פון זייערע אָפענע מיילער, מישט זיך צונויף מיטן געוויש פון די כוואַליעס. שטיי איך אַזוי און קוק אויף מיינע נאָענטע חברים — סאָב ליגט ווי אַ ריז, זיין קאָפּ איז אָנגעשפּאַרט אויף זיין רוק־זאַק און זיין תמימות־דיק־ערלעך געזיכט דריקט אויס טרויער. האָבן זיך אים געחלומט זיינע עלטערן, זיין געבורטסשטאָט, זיין וואַרשטאַט, זיינע נאָענטע און טייערע? אויף זיין ברייטער ברוסט ליגט סאַמיס קאָפּ. איז דאָס דער זעלבער סימפּאַטישער סאַמי, וואָס פלעגט גיין אַזוי עלעגאַנט געקליידט? איצט ליגט ער אַ שמוציקער, אַ הונגעריקער און אַן אָרימער ווי אַ פּעקל שמאַטעס אויף אַ שטינקנדיקער ראָגאָזשע.... אין ליכט פון דער לבנה זעט אויס זיין נישט געגאָלט פּנים באַזונדערס אויסגעדאַרט, אָבער זיין גע־

*) וועגן דעם סוף פון דער שיף „טיגער היל" זע זייט 74.

מאַסטן אָטעמען זינגט, דוכט זיך, מיט זיין אָפּגעהאַקטער שפּראַך: „געזונט און שטאַרק, געזונט און שטאַרק, געזונט און שטאַרק“...

איך האָב זיך שטילערהייד אַוועקגעלייגט נעבן אים. מיינע אויגן־אַפּלען האָבן זיך געשלאָסן, אָבער, נישט געקוקט אויף מיין מידקייט, בין איך נישט איינגעשלאָפן — צו שטאַרק איז געווען די בענקשאַפט מיינע: פאַר מיינע האַלב־דרעמלענדיקע אָן טרוימענדיקע אויגן האָבן געשוועבט אַלע טייערע געשטאַלטן. ווי טויזנטער פעדים, גאָלדענע און שוואַרצע האָבן זיי געטאַנצט פאַר מיר. זיי ציען זיך פון מיין האַרץ און ענדיקן זיך ערגעץ אין אַ געהיימער פאַרטעטרישער האַנט. מיין האַרץ ווערט באַגאָסן מיט בלוט.

פּלוצלינג שניידט דורך די שטילקייט פון דער נאַכט אַ מוראדיק גערויש ווי שווערע קייטן וואָלטן אַראָפּגעפאַלן אויפן דעק. איז דאָס אַ חלום אָדער אויף דער וואָר? ווידער אַ שרעקלעך גערויש — און די שיף בלייבט שטיין. אַ גרופּע נייגעריקע לויפט אַרויס אויפן אויבער־דעק צו זען וואָס איז געשען. נאָר אָט דערהערט זיך אַ דריטער זעץ, און די גאַנצע שיף גיט זיך איינמאָל אַ בויג אויף רעכטס און אַ צווייטמאָל — צוריק אויף לינקס. די שטייענדיקע פאַלן אום. אינם אויבערשטן אַריינגאַנג פינקלט עפּעס אַ פייערל — איינער פון די אָנפירער גייט אַראָפּ אינם אונטערשטן זאַל אַ בלייכער ווי אַ בר־מינן. אַלע רינגלען אים אַרום מיט פראַגן: „וואָס איז געשען, וואָס איז געשען?“ אָבער אָנשטאָט צו ענטפערן, שטעלט ער אַוועק וועכטער אין אַריינגאַנג און שרייט באַפעלעריש: „מען טאָר נישט אַרויסגיין! פאַרשטאַנען?“ דאָס בלוט גיט אַ קלאַפּ אין די אָדערן, אָבער פּלוצלינג דערהערט זיך אַ נייער באַפעל, וואָס פאַרגליווערט אונז. „אַלע פרויען פונם אויבערשטן זאַל — אויפן דעק!“ נאָכן דאָזיקן באַפעל כאַפּן זיך אַלע אויף און שטעלן זיך אויף די פיס. קיינער ווייס נישט וואָס איז געשען, אָבער אַלע פילן, אַז אונז האָט געטראָפן אַן אומגליק.

אין זאַל איז אַ מהומה. אַ טייל פרוווט אַרויפצוגיין מיט געוואַלט אין דער הויך, אָבער די טאָפּעלע וואַך איז שטאַרקער פון זיי. די פרויען, וואָס האָבן באַקומען די פאַראָרדענונג אַרויפצוגיין אויפן אויבער־דעק, גייען אַרויס פאַרציטערטע און בלייכע. די וואַקלענישן פון דער שיף הערן נישט אויף — זיי חזרן זיך איבער סיסטעמאַטיש. יעדע נייע וואַקלעניש איז שטאַרקער פון דער פריערדיקער. פון גרויס שרעק שווייגן אַלע. יעדעס האַרץ קלאַפּט ווי אַ האַמער, אָבער יעדעס פּנים באַמיט זיך צו מאַכן אַן אָנשטעל פון רואיקייט.

פּלוצלינג — מיר גלויבן נישט אונזערע אויערן — אַלע סירענעס שניידן אויף די לופט מיט אַן אויפציטערנדיקן באַס. אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגט אונז און ווערט פאַרגליווערט אין באַזונדערע טראָפּנס. די געדאַנקען זיינען שוואַרצער ווי שוואַרץ: וואָס וועט דאָ זיין? איז דאָס דער סוף? די סירענעס פייפן לאַנג, מיט אַ שרעקלעכן געמאָסטענעם קלאַנג. יעדער נערוו איז ביי אונז ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. עס דוכט זיך, אַז אַ געהיימע, ריזיקע, ביינערדיקע און פאַרגליווערטע האַנט האַלט אונז און לאָזט נישט אָפּ.

איצט דערלויבט שוין די וואַך אַרויסצוגיין, אָבער נאָר אין צענער־גרופּן. די מהומה איז אומבאַשרייבלעך. דאָס שטופּעניש ביי די שטיגן איז נישט קלענער —

יעדער איינער שטרענגט אָן אַלע כּוחות. ער שטופּט, דריקט, שטויסט, אַבי אַרויס־
צושטופּן זיך, גלײַך ווי נאָר ער אַליין איז דאָ. כּל דאלים גבר. די עלנבויגנס גייען
אין גאַנג. און אויב אַלע פירן זיך אַזוי — איז דאָך שוין פון גראַבינען אָפּגערעדט.
מיט זײַן גאַנצן ריזיקן, ברוטאַלן כּוח שטויסט ער אָפּ אַלעמען, וואָס שטייען אים
אויפן וועג, און אַט איז ער שוין אינדערהויך. אַפילו דער וועכטער קען אים נישט
פאַרהאַלטן — מיט איין שטויס, שטויסט ער אים אָפּ. באַלד קומען די אַנוועזנדיקע
דעם וועכטער צו הילף, אָבער פאַרהאַלטן אים האָט גאָר אַ קליין מענטשל; איין זעץ
— און גראַבין פאַלט אַראָפּ פון אַלע שטיגן אַ פאַרבלוטיקטער — נאָר אויך זײַן
פאַלן פאַרקלענערט נישט די שטופּעניש. פאַרקערט, איצט ווערט זי נאָך פאַרגרעסערט.
אַלע, אַלע שטופּן זיך מיט דער גאַנצער ברוטאַלער קראַפט צום אַרויסגאַנג. די שטיגן
קרעכצן אונטער דער שווערקייט פון הונדערטער פיס, די געשרייען שטײַגן. און
אינם גאַנצן טומל און מוראדיקן געשריי לאָזן זיך הערן די שטימען פון די יתומים
— אַ טייל פון זיי ברעכט אויס אין אַ יאָמערלעכן געוויין.

טשיבי שטייט אַ צעטומלטער מיט פאַרלאָרענע ברילן און זײַנע ליפּן פליסטערן
קאַפּיטלעך תהילים. צום סוף טרעט די וואַך אָפּ — און די גאַנצע שטופּנדיקע זיך
מאַסע קייקלט זיך אַרויף ווי אַ זעלבסט־געקנאָטן טייג און צעשפּרייט זיך איבערן
אויבער־דעק. ערשט איצט איבערצייגן מיר זיך ווי שווערהאַפט דער בראָך איז:
אונזער שיף האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פעלז און זי גייט אונטער. מוראדיק
אויפגערעגטע לויפן די מאַטראָזן אַראָפּ מיט שעפּ־כּלים אין די אונטערשטע זאַלן,
וואָס זײַנען פאַרפלייצט געוואָרן דורך דער וואַסער־מענגע. אָבער די שעפּ־כּלים קע־
נען נישט אויספירן זייער אויפגאַבע — זיי זײַנען לעכערדיקע. ביי דער טעלעגראַף־
קאַבינע שטייען דער קאָמענדאַנט מיטן קאַפּיטאַן און שיקן אין דער וועלט אַרײַן
דעם הילפס־רוף „ס.א.ס." פונם אויבערשטן דעק גייען אַראָפּ די פרויען אויף לײַ־
טערלעך אין קליינע שיפלעך, וואָס זײַנען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין ים. אויף אַ
געוויסער ווייטקייט באַמערקט מען קוים ליניעס פון אַ יבשה — דאָס איז דער
ישועה־אינזל קרעטאַ.

די דיסציפּלין איז אַן אײַזערנע. די טראַנספּאָרט־פירער האַלטן רעוואָלווערן אין
די הענט און האַלטן אָפּ פון אַ כאַאָס. אונזער פּערטלינג איז ווי אַ רינג אין אַ רינג.
וואָס לענגער עס געדויערט דאָס שטיין אַלץ מער ווערט די אויפרעגונג פאַרגליווערט
און איר אָרט פאַרנעמט אַ קאַלטבלוטיק אָבסערווירן. די הערצער זײַנען ווי שטיקער
אײַז. פונם קליינעם קאַפּיטאַן־בריקל גיבן צוויי מאַטראָזן פאַרשידנפאַרביקע רע־
פלעקטאָר־סיגנאַלן — גרין, רויט, בלוי. פון דער זייטיקער מאַשט וויקלט זיך פונאַנ־
דער אַ דיקע שטריק, און עס באַקומען זיך בונטע בויגל. מיר ציילן זייער צאָל —
הונדערט פינף און זיבעציק.

די ערשטע שיפלעך קומען צוריק פונם אינזל ליידיק. הייסט עס, אַז י ע נ ע
זײַנען שוין געראַטעוועט געוואָרן — זיי וועלן שוין לעבן. אויף איין זייט דעק איז
אַ צעמישעניש. עפּעס אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן ליגט אויף דער פּאַדלאָגע
באַוווסטלאָז — זײַנע אויגן דריקן אויס אימה. פון זײַנע הענט האָט מען אַרויס־
געריסן אַ ראַזיר־מעסער.

אויף די „ס.א.ס."־רופן אין דער וועלט אַרײַן איז נאָך קיין שום ענטפער
נישט געקומען. מיר קוקן אויפן ים — די גראָבע שטריק דרייט זיך נאָך, אָבער בונ־

טע בויגל ציילן מיר איצט אָן בלויז הונדערט אַכט און פֿערציק. מיר פּרוּוון משער זיין ווי לאַנג קען נאָך די שיף שטיין אויפֿן וואַסער — אין משך פֿון צוויי שעה האָט זיך די שטריק אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אויף זיבן און צוואַנציק אַזעלכע בויגל, — דאָס באַטרעפֿט צוויי מעטער. אין זעקס שעה אַרום, הייסט עס, וועט דאָס וואַסער פֿאַרפֿלייצן דעם אויבערשטן דעק, אויף וועלכן מיר שטייען איצט. דער וועג פֿון אַ שיפֿל צום אינזל און צוריק דויערט אַ האַלבע שעה. אינגאַנצן זיינען דאָ פֿיר שיפֿלעך. אין איין שיפֿל ראַטעווען זיך זעקס נפֿשות... אַ שווידער גייט דורך איבער אונזערע קערפּערס, ווען מיר מאַכן דעם דאָזיקן חשבון. נישט בלויז די דאָזיקע יאוש־מינוטן, נאָר דאָס גאַנצע לעבן אונזערס מיט אַלע זיינע פֿאַרשידנפֿאַרביקע דערשיינונגען און בילדער, זעען איצט אויס אין אונזערע אויגן ווי אַ ווייטער, פֿאַרנעפּלטער חלום; ווי אַ קאַשמאַר, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט אונז. און די גראָבע שטריק האַלט אין איין זינקען; וואָס אַמאָל מער, וואָס אַמאָל מער... איבערן וואַסער דרייען זיך שוין נישט מער ווי פֿינף און ניינציק בויגל. וועט קומען אַ הילף? הונדערטער בלאַנדזשנדיקע און גלייכצייטיק פֿאַרגליווערטע בליקן זיינען געריכטעט צום נידעריקן האָריזאָנט.

אייניקע הויבן אָן אָנצוטון קאָרקע־גאַרטלען און רעטונגס־רייפֿן. דאָס רוב, און מיר צווישן זיי, שטייען שווייגנדיקע, גלייכגילטיקע, רעזיגנירטע, ווי מיר וואָלטן געזאָגט: קום, גורל, און פֿיר אויס דיין אויפֿגאַבע.

אָבער אָט האָט פּלוצלונג אַ פּאָר געטון פֿונעם קאַפּיטאַנס בריקל אַ שטאַרקער רוף. מיר האָבן זיין באַדייטונג נישט פֿאַרשטאַנען; מיר האָבן זי אָבער אויסגעפֿילט פֿון איר פֿריידיקן טאָן: „וואַפּאָרי! וואַפּאָרי!" אַלע האָבן אַ וואָרף געטון זייערע בליקן אין דער ריכטונג פֿונעם אינזל — פֿונוויטן, ביים ברעג הימל, האָט זיך באַוויזן אַ קליין פּינטעלע, אַ קליינער ישועה־פּונקט. הילף? רעטונג? איז דאָס מעגלעך?

מיר גלייבן נישט אונזערע אויגן. מיט אונזער גאַנצן וועזן קוקן מיר אויף יענעם קליינעם פּינטעלע, וואָס באַוועגט זיך כסדר און האַלט אין איין פֿאַרגרעסערן זיך. יאָ, די רעטונגס־שיף דערנענטערט זיך צו אונז! ווער קען עס שילדערן אונזער שמחה. מענטשן וויינען פֿון גליק, פֿאַלן איינע אויף די אַנדערע, קושן און האַלזן זיך. די סכנה איז נאָך גענוג גרויס און נאָענט, די רעטונג — גענוג קליין און ווייט, אָבער דער לעבנס־דראַנג אונזערער איז שוין פֿריש און שטורמיש.

אין דריי שעה אַרום שטייט שוין אויף אַ מרחק פֿון 700 מעטער פֿון אונזער אונטערגייענדיקער שיף אַ צווייטע שיף. אירע מענטשן הויבן אָן אַראָפּצולאָזן רעטונגס־שיפֿלעך — איינס, צוויי, פֿיר, זעקס, אַכט... אָט רירן זיי שוין אין אונזער ריכטונג; זיי באַוועגן מיט זייערע וויאַסלעס וווּנדערלעך שנעל איבער זייערע כּוחות. דערווייל ווערט די צאָל בויגל פֿון אונזער אונטערגייענדיקער שיף ווידער פֿאַרקלענערט. מיר קוקן זיך צו דערצו, וואָס עס קומט פֿאָר פֿאַר אונזערע אויגן, און אונז דוכט זיך, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ חלום, — אַ שיף גייט אונטער...

אין די לעצטע מינוטן איז אָנגעקומען אַ רעטונגס־שיף, וואָס האָט דערהערט דעם „ס.א.ס."־רוף — צי דען איז דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן קינדווייז געלייענט אין די מעשה־ביכלעך אָדער געזען אין קינאָ — טאַקע אין דער ווירקלעכקייט און נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך?

מיר שטייען ביי די שטריק־לייטערס, אַ רעטונגס־שיף דערנענטערט זיך צו

אונז, און דער קאָמענדאַנט גיט אַ צייכן. פריער גייט אַראָפּ סאַב, דערנאָך סאַמי און איך. פיר מאָל אַ באַוועג מיט די וויאַסלעס — און די שיף איז הינטער אונז. ערשט איצט זעט מען, אַז זי איז שוין אַ בר־מינן, כמעט אינגאַנצן פאַרזונקען אין וואַסער. די וואַסער־כוואַליע האָט פולשטענדיק פאַרפלייצט די אונטערשטע זאַלן. אויפן אויבערשטן דעק שטייען נאָך עטלעכע הונדערט מאַן, אָבער אויך זייער ישועה איז נאָענט. פונדערווייטן זעען מיר די ערשטע גראַטעוועטע. זיי שטייען אויפן ברעג אינזל און באַוועגן צו אונז מיט זייערע הענט, אויך מיר באַגריסן זיי אויפן זעלבן אופן. אַז די נאַטור פון מענטשן איז נישט צו פאַרשטיין, קענען מיר זיך איבערצייגן פון סאַבן — אין סאַמע ערנסטן מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך געהאַט שוין מייאש געווען פון לעבן, האָט ער באַמערקט צוויי פּלעשלעך ווײַן און זיי באַהאַלטן. טאָמער־דאָך... איצט איז געקומען זייער צייט. אין עטלעכע מינוט אַרום שווימען שוין צוויי פלעשלעך אויף די כוואַליעס. אינדערצמתן זײַנען מיר שיכור נישט פון ווײַן, נאָר פון גליק — מיט אונזערע אייגענע אויגן זעען מיר דעם נס. אָט איז ער דער וואונדער: דאָס קליינע שיפעלע אינמיטן ים — פונקט איז איצט דאָס וואַסער זייער רואיק. דער זייגער איז ניין. די כוואַליעס הויבן אויף דאָס שיפל ווי אַ נוס־שאָלעכץ, אָבער אָט איז די רעטונגס־שיף. עטלעכע מענטשן דערלאַנגען אונז זייערע הענט און מיר גייען אויף אַ שטריק־לייטער אַרויף אויפן אויבער־דעק. פונווייטן קוקן מיר אויף דער זינקענדיקער שיף. זי איז אינגאַנצן אָנגעבויגן אויף איין זייט — אָט־אָט הויכט זי אויס איר נשמה צווישן הימל און וואַסער. אַלץ זעען מיר ווי דורך אַ נעפּל. פיל האָט דערויף צו זאָגן די מידקייט, אָבער נאָך מער — די אויפרעגונג. עס קלינגען נאָך אין אונזערע אויערן די געמישטע געשרייען פון די מענער, דאָס געוויין פון די פרויען, דאָס פייפן פון די סירענעס; עס טאַנצן נאָך פאַר אונזערע אויגן די פאַרשידנפאַרביקע ליכט־סיגנאַלן פון די רעפלעקטאָרן. און אָט איז די ישועה! איז דאָס ווירקלעכקייט? זײַנען מיר טאַקע געהאָלפן?

## ב.

ניין, דאָס געהויבענע געפיל פון גליק האָט לאַנג נישט געדויערט. מיר זײַנען געווען געגליכן צו מענטשן, וואָס זײַנען באַגנעדיקט געוואָרן. זייער האַרץ איז נאָך פול מיטן נס־באַוווסטזיין און פלוצלינג דערלאַנגט צו זייערע ליפּן אַ געהיימע, צאָרנדיקע, אפשפּאַטערישע האַנט אַ גייעם ביטערן כוס און איז גוזר: טרינק אויס ביזן דעק. דער מענטש איז, זעט אויס, שטאַרקער פון אייזן, אויב ער קען אויסהאַלטן אַזעלכע גרויסע אַנטוישונגען.

אין משך פון איינציקע שעה זײַנען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן נישט בלויז אַלע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער אונטערגעגאַנגענער שיף, נאָר אויך פיל רוק־זעק זייערע, אין וועלכע זיי האָבן געהאַט זייער גאַנץ פאַרמעגן. עס זײַנען אויך אויפגענומען געוואָרן די מענטשן, וועלכע זײַנען אַנטלאָפן אויפן אינזל קריט, — אין די מיטאָג־שעהן האָבן זיך אויף דער גרויסער לאַסט־שיף „קאַטינאַ" געפונען אַכט הונדערט מאַן. שיכור פון אויפרעגונג, האָבן אַלע לכתחילה פאַרגעסן זייער מידקייט און זייער הונגער. פלוצלינג איז דערשינען דער קאָמענדאַנט פון דער דאָזיקער שיף — אַ דאַרער, מיטל־וווקסיקער מאַן אין קורצע הויזלעך און אַ רויט העמדל. אַ

ווײַלע האָט ער אויף אונז אַ בליק געטון דורך זײַנע דיקע ברילן, דערנאָך האָט ער אַלעמען געהײמען אויסשטעלן זיך אין רייען צו דער ברויט־פּאַרטײלונג. אין אַ שעה אַרום זײַנען מיר גרופּנווײַז אַראָפּגעגאַנגען פונעם אויבער־דעק דורך געדרייטע שטיגן אין אונטערשטן זאַל, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פונעם זאַל אויף דער שיף „שעפּאָ".

אויף אַ שטרויענער ראַגאָשע זײַנען געזעסן מענטשן אונטערגעשפּאַרט אויף זײערע רוק־זעקלעך. זיי האָבן זיך צונויפגעדריקט ווי הערינג אין אַ פּעסל, ווײַל זיי האָבן געמוזט אָפּטרעטן אַ פּלאַץ אויך פאַר אונז. ס'איז אָבער געווען ווייניק אָרט אַפילו פאַר איין גרופּע. די איבעריקע מענטשן זײַנען דעריבער אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין די דורכגענג און אויפן אויבערשטן שטאָק. אונזער פּערטלינג איז אויך דאָ געבליבן צוזאַמען. צוזאַמען מיט אונזער גאַנצער גרופּע איז ער צוגעטײלט געוואָרן צו אַ גרופּע סלאָוואַקן. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן שטילערהייד. די באַפעלן זײַנען אויסגעפירט געוואָרן מיט דער שטרענגסטער גענויקייט, דיסציפּלין און אָרדנונג. איך האָב געוואָלט דערגיין ביי מיין שכן, אַ מענטש פון דײַטשלאַנד, עפּעס וועגן דער שיף און דער עיקר וווהין זי פאָרט, ער האָט מיר אָבער געענטפערט מיט אַ פינגער־צייכן ביי די ליפּן. — זײער קאָמענדאַנט האָט זיי פאַרבאָטן צו רעדן מיט אונז. אין אַ ווײַלע אַרום איז דערשינען דער קאָמענדאַנט גופא. אַ פייף — און ס'איז געוואָרן שטיל.

ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן. גערעדט האָט ער זײער שנעל, געשלונגען די ווערטער, געמאַכט מיט די הענט. מיט זײַנע שאַרפע בליקן האָט ער דורכגעבויערט די צוהערער. און געזאָגט האָט ער אַן ערך אָט־וואָס:

— איר האָט זיך געפונען אין אַ סכנה, אייער שיף גייט אונטער. איך מיט מײַנע מענטשן האָבן אײַך געראַטעוועט. מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצובריינגען אייך אויף אונזער שיף און ברענגען אייך קיין ארץ־ישראל. אונזער נסיעה איז אַ שווערע. מיר וואַלגערן זיך אויפן ים שוין פינף און פערציק טעג. שפּײַז האָבן מיר ווייניק, אויסגערעכנט אויף עטלעכע טעג. דעריבער בעט איך אײַך, „שעפּאָ"־מענטשן, באַשווערט אונז נישט די אַזוי אויך שווערע רייזע. אונזער ציל איז אייער ציל. איר זענט אונזערע ברידער, מיר וועלן זיך טיילן מיט אייך מיט אונזער לעצטן שטיקל ברויט. זאָל נישט זיין קיין חילוק צווישן אונזערע מענטשן און אײַערע. איין זאַך פאָדער איך פון אייך — אַבסאָלוטע דיסציפּלין. מיר פון אונזער זייט וועלן זיך באַמיען צו פאַרלייכטערן אייך, ווי ווייט מעגלעך, און אויף אַזאַ אופן וועלן מיר אינגיכן קומען אין אונזער לאַנד אַריין...

נאָך דער רעדע איז געוואָרן אַ גרויסע באַוועגונג. צום באַדויערן האָבן מיר זיך דערוווסט זייער טרויעריקע זאַכן. די שיף פירט פאַסאַזשירן פון טשעכאָסלאָוואַקיי, רומעניע און דײַטשלאַנד. זי איז שוין געווען ביי ארץ־ישראל. דער וועג אַהין האָט געדויערט צוועלף טעג. אויף דער יבשה זײַנען אָבער אַרויף נאָר פופציק מאַן. די איבעריקע זײַנען געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן אויף דער שיף, וואָס די מאַכט האָט באַוויזן אָפּצופאָטאָגראַפירן. און דאָס קען שטאַרק באַשווערן איר צוריקקער צו די ארץ־ישראל־ברעגעס. איצט בלאָנדזשעט זי אַרום שוין גאַנצע וואָכן איבערן ים. אירע שפּײַז־מיטלען זײַנען שוין אויסגעגאַנגען.

ביסלעכווייז איז אונז קלאָר געוואָרן אונזער טראַגישע לאַגע — מיר זײַנען

אזוווי אין אַ פּאַסטקע. אינעווייניק איז אַ שטיקעניש און אַ היץ, אַרום איז שמו־ציק, און — די לופט איז פול מיט שטויב. די מענטשן זענען אויס שרעקלעך: אַ־בער זעקס וואָכן אויפן ים. נישט ראַזירט, לאַנגע האָר, דאָס פּנים און די הענט שמו־ציק, דער אַלגעמיינער איינדרוק — פּאַטאָל.

דאָס שטיקעניש איז שרעקלעך — די מענטשן ליגן אָדער שטייען ווי צוגע־קלעפּטע איינער צום צווייטן. זייער פיל ליידן אויפן מאָגן. ווען עמיצער דאַרף אַרויס אינדערהויד, מוז ער זיך דורכשלאָגן אַ וועג דורך אַ וואַנט פון מענטשן. און טאָמער גע־לינגט דאָס שוין יאָ איינעם, שטייט אַ וועכטער און דונערט: מען טאָר נישט! און ס'איז נישטאָ קיין אויסנאַמען — אַזוי האָט די לייטונג פאַראָרדנט. ווייל אַ מענטש צוליב זיין שוואַכקייט אַפּרוען זיך אַ ווײַלע אויף די שטיגן פאַרן געצוווּנ־גענעם צוריקקערן זיך אויף זיין אָרט, קומט דער וועכטער און טרייבט אים אַוועק. אַז אַנדערן ווייזט זיך אויס, אַז אין צווייטן עק זאָל איז דאָ אַ צווייטער אַרויסגאַנג, אָבער דאָרט געפינט זיך שוין אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, וואָס שטופּט זיך אַרויסצוגיין. דאָס שטיקעניש איז אַזוי גרויס, אַז מען פאַרלירט דעם אָטעם; נאָך גרעסער איז די אויפרעגונג...

פיל מענטשן האָבן זיך מיט כוח אַ שטופּ געטון, און די וועכטער האָבן גע־מוזט אָפּטרעטן. אויפן אויבער־דעק איז געוואָרן אַ מהומה. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ רייזע אויף דער דאָזיקער שיף שטעלט מיט זיך פאָר אַ סכּנה, פאַרן לעבן און פאַרן געזונט — שמוץ, שטיקעניש, הונגער, אַ מאַנגל פון טרינק־וואַסער אין דעם דאָזיקן הייסן קלימאַט באַדייט נישט עפּעס אַנדערש ווי עפּידעמיעס. האָבן זיך די „שעפּא"־מענטשן פאַראייניקט און זיך צונויפגעקומען אין עק פון דער שיף. אַפילו די גרופּן־פירער און די אויפזעער זיינען צו זיי צוגעשטאַנען. מיר האָבן באַשלאָסן צו באַלאַגערן די לייטונג און צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אונזער קאָמענדאַנט פון דער פריערדיקער שיף. אַכט הונדערט מאַן זיינען ווי איין מענטש אַריבער אויף דער לינקער זייט. די שיף האָט זיך צוליב דער משא גענומען בויגן אויף לינקס. דאָ האָט זיך דער קאַפּיטאַן צושריען און מיט האַנט־באַוועגונגען געפאָדערט, אַז מיר זאָלן זיך צעשפּרייטן איבער דער גאַנצער שיף, אויף ביידע זייטן. איינער אַ גרופּן־פירער אין אַ סקוויטן־אַנצוג האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז אין אַ ווײַלע אַרום וועט צו אונז רעדן דער קאָמענדאַנט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך ווירקלעך באַ־וויזן אויפן קאַפּיטאַנס בריקל. ער איז געווען בלייך, נערוועז, גערעדט שטיל און מיט שווערקייט. אייגנטלעך האָט ער נישט גערעדט, נאָר זיך געבעטן. ער האָט זיך געבעטן, אַז מיר זאָלן זיין געדולדיק. ער האָט צוגעזאָגט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן מיר דערגרייכן אונזער ציל. ס'איז געשען אַן אומגליק און ס'איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג. ס'איז שווער צו פירן אַזויפיל מענטשן, דעריבער מוז זיך יעדער מענטש קעגנשטעלן אַלע שוועריקייטן און זיך באַוואָפענען מיט אויסדויער ביז דער אויסלייזונגס־טאָג וועט קומען און צו אונזערע צרות וועט נעמען אַן עק.

די דאָזיקע רעדע האָט אַביסל געהויבן אונזער דערשלאָגענעם מוט. ס'איז שוין געווען זעקס אַזייגער אינאָוונט, און מען האָט אָנגעהויבן טיילן מיטאָג. מיר זיינען געווען הונגעריק ווי וועלף און דאָך האָבן מיר אין מויל נישט געקענט נעמען דאָס געלע, געדיכטע אַרבעס־געקעכץ, וואָס מען האָט אונז דערלאַנגט אין מיזערנע פּאָרציעס — אַ פּערטל טעלער פאַר אַ מענטשן. די נאַכט איז געווען אַ שווערע. דער

זאָל איז געווען אַנגעפּאַקט, — אַ נאָדל נישט אַריינצושטעקן. מענטשן זיינען געלעגן אין די דורכגענג, אויף די שטיגן, אויף די פּאַרענטשן. אַנדערע זיינען געשטאַנען אויבן — מידע, הונגעריקע, געשלאָפן שטייענדיק, דער קאָפּ פּאַרוואָרפן אויפן צווייטנס אַקסל. סאַמי און איך — ביידע האָבן מיר די גאַנצע נאַכט נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. צונויפגעדריקט פון ביידע זייטן, האָבן מיר דעם מינדסטן ריר נישט געקענט געבן.

ס'איז געקומען דער פרימאָרגן — און ווידער אַן אַנטוישונג: דער צוזאָג, אַז מיר וועלן אַפּשווימען איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, די שיף איז נאָך אַלץ געשטאַנען און די פריערדיקע שיף „שעפּא" איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. זי איז אונטערגעגאַנגען און צוזאַמען מיט איר — אויך איינער פון אונזערע מאַטראַזן, וואָס איז אויף איר געשטאַנען און געוואָרפן אונזערע רוק־זעק אין די רעטונג־שיפלעך. אין די לעצטע מינוטן, האָט ער נאָך געוואָלט אָפּראַטעווען דעם טעלעגראַפן־אַפּאַראַט, אָבער דאָ האָט זיך פּלוצלינג די שיף איבערגעדרייט און דער מאַטראָז איז אונטער איר דערטרונקען געוואָרן.

אונזערע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אויף דער נייער שיף, האָבן כמעט נישט געקענט שלעפּן זייערע פיס. דער דאָקטאָר האָט זיי באַטראַכט און דערקלערט, אַז אויב מיר וועלן נאָך עטלעכע טעג פאַרבלייבן אויף דער שיף, וועט אויסברעכן אַן עפּידעמיע. דאָס וואָרט „עפּידעמיע" אַליין האָט אונז אויפגעשוידערט. אונזערע נערוון זיינען געווען געשפּאַנט, די קערפּערס אָפּגעשוואַכט, און מיר האָבן זיך נישט געקענט פאַרשטעלן וויאַזוי וועלן מיר קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד נייע פּלאָגן. אַלע זיינען אַרויף אינדערהויך.

ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ דעלעגאַציע צום קאָמענדאַנט. מיר האָבן געפאָדערט אַן אויספירלעכן געשפּרעך מיט דער לייטונג. די פאָדערונג איז געווען: אָדער תיכף ומיד אָפּפאָרן, אָדער מיר זאָלן אַרויסשטייגן אויף דער יבשה פונם אינזל קרעטאַ. די דעלעגאַציע איז אַוועק צום קאָמענדאַנט. אָבער ער האָט זי נישט געוואָלט אויפנעמען. דאָס האָט שוין פאַרפולט די מאָס פון אונזערע ליידן. אַלע האָבן אָנגעהויבן באַלאַגערן די לייטונג — די וואַכן זיינען מיט געוואַלט באַזייטיקט געוואָרן. דער עיקר איז געווען צוצוקומען צום קאָמענדאַנט פון דער נייער שיף — אַ דאָקטאָר לויטן טיטול. האָט דער דאָקטאָר דערזען, אַז מיר צערעמאָניען זיך נישט, איז ער אַרויף אויפן קליינעם בריקל. מיר זיינען געווען געווינט צום קאָמענדאַנט פון דער אונטערגעגאַנגענער שיף. ער איז געווען אַ צוגעלאָזענער און מיר האָבן געגלויבט אין זיין גוטן ווילן; דעריבער האָבן מיר נישט געקענט פאַרטראָגן דעם נייעם קאָמענדאַנט און זיין שטרענגע, אכזריותדיקע אויפפירונג. ער איז אַרויסגעקומען אַ רויטער ווי אַ בוראַק. ווען ער האָט גערעדט, איז אויף זיין פּנים אַרויסגעטראָטן אַ געפּלעכט פון אָדערן. און וואָס האָט ער געזאָגט? געזאָגט האָט ער אַן ערד אַט־וואָס:

— שעמען מעגט איר זיך! אַזוי באַצאָלט איר אונז דערפאַר, וואָס מיר האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן און אָפּגעראַטעוועט אייך, גאַנצע אַכט הונדערט מאַן, פון טויט? אייער שיף איז אונטערגעגאַנגען, מוזט איר איצט אונז פאָלגן. איר מוזט צו אונז האָבן אַ הונדערט־פּראָצענטיקן צוטרוי. ווען טויזנט פינף הונדערט מאַן געפינען זיך אויף אַזאַ שיף, מוז הערשן אייזערנע דיסציפּלין, אַנדערש וועלן מיר באַלד

אונטערגייען. אייערע פֿאָדערונגען זיינען נאַרישע און אומבאַטראַכטע. מיינע מענטשן ליידן מער פֿון אייך און דאָך ווידערשפּעניקן זיי מיר נישט. אויך איר וועט נישט ווידערשפּעניקן, מיר וועלן אייך דערצו צווינגען מיט קראַפֿט!...

זיין רעדע איז איבערגעריסן געוואָרן דורך צווישנרופֿן און געשרייען: „לאָזט אונז איבער אויפֿן אינזל קרעטאַ!” — האָבן זיך דערהערט פֿאָדערונגען. אַכט הונ־דערט מאַן האָבן גענומען שטורמען דעם קאַפּיטאַנס בריקל. די אויפֿרעגונג האָט גע־האַלטן אין איין פֿאַרגרעסערן זיך און די שיף האָט זיך ווידער גענומען בויגן אויף איין זייט. פּלוצלינג האָט דער דאָקטאָר־קאָמענדאַנט אַרויסגעלאָזט אַ קורצן באַפֿעל: „די פּויסט־גרופּע, צו מיר!” דרייסיק בריטפּלייציקע, געזונטע בחורים פֿון די סלאַ־וואַקישע עולים האָבן אונז פֿאַרשטעלט דעם וועג, אָבער אונזערע מענטשן האָבן זיך געשטופּט מיט אַן אומגעהויערן כוח.

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל. ס'האָט זיך באַוויזן דער דאָקטאָר פֿון אונזער שיף — זיינע ווייסע האָר צוזאַמען מיט זיינע ברילן האָבן נאָך בולטער געמאַכט זיין אויפֿרעגונג און בלייכקייט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם דאָקטאָר־קאָ־מענדאַנט און ציטערנדיק פֿון כעס, האָט ער געשריען: „גזלנים! פֿאַרניכטן ווילט איר אונז? אויסהונגערן? מיר ווילן לעבן! יעדער פֿון אונז האָט איבערגעלאָזט קרובים — אַ פֿרוי, קינדער — מיר מוזן זאָרגן פֿאַר זייער לעבן און געזונט. שוצלאָזע מענטשן דראָט איר מיט אַנווענדן קראַפֿט, אָבער אייערע דראָונגען וועלן אונז נישט אָפּשרעקן! מיר האָבן שוין געזען דעם טויט פֿאַר די אויגן ווען די שיף איז אונטער־געגאַנגען, איצט ווילט איר אונז אויף אַן אמת פֿאַרניכטן? אויב איר זענט באמת אַזעלכע בריהס, טאָ באַמיט זיך צו קריגן אַ צוגאַב־שיף, אָדער פֿירט אונז צו צום אינזל קרעטאַ, מיר האָבן פֿאַר אייך קיין מורא נישט!...

די וועכטער האָבן זיך געוואָלט אַ וואָרף טון אויפֿן דאָקטאָר, אָבער אַ טייל פֿון אונז האָבן זיי אָנגעכאַפּט, אַ וואָרף געטון אויף דער ערד און גענומען זיי בינדן. איצט זיינען אויך צוגעשטאַנען די „קאַטינאַ”־פּאַסאַזשירן. דער דאָקטאָר־קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעכאַפּט דעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער און אַ טראַט געטון אויף הינטן. דאָס האָט געווירקט ווי בוימל אויף אַ פֿייער. אַלץ, וואָס די פּאַסאַזשירן האָבן גע־האַט אין די הענט, איז געפֿלויגן אויף זיין קאָפּ. עס איז אַנטשטאַנען אַ מוראַדיקע קריגעריי און געשלעג. די שיף האָט זיך געוואַקלט אויף ביידע זייטן. די ווייבער האָבן אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן. אויך מיטליאַריקע מענטשן האָבן געוויינט. איי־ניקע זיינען געפֿאַלן און זיך נישט געקענט אַרויסבאַקומען פֿונם כאַאָס. און איך — צי וואָס זאָל איך דאָ אַ ליגן זאָגן? — איך האָב געפֿילט, אַז איך וועל בלייך. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער שווידער־סצענע פֿון צעבושעוועטע מענטשלעכע אינס־טינקטן, און וואָס מער איך האָב געקוקט, אַלץ מער האָט זיך אין מיר געשטאַרקט רואיקייט, וואָס קומט פֿון פֿאַרגלייוערונג און גלייכגילטיקייט. דערנאָך האָב איך אויפֿגעהערט צו אָבסערווירן די קריגעריי־בילדער, איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט ביים אַנקער און פֿאַרעקשנט געקוקט אויף די גרויסע, שטורמישע ים־כוואַליעס. וואָס שפּעטער איז פֿאָרגעקומען ווייס איך נישט. איך האָב נאָך דערהערט ווי עמיצער רופֿט מיך ביים נאָמען, האַלט מיין האַנט און שלעפּט מיך פֿונם אַנקער. אין די אויערן האָט מיר גערוישט. ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון מיין פֿאַרנעפּלונג, האָט מיר סאַב געזאָגט: „דו האָסט דאָך געחלשט”.

צ. ז. סאַקער

# אַ בונט אויף דער שיף *)

פיר־פינף טעג זיינען מיר געווען פאַרשפּאַרט אין וואַגאָנעס פון אַ צוג, וואָס איז געשטאַנען אין קאָנסטאַנצער האַפן. אַראָפּצוגיין אין דער שיף אַריין האָט מען אונז נישט געלאָזט. די וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אונזער רייזע, האָבן גע־ווּסט, פאַרוואָס די גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. מיר זיינען דאָך נישט געווען קיין געוויינלעכע פּאַסאַזשירן, אונז האָט געקענט פאַרשאַטן אַן עין הרע. האָבן מיר זיך אַזוי געפּייניקט פיר טעג און פיר נעכט אין געשלאָסענע וואַגאָנעס. ס'איז נישט געווען קיין איין טראָפּן וואַסער נישט צום טרינקען און נישט פאַר די קלאָזעטן. דער דורשט האָט אונז אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז עמיצער האָט זיך אויף אונז מרחם געווען און אונז דערלאַנגט פון ברעג אַביסל וואַסער צום טרינקען, אַן ערך אַ פערטל גלאָז אויף אַ מענטשן.

אויפן פינפטן טאָג האָט דער צוג גערירט. מיר זיינען אָפּגעפאָרן עטלעכע שעה ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין אַ צווייטן רומענישן האַפן. דאָרטן זיינען מיר צוגעקומען צו דער שיף „לאַס פּערלאַס", דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטן, וואָס האָט אונז אויסגעלייזט פון די תפיסה־ליידן אין די וואַגאָנעס! אָט איז דער גרויסער, פרישער ים און זיין מחיהדיקער ווינט. די ערשטע טעג פון דער רייזע אויפן ים האָבן אונז געמאַכט פאַרגעסן אין אונזער שווערן מצב. אין די רוק־זעק איז נאָך געווען אַביסל פּראָדוקטן: אין די קעלערן פון דער שיף האָט זיך נאָך געפונען אַביסל שפּייז צום עסן און וואַסער צום טרינקען. די כוחות זיינען נאָך נישט אויסגעגאַנגען אין די וואַנדערונגען, און דער מלאך פון האָפענונג פליסטערט נאָך און טרייסט: „נאָך אַביסל, נאָך אַביסל"... וואַסער, וואָס אַן אמת, טרינקען מיר מיט אַ מאָס, אויך ברויט גיט מען אונז נישט מיט אַ צו ברייטער האַנט, אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָס ביסל ליידן אַנטקעגן דעם ציל?

אינזלען און טריקענישן זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן, אָבער וואָס גייען זיי אונז אָן? — מיר ציילן צו איין אינזל — דאָס איז ארץ־ישראל. נאָר אָט האָט זיך אונזער שיף אָפּגעשטעלט אין האַפן פון מאַרמאַרוס.

זעקס טעג און זעקס נעכט איז די שיף געשטאַנען אויף די שטילע וואַסערן. אין הארצן איז בשעת מעשה געווען אַ שטורעם: פאַרוואָס שטייט מען אַזוי לאַנג? עפּעס קומט דאָ פאָר אויף דער שיף, עפּעס איז נישט אין אָרדנונג. ווו נישט ווו שושקעט מען זיך: די שיף זאָל זיך אומקערן קיין קאָנס־טאַנצע. זי האָט דאָ די גאַנצע צייט געוואַרט אויף שיפלעך, וואָס זאָלן אַריבערפירן איר לעבעדיקן אינוועטאַר, אַזוי איז אָפּגערעדט געוואָרן מיטן קאַפּיטאַן; און ווי־באַלד זיי זיינען נישט געקומען, — וויל ער צוריקפאָרן. שוין זעקס וועט עס טאַקע אַזוי זיין? זיינען טאַקע אומזיסט געווען די גאַנצע מי און אַלע יסורים?

די שיף האָט גערירט. זי פאָרט שוין — וווהין?

די שיף פאָרט צוריק אין דער ריכטונג פון יענע לענדער, פון וואַנען די פאַר־

---

*) דערציילט פון אַ מעפּילה פון דער שיף „לאַס פּערלאַס"

פאלגטע זיינען ארויסגעטריבן געווארן; אהין, ווו מען האט זיי נישט געלאזט שטעלן א פוס. מיט אויסגעגלאצטע אויגן האבן די שיפס־פאסאזשירן געקוקט און נישט געוווסט וואס זיי האבן דא צו טון. זאלן זיי אנהויבן ארויסשרייען זייער בראך — ווער וועט זיי דען הערן? דער וואסער־מדבר איז גרויס, ברייט און שטום. אויך דער הימל איז בלוי און רואיק, די פייערדיקע זון ברענט און סמאליעט. צו וועמען זאלן זיך די אומגליקלעכע וואנדערער ווענדן?

פון דער וואנדערער־מאסע האט זיך אויסגעטיילט א יוגנט־גרופע, זייערע פנימער דריקן אויס אנטשלאסנקייט. די יונגע מענטשן האבן זיך אויסגעגליכן און זיך אויפגעוועקט ווי אנטקעגן א לעצטע אנשטרענגונג.

פון אונטערשטן טייל לאזן זיך הערן געשרייען, אפקלאנגען פון לאנגן געפעכט, און פלוצלינג — א שטארקער וואקל. מיט א פעסטער האנט ווערט די שיף אפגע־שטעלט.

וואס איז געשען?

דער שיפס־קאפיטאן און די מאטראזן זיינען געבונדן אין קייטן. ניין, בשום אופן נישט! זיי וועלן נישט צוריקקערן די פארפאלגטע חיות צו די יעגער־הינט אין די מיילער אריין. צו די ברעגעס פון אויסגעטרוימטן לאנד וועט די שיף צוקומען — מעג זיין וואס עס וויל זיך! און די שיף באוועגט זיך ווידער. זי גייט אויף מזרח. די אייביקע וואנדערער קומען אן צו זייער לעצטן רו־פונקט. א ן א ש ט ו י ־ ע ר מ א ן , און אן מאטראזן. — זיי וועלן ברענגען די שיף, אויב די שיף וועט זיי נישט ברענגען. יא, איין שיפס־אפיציר האט זיך אויסגערופן מיטצוהעלפן די אומגליקלעכע — ער וועט פון זיין פאסטן נישט אפטרעטן, ער וועט זיין מענטש־לעכע פליכט דערפילן. ק. ב ר ־ ל ב

# בשעת א שטורעם

פון אינדערפרי אן איז דער ים רואיק. אין טאג־בוך ווערט אבער איבערגעגעבן א מעלדונג פון קאפיטאן, אז היינטיקע נאכט וועט זיך צעשפילן א שטורעם. ווי־אזוי וועט עס אזא רואיק און גלאט וואסער קענען שטורמען און ברויזן? מיר האבן זיך אוועקגעלייגט אויפן דעק מיטן פנים ארויף און געקוקט, וואס מיר האבן געפונ־נען. דער טאג האט שוין געהאלטן ביי פארגיין. דא און דארט האט זיך דער הימל באדעקט מיט לייבטע וואלקנדלעך. פון א ווינקל אויף דער שיף האט זיך געלאזט הערן א שטיל זינגען. אויף די כוואליעס שלענגלט זיך א לאנגער שאטן, אבער דאס געזאנג פארשטארקט זיך, ווי עס וואלט געוואלט פארטויבן און פארטרייבן דעם אומרו וואס גנבעט זיך אריין אין הארצן. א חבר גייט אייליק פון איין גרופע צו דער צווייטער און מעלדעט, אז עס דערנענטערט זיך א ים־שטורעם, קלערט אויף וואס פאר א פארזיכטס־מיטלען מען דארף אננעמען און טרייבט אלעמען אינם אונטערשטן שטאק פון דער שיף.

ארום און ארום האט זיך אויסגעשפרייט א פינצטערניש. ביים שיין פון איינ־ציקע שטערן לאזט זיך באמערקן דער ווייסער שוים, וואס טראגט זיך אויף די מאוימדיקע כוואליעס. זיי קלאפן און שלאגן זיך אפ אן די ווענט פון דער שיף. איך און מיין חבר שמוגלען זיך דורך אומבאמערקט פון דעם דיזשורירנדיקן און הויבן

זיך אויף אינדערהייך צום בריקל, וווּ עס שטייט דער קאַפּיטאַן מיט זײַן שאַרפן בליק, וואָס איז גערעכטעט אין דער נאַכט־שטילקייט, אין דער טיפער פינצטערניש: זײַן געהילף דריקט מיט זײַן גאַנצן כּוח אויפן רודער. זיי האָבן אונדז נישט באַמערקט. מיר האָבן זיך צונויפגעדריקט אונטער אַ צודעק אין אַ פינצטערן ווינקל. אָבער אַט קלינגט דער גלאָק וואָס רופט צום נאַכט־עסן: אַ טעפּל שוואַרצע קאַווע און אַ שטיקל ברויט מיט איטאַליעניש קעז.

לאַנגע רייען שטעלן זיך אויס. דאָס ברויט אין איין האַנט און דאָס טעפּל אין דער צווייטער. איך האָב נאָר געלומען דאָס טעפּל צו די ליפּן, האָט מיר אַ וואַסער־כוואַליע באַלד אַ שמיץ געטון אין פּנים אַרײַן און די גאַנצע קאַווע האָט זיך אויסגעגאָסן. בײַ פיל מענטשן האָט זי אַ ריס געטון די טעפּלעך און זיי אַרײַנגעשליידערט אין ים. באַלד איז אָנגעקומען אַ צווייטע כוואַליע, נאָך אַ שטאַרקערע פון דער ערשטער. זי האָט אַ וואַרף געטון אונדזער שיף אַזוי־ווי מען גיט אַ וואַרף עפּעס אַ שפּילצייג מיט שטאַרקע הענט. מיר האָבן זיך צעשפּרייט איבער אונדזערע באַהעלטענישן. איך בין אַרויפגעקראָכן אויף מײַן געלעגער, אָבער די כוואַליע האָט זיך נישט געפּוילט און מיך אויך דאָרט דערטאַפּט.

דער ים האָט געברויזט ווי אַ קאָכעדיקער קעסל. די פינצטערניש איז גרעסער געוואָרן. דער ווינט האָט זיך געטראָגן מיט אַ פּייפערײַ און אַ געיאָמער, געשמיסן, געריסן און אָוועקגעטראָגן אַלץ, וואָס ער האָט אויפן וועג באַגעגנט. פון די שלאָף־צימערן אין דער שיף זײַנען אַרויסגעקראָכן אַלע מענטשן, וואָס זײַנען דאָרט געווען. דאָס ברעכן און שלאָף־ווערן האָט נישט אויסגעמיטן די גרעסטע „גבורים" צווישן אונדז. די געזונטהייטס־גרופּע און אירע מיטהעלפער זײַנען געלאָפן אין יעדן ווינקל. אָבער אויך זיי האָבן סוף כּל סוף פאַרלאָרן די כּוחות און אָוועקגעפאַלן. די מעדיצינישע הילף איז בכלל נישט געווען קיין איבעריקס געהויבענע. קיין דערפאַרענער דאָקטאָר אין דער ים־קראַנקייט איז בײַ אונדז נישט געווען. דער סאַניטאַר, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט די כּללים פון דער ערשטער הילף, איז געווען אַ חבר פון קיבוץ. ער איז דאָס ערשטע מאָל געפאָרן אויף אַ שיף און קיין גרויסע זיבן זאַכן האָט ער נישט געקענט אויפטון. בײַ אַזאַ מין שטורעם — דערקלערט אונדז אַ מאַטראָז — זוכט זיך, געוויינלעך, יעדע שווימענדיקע שיף ווו צו אַנקערן. אָבער מיר מוזן פאָרן אויך אין אַזאַ שטורעם: מיר טאָרן זיך בשום אופן נישט אָפּשטעלן.

דער קאַפּיטאַן און זײַנע מאַטראָזן זײַנען אַראָפּ צו דער חברה, כּדי זיי צו טרייסטן. זיי האָבן געמאַכט אַ רעכטן שנאַפּס און גענומען טאַנצן. אַ שרעק האָט מיך אַרומגענומען בײַם צוקוקן די דאָזיקע משונהדיקע סצענע.

איך האָב זיך באַמיט צוצודעקן מיט דער קאָלדרע, פאַרמאַכן די אויגן, נישט צו קוקן — דאָס איז מיר אָבער נישט געלונגען. די בליצן האָבן אויפגעריסן מײַנע אויגן און די דונערן האָבן געפּויקט אין די אויערן. איך האָב גענומען טראַכטן וועגן דעם גורל פון אַ מענטשן, וואָס ליגט אין די אָרעמס פון טויט און ציילט בײַם פולן באַוווּסטזײַן זײַנע לעצטע מינוטן, ער וואַרט אויף זײַן סוף...

דער ים האָט געעפנט זײַן פּיסק כּדי אײַנצושלינגען אונדז און אַ סוף מאַכן צו אַלע אונדזערע האָפענונגען.

רבונו של עולם! האָב רחמנות אויף דער שארית הפליטה פונם ייִדישן פאָלק! פאַרטיליק זי נישט און לעש נישט אויס דאָס לעצטע, און איינציקע פּײַערל אונ־

זערס. באַפֿעל די ים־כוואַליעס, אַז זיי זאָלן זיך באַרויִקן; באַפֿעל, אַז זיי זאָלן שטיל־ווערן. אין אַלע עקן וועלט האָט מען אונדז געוואָלט אומברענגען, זיינען מיר אַנטלאָפֿן אויפֿן ים און זיך פֿאַרלאָזן אויף דיר — פֿאַרנעם דעריבער אונדזער תּפֿילה. אַ לעצטער ליכטיקער פֿונק טליעט נאָך אין אונדזער האַרצן — זאָל ער נישט פֿאַר־טונקלט ווערן. ברענג אונדז בשלום אין אונדזער באַגערט לאַנד! מוטער־טרערן האָבן אונדז באַגלייט ביים שיידן זיך מיט איר און אַ געטרייער האַנט־דרוק פֿון אַ טאַטן האָט אונדז געבענטשט ביים אַרויספֿאָרן. וועט דען דער אָפּגרונט פֿון ים אונדזער קבֿר זיין?

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך די שיף געוואַקלט, שיער־שיער נישט צעבראָכן גע־וואָרן. איך האָב אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל און אים נישט געפֿונען. אַרום און אַרום איז שוואַרצער ווי שוואַרץ. איבערן דאָזיקן שוואַרצן עקראַן גייט דורך מיין גאַנץ לעבן ווי אין אַ קאַליידעסקאָפּ.

מ. מאַראַוועטשיק

# די שיף געהילט אין טרויער

עס ציען זיך נאָך די זאַרגלאָזע טעג, איינגעוועבט איינער אין צווייטן. שיכּור פֿון די וווּנדערלעכע נעכט, גיסט אויס חבֿרה אויפֿן דעק איר בענקשאַפֿט אין אַ ליד. יעדער איינער אויף זיין לשון. אַלעמענס הערצער קלאַפּן אָבער צוזאַמען, אַלעמענס אויגן זיינען געווענדט צו איין האָריזאָנט. ווי אַ טרייע מאַמע זינגט די שיף איר זיס וויג־ליד. און דער ים מורמלט אונטער און העלפֿט איר צו מיט זיין ניגון. אָט דערטראָגן זיך פֿון אונטן שטאַרקע געזאַנג־טענער, וואָס שניידן דורך די שטילקייט. אַ האַרמאָשקע הויבט אָן צו שפּילן. אין איין אויגנבליק קייטלט זיך אַרום איר צונויף אַ קרענצל און טראָגט זיך אין קאַרעהאָד. דעם קאַפּיטאַנס זילבערנער קאָפּ טיילט זיך אויס אין צענטער פֿונעם קרייז. דאָס ליד ווערט שטאַרקער, דער קרייז — ברייטער, קעפּ הויבן זיך הויך און העכער, און ס'דוכט זיך, אַז די פֿיס ווילן אַריבער־שפּרינגען אָפּגרונטן און אַוועקטראָגן זיך ווייט־ווייט פֿונדאַנען... קוקט פֿון אויבן די לבֿנה, קוקט און וווּנדערט זיך — עפּעס מאָדנע רייזנדער...

אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג און די נעכט ביז דער טויט איז נישט אַרויס־געקומען פֿון זיין באַהעלטעניש. ער האָט איינגעשלונגען זיין פֿרישן קרבן, און צו־זאַמען מיט אים — אויך דאָס ליד און די פֿרייד פֿון אונדזער יונגן לעבן...

דאָס לעבן איז באַזונדערס טייער ווען דער טויט קוקט אויף דיר מיט טויזנט אויגן. די בענקשאַפֿט נאָך פֿרייהייט איז באַזונדערס שטאַרק ביים אַרעסטאַנט, וועל־כער ווייס נישט ווען וועט געעפֿנט ווערן די טיר פֿון זיין תּפֿיסה. ווען איז נאָך אַזוי איין מענטש ברידערלעך מיטן צווייטן, ווי אין מאָמענט ווען דער גורל פֿאַר־וואַרפֿט זיי אויף אַ שווימענדיקן אינזל און זיי שטייען פֿאַרן אָפּגרונט? ווען איין האַרץ ווערט אַנטשוויגן, הערן אויף אַנדערע הונדערטער הערצער צו קלאַפּן. איז דען נאָך פֿאַראַן אַזאַ מין אַכזריות ווי די אַכזריות פֿון טויט אין אַ שיף אינמיטן ים, אויפֿן וועג צו אַ נייעם לעבן? עקזיסטירט דען אַ גרעסערע טראַגעדיע ווי אַראָפּ־צולאָזן מיט די אייגענע הענט אַ שוועסטער אין ים אַריין?

נאַכמיטאָג. ווי אין אַ שוואַרצער שאָפּע איז די שיף איינגעזונקען אין דער פינצטערניש. ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל באַוועגן זיך שאָטנס. אָט בלייבן זיי שטיין אַ לענגערע ווײַלע אומבאַוועגלעך. דאָס האַלטן זיי אַ קערפּער איינגעוויקלט אין ווײַסן. דאָס גערויש פון די כוואַליעס רײַסט איבער די שטילקייט. געציילטע ווערטער. שטיקנדיקע טרערן. קדיש. אַ וואָרף און אַ פּלאָנג פון אַ פאַל אין וואַסער. אַ שוואַרצער שטראָם אײַלט זיך מיט זײַן קרבן צום אָפּגרונט. אינדערהויך ווינקען שטערן איינער צום צווייטן. די נאַכט הילט אײַן איר סוד. אפשר וועט ער ווען עס איז אַנטפּלעקט ווערן אין די אויערן פון אַ ווײַטן טאָג?

ה ע ר צ ל   װ ו י י נ ע ר

## אַ טאָכטער איז געבוירן געוואָרן אויף דער שיף

זי האָט געפילט, אַז זי דאַרף באַלד געבוירן. דער מאַן האָט אַ שפּרונג געטאָן, כדי אָנצוגיסן אינם לעמפּל נאַפט אַנטקעגן דער לאַנגער נאַכט — אַ שפּרונג געטאָן אײַנגאַנצן צעטרודערט. דער גרויסער מאָמענט איז געקומען! דאָ אויפן דעק פון דער שיף... אַ צעטומלטער האָט ער געזוכט די נאַפט און האָט על פּי טעות אַרײַנגעגאָסן אין לאָמפּ בענזאַל. ער האָט אָנגעצונדן דאָס קנייטל — און ס'האָט אויפגעריסן. פײַער־צונגען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַלע זײַטן. דאָס צימערל איז געווען אַ קליינס און די סכנה — זייער גרויס. אַ חברטע איז אַרײַנגעלאָפן העלפן, האָט אַ פײַער אַרומגעכאַפּט אירע קליידער. אויך די אָנוועזנדיקע קראַנקן־שוועסטער האָט געפּרווט לעשן, אָבער אָן דערפאָלג.

פײַער! אַלע לויפן און שרײַען. מענטשן כאַפּן זיך אויף פון שלאָף, דערזען פײַער, אַ שטיקנדיקן רויך, נעמען זייערע אינסטינקטיוו אַנטלויפן נישט וויסנדיק וווּהין.

עלי כאַפּט אָרום אַ ברענענדיקע בעלקע אַזוי ווי אַ שווערע פעדערמויז און גיסט וואַסער אין צימער פון דער ברענענדיקער פרוי. די בעלקע גיט אַ סקריפּע און אַ האַלב־פאַרברענטע פאַלט זי אַראָפּ, צודעקנדיק עלים קאָפּ. דער צעשראָקענער עולם הויבט אויף אַ געשריי. אַ שוואַרצער, אַ פאַרסמאָליעטער און אַן אָפּגעבריטער גייט עלי אַוועק אין אַ זײַט.

די שלאָפנדיקע כאַפּן זיך אויף, שטופּן און שטויסן זיך, נישט פאַרשטייענדיק גאָרנישט אַחוץ איין זאַך — אַ שריפה! אַ שריפה אויף דער שיף!... די פײַער־לעשער־גרופּע קומט אויס דורכצורײַסן זיך דורך דער וואַנט פון די צעשראָקענע מענטשן, וואָס טײַלט זיי אָפּ פון דער שריפה.

אַז מיר וועלן פאַרלעשן דאָס פײַער, — וועט ווערן רואיק. ביסלעכווײַז ווערט דער פלאַם פאַרקלענערט ביז ער לעשט זיך אויס אינגאַנצן. אָבער די רו קומט נישט אַזוי גיך צוריק. איצט איז דאָ אַ מעגלעכקייט צוריקצושטעלן די אָרדנונג. די פאַרוווּנדערטע ווערן אַריבערגעפירט אין אַן אַנדערן „זאַל". ביידע דאָקטוירים אַרבעטן ווי משוגענע, דער מצב פון דער פרוי, וואָס האָט געברענט, איז אַ געפערלעכער. איר גאַנצער קערפּער איז איין וווּנד. די יולדת איז כמעט נישט אָנגערירט געוואָרן, נאָר עלי נויטיקט זיך אין אַן אָפּעראַציע. אַלע ווערן מאָביליזירט צו הילף. די קראַנקען־שוועסטער איז פאַרוווּנדעט.

ענדלעך באַקומט דאָס לעבן דעם זעלבן אויסזען וואָס פריער. די סטאָליערס זעגן, קלאַפּן, פאַרריכטן, בויען אָפּ דאָס צעשטערטע. די עלעקטראָטעכניקער, די מאַ־

טראַזן — אַלע זיינען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. די געווינערין באַקומט אַ צימער — איר צייט איז נאָך אָבער נישט געקומען. די פאַרוווּנדעטע וואַרטן אין אַ לאַנגער ריי, די אָפּעראַציע איז נאָך נישט פאַרענדיקט. חנה קומט צו אַ טרויעריקע, זעצט זיך אַוועק נעבן דער געווינערין, ווישט אָפּ דעם שווייס פון איר פאַרקרימטן פּנים. „אין אַזעלכע פאַלן דאַרף מען זיין דערביי — זאָגט זי — קיין אַנדערע הילף איז נישט מעגלעך".

נישט שטענדיק קען זי אָבער זיין אַרום איר. דאָס דאַרף זי צוגיין צום דאָק־טאָר פרעגן אַן עצה, דאָס דאַרף זי ברענגען פאַרשידענע זאַכן, דאַן פאַרבלייבט די געווינערין אַליין און ס'איז איר זייער שלעכט.

מיר איז געקומען אויפן זינען אַ געדאַנק. מיט איין שפּרונג זיך איך אָפּ ביילינען, דעם טרויעריקן ריז פון דאַכאַו. — „קענסטו אינסטאַלירן אַ טעלעפאָן"? — „מען קען"... מיר גייען אַריין אין מאַגאַזין. ער שטעלט נישט קיין שום פראַגן. די שריפה האָט אונז אַלעמען דערשלאָגן און פאַרשעמט. איצט זיינען די מענטשן רואיק און קאָנצענטרירט. יעדער איינער איז גרייט צו טון, וואָס מען זאָל פון אים נישט פאָדערן. ביילין ציט שנורן, דראָטן, טרייבלעך, פאַרייניקט, קלעפּט. און דער קליינער דוד העלפט אים צו אין אַלץ זייער פלינק. צווישן דער געווינערינס צימער און דעם צימער פון דער פאַרוווּנדערטער קראַנקן־שוועסטער ווערט איינגעשטעלט אַ מין טעלעפאָן. חנה קען זיך שוין באַראַטן מיט דער קראַנקן־שוועסטער אָן דורכ־צוגיין יעדעס מאָל דעם לאַנגן קאָרידאָר, וואָס איז פול מיט מענטשן, וועלכע וואַרטן אין דער ריי, אין דענערווירונג און אין איבעריקער אויפרעגונג.

אַלץ שמעקט מיט רויך און וואַסער. האָט אויפרעגונג אַ ריח? ווארשיינלעך יאָ. איר ריח פילט זיך נאָך אויף דער שיף. אין קליינעם צימערל נומער 97 דאַרף אַ נייַ לעבן קומען אויף דער וועלט. פיר פערזאָן באַטייליקן זיך דערין. חנה, וואָס העלפט־צו און פאַרלייכטערט: די פאַרוווּנדעטע קראַנקן־שוועסטער, וועלכע גיט אָנווייזונגען: די געווינערין גופא, און — דאָס נייַ־געבוירענע עופהלע. ס'לאָזט זיך הערן דאָס ערשטע געשריי, וואָס ווערט דורך אַלעמען אָפּגעוואַרט און אויפגענומען מיט שמחה און שטאָלץ.

איך זע וויאַזוי פרויען גרייטן־צו ווינדעלעך און וויקעלעך, יאַקעלעך און היי־טעלעך — אַלץ פאַר דער טאָכטער.

פאַר דער טאָכטער פון דער שיף.

א י מ א   ל ע ו ו י ן

# ווען די שיף קומט צום ברעג

די עליה־נעכט

# די עליה-נעכט

## אין א פינצטערער נאכט

די גאנצע נאכט — געווען איז דאס א טבת־נאכט — האבן צפון־ווינטן געבלאזן און אויפגעשטורעמט דעם בלויען מיטללענדישן ים. דער גערויש פון די כוואליעס, וואס קלאפן מיט א שטארקער בייזקייט אין בערגיקן ברעג, טראגט זיך פונדערווייטן ווי ס'וואלט געדונערט. צווישן ברויזנדיקע כוואליעס ווערט ארומגעווארפן א שיפל. אין אים געפינען זיך פינף און זעכציק יידישע בחורים, די בעסטע הכשרה־מענטשן, די טרייעסטע זין פון דער באוועגונג, אויסגעפרווטע אין ליידן און געדולד. זיי זיינען איצט פארשפארט אין א מין „נח־תיבה" און איבערגעלאזט אויפן בארט פון שטורמישע ים־כוואליעס. שוין א וואך צייט ווי זייער שיפל ווערט אזוי ארומגעשליידערט. דער גרופע־פירער טרייסט זיי: אביסל דרייסטקייט, אויסדויער — און אלץ וועט זיין אין דער בעסטער ארדנונג. אלעמענס אויגן זיינען איצט געווענדעט צום ברעג: אפשר וועט פון דארטן קומען א ליכט־שטראל? אפשר וועט דארטן א פינקל טון א לאמטערן?

יא, עס באווייזן זיך ליכטער! איז עס מעגלעך? קומען זיי פון ברעג? די ליכט־צייכנס זיינען אזעלכע, ווי מען האט געהאט אפגערעדט. אז א ווארט, אז א פיפס פאלגן נאך די אויגן די לאמטערן מיט א ציטער און מיט א תפילה: זאל דאס ליכט נישט אויסגעלאשן ווערן, זאל עס נישט פארשווינדן!

דער לאמטערן רופט און ווינקט. דער לאמטערן וועט נישט פארלאשן ווערן. ווי נאר דער אויסקוקער שטעלט פעסט, אז דאס איז ווירקלעך אונזער לאמטערן, רופט ער אויס צום קאפיטאן: „אהין פארט!... דאס איז אונזער פונקט!... דארטן ווארט מען אויף אונז!...

***

דורך דער פינצטערניש באמערקן די מענטשן פון ברעג — א גרויסע שווארצע זאך דערנענטערט זיך...

— דאכט זיך, אז זי האט געאנקערט — זאגט איינער.

— ניין, זי גייט נאך פארויס. אבער פארוואס עפעס אויף צפון? דארטן זיינען דאך פאראן שטיינער. בעסער וואלט געווען צו דרום־צו.

— מיר קענען נישט ענדערן, אזוי וויל, ווייזט אויס, דער קאפיטאן.

עס דערהערט זיך א בראזגעריי פון א קייט. דער אנקער איז אראפגעלאזט געווארן. דער זייגער איז צוועלף. צום ברעג איז ווייט. ס'מאכט אבער נישט אויס, מיר וועלן אלץ בייקומען! אויפן וואסער ווערט אראפגעלאזט א קליין הילצערן שיפל, מיט צוועלף בחורים צוזאמען מיט צוויי פרעמדע, וואס וועלן ווייזן די יידן וויאזוי צו טרייבן דאס שיפל.

די לבנה קוקט ארויס. אט זעט מען דאס שיפל ווי עס טראגט זיך איבער די כוואליעס ארויף און אראפ. אט דערנענטערט זיך עס צום ברעג. צווישן זיינע כוואליעס ווארטן עס אפ בחורים, כדי מקבל פנים צו זיין די געסט.

פּלוצלינג — אַ בראָך! די בחורים קענען נישט בייקומען די כוואַליעס און דאָס שיפל דרייט זיך איבער.

— ראַטעוועט, ראַטעוועט! — טראָגן זיך געשרייען פון די כוואַליעס. צום גליק ווערט דאָס שיפל צוזאַמען מיט די מעפּילים און די רודערער ארויסגעשליי־דערט אויפן ברעג, עס פעלן בלויז צוויי מאַן...

אויך די צוויי יונגעלייט ווערן אַרויסגעשלעפּט. מען לייגט זיי אַרויף אויף לײַלעכער. דער דאָקטאָר טוט זיינס, און אין עטלעכע מינוט אַרום קומען זיי צו זיך. „עס מאַכט נישט אויס, הערן מיר זיי קרעכצן — ס'איז כדאי געווען: מיר זיינען דאָך שוין אין ארץ־ישראל...״

— אויסשעפּן דאָס וואַסער פונם שיפל און צופאָרן צו דער שיף! — קומט אַ באַפעל. — ריכטן די שיף צוויי הונדערט מעטער דרומדיקער און דערנענטערן זיך צום ברעג!...

דאָס שיפל שווימט. עס דערנענטערט זיך צום שוואַרצן קערפּער, וואָס ווערט ווי אויף צו להכעיס באַלויכטן פון דער לבנה. אַט ווערט אַראָפּגעלאָזן אַ צווייט שיפל, אַ דריטס... איצט וועלן זיך שוין די שיפלעך נישט איבערדרייען. געניטע הענט פירן זיי, הענט וואָס קענען גוט דעם ברעג און זיינע כוואַליעס.

נאָך צען זיינען אָנגעקומען. דער קאַפּיטאַן וויל זיך נישט רירן דרומדיקער — מעלדעט דער שליח. עס העלפן נישט די אַרגומענטן, אַז מיר וועלן נישט באַ־וויזן אַרויסצוזעצן אַלע פּאַסאַזשירן ביז איינדערפרי.. די שעהן פאַרגייען. ס'איז שוין צוויי... דריי... און דאָ זיינען נאָך געבליבן צוואַנציק מאַן. וועלן מיר באַ־וויזן? וועט אונז אויסקומען אָפּצולייגן דאָס אויף דער קומענדיקער נאַכט? ניין, מען מוז דערמיט פאַרענדיקן היינט! — באַשליסן מיר — בחורים, צו דער אַרבעט! די וויאַסלעס אין די הענט!...

ס'איז שוין פיר דער זייגער און די לעצטע צוויי שיפלעך קומען נישט. באַלד ווערט שוין ליכטיק. יעדע רגע איז אַ שעה. נישטאָ קיין געדולד. אָבער אָט באַ־וויזן זיך ביידע שיפלעך אָנגעלאָדן מיט פעקלעך. ס'איז שוין אַ פערטל אויף פינף...

— אַלע?

— אַלע!

עטלעכע מינוט — און דער גאַנצער עולם ציט זיך ווי אַ קייט באַרג־אַרויף. ווי נאַכט־שאָטנס זעען זיי אויס ביי דער לבנה־ליכט. שווערע, מידע טריט. אָבער די וואָס שפּאַנען האָבן דעם איינדרוק, אַז דאָ געפינען זיך נישט פינף און זעכציק מאַן, נאָר דאָס איז דער אָנהויב פון אַ לאַנגער קייט, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג, אַ קייט וואָס איר אָנהויב איז דאָ און דער עק איז ערגעץ ווייט־ווייט, מען קען אים נישט זען...

די פיס זיינען שווער? דער טראָט איז מיד? — פאָרויס! פאָרויס! יעדע גרופּע גיט צו כוח. יעדע קבוצה פאַרגרעסערט דעם גלויבן.

דער פרימאָרגן איז דאָ. ביי אַ גאַס־רעגן שלעפּן זיך די אויטאָס אין דער בלאָטע, וואָס קלעפּט זיך צו די רעדער. פּלוצלינג — סטאָפּ? די מאַשין שטעלט זיך אָפּ. זי קען פון אָרט נישט רירן.

— שטופּן! — דערהערט זיך אַ באַפעל. און אַז אויטאָ ווערט געטראָגן

בארג־ארויף אויף די אקסלען פון פינף און זעכציק יידישע יונגעליים. א האלבן קי־לאמעטער טראגט מען אים — און עס זעט אוים ווי די יידישע בחורים וואלטן געטראגן דעם עול פון דורות בארג־ארויף, אנטקעגן דעם פרימארגן־ליכט — — —

ד. אשדותי

# די ערד פון מיין לאנד...

שטיל איז געווען אויפן ברעג פון בלויען ים. א האלבע לבנה האט ארומגע־שפאצירט צווישן שטיקלעך וואלקנס. א הארבסט־ווינט האט געבלאזן, ים־כוואַ־ליעס האבן געשפריצט מיט שוים. גרופנווייז האבן זיך געצויגן די שאטנס צווישן די זאמדיקע בערגלעך. שאטן נאך שאטן, אן א ווארט, אן א פיפס.

פלוצלונג האט זיך איינער אפגעשטעלט און נאך אים — די גאנצע גרופע. ער האט אראפגעווארפן דעם רוק־זאק פון די אקסלען און די נאכט־שטילקייט האט זיך צעקלונגען פון זיין געוויין. ער האט זיך א ווארף געטון אויף דער ערד, ארומ־געכאפט דעם באגלייטערס פיס מיט זיינע הענט און איז צוגעפאלן מיט זיינע ליפן צום זאמד פונם ברעג. אין דער שטילקייט האט זיך געלאזט הערן זיין ציטער־דיקע שטימע:

— די ערד פון מיין לאנד וועל איך קושן, די ערד פון אייערע טריט, מיינע ברידער!

ברכה

# אויפן ברעג

ביינאכט האבן מיר באקומען אן אנווייזונג, אז מיר דארפן זיין גרייט אויפ־צונעמען עולים פון א שיף. מיר דארפן צוקומען צום ברעג, ווארטן ביז עס וועט אנקומען דאס ערשטע שיפל פון דער שיף, צופארן דערמיט צו איר און העלפן ברענגען די איבעריקע שיפלעך. ווי עס פירט זיך אין אזעלכע פאלן האבן מיר גע־האט א ספעציעלן אפאראט צו פארשטענדיקן זיך מיט דער שיף. פוןביידע זייטן אפשניט, וו די ארבעט איז פארגעקומען, זיינען געשטאנען אונזערע זיכערהייטס־מענטשן.

די ארבעט איז געווען בארעכנט פארויס מיט אלע פרטים. א דאנק דעם און די פארשידענע המצאות, וואס זיינען במשך פון דער צייט איינגעפירט געווארן, האבן מיר דערגרייכט דעם מאקסימום אין דער דאזיקער ארבעט. ווי נאר דאס ער־שטע שיפל איז אנגעקומען, האבן די ברעג־מענטשן אויפגענומען די עולים, און מיר, די שיפער, האבן דאס שיפל צוריקגעפירט צו דער שיף. אונזערע מענטשן זיינען אריבער אין די איבעריקע שיפלעך אריינגענומען אין יעדן שיפל א דריי־סיק מענטשן, און געפירט צום ברעג. אזוי האבן מיר געארבעט די גאנצע נאכט ביז ס'איז נישט אראפ דער לעצטער עולה.

אונזער ארבעט איז אין דער דאזיקער נאכט צוגעגאנגען זייער נערוועז. א פאליציי־שיפל האט זיך, נעמלעך, נישט ווייט ארומגעדרייט און געזוכט מיט רע־

פלעקטאָרן... די אויסשפּירער האָבן אָבער די שיף נישט באַמערקט, ווייל זי האָט זיך באַהאַלטן אין שאָטן פון די ברעג־פעלזן. מיר האָבן באַשלאָסן צו אַרבעטן ווייטער, נישט געקוקט אויפן געוויש פונם מאַטאָר. יעדעס מאָל ביים צוקומען צום ברעג, פלעגן אונזערע מענטשן פרעגן: „פּאַרזועצן?"

— „פּאַרזועצן!" — פלעגט זיין דער ענטפער.

ווען מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט און צוגעטראָטן אַראָפּצולאָזן די מאַטראַזן, האָט דער רעפלעקטאָר אַנגעטאַפּט די שיף און עטלעכע מאָל זי באַלויכטן. נישט לאַנג טראַכטנדיק, זיינען די מאַטראַזן באַלד אַריינגעשפּרונגען אין ים, אַלע זיך אַריינגעכאַפּט אין איין שיפל און אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פונם ברעג. די שיף דאַקעגן האָט באַקומען אַ באַפעל נישט צו רירן זיך פון אָרט. אויף אַזאַ אופן האָט זי זיך גערעטעוועט: ווען זי באַוועגט זיך, וואָלט זי שוין נישט אַנטלאָפן פון דער פּאָליציי. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל צוריקצופאָרן מיטן שיפל צו דער שיף, מיטצונעמען דעם באַגלייטער און איבערצולאָזן דאָס שיפל דאָרטן. שווימענדיק זיינען מיר צוריקגעקומען צום ברעג.

ווען די סדרה האָט זיך געענדיקט און מיר האָבן זיך איבערגעציילט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איין חבר אונזערער פעלט. וואָס האָט מיט אים געקענט געשען? מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער שיף, אָבער אויך פון דאָרט האָט מען אונז געענטפערט, אַז ער איז נישטאָ. האָבן מיר געבילדעט אַ לעבעדיקע קייט לענג־אויס דעם ברעג־אַפּשניט און אָנגעהויבן „אויסצוקעמען" דעם ים דורך שווימען (ביי יעדן טונק האָט זיך אונז געדוכט, אַז מיר קלאַפּן זיך אָן אינם מאָטאָר־שיפל), — מיר האָבן אים אָבער נישט געפונען.

רעזיגנירטע זיינען מיר צוריקגעשווומען צום ברעג. ווען מיר זיינען אַרויס אויף דער יבשה און צוגעקומען צו אונזער פונקט, האָבן מיר געטראָפן דעם חבר זיצן אַ האַלב־נאַקעטן און זופּן קאַווע. אַזוי־ווי — האָט זיך אַרויסגעוויזן — ער קען נישט שווימען, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער שיף אין אַ רעטונגס־גאַרטל. דער וואַסער־שטראָם האָט אים אָבער פאַרשלעפּט אין אַ זייט בערך אַ האַלבן קילאָמעטער ווייטער פונם אָפּשניט, וווּ מיר האָבן געאַרבעט. איז ער געגאַנגען לויט די ליכטער און צוגעקומען צום זעלבן פונקט, צו וועלכן מיר זיינען איצט צוגעקומען.

ב — ק

# אין געפאַנגענשאַפט ביי די ברעג־וועכטער

— — — מיר זיינען אַזוי געפאָרן מיט דער שיף ביז מיטאָג, די הערצער האָבן געקלאַפּט און די אויגן זיינען געווען געווענדט צום האָריזאָנט. פּלוצלינג האָט זיך איינער אַרויסגעכאַפּט און אויסגערופן ווי מיט אַ פרעמד קול: „ערד!" מענטשן זיינען געפאַלן איינער דעם צווייטן אויף די העלזער, זיך געקושט און האָבן אויסגעזען ווי משוגע פון פרייד. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר שוין אָנגעהויבן אונטערצושיידן דעם ברעג, זיינע בערגלעך און זיינע טאָלן. פּוסט און וויסט און אַרמעטום. נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש. אויפן באָרג — האָבן מיר באַמערקט — זיינען נאָר אויפגעשטעלט עטלעכע געצעלטן. וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרט? דער מאַטראָז טענהט: ארץ־ישראל. זייער שיין — אָבער וואָס פאַר אַ געגנט? זיינען מיר

נאָענט פון אַ ייִדישן ישוב? מיר זאָלן נאָר נישט אַריינפאַלן צו אַראַבער אין די הענט!

די פרויען, די קינדער און די שוואַכע זיינען אַלע אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין אונטערשטן טייל פון דער שיף און אויפן צווייטן דעק. דאַקעגן האָבן מיר, די ייִנגערע און די שטאַרקערע, זיך פאַרזאַמלט, כדי צו באַטראַכטן וואָס מיר האָבן איצט צו טון. נאָך אַ ישוב הדעת האָבן מיר באַשלאָסן: נאָענט פון ברעג, ווי נאָר מיר וועלן קענען דורכגיין דורכן וואַסער, וועלן מיר אַראָפּגיין, און די שיף וועט בלייבן שטיין און וואַרטן ביז מיר וועלן צוריקקומען. ווער ס'איז נישט דרייסט און האָט מורא, יענער זאָל פאַרבלייבן אין דער שיף.

די מענער האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע פרויען. מיר האָבן זיך באַוואָפנט — ווער מיט אַ שטאַנג און ווער מיט אַ שטעקן. דער גרויסער דעצידירנדיקער מאָמענט איז געקומען. מיר האָבן אויף אים געוואַרט מיט קלאַפּנדיקע אָבער פעסטע הערצער. די מינוטן ציען זיך מיט אַ מוראדיקער לאַנגזאַמקייט...

מיטאַמאָל האָבן מיר באַמערקט ווי אַ קליין שיפל האָט זיך אָפּגעריסן פון ברעג און שווימט אין אונזער ריכטונג. מיר האָבן אין אים תיכף דערקענט אונזער קאָמאַנדיר און צוויי ביתרי"ם. זיי האָבן אונז געבראַכט די בשורה: מיר זיינען ביי ראשון לציון. באַלד וועט מען קומען אַראָפּנעמען אונז אויפן ברעג. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר אָבער באַמערקט, אַז אַ צווייט שיפל רייסט זיך אָפּ פון ברעג... פּאָליציי־מונדירן... זייערע טונקעלע פּנימער האָבן אויף אונז אָנגעוואָרפן אַ מורא — אַראַבער! ווען אָבער צווישן זיי האָט אַ לייכט געטון אויך אַ העל און גוט ראַזירט געזיכט, איז אונז אַביסל לייכטער געוואָרן: אַן ענגלענדער!

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען אין אונזער שיפל און האָט אונז באַפוילן צו אַנקערן. מיט שוועריקייטן האָבן מיר אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אונזער אַנקער איז שוין לאַנג פאַרזשאַווערט געוואָרן און מען קען אים נישט אַראָפּלאָזן. ווער זיינען מיר? — האָט ער אונז געפרעגט. באַקומען אַן ענטפער, אַז אונזער שיף הייסט „אסתיר" — איז ער געוואָרן מלא שמחה. — אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרצן... אַ דאַנציגער יונגערמאַן איז געווען אונזער איבערזעצער און פון אים האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז די ארץ־ישראל־פּאָליציי האָט שוין זינט עטלעכע וואָכן באַקומען אַ באַפעל צו כאַפּן די „אסתיר"־שיף און אַראָפּצונעמען אירע מענטשן. ער איז זייער צופרידן, וואָס אים איז אויסגעפאַלן דער כבוד. מיר וועלן אַראָפּגיין, דאָס געזעץ דערלויבט עס!...

באַלד זיינען אָנגעקומען עטלעכע קלענערע שיפלעך, אין יעדן שיפל צו זעקס אַראַבער. די פרויען מיט די קינדער זיינען אַהין אַריבער די ערשטע, אָבער באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן הילפס־רופן: די אַראַבער רייסן אַראָפּ פון זייערע הענט די פינגערלעך און זייגערלעך. מיר זיינען געוואָרן אויפגערעגט — אָבער טו, מאַך, אַז מיר זיינען מאַכטלאָז! זיי זיינען ביי זיי אין די הענט. זיי דראָען אַריינצוּוואַרפן אין ים אַריין יעדן איינעם, וואָס וועט וואַגן אַ פּיפּס צו טון. די שיפלעך זיינען צום רעכטן ברעג נישט צוגעקומען. די מענטשן האָבן באַקומען אַ באַפעל אַראָפּצוגיין אין וואַסער אויף אַ געוויסן שטח פון ברעג. אַ טייל פרויען און קינדער האָט מען דערנאָך אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער אין באַוווסטלאָזן צושטאַנד. די יללות האָבן נישט אויפגעהערט. אין דערזעלבער צייט זיינען דריי אַראַבישע

פּאַליציסטן געזעסן רייטנדיק אויף זייערע פערד און רואיק זיך צוגעקוקט פון ברעג צו דער סצענע. דער ענגלענדער האָט זיך מער נישט באַוויזן.

אָבער אויך צרות האָבן אַ סוף. מיר זיינען שוין אויף דער יבשה. „ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך" (ציון, דו פרעגסט וואָס מאַכן דיינע געפאַנגענע) — טראַכטט זיך. אין האַרצן און באַלד קאָרעגירן די ליפּן אונזער רבי יהודה הלוים ווערטער — „לשלום מעפּיליך". אַ טייל פונם גרויסן גליק, וואָס ער האָט געפילט, פילן מיר אויך. טרערן רינען פון אונזערע אויגן. אָטאָ שטייט ער, דער „שוואַרצער רייטער", איבער מיר. דאָס איז דאָס פערד, וואָס האָט דיך צוטראָטן, הלוי? — געגוי ווי דו. וועל איך דאָ צו דער ערד צופאַלן...

— — — צום סאַמן סוף האָבן די אַראַבער אריבערגעפירט אונזער געפּעק. אויך דאָס האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן אויף אַ געוויסן מרחק פון ברעג אין וואַסער אריין. יעדער פון אונז האָט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן זיין נאַסן „פּאַרמעגן". מיין וואַליזקע איז דורך אַ פּרעמדער האַנט געעפנט געוואָרן און פון די זאַכן איז נישט מער געבליבן ווי אַ העלפט.

מען פירט אונז. אַ לאַנגע־לאַנגע ריי. הונדערטער וואַנדרער. דאָס זאַמד איז טיף. די שוואַכערע פון אונז ווערן אונטערגעהאַלטן. די קראַנקע טראָגט מען אויף די הענט. איך גיב אַ קוק אויף צוריק — דאָס אָרט, וווּ מיר זיינען פריער געווען, זעט אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם. הונדערטער אַראַבער האָבן אים באַלאַגערט, מען רויבט און מען טיילט זיך מיטן רויב, זייערע גיריקע געשרייען לאָזן זיך הערן העט־ווייט.

ווי פון אונטער דער ערד זיינען פּלוצלינג אויסגעוואַקסן עטלעכע ענגלישע פּאַליציסטן. ביי אַ הויכן באַרג האָבן מיר באַקומען דעם באַפעל אָפּצושטעלן זיך — „דאָ וועט איר נעכטיקן". יעדער איינער האָט מיט אַ דערלייכטערונגס־זיפץ אַוועקגעלייגט זיין פּעקל און האָט זיך אויסגעצויגן אויפן טיפן זאַמד. מען האָט אויך געבראַכט וואַסער און דערלאַנגט יעדן אַ פּאַרציע לויט דער ריי.

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און איך ליג. מיין געלעגער איז זאַמד, מיין צודעק איז זאַמד און דאָך בין איך גליקלעך. „דראָט אונז נישט דאָ אַ סכנה?" — פרעג איך אַן ענגלענדער. — „דאָרט, וווּ עס געפינט זיך אַן ענגלענדער, איז קיין שום סכנה נישט". — ענטפערט ער מיר שטאָלץ.

# אַנטקעגן

ס'איז געווען האַלבע נאַכט. ווי אַ שוואַרצער, פינצטערער בלאָק האָט זיך די שיף דערנענטערט אין דער נאַכט־חשכות צו דער יבשה. דער קאַפּיטאַן, די מאַטראָזן, די פּליטים — אַלעמענס הערצער האָבן גלייך געקלאַפּט: „האָבן זיי באַמערקט?..." גרויס איז געווען דער ציטערביים צוהערן זיך, מען האָט אָבער פון ערגעץ קיין פּיפּס נישט געהערט. מיט אַ שטילן געדרויש האָט דאָס וואַסער געקלאַפּט אין די ווענטלעך פון דער שיף. זי איז שוין אַרויס פון דער סכנה באַמערקט צו ווערן פון אַ דורכדרינגנדיק אויג און האָט זיך אויסגעמישט מיט דער וואַסער־שוואַרצקייט. די מאַטראָזן האָבן אָבער דעם אַנקער נישט אַראָפּגעלאָזט, ווייל זיי

האבן מורא געהאַט, אַז דאָס געוויש פון די קייטן זאָל זיי נישט פאַרראַטן צו די ברעג־וועכטער.

די שיף וואַקלט זיך אַהין און אַהער, זינקט אַראָפּ און הויבט זיך אויף. אויפן אויבער־דעק שטייען די פּליטים אָנגעשפּאַרט אויף די פּאַרענטשן. זיי פאַר־האַלטן דעם אָטעם און זייערע הילפלאָזע בליקן בלאָנדזשען אַרום אין דער פינצ־טערניש. דער ליטוואַק גיט אַ שלעפּ די פּאָלע פון הערמאַנס מאַנטל און שושקעט אים אַריין אין אויער:

— איר זעט? דאָרטן איז דער ברעג...

— וווּ?

— דאָרטן אַנטקעגן.

— וווּ?

— אַנטקעגן... איך זע נישט, אָבער איך פיל...

דער קאַפּיטאַן איז מיט זיינע שווערע טריט צוגעגאַנגען צו הערמאַנען, האָט אים עפּעס אַ שושקע געטון מיט אַ איינגעהאַלטענעם פאַרוואורף. צום סוף האָט ער זיך אויפגערעגט און שוין געפרעגט מיט אָפענער דראָונג:

— אַראָפּלאָזן צי נישט?

— איך בעט אייך, וואַרט נאָך אַ פּאָר מינוט...

הערמאַן איז ווידער אַרויס אויפן באַלקאָנדל, האָט געוואָרפן זיינע בליקן אין דער פינצטערניש און געוואַרט. דערווייל האָבן די מאַטראַזן געלאָזן און פאָרזיכ־טיק אַראָפּגעלאָזט דעם לייטער פון דער שיף און פונאַנדערגעבונדן די שטריק, וואָס זיינען געווען צוגעפעסטיקט צו איינעם פון די שיפלעך. די דאָזיקע הכנות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, ווי מען וואָלט מורא געהאַט פאַר עפּעס געהיימניספולעס, האָבן געמאַכט אויפציטערן דאָס האַרץ פון די פּליטים. די נערוון זיינען געווען געשפּאַנט ביז משוגעת. פּלוצלינג איז הערמאַן, וואָס האָט דורכדרינגלעך געקוקט אין דער ריכטונג פונם ברעג, אויפגעשפּרונגען פון אָרט — פונווייטן האָט דריי מאָל אַ פינקל געטון אַן עלעקטריש לעמפּל... אַן אויפגערעגטער ביז גאָר, איז ער צוגעשפּרונגען צום קאַפּיטאַן:

— ביטע אַנצוהויבן!...

אַכציק פּאַסאַזשירן זיינען דאָרט געווען און יעדער פון זיי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר מיטן נומער פון זיין ריי אַראָפּצוגיין אין שיפל. מען האָט אין איינער אַ נאַכט, זיצנדיק אונטן אין מאַטראַזן־זאַל, גע־וואָרפן גורל. הערמאַן האָט צוגעגרייט אַכציק קוויטלעך, אָנגעשריבן אויף זיי נו־מערלעך פון איינס ביז אַכציק, אַריינגעלייגט די קוויטלעך אין זיין ברייט־ראַנדיקן קאַפּעליוש, זיי גוט־גוט אויסגעמישט און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— זאָל יעדער איינער אַרויסציען מיט די אייגענע הענט זיין גורל. יעדער וועט אַראָפּגיין לויט זיין נומערל, ווען ס'וועט קומען דער גליקלעכער מאָמענט...

איינער נאָכן צווייטן זיינען די פּליטים צוגעגאַנגען, אַריינגעשטעקט די האַנט אין קאַפּעליוש, אָנגערירט די צענויפגעדרייטע קוויטלעך און אַרויסגעצויגן מיט קלאַפּעדיקע הערצער זיין גורל. ביי אייניקע האָט דאָס פּנים אויפגעלויכטן ווען זייער בליק איז געפאַלן אויפן אָנגעצייכנטן נומער און ביי אַנדערע איז עס געוואָרן פאַרוואָלקנט... פאַר זיך האָט הערמאַן גענומען דאָס לעצטע קוויטל, פון

קאפעליוש: „לאמיך אקארשט א קוק טון וואס איר האט פאר מיר איבערגעלאזט — האט ער געזאגט, און איז געווארן ערנסט — 68!

איצט איז ער געשטאנען און אנגעפירט מיטן אראפלאזן די מענטשן. צוואנציק מאן זיינען אריין אין שיפל. די מאטראזן האבן עס לאנגזאם אראפגעלאזט, אויפן וואסער. „א גליקלעכע רייזע!" — האבן געפליסטערט די איבעריקע אויפן אויבער־דעק און מיט אומרואיקע קנאה־בליקן נאכגעפאלגט די אפפארנדיקע, וועלכע זיינען באלד פארשלונגען געווארן פון דער פינצטערניש.

ארום האט געהערשט א דערווארטונגס־שטילקייט. א קאלטער ווינט האט געבלאזן. די איבערגעבליבענע זיינען געשטאנען, דורכגענומען פון דער לייכטער קעלט, אין דער ציטערנדיקער דערווארטונג. די מינוטן האבן זיך געצויגן. די פאנטאזיע האט געארבעט. אינם אויפגערעגטן מוח זיינען דורכגעלאפן פארשידענע שוידער־בילדער. איין געדאנק האט אים געעגבערט: „האט מען זיי געכאפט אדער זיי זיינען דורכגעגאנגען?" דער מרחק פונם ברעג ביז דער שיף איז נישט איבעריקס גרויס געווען, ביז דאס שיפל איז צוריקגעקומען איז אריבער א האלבע שעה בערך. אבער פאר די איבערגעבליבענע, איז דאס געווען אן אייביקייט.

צום גליק, איז דאס שיפל צוריקגעקומען א ליידיקס... זיינע מענטשן האבן זיך ארויסגעזעצט אויפן געגארטן ברעג און האבן שוין געשפאנט אינם זאמד, געפירט דורך אייגענע ברידער אין א זיכערן ארט.נאך צוואנציק מאן מיט גליקלעכע נומערלעך זיינען אראפגעשפרונגען אין שיפל, און אויפן דעק זיינען די פארבליבענע ווידער געווען אומרואיק און באזארגט, פון אויפרעגונג האבן זיי געביסן די נעגל פון די פינגער. אן אויפגערעגטער האט הערמאן ארומגעשפרייזט איבערן דעק, האלטנדיק אין דער פויסט דאס נומערל. די צוויי ציפערן האבן, דוכט זיך, געשוועבט פאר זיינע אויגן און זיך איינגעקריצט אין דער שווארצקייט פון דער נאכט — 68.

דאס שיפל איז א דריט מאל אפגעשוווממען אין דער ריכטונג פונם ברעג... די איבעריקע צוואנציק מענטשן זיינען ארומגעגאנגען איבערן דעק דענערווירט און אויפגערעגט ווי פארשפארטע חיות. א באהאלטן שרעק־געפיל האט צערודערט זייער נשמה. און אט האט זיך טאקע דערהערט א גערויש פון אן אעראפלאן, וואס שניידט ערגעץ־ווו די פארגליווערטע נאכט־פינצטערניש, און אלע זיינען פארציטערט געווארן: מיר זיינען פארלוירן!...

ווען די פליטים האבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, האבן זיי דערזען וויאזוי זיין רויט לאמטערנדל האקט דורך די דיאגאנאלע חשכות און דער אעראפלאן ווארפט זיך אויף אונטן ווי א שפארבער אויף זיין רויב. דאס גערויש איז וואס ווייטער געווארן גרעסער. דער אעראפלאן איז פאסט אריבערגעפליגן דעם שווארצן בלאק, וואס האט זיך באוועגט אויפן וואסער. א ראקעטע האט א בליץ געטון מיט איר בלויען, לעגענדארן ליכט, וואס פארכאפט דאס אויג מיט זיין שיינקייט, און באלויכטן די שיף מיט אירע מענטשן, ווי אויך דאס שיפל, וואס האט געאיילט צום ברעג...

— מיר זיינען פארלוירן!...

— ס'איז שלעכט!....

— אוי, ווי איז צו אונזער ביטערן מזל!... — האָט אַ מיידל היסטעריש געוויינט.

— צוררריק! — האָט דער קאַפּיטאַן אַן אויפגערעגטער מיט זיין גאַנצן כוח אַ געשריי געטון צו זיינע מאַטראָזן אינם שיפל.

און דאָס שיפל איז צוריקגעקערט געוואָרן. דאַסמאָל האָבן שוין די מאַטראָזן נישט געאַרבעט מיט די וויאָסלעס אַזוי פּאָרזיכטיק. זיי האָבן געקלאַפּט איבערן וואַסער און זיך געטראָגן מיטן שיפל ווי משוגעים. דער אַעראָפּלאַן האָט געמאַכט אַ קרייז איבער זיין קרבן און האָט אַרויסגעלאָזט אַ צווייטע ראַקעטע — דאַסמאָל מיט אַ קליינעם פּאַלשירם, וואָס האָלט דאָס ליכט אינדערלופטן.ביים ליכט פון דער דאָזיקער ראַקעטע זיינען די איבערגעבליבענע געווען ענלעך צו מענטשן, ווען מען האָט אויסגעטון נאַקעט. זיי האָבן אַזוי מקנא געווען זייערע חברים, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צוצוקומען צום ברעג די ערשטע! זיי זיינען געשטאַנען אַן לשון — אַ שווערע יאוש־שטימונג האָט באַהערשט זייער נשמה.

הערמאַן איז שטיין געבליבן ערנסט און דערשלאָגן. ער איז געווען פּאַרזונקען אין אַ געדאַנק, מען מוז זיך שנעל אַנטשליסן. לכתחילה האָט ער זיך נישט געקענט אַנטשיידן. אָבער דערנאָך האָט ער באַשלאָסן — ער מוז די זאַך אויספירן און וואָס ס'וועט זיין וועט זיין! אַ גאַנץ לעבן איז ער געווען געלאַסן, רואיק און אָרנטלעך. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אַריינגעלאָזט אין אַוואַנטורעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט סכנות אָדער מיט וועלכע נישט איז פּאַרברעכנס. אָבער ווען ער איז אַרויף אויף דער דאָזיקער שיף, וואָס איז אַרוים אין איר געהיימען וועג, האָט אים באַהערשט אַ קלאָר באַוווסטזיין, אַז זיין טאַט אַנטהאַלט נישט קיין שום זינד: אַז ער פאָרט צו אַ לעבנס־צוועק, וואָס איז באַרעכטיקט פון אַלע שטאַנדפּונקטן. דאָס מאָל האָט הערמאַן באַשלאָסן אונטערצונעמען אַ שווערע, ריזיקאַלישע זאַך; אַ זאַך וואָס ער וואָלט בשום אופן נישט געטון אין אַן אַנדער אָרט און ביי אַנדערע באַדינגונגען. דער עצם פון דעם שרעקלעכן געדאַנק, אַז די דאָזיקע העסלעכע שיף וועט אים צוריקפירן צו אַ לעבן, מיט וועלכן ער קען נישט שלום מאַכן, האָט אים געצוווּנגען דאָס צו טון.

ווען הערמאַן האָט באַשלאָסן צו פאַרווירקלעכן זיין געדאַנק, האָט ער ממש געפיבערט. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אויסגעטון זיינע שיך, אַרומגעוויקלט זיין האַלז מיט אַ טיכל, אין וועלכן ער האָט איינגעוויקלט זיינע דאָקומענטן און דאָס ביסל געלט וואָס איז אים איבערגעבליבן, און אין אַזאַ מין צושטאַנד, אין די בלויזע וועש, האָט ער זיך גענומען אַראָפּלאָזן מיטן לייטער איידער די מאַטראָזן האָבן באַוויזן אים אַרויפצושלעפּן אינדערהויך.

— וווהין? — האָט צו אים אַ געשריי געטון אַ יונג מיידל.

— צום ברעג... — האָט הערמאַן אַ פּליסטער געטון, ער איז שנעל אַראָפּ און שטילערהייט אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער.

— דאָס איז דאָך אַ משוגעת! — האָט אים איינער אַ חבר נאָכגעשריען — קער זיך אום!

אָבער הערמאַן האָט שוין נישט געטראַכט, נישט וועגן דער שיף און נישט וועגן אירע פּאַסאַזשירן. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים אַרומגעכאַפּט און ער האָט פאַרגעסן אַן אַלץ און אַלעמען. ער האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם ברעג, צו וועלכן

ער איז געשוווּמען ענערגיש און נישט אָן פּחד. הגם דער ים איז געווען רואיק, איז הערמאַן געווען דענערווירט און צעטומלט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז שווימען צו־גיך טאָר ער נישט, ווייל די כוחות קענען אויסגיין פאַרן צוקומען צום ברעג. דערצו איז פון אויבן געהאַנגען די מורא פאַרן אעראָפּלאַן, וואָס שפּיאָנירט און לאָזט ראַקעטעס, כדי צו אַלאַרמירן די ברעג־וועכטער. הערמאַן איז געשוווּמען אַלץ ווייטער און ווייטער. דאָס בלוט האָט אים געקלאַפּט אין די אָדערן ווי מיט אַ האַמער...

אַ דערשעפּטער האָט ער זיך דערנענטערט צום ברעג און איז צוגעקומען צום וואַסער־געווירבל, וואָס ברויזט מיט ווייסן שוים. מיינענדיק, אַז ער האָט שוין דערגרייכט אַ נישט טיפן אָרט, האָט ער זיך געפּרוּווט שטעלן אויף די פיס; אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר עפּעס אַנדערש — ער האָט אָנגעהויבן צו זינקען. דאָס וואַסער האָט אים געהאַט פאַרפּלייצט, ס'איז אַריין אין מויל און אים געברענט אין האַלדז. ער איז געווען זייער מיד, אָבער דאָך איז אים, נאָך אַ גרויסער אָנגעשטרענגונג, געלונגען אַרויסצורייסן זיך פונם געווירבל און שווימען ווייטער. זיינע מידע אָרעמס האָבן שווער געאַרבעט. כדי צו שווימען אַביסל שנעלער, האָט ער זיך אָוועקגעלייגט אויף דער רעכטער זייט און מיט די לעצטע כוחות זיך באַוועגט פאָרויס. שווימענדיק אַזוי האָט ער דערהערט דאָס קלאַפּן פונם מאָטאָר־שיפל, וואָס האָט געאיילט צו דער שיף...

הערמאַנס פיס האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט אָן פעלזן־שפּיצן און ער איז שטיין געבליבן. אַזוי ווי אַ שיכורער האָט ער זיך אַ וואַקל געטון, אַרויסגעשלעפּט די פיס פון וואַסער, מיט די לעצטע כוחות אַרויסגעקומען און האָט זיך אָן אָטעם אויסגעצויגן אויפן זאַמד. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געלעגן מיטן פּנים אַרויף, און געקוקט ווי עס פינקלען די שטערן. דאָס גערויש פונם אעראָפּלאַן האָט אים ווידער געמאַכט אויפציטערן און אים איבערצייגט, אַז די סכנה איז נאָך נישט אַריבער. ער איז אויפגעשטאַנען, זיך אַרומגעקוקט און גענומען שפּרייזן אין דער ריכטונג פון די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס האָבן פונווייטן געגלאַנצט ווי זיי וואָלטן אָנגעוויזן, אַז דאָס איז אַ יידישער ישוב. ציטערנדיק פון קעלט מיט צוגעקלעפּטע נאַסע וועש אויפן קערפּער, האָט ער זיך געהויבן אויפן זאַמדיקן בערגל.

צוויי סילועטן זיינען פלוצלינג אויסגעוואַקסן פון יענער זייט בערגל און גענומען לויפן אים אַנטקעגן — אַן אויסזיכטסלאָזע אימה איז דערשינען אין איר פולער גרויס. אין די אויגן פון הערמאַנען, וואָס האָט געציטערט פון קעלט, איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ פּחד און ער איז געבליבן שטיין אָן באַוועגונג. די צוויי פאַרשוינען זיינען צוגעלאָפן צו אים, האָבן מיט אַ גיפטיקן שופּען אַראָפּגעכאַפּט זייערע ביקסן פון די אַקסלען און אַ האַגל פון קלעפּ האָט זיך אויף אים גענומען שיטן פון ביידע זייטן. דאָס זיינען געווען שווערע, פילבאַרע קלעפּ, וואָס זיינען בכוח צו ממית. הערמאַן איז געפאַלן אויפן זאַמד פונם געגאַרטן ברעג און שווער געקרעכצט...

יוסף אריכא

# אויפן זאַמד

האָט איר געזען די שיף אויפן זאַמד אַנטקעגן דעם „רויטן הויז"? איך האָב געהערט ווי מען האָט וועגן איר גערעדט שלעכטס, אַז זי איז קליין און אַלט, פויל און שמוציק, אַ „שברי כלי", אַ לעכערדיקער קאַרב און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס גיבן נישט צו קיין כבוד אַ שיף, וואָס שווימט איבער ברויזנדיקע וואַסערן. אין מיינע אויגן איז זי אָבער זייער שיין און דערהויבן — די פּאַרקערפּערונג פון אַ שיף, וואָס ברענגט צוריק קינדער אַהיים.

די ים־כוואַליעס האָבן זי, זעט אויס, געטראָגן גלייך צום אָרט, פאַר וועלכן זי איז באַשאַפן געוואָרן. זי איז אָנגעקומען און אַרויף אויפן זאַמד, ווי זי וואָלט געזאָגט: איך האָב אויסגעפירט מיין שליחות, און קיין אַנדער אויפגאַבע האָב איך שוין מער נישט אויף דער וועלט. זי איז געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם צענטער פון דער יידישער שטאָט, תל אביב — דאָרטן, וווּ די מאַמעס מיט די קינדער, די יוגנט און אַלע, וואָס האָבן כוח הנאה צו האָבן פון לעבן, שפּילן זיך און טאַנצן אַרום אויפן זאַמד ביי די כוואַליעס, ווי זי וואָלט געזאָגט: דאָ איז מיין פּלאַץ און פונדאַנען וועט איר מיך נישט רירן.

איך האָב געהערט פון ספּעציאַליסטן, אַז די דאָזיקע שיף — „פּאַריטאַ" הייסט זי — איז שוין אַזוי אַלט, אַז דער קלענסטער שטורעם וואָלט זי געקענט דערטרינקען צוזאַמען מיט אירע פּאַסאַזשירן. און דאָך! די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געטראָגן געוואָרן אויף די ריזיקע כוואַליעס, האָבן פאַר איר די שטורעמס ווי מורא געהאַט: אויף איר אָנבליק פלעגן זיי אָפּטרעטן אָן אַ זייט, אָדער צוריקטרעטן. פון רעכטס אַ שטורעם־געווירבל, פון לינקס — אַ ברויזיקער קעסל, און זי גייט זיך דורך אינדערמיטן ווי אויף אַ גלייכן, גלאַטן און רואיקן שפּיגל. ביז זי איז נישט צוגעקומען צום דאָזיקן אָרט און נישט אויפגעוועקט די נאַכט־שטילקייט. מיט אירע קולות: „אָט בין איך דאָ, אָט בין איך געקומען! נעמט צו ביי מיר די לאַדונג, וואָס איך האָב אייך געבראַכט... דאָס איז אַ לאָדונג פון קינדער, וואָס זיינען צוריקגעקומען אַהיים — מיר זיינען אַלע געזונט, פריש און יונג"

זי האָט איבערגעגעבן איר לאַדונג לויטן אַדרעס, די מענטשן צו זייער לאַנד, און האָט זיך „אָוועקגעזעצט" מעשה „מלך" צום פּסחדיקן „סדר", אָנשפּאַרנדיק זיך אויף איר זייט, ווי זי וואָלט געזאָגט: איצט וועל איך מיך אָפּרוען, ביז מיינע שוועסטער וועלן נישט קומען נאָך מיר.

און אָט רוט זי דאָרט אין דער געזעלשאַפט פון דער פריילעכער יוגנט, וואָס שטיפט ביי די כוואַליעס. זי וואַרט, וואָס וועט דאָ זיין. זי טרוימט און חלומט דעם חלום פון אַ לאַנגן קאַראַוואַן שיפן אַזוי ווי זי, וואָס אַ געהיימער כוח טרעט פאַר זיי אויס דעם וועג צווישן די שטורמישע כוואַליעס און פירט זיי צו די ברעגעס פון דער יידישער שטאָט.

ווער עס זעט אין דער דאָזיקער שיף, וואָס דרעמלט ביים ברעג, העסלעכקייט און אַלטקייט, — איך זע אין איר אַ סימבאָל. אויף דער צווייטער נאַכט נאָך איר קומען בין איך געלעגן מיט אַ וואַכעדיק האַרץ. איך בין גרייט געווען צוצוהערן זיך צו אַ נייער סירענע: „טו־טו־טו! אָט בין איך! נעמט צו מיין לאָדונג!..

פ.

# „אויף אַ זייט"

בניך מרחוק יבואו ובנותיך
על צד תאמנה (ישעיה ס' ד')
על צד תנשאו (שם ס"ו, י"ב).

אין יענע נעכט האָב איך שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אויף דער פּאַרענטש פונם דעק און קוקנדיק אין דער ים־פינצטערניש. געהאַט דאָס געפיל, אַז מיט מיר חזרט זיך איבער עפּעס, וואָס איך האָב שוין אַמאָל דורכגעלעבט: אַז איך בין נעמלעך שוין אַמאָל אין לעבן געטראָגן געוואָרן אין ענלעכע באַדינגונגען. ווען? — אין דער ערשטער קינדהייט. אַ פינף־יאָריק יינגל בין איך נאָך דעמאָלט געווען. פּלוצלינג איז אין אונזער הויז (אַן אַלט, אויסגעטריקנט, הילצערן הויז), אויסגעבראָכן אַ שריפה. און די „באָבע" ציפּע, — די אַרבעטסזאַמע, טעטיקע הויב־אַם, וואָס פלעגט ביי יעדן אומגליקספאַל דערשיינען ווי אַ רעטונגס־מלאך — האָט מיך אַרויסגענומען פון מיין געלעגער און אַוועקגעטראָגן מיך ווייט־ווייט, ערגעץ אין עק שטעטל, צו מיין זיידן.

איך האָב נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין מיט דער שריפה. עפּעס האָט מען מיך צוגענומען פון אַ ליכטיקייט אין אַ פינצטערניש (אגב, האָב איך דעמאָלט אין דער נאַכטיקער גאַס געזען ווי משיח רייט אויף אַ וויסן פערד...).

אַ וואונדערלעכע אשת חיל איז די דאָזיקע ציפּה געווען. אחוץ דעם, וואָס זי פלעגט אין די נעכט העלפן די געווינערינס אַלס אַ הויב־אַם, פלעגט מען זי אָפט אויפוועקן פון שלאָף און רופן צו סתם אַ חולה. זי האָט געוווסט, אַז אַ לונגן־קראַנקן דאַרף מען דערלאַנגען אַ לעפל זאַלץ, ווען ער האָט אַ בלוט־שטורץ פון האַלז. דערנאָך פלעגט זי אים צוגרייטן דעם גומענעם פענכער מיט די שטיקער אייז... שוין איינמאָל טעג און נעכט זיינען דאָס געווען!

מיט איר עצם דערשיינען, פלעגט זי שוין אויפמונטערן. זי האָט געהיילט, געטרייסט, געראַטעוועט, ביז עס האָט זיך אין איין ווינטערדיקן טאָג פונאַנדערטראָגן אַ קלאַנג — די „באָבע" ציפּע איז געשטאָרבן!" ביי אַנדערע מענטשן האָט מען מרעיש עולם געווען, געמאַכט קולות, אַראָפּגעכאַפּט ציפּען. זי אָבער, ציפּע גופא, איז געשטאָרבן איינזאַם, אומגעריכט און שטילערהייד.

זי האָט געראַטעוועט אויף אַלע זייטן — פאַר איר גופא איז קיין רעטער נישט געווען.

אַ צעטומלטער און איבערגעשראָקענער האָב איך אויף איר געקוקט, ווען זי איז געלעגן אין איר שטיבל אויף דער פּאַדלאָגע, צוגעדעקט מיט שוואַרצן ביי צוויי ברענענדיקע ליכט צוקאָפּנס.

און אָט געווי ווי יענע וואונדערלעכע פרוי, ליגט איצט ביים ברעג מיין רעטונגס־שיף. זי איז שוואַרץ, אָפּגעריבן, גענויגט אויף אַ זייט... אויך זי האָט דאָך מיך געטראָגן אין דער פינצטערער נאַכט. אָן ליכט האָט זי דורכגעמאַכט דעם וועג אינם שטורעמדיקן ים. ווי זי וואָלט זיך געגנבעט איז זי געשוווּמען און געשליידערט און געוואָרפן געוואָרן, וואָס ווייטער אַלץ מער גענויגט אויף אַ זייט...
„אויף אַ זייט"... „אויף אַ זייט"...

ג. שאַפּמאַן

# עפענט די געשלאָסענע טויערן!

## רעדעס

אויף די ימים זיינען פאַרשפּרייט די פאָן-טרעגער פונם יידישן פּיין. זיי וועלן נישט דערלויבן, אַז די טויערן פון א"י זאָלן זיין געשלאָסן; זיי וועלן נישט דערלויבן, אַז דער וועלט-געוויסן זאָל זיך באַרואיקן; זיי וועלן נישט דערלויבן אויסצופירן דאָס ווייס-בוך. דער יידישער פּליט גייט אַרויס אויף דער הויפּט-פּאָזיציע און מיר אַלע מוזן בילדן זיין אַרמיי.

ב. קאַצענעלסאָן

# רעדעס

## דער קאַמף פאַר עליה

וואָס זשע זאָלן מיר פאַרט טון? איך קען נישט קיין אַנדערן ענטפער ווי דער, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פונם ישובס טיפן האַרצן: „מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן!“.

ווען האָט זיך צום ערשטן מאָל אַרויסגעריסן דער דאָזיקער אויסרוף? אין מאַי 1921, ווען די עולים־שיף איז געשליידערט געוואָרן אינמיטן ים, און דער יידישער הויך־קאָמיסאַר האָט פאַר איר געשלאָסן די טויערן פון לאַנד. און אפשר שטאַמט זי נאָך פון תל חי. דער קערן, וואָס איז דעמאָלט פאַרזייט געוואָרן, האָט איצט געבראַכט פרוכט. אַדאַנק אים שטייען מיר אויף אונזער פּאָזיציע אין די לעצטע דריי יאָר.

דער דאָזיקער אויסרוף איז נאָך נישט געקומען צום אויסדרוק אין אַ ממשותדיקער אויסטייטשונג. די ממשותדיקייט דערפון לאָזט זיך נישט פאָרשטעלן פאַרוים, גענוי ווי דער לאָזונג „פּראַקטישע אַרבעט אין ארץ־ישראל“, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן נאָכן אוגאַנדאַ־קריזיס, האָט נאָך נישט געקענט אָנווייזן וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס וועט טראָגן דאָס חלוצישע וועזן, אויף וועלכן דער דאָזיקער רוף האָט אָנגעדייטעט.

מעגלעך, אַז דער דאָזיקער רוף באַצייכנט אַ נייעם שטאַפּל אין דער ציוניסטישער געשיכטע. אַן איבערגאַנג פון אַן עוואָלוציאָנערן און ראַציאָנעלן ציוניזם, פון אַ ציוניזם אַ פּאָזיכטיקן און אַ לאַנגזאַמען, צו אַ ציוניזם, וואָס איז טעטיק פון דער קאַטאַסטראָפע אַרויס און וואָס באַמיט זיך בייצוקומען זי מיט העראָישע אָנשטרענגונגען. גענוי ווי פונם אוגאַנדאַ־קריזיס איז אַנטשטאַנען אַ נייער ציוניזם, אַ ציוניזם פון פערזענלעכן ווילן און פאַרווירקלעכונג, אַזוי, דוכט זיך מיר, וועט מיט דער צייט אַנטשטיין פונם דאָזיקן אכזריותדיקן קריזיס אין יידישן לעבן פון ארץ־ישראל אַ נייע ציוניסטישע דינאַמיק. פאַרשטייט זיך, — אויב מיר פאַרמאָגן לעבנס־קראַפט, אויב מיר באַזיצן עקשנות, אויב מיר זיינען נישט קיין צעבראָכן פאָלק, וואָס איז מסוגל זיך אונטערצוגעבן.

ס'איז מיר שווער אַרויסצוברענגען די דאָזיקע ווערטער פון מויל, אָבער די אכזריותדיקע צייטן, וואָס שטייען אונז פאָר, רעדן צו מיר מיטן לשון פון ר' עקיבא: איך האָב זיך אַ גאַנץ לעבן מצער געווען — ווען וועט זיך מיר מאַכן די געלעגנהייט, אַז איך זאָל דאָס קענען מקיים זיין. מיר האָבן, וואָס אַן אמת, נישט געזוכט דעם דאָזיקן נסיון, מיר האָבן אים נישט אויסגעקוקט, אָבער ווייבאַלד ער איז אויף אונז געקומען מיט זיין גאַנצער שווערקייט — וועלן מיר דען פון אים אַנטלויפן? וועלן מיר דען נישט פאַרוואַנדלען אים אין אַן אויסגאַנגס־פּונקט פון אַן אַנטשיידנדיקן שטורעם, וואָס זאָל אַרויסברענגען פון דער טיפעניש די כוחות פון פאָלק, אַ העראָישן דראַנג־שטורעם צו ראַטעווען דאָס פאָלק?

וואָס איז דער ריכטיקער אויסדרוק פון נישט אונטערגעבן זיך? פאַרשטייט זיך, אַז עליה. מיר פסלען דאָס רעכט פונם געזעצגעבער — ווער ער זאָל נישט זיין — צו פאַרבאָטן די יידן צוריקצוקערן זיך אין זייער לאַנד. מיר אָנערקענען נישט דאָס רעכט פון יעדער מאַכט — ווער זי זאָל נישט זיין — צו שטערן די בירגער פון דער נאַציאָנאַלער היים אויסצושטערקן (אויף זייער חשבון!) אַ רעטונגס־האַנט צו זייערע געפייניקטע ברידער, וואָס קומען צו זיי. און מיר מוזן פּראַקטיש דערווייזן, אַז קיין שום גזירה אויף אונזער עליה עקזיסטירט נישט פאַר אונז. מיר וועלן זיי אַלע צעשטערן, פאַר אַלעמען אין די אויגן. די וועלט וועט זען און זיך איבערצייגן, אַז מיר קומען קיין ארץ־ישראל נישט מיטן חסד פון דער מאַכט, נאָר אויפן סמך פון אונזער רעכט, פונם רעכט, וואָס איז עלטער פון יעדן ענגלישן רעכט: פונם רעכט, וואָס איז נאַטירלעך פאַר אונז; פונם רעכט, פאַר וועלכן מיר זיינען גרייט אַוועקצוגעבן אונזער לעבן.

דער דאָזיקער באַוווסטזיין איז דער הויפּט־באַוווסטזיין פון ציוניזם. מיט אים האָט עולה געווען דער ביל"ו־מענטש, מיט אים האָט עולה געווען דער מענטש פון דער צווייטער עליה, נישט געקוקט אויפן טערקישן געזעץ. ער האָט נישט געבעטן קיין דערלויבעניש. ער האָט נישט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים צוריקשיקן.

כל זמן אין לאַנד האָט עקזיסטירט אַ געזעצלעכע אָרדנונג, וואָס אָנערקענט אונזער רעכט, האָבן מיר זיך מיט איר געראַנגלט וועגן אַן עליה־מעגלעכקייט איז די ראַמען פון געזעץ. מיר האָבן נישט אָנערקענט, אָבער דאָך געדולדעט אירע באַגרענעצונגען. אָבער ווען מען פּראָקלאַמירט אַ נייעם רעזשים, ביי וועלכן מיר וועלן נישט קענען אַנדערש עולה זיין ווי נאָר מיטן חסד פון מופטי, אָנערקענען מיר נישט דאָס רעכט פון אַזאַ רעזשים און די רעכט פון אַזעלכע פּראָקלאַמירער. נישט מיט אייער חסד איז אונז דאָס לאַנד געגעבן געוואָרן, און נישט פון אייערע געזעצן פליסט אַרויס אונזער רעכט צוריקצוקערן זיך אַהין און לעבן דאָרט.

דעם דאָזיקן באַוווסטזיין דאַרף מען איינפלאַנצן אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. און די ציוניסטישע פּאָליטיק דאַרף אים דעמאָנסטרירן פאַר דער גאַנצער וועלט. מיר געדענקען וויאַזוי די פּיל־קאָמיסיע האָט געדריקט אויף מ. שערטאָקן אין שייכות מיט דער אומלעגאַלער עליה, און וואָס פאַר אַ פּיין ער האָט צוליב דעם געהאַט אויסצושטיין. פון דעמאָלט אָן האָט זיך פיל געענדערט, סיי אין יידישן באַוווסטזיין, סיי אינם באַוווסטזיין פון דער וועלט. אָט זיינען געשטעלט געוואָרן פראַגן אין פּאַרלאַמענט וועגן די זיבעצן. מען האָט געפרעגט: צי האָט מען קאָנפיסקירט די שיף? צי וועלן די מענטשן דעפּאָרטירט ווערן? צי וועט מען זיי אַראָפּרעכענען פונם שעדיול? דער קאָלאָניען־מיניסטער האָט זיך אויסגעדרייט פון קלאָרע ענטפערס. דאָ איז אויפגעשטאַנען אַ געוויסער דעפּוטאַט און האָט געמאַכט אַ צווישנרוף: „די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן זיינען דאָך אומלעגאַל נאָר צוליב אייער אַמט, מיין הער!" אַזעלכע אויסרופן באַווייזן אונז, אַז אונזער עליה־קאַמף וועט איינוואָרצלען אין דער וועלט די אָנערקענונג פון אונזערע רעכט אויף עליה, און אפשר וועט ער אויך ברענגען צו אַן אַנדער באַנעמען דעם עצם ציוניזם.

דער קאַמף פאַר עליה טאָר נישט זיין קיין פּריוואַטער ענין פון אַ גרופּע

מענטשן, וואָס טוען די זאַכן אויף אייגענער האַנט. ער דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געזעצלעך קינד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס איז אויך נישט קיין ענין פון איין פּאַרטיי אין ציוניזם. דאָס דאַרף זיין אַ פאַרשטענדיקונגס־זאַך פון אַלע פּאַרטייען. מען טאָר נישט איבערלאָזן דעם „אומלעגאַלן" עולה אויפן חסד פון באַנדעס, וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט צוליב זייער אייגענעם נוצן אָדער צוליב „השפעה", און זיי עקספּלואַטירן אים און לאָזן אים איבער אויף הפקר ווען ער קומט צום ברעג. קיין לייכטע זאַך וועט עס נישט זיין. די ענגליש־אַראַבישע מאַכט וועט זיך נישט אָפּהאַלטן פון רדיפות. די שטרויכלונגען וועלן זיך מערן. די זאַך וועט זיין געבונדן נישט בלויז מיט אָנשטרענגונגען און מיט געלט־קרבנות, נאָר אויך מיט יסורים. עס וועט זיך פאָדערן מסירות נפש, און נישט בלויז פון יחידים, נאָר פון פיל מענטשן. אָבער אַזוי מוז אויסזען אונזער נישט־אונטערגעבן זיך, אויב מיר ווילן דאָס באמת.

און כדי מען זאָל מיר נישט צושרייבן קיין אַנדערע כוונות, גיב איך פאָר נויטיק אָפּצוצאַמען זיך: מיטן קאַמף פאַר עליה בין איך נישט אויסן קיין פּאָלי־טישע דעמאָנסטראַציעס, נאָר קודם כל די עליה גופא. פונקט אַזוי ווי דאָס דערגרייכן דעם באָדן איז קודם כל אַ ציל פאַר זיך. די עליה־חשבונות זיינען פריער פאַר אַלץ, דער פּאָליטישער רעזולטאַט וועט זיין אַ צוגאָב־דערגרייכונג. אויב דער אויפטו וועט געמאַכט ווערן ווי געהעריק און מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקן פאַרנעם. ראַטעווען יידן פון גיהינום, אַרויסשלעפּן זיי פון גלות — דאָס איז דער ציל פון ציוניזם, דאָס איז אויך דער פּאָליטישער און קאָלאָניזאַטאָרישער מיטל. מען דער־ציילט אויף אַ שאַטלענדער, אַז ער האָט אַמאָל געוואָלט איבערגעבן זיין לעבנס־חכמה זיין זון, האָט ער אים געזאָגט: „איידער איך וועל אַוועקגיין פון דער וועלט, וועל איך דיר געבן אַן עצה. מאַך געלט, אויב מעגלעך — מיט כשרע מיטלען". אַזוי וועלן מיר אויך זאָגן: מערט יידן, אויב מעגלעך — מיט געזעצלעכע מיטלען.

מיר זיינען נישט קאָמפּסלוסטיק, מיר נעמען אויף דעם קאַמף געצוווּנגע־נערהייט. מיר זוכן נישט דעם קרבן און נישט די דעמאָנסטראַציע. מיר זוכן דעם עיקר: יידן אין לאַנד. דעריבער יאָג איך זיך נישט נאָך צוזאַמענשטויסן. איך זוך נישט קיין קאָנפליקטן. איך יאָג זיך נישט נאָך דער ראָמאַנטישער זייט פון דער זאַך: איך וויל תכלית — יידן. איך וועל אָבער נישט אָפּטרעטן, אין פאַל ווען די יידישע עליה וועט זיין פאַרבונדן מיט צוזאַמענשטויסן.

פאַראַן צווישן אונז אָפּטימיסטן, וואָס האַלטן, אַז ענגלאַנד וועט נישט שיסן אויף פּליטים. פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז אַ רעגירונג, וואָס וועט שיסן אויף עולים, וועט זיך נישט האַלטן קיין איין וואָך. איך האָב נישט די זיכערקייט דערין. עס זיינען שוין פאָרגעקומען שיסערייען אויף שיפן. מען זאָגט, אַז עס זיינען אויך געווען פאַרווונדעטע, און איך בין נישט זיכער, צי די ענגלישע פּרע־סע האָט וועגן דעם געשריבן. (אגב האָט אויך די העברעישע פּרעסע נישט דערפילט איר פליכט — דערוויסן זיך די זאַך געניי און אינפאָרמירן וועגן דעם. דאָס איז אַ פאַרנאַכלעסיקונג, וואָס איז נישט אויפן אָרט און נישט אין דער צייט).

ס'מאַכט נישט אויס אויב עולים וועלן אַרעסטירט ווערן, מיר וועלן זיך דערפאַר נישט דערשרעקן. ס'איז אויך נישט קיין אומגליק אויב מען וועט אַ שיף צוריקקערן. די שיף, וואָס מען וועט צוריקשיקן, וועט ווידער קומען. יעדער

ייד, וועמען מען וועט צוריקשטויסן אין ים, וועט סוף כל סוף אָנקומען קיין ארץ־ישראל. אזוי זעט אוים דער קאַמף פונם ייד פאַר זיין לאַנד.

דערווייל פאַרשטייען עס נאָך נישט יידן. די גלות־יידן דערשרעקן זיך פאַר יעדער שטרויכלונג און האָבן נישט די מעגלעכקייט קלאָר צו מאַכן, ווער איז דער־רין שולדיק, דאָס לאַנד אָדער די „פאַרזאָרגער". דאָס רויבערײַ און דאָס הפקרות, וואָס האָבן זיך אויפן דאָזיקן געביט אזוי פאַרשפּרייט, האָבן גורם געווען איבע־ריקע צרות, יסורים און אומזיסטע שווערקייטן נישט בלויז פאַר זייערע קרבנות, נאָר אויך פאַר דער עליה גופא. מען מוז דערקלערן אַ קאַמף די דאָזיקע פאַרפויל־טע שוואַמען, כדי אָפּצורוימען דעם וועג פאַר אַ ברייטער עליה.

פאַראַן מענטשן, וואָס גלויבן נישט אין אזא מעגלעכקייט בכלל: וויאַזוי וועלן זיך אָרימע מעפּילים קענען קעגנשטעלן די כוחות און די מיטלען פון אַ גרויסמאַכט? איך גלויב, אַז מען וועט קענען און אויך בייקומען. די נויטווענדיקייט זייערע עולה צו זיין איז פיל גרעסער און פיל שטאַרקער פון דער ענגלישער נויט־ווענדיקייט צו שיסן אין זיי, און אויב די דאָזיקע נויטווענדיקייט וועט זיך פאַר־וואַנדלען אין אַן אַלגעמיינעם באַוווּסטזיין; אויב זי וועט פאַרנעמען איר פּלאַץ אין יידישן געדאַנק און אין דער יידישער הילף — וועט זי צעשטערן פיל צוימען און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מעכטיקן שטראָם. מען קען אָפּהאַלטן אַן עליה פון יחידים, מען קען אָבער נישט שטערן אַ מאַסן־עליה צו זייערע ברידער, וואָס גע־פינען זיך ביי די ים־ברעגעס. די, וואָס וועלן פאַלן, וועלן פאַלן, און די מאַסע וועט זיך דורכרייסן און דערגרייכן.

אויגוסט 1938.

ב. קאַצענעלסאָן

## „נישט מיט חסד, נאָר"...

זאָלן וויסן די אַלע, וואָס שליסן דאָס לאַנד פאַר די מעפּילים, אַז נישט דאָס לאַנד שליסן זיי, נאָר זייער הארץ, זייער מענטשלעך האַרץ.

און נישט נאָר אויפן מאַנדאַט, וואָס זיי האָבן פּייערלעך איבערגענומען, זיינען זיי עובר, נאָר אויפן „לא תסגיר עבד אל אדוניו", (זאָלסט נישט אי־בערגעבן קיין שקלאַף צוריק צו זיין האַר), אַפילו צו אַ האַר, וואָס איז אין באַ־צוג צום שקלאַף מקיים „כי טוב לו עמך, — עמך במאכל, עמך במשתה" (ס'איז אים גוט מיט דיר — מיט דיר ביים עסן, מיט דיר ביים טרינקען), מכל שכן ווען מען גיט אים איבער זיינע דם־שונאים די פאַרפאָלגער, וואָס דורך דעם ווערן זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רציחה.

מען האָט פאַרשמעלערט די מאַנדאַט־פאַרפליכטונג, וואָס מען האָט אויף זיך גענומען, ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט: מען האָט צו איר צוגעגעבן פיל צענד־ליקער פּירושים. אָבער נאָכן גאַנצן פאַרשמעלערן און פאַרקלענערן אים, איז סוף כל סוף אַרויסגעקומען, אַז מיר וווינען אינם דאָזיקן לאַנד נישט מיט גענאַד, נאָר מיט רעכט. צו אונזער באַדויערן זיינען זיי מקיים נאָר דעם ערשטן טייל „נישט מיט גענאַד"... נישט מיט גענאַד, נאָר מיט אכזריות, וואָס וויים נישט פון קיין

רחמנות, וואָס ווייס נישט פון קיין געזעץ; אַן אכזריות פון אַ כּת־הקלע, ביי וועלכער מען וואַרפט מענטשן, פרויען און קינדער אין ים אַריין.

אָ, ווי שטאַרק עס האָבן זיך געענדערט די צייטן! מיט אַן ערך דריי טויזנט יאָר צוריק, ווען די מענטשהייט איז נאָך נישט געווען אַזוי קולטורעל און ציוויליזירט, איז געווען אַנדערש. ווען מען האָט געדאַרפט אַריינוואַרפן אַ מענטש אין ים, און בער מענטש גופא האָט אַליין געבעטן: „נעמט און וואַרפט מיך אַריין אין ים, ווייל איך ווייס, אַז צוליב מיר האָט זיך עס צעשפּילט אַזאַ גרויסער שטורעם איבער אייך" — און דאָס אַריינוואַרפן אים אין ים וואָלט דאָך פאַרגעקומען צו־ליבן טובת הכלל — דאָך האָבן די ווילדע פון יענער צייט בשום אופן נישט גע־קענט פועלן ביי זיך צו טון אַזאַ מין זאַך: „ויחתרו האנשים להשיב אל היבשה ולא יכלו, כי הים הולך וסוער עליהם. ויראו אל ד' ויאמרו: אנא ה', אל נא נאבדה בנפש האיש הזה ואל תתן עלינו דם נקי, כי אתה ה' כאשר חפצת עשית". (האָבן די מענטשן געפּרוווט ריכטן די שיף צו דער יבשה און האָבן נישט געקענט, ווייל דער ים האָט זיך שרעקלעך צעשטורעמט. האָבן זיי מורא געהאַט פאַרן אויבערשטן און געזאָגט: רבונו של עולם, זע, אַז מיר זאָלן נישט אומברענגען דעם דאָזיקן מענטש און מיר זאָלן נישט פאַרגיסן קיין אומשולדיק בלוט, ווייל דו טוסט דאָך אַזוי ווי דו ווילסט). אַזוי האָבן זיך געפירט „ווילדע" מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. איצט אָבער זיינען מיר עדות פון אַן אַנדער בילד. ווען איינס פון די קולטורעלס־טע פעלקער אויף דער וועלט — דאָס פאָלק וואָס שאַצט אַזוי הויך דעם תנ"ך — הערט די שטימען פון הונדערטער מענטשן, וואָס בעטן זיך מען זאָל זיי נישט אומברענגען: „וואַרפט אונז נישט אין ים אַריין", קווענקלט זיך זיין האַרץ קיין איין רגע נישט, ער רופט נישט צו גאָט, — ער גיט זיי איבער גאַנץ גלייכגילטיק דעם שטורעמדיקן ים.

הרב משה אביגדור עמיאל

# נאַציאָנאַלער ספּאָרט

נישט יעדעס פאָלק האָט זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן ספּאָרט. און טאָמער האָט עס יאָ אַזאַ, קומען באַלד אַנדערע פעלקער, נעמען אים איבער ביי אים און הויבן אָן באַנוצן זיך מיט אים אפשר פיל בעסער פון די דערפינדער גופא. ווען איך בין געווען יונג, האָב איך געטראַכט, אַז מען מוז זיין אַ קאַווקאַזער אָדער אַ שווייצער, כדי צו זיין אַ באַרג־קלעטערער, שפּעטער האָב איך זיך אָבער דער־וווסט, אַז פיל פון די בעסטע אַלפּיניסטן לעבן דווקא אין דעם פלייניקן האָלאַנד. גענוי ווי מען קען געבוירן ווערן אין דער זוניקער סיציליע און ווערן איינער פון די בעסטע סקי־לויפער אויף דער וועלט. הגם אין מיינע יונגע יאָרן איז דאָס געווען דער נאַציאָנאַלער ספּאָרט פון די סקאַנדינאַווישע פעלקער. (מען קען נישט העלפן. ס'איז נישטאָ קיין אויסנאַם — ספּאָרט מוז ווערן אינטערנאַציאָנאַל).

בלויז מיר, יידן, זיינען אַן אויסנאַם. בלויז מיר האָבן נאָך אַ נאַציאָנאַלן ספּאָרט. ער איז אַזוי נאַציאָנאַל, אַז קיין שום פאָלק אין דער וועלט קען אים ביי אונז נישט איבערנעמען. און הלואי זאָלן מיר אים נישט פאַרגעסן און נישט פאַר־נאַכלעסיקן. קיין קאָנקורענטן וועלן מיר ביי אים נישט האָבן.

דער נאַציאָנאַלער ספּאָרט, וואָס איך רעקאָמאַנדיר דער יידישער יוגנט, דאָס איז — די פּרייע עליה.

ער איז אָן ספק דער איידעלסטער ספּאָרט אויף דער וועלט. קודם כּל איז זיין ציל אַן איידעלער. קיין שום אַנדער נאַציאָנאַלער ספּאָרט קען זיך מיט אים אין דעם דאָזיקן פּרט נישט פאַרגלייכן. טעניס, פוטבאָל און וועט־לויף זיינען סוף כּל סוף נישט מער ווי שפּילערייען. דו אַנטוויקלסט דיינע מוסקולן, דו דערוואַרבסט כּבוד פאַר זיך, אָדער אַמהעכסטן פאַר דיין גרופּע, — און דאָס איז אַלץ. דער יידישער נאַציאָנאַלער ספּאָרט אָבער העלפט־מיט אויפצורייסן די טויערן, פאַר וועל־כע עס שטייען מיליאָנען הונגעריקע מענטשן; ער העלפט־מיט צו דערוואַרבן אַ פאָטערלאַנד פאַר אַ מאַסע, וואָס האָט נישט קיין היים, און פאַרוואַנדלט זי אַזוי אַרום אין אַ פאָלק. אַלע איבעריקע מינים ספּאָרטן זיינען סוף כּל סוף בלויז שפּי־לערייען, אונזער ספּאָרט איז אַ הייליקער ערנסט.

אָבער אין דער זעלבער צייט פאַרמאָגט אונזער ספּאָרט די מעלות פון אַלע איבעריקע מינים פון ספּאָרט, און אַלס צוגאָב דערצו — אויך פיל אייגענע מעלות, וואָס אַנדערע שפּילערייען באַזיצן נישט. שרייבנדיק וועגן קריקעט, האָט דער רעדאַקטאָר סקאָט געזאָגט: „מיר האָבן פון אים געלערנט אַלץ — אויסדויער, עקשנות, לאָיאַלקייט“... אָבער וואָס שטעלט מיט זיך פאָר קריקעט אין פאַרגלייך מיטן ים פון בילדונג און דערציונג, וואָס אַ יונגער דור קען שעפּן פונם עליה־ספּאָרט? אויסדויער און עקשנות? — פרעגט די אַלע, וואָס האָבן דאָס דורכגע־מאַכט, וועלן זיי אייך זאָגן, וואָס פאַר אַן איבערמענטשלעכן געדולד, וואָס פאַרא געוואַלדיקע עקשנות אונזער ספּאָרט פאָדערט. לאָיאַלקייט? ריטערלעכקייט? — די בעסטע שול, וואָס מען קען זיך פאַרשטעלן. אין די ספּאָרט־צווייגן פון די נישט־יידן איז כּמעט נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן דעם וויכטיקסטן מין רי־טערלעכקייט — אַ ריטערלעכע באַציונג צו שוואַכע, צו אַלטע, צו פרויען און קינ־דער, ווייל אין זייערע שפּילן איז בכלל נישטאָ קיין אָרט פאַר שוואַכע. זייער ספּאָרט איז נאָר פאַר יונגע און געזונטע. אונזער קורצע געשיכטע, וואָס נעמט אַרום די ערשטע שריט פון אונזער נאַציאָנאַלן ספּאָרט, אַנטהאַלט שוין גרויסע קאַפּיטלען פון אָפּגעבן דאָס לעצטע גלאָז וואַסער אַ יונג מיידל, פון שטיין אַ גאַנ־צע נאַכט אין אַ ווינקל, כּדי אָפּצוטרעטן דעם פּלאַץ אַ קראַנקן חבר... דרייסט־קייט? שטעלן זיך אין געפאַר?... אַ קאָמישער פאַרגלייך! ביים ווילדן מין פוט־באָל, וואָס הייסט „רוגבי“ — דריקט זיך אויס די סכּנה פונם אַנטיילנעמער אַמ־העכסטן אין אויסלענקען אַ פוס; אין באָקס — צעקלאַפּן די נאָז; ביי שווערדן־געפעכט טראָגט מען בכלל אייזערנע מאַסקעס — ס'איז ממש לעכערלעך צו פאַר־גלייכן.

*

ווען איך רעד וועגן נאַציאָנאַלן ספּאָרט, האָב איך נישט אין זינען די סיס־טעמען, מיט וועלכע פאַרשידענע אָנהענגער באַנוצן זיך. דאָס זיינען קאָלעקטיווע שיטות; זייער וויכטיקע שיטות, און איך באַצי זיך צו זיי מיט דער גאַנצער אַכ־טונג. זייער אָרגאַניזאַציע האָט איצט גרויסע פעלערן. איך בין נישט בקי דערין, כּדי צו זאָגן, צי זיי לאָזן זיך לייכט באַזייטיקן — אפשר יאָ, און אפשר נישט.

אבער ווען איך רעד וועגן נאציאנאלן ספארט, טראכט איך נישט וועגן די דאזיקע שיטות, נאר וועגן אן אנדערער זאך לגמרי: וועגן א יוגנטלעכער אוואנטורע.

ווען איך געפין זיך איצט אינם געבענטשטן עלטער, ביי וועלכן מען קען ווערן א „שייגעץ", וואלט איך געוווסט וואס איך האב צו טון. ווי גרויס זיינען געווען די קליינע שיפלעך, אין וועלכע די קאזאקן און די זאפאראזשעס פלעגן זיך ארויסלאזן איבערן שווארצן ים און שטורמען דעם סולטאן אין קאנסטאנטינאפאל? (איך זאג נישט, אז זייערע שיסערייען האבן דעם סולטאן געבראכט פיל שאדן; איך בין אויסן דער עיקר דעם ערשטן טייל פון דער מעשה — וויאזוי מען שווימט איבער ימים ווען מ'האט דערצו א זייער גרויסן חשק). ווער האט אין יענעם יאר־הונדערט געטראכט וועגן „טאנאזש" און ווער האט בכלל געהערט וועגן דעם? אויך היינט איז דא איין יונגערמאן, וואס לאכט זיך אויס פון „טאנאזש": דאס איז א פראנצויז מיטן נאמען אלען זשערבא. ער האט זיך אויסגעבויט א זעגל־שיפל, אין וועלכן ס'איז דא פלאץ בלויז פאר איין מענטש, פאר א פעסל וואסער און א זאק מיט שפייז־ארטיקלען. אינם דאזיקן שיפל איז ער שוין צוויי מאל געפארן פון פראנקרייך קיין אמעריקע און צוריק. ער איז, פארשטייט זיך, א וווּנדערלעכער „שייגעץ" און פארגלייכן זיך צו אים איז שווער. אבער פאר אונזער נאציאנאלן ספארט איז דאס גארנישט נויטיק. וואס דארפן מיר אייגנטלעך האבן פאר אונזער נאציאנאלן ספארט? איך ווייס נישט. מיינע יוגנט־יארן זיינען שוין אריבער און מיר האט זיך אפילו נישט געחלומט, אז ס'וועלן קומען אזעלכע צייטן ווי די איצטיקע, אבער ווען איך וואלט ווידער יונג געווארן, וואלט איך קודם כל געזעסן און געטראכט צו וואס נויטיקן מיר זיך אין אונזער נאציאנאלן ספארט? ווי גרויס דארף זיין דאס שיפל, וואס זאל דערמעגלעכן מיר און נאך א טוץ אזעלכע „שקצים" ווי איך צו מאכן דעם דאזיקן שפרונג? זיינען דען דערצו נויטיק דווקא 50 טאן? אפשר איז גענוג 30? מיט פערציק יאר צוריק, געדענק איך, פלעגן די שיפן, וואס פלעגן ברענגען אין אדעסער פארט פייגן, באנאנעס און אנדערע גוטע זאכן פון די אינזלען אויפן עגעישן ים, באזיצן נישט מער ווי עטלעכע צענדליק טאן. דערצו דארף מען אבער זיין א מאטראז, און אויך אזא שיף קאסט געלט. איך וואלט דאן צוזאמען מיט די איבעריקע „שקצים" געלערנט די מאטראזן־קונסט; איך וואלט מיר אויך געזאמלט צוזאמען מיטן טוץ „שקצים" גראשן צו גראשן, כדי צו קויפן אן אלטע שיף. אמת, א שיף קען מען קויפן נאר ערגעץ־ווו אויפן ברעג ים, און איך אליין וואלט גאר געקענט זיין א לוצקער אדער א בריסקער; אבער אז מען האט חשק, געפינט מען שוין דעם וועג.

און וואס וואלט געווען דער סוף פון דער אוואנטורע? ווער ווייס — אפשר א נצחון, און אפשר א מפלה. וואס איז די נפקא מינה!

*

מען דארף אונטערשיידן גענוי צווישן די צוויי שיטות פון דער יידישער אויפלעבונגס־באוועגונג — דער פאליטישער שיטה און דער פראקטישער שיטה.

וויכטיקער איז די פאליטישע: דאס איז די אייביקע ירושה, וואס הערצל האט אונז איבערגעלאזט. זיין טעאריע זאגט: כדי צו שאפן א יידישע מדינה, דארף מען קודם כל דערווערבן די אפיציעלע באשטעטיקונג פון די הערשנדיקע

פאקטארן, ערשט דאן קען א קאלאניזאציע זיין אן אמתע קאלאניזאציע, אן עטאפ, וואס פירט צו א יידישער מערהייט און צו א יידישער רעגירונג. אן פאליטישע פארזיכערונגען — איז נישטא קיין קאלאניזאציע, נאר עטוואס ענלעכעס צו קאלאניזאציע, אבער אין א קליינעם פארמאט, און מען רופט עס „קאלאניאל־פאליטיק". דאס באדייט: קאנקרעטע, דירעקטע אויפטוען, וואס זייענען קיינמאל נישט בכוח צו שאפן פאר אייך א מערהייט אין ארץ־ישראל — זיי האלטן בלויז אונטער אייערע פאזיציעס, זיי פאפולאריזירן אייער געדאנק און גיבן אים א קאנקרעטע פארם. בקיצור, זיי העלפן אייך צו דערגרייכן דעם עיקר־ציל — דעם פאליטישן קאמף פארן פאליטישן טשארטער.

פארשידענע מיטלען געהערן צום דאזיקן באגריף פון „קאלאניאל־פאליטיק", צום ביישפיל: איינקויפן באדן פאר אזעלכע סכומים, וואס עטוואס ענלעכעס האט מען נאך ביז איצט נישט געהערט, און בויען דערויף ישובים, ווו יעדע קליינע פאמיליע וועט אייך אויסמאכן מוראדיק טייער. איז דאס דען קאלאניזאציע? — ניין. אבער מעגלעך, אז דאס איז א גוטע קאלאניאל־פאליטיק, ווייל זי שאפט אייך פאזיציעס, זי ווייזט אייערע מעגלעכקייטן און זי העלפט אייך (אויב איר פארדינט אויף הילף) אין אייער פאליטישן קאמף.

אויך דער עליה־ספארט געהערט צום צווייטן מין. אז ער זאל דינען ווי א מיטל צו קאלאניזאציע, קען קיין רייד נישט זיין. אבער אלס מיטל צו ברעכן מיט אים באשטימטע פאליטישע שטערונגען; כדי צו צווינגען די וועלט צו דערמאנען זיך אין עפעס, וואס זי וואלט אן דעם זיכער פארגעסן; כדי צו מאכן אונזער צד פאפולער ביים פאלק, וואס איז באמת פארליבט אין ספארט און באציט זיך מיט אכטונג צו אוואנטורעס; צו מאכן ביי אים אומפאפולער זיינע שליחים, וואס ווילן אונז שטערן, און אויך (אויב עס וועט זיי געלונגען) צו כאפן אונז; און קודם כל — כדי אפצוהיטן אין אונז, אין אלע יידישע נשמות, דעם פונק פון שטאלץ, דאס פייער פון עקשנות און באוווסטזיין, אז אויך אין א שווערער צייט קען מען אונז נישט בינדן די הענט; — פאר די דאזיקע אלע צוועקן, און פאר נאך הונדערטער ענלעכע, רעקאמאנדיר איך מיטן גאנצן הארצן דעם נאציאנאלן ספארט. איך נעם אראפ מיין הוט פאר יענע „שקצים", וואס ווייסן ווי צו שעצן דעם דאזיקן מיטל און וועלן זוכה זיין צו זיין קרוין.

מאי 1939. ז. זשאבאטינסקי

# די העפלה

מיר זיינען געווען עדות פון א וואונדערלעך בילד: מיט וואס פאר א גרויסער אנערקענונג מען האט גערעדט אין ענגלישן פארלאמענט וועגן דעם דאזיקן אומפאפולערן עניין, וואס הייסט „אומלעגאלע עליה", און מיט וואס פאר א טיפער גרינגשעצונג איז וועגן דעם גערעדט געווארן אויפן קאנגרעס (איין און צוואנציקסטן).

און נישט בלויז די קולטור־וועלט ווייזט ארויס סימנים פון אנערקענונג פאר אונזערע עולים און פליטים, נאר אויך דער ים אנערקענט זיי און האט אויף זיי רחמנות.

מיט עטלעכע וואכן צוריק איז צוגעקומען צום ארץ־ישראל־ברעג א קליין שיפל, אין וועלכן ס'האבן זיך געפונען צוועלף עלטערע יידן פון דייטשלאנד. זיי האבן דאס שיפל געטריבן מיט וויאסלעס, דאס איז געווען א שיפל אן א מאטאר און אן מאטראזן־ספעציאליסטן. יעדער מינדסטער שטורעם וואלט דאס שיפל גע־קענט איבערדרייען און אראפשליידערן עס אין די אפגרונטן. וויפיל נסים זיי האבן עס געהאט, די דאזיקע צוועלף יידישע פליטים אויפן ים!

און אט לייען איך, אז עס זיינען אנגעקומען פינף שיפלעך, מיט הונדערט און זעכציק פליטים, צווישן זיי שוואנגערע פרויען און דרייסיק קינדער. דרייסיק קילאמעטער פון ברעג, האט זיי דער קאפיטאן אריבערגעזעצט אין שיפלעך און אלעמען איבערגעלאזט אויף גאטס באראט. דער ים האט אבער אויף זיי רחמנות געהאט און זיי געבראכט צו אונזער ברעג. ווען דער ים וואלט זיך אויפגעפירט ווי די שיינע יידישע פרנסים, וואלט ער זיך מסתמא אנדערש פארהאלטן.

איך בין זיך מודה ומתודה: איך האב זיך נעכטן זייער איבערגענומען. מיר זיינען דאך אלע עמיגראנטן. און אויב עס זיינען דא צווישן אונז גליקלעכע, וואס זיצן זיך רואיק אין זייערע לענדער, זיינען דען זייערע עלטערן נישט געווען קיין עמיגראנטן?

מען זאגט אונז: א נישט אפגעקליבענע עליה איז געבויט אויף שלעכטע יסודות. מעגלעך, אז ס'איז אמת. איך הער אבער און טראכט: פון ווען אן זענט איר עס געווארן אזעלכע איבערקלויבער? יארן־לאנג האבן מיר אן אויפהער גע־טענהט, אז ארץ־ישראל קען נישט אויפנעמען ווי עס גייט; אז ארץ־ישראל נויטיקט זיך אין יונגע מענטשן, מענטשן פון ארבעט און טאט, מענטשן־זעלנער, וואס זיינען גרייט, צוגעפאסט צו יעדער שלעכטער צייט און צו יעדער אנשטרענ־גונג. האט איר אונז דאך קריטיקירט, אז אלץ וואס מיר טוען, מאכן מיר צו־ליב פארטייאישע חשבונות; אז מיר מאכן א חילוק צווישן יידן און יידן. איר האט פון אונז געפאדערט, אז א יונגער זאל ביי אונז נישט האבן קיין פארצוג פאר אן אלטן, א חלוץ פאר א קרעמער, אן ארבעטס־מענטש פאר א מעקלער. לאנ־גע יארן זיינען מיר געווען געצוווּנגען צו קעמפן פארן פרינציפ פון אפקלייב און הכשרה. און ערשט, ווען ס'איז געקומען דער גרויסער בראך און דער יידישער פליט, וואס אנטלויפט, פון גיהנום אין דייטשלאנד, און אין עסטרייך, אין טשעכיע און סלאוואקיע, רייסט זיך אריין אין לאנד, קומט איר מיט דער פאדערונג — סע־לעקציע!

און די, וואס זארגן אזוי פאר סעלעקציע, מוז איך זאגן: ס'איז דא א סע־לעקציע. עס זיינען דא אויך שיפן אפגעקליבענע. מיט מיינע אייגענע אויגן האב איך געזען, ווי „אומלעגאלע" עולים שטייען ביי דער ארבעט און אויף דער וואך, און איך האב זיך איבערצייגט, אז זיי זיינען ווייט נישט פון די ערגסטע.

ווען אונזערע טוער און פירער וואלטן צוגעגאנגען נענטער צו די עיקר־דער־שיינונגען אין אונזער לעבן, וואלטן זיי זיך אפשר דערווארבן אנדערע באגריפן. מיט עטלעכע יאר צוריק האב איך דורכגעמאכט א נאכט אין דערוואַרטונג. איך האב געזען וויאזוי יונגעלייט און מיידלעך ארבעטן מיט וויאסלעס, נישט וויסנ־דיק צי אלע שיפלעך זיינען אנגעקומען בשלום; וויאזוי זיי שפרייזן אין וואסער, האלטנדיק איינע די צווייטע פאר די הענט, אז קיינער פון דער חברה זאל זיך

נישט אפּריייסן. אויך דאָס דאַזיקע בילד וואָלט פון עסטעטיישן שטאַנדפּונקט גע־קענט קריטיקירט ווערן. מען קען זיך משער זיין, אַז ווען עס קומט אַ גרופּע אַנגלאָ־זאַקסישע שווים־ספּאָרטלער, וואָלט זי געהאַט אַן אַנדער אויסזען — אָבער ביי מיר אין די אויגן האָט עס אויסגעזען ווי אַ קייט, וואָס ציט זיך פון ר׳ יהודה הלוי ביז די דאָזיקע בחורים און מיידלעך. און איך גלויב, אַז נישט ווייט איז דער טאָג ווען ס׳וועלן געזונגען ווערן לידער, און אפשר אויך פאַרפאַסט ווערן תפילות פאַרן געזונט פון אונזערע ים־מענטשן. און ווער ווייס, אפשר וועט מען לויט די דאָזיקע תפילות מתפּלל זיין אויך אין די אַמעריקאַנער טעמפּלען. איך דערמאָן זיך אין דאָזיקן מאָמענט, אַז ס׳איז דאָ אַ וווּנדערלעכע ים־תפילה פון רמב״ם, וועל־כער האָט מיט אַן ערך זיבן הונדערט יאָר צוריק אָנגעהויבן אַן עליה קיין ארץ־ישראל. וואַרשיינלעך איז די דאָזיקע עליה דעמאָלט נישט געווען גאַנץ לעגאַל. אין זיין תפילה רעדט זיך וועגן פאַרשידענע מזיקים און מחבלים, וואָס שפּרייטן אויס זייערע נעצן אין די ימים. אָבער דער רמב״ם האָט נאָך דאַן נישט געוווּסט וועגן אַן ענגלישן פּלאַט, וועגן מאָטאָר־שיפלעך, וועגן ענגליש־אַראַבישע וואַכן אויף די ברעגעס. געפינט זיך נישט אין אונזערע צייטן קיין ייד, וואָס זאָל מתפּלל זיין פאַר אונזערע ים־פאָרערס?

אויגוסט 1939.

ב. קאַצענעלזאָן

# אין די יארן פון אומגליק

(ת״ש — תש״ה)

די; וואָס האָבן געוואגט — זיינען עולה געווען!
אָן א וועג און אָן א שטעג
די מארטיראָלאָגיע אויפן ים
די אומגליקן האָבן נישט אָפּגעשראָקן — מען זעצט פאָר!

די קריגס-פראָנטן וועלן פאַרצוימען דעם וועג פאַר דער עליה פון פיל לענדער. דער פיין-פולער שטעג פון דער עליה וועט איצט באַדעקט ווערן מיט נייע דערנער און שטרויכל-שטיינער. אָבער יעדער שפּאַלט און יעדער דורכברוך איז הייליק ביים אַריבערפירן אויסגעלייזטע. די עליה פון יעדן ייד באַזונדער ווערט איצט דערהויבן צו דער מדרגה פון דאָפּעלן פּקוח-נפש — אַ פּערזענלעכן און אַ נאַציאָנאַלן: אַ מענטש ווערט געראַטעוועט פונם פאַרניכטונגס-טאָל און אונזער איינציקע גאולה-פעסטונג ווערט פאַרשטאַרקט. דער קריגס-שטורעם טאָר נישט פאַר-הילכן דאָס עליה-געשריי.

ד. בן-גוריון

# אויף די וואַנדער־וועגן צום ציל



אויף איינער פון די באַן-סטאַנציעס



אַ מעפּילים־שיף אין תל-אביבער פּאָרט.

# די, וואָס האָבן געוואָגט — זיינען עולה געווען!

## „רודניטשער"

15 סעפּטעמבער, אַפּיציעל.

היינט 9.40 אינדערפרי זיינען צום תל־אביבער פּאָרט צוגעשווומען פינף קליי־נע שיפלעך מיט 364 „אומלעגאַלע" יידישע עולים. אויף אַ געוויסן מרחק פונם ברעג, זיינען זיי היינט פאַרטאָג אַריבערגעזעצט געוואָרן פון דער 160־טאָניקער שיף „רודניטשער" אויף שיפלעך.

⁂

אַ קורצער פייף האָט שבת 8.20 אינדערפרי אָנגעזאָגט די איינוווינער פון תל־אביב, אַז אַ שיף דערנעענטערט זיך צו איר ברעגעס. בליץ־שנעל האָט זיך די ידיעה פאַרשפּרייט אין דער שטאָט, און מאַסן מענטשן האָבן גענומען שטראָמען צום האַפן. נישט ווייט פונם פּאָרט האָט זיך באַוויזן אַ מאָטאָר־שיפל, נעבן אים אַ קליין שיפל, און נאָך אים — דריי ענגל־שיפלעך, אַלע פול מיט מעפּילים. אין צי־טערנדיקער שפּאַנונג האָט דער פאַרזאַמלטער עולם נאָכגעפאָלגט דעם ראַזיקן קאָ־באַוואַ.

ווען די פּאָליציי איז אָנגעקומען, האָבן די קריגס־מעפּילים איר איבערגעגעבן 18 רעוואָלווערן, 20 שפּיזן און דריי ביקסן, וואָס זיי האָבן מיטגעפירט. איינער פון די מעפּילים האָט אויפגעקלערט, אַז זיי האָבן מיטגענומען דאָס געווער אויס מורא פאַר באַנדיטן. די ענגלישע פּאָליציסטן האָבן צווישן די עולים געטיילט ציגאַרעטן און זיי פאַרלייכטערט דאָס לאַנדן.

די אָנגעקומענע זיינען ס'רוב פּליטים פון טשעכאָסלאָוואַקיי, די איבעריקע שטאַמען פון אונגאַרן און סלאָוואַקיי. צווישן זיי געפינען זיך פרויען און קינדער, ווי אויך אַ מאַן צוואַנציק 50־60 יאָריקע. מיט צוועלף טעג צוריק זיינען זיי אַרויס־געפאָרן פון קאָנסטאַנצע אויף אַ גריכישער שיף. עטלעכע קילאָמעטער פון ברעג האָבן זיי זיך אַריבערגעזעצט אין שיפלעך און די שיף איז נעלם געוואָרן.

די שיפלעך זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן. די מעפּילים זיינען אין באַגלייטונג פון אַ מיליטער־וואַך אַריבערגעפירט געוואָרן אין אינטערנירונגס־לאַגער פון צריפין.

## „נ ע מ י  י ו ל י א"

20 סעפּטעמבער 1939.

היינט פרי איז אָנגעקומען קיין חיפה די שיף „נעמי" מיט 1200 „אומלעגאַ־לע" יידישע עולים. צווישן זיי — 364 פרויען און קינדער. דער קאַפּיטאַן (מען

זאגט, אַז ער איז אַ ייד) און די איבעריקע שיף־מיטאַרבעטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. די מעפּילים שיף האָט זיך דערנענטערט צום ברעג אַן שטערונגען.

## „אַריאָן"

9 יאַנואַר 1940, אָפיציעל:

היינט פאַרטאָג זיינען מיט אַ מאָטאָר־שיפל געבראַכט געוואָרן 175 „אומלעגאַלע" יידישע עולים צום ברעג בת גלים ביי חיפה. אַביסל שפּעטער איז אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָליציי־וואַך געבראַכט געוואָרן אין חיפהער פּאָרט די שיף „אַריאָן" מיט די איבעריקע פון די 502 עולים. אַלע מעפּילים (373 מענער, 79 פרויען און 50 קינדער) זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן.

## „הילדא"

דער טערמין פון אונזער פאַרלאָזן דייטשלאַנד איז באַשטימט געוואָרן אויף סעפּטעמבער 1939. פּלוצלינג איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט ענגלאַנד און מיר האָבן זיך געטראַכט, אַז איצט וועט מען זיכער נישט קענען פאָרן. אָבער דער ארץ־ישראל־אַמט האָט אונז געמאָלדן, אַז דער טראַנספּאָרט וועט יאָ אָפּפאָרן און געשען וועט עס דעם 13־טן אָקטאָבער. אַלע עולים, וואָס האָבן באַקומען אַ באַשטעטיקונג, דאַרפן אין דעם דאָזיקן טאָג זיך טרעפן אין בערלין.

מיר זיינען געווען גליקלעך און פיל מענטשן האָבן אונז מקנא געווען. סוף־כל סוף פאָרן מיר! מיר באַפרייען זיך פון אַדאָלף היטלערס קייטן.

דעם 13־טן אָקטאָבער ביי טאָג בין איך מיט מיין חבר געקומען אויפן אָפּגע־רעדטן פּונקט אין בערלין, און אָוונט־צו זיינען מיר געווען צווישן די ערשטע צוויי הונדערט מאַן, וואָס זיינען געגאַנגען צו דער באַן, כדי צו פאָרן קיין ווין. די מלחמה האָט זיך שוין דאַן געלאָזט פילן.

*

מיר זיינען אַריבער די דייטשע גרענעץ און די היטלער־פאַן אויף דער מאַסט איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַן אונגאַרישער. דאָס האָט אויף אונז אַלעמען געמאַכט אַ גרויסן רושם און די פרייד איז געווען אין לשער. אויפן דאָזיקן מאָמענט האָבן מיר געוואַרט אין משך פונם גאַנצן וועג. איצט האָבן מיר זיך געפילט פולשטענדיק באַפרייט. שטעט זיינען אָנגעקומען און שטעט זיינען אַוועק: פּרעסבורג, בודאַפּעשט, בעלגראַד, זמעלין און נאָך און נאָך. צייטנווייז פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ לענגערע צייט, כדי צו באַזאָרגן זיך מיט קוילן אָדער מיט שפּייז. אין פּראַהאָווא זיינען מיר געשטאַנען אַ פּאָר וואָכן. דאָ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַ שיף, וואָס האָט געפירט פיר הונדערט יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיי. ס'זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די דאָזיקע מענטשן וועלן צוזאַמען מיט אונז פאָרן אויף איין גרויסער שיף. דער־וויל האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט מיט צייכנס. דערנאָך האָבן זיך די שיפן איינע צו דער צווייטער אַזוי דערנענטערט, אַז מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו דער־לאַנגען זיך די הענט. פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן זיינען מיר שוין געשוווּמען פאַר־

ראלעל, איין שיף ביי דער צווייטער און צווישן די פּאַסאַזשירן פון ביידע שיפן איז נישט ווילנדיק אָנגעקניפּט געוואָרן אַ נאָענטע פריינטשאַפט.

אין פּאָרט סולינא מוזן מיר וואַרטן. פונדאַנען וועלן מיר פאָרזעצן די נסיעה אויף אַ „ים־שיף". אָבער ווען? מיר האָבן געוואַרט אַ וואָך, און נאָך אַ וואָך, און ווידער אַ וואָך. לסוף זיינען מיר אַריבערגעזעצט געוואָרן אין אַן אַלטע קוילן־שיף און ס'איז אונז געוואָרן ביטער ווי גאַל. ביטער איז אונז געוואָרן דער עיקר דערפאַר, וואָס מיט אַ נאַכט פריער איז אין דער פריערדיקער שיף געשטאָרבן אונזער חברטע און זי איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין סולינא. איר טויט האָבן מענטשן גע־פרווט פאַרשווייגן און דעריבער האָבן זיך וועגן דעם פאַרשפּרייט פאַרשידענע קלאַנגען.

יאָ, שרעקלעך איז געווען אונזער „ים־שיף", שרעקלעך און דערדריקנדיק. אירע באַדינער האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון פּראָפעסיאָנעלע פיראַטן. קודם כל האָבן זיי נעפּרעגט, צי מיר האָבן געווער, אויב יאָ — מוזן מיר עס אָוועקגעבן זיי. אונזער געווער איז באַשטאַנען פון... מעסערלעך און טאַשן לעמפּלעך, וואָס אונזערע אי־בערגעגעבענע הגנה־מענטשן האָבן געהאַט. אַך, ווי וויכטיק די דאָזיקע מענטשן זיי־נען איצט געווען! טאָג ווי נאַכט פלעגן זיי האַלטן וואַכן, וואָס האָבן אונז געשיצט פון אָנפאַלן. אַז זיי וואָלטן מיר קיין איין נאַכט נישט געקענט רואיק איבערשלאָפן.

עטלעכע טעג זיינען מיר אַזוי געשטאַנען אין סולינא. מען האָט אונז גע־האַט געזאָגט, אַז דאָ וועט מען אונז אַריבערפירן אין אַן אַנשטענדיקערע שיף, דער־ווייל זיינען מיר ווייטער געפאָרן אינם דאָזיקן צעבראָכענעם קאַסטן. ווייט זיינען מיר אָבער דאַסמאָל נישט אָפּגעפאָרן — אין באַלטשוק האָבן מיר ווידער געמוזט אַנקערן. אַך, באַלטשוק, באַלטשוק! איבער אַנדערהאַלבן חדשים זיינען מיר אין דיין פּאָרט געשטאַנען, פיל משונהדיקע זאַכן האָבן מיר ביי דיר געזען. אַ חתונה איז דאָ געפייערט געוואָרן. צוויי קינדער זיינען דאָ געבוירן געוואָרן. אַ געוויס מיידל האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין די ים־כוואַליעס (מן הסתם האָט איר געפּלאַצט דאָס געדולד), זי איז אָבער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. דאָ האָבן מיר געליטן מוראַדיקע קעלט. אין די רערן איז פאַרפרוירן געוואָרן דאָס וואַסער און דריי טעג כסדר האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו טרינקען. ערשט אויפן פערטן טאָג האָט מען אָנגעהויבן צוצופירן אונז אין אַ וואָגן וואַסער אויף טיי, אַ האַלב גלאָז אויף אַ מענטשן. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר זיך נישט געוואַשן — אַ נס וואָס לסוף איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי. יונגע־לייט פלעגן אַראָפּברענגען שטיקער אייז פון די רעטונגס־שיפן און פלעגן דאָס עסן, כדי צו שטילן זייער הונגער און דורשט. אויסצושווענקען די עס־כלים איז קיין שום מעגלעכקייט נישט געווען. אונזער שפּייז אין יענע שווערע טעג איז געווען — גע־פּראָרן ברויט, ווורשט און קעז, וואָס דער רומענישער פּאַלעסטינע־אַמט האָט אונז געשיקט.

סוף כל סוף זיינען מיר אָפּגעשווומען און געקומען בשלום קיין סטאַמבול. דאָ זיינען מיר געווען געצוווּנגען צו באַהאַלטן זיך אינעווייניק אין דער שיף און נישט צו באַווייזן זיך, חלילה, אויפן דעק. טאָמער וועלן אונז די ענגלענדער פונם פּאָרט באַמערקן. אונזער שיף האָט דאָך די גאַנצע צייט דורכגעמאַכט איר וועג ווי אַ לאַסט שיף, כלומרשט. אָבער מעשה־שטן איז אין סטאַמבולער פּאָרט אויסגע־בראָכן צווישן אונז אַ דעזינטעריע־עפּידעמיע. די מענטשן פלעגן אונטן שטיין אין

א לאנגער ריי, ארויפגיין צו דריי מאן אויפן אויבער־דעק און... פלעגן זיך דארט פארהאלטן לענגער ווי דאס האט זיך געפאדערט, כדי אנצוזעטיקן די אויגן מיטן וואונדערלעכן בילד פון דער באספאר שטאט.

פון די ענגלענדער האבן מיר זיך נישט ארויסגעדרייט. ווי נאר מיר האבן זיך אביסל דערוויטערט פון סטאמבול, האבן אונז דעריאגט צוויי ענגלישע קריגס־שיפן. צום דריטן מאל האט זיך געביטן אונזער שיפס־מאנשאפט. צו אונז אויף דער שיף זיינען ארויפגעקומען פופציק ענגלענדער מיט צוויי אפיצירן בראש. די פרי־ערדיקע מאנשאפט האט אונז איבערגעלאזט בירושה דעפעקטן אין די מאטארן. עט־לעכע חברים אונזערע, וועלכע האבן זיך אויסגעלערנט, זייענדיק נאך אויף דער הכשרה, וויאזוי צו באדינען א שיף, האבן געמוזט לאנג פארקען ביים פארריכטן די פעלערן. די ענגלענדער זיינען געווען רואיקע מענטשן, געניגט צו א פויל לעבן און צו ליידיקגייעריי. אבער ווען אויפן ים האט זיך צעשפילט א שטורעם, האבן די אפי־צירן זיך געפילט פאראנטווארטלעך פאר אונזער לעבן און געצוווּנגען דעם קאפיטאן צו אנקערן ביים אינזל קאס.

אויף מארגן זיינען מיר פון דארטן אפגעפארן און דעם 22־סטן יאנואר 1940 האבן מיר זיך געפונען נאענט פון חיפה. אזוי ווי דערנענטערן זיך צום פארט איז גע־ווען פארבאטן, האבן מיר זיך א גאנצע נאכט ארומגעדרייט און ערשט אינדערפרי האבן מיר געאנקערט אין א פונקט, וואס איז „אויסער די דרייסיק מייל".

ניין טעג זיינען מיר דא געשטאנען און געליטן. פלוצלינג האבן מיר זיך דער־וווּסט, אז מען האלט ביי אריבערפירן אונז — אין הסכם מיט אונזערע פאפירן — קיין פאראגוואי. וואס זאלן מיר טון? וואס קענען מיר דען טון? אין ארץ־ישראל — זיינען צו אונז דערגאנגען ידיעות — פאדערט מען, אז מען זאל אונז באפרייען. מען פאדערט עס ענערגיש און מען קעמפט דערפאר. מיר זיינען דערמיט א ביסל דער־מוטיקט געווארן. באהאלטענע כוחות האבן זיך ביי אונז אנטפלעקט, און ווען צו אונז זיינען ארויפגעקומען די קאנטראל־באאמטע, האבן מיר זיי באגעגנט מיט א שטורמישער פאדערונג: „מיר ווילן קיין ארץ־ישראל!" באלד האט זיך געלאזט הערן א העברעיש געזאנג. די שטימונג איז אבער געווען זייער א דערשלאגענע. אן ערך צוויי הונדערט מאן פון אונז האבן באשלאסן לאזן זיך שווימען צום ברעג — און וואס וועט זיין וועט זיין! די איבעריקע האבן נישט געוווּסט וואס מען הויבט אן צו טון. דער טראנספארט־פירער איז ארומגעגאנגען צווישן די מענטשן און כסדר געטענהט, אז נאך איז די האפענונג נישט אינגאנצן פארלארן און אז דאס איז דער לעצטער האפן פון אונזערע וואנדערונגען.

לסוף האט א שטראל געטון די בשורה: מארגן וועט מען אונז דערלויבן צו לאנדן!

ר ו ת ל.

## „ז כ ר י ה"

15 פעברואר 1940.

נעכטן, שפעט ביינאכט, איז קיין חיפה אנגעקומען די שיף „זכריה". זי האט געבראכט איבער צוויי טויזנט „אומלעגאלע" יידישע עולים. זיי זיינען פארהאלטן געווארן.

מעפּילים דערציילן:

„זכריה" איז אַרויסגעפאָרן פון סולינא אין רומעניע דעם ערשטן פעברואַר 1940. דאָס איז געווען אַ לאַסט־שיף, וואָס איז געבויט געוואָרן אין דייטשלאַנד אין יאָר 1850 און האָט געדינט די טערקן אויף אַריבערצופירן קוילן.

דריי טראַנספּאָרטן עולים זיינען אויף „זכריה" געווען. דער גרעסטער פון זיי האָט אַנטהאַלטן 800 מאַן. דאָס זיינען געווען פּליטים פון טשעכיע, וואָס זיינען אָנגעקומען פון בראַטיסלאַווא מיט דער שיף „סטאַרנאָס". אַ צווייטער טראַנספּאָרט, וואָס איז באַשטאַנען פון פּראַגער ביתר"ים, בערך 500 מאַן, איז אַרויסגעשווומען דעם 15־טן אָקטאָבער מיטן דונאַי אויף צוויי סלאָוואַקישע דאַמף־שיפן, און אין מאָלדאַווע־וואַקא זיינען די פּאַסאַזשירן אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער רומעניש שער שיף „ספּיראַלאַ".

נאָכדעם ווי פון די צוזאָגן, וואָס די אָרגאַניזאַטאָרן פון די צוויי שיפן האָבן געגעבן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך און מען האָט געמוזט האָבן פיל געלט, כדי צו דינגען די „זכריה", איז צו זיי צוגעשטאַנען אַ טראַנספּאָרט פון אונגאַרן, וואָס האָט אויך פאַר זיך באַשטימט אַ טייל פון דער שיף, ווי אויך אַ מאַן 400 פון רומעניע, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פאַרשידענע לענדער. אַ גרויסע פינאַנציעלע שטיצע האָבן געגעבן די יידישע קהילות אין רומעניע און די הילפס־אינסטיטוציעס פון אויסלאַנד.

# „ל י ב ע ר ט א ד"

21 יולי 1940.

מען מעלדעט, אַז אַן אָפּטיילונג פון דער ברעג־וואַך האָט דעם 17־טן יולי געכאַפּט נאָענט פון זכרון יעקב אַ שיף פון 90 טאָן. אין דער שיף האָבן זיך געפונען 380 פּליטים פון די באַלקאַנען. זיי האָבן פאַרלאָזט דעם שוואַרצן ים מיט 35 טעג צוריק. אויף דער שיף האָט געפלאַטערט אַן אורוגווייער פאָן.

## פונם טאָג־בוך פון „ליבערטאַד"

אין יאַנואַר 1940 האָבן זיך אינם פּאָרט פון וואַרנא אויפן שוואַרצן ים פאַרזאַמלט ביי אַכט הונדערט יידן, וואָס זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון בולגאַריע, מענער, פרויען, קינדער און זקנים. צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן חדשים־לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די גרענעצן, ווי אויך אַזעלכע, ביי וועמען מען האָט אָפּגענומען די בירגערשאַפט ערשט נישט לאַנג, אָבער סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָבן באַקומען דעם באַפעל תיכף ומיד צו פאַרלאָזן בולגאַריע.

דאָ זיינען זיי אַריינגעפאַלן צו אַ שיפס־מענטש, וואָס האָט פון זייער אומגליק געוואָלט שלאָגן קאַפּיטאַל. ער האָט געהאַט אַ געמיינע שיף פון 350 טאָן. געווען איז דאָס ווינטער, ביי שאַרפע שטורעמס, אָבער צוליב דער מורא פאַר דער פּאָליציי, וואָס איז איבער זיי געהאַנגען, האָבן די אומגליקלעכע מענטשן לאַנג

נישט געטראַכט און אים געגעבן די געפאָדערטע סומע, אַבי צו פאַרזיכערן זיך אַ פּלאַץ אויף דער שיף.

פאַר ענגשאַפט האָט ער קיין מורא נישט געהאַט. אויף דער שיף איז געווען פּלאַץ פאַר 250 מאַן, אָבער ער האָט אַהין אַריינגעפּירט גאַנצע פינף הונדערט פּאַסאַזשירן. מער האָט אַפילו ער נישט געקענט אַריינשטופּן. די דריי הונדערט איבערגעבליבענע האָט ער צוגעזאָגט מיטצונעמען ביי דער צווייטער רייזע.

דריי חדשים האָבן די איבערגעבליבענע אין ציטערניש געוואַרט, אַז דער שיף־אינהאַבער זאָל צוריקומען. צום סוף האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז ער האָט זיך אָפּגעטראָגן קיין אויסלאַנד און האָט נישט בדעה צוריקצוקומען. אַזוי אַרום האָבן זיי פאַרלאָרן נישט בלויז זייער געלט, נאָר אויך די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן פון דאַנען, ווייל אין דער צווישנצייט האָט די בולגאַרישע רעגירונג פאַרווערט אַזעלכע נסיעות. אָבער איבערבלייבן אויפן אָרט האָט מען זיי אויך נישט דערלויבט.

האָט מען אַזוי לאַנג געזוכט אַ מיטל, ביז מען האָט געפונען. פאַר זיין אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד האָט זיך נעמלעך דער דערמאָנטער שיף־אינהאַבער דערוואָרבן אַ זעגל־שיף, אויף וועלכער ער האָט אויך געהאַט בדעה אַריבערצופירן מענטשן קיין ארץ ישראל. די דאָזיקע שיף איז געלעגן אין זאַמד אויסערן האַפן. האָבן זי די פּליטים איצט קאָנפיסקירט, כדי אויף אַזאַ אופן כאָטש טיילווייז קאָמפּענסירן זייער געלט־שאָדן. וועגן באַנוצן זיך מיט אַזאַ צעפּאָרענער שיף צו דער רייזע האָט קיינער נישט געטראַכט, בפרט אַז עס זיינען אַפילו נישט געווען קיין מיטלען אויף די נויטיקסטע זאַכן, ווי איינצוקויפן פּראָוויאַנט, צו באַצאָלן דעם קאַפּיטאַן און די מאַטראָזן פאַר דער אַרבעט, צו דערווערבן זיך די אַנטשפּרעכנדיקע שיפס־איינריכטונגען א. א. וו. אָבער דאָ האָט זיך ווידער אַריינגעמישט די בולגאַרישע פּאָליציי און געפאָדערט, אַז דאָס נויטיקע געלט אויף באַזאָרגונג זאָל געשאַפן ווערן אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה, אין קעגנפאַל וועלן אַלע פּליטים אַריבערגעוואָרפן ווערן אין קיינעמס לאַנד צווישן די גרענעצן. און אַלע האָבן שוין אויסגעצייכנט געוווסט וואָס אַזעלכע ווערטער באַדייטן!

אין דעריבער באַשלאָסן געוואָרן איינצומאָנען דאָס געלט פון די יעניקע, וואָס זיינען צו דער אונטערנעמונג צוגעשטאַנען נאָך יאַנואַר און האָבן נאָך נישט איינגעצאָלט אויף די רייזע־הוצאות. דאָס איבעריקע האָבן געגעבן דאָס קאָנסיסטאָריום פון די בולגאַרישע יידן און די קהילה פון וואַרנאַ.

די גאַנצע שיף האָט געהאַט 21 מעטער די לענג און 6 מעטער די ברייט. פריער האָט זי געהייסן „שיפקא" — לויטן נאָמען פון אַ היייליק אָרט אין דער געשיכטע פון בולגאַריע. איצט האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן „ליבערטאַד" (באַפרייונג). דער דאָזיקער געהויבענער נאָמען האָט געקלונגען ווי אַ חוזק אין באַצוג צו די דאָזיקע צעפּוילטע ברעטער.

אין איינעם אַ שיינעם יוני־טאָג זיינען געמאַכט געוואָרן די לעצטע הכנות צום אָפּשווימען. שטילערהייט האָט די פּאָליציי ביינאַכט געפירט לאַנגע רייען פון פרויען און מענער, קינדער און זקנים צו אַן ענגן, עפּושדיקן פּי־שטאָל. מיט דער הילף פון ביקסן און זידלערייען האָט מען זיי אַריינגעשטויסן און געלאָזט דאָרט שטיין צונויפגעדריקטע און פאַרשטיקטע אין דער שטינקנדיקער לופט. אינמיטן נאַכט האָט מען זיי איינציקווייז אָנגעהויבן אַרויסצורופן, יעדן לויט זיין נומער

און לויט זיין נאמען, און זיי געפירט צו דער שיף. לאנג איז געווען די רשימה. דריי הונדערט און ניינציק מאן. דאס רוב זיינען עס געווען מענטשן, וואס מיט פארלירן די היים איז ביי זיי צוגענומען געווארן דער חשק צו לעבן. בלויז א קליינער טייל פון זיי האט מיט זיך פארגעשטעלט יונגעלייט, וואס האבן נאך פאר זיך געהאט א צוקונפט.

דעם 18־טן יולי 1940, נאך זעקס וואכן וואנדערונגען און עינויים, איז די שיף „ליבערטאד" צוגעקומען נאענט צום ברעג פון ארץ־ישראל. ווען דער קאפיטאן האט אפגעקערט די שיף צו מערב־צו אויס מורא, אז זי זאל נישט ארויף אויף א מינע־פעלד, האט זיך איינער א חבר צוגעאיילט און... איבערגעפירט דעם מאטאר, וואס האט ביז איצט געארבעט ווי געהעריק. אזוי ארום זיינען מיר ווי דער געבליבן שטיין. מיר זיינען געווען נאענט פון אונזער ציל, אבער צוקומען צו אים האבן מיר נישט געקענט.

פון ברעג איז אנגעקומען א פאליציי־שיפל. ענגלישע פאליציסטן האבן אויסגעפארשט די לייטונג און קאנטראלירט די דאקומענטן. לסוף האט מען צוגעבונדן די „ליבערטאד" צו זייער שיפל און זי געשלעפט צום חיפהער פארט.

צוויי מאל האבן די שטריק אין וועג געפלאצט. ווי יעדע זאך אין „ליבערטאד" — זיינען אויך זיי דערגאנגען דער גרענעץ פון זייער מעגלעכקייט. אויך דער פארזשאווערטער רודער איז איבערגעפירט געווארן. געשלעפט פונם פאליציי־שיפל איז „ליבערטאד" שפרינגענדיק איבער די כוואליעס מיט אירע הונגעריקע, אויסגעפייניקטע פאסאזשירן סוף כל סוף אנגעקומען צום חיפהער פארט.

מ א ר ק א  נ ת ן

# אן א וועג און אן א שטעג

## אין שיפלעך אויפן פארפרארענעם דונאי

בוקארעשט, 8 יאנואר 1940.

600 פוילישע יידן ליידן הונגער אויף א טערקישער שיף, וואס שטייט אינם אויסגאנג פון דונאי. די טערקישע רעגירונג האט מיט צוויי וואכן צוריק נישט דער־לויבט דעם שיפס־קאפיטאן צו פירן די פליטים קיין ארץ־ישראל. דאס וואסער פונם דונאי איז פארפרארן געווארן און מען קען צו דער שיף נישט צוקומען אנדערש ווי מיט אן אייזברעכער. מען גיט איבער, אז צווישן די פליטים זיינען דא פיל קראנ־קייטס־פאלן.

לאנדאן, 7 פעברואר 1940.

היינט האט מען געפרעגט מאלקאלם מאקדאנאלדן אין פארלאמענט, צי ווייס ער, אז בערך 2000 יידישע פליטים זיינען איבערגעלאזט געווארן אין שיפלעך אויפן טייך דונאי, דער עיקר דערפאר, וואס די שיפן־אייגנטימער זיינען אויסגע־שטעלט דערויף, אז מען וועט קאנפיסקירן זייערע שיפן און ארעסטירן זייערע מא־טראזן, אויב מען וועט זיי כאפן נאענט פון די ארץ־ישראל־ברעגעס. צי וועט דער מיניסטער, נעמענדיק דאס אין באטראכט, באווירן די פראגע וועגן מבטל מאכן די גזירה אויף א צוגאב־עליה קיין ארץ־ישראל, כדי צו ראטעווען די אויבנדערמאנטע פליטים?

מאקדאנאלד האט אין זיין ענטפער דערקלערט, אז ער קען נישט מסכים זיין אויפן דאזיקן פארשלאג, ווייל די געווינלעכע מאטיוון קעגן דער אומלעגאלער עליה זיינען אין דער מלחמה־צייט נאך באדייטנדיק שטארקער, נעמענדיק אין אכט די סכנה, אז דעם שונאס שפיאנען קענען אויפן דאזיקן וועג אריינקומען קיין ארץ־ישראל.

## די העפלה־ליידן

דעם 6־טן יוני זיינען געכאפט און ארעסטירט געווארן ביים צאל־אמט אין ראש־פינה צוויי יידן פון דייטשלאנד און איינער פון פוילן. זיי זיינען געבראכט געווארן אין דער צפתער תפיסה און דעם זעלבן טאג איז פארגעקומען זייער משפט ביים פרידנס־ריכטער. זיי האבן באקומען 15 טעג ארעסט.

דעם זעלבן טאג זיינען געכאפט און ארעסטירט געווארן אין זעלבן ארט איין ייד פון טשעכיע, וועלכער האט זיך א געוויסע צייט געפונען אינם קיבוץ שבחיאם וואליד, און צוויי מיידלעך, וואס האבן זיך פארהאלטן אין דפנה. שבת, דעם 8־טן

יוני, זיינען זיי געבראכט געווארן אין דער צפתער תפיסה. דער פרידנס ריכטער האט זיי באשטראפט מיט 15 טעג ארעסט. זיי זיינען אבער באפרייט געווארן קעגן א גאראנטיע פון די מוכתרים פון די דערמאנטע קיבוצים.

ס'זיינען אויך געכאפט געווארן זעקס אנדערע יידן דעם 11־טן און דעם 13־טן יוני. אויך זיי האבן באקומען די זעלבע שטראף וואס די פריערדיקע מעפילים.

אינם אויבן־דערמאנטן פונקט איז אויך פארהאלטן געווארן א מיידל און א ייד פון אונגארן, וואס איז אריינגעקומען אין לאנד מיט אכט יאר צוריק אלס טוריסט און געפינט זיך איצט אין קיבוץ דן. אויך זיי האט מען שבת געבראכט אין צפתער תפיסה און באשטראפט מיט 15 טעג ארעסט אדער מיט א געלט־שטראף פון פינף פונט.

אלע דערמאנטע ארעסטירטע זיינען מעפילים, וועלכע זיינען אריינגעקומען אין לאנד אדער מיט א זעגל־שיף אין אפריל 1939, אדער מיט דער שיף „נעמי יוליא" אין אקטאבער 1939. די דאזיקע אלע מענטשן האבן באקומען שטראפן נאך אלע צרות און יסורים, וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען ביזן אנקומען אין לאנד. עס איז מיר נישט פארשטענדלעך, פארוואס די פאליציי האט זיי צוגעצויגן צו געריכט־לעכער פאראנטווארטלעכקייט. ס'האט דאך שוין אויסגעזען, אז די מאכט האט באשלאסן נישט איבערצוגעבן זיי דעם געריכט און זיך באגנוגענען דערמיט, וואס מען האט זיי פארהאלטן אין די אינטערנירונגס לאגערן פון צריפין. ווייל אנדערש וואלט דאך דאס לייכטער געווען צו טון, ווען זיי האבן זיך אלע געפונען צוזאמען אין איין ארט, און נישט זיי פריער באפרייען, פונאנדערלאזן זיי גרופנווייז און ערשט דערנאך זיי ווידער ארעסטירן און צוציען זיי צו געריכטלעכער פאראנטווארטלעכקייט נאך א פארלויף פון א גאנץ יאר צייט!

יצחק משה זילבער

# די סדרה קלאדאווא

אנגעהויבן האט זיך די דאזיקע סדרה אין הארבסט 1939, ווען די יידישע קהילות אין די היטלעריסטישע אקופאציע־געביטן האבן באקומען די „שיינע" בשורה, אז פאר די יידן איז באשטימט געווארן א „נאציאנאלע היים" אין לובלין און זיי זיינען דורך דער מאכט אויפגעפאדערט געווארן צוצושטעלן די ערשטע טראנספארטן. א גרויסע יידישע קהילה — איינע פון די גרעסטע — האט ארויס־געלאזט אן אויפרוף, אז מען זאל זיך באזעצן אינם נייעם ארט. ס'רוב קהילות האבן אבער נישט געוואלט הערן דערפון און דערקלערט, אז זיי וועלן נישט מיט־העלפן צו ארגאניזירן די טראנספארטן. די יעניקע, וואס האבן געזוכט צווישן די יידן ארויספיר־קאנדידאטן, זיינען אויפמערקזאם געווארן אויפן עסטרייכישן „החלוץ", וועלכער האט דאן קאנצענטרירט, אין די דארטיקע הכשרה־קיבוצים הונ־דערטער חברים. דער „החלוץ" ציילט בערך 1000 מיטגלידער און איז א געהער־יקער מאטעריאל פאר אזא מין אקציע, האט מען געזאגט. זיינע מיטגלידער זיינען דעריבער אויפגעפאדערט געווארן צו מאביליזירן זיך.

די דאזיקע גזירה האט אנגעווארפן אן אימה אויף הונדערטער חברים. ס'איז אונטערגעגאנגען זייער לעצטע האפענונג צו פארן קיין ארץ־ישראל. פארצווייפלטע

רופן צו ראַטעווען זיי האָבן אויפגערודערט די צענטערן פון דער באַוועגונג אין די שכנותדיקע לענדער. ס'איז געווען קלאָר, אַז מען מוז תיכף ומיד זוכן עצות, אין קעגנפאַל וועט פאַרניכטעט ווערן אַ גאַנצע באַוועגונג.

דערווייל האָט מען שוין אָנגעהויבן אויסצופירן די איבערזידלונג. צענדליקער חברים זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין לובלין. דער איינציקער רעטונגסוועג איז געווען — שנעל און ענערגיש צו אָרגאַניזירן אַן אַקציע פון אַרויספירן חברים קיין אויסלאַנד. צום גליק, איז אונז געלונגען פועלן ביי דער מאַכט און ביי דער קהלה זיי זאָלן באַפרייען די חברים פון דער מאָביליזאַציע בתנאי, אַז זיי וועלן אַרויסגעפירט ווערן קיין אויסלאַנד. סוף נאָוועמבער איז אָנגעקומען אַ דערמונטערנדיקע ידיעה: אַלע זיינען זיי אַרויף אויף אַ שיף, וואָס דאַרף זיי אַפּפירן ביזן דונאַי־אויסגוס. באַלד איז אָבער אָנגעקומען אַ שלעכטע ידיעה: די שיף־געזעלשאַפט וויל זיי נישט פירן, זי שטעלט זייער שווערע באַדינגונגען, די שמחה איז אַזוי אַרום ווידער צעשטערט געוואָרן. ווײ־ווײ, וויפיל נערוון מיר האָבן עס דעמאָלט פאַרלאָרן, ווען איבער די קעפּ פון די חברים איז געהאָנגען די פאַרניכטונג. אַ נס, וואָס סוף כל סוף איז געפונען געוואָרן אַן אויסוועג און די געזעלשאַפט האָט מסכים געווען אויף אונזער פאָרשלאָג.

אויף מאָרגן האָט אונז ווי אַ דונער געטראָפן די ידיעה, אַז די שיף איז טאַקע אָנגעקומען אין דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָט, אָבער דאָרט האָט זי באַקומען אַ באַפעל צוריקצושווימען קיין דייטשלאַנד צוליב דער סכנה, אַז דער אייז וועט אומעגלעך מאַכן דעם שיפס־פאַרקער אויפן דונאַי. דער ווינטער האָט זיך שוין געלאָזט פילן און דער שיף האָט געדראָט צו בלייבן שטעקן אינם אייז אויסער די דייטשע גרענעצן. די חברים זיינען געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן און זיינען געוואָרן פאַרצווייפלט. אייניקע פון זיי האָבן פּרובירט באַגיין זעלבסטמאָרד און אַנדערע האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן טון דאָס זעלבע און וואַרפן זיך אין דונאַי. חברים־שליחים האָבן זיך אַ לאָז געטון צו ראַטעווען און גלייכצייטיק באַוויזן אויך צו באַווירקן די יוגאָסלאַווישע יידן, אַז זיי זאָלן מיטהעלפן דערין. מען האָט געשאַפן אַ געוויסן סכום געלט, כדי צו ברענגען עטלעכע יוגאָסלאַווישע שיפן, וואָס זאָלן אַריינעמען די חברים און באַפרייען די צוריקערנדיקע שיף. אָבער אויך דאָס אַריבערפירן די חברים אויף די יוגאָסלאַווישע שיפן איז אָנגעקומען מיט אומגעהויער אָנשטרענגונגען. מען האָט געמוזט ברעכן געזעצן און בייקומען מאַכט־אָרגאַנען. ס'איז שווער זיך פאַרצושטעלן דאָס געפיל פון דערלייכטערונג, ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די חברים זיינען שוין אַריבער אויף די יוגאָסלאַווישע שיפן.

איצט זיינען מאָביליזירט געוואָרן יידישע דאָקטוירים, וועלכע האָבן זיך זייער גערן און ברידערלעך אָפּגערופן. מען האָט צוגעגרייט מעדיקאַמענטן, דורכגעפירט אַ דעזינפעקציע און אַ גרונטלעכע רייניקונג. די שמחה און די התלהבות האָבן נישט געהאַט קיין גרענעץ. די ערשטע נאַכט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערלעכע, גרויסאַרטיקע סעודה. נאָכדעם האָט מען געזונגען לידער און געכאַפּט אַ טענצל. די מאַנשאַפט און די אָפיצירן זיינען געווען גאַנץ גערירט, צוזעענדיק דאָס דאָזיקע בילד.

די שיפן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום,

איידער זיי זיינען נאָך צוגעקומען צו דער רומענישער גרענעץ, האָט מען מודיע געווען, אַז די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרפליכטעט אַריבערצופירן די מענטשן, האָט צוליב די געשאַפענע ווינטער־באַדינגונגען חרטה באַקומען. ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז די חברים וועלן מוזן פאַרברענגען די ווינטער־חדשים אין די שיפן, ווייל די באַוועגונג אויפן דונאַי האָט זיך אָפּגעשטעלט. די שיפן האָבן זיך געפונען 1300 קילאָמעטער ווייט פונם דונאַי־אויסגוס און ס׳איז נישט געווען די מינדסטע האָפענונג, אַז דער דאָזיקער וועג זאָל דורכגעמאַכט ווערן בשלום. אַ דאַנק זייער דרייסטקייט איז די שטייערלייט געלונגען צו ברענגען די שיפן אין אַ ווינטער־האַפן, אַן אויסגוס, וועלכער איז פון אַלע זייטע געווען געשיצט פאַר די אייז־קריעס, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן אַרומשווימען איבערן וואַסער, און דאָרטן אָנקערן. דער וועג, וואָס פלעגט געוויינלעך דויערן דריי שעה, האָט איצט געדויערט 18 שעה. ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין קלאַדאָוואָ, אין איר ווינטער־האַפן, האָבן די שטייערלייט פון די שיפן געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי האָבן אָפּגעראַטעוועט טויזנט מאַן פון אַ גרויסער געפאַר.

דערווייל האָט מען זיך אינם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם ווינקל געדאַרפט צוגרייטן צום ווינטער. מיט שלעפּ־שיפן האָט מען געבראַכט צו פירן פערציק וואַגאָן קוילן, שפייז, בוי־מאַטעריאַלן. דער ווינטער האָט זיך געלאָזט פילן. אַ שניי האָט באַדעקט דעם אַרום און דאָ, אינם קליינעם, געשיצטן איינגוס, האָבן אומבאַמערקט פון מענטשן, אין רעכטן אייז געאַנקערט דריי שיפן און אַ לאַסט־שיפל. אַ הילצערנע קלאַטקע האָט זיי פאַרבונדן מיטן ברעג. קלאַדאָוואָ גופא איז געווען ווייט פון אַ ישוב. די נאָענטסטע באַן־סטאַציע האָט זיך געפונען 55 קילאָמעטער ווייט פון זיי. דורך די שניי־וועגן האָט מען געקענט אַהער צוקומען נאָר מיט שליטנס. די פאַרבינדונג מיט דער וועלט און דאָס באַזאָרגן שפייז פאַר טויזנט מאַן האָט געקאָסט זייער פיל אָנשטרענגונג. דאָס קאָלעקטיווע לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט אויך געפאָדערט אַן אויסערגעוויינלעך־שטאַרקע און סטאַבילע דיסציפּלין.

מען האָט געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז ווען דער שניי וועט סוף פרילינג לאָזן, וועט מען קענען ווייטער פאָרן. די אַלגעמיינע שטימונג איז געווען אַ גוטע. אויך דער געזונט־צושטאַנד איז נישט געווען קיין שלעכטער. פון צייט צו צייט פלעגן, פאַרשטייט זיך, אויך טרעפן קראַנקייטס־פאַלן.

דאָס לאַגער־לעבן איז געווען גאַנץ אינהאַלטסרייך. ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קולטור־טעטיקייט. עס זיינען געשאַפן געוואָרן גרופּן צו לערנען די העברעישע שפּראַך. עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן רעפעראַטן, און אָוונטן, עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן לעבעדיקע צייטונגען.

די אַרטיקע מאַכט האָט זיך צו די מעפּילים באַצויגן גינסטיק און מיטגעהאָלפן לייכטער צו מאַכן זייער גורל. נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון אויבן, האָט מען טאָג־טעגלעך דערלויבט 100 חברים (פאַקטיש — 200־300) צו באַזוכן דעם פּאָרט.

סוף ווינטער, ווען די זון האָט אָנגעהויבן צו וואַרעמען און די קעלט האָט אָפּגעלאָזט, איז אין לאַגער געוואָרן אַן אַנדערע שטימונג. ס׳האָט גענומען פייניקן די פראַגע: וואָס וועט ווייטער זיין? ווען וועלן מיר אַרויס פונדאַנען? און וווהין וועלן מיר גיין? מען האָט אויפגעהערט זיך צו פאַרווילן. דער קאָפּ איז שוין נישט

געווען צום לערנען. די גאַנצע קולטור־אַרבעט איז איינגעשרומפּן געוואָרן. די נערוון־שפּאַנונג האָט אַלץ באַזייטיקט. דערווייל האָט מען די שיפן אוועקגעפירט פונם ווינטערדיקן האַפן אין אַ זומערדיקן.

*

מיט דער צייט האָט מען געמוזט באַפרייען דעם דאָזיקן גרויסן לאַגער פון די שיפן און פון זייערע מאַנשאַפטן. מען האָט געבראַכט אַ גרויסע שיף פון רומעניע, וואָס איז צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר טויזנט מאַן — פאַר אַ שלאָף־זאַל, אַן עס־זאַל, לייען־צימערן אאַ"וו. מיטן איבערגיין צו אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן זיינען אויך געשאַפן געוואָרן נייע אַרבעטס־געביטן, און אַרבעטן איז דאָך געווען אַ מוז־זאַך פאַר מענטשן מיט אַזאַ שטימונג. אויסשליסלעך אַלע אַרבעטן אויף דער שיף זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך די חברים גופא. אויך דער שוסטער־וואַרשטאַט, דער שניידער־וואַרשטאַט, די וועשעריי אאַ"וו האָבן באַשעפטיקט פיל מענטשן.

זומער איז דער גאַנצער לאַגער אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער יבשה. דאָרטן זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן באַראַקן און פּאַלאַטקעס. די מענטשן זיינען אַרויס פון דער שוידערלעכער ענגשאַפט און האָבן געשאַפן שכונות פאַר די באַזונדערע גרופּן לויט די באַוועגונגען און די אָפּשטאַמנדיקע קהילות *).

אויגוסט 1940.

ב ן ה צ פ ו ן

# די „פּענטשאָ"־געליטענע

רוים, 27 אָקטאָבער 1940.

די טעלעגראַפן־אַגענטור „סטעפּאַני" מעלדעט פון ראָדאָס, אַז איטאַליע האָט באַשטימט איינעם פון אירע אינזלען אַלס רעטונגס־אָרט פאַר אַ גרויסע גרופּע יידישע פּליטים (אַרום 400 מאַן) וועמענס שיף איז אונטערגעגאַנגען אויפן עגעיש ים (עס האַנדלט זיך וועגן דער שיף „פּענטשאָ", וואָס איז צעשמעטערט געוואָרן ביי די פעלזן פונם גריכישן אינזל קאַמילאַ, דעם 9־טן אָקטאָבער 1940).

דערציילט אַ מעפּיל:

די 245 טאָניקע שיף „פּענטשאָ" איז אַרויס פון בראַטיסלאַווע דעם 18־טן מאַי 1940 מיט 409 מעפּילים אונטער דער בולגאַרישער פאָן. אַלע מעפּילים זיינען געווען פּליטים פון סלאָוואַקיי, על פּי רוב יונגעלייט, צוגעפּאַסטע צו פיזישער אַרבעט, צווישן זיי פיל פּאַבליים.

נאָך צען טעג זיינען מיר אָנגעקומען צום יוגאָסלאַווישן ברעג באַזדאַן. דאָרט זיינען מיר געשטאַנען 14 טעג און אויף דער שיף זיינען אַרויפגעקומען נאָך הונדערט מעפּילים פון די דייטשע פּליטים (מיט פּוילישע פּעסער). אויף דער שיף האָבן זיך אויף אַזאַ אופן געפונען: 362 מענער, 120 פרויען און 27 קינדער. ביי אַ הונדערט מאַן בערך זיינען געווען אין עלטער פון איבער די פערציקער.

*) אינם דאָזיקן אָרט האָבן זיי זיך געפונען גאַנצע צוויי יאָר, ביז וואַנען די נאַציבאַנדעס האָבן אויך דאָ פאַרשפּרייט זייער ממשלה. דאָ האָבן זיי חרוב געמאַכט דעם לאַגער און זיינע אַלע איינוווינערס פאַרניכטעט.

אין יוני זיינען מיר צוגעקומען צום רומעניש ברעג, אָבער די רומענער האָבן אונז נישט דערלויבט פאָרן ווייטער און אונז צוריקגעקערט צום יוגאָסלאַווישן ברעג. מיר האָבן געאַנקערט אין דאַברא. אין צוויי חדשים שפּעטער האָט די יוגאָסלאַווישע רעגירונג, געשיקט אַ מאָטאָר־שיפל, וואָס האָט באַגלייט די „פּענטשאָ" דורכן אייזערנעם טויער ביזן דונאַי און האָט אונז דאָרט איבערגעלאָזט אויפן טייך ביי דער יוגאָסלאַוויש־בולגאַרישער גרענעץ.

די בולגאַרן האָבן אונז אַרויסגעטריבן פון ווידין און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן קיין לאָם. נאָך אַכט טעג שווימען איבערן דונאַי, זיינען מיר ווידער אָנגעקומען צו אַ רומענישן ברעג. אין זשאַרזשיא־פּאָרט האָבן מיר זיך באַזאָרגט מיט הייץ־מאַ־טעריאַל און לעבנס־מיטלען. ביים וואַנדערן איבערן דונאַי האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די מענטשן פון „פּאַטריא". צום סוף האָבן מיר געאַנקערט אין סולינאַ.

דאָ האָט מען אונז דערלויבט צו פאַרריכטן אונזער שיפל און דעם 21־סטן סעפּטעמבער זיינען מיר אַרויסגעשוואומען אויפן שוואַרצן ים אין דער ריכטונג פון סטאַמבול, אָבער די טערקן האָבן אונז נישט דערלויבט צו פאַרהאַלטן זיך ביי זייערע ברעגעס און האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן שיסן.

מיר זיינען געווען געצוווּנגען ווייטער צו פאָרן ביז מיר זיינען אָנגעקומען צום גריכישן אינזל מיטלינאַ. דאָ האָבן מיר באַקומען ברויט און וואַסער. ביים אי־טאַליענישן אינזל סטעמפּאַנאַליאַ איז „פּענטשאָ" פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַן אי־טאַליענישער קריגס־שיף. מען האָט אונז אַרויסגעפירט אויף דער יבשה און ביי אונז געמאַכט אַ רעוויזיע. אויף מאָרגן איז אָבער אונזער שיף באַפרייט געוואָרן און זי איז אָפּגעשוואומען אין דער ריכטונג פון קרעטאַ.

דעם 9־טן אָקטאָבער האָט געפּלאַצט אַ רער פונם דאַמף־קעסל, און די שיף האָט ווייטער נישט געקענט פאָרן. צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז זי געוואָרפן געוואָרן דורך די כוואַליעס ביז זי איז פאַרוואָרפן געוואָרן צום גריכישן אינזל קאַמילאָ (וועלכער איז באַזעצט דורך די איטאַליענער). מיט דער הילף פונם איינציקן רעטונגס־שיפל, וואָס האָט זיך אויף דער שיף געפונען, זיינען די פּאַסאַזשירן אַרי־בערגעפירט געוואָרן אויפן וויסטן, פעלזיקן אינזל.

פיר מעפּילים זיינען צוזאַמען מיט אַ טערקישן מאַטראָז אָפּגעשוואומען פונם אינזל מיט אַ רעטונגס־שיפל און געוואָלט צוקומען צום אינזל קרעטאַ, כדי צו אָפּפי־רן וועגן הילף פאַר זייערע חברים אויפן אינזל. גאַנצע צוויי טעג האָבן זיי דאָס שיפל געטריבן, צוליב די שטורעם־ווינטן האָבן זיי אָבער אינגאַנצן פאַרלאָרן די כוחות. זיי האָבן מער נישט געקענט רודערן און זיינען דעריבער פאַרוואָרפן געוואָרן ערגעץ אויפן אָפענעם ים, ווייט פון זייער ציל. דעם 14־טן אָקטאָבער האָט זיך איבער זייערע קעפּ באַוויזן אַן אַעראָפּלאַן. דערנאָך האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף דעם ענגלישן פלאָט, און זיי זיינען, צעבראָכענע און רעזיגנירטע, אַרויפגענומען געוואָרן אויף דער קריגס־שיף „נאַוויאַן". דאָרט האָבן זיי באַלד געבעטן צו טעלעגראַפירן וווּ נאָר ס'איז מעגלעך וועגן דעם גורל פון די מענטשן, וועלכע זיינען איבערגעבליבן אויפן אינזל „קאַמילאָ". זיי גופא זיינען געבראַכט געוואָרן מיט דער „נאַוויאַן" קיין אַלעקסאַנדריע אין אַ געפאַנגען־לאַגער און דאָ זיינען זיי אַריינגעטראָטן אין טשעכישן מיליטער.

דעם 20־טן אָקטאָבער האָט דער איטאַליענישער פלאָט אַנטדעקט די „פּענ־טשאָ"־פּאַסאַזשירן אין קאַמילאָ און האָט זיי אַריבערגעפירט קיין ראָדאָס.

30 דעצעמבער 1940.

דער פֿאַרבאַנד פֿון טשעכאָסלאָוואַקישע עולים האָט באַקומען אַ ידיעה: די „פּענטשאָ"־געליטענע זיינען געבראַכט געוואָרן אויפֿן אינזל ראָדאָס און זיי געפֿינען זיך דאָרטן ווי קריגס־געפֿאַנגענע. איצט איז זיי דערלויבט געוואָרן צו שיקן בריוו דורכן אַמט פֿאַר קריגס־געפֿאַנגענע (פֿון ראָדאָס, זיינען זיי איבערגעפֿירט געוואָרן קיין איטאַליע. וווּ זיי זיינען פֿאַרבליבן ביזן סוף פֿון קריג).

## אויף אַן איינזאַמען אינזל

10 אָקטאָבער 1940.

ווי נאָר דער טאָג האָט אָנגעהויבן צו גרויען, האָבן מיר מיט שרעק זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונם טויט־שלאָף. מיר רייבן זיך די אויגן. איז דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן ביינאַכט איבערגעלעבט אַ חלום? ניין, דאָס איז די נאַקעטע ווירקלעכקייט! דער בראָך איז געקומען! דאָרטן, אונטן, איז „פּענטשאָ" באַשעדיקט געוואָרן. די ים־כוואַליעס האַקן אין איר אַן אויפֿהער און שמייסן ביזן אויבער־דעק. טויב הילכן אָפּ די כסדרדיקע קלעפּ פֿון דער שיף ביים אָנשטויסן זיך אין די פֿעלזן פֿון ברעג.

דורך אַ ברעט, וואָס איז אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן צו דער שיף, לויפֿן אונזערע מענטשן, כאַפּן זיך אַריין אין אינערלעכן טייל פֿון דער שיף, וואָס ווערט פֿאַרפֿלייצט, און קערן זיך אום מיט זייער לעצט ביסל בעבעכעס... אינדערהויך, אויף אַ בערגל, האָט מען פֿונאַנדערגעלייגט אַ פֿייער, פֿון וועלכן עס קנוילט זיך אַ שוואַרצער רויך ביזן הימל, כדי צו ווענדן אויף אונז די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די שיפֿן.

ביינאַכט זיינען שוין אָנגעקומען אויפֿן אָרט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע די פּאַסאַזשירן פֿונם רעטונגס־שיפֿל, וואָס זיינען געפֿאָרן צו באַטראַכטן דעם אינזל. זיי האָבן אונז איבערגעגעבן, אַז דער אינזל איז זייער קליין און אָן מענטשן: און ווירקלעך, ביים ליכט פֿונם טאָג קען מען זיך דערין איבערצייגן: דער אינזל, ביי וועמענס ברעגעס מיר געפֿינען זיך, איז אַמהעכסטן דריי קילאָמעטער די לענג און דריי הונדערט מעטער די ברייט. ער באַשטייט אינגאַנצן פֿון פֿעלזן און שטיינער. מען זעט נישט קיין סימן פֿון קיין בוים. ווו נישט ווו סטאַרטשעט בלויז אַרויס פֿון אַ פֿעלזן־שפּאַלט אַ מין דאָרן... דער אינזל איז אינגאַנצן וויסט, און בלויז מיר וועקן אויף אים איצט אויף אַ שטיקל לעבן. מיר זאַמלען שטיינער, לייגן זיי איינעם אויפֿן צווייטן, כדי זיי זאָלן אונז שיצן פֿון שטורעם ווינטן. אָט אַזוי ווערן געבויט אונזערע ערשטע פּרימיטיווע „וווינונגען".

צוויי בערגלעך הויבן זיך אויף אינמיטן אינזל (ער הייסט „קאַמילאָ־ניסי" — אַזוי האָט אונז געזאָגט אַ מאַטראָז). אויף איינעם פֿון זיי האָבן מיר אויפֿגעשטעלט די געוועזענע מאַשט פֿון „פּענטשאָ" און צוגעפֿעסטיקט צו איר אַ ריזיקן שטיק ווייסן לייוונט, וואָס זאָל דינען ווי אַ „ס.אָ.ס."־פֿאָן. דערווייל שלעפּן אַרויס די יונגעלייט פֿון דער אומגליקלעכער שיף, וואָס האַלט ביים דערטרונקען ווערן, אַלץ וואָס עס לאָזט זיך: וואַליזעס, קאַסטנס, קערבלעך, זעק מיט שפּייז־אַרטיקלען, דער עיקר מאַקאַראָנעס, טרינק־וואַסער אין עמערס און בלעכן, האָלץ...

אָבער וואָס וועט זיין דער סוף מיט אונז? קיין שיף זעט מען נישט אַרום

און שפּייז האָבן מיר בלויז אויף עטלעכע טעג. וועגן וואַסער איז שוין אָפּגערעדט — מאַרגן־איבערמאָרגן ענדיקט זיך עס.

דעם ערשטן טאָג האָב איך און מײַנע צוויי חברים פאַרבראַכט אין אײַנ־אָרדענען זיך ווי עס איז אַ שטיקל מקום־מנוחה און אין אַרומצוימען אים מיט שטיינערנע ווענטלעך. דאָן זײַנען מיר אַרײַנגעדרונגען אין דער „פּענטשאַ", וואָס שטייט כמעט ליידיק, און געזוכט פאַרשידענע פאַרוואַלגערטע זאַכן, וואָס וועלן אונדז צו נוץ קומען ביים אײַנאָרדענען אונדזער צוקונפטיק „ראָבינזאָן"־לעבן.

די נאַכט קומט אָן. מיר האַלטן אונטער דאָס פּייער מיט נאַפט, און עס צעד־פלאַקערט זיך יעדעס מאָל ביזן הימל. אין פאַרשידענע פּונקטן פון אינזל שטעלן מיר פונאַנדער וואַכן, וועלכע בייטן זיך יעדע צוויי שעה. באַוואָפנט אין פעלד־לאָר־נעטן, קוקן די וועכטער אין די ים־ווײַטקייטן — אפשר וועט זיך באַווײַזן אַ שיף, וואָס זאָל אונדז קומען צו הילף. צען אַזייגער האָט עמיצער באַמערקט אַ ליכטיקן פּונקט אויפן האָריזאָנט. אַלע קוקן אין יענער ריכטונג. יאָ, דאָרט איז דאָ אַ ליכ־טיקער פּונקט און איצט ציטערט ער אַ ביסל... דאָס איז זיכער אַ שיף — מיר זײַ־נען געראַטעוועט! מיר כאַפּן אַרויס האַלאַוועשקעס פונם פּייער און באַוועגן זיי פיבערהאַפט: מיר שרייען, רופן און פּייפן מיט אַלע כוחות. אויך דער גלאָק פון דער שיף לאָזט זיך הערן. ערשט אין אַ האַלבער שעה אַרום קומען מיר אַלע צו דער איבערצייגונג, אַז דער ליכטיקער פּונקט איז נישט מער ווי אַ שטערן, וואָס באַוועגט זיך לאַנגזאַם פאַרויס אין זײַן הימל־וועג.

11 אָקטאָבער.

אַ פרייד־געשריי וועקט מיך אויף פון שלאָף. וואָס איז ווידער געשען? עמי־צער האָט געגישטערט אין אַ פעלזן־שפּאַלט און געפונען וואַסער. טיף אין דער ערד האָט מען אַנטדעקט אַ קוואַל און אַ חבר שעפּט עס איצט מיט דער הילף פון אַן עמער אויף אַ לאַנגן שטריק. מיר פאַרזוכן די טײַערע פליסיקייט. ס'איז, וואָס אַן אמת, נישט געשמאַק און געזאַלצן, צום קאָכן איז עס אָבער גוט. אַזוי אַרום ווערן מיר פּטור פון דער גרעסטער זאָרג.

די זון הענגט אין דער הימל־בלויקייט און טיילט איר ליכט־גענאָד מיט דער פולער האַנט. אונדזערע ראָבינזאָנען האָבן זיך אײַנגעאָרדנט מיט דער הילף פון ליי־לעכער, קאָלדרעס, בלעטער און שטיינער צייטווײַליקע „וווינונגען", ווו זיי זיצן און קוקן מיט אָנגעשטרענגטע בליקן ווײַט־ווײַט אין ים אַרײַן. מיטאָג־צײַט שטייען מיר אין אַ לאַנגער ריי פאַר דער צייטווײַליקער קיך. ווער ווייס ווי לאַנג מיר וועלן נאָך קענען קאָכן?... אויך דאָס, וואָס מיר באַקומען איצט, איז ווײַט פון אָנזעטיקן זיך.

דערווײַל באַשליסט די לאַגער־לייטונג צוצוגרייטן צו אַ לאַנגער נסיעה דאָס וויעסלע־שיפל, וואָס איז נאָך פאַרבליבן. אויף אים לייגן מיר אַלע האָפענונגען. אונ־זער ציל איז צו דערגרייכן אויף אים איינעם פון די קרעטאַ־אינזלען, וואָס ליגט בערך 60 קילאָמעטער צו דרום־צו. דאָרטן וועט שוין אַלץ געטון ווערן, אַז די וועלט זאָל זיך דערוויסן וואָס מיט אונדז איז געשען און וועט מאָביליזירן הילף. און אָט גייען אין אים אַראָפּ אונדזער טראַנספּאָרט־לייטער, 2 מיטגלידער פון דער געווע־זענער שיפס־לייטונג, דער שטייערמאַן פון „פּענטשאַ" און אַ טערקישער מאַטראָז.

מיר שטויסן זיי אָפּ פונם אָרט און זיי נעמען זיך פאַר די וויעסלעס. לאַנג־לאַנג באַגלייטן זיי אונזערע בליקן, ביז זיי ווערן לאַנגזאַם פאַרשווונדן.

בעת איינעם פון מיינע „אויספלוגן" געפין איך אויפן ברעג פון דער צווייטער זייט אינזל אַ הייל, וואָס די ים־כוואַליעס האָבן אין משך פון דער צייט אויסגע־פורעמט. איך ווייז זי מיין פריינט און באַלד טראָגן מיר אַהין אַריבער אַלע אונ־זערע זאַכן. צווישן די ווענט פון דער דאָזיקער פעלזן־הייל פאַרנעמען מיר אַ „דירה מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן". און פונקט איז היינט ערב יום־כפור! אַבי מיר האָבן געהאַט געגלויבט, אַז יום־כפור וועלן מיר פייערן אין ארץ־ישראל. איך טו אָן מיין בעסטן אָנצוג, אַ ניי העמד און אַ גרויען קראַוואַט. דערנאָך גייען מיר און ברענגען די „סעודה המפסקת" — קאַרטאָפל אין אַ שאַרפן סאָס...

אַוונט־צו שטעלן זיך אַוועק אַלע ים־פּליטים צו „כל נדרי" — „יעלה קולנו מערב"...

12 אָקטאָבער.

מיר שטייען אויף גאַנץ פרי און פאַלן אַריין אין דער בלייבער פרימאָרגן־ליכטיקייט: יום־כפור! קיינמאָל האָבן מיר נאָך אַזוי נישט אויסגעגאָסן אונזער האַרץ און אונזערע תפילות ווי אין דעם דאָזיקן טאָג. דאָרטן, אויפן בערגל, ביי דער מאַשט־פּאָז, וואָס רופט נאָך הילף, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די ספר תורה, וואָס מיר האָבן אָפּגעראַטעוועט פון דער שיף. אַרום זאַמלען זיך יום־טובדיק גע־קליידעטע מענטשן, און בעטן גאָט. דער תענית? — דערצו זיינען מיר שוין גע־וווינט זינט חדשים.

נאָכמיטאָג זיינען מיר, די יונגע, געצוווּנגען צו אַרבעטן. „פּענטשאָ" לעבט איבער אירע לעצטע שעהן. שטערבלעך פאַרוווּנדעט, ווערט איר קערפּער, וואָס האָט אַ יאָר פופציק־זעכציק אַרומגעשווומען איבערן דונאַי, כסדר געהאַקט אין די פעלזן פון ברעג. דער אינערלעכער טייל פון דער שיף האַלט זיך אין איין שפּאַלטן. מיר שלעפּן אַרויס פון דאָרטן די לעצטע שטיקער האָלץ, ברעטער און שטאַנגען — אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך אָפּרייסן — און קודם־כל אומצאָליקע פּעסלעך, וועלכע מיר פילן אָן מיט אייל. דאָס איז אונז זייער נויטיק פאַרן ביינאַכטיקן פלאַקער־סיג־נאַל. יאָ, זי ליגט, „פּענטשאָ", אויף איין זייט, דאָס וואַסער איז שוין אין די קאַ־בינעס אויף אַזאַ הויך, אַז זי וועט זיך מער ווי עטלעכע שעה נישט האַלטן. די שטריק, וואָס האַלטן זי, זיינען שוין אָנגעשטרענגט ביז דער לעצטער מדרגה...

13 אָקטאָבער.

ביינאַכט ווער איך אַלאַרמירט פון שלאָף. וואָס איז געשען? די ערד ציטערט אונטער אונז. עטלעכע פלעשלעך מיט וואַסער, וואָס שטייען אויף אַ שטיין, פאַלן אַרונטער און דאָס וואַסער גיסט זיך אויס. און ווידער טרייסלט זיך די ערד אונ־טער די פיס. אַן אימה באַפאַלט אונז אַלעמען. עס טראָגן זיך געשרייען פון פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט פון שלאָף. אָבער באַלד ווערט רואיק. וואָס איז געשען? אַ קליינע ערד־ציטערניש? מילא, אינדערפרי וועל איך זיך דערוויסן.

זעקס אַזייגער. איידער איך טו זיך נאָך אָן, לויפט אַריין אין דער הייל איינער פון מיינע פריינט און שרייט: „פּענטשאָ" איז דערטרונקען געוואָרן! היינט, צוויי אַזייגער ביינאַכט!" לכתחילה ווילן מיר נישט גלויבן. מיר לויפן אַרויס אין קלע־

טערן אַרויף אין אָטעם אויף אַ פעלז. מיר גיבן אַ קוק אויפן אָרט, וווּ „פּענטשאַ" איז נאָך נעכטן געשטאַנען צונויפגעדריקט צווישן צוויי פעלזן, — ערשט פון איר איז שוין קיין זכר נישטאָ. מען זעט אַפילו נישט אַרויס פונם וואַסער קיין שפּיץ פון אַ מאַשט־בוים. זי איז איינגעזונקען געוואָרן אין דער ים־טיפעניש. עס שווימען נאָר אַרום עטלעכע ברעטער און אַרום זיי — אַ גרויסער אייל־פלעק. און ס'איז גאָר קיין וואונדער נישט — אויך דאָ דערגרייכט די ים־טיפעניש נײַנציק מעטער...

אונטן, ביים אָרט, וווּ די שיף איז אונטערגעגאַנגען, איז פּאַרזאַמלט אַן עולם נייגעריקע אַרום אַן עד־ראיה, וואָס האָט אַליין מיט זיינע אייגענע אויגן געזען ווי דאָס איז פּאַרגעקומען. ער דערציילט, אַז ער האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט פון אַ מאַדנעם ערד־שטויס. אַ ווײַלע האָט ער אַ טראַכט געטון, אַז דער גאַנצער אינזל זינקט אין ים, אָדער פּאַלט אַריין אין אַן ערד־שפּאַלט, ווי ער האָט עס געלייענט אין ערדציטערניש־באַשרייבונגען. אָבער אין דער זעלבער רגע האָט ער דערהערט ווי עס ברעכט זיך די שיף. די לבנה, איז פּונקט אַרויסגעקומען פון די וואָלקנס און באַ־לויכטן דעם גסיסה־פּראָצעס פון „פּענטשאַ": דער קערפּער פון דער שיף איז צע־שפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי גלייכע טיילן. ביידע טיילן זיינען אַרומגעכאַפּט גע־וואָרן פון די מעכטיקע כוואַליעס — פריער די נאָז מיטן קוימען און דעם קאַפּי־טאַנס קאַבינע, און נאָכדעם דער הינטערטייל פון דער שיף. אין עטלעכע סעקונדן אַרום זיינען שוין ביידע געווען אויפן דנאָ.

אין אַ קורצער צייט אַרום פּאַרגעסן מיר שוין וועגן דער שיף און מיר זיינען ווידער באַשעפטיקט מיט אונזער אייגענעם גורל. דער וואַקסנדיקער הונגער צווינגט אונז צו זוכן אַנדערע דערנערונגס־מעגלעכקייטן. מיינע צוויי פריינט האָבן בדעה צו כאַפּן פיש. דאָס וואַסער איז היינט רואיקער ווי נעכטן און גוט צוקוקנדיק זיך, באַמערקן מיר אין וואַסער שאַטנס פון קליינע פישלעך, וואָס טראָגן זיך אַהין און צוריק. קורץ, איך קויף ביי עמיצן פאַר דריי שאַכטלעך בולגאַרישע ציגאַרן אַ האַ־טשעק פון אַ ווענדקע און בינד אים אָן צו אַ לאַנגן שטעקן. מיר שטעלן זיך אַוועק אויפן ברעג ביי דער הייל און לאָזן אַראָפּ דעם האַטשעק אין וואַסער. אַ לאַנגע צייט שטייען מיר אַזוי און אַבסערווירן. מיר פּאָלגן נאָך דאָס גרין־דורכזיכטיקע וואַ־סער. אין צוויי שעה אַרום צעטאַנצט זיך דאָס ערשטע פישל אויף דער ווענדקע און נאָך אים — נייע פיר. ביי טאָג מאַכן מיר זיך אַ גרויסאַרטיקן מיטאָג — פיש, וואָס מיר האָבן זיך אַליין געכאַפּט און אָפּגעקאָכט אין אַ בלעכערנעם טעפּל.

אוונט־צו האָבן מיר אַלע דייטלעך געהערט אַ גערויש פון אַעראָפּלאַן־מאָטאָרן, אָבער דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט — אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דאָס גערויש דערווייטערט פון אונז און איז שפּעטער אינגאַנצן פּאַרשוואונדן.

14 אָקטאָבער.

אויך היינטיקע נאַכט האָבן מיר געהערט אַ גערויש פון מאָטאָרן. אינדער־פרי איז דעריבער פּאַרגעקומען אַ באַראַטונג פון דער לאַגער־לייטונג און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַוועקצושטעלן וואַכן, וואָס זאָלן זיך בייטן יעדע שעה ביי טאָג און ביי נאַכט, כדי נישט דורכצולאָזן די מינדסטע געלעגנהייט.

אָבער קיין אויסזיכט אויף רעטונג איז נאָך אַלץ נישטאָ... פינף מעת־לעת זיי־נען שוין אַריבער זינט מיר פירן אונזער ראָבינזאָן־לעבן און קיין שיף זעט מען

נאָך אַלץ נישט פאַר די אויגן. ס׳איז אַ פראַגע, צי אונזער גרויסגעשיקט שיפל האָט שוין דערגרייכט צו אַ ישוב און מודיע געווען וועגן אונזער גורל.

אויפן אינזל איז אַ גרויסע באַוועגונג. מען אַרבעט און מען האַרעוועט. אַלע מענער — דערוואַקסענע און יוגנטלעכע — זיינען צעטיילט אויף אַרבעטס-גרופּעס. מען אַרבעט אומעטום: מען שטעלט אויף שטיינערנע שוץ-ווענט אַרום דער קיך, אַרום דעם מאַגאַזין, וואָס איז שנעל אויסגעבויט געוואָרן (איצט שטייט ביי אים אַ „פּאָליציסט״ מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט) און אַרום דעם ברונעם, וואָס איז אייערנעכטן אַנטדעקט געוואָרן און ער אַרבעט שוין — די רערן פון די „פּענטשאַ״-דושן זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן דורכן פעלזן-שפּאַלט אויף 25 מעטער די טיף און ס׳איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מין „וואַסער-לייטונג״. ווען עס קומט די צייט פון דער וואַסער-פאַרטיילונג, לאָזן זיך אַראָפּ צוויי בחורים; אַ גאַנצע שעה שעפּן זיי וואַסער און דערלאַנגען עס אינדערהויך און אַזוי פאַרגייט ביי אונז דער טאָג. אין דער פרייער צייט ליינען איך עפּעס ביי קאַרביד-ליכט אין אונזער גרוימער הייל.

15 אָקטאָבער.

פאַרטאָג האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף אַ גרויס גערודער — מען האָט ווילד געשריען און געפייפט. אויך דער שיפס-גלאָק האָט אָנגעהויבן צו קלינגען.

דער ים שטורעמט. ביים האָריזאָנט פליט אין די הימלען אַן עסקאַדריליע פון 8-9 אַעראָפּלאַנען. דאָס קלאַפּן פון די מאָטאָרן דערטראָגט זיך צו אונז גאַנץ שטיל. מיר סיגנאַליזירן מיט פענער און טיכלעך, אָבער די פליער, זעט אויס, באַמערקן אונז נישט און פאַרשווינדן צווישן די וואָלקנס.

מיר האָבן אויסגעבויט אַ דראַקאָן. ער איז ריזיק הויך און באַשטייט אינ־גאַנצן פון שטאַנגען און שטאַרקן לייוונט מיט שוואַרצע קידוש-לבנה אותיות: „ס.אָ.ס.״. מיר זיינען אויסן דערמיט צו ווענדן אויף אונז די אויפמערקזאַמקייט פון די פליער. דאָס איז גאָר נישט קיין שלעכטער איינפאַל. די צרה איז נאָר, וואָס ווען מיר הויבן אויף דעם ריזיקן דראַקאָן אויף אַ לאַנגער שטריק, צערייסט זיך דער לייוונט תיכף ומיד אויף שטיקער פונם שטאַרקן ווינט.

נאָך איין גוטע המצאה איז פאַרגעלייגט געוואָרן אין לאַגער-ראַט. זאָלן די פרויען זיצן און פלעכטן אַ נעץ, מיט וועלכער מיר זאָלן אין עטלעכע טעג אַרום, ווען דער שטורעם וועט זיך איינשטילן, קענען כאַפּן פיש פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו...

16 אָקטאָבער.

פאַרמיטאָג בלייבן מיר ליגן אויף אונזערע געלעגערס, ווייל דער הונגער איז זייער גרויס. איך ליין אַ בוך, כדי צו פאַרטרייבן מיינע טרויעריקע געדאַנקען. פון גרויס לאַנגווייליקייט דריי איך זיך שפּעטער אַרום איבערן גאַנצן אינזל, וואָס קיין מענטשן-פוס האָט אים ביז איצט נישט באַטראָטן. איצט קאָכט דאָרט אַ פלייסיק קאָלעקטיוו-לעבן.

די לאַגער-לייטונג אַרבעט אויס פאַרשידענע פּלענער, וויאַזוי צו מעלדן דער וועלט וועגן אונזער אומגליק. אַזוי מאַכן מענטשן אַ גרויסן קאַסטן און צייכענען אַן דערויף מיט ריזן-אותיות „ס.אָ.ס.״, ווי אויך דעם אָרט וווּ מיר געפינען זיך. מיר שטייען אַלע און קוקן צו, וויאַזוי מען לאָזט אַראָפּ דעם קאַסטן אין וואַסער, וויאַזוי ער ווערט פאַרטראָגן דורכן ווינט, און וויאַזוי ער טאַנצט אַרויף און אַראָפּ אויף די מעכטיקע כוואַליעס.

מיטן אָנקומען פון דער נאַכט לאָזט אָראָפּ די שיף־לייטונג אין ים אַ פּעסל מיט אַן אַנדער „ס.א.ס.״ און אַ לאַמטערן אינעווייניק. דאָס ליכטיקע פּינטעלע װערט װאָס װייטער קלענער. דאָס פּעסל װערט געשליידערט און דערװייטערט זיך...

18 אָקטאָבער.

פּאַרטאָג. הערט זיך פונדערװייטן װידער אַ גערויש פון אַ מאָטאָר. מיר באַשליסן אַנצונעמען אַנדערע שריט, כדי צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די װייטע פליער. מיר הויבן אָן צו זאַמלען לײַלעכער, טיכער און... האַנט־שפּיגעלעך. די לײַלעכער און די טיכער פאַרייניקן מיר אויף די בערגלעך פון אונזער אינזל און בילדן פון זיי ריזיקע אותיות „ס.א.ס.״. יעדער אות האָט אין דיאַמעטער 12 מעטער. די צאָלרייכע שפּיגעלעך װידער פעסטיקן מיר צו אויף אַ גרויס ברעט און עס באַקומט זיך אַ מין רעפלעקטאָר.

אויך אויף אַלע פּלאַטקעס שרײַבן מיר אָן מיט שװאַרצער שיף־פּאַסטע די אותיות „ס.א.ס.״.

װאָס װעלן מיר מאָרגן טאָן, װען מיר װעלן שוין מער קיין עסן נישט באַקומען? אייניקע פון אונז איז אײַנגעפאַלן צונויפצוזאַמלען פאַרשידענע ים־צמחים און שנעקן אויפן ברעג, כדי צו קאָכן דאָס. באַלד לאָזן מיר זיך ארויס דאָס צו זאַמלען. אָנגעזאַמלט אַ מענגע, לייגן מיר דאָס אַלץ אַרײַן אין אַ קעסל און לאָזן עס קאָכן אויפן פײַער, װאָס איז אָנגעצונדן געװאָרן מיט דער הילף פון אַ פאַרגרעסער־גלאָז, װײַל די שװעבעלעך זײַנען שוין כמעט אויסגעגאַנגען און די, װאָס זײַנען נאָך דאָ, מוזן מיר האַלטן אויף ביינאַכט. װען דאָס דאָזיקע געמיש קאָכט שוין װי געהעריק, הויבן מיר אָן דעם דאָזיקן משונהדיקן מאכל צו שעפּן מיט לעפל; מיר שלינגען דאָס גאַנץ פאַרזיכטיק און — עס שמעקט אונז גאָר נישט שלעכט.

19 אָקטאָבער.

דער הײַנטיקער טאָג איז ביי אונז אַריבער אין ליגן. מיר האָבן גאָרנישט געגעסן. צוליבן שטורעם קענען מיר נישט קלײַבן קיין שנעקן. הונגער, דורשט, שטורעם, קעלט — און קיין הילף איז אַלץ נישטאָ.

מיר זײַנען פאַרצװייפלט און רעזיגנירט. פיל פון אונז זײַנען שטילערהייד מתפּלל. איינער פון אונז באַקומט פלוצלונג אַ היסטערישן אָנפאַל.

דעם זעלבן טאָג, 7 אָװנט.

איך גרייט צו אין דער פינצטערער הייל מײַן געלעגער אויף ביינאַכט, פלוצלונג — אַ װילד געשריי, אַ שאַרפער פײַף, הויכע אויסרופן... מיר לאָזן זיך ארויס פייל פון בויגן אינדרויסן. לכתחילה זע איך גאָרנישט. עמיצער װײַזט מיר אָן אויף אַ שאָטן, װאָס דערנענטערט זיך לאַנגזאַם צו אונזער אינזל װי אַ שרעק־געשפּענסט — אַ שיף!...

מיר זײַנען געראַטעװעט!

מיר שרײַען פון פרייד, מיר פאָכען מיט טיכלעך, מיט האַלעװעשקעס, מיט לאַמטערנעס, מיר קלינגען אין גלאָק. מיר מאַכן געװאַלדן און פײַפן. דער שאָטן פון דער שיף דערנענטערט זיך נאָכמער און פאַרשטעלט שוין דעם אויסגעשטערנטן הימל. מיר הערן, װי די קייט פונם אַנקער בראַזגעט אין װאַסער און פלוצלונג דערטראָגט זיך צו אונז אַ שטאַרקע באַפעלערישע שטימע אין פראַנצויזיש: „שטיל!

פּולשטענדיק רואיק! פאַרלעשט די ליכט!" — פאַר אונז שטייט אַן איטאַליענישע קריגס־שיף.

אַ שיפל טיילט זיך אָפּ פון דער שיף און אין עטלעכע מינוט אַרום דערנענטערט זי זיך צו די פעלזן. פונם שיפל שפּרינגט אַרויף אויף דער יבשה אַן אָפיציר. ער באַפעלט, אַז אַלע פרויען, קינדער, מענער איבער 60 יאָר און קראַנקע זאָלן תיכף ומיד אַריבערפאָרן צו דער שיף. די יונגע וועלן מאָרגן אַרויפגענומען ווערן אויף אַן אַנדער שיף. קיינער טאָר נישט מיטנעמען קיין באַגאַזש.

ביים שיין פון דער לבנה אַנטשטייט אויפן קליינעם אינזל אַ גרויסע באַוועגונג. אונטן, אויפן ברעג, נעמט מען אַריין אין שיפל די ערשטע געליטענע. די מאַטראָזן אַרבעטן מיט די ווייעסלעס און פירן זיי אַריבער אויף דער דאַמף־שיף. זייער גאַנץ פאַרמעגן באַשטייט פון האַנט־בייטלעך און רוק־זעק. דאָרטן גיט מען זיי עסן און דעקעס. די איטאַליענער ברענגען אונז אַ סך קאָנסערוון, סוכאַרעס, וואַסער צום טרינקען און וויין. מיר וואַרפן זיך אויפן עסן משוגע פון פרייד. דערווייל ווערט פאַרענדיקט דאָס אַריבערפירן די ערשטע פּאַרטיע — פרויען, קינדער, זקנים און קראַנקע. אָט ווערט אויפגעהויבן דער אַנקער און די שיף מיט די געראַטעוועטע שווימט לאַנגזאַם אָפּ אויף מזרח. אַ לענגערע צייט קענען מיר נישט איינשלאָפן. אין דער נאַכט־פינצטערניש ווערט פונאַנדערגעלייגט אַ פייער. מיר לאַכן, זינגען און טאַנצן אַרום אים. מאָרגן וועלן מיר דאָך אויך אויסגעלייזט ווערן פונם דאָזיקן ראָבינזאָנען־אינזל.

20 אָקטאָבער.

און ווידער איז דאָס לעבן שיין! מיר האַלטן ביי געראַטעוועט ווערן. דעריבער וועלן מיר נישט דערלאָזן, אַז דאָס שלעכטע וועטער זאָל פאַרשטערן אונזער גליק — אינדרויסן בושעוועט אַ שטורעם און באָמבאַרדירט מיט כוואַליעס, אָבער מיר לייגן דערויף קיין אַכט נישט.

עס לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט־פינצטערניש און צוזאַמען מיט איר דערשיינט אַ שיף ענלעך צו דער נעכטיקער, אָבער צוליב די הויכע כוואַליעס ביים ברעג קענען די מענטשן פון דער שיף נישט אַנקערן און אַרויפנעמען אונז אויף זייער דעק דאָרטן, וווּ די שיפלעך זיינען נעכטן אַראָפּגעלאָזט געוואָרן. דעריבער ווייזן זיי אונז אָן, אַז מיר זאָלן זיך שנעל אַריבערטראָגן אויף אַן אַנדער ברעג פון אינזל. דאָרטן וועלן זיי פּרווון אונז אַריבערצופירן. מיר נעמען־מיט אונזערע פעקלעך און פאַרלאָזן די הייל. ביזן צווייטן עק פונם אינזל איז אַן ערך דריי קילאָמעטער, און דעם דאָזיקן מרחק דאַרפן מיר דורכמאַכן איינציקווייז, באַלאָדן מיט שווערע פּעק, דורך וועגלעך, וואָס איז שווער דורכצוגיין, ביי ראַנדן פון פאַרשידענע אָפּגרונדן, צווישן משונהדיקע שטיינער און ריזן־פעלזן. מיר שפּרייזן און שפּרייזן און דאָ ווערט נאָך פינצטערער, דער שטורעם צעדונערט זיך און איבער אונזערע קעפּ לאָזט זיך אַראָפּ אַ גוס־רעגן.

סוף כל סוף קום איך צו אַרום האַלבער נאַכט צו אַ פּונקט, פונוואַנען די מענטשן ווערן אַראָפּגעפירט גלייך אינעם רעטונגס־שיפל. דאָס וואַסער דערגרייכט דאָ ביז די קני. די כוואַליעס פאַרפּלייצן מיך ווי גרויס איך בין. צוזאַמען מיט נאָך פינף חברים מאַך איך אַ געוואַגטן שפּרונג איבער אַ כוואַליע גלייך אין שיפל אַריין. איינגאַנצן אַ נאַסער, פאַרנעם איך אַ פּלאַץ אויף אַ באַנק. דאָס שיפל שפּרינגט

ארויף און אראָפּ. מיר זאַמלען צונויף צווישן זיך עטלעכע ציגאַרן און דערלאַנגען עס די מאַטראָסן אַלס אויסדרוק פון טיפער דאַנקבאַרקייט.

און אַט זיינען מיר שוין ביי דער איטאַליענישער שיף. איינציקווייז קלעטערן מיר ארויף דורכן שטריק־לייטער. אונז נעמט אויף אַן אָפיציר, וועלכער נעמט ביי אונז צו יעדן מין געווער, מעסערס אריינגערעכנט, און שיקט אונז אַפּ אין אונ־טערשטן טייל פון דער שיף.

21 אָקטאָבער.

דער שטורעם צעשפּילט זיך נאָך מער, ווען מיר פאָרן פאַרביי די ערשטע אינזל־גרופּע פון דאַדיקאַנעז. ברויזנדיקע כוואַליעס פאַרפלייצן די שיף און ס'איז שווער צו געפינען דאָרט אַ טרוקענעם פּלאַץ. לסוף כאַפּ איך זיך אָן אין אַ האַרמאַט און האַלט זיך אין איס. דער טאָג רוקט זיך שנעל. ס'איז שוין מיטאָג־צייט. די שיף מיידט אויס דעם אינזל קרעפּטוס, וואָס ליגט אַנטקעגן דעם הויפּט־אינזל פונם דאַדיקאַנעז — ראָדאָס.

עס הויבן זיך אָן באַוויזן קליינע דערפלעך אויף דער יבשה. די איטאַליענער פּאַרטיילן צווישן אונז טיי און קיכלעך. מיר שמועסן מיט די מאַטראָסן און מיט די אָפיצירן. אַלע זיינען זייער שיין געקליידט. עס קוקן אויף אונז סימפּאַטישע אָפּ־געברענטע געזיכטער. זייער באַציונג צו אונז איז אַ זעלטענע. און אַט איז שוין אויך ראָדאָס. אינאַווונט קומען מיר צו אַ באַשטימטן פּונקט.

מען הויבט אונז אָן ארויסצופירן. מען פירט אונז אין אַ לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע. דאָרטן געפינט זיך שוין אַ געוויסע צאָל מענטשן פון מאַלטא, ענגלענ־דער און פראַנצויזן. מיר שפּאַנען, אין דער באַגלייטונג פון איטאַליענישע זעלנער מיט זייערע ביקסן־שפּיזן פאָרויס — דורך דער אַלטער שטאָט צו „סטאַדאָני דע ראָדי״, דעם ספּאָרט־סטאַדיאָן פון ראָדאָס, וווּ עס געפינען זיך די קריגס־געפאַנגענע. מען ברענגט אונז אריין אין מיליטערישע פּאַלאַטקעס, וואָס זיינען אייליק אויפ־געשטעלט געוואָרן, און דאָרטן וואַרטן שוין אויף אונז אונזערע חברים.

ב ן צ ב י ק א ל י ש ע ר

## צו אַ זיכערן ברעג

אונזער פאַנטאַזיע און אונזער האַרץ איז גאָרנישט בכוח צו באַגרייפן די גרויס פונם אומגליק, וואָס האָט פאַרניכטעט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין אייראָפּע. גרויסע קהילות, וואָס האָבן נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק געגעבן זייער ביי־שטייער ביים דערלאַנגען הילף די אומגליקלעכע ברידער, זיינען פאַרניכטעט גע־וואָרן... און צווישן זיי — דער גרויסער יידישער קיבוץ אין פּוילן, וואָס האָט אָפּ־געהיט און געפלעגט אין זיינע פינצטערע געטאָס, נישט געקוקט אויף די רדיפות און דעם הונגער, דאָס פייער פון זיין גלויבן אין דער לעבנס־שליחות פון יידישן פאָלק.

היינט, זעט אונז אויס, האָבן קליינע פעלקער נישט קיין שום זיכערקייט אויף דער וועלט; שוואַכקייט ווערט פאַררעכנט פאַר אַ חטא, וואָס קען פאַרגעבן

ווערן נאָר דורך פאַרניכטונג. אַלס יידן און מענטשן, קענען מיר אָבער נישט און ווערן אויך דערצו קיינמאָל נישט מסכים זיין — איינצוגייִן אויף אַ לאַגע פון אַרויס־געטריבענע און נעבעכדיקע וואַנדערער, וועמען מען דאַרף אַרומרינגלען מיט שטעכל־דראָט אָדער איבערלאָזן צווישן די גרעניצן פון לעבן און לענדער, אויף קיינעמס לאַנד. מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבן און נישט אָנערקענען אונזער פּליטים־לאַגע, ווייל אין אַזאַ אָנערקענען שטעקט דער נצחון פון אונזערע פאַרפאָלגער און די באַדנלאָזיקייט פון אונזער קיום אַלס פאָלק.

אונזער בראָך איז איצט גרעסער ווי אין יאָר 1914. אָבער די פראַגע פון אַ פאָטערלאַנד פאַר אונזער פאָלק איז נאָך אַלץ אַקטועל.

בעתן בירגער־קריג פון יאָר 1919 האָבן יידן געשטראָמט קיין ארץ־ישראל דורך רומעניע און קאַווקאַז, פיל פון זיי האָבן דורכגעמאַכט דעם שוואַרצן ים אין פישער־שיפלעך. די זעלבע כוחות, נאָר הונדערטער מאָל שטאַרקערע, ווירקן אויך היינט. איצט איז אָבער דער מצב אין ארץ־ישראל אַנדערש ווי דעמאָלט. דאָן זיינען מיר געשטאַנען ביים אָנהויב פון אונזער ווערק, איצט דאַקעגן האָבן מיר אַ ישוב פון איבער אַ האַלבן מיליאָן מענטשן, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין לאַנד. זיין ווירטשאַפטלעך און קולטורעל געוויכט שטייגט פיל פאַכיק איבער זיין צאָל. דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן איצט אין ארץ־ישראל, איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס קיין שום קראַפט איז נישט ביכולת איינצוהאַלטן זיין וווקס.

די לעצטע יאָרן זיינען פאַרגעלייגט געוואָרן פיל נייע פּלענער וויאַזוי צו באַ־זעצן פּליטים. אַלע זיינען מיר גרייט מיטצוהעלפן אויסצוזוכן אַן אַנטרינונגס־אָרט פאַר אונזערע גערודפטע ברידער. אָבער זאָל אונזער ווונטש נישט פאַרנעפּלען די מעגלעכקייט און די פּראַקטישקייט פון די פאַרשידענע פּראָיעקטן. צו אָפט האָבן זיי אונז אַנטוישט. צו אָפט האָבן זיי זיך אויסגעלאָזט ווי פאַנטאַסטישע אָפּנויגן פונם רעאַלן, הגם אָנגעשטרענגטן ווע"ג. אין משך פון די לעצטע זיבן יאָר פון אַלץ וואַקסנדיקע וואַנדערונגען האָט ארץ־ישראל געדינט ווי אַ פעסטער פעלז פאַר הונ־דערטער טויזנטער, וואָס בויען דאָרט זייער נייע היים. אויך איצט שטייט ארץ־ישראל אַליין און איינציק אין קאַן און איז גרייט אויפצונעמען אונזערע פּליטים־מאַסן.

די רעזולטאַטן פונם קריג לאָזן זיך פילן אויף דער גאַנצער וועלט און ארץ־ישראל איז נישט קיין אויסנאַם. די מלחמה האָט אונז שווער געטראָפן. לאָמיר אָבער געדענקען, אַז אין משך פון די פיר לעצטע מהומה־יאָרן האָבן מיר אַריינגע־בראַכט אין לאַנד ביי אַכציק טויזנט מענטשן, און איצט ברענגען מיר אַריין נייע עולים. אפילו אין עצם איצטיקן מאָמענט טראָגן זיך שיפן איבער ימים, כאָטש זיי זיינען פול מיט מינעס און אונטערוואַסער־שיפלעך; זיי פירן יונגע עולים קיין ארץ־ישראל און זיי ווילן דערגרייכן דעם דאָזיקן זיכערן ברעג, נישט געקוקט אויף אַלע סכנות, וואָס דראָען זיי.

ד"ר ח. ווייצמאַן

פעברואַר 1940.

# די מאַרטיראָלאָגיע אויפן ים

## „פּאַטריאַ“
(כ״ב חשון תש״א —
25 נאָוועמבער 1940)

### פון אַ טאָג־בוך

2 נאָוועמבער 1940.

לכבוד שבת, דעם ערשטן שבת ביי די ברעגעס פון ארץ ישראל, וואַשן מיר זיך אָפּ ווי געהעריק און ראַזירן זיך גלאַטיק אויס. פון ברעג האָט מען אונז געבראַכט פריש וואַסער מיט אַ ברייטער האַנט — מיר קענען זיך אַפילו וואַשן דעריז. אינם געזאַלצענעם ים־וואַסער ווערט אַפילו נישט קיין שום פונם זייף, און איצט — אַ מחיה! אָפּגעוואַשן זיך, טוען מיר אָן ווייסע העמדלעך, וואָס מיר האָבן אָפּגעהיטן אין אַ ריינעם צושטאַנד לכבוד דעם טאָג פון אונזער לאַנדן. דאָס האַרץ קלאַפּט פון פרייד און מיר שיסן אַרויס מיט אַ געזאַנג פון העברעישע לידער. די שטימונג פאַרדאַרבט בלויז דער באַפעל פון דער פּאָליציי אַראָפּצונעמען די בלוי־ווייסע פאָן. אין די נאָענטסטע טעג, דערקלערט מען אונז, וועלן מיר אַרויף אויף דער יבשה. ביזן טאָג פון דער אויסלייזונג מוזן מיר אָבער זיצן אויף דער שיף אונטער דער וואַך פון דער פּאָליציי, וואָס געפינט זיך אויף דער שיף גופא און אויף קליינע שיפלעך, וואָס רינגלען זי אַרום פון אַלע זייטן.

3 נאָוועמבער.

פון ברעג האָט מען אונז היינט צוגעפירט וואַסער, ברויט, פּאָמידאָרן און פּאָמעראַנצן. יעדער פּאָמעראַנץ איז ביי אונז הייליק. ער ברענגט דאָך אַ גרוס פון אונזער לאַנד.

„מילאָס“ איז אָנגעקומען. מיר באַגעגענען זי מיט פריידיקע אויסרופן. אויך דאָס דאָזיקע „נוס־שאָלעכל“ האָט געקעמפט מיטן מעכטיקן ים און איז אים ביי־געקומען!...

4 נאָוועמבער.

מיר האָבן געהאַט פּראָוויאַנט אויף 14 טעג. איצט, ווען מען האָט עס שוין נישט געדאַרפט אָפּהיטן, איז ער טיילווייז צעטיילט געוואָרן. מיר עסן ענדלעך צו דער זעט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל נאָך דריי חדשים הונגער.

די פּאָליציי האָט אונז היינט געמאָלדן, אַז מיר וועלן אַלע צוליב ריי־ניקונג אַריבערגיין אויף דער שיף „פּאַטריאַ“. אויך די „מילאָס“־פּאַסאַזשירן וועלן אַרי־בער, ווייל די אינטערנירונגס־לאַגערן זיינען איבערפולט. אין פּאָרט שיינט אַרויס

„פאטריא" אין איר גאנצער גרויס. אך, ווען מיר קענען שוין פארלאזן אונזער פאר־שאלטענעם קאסטן!

5 נאוועמבער.

היינטיקע נאכט האט אונז אויפגעוועקט אן ארץ־ישראלדיקער רעגן. שנעל זיינען מיר אלע אראפגעלאפן אונטן. דארטן איז אן אומבאשרייבלעכע ענגשאפט און אן אויסערגעווינלעכע שטיקעניש. דו האסט אפילו נישט די מעגלעכקייט אויפ־צוהויבן די האנט כדי אפצווישן דעם שווייס פון פנים. און דא שטופט זיך נאך א יונגערמאן מיט זיין זעקל אין דער האנט. ער באווייזט אבער נאך נישט נעבעך אראפצוגיין, ווי זיין זעקל פליט שוין אינדערלופטן. — „זעסטו דען נישט וואס דא טוט זיך? ס'איז נישטא ווו א שפילקע אריינצושטעקן, קומט ער נאך מיט זיין פעקל! האסט זיך נישט וואס מצער צו זיין, ברודער־לעבן, אונזערע אלעמעם זאכן געפינען זיך אויך אינדערהויך אויפן רעגן"..

6 נאוועמבער.

250 פרויען זיינען היינט אריבער אויף „פאטריא". אונז איז צוליב דעם געווארן גרויסער.

7 נאוועמבער.

אלע איבעריקע פרויען האבן היינט פארלאזט די שיף. צו זיי וועט אויך צוקומען א געוויסע צאל זקנים און קינדער. אויף דער שיף איז זייער אנגענעם. שפייז וויפיל דאס הארץ גלוסט. עס ווילט זיך שוין גארנישט פארלאזן אונזער שיף — זי איז שוין אונז געווארן ליב און טייער.

8 נאוועמבער

אין די נאכמיטאג־שעהן איז אנגעקומען א שיפל, כדי אריבערצונעמען אונז, די איבערגעבליבענע אין דער שיף. איך האב מיר גארנישט פארגעשטעלט ווי שווער עס וועט מיר זיין צו פארלאזן זי. זי האט דאך אונז מיט אירע קליינע כוחות און גלייכצייטיק מיט אזא גרויסער אנשטרענגונג אהער געבראכט. איר איז, וואס אן אמת, נישט געלונגען צו דערפירן אונז ביזן רעכטן פארט, זי איז אבער צום ברעג פון אונזער ליבן לאנד דאך צוגעקומען. „אלזא, געטרייע „פאסיפיק", מיר מוזן זיך מיט דיר שיידן". און ביים דערווייטערן זיך פון איר ווארפן מיר נאך פיל בליקן אין איר ריכטונג און דערמאנען זי צום גוטן דערפאר, וואס זי האט אונז געדינט מיט וואס זי האט נאר געקענט.

אויף „פאטריא" האבן אונז אויפגענומען צאל־באאמטע. מיט גרויס „איידל־קייט" האבן זיי געגישטערט אין אלע אונזערע זאכן. זיי האבן אנגעווארפן בערג מיט ציגארעטן, ציגד־מאשינקעס, וויין און דעם גאנצן „טרף פסול" פון אונזער געפעק. מיר קוקן צו און מוזן שווייגן — א ברירה האבן מיר? (עטלעכע טעג שפע־טער האבן מיר געזען ווי די פאליציסטן האבן גערויכערט בולגארישע ציגארעטן, — די זעלבע ציגארעטן, וואס מיר האבן איינגעקויפט פאר אונזער געלט איידער מיר זיינען אפגעפארן). ווען די רעוויזיע ווערט פארענדיקט, פליט אלץ מיט דער זעלבער „פארזיכטיקייט" אין די רייניקונגס קעסטלעך. אונז פירט מען אין די באד־צימערן און די בגדים אונזערע ווערן דערוויל אוועקגעשיקט אויף דעזינפעקציע. מיר גייען אריבער אין א גרויסן זאל, ווו עס ווארטן אויף אונז באאמטע פון דער „סי. אי.־

# די טראַגעדיע פון „פאטריא"



„פאטריא" גייט אונטער אין חיפהער פּאָרט

Bateau „Struma" Galata Istanbul
le 14 fevrier 1942.

A mes chers

Depuis plus de 2 mois je me trouve au
bord du bateau „Struma" ainsi que nombre
considerable d'autres emigrants dans le port
de Istanbul sans aucune liaison avec le monde
exterieur et dans les conditions les plus
miserables avec les plus sombres perspectives.
Je vous implore faire le tout possible pour
me sauver. Utilisez tous les moyens, toutes
vos relations ainsi que celles de

Prière de communiquer tout de
suite

que son frère Mordhai est au bord du même
bateau, tout seul. les parents étant deportés
à l'interieur de la Russie. Qu'il agisse pour lui

אַ בריוו פון אַ מעפּיל פון „פאטריא"

די.״ נאך לאנגע שאלות ותשובות ווערן מיר באפרייט. וווהין זאלן מיר גיין? אויף יעדן שריט און טריט שטייט אן ענגלענדער מיט א ביקס און שרייט: „מען טאר נישט״. וווהין פארט? ווען מיר נעמען זיך אן מיט מוט און פרעגן איינעם פון די פאליציסטן, גיט ער אויף אונז א געשריי: „אוועק!״... אזוי בלאנדזשען מיר ארום איבער אלע דורכגענג פון דער שיף און אומעטום טרייבט מען אונז פון איין ארט אויפן צווייטן. דאס דויערט אזוי לאנג ביז א ביסל אן אנשטענדיקער ענגלענדער ווייזט אונז נישט, ווו עס געפינט זיך אונזער שלאף־צימער.

דא איז אנגענעם. יעדער איינער האט זיך זיין בעט. דער העכסטער שטאפל פון באקוועמלעכקייט! דער הונגער לאזט זיך אבער פילן און מיר לאזן זיך אוועק אין דער ריכטונג פון דער קיך. אבער ביים אריינגאנג אין דער קיך שטייט אן ענגלענדער און שלאגט אלע פארזאמלטע, אויך פרויען. אזוי זעט אויס דער באַרימטער ענגלישער הומאניטאריזם? געפינען מיר זיך אין אונזער לאנד? פארשטייט זיך, אז אונזער שטימונג איז אין דאזיקן מאמענט, נישט איבעריקס געהויבן. צען אזייגער דערהערט זיך א פייף, — א סימן אז מען דארף גיין אפנעמען די פארציעס. נאכן אפשטיין צוויי שעה אין דער ריי, באקומען מיר ענדלעך צו א שטיקל ברויט און א ביסל קאווע.

אויף דער שיף איז א גרויסער כאאס. 150 פאליציסטן שטייען דא. אומעטום זיינען זיי פול. מען לאזט דיך אין ערגעץ נישט גיין און שטיין.

אין שלאף־זאל איז די לופט זייער געדיכט. צופיל מענטשן געפינען זיך דארט. אבער ארויפגיין אינדערהויך, כדי אפצועטעמען א ביסל פרייער, איז שטרענג פארבאטן. דערויף שטייט א פאליציסט אויף דער וואך.

9 נאוועמבער.

די טאג־פארציע איז: א פערטל לעבל ברויט אויף א מענטש, א פאמעראנץ, א ביסל מילך און קאווע. די שטימונג ווערט וואס ווייטער אלץ ערגער.

10‑11 נאוועמבער.

די חלוצים האבן באקומען א באפעל צו פארלאזן דעם זאל און ארופצוגיין אונטן. עס קומען אויך אראפ די „מילאס״־מענטשן. צווישן זיי זיינען דא א ביסל חלוצים, רעוויזיאניסטן און פרייוויליקע פון טשעכישן מיליטער.

12 נאוועמבער.

די ענינים זיינען א ביסל דערליידיקט געווארן. די ענגלענדער זיינען דאך געווארן א ביסל אנשטענדיקער. מען הערט שוין נישט אזוי אומעטום דעם „אוועק פון דאנען!״. מען האט אויפגעהערט צו שלאגן. די ארגאניזיר־ענינים ליגן איצט ביי אונז אין די הענט.

13 נאוועמבער.

אין די אונטן ווערן איינגעארדנט גאנץ גוטע שמועסן. ניין אינאוונט קומען אבער געוויינלעך די פאליציסטן און ס׳דערהערט זיך דאס געשריי: „שלאפן גיין!״ אויסער דעם שלאף־זאל טאר מען זיך שפעטער נישט באווייזן.

14 נאוועמבער.

זינט עטלעכע טעג גייט ארום א קלאנג, אז „פאטריא״ וועט אונז צוריק־

פירן אין איינעם פון די גלות־פונקטן. וויפיל אמת עס שטעקט אינם דאָזיקן קלאַנג ווייסן מיר נישט, אָבער אַלע גייען אַרום ווי צעמישטע.

16 נאָוועמבער.

יאָ, דער לעצטער קלאַנג באַשטעטיקט זיך. אינאָוונט זיינען זיך צונויפגעקומען אַ מאַן 500 אויפן אויבערדעק. פריער האָבן מיר הויך געזונגען אין דער האָפענונג, אַז מען וועט פונם ברעג אויפמערקזאַם ווערן אויף אונז. דערנאָך האָט זיך פון 500 גאָרגלען אַרויסגעריסן צום ברעג אַ פאַרצווייפלטער רוף: „מיר ווילן נישט קיין אויסטראַליע! מיר ווילן קיין ארץ־ישראל! חברים, העלפט אונז! באַפרייט אונז! מיר ווילן אַרבעטן אין אונזער פאָטערלאַנד!" דעם דאָזיקן רוף האָבן מיר איבערגעחזרט כאָראַל אַ סך מאָל און פאַרענדיקט מיט דער „התקוה". איך האָב נאָך אויף מיין לעבן נישט געהערט אַזאַ מין הימן. איך האָב נאָך אים אויף מיין לעבן נישט געזונגען מיט אַזויפיל יאוש און מיט אַזויפיל האָפענונג. דאָס גאַנצע האַרץ האָבן מיר אַריינגעלייגט אין דער „התקוה". די ענגלענדער האָבן חוזק געמאַכט פון אונז: „מען טרייבט אייך נישט קיין אויסטראַליע. וואָס פאַר אַ אַלאַרם האָט איר אויפגעהויבן?"

17 נאָוועמבער.

בעתן כאָראַלן זינגען זיינען צוויי יונגעלייט נעלם געוואָרן. פיל פון אונז טראָגן זיך אַרום שטילערהייט מיטן געדאַנק צו אַנטלויפן. אונזער מצב איז אַ שווערער. וואָס וועט מיט אונז זיין דער סוף, ווייסט קיינער נישט. קיין אָפיציעלע מעלדונג האָבן מיר נאָך נישט באַקומען, אָבער לויט אַנדערע ידיעות האָבן מיר געקענט מאַכן דעם געהעריקן אויספיר. עס קומען כסדר אָן שיפלעך, פון וועלכע מען לאָדט אויס קוילן אין אונזער שיף. אין די שיפלעך געפינען זיך פיל אַרבעטער. אייניקע פון זיי זיינען קרובים אָדער באַקאַנטע פון אונזערע מענטשן. זיי טאָרן אָבער נישט אויסרעדן קיין וואָרט מיט אונז און נישט וואַרפן אפילו קיין בליק אין אונזער ריכטונג. אַ ספּעציעלער פּאָליציסט גיט אַכטונג דערויף.

18 דעצעמבער.

מיר זיינען צעטומלט. אין האַרצן איז אַ געמישט געפיל פון יאוש און האָפענונג. קלאַנגען דערטראָגן זיך צו אונז איינער נאָכן צווייטן, איינער דערשלאָגט און דער צווייטער דערמונטערט.

20 נאָוועמבער.

צען אַזייגער אינדערפרי איז אָפּגעריכט געוואָרן אַ תפילה. מיר האָבן אויסגעהערט אַ רעדע, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ שטיקל האָפענונג און צום סוף האָבן מיר געזונגען די „התקוה". צוועלף בייטאָג קומען צוריק די שיפלעך מיט קוילן. נישט געקוקט אויף די פּאָליציסטן, גיבן די אַרבעטער צו אונז אַ געשריי: פּאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך. איר וועט נאָך דערגרייכן אייער ציל. להתראות! — אין לאַנד איז אויסגעבראָכן אַ גענעראַל־שטרייק. אויף „פּאַטריאַ" דאַרף דערקלערט ווערן אַ הונגער־שטרייק.

21 נאָוועמבער.

אין לאַנד איז שוין באַקאַנט געוואָרן אָפיציעל, אַז אַלע מעפּילים פון „פּאַט-

ריא" וועלן אריבערגעפירט ווערן אויפן אינזל מאוריציוס. דער „פארבאנד פון דייטשע עולים" האט אונז היינט איבערגעשיקט געזעגענונגס־מתנות, צוזאמען מיט גוטע ווונטשן און אויסדרוקן פון האפענונג אויף דער צוקונפט.

אויפן מעלדונגס־טאוול „שיינט ארויס" די אפיציעלע מעלדונג, אזוי ווי זי איז איבערגעגעבן געווארן דורכן ראדיא און פארעפנטלעכט געווארן אין „פאלעסטיין פאסט". צו איר זיינען צוגעגעבן באמערקונגען פון דער שיפס־ליטונג.

22 נאוועמבער.

איז נאך דא א האפענונג? ביינאכט זיינען נעלם געווארן א 20 חברים פון דער שיף. צווישן זיי אויך צוויי יונגעלייט פון „עלית הנוער". אך, וואס פאר א שאד, וואס איך קען נישט שווימען! ניין אזייגער אינאווונט האט א בחור זיך ארומגעגארטלט מיט א רעטונגס־גארטל און האט אויף אזא אופן געוואלט דערגרייכן דעם ברעג. ער האט אבער נישט געקענט שווימען און דאס פאליציי־שיפל, וואס האט זיך א גאנצע נאכט ארומגעדרייט ארום אונזער שיף, האט אים באמערקט. באלד האבן זיך צעשטראלט די רעפלעקטארן. ס'האט זיך אנגעהויבן א לאנג זוכעניש און לסוף זייגען 15 יונגעלייט געכאפט געווארן. האט מען אויך געכאפט די חברים פון „עלית הנוער"?

23 נאוועמבער.

אן אלגעמיינע ציילונג. די ענגלענדער זיינען זייער אויפגערעגט. מען ציילט אונז נאכאמאל און נאכאמאל. אבער ס'וועט זיי גארנישט העלפן — אייניקע פעלן.

מיר שפאצירן, ווי געווייגלעך ארום, ווייל מיר האבן נישט וואס צו טון. פלוצלונג דערזעען מיר אויף דער פארענטש די בגדים פון די אנטלאפענע יונגעלייט. זיי זיינען דורכגעפירט געווארן אונטער א קאנוואי און מען האט זיי פארשפארט אין אן ענגער קאבינע. מען האלט זיי דארט אויף ברויט און וואסער. איבער זיי וואכט א פאליציסט, ווי נאר ער קערט זיך אבער אפ אויף א רגע, זיינען מיר שוין ביים פענצטערל פון דער קאבינע. די ארעסטירטע באקלאגן זיך אויפן שלעכטן עסן און אויף דער שטיקנדיקער לופט. אומבאמערקט האבן מיר זיי דערלאנגט עטוואס פון די מתנות, וואס מיר האבן באקומען. אינאווונט האט מען אונז זייער פרי געטריבן שלאפן און די וואך איז פארשארפט געווארן. דאס פאליציי־שיפל האט זיך ארומגעדרייט ביי דער שיף.

24 נאוועמבער.

מיטאג־צייט איז אנגעקומען די שיף „אטלאנטיק" און אינאווונט האט מען אירע ערשטע עולים אריבערגעפירט צו אונז. ווען זיי זיינען נאך געווען אין צי־פערן, האט מען זיי געזאגט, אז אין חיפהווארט אויף זיי אן אנגענעמע איבער־ראשונג. די דאזיקע „אנגענעמע איבערראשונג" האט זיי געקאסט געגוג געזונט.

נ ת ן   פ ר י ד מ א ן

## אַ באַגעגעניש מיט דער מאַכט

אויף דער זיצונג פון דער אסיפת הנבחרים, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 11־טן נאָוועמבער 1940, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דעלעגאַציע צום הויך־קאָמיסאַר, וועלכע זאָל אים איבערגעבן די פאָדערונג פון ישוב אין שייכות מיט די מעפּילים פון די שיפן „פּאַסיפיק" און „מילאָס". דער הויך־קאָמיסאַר האָט אָבער די דעלעגאַציע נישט געוואָלט אויפנעמען. דעם 12־טן האָט זיך דער פּאָרזיצער י. בן־צבי, באַגעגנט מיטן הויפּט־סעקרעטאַר. דער לעצטער האָט געוואָלט אויפקלערן פאַרוואָס דער הויך קאָמיסאַר האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען די דעלעגאַציע. זיינע מאָטיוון זיינען געווען: א) וועגן די מעפּילים האָט שוין דער הויפּט־סעקרעטאַר אויפגענומען עטלעכע דעלעגאַציעס און אַ נייע דעלעגאַציע וואָלט גאָרנישט מחדש געווען; ב) די ענינים וועגן דעם, זיינען איבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן. ווען בן־צבי האָט אים געענטפערט, אַז דער ישוב פאַרלאַנגט דער הויך־קאָמיסאַר זאָל אויסהערן דעם ווונטש פון אַלע זיינע טיילן, שטרעמונגען און ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער אסיפת הנבחרים און האָבן זיך אַלע איינשטימיק אַרויסגעזאָגט פאַר דער פאָדערונג אַריינצולאָזן די יידן פון די דערמאָנטע שיפן אין זייער פאַטערלאַנד, — האָט דערויף דער הויפּט־סעקרעטאַר געענטפערט, אַז די ארץ־ישראלדיקע יידן האָבן נישט קיין רעכט זיך צו באַשעפטיקן מיט יידן פון אויסלאַנד. בן־צבי האָט פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער מיינונג און דערקלערט: דאָס ארץ־ישראל־יידנטום האָט, אַלס אַוואַנגאַרד פון פאָלק, דעם אינטערעס און דאָס פולע רעכט צו באַשעפטיקן זיך מיטן אַריינבריינגען יידן אין לאַנד. אַ ספּעציעלן אינטערעס האָט דאָס ארץ־ישראלדיקע יידנטום אינם געגעבענעם פאַל, ווייל דאָס רוב מעפּילים אויף די שיפן האָבן קרובים אין לאַנד און זיי פאָדערן אונזער אינטערווענץ.

— דער הויך־קאָמיסאַר האַלט, אַז איר העצט די באַפעלקערונג — איז געווען זיין ענטפער.

— נישט מיר העצן. אין דער אסיפת הנבחרים האָבן זיך באַטייליקט אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַלע האָבן איינשטימיק אַרויסגערוקט די זעלבע פאָדערונג: לאָזט אַריין אונזערע ברידער אין אונזער לאַנד. מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין רו, אָבער דער באַשלוס פון דער רעגירונג איז גורם צו אומרוען. שאַפט אָפּ די גזירות און ס'וועט תיכף ומיד ווערן רואיק.

— איר ווערט אויפגעפאָדערט צו באַרואיקן די באַפעלקערונג! — האָט דער הויפּט־סעקרעטאַר ווידער געענטפערט — אין קעגנפאַל וועלן מיר אָנווענדן אַלע מיטלען.

א י נ ע ר ל ע כ ע ר  ב י ו ל ע ט י ן

## די דעפּאָרטאַציע־מעלדונג

20 נאָוועמבער, 1940, אָפיציעל:

אנהויב לויפנדיקן מאָנאַט זיינען פון דער פּאָליציי, נישט ווייט פון די לאַנדברעגעס פאַרהאַלטן געוואָרן צוויי שיפן, וואָס האָבן צוזאַמען געפירט 1771 יידישע

פּאַסאַזשירן און זיי זיינען געבראַכט געוואָרן אין חיפהער פּאָרט. די דאָזיקע מענטשן דאַרף מען, בלי שום ספק, באַטראַכטן ווי אומגעזעצלעכע עולים, ווי מענטשן, וואָס ווילן אַריין אין לאַנד אין קעגנזאַץ צו די אַרטיקע געזעצן.

דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט פעלט נישט קיין סימפּאַטיע צו די פּליטים פון די לענדער, וואָס געפינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון דייטשלאַנד. זי איז אָבער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַדמיניסטראַציע פון לאַנד און איז מחוייב צו זאָרגן דערפאַר, אַז מען זאָל עפנטלעך נישט חוזק מאַכן פון די אָרטיקע געזעצן. נאָכמער: זי באַטראַכט דאָס באַנייען די אומלעגאַלע עליה אין דער איצטיקער צייט, ווי אַ דערשיינונג, וואָס קען האָבן אַ שלעכטן איינפלוס אויפן מצב אין לאַנד און גורם זיין צו אַן ערנסטער סכנה פאַר די ענגלישע אינטערעסן אין מיטעלן מזרח. דעריבער האָט די רעגירונג באַשלאָסן, אַז די פּאַסאַזשירן פון „פּאַסיפיק" און „מילאָס" זאָלן נישט אַריינגעלאָזט ווערן אין לאַנד, נאָר געשיקט ווערן אין אַן ענגלישער קאָלאָניע, באַלד נאָכדעם, ווי עס וועלן געמאַכט ווערן די נויטיקע שריט צו טראַנספּאָרטירן זיי בשלום און איינצואָרדנען זיי אין זייער נייעם וווינונגס־אָרט ביזן סוף פון קריג.

ווען די מלחמה וועט פאַרענדיקט ווערן, וועט מען באַשליסן, וווהין זיי צו שיקן. די רעגירונג האָט אָבער נישט בדעה איבערצולאָזן זיי אין דער קאָלאָניע, וווהין זיי ווערן געשיקט, אָדער צוריקברענגען זיי אין אַן אַנדער לאַנד.

די רעגירונג וועט האַנדלען אין דער צוקונפט אויפן זעלבן אופן, אויב אייניקע גרופּן וועט געלונגען צוצוקומען צו אונזער לאַנד, כדי אַריינצודרינגען אין אים אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן".

## אַן אכזריותדיקער דאָקומענט

...און אָט איז דער קלאַפּ פון די לעצטע טעג — ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אוועקצושיקן פון לאַנד־ברעג די 1800 מעפּילים פון „פּאַסיפיק" און „מילאָס". פון „פּאַטריאַ" האָבן די מעפּילים געשריבן צום הויך־קאָמיסאַר, אַז דאָס פאַרטרייבן זיי פונדאַנען איז פאַר זיי אַ גרעסערער קלאַפּ, ווי דאָס פאַרטרייבן פון די דייטשע גרענעצן. דאָס איז אַן עלעמענטאַר יידיש געפיל. דאָס אוועקשיקן אַ ייד, אַן עולה, פון די ארץ־ישראל־ברעגעס איז לויט מיין געפיל, אַ רציחה לגבי דעם פרט און אַן אכזריותדיקער חוזק פונם כלל. און צום דאָזיקן קלאַפּ האָט נאָך די רעגירונג צוגעגעבן פריווויליק אַן „אָפיציעלע מעלדונג", וואָס דאַרף געלייענט ווערן ווי אַ מין ניי „ווייסבוך". ווייל זי פּראָקלאַמירט, נישט בלויז איר באַציונג צו די 1800 אומגליקלעכע פּליטים, נאָר אויך אַ נייע פּאָליטיק. מען דאַרף לייענען און נאָכאַמאָל לייענען דעם דאָזיקן אכזריותדיקן און באַליידיקנדיקן דאָקומענט, אין וועלכן עס פעלט אפילו נישט די חוזק־שטעלע, אַז „דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט פעלט נישט קיין סימפּאַטיע פאַר די פּליטים". די אומלעגאַלע עליה קען אָבער האָבן „אַ זייער שלעכטן איינפלוס אויפן מצב אין לאַנד און שאַפן אַן ערנסטע סכנה פאַר די ענגלישע אינטערעסן אין מיטעלן מזרח". מיר, וועלכע וווינען דאָ, און קוקן זיך צו צו אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אַרום אונז, ווייסן גענוי, אַז קיין שום מענטש פון

די ציוניזם־קעגנער אין לאַנד און אַרום אים האָט זיך נישט אויפגערעגט צוליב דער דאַזיקער „אומלעגאַלער" עליה. קיינער וואָלט נישט געוואַגט צו באַדראָען די ענגלישע אינטערעסן, ווען די דאַזיקע ווערטער ווערן אים נישט אַריינגעלייגט אין מויל דורך דער העברעער מאַכט. די רעגירונג באַגנוגנט זיך נישט מיטן אַוועקשיקן און מיטן אַפּרייסן עלטערן פון קינדער און פרויען פון זייערע מענער אויף דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה. די זעלבע רעגירונג, וואָס דערקלערט, אַז „עס פעלט איר נישט קיין סימפּאַטיע פאַר די פּליטים", מעלדעט בפירוש, אַז אויך נאָכן קריג האָט זי נישט בדעה איבערצולאָזן זיי אין דער קאָלאָניע, וווהין זיי ווערן אָפּגע־שיקט, אָדער ברענגען זיי אין אונזער לאַנד". דאָס איז שוין מער ווי אַ „ווייס־בוך" און מער ווי יעדע מין פאַרפליכטונג לגבי די אַראַבער. דאָס „ווייסבוך" האָט נישט פאַרפליכטעט די רעגירונג נוקם צו זיין זיך אין די מעפּילים פּערזענלעך אין משך פון זייער גאַנץ לעבן. ביז איצט פלעגט די רעגירונג פּאַקטיש אַראָפּרעכענען די מעפּילים פונעם שעדיול און איבערלאָזן זיי אין לאַנד. און איצט: — קיינמאָל נישט! איר זאָלט גאָר נישט טראַכטן וועגן דעם!

אחוץ דעם אָפיציעלן נוסח האָט מען געפּרוווט פאַרשפּרייטן אַן אַנדערן מאָטיוו: „די פינפטע קאָלאָנע". און ס'איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס די רע־גירונג האָט זיך נישט באַנוצט מיטן דאַזיקן מאָטיוו אין איר אָפיציעלער מעלדונג. ס'איז באַקאַנט, אַז די דאַזיקע שיפן זיינען פון די בעסטע צווישן די עליה־שיפן: ברידער און שוועסטער, קינדער און עלטערן פון יידן, וועלכע געפינען זיך שוין פון לאַנג אין לאַנד; הונדערטער חלוצים און יוגנט, פיל אַלטע ציוניסטן און מענ־טשן, וואָס האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל נאָך פאַר דער מלחמה. אָט אַזוי באַגייט מען זיך מיט אונז און דערצו נאָך אין מלחמה־צייט!

דערצו קומט נאָך צו אַן אַנדער וויכטיקער מאָמענט: דאָס ווערט געמאַכט דורכן קריגס־קאַבינעט, וועמענס שעף און זיינע עטלעכע חברים זיינען אין זייער צייט געווען קעגנער פונם „ווייסבוך". מיט דער דאַזיקער מעלדונג זייערער — איז נישט נאָר וואָס זיי באַשטעטיקן דעם „ווייסבוך", נאָר זיי שטייגן אים נאָך איבער. און טשערטשיל, וועלכער איז געווען דער הויפּט־קעגנער פונם „ווייסבוך", האָט איצט אונטערגעשריבן זיין נאָמען צו די פּאָליטישע טענדענצן, וועלכע זיינען נאָך ערגער פונם „ווייסבוך" גופא.

ב. קאַצענעלסאָן

# דאָס אומגליק...

26 נאָוועמבער, 1940. אָפיציעל.

די רעגירונג מעלדעט מיט באַדויערן, אַז די שיף „פּאַטריאַ" האָט זיך נעכטן אינדערפרי איבערגעדרייט אין חיפהער האַפן און איז איינגעזונקען אויפן דעק פון פּאָרט. דאָס איז געשען אין רעזולטאַט פון אַן אויפרייס צוליב אומבאַקאַנטע סיבות.

אויף דער דאַזיקער שיף זיינען געווען בערך 1800 אומלעגאַלע עולים, וועלכע האָבן געזאָלט איבערגעשיקט ווערן אין אַן ענגלישער קאָלאָניע.

די רעטונגס־אַקציע האָט זיך תיכף ומיד אָנגעהויבן.

# אַן עדות דערציילט

שוין פֿאַרטאָג האָט מען פֿאַרגעזעצט דאָס אַריבערפֿירן פֿון די מענטשן פֿון די שיפֿן צו אונז. ס'איז געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער. נאָר אָט הויבט שוין אָן די שיפֿס־מאַשין צו רוישן, פֿון די קוימענס גייט שוין אַ רויך. אויב ס'וועט נישט געשען עפּעס אין דער לעצטער מינוט, זיינען מיר פֿאַרפֿאַלן. ווען די שיף וועט רירן פֿון אָרט — וועלן מיר שפּרינגען אין וואַסער.

9 אינדערפֿרי האָט מען אונז, ווי געוויינלעך, באַפֿוילן אַרויפֿצוגיין אינדער־הויך — דאָס איז די צייט ווען מען רעווידירט און קאָנטראָלירט. אַלע וואָס קענען שווימען זיינען פֿלוצלונג אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דעם דעק, וואָס איז געווען 15 מע־טער איבערן וואַסער, אין ים אַריין. איך שטיי און קוק ווי מיין חבר שפּרינגט אַראָפּ. צום טייוול! פֿאַרוואָס קען איך נישט שווימען?! — עקבערט אַ מחשבה דעם מוח. פּלוצלונג — אַ קנאַל, ווי אַ האַרמאַט וואָלט אויסגעשאָסן! מיר הויבן אויף די אויגן: וואָס איז געשען? אפֿשר איז דאָס אַ וואָרנונגס־שאָס צו די וועכטער אויפֿן ברעג? אַלע לויפֿן צום פֿאָרענטש, כּדי צו זען, ווי די שווימער שווימען. אָבער פֿונם הינטערשטן טייל דערהערט מען אַ געשריי: „אַלע אַראָפּ! אַלאַרם! אַע־ראָפּלאַנען!" — אַ מהומה. אַלע שטופּן זיך אויף אונטן. די ענגלענדער זיינען דאַטלאָז. די שיף בויגט זיך לאַנגזאַם אויף אַ זייט. דאָס איז מסתּמא דערפֿאַר, וואָס אַלע שטייען אויף דער רעכטער זייט. עס דערהערן זיך צעטומלטע געשרייען: „גייט אַריבער אויף דער צווייטער זייט!"... די שיף טוט זיך אָבער אירס. ווייס איך וואָס! אונזער „פּאַסיפֿיק" פֿלעגט זיך אָפֿט נאָך מער וואַקלען און מיר האָבן דעריין נישט געזען קיין שום סכּנה. אָבער אָט באַווייזן זיך פּאָליציסטן און מאַט־ראָזן מיט רעטונגס־גאַרטלען אויף די לענדן. איך לויף אַראָפּ אונטן, אויף מיין אָרט. איך לויף און איך שריי אויפֿן וועג: „אָנטון די רעטונגס־גאַרטלען!" אויף מיין שטענדיקן פּלאַץ איז אַ כאַאָס. איך כאַפּ אַרויס דאָס טאָג־בוך און וויל נעמען דעם רעטונגס־גאַרטל, אָבער באַלד פֿליט מיר אין קאָפּ אַריין אַ שווערע וואַליזע. איך פֿאַרלאָז מיין פּלאַץ און היט זיך, אַז די פּאַלנדיקע זאַכן זאָלן מיר נישט פּלעטן דעם מוח. מיט גרויסע שוועריקייטן דערקלייב איך זיך צו די שטיגן, וואָס געפֿינען זיך שוין אין אַ פֿולשטענדיק אויסגעקרימטער לאַגע. ווען איך דערקלייב זיך אינ־דערהויך, רייס איך אַראָפּ שנעל די מעלדונג פֿון 21 נאָוועמבער און אַנטלויף.

אין לויפֿן טרעף איך מיין אַרעסטירטן חבר, ער דערציילט מיר שנעל, וויאַזוי ער איז אַרויס פֿון זיין געפֿענגעניש. לכתּחילה איז געווען שלעכט. דער וועכטער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, פֿאַר דער קאַבינע, האָט געשריען צו די פֿאַר־שפּאַרטע אינעווייניק: „פֿאַר מיינעטוועגן קענט איר דאָ פֿאַרבלייבן און שטאַרבן". צום גליק איז אָבער געקומען צולויפֿן אַן אַנדערער פּאָליציסט און האָט זיי באַ־פֿרייט. געטראָגן פֿון אַ מענטשן־שטראָם, קריגן מיר זיך דערווייל אַרויס אינדער־הויך, אויפֿן אויבער־דעק, וו מיר איבערצייגן זיך, אַז די שיף איז שוין איינגעבויגן ביזן וואַסער, אַזוי אַז איך מוז זיך האַלטן, כּדי נישט אַריינצופֿאַלן. ביים פֿאָרענטש, וואָס דערגרייכט שוין כּמעט דאָס וואַסער, שטייט אַ פּאָליציסט מיט אַ ביקס און דראָט די אַלע, וואָס ווילן שפּרינגען אין וואַסער, אַז ער וועט שיסן. אָבער ווי ער רעדט אַזוי — איז שוין דער פֿאָרענטש אין וואַסער. עס פֿליען ברעטער, רעטונגס־

שיפֿלעך און אַנדערע זאַכן. פֿיל מענטשן פֿאַלן אַראָפּ מיט אַ געשריי. די לעצטע מינוט. איך מוז שפּרינגען. איך לאָז אַפּ די אייזערנע שטאַנג, און וועלבער איך האַלט זיך, און פֿאַל אַראָפּ אין וואַסער אַריין. פֿון אַלע זייטן דערהערן זיך געשרייען: „שווימט, שווימט גיכער!" נאָך אַ ווײַלע און די שיף וועט צעשמעטערט ווערן. איך באַמי זיך צו שווימען וואָס שנעלער. אַ מוראַדיקער גערויש פֿון ברעטער, שיפֿלעך און מענטשן, וואָס פֿאַלן אין וואַסער אַריין. געשרייען פֿון קינדער און פֿרויען. איך פֿיל ווי פֿרויען הענגען זיך אָן אָן מיר און איך לאָז זיך אַראָפּ צום גרונט.

אונטערן וואַסער קייקל איך זיך ווי אַ פּילקע; איך פֿאַרהאַלט דעם אָטעם הגם איך גלויב נישט, אַז איך וועל זיך אַרויסקריגן. אין האַרצן געזעגן איך זיך שוין מיט אַלע, וואָס זײַנען מיר טײַער. איך פֿיל שמערצן, אָבער איך האַלט נאָך אַלץ איין דעם אָטעם. איך וויל נישט עפֿענען דעם מויל און די נאָז ביז איך וועל נישט חלשן, אפשר איז דאָך פֿאַראַן אַ האָפֿענונג. וועל איך דען שוין נישט זען דאָס לאַנד, ווהין איך האָב געשטרעבט? וועל איך שוין נישט זען דעם טאַטן, דער מאַמען, מײַן ברודער? איך מוז זיך נאָך איינהאַלטן. פּלוצלונג דערפֿיל איך, אַז איך הויב זיך אויף. און אָט בין איך... ווידער אין דער שיף. וויאַזוי? איך בין דאָך שוין געווען ווייט פֿון דער שיף? אָבער איצט איז נישט קיין צײַט צו טראַכטן (אַ צײַט נאָכן אומגליקספֿאַל בין איך געקומען צום אויספֿיר, אַז דאָס בין איך דורכן שטראָם פֿאַרשלעפּט געוואָרן צוריק צו דער שיף). די וואַנט, וואָס הענגט איבער מיר, דערנענטערט זיך אַלץ מער און מער. אויב מיר וועט נישט געלונגען אַרויסצוקריגן זיך דורכן פֿענצטערל, וועט מיך די וואַנט מיטשלעפּן אונטן, און דאַן וועל איך שוין זיכער דערטרונקען ווערן. אָבער דאָ באַמערק איך, אַז דאָס וואַסער הויבט זיך נישט מער און אויך די וואַנט בלײַבט אויף דער זעלבער פּאָזיציע. די שיף זינקט שוין נישט מער. אפשר האָט זי שוין דערגרייכט דעם דעק פֿונם האָפֿן? אויף יעדן פֿאַל קריג איך זיך אַרויס דורכן פֿענצטערל און בין שוין אויף דער אויסערלעכער וואַנט. אָן כוחות לאָז איך זיך אַראָפּ אויף דער וואַנט און אָטעם שווער. איך האָב נאָך די געלעגנהייט צו העלפֿן עטלעכע מענטשן אַרויסצוקריגן זיך דורך פֿאַרשידענע משונהדיקע לעכער. דאָ זיץ איך און וואַרט, וואָס וועט ווײַטער זײַן.

פֿאַר מיר שפּילט זיך אָפּ אַ שוידערלעכע סצענע. אַרום דער איבערגעדרייטער שיף טראָגן זיך גרעסערע און קלענערע שיפֿלעך, וואָס וואָגן נאָך נישט צו דער־נענטערן זיך צום אַוועקגעלייגטן „לייב", אויס מורא, אַז זיי זאָלן נישט אַרײַנגע־שלעפּט ווערן אין זײַן ריזיקן קערפּער. דאָך ראַטעווען זיי מוטערהאַפֿט. אין די שיפֿלעך און אויף דעם כוואַליעס־ברעכער געפֿינען זיך נאַקעטע און פֿאַרוווּנדעטע. ס'איז באמת אַ וווּנדער, וואָס איך בין נישט באַשעדיקט.

איך האָב מיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ קוילן־שיפֿל, וואָס איז געווען פֿול מיט מענטשן. שפּעטער איז צוגעקומען אַ מאָטאָר־שיפֿל און האָט אונדז אַוועקגעפֿירט. הינטער אונדז ליגט די שטאַרקע, שטאָלצע שיף אײַנגעזונקען אין ים. דיר איז, הייסט עס, נישט געלונגען אַוועקצופֿירן אונדז פֿון אונדזער „פּאַטריאַ", פֿון אונדזער פֿאָטערלאַנד. אונדזער „פּאַטריאַ" זינגט. מיר האָבן קיינמאָל זיך נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז דער פּרײַז פֿאַר אונדזער עליה וועט זײַן אַזוי גרויס, אַז עס וועלן זײַן אַזויפֿיל קרבנות.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער דאמבע, האבן שוין דארט געווארט די מאשינען פון „רויטן מגן־דוד" כדי אפצופירן די פארוואונדעטע. אביסל העכער אויפן ברעג, האבן פיל פון אונז געקניט און געקושט די ערד.

אין דער באגלייטונג פון פאליציסטן גייען מיר צו איינעם פון די מאגאזינען אין פארט. דער וועג איז אנגעפיקעוועט מיט שטעכעדיקע שטיינדלעך, אבער די געשעענישן הינטער אונז און דאס גליק צו שטעלן א פוס אויפן באדן פונם פאטערלאנד זיינען אזוי גרויס, אז מיר פילן כמעט נישט די שמערצן.

מיר זיינען אין גרויסן מאגאזין. ווער עס גייט אריין, פאלט א קרבן פון קושן און שטורמישע אויסרופן: „דו לעבסט?" קינדער דרייען זיך ארום מיט א געוויין און זוכן זייערע מאמעס, מוטערס זוכן זייערע קינדער, פאמיליען־מיטגלידער זוכן איינע די צווייטע, חברים פרעגן זיך אויס, וואס מען מאכט. קולות טראגן זיך פון אלע זייטן: ווו איז דער? ווו איז יענער? פון צייט צו צייט מעלדעט מען וועגן א דערטרונקענעם, וואס מען האט ארויסגעשלעפט פון וואסער. מען וויינט און מען קלאגט. די פארחלשטע טראגט מען ארויס צו דער מאשין פון „רויטן מגן דוד". אויטאס קומען און אויטאס פארן אפ. אלע זיינען זיי פול מיט פארוואונדעטע. מען זאגט, אז די שפיטאלן זיינען שוין אלע איבערפולט. אין מאגאזין איז באשטימט געווארן א פונקט פאר דער ערשטער הילף, אבער אזוי־ווי די ריי איז זייער א לאנגע, ווערן אויפגענומען בלויז שווער־פארוואונדעטע.. אונזערע בגדים זיינען נאס און מיר ציטערן פון קעלט. גערא־טעוועטע קומען אן אויפהער און יעדער איינער ווערט אויפגענומען מיט אזא שמחה, גלייך ער וואלט געווארן פון טויט לעבעדיק.

שפעטער זיינען מיר געוואר געווארן וועגן א העלדישער טאט פון אן ענגלענדער, וועלכער האט איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי צו ראטעווען הונדערטער מענטשן. דער קאפיטאן האט אים געשיקט צו עפענען א געשלאסענעם קעסל און אויסצומיידן אויף אזא אופן אן אויפרייס. ביים אויספירן זיין מיסיע האט ער פארלארן זיין לעבן, דערפאר האט ער אבער אפגעראטעוועט דאס לעבן פון זייער א סך מענטשן. זאל דער אנדענק פונם אומבאקאנטן ענגלישן העלד זיין געבענטשט!

דער ישוב האט אונז געשיקט דעקעס, בגדים, שפייז און אנדערע זאכן. די אויסטראלישע זעלנער האבן אונז געבראכט פלעצלעך, הייסן טיי, ציגארעטן. א סך פון זיי האבן אונז געגעבן זייערע מאנטלען. קורץ: זיי האבן געטון, וואס זיי האבן געקענט.

א טייל מענטשן האבן שוין איינע די צווייטע אפגעזוכט, אבער דאס רוב זוכט אומזיסט. ביי דער אלגעמיינער ציילונג האט זיך ארויסגעוויזן, אז עס פעלן הונדערטער מענטשן. זאלן זיי האבן אלע דערטרונקען געווארן? אנדערע זיינען אנטלאפן. א סך געפינען זיך אין די שפיטעלער. אבער דאך זיינען א מאן צוויי הונדערט, ווי עס שיינט, אומגעקומען. שרעקלעך!

וואס וועט זיין מיט אונז דער סוף? פרוי סאלד האט טעלעפאנירט צו אונז און געפרעגט וואס מיר מאכן. זי באמיט זיך, אז מען זאל די „עלית הנוער" אריבערשיקן קיין עתלית. אויב דאס וועט איר געלונגען, וועט זי אונז נאך היינט באזוכן.

9 אינאוונט איז פרוי סאלד אראפגעקומען. אויטאבוסן פירן אונז אפ קיין

עתלית. די רייד־באַלויכטענע שטאָט פאַרכישופט אונז. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען מיר שוין אויסער דער שטאָט. די מאַשין פאַרהאַלט זיך. מיר געפינען זיך אין טויער פונם עתלית־לאַגער.

ביים טויער זאַמלען זיך הונדערטער מענטשן, מען מאַכט אונז אָוואַציעס. מען באַגריסט אונז. דאָס איז דער ערשטער „שלום" זינט מיר זיינען אין א"י.

נתן פרידמאן

## אויף די קברים פון די קרבנות

— — אין מאָמענט, ווען מיר שטייען איינגעבויגן איבערן פרישן ברודער־קבר, וואָס דעקט צו די קערפּער פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן געפונען דעם טראַגישן טויט נעבן די ברעגעס פון היימלאַנד; ווען מיר באַווייגען דעם טויט פון אָט די קדושים — די קדושים פון עליה — איז אונזער האַרץ פול מיט ציטער פאַרן גורל פון די טויזנטער, וואָס זיינען ניצול געוואָרן פון טויט אינם טאָג פון שרעקלעכן נסיון, פאַרן גורל פון די, וואָס זיינען אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון דער אונטערגייענדיקער שיף אויפן ברעג, און אויך פאַרן גורל פון די, וואָס געפינען זיך נאָך אַלץ אויף דער צווייטער שיף.

דער שרעקלעכער גורל פון אונזער פאָלק האָט געפונען זיין פולסטן אויסדרוק אין דעם גרויזאַמען בילד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינם חיפהער פּאָרט. פון די בליקן פון הונדערטער זקנים, מענער, פרויען, און קינדער האָבן מיר אַרויסגעלייענט נישט נאָר דעם טויט־שרעק אַליין, נאָר אויך די גאַנצע יסורים־פולע געשיכטע, וועלכע זיי האָבן דורכגעלעבט אויף זייער וועג: יאָרן פון רדיפות, פון פיזישע און מאָראַלישע עינויים, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אינם היטלער־גלות, וועלכער ווייס פון קיין רחמנות נישט. שייטערהויפנס פון דער בוכענוואַלדער און דאַכאַוער אינקוויזיציע, חדשים־לאַנגע וואַגלענישן פון לאַנד צו לאַנד, אויף צעבראַכענע שיפלעך איבער די ימים, אין געראַנגל מיט די שטורעמדיקע כוואַליעס און הפקר פאַר אַלע מלחמה־אַנשיקענישן. און ווען די רעשטלעך פון פאַרטיליקטן פאָלק דערגרייכן צום סוף די ברעגעס פון היימלאַנד, ווערן זיי ווידער פאַרמשפּט צו געפינען זיך במשך לאַנגע וואָכן אויף דער שווימענדיקער תפיסה און קענען נישט, לויטן אורטייל פון מידת־הדין, אַריינקומען אין לאַנד פון זייער האָפענונג און נאָך מער ברוטאַלער איז דער ר י כ ט ע ר , וועלכער דערקלערט זיי און דעם גאַנצן יידישן פאָלק: „אויך נאָך דער מלחמה האָט די רעגירונג נישט בדעה צו דערלויבן זיי אַריינצוקומען..." אויך די האָפענונג ווערט פון זיי אַוועקגערויבט.

איז דען דער חטא פון די דאָזיקע אַנטרינענע פון טויט און אומקום באמת אַזוי גרויס? שווין־זשע איז זייער ביטערער כוס נאָך נישט פול געוואָרן נאָך דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס איז פאָרגעקומען דעם לעצטן מאָנטיק? און דאָס בלוט און די טרערן די פאַרגאָסענע — זיינען זיי נאָך נישט גענוג, כדי צונישט צו מאַכן די שלעכטע גזירה, כדי אַרויסצורופן מידת־הרחמים?

עס קומט אַבסאָלוט נישט אויפן געדאַנק, אַז אויך נאָך דעם שרעקלעכן אומגליק וועט די גערעכטיקייט בלייבן שטום און טויב. מיר גלויבן, אַז אין אָט דעם ערנסטן מאָמענט וועט זיך נאָך פאַר דער דאָזיקער גערעכטער און יושרדיקער פאַר־

דערונג געפינען אַז אַפּן אויער ביי די אָנפירער פונם פאָלק, וואָס שטייט איצט איז אַ שווערן קאַמף — אין אונזער בשותפותדיקן קאַמף — קעגן דעם רשע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו געוועלטיקן איבער דער גאַנצער וועלט.

א. דאבקין

# אין בריטישן פּאַרלאַמענט

4 דעצעמבער 1940.

וועדזשוווד: יעדער איינער, וואָס קען די געפילן פון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די שרעקלעכע רדיפות קיין ארץ־ישראל, ווו עס זיצן זייערע פריינט, דער, וואָס באַדענקט, אַז אָט די מענטשן האָבן מיטאַמאָל אַנטדעקט, אַז מען וויל זיי פאַרשיקן ערגעץ ווייט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, פון וועלכן זיי האָבן זיך מיט שווערער מי אַרויסגעריסן — ווער עס טראַכט זיך אַריין אין דער זאַך, וועט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען. זיי האָבן נישט מסכים געווען פאַרשיקט צו ווערן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער! ווען איך וואָלט געווען איי־נער פון זיי, וואָלט איך דאָס זעלבע געטון. אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדערן אופן איז זיי געלונגען דורכצולעכערן די שיף און זי צו דערטרינקען. זי איז אונטערגעגאַנגען אין חיפהער פּאָרט און 200 מענטשן זיינען דערביי אומגעקומען. די געראַטעוועטע זיינען אויפסניי אַרעסטירט געוואָרן און זיצן איצט אין אַ לאַגער. די באַגרינדונג פון דער דאָזיקער האַנדלונג איז, אַז די פאַר־מלחמה־פּאָליטיק פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג מוז אויך קאָנטינואירט ווערן בעת דער מלחמה.

איך וויל בעטן די רעגירונג, זי זאָל אויך זען די קאָנסעקווענצן. אין אַ צייט, ווען מיר קענען זיך ווייניקער, ווי ווען עס איז, דערלויבן צו רעזיגנירן אויף וואָס פאַר אַ שיף עס זאָל נישט זיין, און ספּעציעל אויף דעם מיטללענדישן ים, ווו יעדע שיף איז אונז נויטיק איבערצושיקן געווער און מענטשן קיין גריכנלאַנד, ווו דער צושטאַנד פון אונזער שיפס־וועזן איז אַזוי שלעכט — אין דער זעלבער צייט פאַרוונדעט מען דאָרט איינע פון אָט די שיפן, כדי דורכצופירן אַ פּאָליטיק, וואָס מוז — אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס מיר טראַכטן וועגן איר — דערשיינען אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט אַלס אַן אומענטשלעכע. מיר האָבן פאַרשאַפט פאַרגעניגן היטלערן. מיר האָבן שווער באַליידיקט די געפילן פון די ליבעראַלן אויף גאָר דער וועלט, און ספּעציעל אין אַמעריקע. די פּאָליטיק, וועלכע מיר פירן דורך איז אין פולשטענדיקן ווידערשפּרוך צו דער ענערגישער אָנפירונג פון דער מלחמה. אין דער זעלבער צייט, ווען היטלער זאַמלט צונויף פון גאַנץ אייראָפּע אַרבעטער פאַר זיינע פאַבריקן און זיינע פעלדער, שטויסן מיר אָפּ די באַרייטקייט פון 2000 מענטשן, פון וועלכע אַ העלפט איז פעיק צו מיליטער־דינסט און וועלכע ווילן אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן אָדער אויף די פעלדער פון ארץ־ישראל. מיר האָבן זיי אָפּגעזאָגט די דערלויבעניש צו אַרבעטן און מיר שיקן זיי אַוועק — ביי קאָלאָסאַלע הוצאות — אויף אַן אינזל פון שטילן אָקעאַן, ווו מיר וועלן זיי אויך ווייטער, ביז ענדע קריג, מוזן אויסהאַלטן פאַר אַ פּרייז פון לכל הפחות הונדערט טויזנט פונט אַ יאָר. אַזאַ זאַך לייגט זיך גאָרנישט אויפן שכל, אויסער — אויב די דאָזיקע מענטשן, וואָס ווענדן אַן אַזאַ פּאָליטיק, שטרעבן צו דעם, מיר זאָלן מיט דער צייט מאַכן יד־אחת מיט היטלערן און ווערן זיינע ידידים.

# די אָפיציעלע מעלדונג

5 דעצעמבער 1940. אָפיציעל:

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָפיציעלער מעלדונג, וועלכע איז דעם 20־סטן נאָוועמבער פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער רעגירונג, ווערט איבערגעגעבן דער עפנטלעכקייט די פאָלגנדיקע מעלדונג: צוליבן אונטערגיין פון דער שיף „פּאַטריאַ", — וואָס די סיבות פון דעם זיינען נאָך ביז איצט נישט אויפגעקלערט געוואָרן און וועלן אויסגעפאָרשט ווערן דורך אַ ספּעציעלער אויספאָרש־קאָמיסיע, — האָט די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, נעמענדיק אין באַטראַכט אַלע אומשטענדן און ספּעציעל די ליידן, וועלכע די געראַטעוועטע האָבן דורכגעמאַכט, גרויסמוטיק באַשלאָסן נישט דורכצופירן דעם באַשלוס וועגן אַרויסשיקן די דאָזיקע מענטשן אין אַ בריטישע קאָלאָניע.

עס ווערט זיי דערלויבט צו בלייבן אין לאַנד, אין איינקלאַנג מיטן עקזיס־טירנדיקן געזעץ און די צאָל וועט אָפּגערעכנט ווערן פונם קומענדיקן עליה־שעדיול.

עס וועט נישט חל זיין קיין שום ענדערונג, בנוגע אַנדערע אומלעגאַלע עולים און בנוגע דעם באַשלוס פון דער רעגירונג אַרויסצושיקן זיי מעבר לים, וויבאַלד עס וועלן געפונען ווערן די נויטיקע צו דעם צוועק שיפן.

# עליה אָדער — טויט

צו אַרים איז אונזער שפּראַך, זי זאָל קענען אויסדריקן אין ווערטער די שרעקלעכע דראַמע, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט, און וועמענס העלדן עס זיינען אומבאַקאַנטע, פּשוטע מענטשן, יידן, וואָס האָבן זייער לעבן געראַטעוועט און ווילן לעבן בלייבן.

פּונקט ווי עס האָט זיך געפונען אַ קינסטלער, וועלכער האָט אַרויסגעבראַכט דעם גורלדיקן געראַנגל פון אַ קליינער גרופּע מענטשן אויף אַ פאַרוואָרפענעם באַרג — די טראַגעדיע פון „40 טעג פון מוסא דאַג" — אַזוי וועט אויך אַמאָל אַ שע־פערישער טאַלאַנט אויפוויקלען „די טעג פון פּאַטריאַ". אָבער איצט, בשעתן קאַמף גופא און אין די סאַמע טעג פון ווייטיק, טרויער און שאַנדע, איז אונזער חוב צו פאַרשטיין און צו וויסן, וואָס איז די מאָראַלישע און פּאָליטישע באַדייטונג פון אָט דעם קאַמף, כדי צו זיין גרייט צו דער דראָענדיקער אונז מלחמה און צו די ביטערע טעג, וועלכע קומען אונז אַנטקעגן.

די פּרשה „פּאַטריאַ" האָט אַ דעצידירנדיקע מאָראַלישע און פּאָליטישע באַ־דייטונג קודם כל צוליב דעם, וואָס דורך איר איז געקומען צום אויסדרוק אין אַזאַ שאַרפער פאָרם און אין איר גאַנצער טראַגישער גרויזאַמקייט די איין און איינצי־קע ברירה, וואָס עקזיסטירט אין דער יידישער מלחמה. די ברירה הייסט — עליה אָדער טויט!

יאָ, דאָס איז דער שרעקלעכער אמת פון יידישן לעבן אין דער איצטיקער תקופה און אויך די איינציקע ברירה. דאָ ענדיקט זיך די „פּאָליטיק" און דער גורל בלייבט

דאַ שטיין פאַר אַ תהום. דעריבער האָט דאָס אויך אַ פּאָליטישע באַדייטונג פאַר אונז אַליין, פאַר אונזער באַוווסטזיין, פאַר די „השאננים בציון", פאַר די זאָרגלאָזע און ווייד־האַרציקע, וואָס געפינען זיך צווישן אונז און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט און אירע רעגירער. אַט דער באַוווסטזיין, וועלכער טאָר אַבסאָלוט נישט מטושטש ווערן און פון וועלכן מיר טאָרן נישט, פאַר קיין שום פּרייז, באַפרייען חמה. ער מוז אויך ווערן די העכסטע קריטעריע ביים מאָראַלישן אויסוואַל פון אונזערע קאַמפס־מיטלען. מיר דאַרפן זיך, פאַרשטענדלעך, נישט איינרעדן, אַז אויפגעציטערט האָט דאָס „געוויסן" פון די האַרצלאָזע וועלט־הערשער, אין וועמענס הענט דאָס לעבן פון מענטשן און דער גורל פון פעלקער און פון לענדער זיינען נישט מער ווי אַ שפּילעכל און אַ מיטל צו הערשאַפט. אָבער אויך צו זיי מוז דערגיין אַט די גאַנצע ערנסטקייט פון לעבן (און טויט!), וואָס שטעקט אין אונזער קאַמף, און וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ פּאָליטישע וואָגיקייט, וועלכע מען קען נישט ליקווידירן אַט אַזוי מיט דער האַנט, מיט אַ באַרימהערציקן זשעסט, אָדער מיט אַ דיפּלאָמאַטישן טריק.

ווער זיינען מיר און וואָס איז אונזער כוח? — דאָס איז די פראַגע, וואָס שווימט שטענדיק אַרויף אין אַלע אונזערע אויפקלערונגען און באַטראַכטונגען וועגן אונזער פּאָליטישן קאַמף. נישט איינמאָל האָט די פראַגע גורם געווען אַן אָפּהאַלט און שטערונג אין יעדער ערנסטער פּאָליטישער אַקציע. אויב מיר האָבן אַ סך מאָל נישט געוווסט וויאַזוי אָפּצושאַצן און צו באַוועגן אַט דעם קליינעם כוח, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז קלאָר, אַז היינט צו טאָג שטייען מיר אָרעם און הילפסלאָז אַנט־קעגן די כוחות, וואָס געוועלטיקן אויף דער וועלט און דעצידירן וועגן גורל פון פעלקער. אָבער טראָץ דעם האָבן מיר נאָך נישט געענדיקט דעם חשבון פון אונזער קאַמף. אויב די וועלט־באַהערשער האָבן נישט קיין מורא פאַר אונזער כ ו ח — זאָלן זיי נישט אונטערשעצן אונזער י א ו ש. מיר אַליין האָבן נאָך ביז היינט נישט געוווסט ווי שטאַרק איז דער כוח פון אונזער יאוש. נישט אויסגעשעפּט און נישט אַנטבלויזט זענען געוואָרן ביז צום גרונד די כוחות, וואָס ליגן באַהאַלטן אין דער גבורה פון דעספּעראַטן, פון מאַסן־מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין אויס־וועג, וואָס פאַרלירן קענען זיי נאָר דעם טויט און געווינען אפשר דאָס לעבן. וואָס עס געלינגט נישט אַ סך מאָל צו דערגרייכן דעם כוח פון מעכטיקע און געוועלטי־קער, קען אַמאָל אויספירן דער יאוש פון שוואַכע און אונטערדריקטע, וועלכע האָבן נישט קיין אויסוועג.

ל. לעוויטע

## „פּאַטריאַ" אין דעם מדבר

צוויי זיינען מיר געווען אויף דעם אויטאָ. ער איז געשטאַנען אין דער ריי צווישן דער קאַראַוואַנע, וועלכע דאַרף באַלד אינדערפרי אַרויספאָרן אין די געגנטן פון על־עלמיין און די טרעגער האָבן אַנגעלאָדן אויף איר בענזין. אַ פול־אָנגעלאָ־דענע און איבערגעבונדן הויך איבער אירע ברעגעס האָט די מאַשין געפּייפּט און געקרעכצט אונטער דער שווערער משא. אין דער פינצטערניש זיינען מיר אָפּגע־פאָרן צום זאַמל־פּונקט. מיין חבר, וואָס זיצט לעבן מיר, איז אַ נייער אין דער

אפטיילונג. ער איז אריבער צו אונז צוזאמען מיט א גרופע חיילים, קורץ פאר אונזער ארויספאר.

— פון וואנען ביסטו?

— פון עסטרייך, — האט ער מיר געענטפערט מיט א טיפער שטים.

צומארגנס האב איך געפירט דעם אויטא אויף די שאסייען פון עגיפטן און בשעת דער רייזע האב איך זיך צוגעהערט צו דער געשיכטע פון זיינע איבערלע־בענישן: ער שטאמט פון עסטרייך, ווו ער האט איבערגעלאזט זיין אלטע, בלינדע מוטער. ער האט זי פארלאזט און אנטלאפן. געווען צען מאנאטן אין דאכאו. און מיט א שטילער און טיפער שטים, א דורכגעזאפטע מיט צער און צארן, האט ער צוגעגעבן: און... צען חדשים אין עתלית.

אויף איינער פון די סטאנציעס האבן מיר באשלאסן צו באצייכענען יעדע מאשין מיט א נאמען, געשריבן מיט העברעישע אותיות. איך האב געוואלט אנ־שרייבן אויפן אויטא דעם נאמען פון מיין ישוב. וועגדנדיק זיך צו מיין חבר האב איך א פרעג געטון: „און דו, וואס פאר א נאמען, וואלסטו אויסגעקליבן?"

א רגע האט ער נאכגעטראכט. יא, ער האט א נאמען: „סילווא". אבער ניין. דאס האט זיך שוין פון לאנג „געענדיקט". און קוקנדיק אויף מיר, האט ער א זאג געטון: „צייכן אן, איך בעט דיך, „פאטריא".

איך האב דערפילט א שרעק אין זיין בקשה. שרעק און פארביטערונג. איך האב זיך געטראכט אין הארצן: אין דער אמתן איז דאס דאך זיין הויז. דאס הויז. וואס איז אונטערגעגאנגען אין די טיפענישן פון ים, אבער וואס איז אים ביז היינט פארבליבן אלס זיין הויז. איך האב ארויסגענומען די קרייד פון מיין טאש און אויפגעשריבן אין דער גאנצער לענג פון אויטא „פאטריא". אזוי זיינען מיר מיט דער מאשין ארויף אויפן באדן פון פיינט.

משה מאסינזאן

# ב. „מאוריציוס"

## (ט' אלול תש"א — י"ז אלול תש"ה)
## ( דעצעמבער 1940 — 26 אויגוסט 1945)

## די דעפארטאציע

א.

שוין שבת, דעם 7־טן דעצעמבער 1940, האט מען געפילט אינם לאגער פון עתלית א נערוועזע פארבארייטונג. אלע יידישע צוגאב־פאליציסטן זיינען דער־וויטערט געווארן פון לאגער. ביי די טויערן און ארייגנגנג זיינען אוועקגעשטעלט געווארן ענגלישע פאליציסטן. די ארבעט ביים אויסברייטערן דעם לאגער, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט צוויי וואכן צוריק, איז איבערגעריסן געווארן. מען האט דערוויטערט אלע פרעמדע און פארשארפט די קאנטראל און רעוויזיע פון יעדן

אריינקומענדיקן. די מענטשן פון „פאטריא" און „אטלאנטיק" אינערהאלב דעם לאגער, זיינען ווי אמשטערנגסטן אפגעטיילט געווארן. איין בחור, וועלכער האט געפרווווט אריבערגיין איז געכאפט געווארן און ווי געהעריק באשטראפט געווארן.

זונטיק אין דער פרי זיינען אנגעקומען נייע פאליציייאישע פארשטארקונגען צוזאמען מיט הויכע פאליציי־אפיצירן, וועלכע האבן אויף צומארגנס אנגעפירט מיט דער „ארבעט". נאכמיטאג האבן אנגעהויבן צו שטראמען לאסט־אויטאס, באזעצט מיט באוואפנטע זעלנער און פאליציסטן. די וואך איז פארשטארקט געווארן. מיליטער האט ארומגערינגלט דעם לאגער און אין אלע פיר עקן איז אוועקגעשטעלט געווארן מאשין־געווער. נאכמיטאג איז דער לאגער אינגאנצן אפגעשלאסן געווארן און קיינער האט נישט געקענט נישט אריין און נישט ארויס. די מעפילים פון „אטלאנטיק" האבן באקומען א מעלדונג צו זיין גרייט אויף מארגן 5 אזייגער אינדערפרי. „מען וועט אייך אוועקפירן פון דאנען". זיי האבן נישט געזאגט וואהין. ווען די נאכט איז צוגעפאלן האבן די מעפילים באקומען א באפעל אריינצוגיין אין די באראקן, וועלכע זיינען הינטער זיי צוגעמאכט געווארן אויף שלעסער.

מאנטיק, ווי נאר ס'איז טאג געווארן, האט זיך אנגעהויבן די „ארבעט". אזייגער 4 האבן זיך שטארקע גרופן פון פאליציאנטן אריינגעריסן אין די באראקן פון די „אטלאנטיק"־מעפילים. אויפגעוועקט זיי און באפוילן צוצוגרייטן זיך אין וועג אריין. די מעפילים אבער, וויסנדיק, וואס עס גייט אויף זיי, האבן זיך נישט געאיילט אויפצושטיין. האט זיך אנגעהויבן א פרשה פון שלעפן מיט כוח און שלאגן מיט שטעקענער. די פאליציסטן האבן „דערליידיקט" איין באראק נאכן אנדערן. ווי נאר זיי זענען אריין אין א באראק, האבן זיך פון דארט געטראגן שרעקלעכע געשרייען: קלעפ האבן זיך ארפגעלאזט אויף די נאקעטע לייבער פון די מעפילים, וואס האבן זיך נישט געוואלט אנטון, ווייל זייער באשלוס איז געווען א פעסטער: פון דאנען וועלן מיר זיך נישט רירן!

די פאליציסטן האבן דאן אנגעהויבן ארויסשלעפן זיי פון די באראקן. צו צוויי און דריי פאליציסטן אויף איין מעפיל. נאקעטערהייט האבן זיי ארפגעצויגן די מעפילים פון זייערע געלעגערס, געהאקט און געשלאגן זיי, אן רחמנות, ספעציעל איבער די פלייצעס און געשלעכטס־ארגאנען, און געשלעפט פאר די פיס און הענט איבער דער ערד. די וואס האבן זיך גאר שטארק אנטקעגנגעשטעלט, און צוויי זעלנער האבן זיך נישט געקענט מיט זיי קיין עצה געבן, זענען אריינגעווארפן געווארן, ווי א פעקל שמאטעס, אין א דעקע אריין און פיר פאליציסטן האבן זיי ארויסגעטראגן און אריינגעווארפן אין א פארמאכטן אויטא. איינעם א מעפיל, וועלכער האט זיך שטארק געווערט, האבן זיי די דעקע ארומגעוויקלט ארום זיין האלז, ווי א תליה־שטריק און אזוי אים געשלעפט איבער דער ערד. פון די שווערע קעלפ האבן פיל פארלארן זייער באוווסטזיין, אבער ווי נאר זיי זיינען צוריקגעקומען צו זיך, האבן די פאליציסטן ווייטער זיי געשלעפט צו די אויטאס שלאגנדיק זיי מכות רצח.

ביי אייניקע האבן זיך באוויזן סימנים פון משוגעת מחמת שרעק פאר די שלעק און עינויים. א סך פארוואונדעטע און פארחלשטע זיינען אויף טראג־בעטלעך ארויסגעטראגן און אריינגעווארפן געווארן אין די אויטאס. א זקן, מיט קראנקע פיס, וועלכער האט זיך צו לאנג געזוימט ביי זיין פעקל, האט מיט זיין פארהאלטן

זיך אויפגערעגט די פּאָליציסטן וועלכע האָבן מיט קלעפּ פון די פויסטן אונטער־געטריבן אום צוצואיילן זיך.

א טייל פון די „אַטלאַנטיק"־מענטשן האָבן משפחה־מיטגלידער ביי „פּאַטריאַ", ווער א מוטער, ווער אַ פרוי, ווער א זון און ווער א מאַן. מען האָט זיך אָבער נישט צוגעהערט צו זייערע בקשות, און נישט דערלויבט זיי צו זעען זיך מיט זייערע נאָענטע פאַרן אַרויסגיין.

ווען די סאָלדאַטן זיינען אַריין אין די באַראַקן פון די פרויען און קינדער, האָבן זיי נישט אָנגעטראָפן קיין ווידערשטאַנד. אָבער אויך דאָ זיינען געווען דערשיטערנדיקע מאָמענטן. אָט שטייט א קליין יינגעלע פון א יאָר זעקס, ער וויינט און שרייט, ער וויל בשום אופן נישט אַוועק פון דאַנען: — „מיין טאַטע — שרייט דאָס יינגעלע — געפינט זיך דאָ, אין לאַנד, ער וווינט שוין אין ירושלים זינט 4 יאָר, איך וויל אים נאָר זען, און דאַן וועל איך אַרויספאָרן."

אָט יאָמערט דאָרט א צוועלף־יאָריק מיידעלע און אירע געשרייען שניידן דורך די לופט אין לאַגער: „מיינע עלטערן געפינען זיך דאָ אין לאַנד, זיי וווינען אין תל־אביב,, איך וויל כאָטש זיי צוּוויסן געבן, אַז איך געפין זיך דאָ, וועלן זיי קומען מיך צונעמען." א צווייט מיידעלע, וועמענס מוטער ליגט אין שפּיטאָל, בעט זיך, מען זאָל זי איבערלאָזן אָדער מען זאָל מיטנעמען אויך די מוטער. און אָט דרייט זיך אַן אַנדער מיידעלע פון א יאָר פיר. זי זוכט אירע עלטערן און ווייס נישט, אַז זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן צוזאַמען מיט דער שיף. דער קאָמענדאַנט באַרואיקט די קינדער און גלעט זיי — אָבער טראָץ דעם שיקט מען אויך זיי אַרויס פון לאַנד.

איינע א פרוי האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און נישט געלאָזט זיך רירן פון אָרט. איר מאַן איז שוין עטלעכע יאָר אין לאַנד, אויך איר זון איז דאָ געשטאָרבן. זי האָט שוין נישט וואָס צו פאַרלירן, זי וועט פון זיי נישט צעשיידן זיך. זי וועט זיך נישט רירן פון דאַנען. אָט די פרוי האָט מיט אירע געוואָלדן און האַרצרייסנדיקע געשרייען דערשיטערט אויך די אַרומשטייענדיקע פּאָליציסטן און אויף עטלעכע מינוטן איז ווי איבערגעריסן געוואָרן די „אַרבעט". זיי האָבן אָבער אויך פון דעם קרבן נישט רעזיגנירט, אַרויסגעצויגן זי מיט כוח און אַוועקגעפירט. אויפן פּלאַץ זיינען געבליבן נאָר געציילטע — קראַנקע, וועלכע זיינען געלעגן אין שפּיטאָל און האָבן געהאַט קרובים אין לאַנד.

(דערציילט פון אַן עד־ראיה)

ב.

— — — אַזייגער 10 ביינאַכט האָט מען אויפגעוועקט אַלע מענטשן פון „אַטלאַנטיק", און דער אָפיציר קאָנצי האָט זיי געמאָלדן דורך דער פאַרמיטלונג פון צוויי מעפּילים, פון וועלכע איינער האָט גערעדט דייטש און דער צווייטער טשעכיש, אַז האַלב זעקס אין דער פרי דאַרפן אַלע שוין זיין אין די עס־צימערן, כדי צו זיין גרייט אויף זעקס אַזייגער אָפּצושווימען מיט דער שיף. די מעפּילים האָבן געענטפערט, אַז נאָך אַלע זייערע וואַנדער־ליידן וואָס ציען זיך שוין אַזוי איבער א יאָר צייט, האָבן זיי מער קיין כוח נישט צו רירן זיך פון אָרט און זאָגן זיך אָפּ צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. די מעלדונג איז דאַן עטלעכע מאָל איבערגעחזרט

געוואָרן. אינצווישן זיינען אינם לאַגער קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום 300 פּאָליציסטן, באַוואָפנטע אין שטעקענער מיט אייזן־באַדעקטע שפּיצן, און אונטער דער אָנפירונג פונם לייטער פון די תפיסות אין ארץ־ישראל, מאַיאָר סקוט און קאַפּיטאַן גראַנט, לייטער פון דער עכו'ער תפיסה; עס איז אויך געקומען דער קאָנטראָלער פון די פּאָליציי־כוחות אין לאַנד, סונדערס. במשך דער גאַנצער נאַכט האָבן געשטראָמט צום לאַגער מיליטערישע אויטאָס. מאָנטיק, דעם 9־טן דעצעמבער, — האָבן זיי אויפגעוועקט די מענטשן, און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געוואָלט אַראָפּגיין פון די בעטלעך, האָבן זיי אָנגעהויבן אַראָפּציען פון זיי די דעקעס און איבערקערן די בעטלעך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף.

נאָך איידער ס'איז געוואָרן טאָג האָט סקוט געהאַט איינגעלאַדן צו זיך די פּאָליציסטן. געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט זיי אויפגעפאָדערט נישט צו זיין סענטימענטאַל און זיי מכבד געווען מיט משקה. זיי זיינען צוריקגעקומען שיכור.

6 אַזייגער אינדערפרי האָט קאַפּיטאַן גראַנט געגעבן אַ באַפעל: „במשך פון צוואַנציק מינוט מוזן אַלע מעפּילים זיין אָנגעטון". אַזוי ווי זיי האָבן דעם באַפעל נישט געפאָלגט, איז 6.20 געגעבן געוואָרן אַ פייף־צייכן — און די פּאָליציסטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין די באַראַקן. באַלד נאָך דעם האָבן זיך דערהערט פון דאָרט געוואָלדן און שרעקלעכע יללות. די פּאָליציסטן איז געלונגען, מיט כוח, אַרויסצושלעפּן פונם באַראַק נר. 46 דעם ערשטן מעפּיל, וועלכער איז געווען אינגאַנצן נאַקעט. זיי האָבן אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ דעקע, אָבער דער מעפּיל האָט זי פון זיך צוריק אַראָפּגעוואָרפן און אויסגעצויגן זיך אויף דער ערד. אין דעם מאָמענט איז צום מעפּיל צו דער קאַפּיטאַן גראַנט, אַ קאָפּע געטון אים מיטן פוס, אים אויפגעהויבן פון דער ערד און דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים. דאָס איז געווען ווי אַ סיגנאַל פאַר די פּאָליציסטן, וועלכע האָבן זיך בליץ־שנעל אַ וואָרף געטון אויף די מעפּילים און אָנגעהויבן זיי שלאָגן מיט די שטעקענער. אַ סך בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן, בלוט־פלעקן האָבן זיך געזען איבערן גאַנצן לאַגער־פּלאַץ.

אַ גרופּע יונגעלייט, פון אַרום 40 מאַן, וועלכע זיינען געווען קאָנצענטרירט אין איין באַראַק, האָבן זיך אין אים פאַרבאַריקאַדירט און די פּאָליציסטן איז נישט געלונגען זיי אַרויסצופירן. נאָך אַ באַראַטונג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צום באַראַק אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן זיך מיט אַ פאַרביסענעם כעס אַריינגעריסן אין באַראַק און אָנגעהויבן שלאָגן אויף לינקס און אויף רעכטס. זיי האָבן באַקומען די אויבערהאַנט איבער די פאַרבאַריקאַדירטע, און עס איז זיי געלונגען אַרויסצושטויסן די מעפּילים פון באַראַק און צודריקן צו די שטאַכל־דראָטן, די נאָך האַלב־נאַקעטע, ווידערשטעגדלער.

אין איינעם פון די אויטאָס האָט געקרעכצט אַ פאַרוווּנדעטער. אַן אָפיציר מיט צוויי שטערנדלעך אויף זיין אַקסל האָט געהייסן איינעם פון די פּאָליציסטן פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל. דער פּאָליציסט האָט אויסגעפירט דעם באַפעל און נאָך דערלאַנגט דעם פאַרוווּנדעטן צוויי פּעטש, אין באַק און איבערן מויל.

אויפן באַפעל פון קאַפּיטאַן גראַנט, האָבן זיך די פּאָליציי־לייט אַריינגעריסן אין דריי באַראַקן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַרום 150 נאַקעטע פרויען, און מיט אַ ווילדן כעס זיי באַפאַלן, געשטויסן זיי און געשלאָגן און נאַקעטערהייט זיי געשלעפּט ביז צו די אויטאָס.

איינער פון די ענגלישע סאָלדאַטן, אַ סערזשאַנט האָט דאָן אויסגעשריען: „מען האָט מיך געשיקט אויפן אָריענט, כדי מלחמה צו האַלטן מיט די איטאַליענער און נישט מיט די אומגליקלעכע יידישע פּליטים", — און אוועקשליידערנדיק דאָס געווער האָט ער פאַרלאָזט דעם פּלאַץ.

צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג זיינען די לעצטע מעפּילים אַרויסגעפירט געוואָרן פונעם לאַגער.

(דערציילט פון אַן עד־ראיה)

ג.

אַרום 15 אויטאָבוסן, צוגעדעקטע מיט ברעזענטן, כדי מען זאָל פון דרויסן נישט זען די פּאַסאַזשירן, זיינען באַנוצט געוואָרן ביים אַריבערפירן די מענטשן. יעדער טראַנספּאָרט איז געווען באַגלייט פון אַ מיליטערישער וואַך.

אינם שטח פון פּאָרט זיינען זיי אַריבערגעפירט געוואָרן דורך אַ זייטיקן איינגאַנג, וואָס געפינט זיך ביים מזרחדיקן טויער פון דער דייטשער קאָלאָניע. זיי זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אינם מאַגאַזין נר. 2, און פון דאָרט זיינען זיי אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף 2 האָלענדישע שיפן, „ניי־זעלאַנד" און „יאָהאַן־דע־וויט" — וואָס האָבן דעם זעלבן פרימאָרגן פאַראַנקערט אין פּאָרט. האַלב אַכט אינאָוונט האָבן זיך די שיפן דערווייטערט פון פּאָרט און אין דער פרי זיינען זיי אָפּגעשוואומען.

פון דער זייט פונם הויפּט־אַריינגאַנג איז דער פּאָרט במשך פון דעם גאַנצן טאָג געווען אָפּגעשלאָסן און אונטער אַ פאַרשטאַרקטער שמירה פון בלויז בריטישע סאָלדאַטן און פּאָליציסטן, ווייל אַלע יידישע און אַראַבישע פּאָליציסטן און פּאָרט באַאַמטע זיינען אַוועקגענומען געוואָרן.

די פּעקלעך פון די פאַרטריבענע זיינען אינם פּאָרט נאָכמאָל רעווידירט געוואָרן און אויף דער ערד איז געבליבן ליגן און זיך געוואַלגערט אַ מאַסע זאַכן: אָפּגעגע וואַליזן, שיך, קליידער, טליתים און תפילין, פּאָרטפּעלן, דאָקומענטן, בריוו א. א. איצט ווערט דאָס אַלץ צונויפגעזאַמלט אין איין אָרט, כדי אַריינצוּוואַרפן עס אין ים אַריין. אָבער די אַלע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם, שטופּן דערווייל אַן זייערע זעקלעך מיט אַלץ, וואָס קומט זיי אונטער די הענט.

(דערציילט פון אַן עד־ראיה)

ד.

נאָך אַלץ שטייט דאָס בילד פאַר מיינע אויגן און רויבט אַוועק מיין רו. איך זע די אומגליקלעכע הענט, אויסגעשטרעקטע צום הימל, איך זע די נאַקעטע, ביז בלוט צעשלאָגענע, בעת פיר פּאָליציסטן שלעפּן יעדן פון זיי אין אַ בלוט־פאַרפלעקטער דעקע; איך זע אַן אַלטיטשקן, איבער זיבעציק יאָר אַלטן, ייד, אַ האַלבנאַקעטן, אין זיין האַנט אַ ספר־תורה, און אַ פּאָליציסט טרייבט און שטופּט אים אונטער. איך הער די געוואַלדן פון אַלטע פרויען, דעם געיאָמער פון די פּיצלעך עופעלעך, דאָס געוויין פון די מיידעלעך. איך זע דעם שיינעם בחור, ווי דאָס בלוט רינט פון זיין נאַקעטן קערפּער, זיין קאָפּ צעהאַקט, און אין זיין האַנט נאָך די פידל, וועלכע איז אים טייערער ווי אַלץ. איך זע אָט דעם שיינעם יידן מיט דעם

# די מאוריציוס־פאַרטריבענע



דער בית־הקברות פון די מאוריציוס־פאַרטריבענע



די מאוריציוס־פאַרטריבענע קערן זיך צוריק קיין ארץ־ישראל

הויכן שטערן און גרויעם קאָפּ, וועלכער פאַרקערפּערט אין זיך דעם מאַיעסטעט פון אַ מענטש פון גייסט, וואָס שפּרייזט רואיק צווישן דער צעווילדעוועטער האַרדע.

שווער האָט דער ישוב געזינדיקט, וואָס ער האָט נישט רעוואָלטירט. פאַר־וואָס האָט מען נישט מאָביליזירט טויזנטער מענטשן פון ישוב, און זיי נישט אַרומגעשטעלט אַרום די טויערן פון עתלית־לאַגער, כדי נישט צו דערלאָזן צו דער דאָזיקער מעשה־נבלה בישראל? קענען מיר דען זאָגן מיט אַ רואיק געוויסן: „מיר האָבן פאַר זיי אַלץ געטון, אונזערע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט"?

מיר האָבן אַלע געזינדיקט!

דעצעמבער, 1940.

(דערציילט פון אַן עד־ראיה)

## דערקלערונג פון דער יידישער אַגענץ

די יידישע אַגענץ דריקט אויס איר טיפסטע פאַרביטערונג, וואָס אַלע אירע אַנשטרענגונגען צו פאַרמיידן דאָס אַרויסטרייבן פון לאַנד די פליטים, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין חיפה מיט דער שיף „אַטלאַנטיק" זיינען געבליבן אָן דערפאָלג, און מאָנטיק, ט' כסלו, תש"א (9־טער דעצעמבער 1940) זיינען 1645 מעפּילים אַרויס־געפירט געוואָרן מיט כוח פון לאַגער אין עתלית, אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף שיפן און אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד.

מיט דער „אַטלאַנטיק"־שיף האָבן זיך געראַטעוועט פון נאַציישן גיהינום די רעשטלעך פון דער דאַנציגער קהלה און פליטים פון עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַ־קיי, צווישן זיי קרובים פון ארץ־ישראל בירגער, הונדערטער פרויען און זקנים, הונ־דערטער חלוצים, מיטגלידער פון ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און איבער 150 קינדער.

טראָץ דעם, וואָס אין איינקלאַנג מיטן ווייס־בוך, — וועלכער איז אָפּגע־וואָרפן געוואָרן מצד דער יידישער אַגענץ און וועלכער דינט אַלס יסוד פאַר דער האַנדלונג פון דער רעגירונג — זיינען נאָך פאַראַן צום צעטיילן עטלעכע צענד־ליקער טויזנטער עליה־סערטיפיקאַטן, האָט די רעגירונג באַשלאָסן נישט איבער־צולאָזן די דאָזיקע פליטים אין לאַנד, נאָר פאַרטרייבן זיי אין אַ וווייטע בריטישע קאָלאָניע.

די דערלויבעניש צו בלייבן אין לאַנד האָבן באַקומען נאָר די, וועלכע מען האָט געהאַט אַריבערגעפירט אויף דער שיף „פּאַטריא", איידער דער אומגליק איז מיט איר געשען, ווי אויך זייערע משפחה־מיטגלידער, וואָס זיינען געבליבן אויף „אַטלאַנטיק".

אין דער אָפיציעלער מעלדונג פון 20־סטן נאָוועמבער 1940, ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז דאָס באַנייען פון דער יידישער עליה אָן דער דערלויבעניש קען גורם זיין אַן ערנסטע סכנה פאַר די בריטישע אינטערעסן אין מיטעלן אָריענט.

די יידישע אַגענץ פאַרשטייט נישט, אין וואָס פאַראַ סכנה זיינען געשטעלט געוואָרן די בריטישע אינטערעסן אין מיטעלן אָריענט מצד די פאַרפאָלגטע, דורך דער נאַצישער הערשאַפט, פליטים, וועלכע האָבן זיך אין דער לעצטער צייט גע־

ראַטעוועט קיין ארץ־ישׂראל. נאָכמער, די יידישע אַגענץ וואָלט געווען אין דער מיינונג, אַז די העכערע בריטישע אינטערעסן פאַרפליכטן דווקא, נישט אָפּצו־זאָגן דעם אזיל אינם לאַנד פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, פאַר די־קרבנות פון דער רשעותדיקער אָרדנונג, מיט וועלכער גרויס־בריטאַניע שטייט אין קאַמף.

די יידישע אַגענץ דערקלערט, אַז זי וועט נישט שפּאָרן קיין שום אָנשטרענ־גונגען און אָנווענדן אַלע געזעצלעכע מיטלען, וואָס שטייען אין איר רשות, בכדי צו באַפרייען פון שווערן גלות די דאָזיקע פאַרטריבענע און צוריקצוברענגען זיי אין זייער היימלאַנד.

12 דעצעמבער 1940 „י י ד י ש ע  אַ ג ע נ ץ פאַר ארץ־ישׂראל"

## פון וואַנען שטאַמט דער כוח?

פון וואַנען האָבן עם די עולים פון „אַטלאַנטיק" געשעפּט אַט דעם ציוניס־טיש־מאָראַלישן כוח, אַרויסצושטעלן זייערע קערפּערס אויף קלעפּ און ליידן, נישט האָבנדיק דערביי די מינדעסטע האָפענונג, אַז זייער ווידערשטאַנד וועט האָבן דערפאָלג? מען האָט די טויזנט אַכט הונדערט עולים, — וועלכע האָבן אַזוי שרעקלעך געליטן במשך פון עטלעכע חדשים, — פאַרגעשלאָגן, זיי זאָלן במשך פון דער מלחמה־צייט אַריבער אויף אַ זיכערן אינזל, ווו זיי וועלן אויסגעהאַלטן ווערן אויפן חשבון פון דער רעגירונג. זיי האָבן אָבער פּראָטעסטירט קעגן דעם דאָזיקן פּלאַן, נישט געקוקט דערויף וואָס זיי שטעלן דערמיט אין געפאַר זייער לעבן. די מענטשן פון „פּאַטריאַ", ווען זיי האָבן זייער לעבן געשטעלט אין גע־פאַר, האָבן זיי, לכל הפחות, געהאַט אַ האָפענונג, אָבער די עולים פון „אַטלאַנטיק" — זיי האָבן דאָך אפילו די קלענסטע האָפענונג נישט געהאַט. זיי זיינען געגאַנגען אַנטקעגן דעם שונא, וויסנדיק פון פאָרויס, אַז ער וועט זיגן.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאַרגלייכן דעם עניין „אַטלאַנטיק" און „פּאַטריאַ" צו תל־חי. עס זיינען אָבער פאַראַן אַ סך אונטערשיידן צווישן דיביידע געשעענישן. די חברים פון תל־חי האָבן געלעבט אין לאַנד, געהאַט איינגעזאַפּט אין זיך די ברכה פון לאַנד און געשעפּט פון אים זייערע כוחות. אָבער פון וואַנען קומט דער דאָזיקער כוח צו די מענטשן פון „פּאַטריאַ" און „אַטלאַנטיק"? — אין דער אמתן האָבן זיי אַנטפּלעקט דעם יידישן כוח, וועלכער איז ביז איצט פאַרבאָרגן געווען פאַר אונזערע אויגן און וועמענס מקורותדיקייט מיר האָבן ביז היינט נישט באַוויזן צו פאַרשטיין. אין דעם באַשטייט טאַקע דער גרויסער נס פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג.

„פּאַטריאַ" און „אַטלאַנטיק" האָבן אונז געגעבן דעם צייכן, פּונקט ווי דאָס האָבן אַמאָל געטון די חברים פון תל־חי. דער ישוב איז דערוויילן צעטיילט אין דער אָפּשאַצונג פון אַט דער געשעעניש, פּונקט ווי ער איז בשעתו געווען צע־טיילט אין דער אָפּשאַצונג וועגן מעשה תל־חי. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, עס זאָל זיך געפינען אַ צבור, וואָס וועט הויך אויפהויבן די פאָן: אַנדערע וועלן מיט דער צייט צושטיין.

לאָמיר דערציען דעם ישוב און דאָס גלות־יידנטום צו פאַרשטיין די וויכ־

טיקייט פון "פאטריא" און „אטלאנטיק" און נישט נאר צו הערן זייער אומגליק. דער גאנצער ישוב מוז מיט דער פולסטער אינערלעכער איבערגעגעבנקייט מיט־באטייליקן זיך אין זייערע מעשים און אינם גערانגל פון די, וואס וועלן געווים נאך נאכקומען. העלדישע טאטן, ווי גרויס זיי זאלן נישט זיין, האבן נישט קיין שום פאליטישן ווערט, אויב דער כלל באטייליקט זיך נישט אין זיי. און זאל דער אמת געזאגט ווערן: דער ישוב איז נישט געווען א שותף צום געראנגל פון די מעפילים. עס איז אויך נישט גענוג, אז נאר דער ישוב זאל ווערן א שותף. דאס זעלבע מוז געשען מיטן יידישן צבור אין אמעריקע און אין דער בריטישער אימפעריע, אויך זיי מוזן אנטייל נעמען אין דער פארטיידיקונג פון דער עליה און אין אלע אנדערע אקציעס, וואס האבן דעם ציל אונטערצוגראבן דעם צוטרוי צו דער ארץ־ישראל־רעגירונג, וואס שטרעבט צו דערשטיקן די עליה.

אוודאי וועט מען פרעגן: איז דען דער איצטיקער קריגס־צושטאנד פאסיק פאר אזא שווערן געראנגל? און די פראגע באשטייט נישט נאר אין דעם, צי מיר זאלן ממשיך זיין אדער איבערייסן די מעפילים־עליה, די פרינציפיעלע פראגע איז אט וועלכע: זעצן מיר ווייטער פאר, — אויך אין דער מלחמה־צייט, —דעם קאמף קעגן „ווייס־בוך".— אדער נישט? און נישט וועגן עטלעכע חדשים זיינען דא די רייד, נאר וועגן יארן, וועגן אלע יארן פון מלחמה! די מעפילים־עליה איז א מיטל אין אונזער קאמף. זי איז א פאליטיש געווער, וואס אנטשפרעכט דעם כוח אונזערן און אונזער שוואכקייט אינאיינעם. זי אנטהאלט אין זיך דעם אויסדרוק פון איבערגעגעבנקייט פון די יידן צו ארץ־ישראל און דעם שטארקן רוף צום געוויסן פון דער וועלט.

# דער קאמף פאר עליה

פינצטערע טעג האבן מיר לעצטנס איבערגעלעבט. יעדער איינער פון אונז זעט אין איינעם פון די צוויי טעג — דעם טאג פון „פאטריא" און דעם טאג פון „אטלאנטיק" — דעם פינצטערסטן טאג: ווער אינם אומגליק פון „פאטריא" און ווער אינם גירוש פון „אטלאנטיק". דער טאג פון „פאטריא" איז פאר מיר איבערהויפט נישט קיין פינצטערער טאג. אלע זיינען מיר אין א גלייכער מאס אויפגעציטערט געווארן אין אנבליק פון די „פאטריא"־קרבנות. אבער א קרבן צו א קרבן איז נישט גלייך. פאראן קרבנות, וואס האבן א זין — און די קרבנות פון „פאטריא" האבן דעם דאזיקן זין געהאט: דאס זיינען געווען קרבנות פאר דער יידישער עליה, פאר אונזערע רעכט צו עליה, קרבנות וואס זיינען געפאלן ביי דער פארטיידיקונג פון אונזערע רעכט צו עליה, צו זעלבסטפארטיידיקונג און פון אלע אנדערע לעבנס־רעכט.

די פראגע באשטייט טאקע נאר אין דעם, צי מיר זיינען גרייט צו ברענגען קרבנות פאר דער זאך, פאר וועלכער מיר קעמפן — אדער נישט? עליה, דאס איז דער יסוד פון אונזער אויפבוי דא אין לאנד, און אין קאמף פאר עליה וועלן מיר זיך נישט אפשטעלן פאר קיין שום פארלוסטן. ריכטיק איז טאקע די פאלגנדיקע כאראקטעריסטיק: ווען די וועלכע האבן געפירט די שיף, וואס איז אונטערגעגאנגען אין מיטן ים, וואלטן פון פאראויס געוווסט, אז די

שיף וועט אונטערגיין, וואָלטן זיי זיכער נישט געוועזן געלאָזט די שיף אין וועג אריין. אויב אָבער מיר וועלן שטיין פאַר דער ברירה: אָדער פּרוּוון ברענגען יידן קיין ארץ־ישראל אויף שיפן, וואָס קענען אונטערגיין, אָדער בכלל נישט ברענגען יידן קיין ארץ־ישראל — וואָס וועלן מיר דעמאָלט טון? וועלן מיר רעזיגנירן פון עליה, אָדער ווייטער ברענגען יידן קיין א״י?

מיין תשובה איז: יאָ! ברענגען און ברענגען, מיט אַלע מיטלען, מיט אַלע כוחות!

אין יעדער תקופה געפינט זיך ווער, וואָס זאָגט: מיר דאַרפן מיט כוח נישט קעמפן פאַר אונזערע רעכט און נישט בונטעווען זיך. איך קען שוין די דאָזיקע תורה נאָך פון מיט 25 און 15 יאָר צוריק: פאַרן „ווייסבוך״, בשעתן „ווייסבוך״ און נאָכן „ווייסבוך״. מיין איבערצייגונג איז: אויב מיר וועלן נישט קעמפן פאַר אונזערע רעכט, ווייס איך נישט צי זיי וועלן אונז ארויסטרייבן פון לאַנד, אָבער זיכער בין איך, אַז ארויסרייסן וועלן זיי אונזערע וואָרצלען, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט אין אונזער ערד. און דאָס איז די איבערצייגונג פון דעם רוב מנין ורוב בנין פון דער באַוועגונג. איך האָב זיך איבערצייגט אין דעם בעתן ויכוח וועגן קאַמף קעגן „ווייסבוך״, און שפּעטער אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַדן־געזעץ, און איך בין זיכער, אַז די דאָזיקע איבערצייגונג האָט זיך נישט געענדערט. אמת, געענדערט האָבן זיך די אומשטענדן — מיר לעבן אין אַ מלחמה־צייט און מיר אַלע ווילן זען דעם נצחון פון ענגלאַנד און אונזער אָנטייל אין דעם נצחון. דער וואָס מיינט אָבער, אַז אַ בריטישער נצחון און אונזער אָנטייל אין אים קענען דינען אַלס אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע פאַר אונזער קיום און פאַר אונזער צוקונפט דאָ אין לאַנד — נאַרט זיך אַליין אָפּ. מעגלעך, אַז אַנאַלאָגיעס זיינען נישט קיין פּינקטלעכע, לאָמיר אָבער דאָך דערמאָנען דעם גורל פון די אסיריער, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער פאַריקער מלחמה און אַוועקגעאָפּפערט פאַר איר אַזוי פיל קרבנות — און וואָס האָבן זיי דערפאַר באַקומען? ניין, מיר וועלן נישט אַוועקגעבן אַלע אונזערע כוחות פאַר אַ פרעמדן, אין קיין שום צייט, אפילו נישט אין דער מלחמה־צייט. אויב ווער עס איז מענהט, אַז ס׳איז נישט דערלאָזבאַר צו פירן איצט אַ קאַמף קעגן „ווייסבוך״, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, ענטפער איך אים: צווישן די דאָזיקע יאָרן נישט נאָר, וואָס ס׳איז צווישן זיי נישטאָ קיין סתירה, נאָר זיי זיינען מיט זיך ענג פאַרבונדן. אונזער פרייוויליקער אָנטייל אין קריג, אונזער מיטבאַטייליקונג, וועלכע די זאַך פאַרדינט און אונזערע אָנשטרענגונגען וועלכע מיר וועלן מאַכן אין דער פאַסיקער פאָרם אַלס שותפים — דאָס אַלץ קען קומען מצד אַ פאָלק, וואָס האָט פאַר זיך אַ האָפענונג, מצד מענטשן. וואָס האָבן די זיכערקייט, אַז זיי קעמפן פאַר זייער נאַציאָנאַלן באַשטאַנד. אונזער אָנטייל אין דער וועלט־מלחמה איז ענג פאַרבונדן מיט אונזער ווילן צו קעמפן פאַר אונזער קיום. יעדער, וואָס מיינט, אַז מיר קענען נישט קעמפן פאַר אונזערע פרינציפּיעלע רעכט — באַדן, התישבות, נאַציאָנאַלער כבוד (און ס׳איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַלער כבוד, אויב מען קען פאַרשווייגן דאָס פאַרשליסן די טויערן פון לאַנד פאַר די אַנטלאָפענע פונם היטלער־גיהנום), דער, וואָס איז נישט גרייט צו קעמפן פאַר אונזערע רעכט — קען אויך נישט. לויט מיין איבערצייגונג, אָנטייל נעמען אין דער וועלט־מלחמה.

דער „אַטלאַנטיק״־טאָג איז געוועזן פאַר מיר אַ סך פינצטערער, ווי דער

„פּאַטריאָ"-טאָג. ער האָט אַפילו געהאַט איין ליכטיקן פּונקט, און געמלעד: די האַלטונג פון די מעפּילים, אָבער ער איז געווען אַ פינצטערער טאָג, ווייל דער ישוב האָט נישט אַנטיילגענומען אינעם גוראַנגל פון די מעפּילים. פּאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַ סך סיבות דערצו, אויך אָביעקטיווע, אָבער אויך די אומקלאָרקייט לגבי די דאָזיקע ענינים צווישן אונז אַליין, האָט געטון דאָס איריקע.

איך בין מסכים, אַז מיר מוזן אוועקשטעלן געוויסע גרענעצן אין אונזער קאַמף. זיי זיינען בלי שום ספק נויטיק. די פראַגע איז אָבער, צי קענען די גרענעצן דערפירן צו דעם פולשטענדיקן צוריקהאַלט פון קאַמף. אויב עס זיינען פאַראַן אַזעלכע פאַלן, בין איך מוותר אויף די גרענעצן און נישט אויפן קאַמף. פאַרשטענדלעך, אויב עס האַנדלט זיך, וועגן אַ קאַמף פאַר אונזערע לעבנס-יסודות. אמת. אויך דעמאָלט עקזיסטירט און איז גילטיק פאַר אונז איין גרענעץ, און נעמלעך — קיין צוזאַמענשטויס מיטן מיליטער, וואָס קומט מלחמה האַלטן קעגן היטלערן, אָבער פונם קאַמף פאַר אונזערע לעבנס-פּרינציפּן קענען מיר נישט רעזיגנירן.

דעצעמבער 1940.

א ל י ה ו ג אָ ל אָ מ ב

# אויפן וועג...

...אונזער ווידערשטאַנד האָט נישט געהאָלפן. אין דער פרי זיינען מיר אַרויסגעטריבן געוואָרן, אַ סך פון אונז נאַקעטע און באָרוועסע. נישט איינעם פון אונז האָבן זיי אַ נאַקעטן מיט געוואַלט אַרומגעוויקלט מיט אַ דעקע און אַריינגעזעצט מיט כוח אין אויטאָ. אין עטלעכע שעה שפּעטער האָבן זיי אויף לאַסט-אויטאָס אויך די פרויען געבראַכט צום פּאָרט, אַפילו די קעקלעך האָבן זיי געבראַכט אין אַ שרעקלעכער אומאָרדנונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צאָל-קאָנטראָל. זיי האָבן קאָנפיסקירט געלט, שמוק און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. דאַן האָבן זיי אונז אַרויפגעזעצט אויף צוויי האָלענדישע שיפן „יאָהאַן-דע-וויט" און „ניו-זילאַנד". די פּאָליציי האָט זיך צו אונז באַצויגן אָן רחמנות. שוין אין עתלית האָבן זיי אונז נישט געשפּאַרט קיין קלעפּ, און אויך דאָ האָבן זיי זיך נישט באַרואיקט.

ענדלעך, אַרום 5 אַזייגער נאָכמיטאָג, זיינען די שיפן אָפּגעשוווּמען. די דערדריקטע שטימונג און די פאַרצווייפלונג, וואָס האָט געהערשט צווישן אונז איז שווער איבערצוגעבן אין ווערטער. אַן עדה פון 1800 מאַן, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום אונטערגאַנג. נאָר אַ קליינער טייל פון די פּאַסאַזשירן, — זיי האָבן געשטאַמט פון טשעכאָסלאָוואַקיי — איז געווען אָרגאַניזירט. דער רוב פון זיי ציוניסטן, חברים פון „החלוץ" און ציוניסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס. אַ טייל פון אונז איז שוין געווען 9 חדשים אין וועג, און האָט שוין באַוויזן צו אָרגאַניזירן זיך. זיי האָבן טאַקע געגרינדעט אַ „זעלבסטפאַרטיידיקונג" און לייטנדיקע אינסטאַנצן. דער רעשט פּאַסאַזשירן איז באַשטאַנען פון ווינער און דאַנציגער יידן אין פאַרשידענעם עלטער און פון פאַרשידענע שיכטן, צווישן זיי 60 קינדער, זקנים און קראַנקע. אַ סך פון זיי זיינען געבראַכט געוואָרן אויף די שיפן פון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן און תפיסות. געווען זיינען זיי שרעקלעך פאַרביטערט, נער-

וועיש און בכלל נישט פעיק צו וואָס האָראָ ס'איז געזעלשאַפטלעך לעבן, בפרט אין אונזערע באַדינגונגען.

צו עסן האָבן מיר באַקומען גענוג, אָבער מיר האָבן בכלל נישט געהאַט קיין באַוועגונגס-פרייהייט. ביז צום אָנקומען פון דער שיף קיין אָדען, האָבן מיר געמוזט בלייבן אין די מאַגאַזינען, וועלכע זיינען געלעגן אינם אונטערטייל פון דער שיף. און נאָר אויף 2 שעה אין טאָג האָבן מיר געקענט אַרויס אויפן דעק. מידע און דערשלאָגענע האָבן מיר זיך הילפלאָז אונטערגעגעבן דעם גורל און געגעבן אויף זיך דעם טויט.

21 טעג האָט געדויערט אונזער רייזע ביז מיר זיינען ענדלעך דעם 29-סטן דעצעמבער 1940 אָנגעקומען אין אַן אומבאַקאַנט אָרט, (*) וואָס איז געווען דער ציל פון אונזער רייזע.

1942

(דערציילט דורך איינעם פון די פּאַרטריבענע)

## בריוו פון דער דעפּאָרטאַציע

יאַנואַר 1942.

מיר זיינען נישט געווען צוגעגרייט צו דעם, אַז מיר וועלן אַריין אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער. און דעריבער, ווען עס האָבן זיך דעם 29-סטן דעצעמבער פ. י. פאַרהאַקט הינטער אונז די טויערן פונם לאַגער, האָט אונז באַהערשט אַ שרעקלעך געפיל. מען האָט אונז אַריינגעפירט אין צעלעס, יעדע צעלע פון בערך 4 קוואַדראַט מעטער די גרויס. אין פלוג האָט אונז אַ שרעק אַרומגעכאַפּט. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך איבערציייגט, אַז דאָזיקע צעלעס אַנטהאַלטן אין זיך אין אַ געוויסער מאָס אַ ברכה פאַר אונז: מיר האָבן באַקומען אַן אייגן ווינקל, אין וועלכן יעדער איינער האָט געקענט בלייבן מיט זיך אַליין, אַ זאַך, נאָך וועלכער מיר האָבן שוין פון לאַנג געבענקט. די איינריכטונג דאָ איז געווען פרימיטיוו ביז צו אַ מינימום: אַ פּריטש און אַ שיאַטקע, און פענצטער אָן שויבן. דאָס איז אַלץ.

דער מענער-לאַגער האָט זיך געפונען אין אַ געוועזענער ריזיקער תפיסה, וועלכע איז אַ טאָג פאַר אונזער אָנקומען אויסגערייניקט געוואָרן פון אירע לאָקאַטאָרן, קרעאָלישע אַרעסטאַנטן פונם אינזל גופא. דער שטח פון דער תפיסה באַטרעפט בערך 4 העקטאַר די גרויס און איז אַרומגערינגלט מיט אַ מויער ביז 5 מעטער די הויך. צוויי גרויסע צוויי-שטאָקיקע הייזער, געבויט פון שטיינער, אין דער פאָרם פון די ריזיקע וועלט-באַקאַנטע תפיסות, לענג-אויס יעדן שטאָק — באַלקאָנען. אינם גאַנצן בנין זיינען פאַראַן 300 צעלעס. זיי קענען נישט אַריינעמען אַלע מענער. עס זיינען דעריבער אויפגעשטעלט געוואָרן בלעכענע באַראַקן, אין וועלכע

*) דאָס איז דער אינזל מאַוריציוס, וועלכער ליגט 556 מייל ווייט פון דורבאַן, דעם הויפּט-פּאָרט פון דרום-אַפריקע, און 360 מייל ווייט פון מאַדאַגאַסקאַר. די צאָל איינוווינער באַטרעפט איבער אַ האַלבן מיליאָן, דער גרעסטער טייל קרעאָלן און אַ קלענער טייל הינדוסן. די איינציקע ווייסע מענטשן אין גאַר אַ קליינער צאָל זיינען די קאָלאָניאַלע באַאַמטע — ענגלענדער און פראַנצויזן. די שפּראַך — קרעאָליש — אַ מין שלעכטער פראַנצויזיש. רעליגיע — רוימיש-קאַטוילישע.

מען האָט איינגעאָרדנט די עלטערע מענטשן, מחמת אין די צעלעם איז נישטאָ קיין אָרט פאַר בעטן. פאַראַן אויך אַ דריט הויז אין לאַגער, פון שטיינער. דאָס הויז איז קלענער פון די ערשטע צוויי און דינט אַלס געפענגעניש „ממש" פאַר די קאָנצענטרירטע אינם לאַגער. די פּליטים רופן עס „בלאָק 3". פאַר יעדער קלענסטער עבירה, ווערט דער פּליט איינגעשפּאַרט אין אָט דער תפיסה, ווו די אָרדנונג איז זייער אַ שטרענגע. די אַנדערע בנינים פונם לאַגער דינען אַלס וווינונגען פאַר דער לאַגער־קאָמאַנדע, וואַרשטאַטן, מאַגאַזינען א. א.

דער פרויען־לאַגער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ קאַסערנע, געבויט פון בלעכענע באַראַקן. ביידע לאַגערן זיינען אָפּגעטיילט פון זיך, אַ וואַך שטייט ביים טויער, וואָס פאַרבינדט ביידע לאַגערן, און נאָר מיט אַ דערלויבעניש און אין דער באַגלייטונג פון אַ וואַך קען מען גייז פון איינעם צום צווייטן.

מען האָט אונז געזאָגט, אַז דער קלימאַט אויף מאַוריציוס איז אַ לייכטער. ווירקלעך קען מען אים נישט פאַרגלייכן מיטן קלימאַט אין די טראָפּישע לענדער. עס זיינען אויך דאָ נישט באַקאַנט די טראָפּישע קרענק. דער אונטערשיד צווישן זומער און ווינטער איז גאָר אַ קליינער און מען קען דאָס נאָר באַמערקן לויט דער טעמפּעראַטור פון די נעכט. מען דאַרף נישט קיין סך קליידער. אַ העמד און קורצע הויזן, דאָס איז די באַקליידונג כמעט במשך דעם גאַנצן יאָר. טראָץ דעם אָבער — תיכף נאָך אונזער אָנקומען איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. דער טויט פונם גרעסטן טייל פון די 55 מאַן, וואָס זיינען דאָ געשטאָרבן איז געקומען פון טיפוס. עס וואָלט אָבער נישט ריכטיק געווען אַרויפצוואַרפן די סיבה פון דער עפּידעמיע נאָר אויף מאַוריציוס. מיר האָבן זי מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער שיף „אַטלאַנטיק". עס איז אויך ווערט אונטערצושטרייכן, אַז די פרוי פונם אינזל־גובערנאַטאָר האָט במשך דער גאַנצער צייט פון דער טיפוס־עפּידעמיע, געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער אינם לאַגער־שפּיטאָל.

די פאַרשפּרייטעסטע קרענק אינם לאַגער איז מאַלאַריע. אַ העלפט פון אַלע מענטשן האָבן זי דורכגעמאַכט. געוויסע שטחים פונם אינזל זיינען אָנגעשטעקט מיט אָט דער קראַנקייט, צוליב דער גרויסער פייכטקייט, וואָס הערשט דאָ אויפן ים־ברעג־שטח. דער צענטער פון אינזל, וועלכער געפינט זיך 400 מעטער איבערן ים־פלאַך איז מיט דער קראַנקייט כמעט נישט אָנגעשטעקט; דאָרט געפינט זיך אויך די אייראָפּעישע קאָלאָניע. אונזער לאַגער געפינט זיך אינם מאַלאַריע־קרייז און אַלע אונזערע בקשות, אַריבערצופירן אונז אינם געזונטן טייל פונם אינזל, האָבן גאָרנישט געהאָלפן. אונזערע מאַלאַריע־קראַנקע פירט מען געווינלעך אַוועק אין שפּיטאָל אַריין, וועלכער ליגט 300 מעטער ווייט פון לאַגער און איז נאָך שטרענגער באַוואַכט. אונטער דער אויפזיכט פון צוויי אָרטיקע דאָקטוירים, אַרבעטן אין שפּיטאָל דאָקטוירים־פּליטים, זיי באַקומען אָבער נישט באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט. עס שטייען דאָרט אַרום 160 בעטלעך. בשעת די קראַנקייטס־פאַרפאַלן פאַרמערן זיך, ווערן די קראַנקע צוריקגעשיקט אין לאַגער איידער זיי ווערן אינגאַנצן געזונט, כדי פריי צו מאַכן אָרט פאַר נייע קראַנקע.

חוץ פון טראָפּישער מאַלאַריע ליידן אונזערע מענטשן פון הויט־קראַנקייטן, דיזענטעריע און „אַוויטאַמינאָזיס", אַ קראַנקייט אַזאַ, וואָס קומט פון וויטאַמינען־מאַנגל, ספּעציעל פון וויטאַמינע „ג". די צייגער פון קראַנקן פאַלן אַרויס, עס באַ־

וויזן זיך ראצן אויף דער צונג און אפט אויך ווערן אומבאוועגלעך טיילן פון גוף, איבערהויפט די פיס.

דאס עסן אין לאגער איז ווייניק און שלעכט. מען באקומט איבערהויפט נישט קיין פרישע מילך, פוטער אדער קעז. פון צייט צו צייט באקומט מען צוויי מאל אין דער וואך אן איי. פריש פלייש — נאר איין מאל אין דער וואך ארום 30 גראם, פירות — איין אדער צוויי באנאנען א טאג. די וואס באקומען נישט קיין געלט־שטיצע פון זייערע קרובים און באקאנטע, זיינען געצוואונגען אויסצו־קומען מיט די ראציעס, וואס ווערן זיי צוגעטיילט. פון וויטאמינען־מאנגל שטעקן זיי זיך אן מיט אט דער קראנקייט, וועלכע פארניכטעט פון טאג צו טאג זייער געזונט.

14־טן יאנואר 1942.

אומעגלעך משלים צו זיין מיטן געדאנק, אז מיר זיינען פארמאכט אין א תפיסה: דער מאנגל פון פרייער באוועגונג בכלל און די אומעגלעכקייט צו פירן א נארמאל פאמיליע־לעבן דערקוטשען ביז גאר. עס איז אפילו דערלויבט די פרויען צו באזוכן דעם לאגער: פון אנהויב איז זיי דערלויבט געווארן צו קומען אינם מענער־לאגער 4 מאל אין וואך און צו בלייבן דארט במשך צוויי שעה אויף א באשטימטן שטח אונטער א פאליציייאישער אויפזיכט. א טרויעריק בילד: אויף די אויסגעשפרייטע אויף דער ערד דעקן, ליגן די פארלעך אונטער דער ברענענדי־קער זון און די פאליציסטן דרייען זיך הין און צוריק. ווי געפערלעך און אומ־געזונט איז די דאזיקע אטמאספערע פארן יונגוואַרג. און עס זעען זיך שוין לייד־דער די ערשטע שפורן צווישן דער יוגנט.

אין אנפאנג יאר 1942 האט אונז די לאגער־קאמאנדע מזכה געווען מיט א „גרויסער פארלייכטערונג": דער באזוך פון די פרויען קומט פאר יעדן נאכמיטאג אין א ווינקל פונם לאגער־גארטן. אויך איצט אונטער דער אויפזיכט פון פאלי־ציסטן. מען האט אונז אויפגעקלערט, אז די לייטונג וועט נישט דערלויבן געזעצ־לעכע חתונות. דעריבער האבן ביז איצט אכט פארלעך חתונה געהאט נאר על־פי דת ישראל, און זיי געניסן נישט פון אלע אפיציעלע רעכט פון פארהייראטע. עס זיינען אויך אויף מאוריציוס געבוירן געווארן קינדער. פון דעמאלט אן גיבן די ארדנונגס־היטער אכטונג, אז דאס זאל זיך מער נישט איבערחזרן. אזא לאגע ווירקט, פארשטענדלעך, אויף די נערוון און שוואכט אפ אונזער ווידערשטאנדס־קראפט.

דאס פראדוקטיווע און לאגישע אויסנוצן די צייט, איז דער הויפט־באדינג פון מענטשלעכער עקזיסטענץ. די באשעפטיקונג אין די ווארשטאטן איז זייער א גוטע זאך, בפרט, אז מען קען, אויסער דער אפיציעלער ארבעט, פאר וועלכער מען באקומט נישט באצאלט, אויך מאכן עפעס אן ארבעט פאר די לאגער תושבים און פארדינען דערביי א פאר גראשן.

די לאגער־קאמאנדע שטרייכט שטענדיק אונטער, אז די מעפילים האבן די געלעגנהייט צו ארבעטן אין זייער פאך און אז פאר די יונגע ווערט געגעבן די מעגלעכקייט אויסצולערנען זיך א פאך, פון וועלכן זיי וועלן נאך דער מלחמה קענען זיך מפרנס זיין. אין דער אמתן איז אין לאגער אומעגלעך, אויסצולערנען זיך

אַ פּאַך, ווייל די וואַרשטאַטן זיינען פּרימיטיווע און די אַרבעטן, וואָס ווערן דאָרט געמאַכט זיינען גאָר פּשוטע.

דער גרעסטער טייל מענטשן האָט אַ סך פרייע צייט. אַ סך האָבן זיך אויס־געלערנט ענגליש און קענען לייענען אַ בוך און אַ צייטונג. אַ סך לערנען עברית, עס האָבן זיך געפונען לערער, און אפילו ביכער צום שפּראַך־אונטעריכט זיינען אויך פאַראַן.

נאָך לאַנגע בקשות איז אונז דערלויבט געוואָרן אַרויסצוגיין גרופּנווייז און אונטער אַ פּאָליציאַנישער שמירה, אויף איין טאָג אין חודש צום ים. די פּאַראינ־טערעסירטע אין אָט די שפּאַצירן, פלעגן אפילו זוכה זיין צו מאַכן זיי צוויי מאָל אין חודש, ווייל דער גרעסטער טייל האָט נישט געהאַט קיין חשק צו גיין צופוס אין אַזאַ היץ 14 קילאָמעטער. די, וואָס באַקומען געלט פון דרויסן, פלעגן זיך צו־נויפקלייבן אין גרופּן און אַרויספאָרן צום ים מיט אַן אויטאָ. נאָכן קריג־אויסברוך מיט יאַפּאַן האָט די רעגירונג פאַרבאָטן אַלע אינזל־איינוווינער צו דערנענטערן זיך צום ים־ברעג און די אויספלוגן זיינען איבערגעריסן געוואָרן. מיר האָבן דאַן באַקומען די מעגלעכקייט צו באַזוכן איין מאָל אין דריי חדשים דאָס שטעטל. אַ סך זיינען מוותר אויף דעם רעכט. דאָס זיינען די אַלע, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין גראָשן אין קעשענע און האָבן אפילו נישט צו באַצאָלן פאַרן אויטאָבוס־בילעט אין שטאָט אַריין. און סתם אַזוי אַרומבלאָנקען זיך אין קליינעם שטעטל אָן אַ פּרוטה אין טאַש, האָט קיין זין נישט. זיי רעזיגנירן דעמאָנסטראַטיוו פון דער דאָזיקער „פאַרלייכטערונג". די, וואָס דער מזל שפּילט זיי צו און זיי האָבן יאָ מיט וואָס צו גיין אין שטעטל אַריין, קענען אַריינברענגען פון דרויסן עסנוואַרג נאָר פאַר זיך אַליין. ברענגען זיי מערער, ווערט ביי זיי דער פּראָוויאַנט קאָנפיסקירט, און זיי באַקומען אפילו נישט צוריק דאָס געלט, וואָס דער פּראָוויאַנט האָט געקאָסט. אויך דאַן ווען שיפן קומען אָן אין פּאָרט אַריין, דערלויבט נישט די לאַגער־קאָ־מאַנדע אַריינצוברענגען פיל עסנוואַרג פאַר די באַדערפטיקע אינעם לאַגער, אונטערן אויסרייד, אַז די אינזל־איינוווינער קענען, חלילה, צוליב דעם ליידן אַ מאַנגל אין פּראָוויאַנט.

אויסערן לאַגער קען מען באַקומען פּראָדוקטן אויפן נאָרמאַלן פּרייז, און אין לאַגער קען מען אַבסאָלוט גאָרנישט באַקומען אפילו פאַר יעדן פּרייז.

### יאַנואַר 1942.

דאָס לעבן דאָ דערשיטערט די נערוון. עס שטיקן דיך די הויכע מויערן אַרום דעם לאַגער, עס פּרעסט דיך די זאָרג וועגן דיינע קרובים. ביסט דערשלאָגן וואָס דיינע שענסטע און בעסטע יאָרן גייען פאַרביי אָן אַ זין און אָן נוצן. און ווידער שטיקט דיך דער געפיל, אַז מיר זיינען האָפענונגסלאָז, אַז מיר האָבן נישט קיין צוקונפט. אייניקע צווישן אונז ווערן באַהערשט פון אַ גלייכגילטיקייט־געפיל, אַנדערע ווילן אָפּווענדן זייערע געדאַנקען פון אָט דער לאַגע דורך פאַרנעמען זיך מיט פאַרשידענע „נאַרישע מעשים". אַנדערע ווידער באַווייזן אַן איבערגעטריבענע אויפרעגונג און נערוועישקייט. אַזוי, צום ביישפּיל, איז אומעגלעך איינצופירן, אַז רו זאָל הערשן אין געוויסע שעהן פונם לאַגער־לעבן ווי צום ביישפּיל, מיטאָג־צייט און ווען די נאַכט פאַלט צו.

עס איז אונז בכלל נישט קלאָר, פאַרוואָס מיר טאָרן זיך נישט פריי באַוועגן אויף דעם אינזל. עס איז דאָך אומעגלעך פון דאַנען צו אַנטלויפן. אפילו אויפן אינזל גופא איז שווער זיך אויסצובאַהאַלטן, ווייל די קרעאָלן, די איינגעבוירענע אויף דעם אינזל, דערקענען דאָך אונז אפילו אין דער נאַכט־פינצטערניש. ווען מיר האָבן געפרעגט וועגן דעם, האָט מען אונז געענטפערט: איר זייט אַרעסטאַנטן... די אינזל־איינוווינער זיינען קעגן דעם... אַ באַפעל פון אויבן...

גרויס איז די פאַרביטערונג און דער צער, ווען מיר קוקן אויפן דאָפּלטן טויער, אַ פאַרהאַקטן אויף שלעסער און ריגלען. מיט וואָס האָבן מיר געזינדיקט? וואָס איז אונזער פאַרברעכן? פאַרוואָס האָט מען אונז אַרעסטירט?

אין לאַגער געפינען זיך 300 חלוצים און חלוצות. מיר האָבן זיך צוגעגרייט צו ארץ־ישראל. מיר האָבן געחלומט וועגן אַ פריי לעבן אין אונזער היימלאַנד, וועגן קיבוץ און קבוצה. וואָס פאַראַ שרעקלעכע צרות האָבן מיר דורכגעמאַכט אויף „אַטלאַנטיק", אין עתלית, אין חיפהער פּאָרט, און אויפן וועג קיין מאַוריציוס! און די לײדנס־קייט ציט זיך נאָך אַלץ ווייטער און ווייטער אָן אַן עק, אָן אַ סוף, אָן יעטוועדער ליכט־שיין. דאָס לײדיקגיין פרעסט אויף דאָס לעצט ביסל כוחות אונזערע.

מיר האָבן געטון אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך. מיר האָבן זיך אַלע, מענער און פרויען, פרייוויליק געמאַלדן אין דער בריטישער אַרמיי, כדי צו קעמפן קעגן דער נאַצישער בעסטיאַלישער אָרדענונג, אָבער די מאַכט האָט אונז צוריקגעשיקט מיט ליידיקע הענט.

## די באַמיונגען זיי צוריקצובערענגען

מצד דער יידישער אַגענץ זיינען במשך פון אַלע יאָרן כסדר געמאַכט געוואָרן אָנשטרענגונגען כדי צוריקצובערענגען פון זייער גלות די פאַרטריבענע אויף מאַור־ריציוס. וועגן דעם ענין זיינען אין די לעצטע צוויי יאָר פאָרגעקומען אין לאָנדאָן עטלעכע געשפּרעכן מיטן קאָלאָניע־מיניסטער. מיטן אָנקומען פון נייעם הויך־קאָמיסאַר קיין ירושלים, האָט מען אויפסניי אָנגעהויבן די אַקציע אין דער ריכטונג. אומגעפער מיט אַ חודש צוריק האָט דער הויך־קאָמיסאַר מודיע געווען דער יידישער אַגענץ וועגן זיין באַשלוס פאַרצושלאָגן פאַרן קאָלאָניע־מיניסטעריום צוריקצובערענ־גען די פאַרטריבענע. נאָך צוויי וואָכן האָט די יידישע אַגענץ באַקומען אַן אָפּי־ציעלע מעלדונג, אַז דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן. די אַגענץ איז אויך גע־בעטן געוואָרן צו האַלטן די זאַך בסוד, ביז עס וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אַן אָפּי־ציעלע מעלדונג.

## „יציאת" מאוריציוס!

מיטן באַשלוס צו דערלויבן די פאַרטריבענע אויף מאַוריציוס אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל, ווערט אַ סוף געמאַכט צו דער לײדנס־פולער פּרשה, וועלכע איז געווען איינע פון די טראַגישסטע קאָנסעקווענצן און טרויעריקסטע סימבאָלן פון דער „ווייסבוך"־פּאָליטיק.

די דאָזיקע פּשוט־מענטשלעכע האַנדלונג, וועלכע איז געקומען אויפן פאַרשלאָג פון נייעם הויך־קאָמיסאַר, און די עלעמענטאַרע גערעכטיקייט, וואָס וועט איצט געגעבן ווערן הונדערטער יידישע פאַרטריבענע, — דאָס אַלץ קען אונז נאָך פונדעסטוועגן נישט אויפווייזן, אַז עס קומט אַ ווייט־גייענדיקע ענדערונג אין דער ארץ־ישראל־פּאָליטיק. אָבער ווי גערן וואָלטן מיר געוואָלט זען אין דעם אַן אָנהויב פון אַן אַנדערן גייסט...

פריש־לעבעדיק איז נאָך אין אונזער זכרון די גאַנצע דעפּאָרטאַציע־פּרשה מיט איר גאַנצער שרעקלעכקייט, מיט איר גאַנצער שענדלעכקייט. יידן זיינען מיט געוואַלט פאַרטריבן געוואָרן פונם לאַנד פון זייער האָפענונג, פון זייער לעצטן רעטונגס־אָרט. און געשען איז עס אין יענע טעג, ווען יידן האָבן נאָך געקענט אַנטלויפן דורך וועגן און אומוועגן, איידער די נאַצישע יידן־פּרעסערישע פאַרניכטונגס־מאַשין האָט זיי אַ יינגעשלונגען. דאָס אַרויסטרייבן פון לאַנד די מעפּילים האָט געהאַט די אויפגאַבע אַרויסצורייסן פון די יידישע הערצער, פאַרפאָלגטע דורך פחד און יאוש, — די האָפענונג, אַז די ברעגעס פון ארץ־ישראל זיינען פאַר זיי אַ זיכער אָרט. דאָס איז געווען די פּאָליטיק פון „ווייסבוך“, וועלכע מען האָט מיט כוח געוואָלט רעאַליזירן.

היינט קענען מיר מאַכן דעם חשבון פון די פאַרלאָפענע ביז היינט יאָרן. היינט קענען מיר אויסרעכענען, ווי פיל יידן האָט מען אונטערן שלייער פון דער „מאָוריציוס־פּאָליטיק“, אַוועקגענומען יעטווערע רעטונגס־מעגלעכקייט.

מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, און פאַרן פּרייז פון אומזיסטע קרבנות איז פאַריכט געוואָרן איין אומרעכט. איין אומרעכט פון אַזוי פיל אומרעכטן, וואָס וועלן שוין קיינמאָל נישט פאַריכט ווערן, וואָס קענען שוין מער נישט פאַריכט ווערן.

מיט דער דערלויבעניש פאַר די גולי־מאָוריציוס אַריינצוקומען קיין א״י איז אָפּגעטון געוואָרן אַ גערעכטער טאַט לגבי הונדערטער מענטשן, וועלכע וועלן אויסגעלייזט ווערן פון וועגעטירנדיקער אומטעטיקייט, און פון אונזער קאָשמאַר־פולן לעבן וועט איין קאָשמאַר באַזייטיקט ווערן.

פעברואַר 1945.

„משמר“

# ג. דאָס אומגליק פון „סאַלוואַדאָר“

(דעצעמבער 1940)

## אַ קאָמוניקאַט פון „רויטער“

סטאַמבול, 14 דעצעמבער 1940. „רויטער“:

פון 326 יידישע עמיגראַנטן אויף דער אורוגווייער לאַסט־שיף „סאַלוואַדאָר“, וועלכע איז אונטערגעגאַנגען אויף דעם מאַרמאַראַ־ים זיינען 204 מאַן דערטרונקען געוואָרן, — אַזוי גיט מען איבער פון די אָפיציעלע קרייזן.

זיי זיינען געפֿאָרן פֿון בולגאַריע קיין ארץ־ישראל.

די „סטעפֿאַני“־אַגענטור גיט איבער, אַז צווישן די דערטרונקענע זיינען געווען 66 קינדער. דער גרעסטער טייל פֿון די 122 געראַטעוועטע געפֿינט זיך אין אַ טרויעריקן מצב. זיי באַקומען מעדיצינישע הילף אין די שפּיטעלער.

סטאַמבול, 16־טן דעצעמבער 1940.

די טערקישע מאַכט האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אָפֿיציעלן קאָמוניקאַט וועגן די אומשטענדן, אין וועלכע די שיף מיט די יידישע פּליטים איז אונטערגעגאַנגען.

אין דעם קאָמוניקאַט ווערט געזאָגט: „סאַלוואַדאָר“, איז געווען אַן אַלטע זעגל־שיף פֿון הונדערט טאָן, וואָס צוויי יידישע שותּפֿים פֿון סאָפֿיאַ האָבן זי געקויפֿט, כּדי אַריבערצופֿירן אויף איר פּליטים. זי האָט נישט געהאַט קיין שום רודער־מכשירים, קיין איינציקע קאַרטע, אַפֿילו נישט קיין בוסאָלע אָדער באַראָמעטער. אויף דער שיף האָבן געאַרבעט נאָר צוויי אַלטע מאַטראָזן און אַ בולגאַרישער שטייערמאַן, וועלכער איז דורך דער טערקישער מאַכט אַרעסטירט געוואָרן אַלס פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַרן אומגליק. 352 פּאַסאַזשירן מיט זייערע פּעק זיינען געווען אַ צו שווערע משא פֿאַר אַט דער שיף.

די שיף איז דעם 6־טן ד. ח. אָנגעקומען קיין סטאַמבול פֿון בולגאַרישן פּאָרט וואַרנאַ. צוליב דעם שלעכטן וועטער האָט די מאַכט דערלויבט דער שיף צו פֿאַראַנקערן אינעם אויסערן טייל פֿון באָספֿאָר און במשך 5 טעג פֿון איר פֿאַראַנקערונג האָט דער סטאַמבולער שטאָט־ראַט באַזאָרגט די פּליטים מיט פּראָדוקטן און מעדיצינישער הילף. ווען דאָס וועטער האָט זיך אויסגעלייטערט האָט דער שטייערמאַן מודיע געווען, אַז ער וויל אָפּשווימען. די פּאָרט־מאַכט האָט אים געגעבן די דערלויבעניש און אַרויפֿגעזעצט אויף דער שיף אַ וועג־ווייזער און אַ סאַניטאַרן־קאָנטראָלער, וועלכע האָבן געדאַרפֿט דאָרט בלייבן ביז די שיף וועט אַריבערשווימען די דאַרדאַנעלן. די שיף איז אָפּגעשווומען מיטאָג־צייט און אין 5-6 שעה שפּעטער האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטאַרקער קעגן־ווינט, וועלכער איז פֿון מינוט צו מינוט געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און האָט זיך צום סוף פֿאַרוואַנדלט אין אַ שניי־שטורעם. אויף צומאָרגנס, ווען דער שטורעם האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין פֿאַרשטאַרקן זיך האָט דער שטייערמאַן באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך קיין סטאַמבול. צום אומגליק איז ער בשעתן מאַנעוורירן מיט דער שיף אויף צוריק, נכשל געוואָרן, און די מאַסט זעגלען האָבן זיך בשעת מעשה צעריסן אויף שטיקער. באַלד נאָכדעם איז די שיף אַרויף אויף די ים־פֿעלזן און איז צעשמעטערט געוואָרן. אַ סך פּאַסאַזשירן זיינען, נאָך איידער די שיף איז צעשמעטערט געוואָרן, מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט די ים־כוואַליעס.

פֿון די 325 יידישע פּליטים, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויף דער שיף, זיינען ניצול געוואָרן נאָר 123. הונדערט און דריי קערפּערס זיינען אַרויסגעצויגן געוואָרן אויפֿן ברעג, אידענטיפֿיצירט און געקומען צו קבורה. צווישן די דערטרונקענע געפֿינט זיך אויך איינער פֿון די טערקישע באַאַמטע, וואָס זיינען אַרויף אויף דער שיף. וואַרשיינלעך, זיינען עטלעכע קערפּערס געבליבן אינעווייניק אין דער שיף, וואָס ליגט איצט אין די ים־טיפֿענישן. די מאַכט האָט אַרויסגעשיקט אונטערוואַסער־שווימער כּדי זיי אַרויסצוציען.

# די פאראנטווארטלעכע

די טערקישע מאכט האט געענדיקט די אויספארשונג איבערן אומגליקס־פאל, וואס האט געטראפן מיט דער פליטים־שיף „סאלוואדאר". זי האט פעסטגעשטעלט, ווער ס'איז שולדיק אינם אונטערגיין פון דער שיף און פארן טויט פון 200 יידישע פליטים. אלס שולדיקע זיינען אנערקענט געווארן צוויי יידן פון בולגאריע, וועלכע האבן געקויפט אדער געדונגען די שיף — א קליינע און צעבראכענע — און געפירט אויף זיי ביי לעבנס־געפערלעכע רייזע־באדינגונגען די פליטים, נישט זארגנדיק פאר דער זיכערקייט פון זייער לעבן. אויף דער שיף זיינען נישט געווען קיין שום רעטונגס־שיפלעך, נישט געווען אויך קיין גענוגנדיקע גרופע ארבעטער, הן פון קוואנטיטאטיוון, הן פון קוואליטאטיוון שטאנדפונקט, וואס איז נויטיק פאר אזא מין רייזע.

פון דעם רעכטלעכן שטאנדפונקט איז די באשולדיקונג א קלארע. אבער אויסער דער קאדעקס־פאראנטווארטלעכקייט עקזיסטירט אויך א געוויסע, פיל העכערע פאראנטווארטלעכקייט — די מענטשלעכע פאראנטווארטלעכקייט. און לגבי אט דער מענטשלעכער פאראנטווארטלעכקייט האבן זיי, די שיף־אייגנטימער און זייערע ארבעטער, געפונען א סך הויכגעשטעלטע שותפים.

די שיף־אייגנטימער האבן — פארשטייט זיך — באטראכט די דאזיקע נסיעה, ווי א פשוטן געשעפטלעכן עסק, און זיי האבן אים געוואלט דורכפירן, ווי מען פירט, געוויינלעך, דורך יעדן מין עסק אזעלכן — איינשפארן, ווי נאר מעגלעך, די הוצאות, און פארגרעסערן, ווי מעגלעך, די הכנסות. זיי האבן דעריבער נישט געלייגט, אדער נישט געוואלט לייגן, קיין אכט אויף דעם, וואס דער דיסטאנץ צווישן די הוצאות און הכנסות איז אויסגעפלאסטערט מיט קערפערס פון לעבעדיקע מענטשן.

יא, אין די היינטיקע טעג געפינט זיך אויף דער וועלט נאר איין פאלק אזא צווישן וועמענס קינדער האבן אט די געשעפטס־לייט געקענט געפינען אזעלכע „קליענטן". אפילו די פעלקער, וואס האבן אין דער איצטיקער, שטורעמדיקער תקופה פארלארן זייער זעלבסטשטענדיקייט און געווארן „שטאטלאזן" — וואלטן אויך זיך נישט געלאזט פארפירן פון אזעלכע מינים רעטונגס־פארשלאגן. אבער אט די יידן — בולגארישע און נישט בולגארישע — האבן באטראכט פאר רעטער אט די געשעפטס־לייט, וואס האבן זיך צו זיי געווענדט. ביזן היינטיקן טאג איז נאך אלץ נישט קלאר געווארן, ווער נאך וועמען ס'איז נאכגעלאפן: די פאסאזשירן נאך די אונטערנעמער אדער די אונטערנעמער נאך די פאסאזשירן.

די מענטשלעכע אחריות פארן אומגליק „סאלוואדאר" און פארן טויט פון אירע פאסאזשירן פאלט אויף די אלע, וואס האבן זיי דערפירט צו אזא יאושדיקער לאגע, אז עס איז זיי נישט געבליבן קיין אנדער אויסוועג, ווי נאר ארויפגיין אויף דער ערשטער בעסטער שיף, וועלכע גיט זיי די זיכערקייט ארויסצורייסן זיך פונעם לאנד, וווּ זיי האבן ביז איצט געוווינט, און וואס האט זיך פאר זיי פארוואנדלט אין א גיהנום. די דאזיקע אחריות ליגט אויף די אלע, וואס האבן פארשפארט פאר די יידן יעדן וועג צו זייער אויסגעבענקט לאנד און האבן פאר זיי איבערגעלאזט נאר די טויט־שיף „סאלוואדאר".

דעצעמבער 1940. „ד ב ר"

# „דאַריאַן 2“

אַ טייל פון די געראַטעוועטע פון דער זעגל־שיף „סאַלוואַדאָר“ האָט זיך נאָך עטלעכע חדשים זיצן אין סטאַמבול, אַרויפגעזעצט אויף דער שיף „דאַריאַן 2“.

דער אַנהויב פון דער געשיכטע פון דער דאָזיקער שיף דאַטירט זיך נאָך פון אָנפאַנג נאָוועמבער 1940. צוערשט זיינען אויף איר אַרויף 160 מאַן, פון רומעניע און פוילן, און זי איז אָפּגעשווימען דעם 3־טן דעצעמבער קיין סאָלינאַ. דאָ האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן כדי אויפצונעמען די פּליטים פון קלאַדאָוואַ, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט אָנשליסן אַן זיי. אַזוי ווי אָבער די לעצטע זיינען נישט אָנגעקומען, האָבן זיי באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך קיין קאָנסטאַנץ, כדי אויפצונעמען דאָרט אַנדערע פּליטים. אויפן וועג צוריק, שווימענדיק מיט דער פולער פאַרע צום ברעג צו, איז זי אַרויף אויף די פעלזן נעבן אַדזשיגיאַ, וועלכע ווערט אָנגערופן ביי די ים־מענטשן „דאָס בית הקברות פון שיפן“. צום גליק איז זי נישט אונטערגעגאַנגען. די מאַטאָרן זיינען אָבער איבערגעפּירט געוואָרן און מען האָט די שיף געברענגט אין די דאָקן אַריין, כדי זי צו פאַריכטן. ערשט אין מיטן פעברואַר 1941 איז זי פאַראיק געווען אַרויסצושווימען. צו די פריערדיקע פּאַסאַזשירן זיינען צוגעקומען נאָך 380 מאַן און אין וואַרנאַ ווידער 170 מאַן פון בולגאַריע.

דעם צווייטן מערץ איז די שיף אָנגעקומען קיין סטאַמבול און דאָ האָט מען אויף דער שיף אַרויפגעזעצט — ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן — די 40 געראַטעוועטע פון „סאַלוואַדאָר“.

אויף דעם מאַרמאָרישן ים, אויפן זעלבן אָרט, וווּ ס'איז אונטערגעגאַנגען די שיף „סאַלוואַדאָר“ האָט די שיף „דאַריאַן“ פאַרלאַנגזאַמט איר גאַנג און אַלע עולים זיינען, מיט סירענעס־סיגנאַלן, צונויפגערופן געוואָרן אויפן דעק, וווּ מען האָט אָפּגעריכטעט אַן אזכרה פאַר די אומגעקומענע עולים פון „סאַלוואַדאָר“.

„דאַריאַן 2“ איז אָנגעקומען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל דעם 18־טן מערץ 1941, אָבער ערשט דעם 25־סטן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַראָפּזעצן זיי אויפן ברעג. די מעפּילים, און צווישן זיי אויך די געראַטעוועטע פון „סאַלוואַדאָר“ זיינען אַריבערגעפּירט געוואָרן אינם עתלית־לאַגער, וווּ זיי זיינען פאַרבליבן אַרום 18 חדשים.

# ד. „סטרומא“

## 24 פעברואַר 1942
## (ז׳ אדר, תש״ב —

## סאָלדאַטן זיינען געפאַלן אין קאַמף

זאָגט נישט: קדושים האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר ישראל און פאַר זיין גאולה! זאָגט: סאָל־דאַטן זיינען געפאַלן אין קאַמף, סאָלדאַטן פון דער גאולה! די וואָס ליגן אַ וועג איבערן ים — זיינען ג ע פ אַ ל ן אין קאַמף. און נישט נאָר זיי אַליין — מיר אַלע צוזאַמען מיט זיי זיינען באַזיגט געוואָרן. נאָר זיי — האָבן דעם פּרייז פון דער מפּלה באַצאָלט מיט זייערע לעבנס.

אָבער, אויב 1 באַטאַליאָן איז פאַרניכטעט געוואָרן — שוין־זשע ענדיקט זיך מיט דעם דער קאַמף? דאָס איז דאָך דער פראָנט פון אונזער מלחמה, איבער די אומצאָליקע קאַמפן אין רוסלאַנד, לוב, בורמא, און יאַ־וואַ. אונזער פראָנט איז אַ האַלב־אָפענער און אַ האַלב־פאַרבאָרגענער, טיילווייז אַ בשותפותדיקער מיט אַנ־דערע, און טיילוויז נאָר אונזערער אַליין — און דאָס איז דער פראָנט פון אונזער מלחמה פאַר עפע־נען די וועגן פאַר די געפלאָגטע און גערודפטע, וואָס רייסן זיך אין זייער לאַנד אַריין.

ניין, זאָגט נישט: קדושים זיינען געפאַלן. זאָגט: סאָלדאַטן זיינען זיי, סאָלדאַטן פון אונזערס אַ קריגס־שיף, וועלכע איז דערטרונקען געוואָרן אין די ים־טיר־פענישן.

י. גרינבוים

## ווער איז „סטרומאַ“?

אין האַרבסט 1941 האָט זיך די לאַגע פון די יידן אין רומעניע שטאַרק פאַרערגערט. יעדער ייד פון 18 ביז 50 יאָר האָט געמוזט גיין אויף צוואַנגס־אַרבעט. בשעת דער אַקציע פון „ווינטער־הילף“ האָט מען ביי זיי צוגערויבט די קליידער און וועש. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס פון די שטעטלעך און דער־פער איבערן דניעסטער קיין אוקראַינע; אין בוקאָווינע, בעסאַראַביע און מאָלדאַוויע איז אַרויס אַ געזעץ וועגן דער געלער לאַטע. יעדער ייד איז גרייט געווען צו נעמען אויף זיך כל מיני גילגולים, אַבי זיך צו ראַטעווען. און אין אַזאַ אַטמאָספער האָט

זיך די ידיעה וועגן דער שיף „סטרומא" בליץ־שנעל צעטראָגן איבער אַלע עקן פון לאַנד.

די שיף איז געקויפט געוואָרן אין בולגאַריע (דאָרט האָט זי געהייסן „מאַ־קעדאָניא") און מען האָט אויף איר אַרויפגעצויגן די פּאַנאַמער פאָן. די שיפס־געזעלשאַפט האָט פאַרזיכערט די פּאַראינטערעסירטע, אַז די שיף איז פעיק צו דער ים־נסיעה, אַז זי איז באַזאָרגט מיט אַ נייעם דיזל־מאָטאָר, אַז זי וועט אַרויסשווימען קיין ארץ־ישראל פון אַ רומענישן פּאָרט, און אַז די צאָל פּאַסאַזשירן קען נישט איבערשטייגן 600. אויך האָבן זיי באַרזיכערט, אַז זייערע פאָרשטייער האָבן די מעגלעכקייט צו דערליידיקן אין סטאַמבול עליה־סערטיפיקאַטן קיין ארץ־ישראל, מחמת עס געפינען זיך דאָרט — לויט זייערע אינפאָרמאַציעס — אַרום 400 נישט־אויסגענוצטע סערטיפיקאַטן. נאָכדעם, ווי עס זיינען ליקווידירט געוואָרן אַלע שוועריקייטן — צוליב דער קעגנערשאַפט פונם אַרבעטס־מיניסטעריום און צוליב די טענות פון די פריערדיקע שיפס־אייגנטימער אין בולגאַריע — איז „סטרומא" אַרויס פון קאָנסטאַנצע פּריוויטיק, דעם 12־טן דעצעמבער 1941. די צאָל־באַאַמטע האָבן נאָך באַוויזן צוצורויבן פונם רוב פּאַסאַזשירן קליידער, וועש און ווערט־פולע זאַכן, ווי אויך די פּראָדוקטן־זאַפּאַסן, מיט וועלכע אַ סך פון זיי האָבן זיך באַזאָרגט, אין פאַל פון פּראָדוקטן־מאַנגל אין וועג. מען האָט די פּאַסאַזשירן דערלויבט מיט־צונעמען מיט זיך נאָר 20 קילאָ אויף אַ מענטשן. אַ רומענישע שיף האָט באַגלייט „סטרומא" ביזן אַרויסבאַקומען זיך פונם מינירטן ים־שטח.

באַלד נאָך דער אָפּשיפונג איז קלאָר געוואָרן, אַז דער מאָטאָר פון דער שיף איז אַן אַלטער, און ער שטאַמט פון איינער פון די שיפן, וואָס זיינען בשעתם דערטרונקען געוואָרן אינם דונײַ, און אָפּגעלעגן דאָרט, אויפן דנאָ, גוטע עטלעכע יאָר. דער מאַשיניסט פון דער שיף האָט נישט געהאַט קיין שום פּראַקטיק אין דעם פאַך. יעדעס מאָל פלעגט די שיף זיך אָפּשטעלן. דער שפּינדל פון דער בוסאָלע איז געווען קאַליע און האָט איבערהויפּט נישט געאַרבעט. אויך דער רע־פלעקטאָר האָט נישט פונקציאָנירט. און אַזוי האָט „סטרומא" געוואָנדערט איבערן שוואַרצן ים ביז שבת, דעם 13־טן דעצעמבער. נאָך אַ פּראָוויזאָרישער רעפּעראַציע האָט זי פאָרגעזעצט דעם וועג לענג־אויס דעם רומענישן ברעג ביז זי האָט דער־גרייכט טוזלאַ. דעם זעלבן טאָג איז אַהער אָנגעקומען אַ רומענישע שיף פון קאָנ־סטאַנצע, און איר שטייערמאַן האָט געברענגט אַביסל אין אָרדנונג דעם מאָטאָר פון אונזער שיף פאַר אַ סכום דאָלאַרן, וואָס איז אויסגעצאָלט געוואָרן אין גאָלד און ווערטפולע זאַכן. דעם 14־טן דעצעמבער אוונט־צייט איז די שיף אָנגעקומען קיין באָספּאָר.

דאָס עסן אויף דער שיף איז געווען בדוחק, און די לעבנס־באַדינ־גונגען שרעקלעכע. אַנשטאָט 600 זיינען אין קאָנסטאַנצע אַרויף אויף דער שיף 769 פּאַסאַזשירן צווישן זיי 250 פרויען און אַרום 60־70 קינדער. צווישן די מענער זיינען געווען: 15 דאָקטוירים, 10 אינזשעניערן, 25 אַדוואָקאַטן, אַרום 30 סוחרים, 10 חלוצים און 40 בית"רים. 5 מאַן האָבן געהאַט איינרייזע־וויזעס קיין ארץ־ישראל, הגם זייער גילטיקייט איז שוין פון לאַנג בטל געוואָרן; אַ גע־וויסע צאָל יוגנטלעכע זיינען אָנגענומען געוואָרן, נאָך פאַר אַלעמען, אין די העב־רעישע שולן אין ארץ־ישראל.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין סטאַמבול, האָט מען קיינעם פון דער שיף, סיי די פּאַסאַזשירן און סיי די שיפס־אַרבעטער נישט דערלויבט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט וועמען ס'זאָל נישט זיין פון דרויסן.

אַ פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט אָרגאַניזירט דאָס אַריבערפירן די פּליטים, האָט געמאָלדן אין סטאַמבול, אַז ער האָט נישט קיין געלט, נישט כדי צו רעפּאַרירן דעם מאָטאָר און נישט כדי צו פאַרזאָרגן די פּאַסאַזשירן מיט פּראָדוקטן. נאָך לענגערע אָנשטרענגונגען, און נאָכדעם, ווי די שיף איז שוין געשטאַנען 8 טעג אין סטאַמבול, איז ענדלעך געלונגען צו באַקומען פאַר די פּאַסאַזשירן טאָג־טעגלעך פּראָדוקטן. עס האָט געפעלט אַ גוט איינגעאָרדנטע קיך. אויך זיינען נישט געווען אויף דער שיף נישט קיין האָלץ און נישט קיין קוילן, און צו באַקומען הייץ־מאַטעריאַל אין טערקיי איז געווען אַן אומעגלעכע זאַך. האָט מען דעריבער אַבסאָלוט נישט געקענט אָפּקאָכן אויף דער שיף עפּעס וואַרעמעס צום עסן.

ווען מען איז ענדלעך, אונטער דער אויפזיכט פון דער טערקישער פּאָרט־מאַכט, צוגעטרעטן צו דער רעפּאַראַציע פונם מאָטאָר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רעפּאַראַציע דאַרף געדויערן אַ לענגערע צייט, און אַז פאַר יאַנואַר וועט זי נישט פאַרטיק ווערן. די רעפּאַראַציע איז געווען אומבאַדינגט נויטיק, ווייל לויטן משא־מתן, וועלכן מען האָט געפירט, איז קלאָר געוואָרן, אַז מען וועט נישט דערלויבן די פּאַסאַזשירן אַראָפּצוגיין אין פּאָרט, ווייל די רייזע איבער דער יבשה איז אומעגלעך און אַז מען וועט אַבסאָלוט מוזן דורכמאַכן דעם וועג דורכן ים. אָבער די אַלגעמיינע איבערצייגונג איז געווען, אַז דאָס רעפּאַרירן דעם מאָטאָר אַליין, וועט אויך אַ סך נישט העלפן. דער אונטערשטער טייל פון דער שיף איז טאַקע געבויט געווען פון אייזן, אָבער דער אויבערשטער טייל פון האָלץ, און מען האָט דעריבער מורא געהאַט, אַז אַ שטאַרקער ים־שטורעם קען נאָך אַמאָל צעשטערן די שיף און זי אונטערטרינקען. חוץ דעם האָט די שיף באַדאַרפט אַרום 400 קילאָ בענזין און 400 קילאָ שמיר־אייל, און אין טערקיי איז נישט לייכט געווען דאָס צו באַקומען. אויך די פראַגע פון אַפּראָוויזאַציע איז געבליבן הענגען אין דער לופט, ווייל די טערקישע מאַכט האָט דערלויבט צו קויפן פּראָדוקטן נאָר אין אַ גאָר באַגרענעצטער מאָס.

די פּאַסאַזשירן האָבן בשום אופן נישט געקענט מסכים זיין מיטן געדאַנק, אַז מען וועט זיי צווינגען אָפּצושווימען מיט דער דאָזיקער שברי־כלי־שיף.

ואחרי ככלות הכל האָט נאָך געדראָט אַן אַנדערע סכנה: די שיף איז אַרויסגעשווומען פון רומעניע אונטער דער פּאַנאַמישער פאָן, אָבער אין צווישנצייט האָבן איטאַליע און דייטשלאַנד דערקלערט קריג פּאַנאַמאַ. די רייזע איבערן עגעישן ים, לענגאויס די אינזלען, אויף וועלכע עס האָבן סטאַציאָנירט דייטשן און איטאַליענער, איז אַזוי אַרום געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער געפאַר. דער שיפס־קאַפּיטאַן, אַ בולגאַר, האָט געמאָלדן דער טערקישער פּאָרט־מאַכט, אַז אַזוי ווי זיין לאַנד איז אין קריגס־צושטאַנד מיט ענגלאַנד, וועט ער נישט קענען פירן די שיף אויסערהאַלב די דאַרדאַנעלן, אויס מורא נישט אַריינצופאַלן — אַלס בולגאַר — אין די הענט פון די ענגלישע סאָלדאַטן. די פּאַסאַזשירן האָבן מורא באַקומען, אַז די טערקישע מאַכט זאָל נישט צווינגען דעם שיפס־קאַפּיטאַן אַרויסצופירן די שיף, ווייל דאַן קען ער זיי צופירן צו איינעם פון די איטאַליענישע אָדער דייטשע אינזלען און זיי איבערגעבן אין די הענט פון פיינט. ס'זיינען דעריבער געמאַכט געוואָרן אָנשטרענגונגען צו באַשטימען אַ טערקישן קאַפּיטאַן.

טראָץ אַלע ביטערע נסיונות, אויף וועלכע די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אָנגע־טראָפן, און טראָץ אַלע געפאַרן וועלכע האָבן זיי געדראָט ביז דער לעצטער רגע, האָבן זיי דאָך טיף אין האַרצן געטראָגן די האָפענונג, אַז נאָך איז אַלץ נישט פאַרלאָרן, אַז סוף כל סוף וועט מען זיי דערלויבן צו פאַרלאָזן די שברי־כלי־שיף, און אַז זיי וועלן עולה זיין קיין ארץ־ישראל אין מענטשלעכע באַדינגונגען.

## „דערלויבט זיי אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל!"

...7. עס זיינען באַקאַנט געוואָרן פּרטים וועגן דעם עלטער פון 523 פּאַסאַ־זשירן פון דער אַלגעמיינער צאָל 769. די פּרטים זיינען פאָלגנדיקע: ביז 15 יאָר — 57 מאַן; פון 16־17 יאָר — 12 מאַן; פון 18־45 יאָר — 394 מאַן! איבער 45 יאָר — 60 מאַן. עס איז אויך קלאָר געוואָרן אַז דער עלטער־צוזאַמענשטעל פון די איבערי־קע פּאַסאַזשירן איז מער ווייניקער דער זעלבער. פיל פון זיי זיינען אַרבעטער, צווישן זיי אויך פּאַכלייט. פאַראַן אַ געוויסע צאָל מענטשן מיט פרייע פּראָפעסיעס, צווישן זיי: אַ גרויסע גרופּע דאָקטוירים. אַ סך פּליטים האָבן קרובים אין ארץ־ישראל, פאַ־ראַן אויך וואָס האָבן פאַרמעגנס און קאַפּיטאַל אין לאַנד. פאַר אַ סך פון זיי זיינען שוין אַפילו באַשטעטיקט אָדער גאָר אַרויסגעשיקט געוואָרן עליה־סערטיפיקאַטן, נאָך איידער רומעניע איז דערקלערט געוואָרן אַלס פיינטלעך לאַנד. דער גרעסטער טייל פון די פּליטים שטאַמט פון בוקאָווינע און בעסאַראַביע, ווו די יידן ווערן אָמ־שטאַרקסטן גערודפט.

8. עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די פּליטים האָבן פאַרלאָזט רו־מעניע, אין דער האָפענונג ענדלעך אַנצוקומען קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט די זיכערקייט, אַז זייער האָפענונג וועט פאַרווירקלעכט ווערן, און אוודאי האָבן זיי נישט געטראַכט, אַז עס וועט זיי געלונגען דורכצומאַכן דעם גאַנצן וועג אויף אַט דער שיף. זייער ערשטער ציל איז געווען טערקיי. נאָך די אַלע שרעק־לעכע צרות, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין רומעניע, איז יעדער פּאָרט, וועלכער איז נישט געווען אין די הענט פון דער „אַקס", געווען פאַר זיי אַ מקום מקלט. זיי האָבן געהאָפט, אַז נאָך זייער אָנקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועט זייער גורל צו־ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער דעמאָקראַטישער וועלט, און דאַן וועט מען זיי אַרויסראַטעווען. נעמענדיק אין אַכט אָט די אַלע מאָטיוון און אומשטענדן, איז די הנחה: אַז די נאַציס האָבן אויסגענוצט די שיף, כדי אַריינצושמוגלען שפּיאָנען אין איינעם פון די לענדער, אונטער דער הערשאַפט פון בריטאַניע אָדער אירע פאַרביג־דעטע — נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע. זינט דעם מלחמה־אויס־ברוך זיינען טויזנטער עולים אַריינגעקומען פון די פיינטלעכע לענדער קיין ארץ־ישראל און טראָץ דעם, האָט מען נישט געפונען קיין איין ייד, וועלכער זאָל האָבן געאַרבעט אַלס נאַצישער שפּיאָן. מען מוז אויך באַמערקן, אַז אַזוי ווי די פּליטים קומען פון געוויסע באַשטימטע קרייזן, קען, על פי רוב, איינער דעם צווייטן און ס'איז נישטאָ קיין איין מענטש אויף דער „סטרומאַ", וועלכער זאָל נישט האָבן עטלעכע באַקאַנטע.

9. אויפן יסוד פון די אויבן דערמאָנטע, ווי אויך פון פריער שוין אַרויסגערוק־טע, באַדינגונגען, האָב איך דעם כבוד איבערצוחזרן מיין בקשה, צו דערלויבן די

פּאַסאַזשירן פון „סטרומא" אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל: אָדער אין די ראַמען פון די פאַרשידענע עליה־סאָרטן, אָדער אַלס מלחמה־פּליטים — פאַרשטענדלעך, נאָך אַ גרונטלעכער פעראָנלעכער אויספאָרשונג פון יעדן איינעם פון זיי באַזונדער. ב'האָב אייך שוין מודיע געווען, אַז דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט" איז גרייט צו פאַר־זיכערן אונז די נויטיקע געלט־מיטלען ביים איינאָרדענען די דאָזיקע פּליטים אין לאַנד.

די טעלעגראַמעס, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַמעריקע און דרום־אַפריקע בנוגע די פּאַסאַזשירן פון „סטרומא" דריקן אויס דעם גרויסן ציטער פאַר זייער גורל און אַלע האָפענונגען הענגען איצט אָפּ פון דעם רעגירונגס־באַשלוס אין דעם ענין.

(פון אַ מעמאָראַנדום פון דער יידישער אַגענץ צו דער ארץ־ישראל־רעגירונג)

## ווייטערדיקע ווארענונגען

דעם 20־סטן פעברואַר האָט זיך די יידישע אַגענץ ווידער געוואָנדן צו דער ארץ־ישראל־רעגירונג מיט אַ דרינגנדיקן בריוו, אין וועלכן זי באַניייט נאָך אַמאָל די פראַגע וועגן גורל פון „סטרומא". די יידישע אַגענץ האָט אין דעם בריוו אויך דער־קלערט, אַז אַפּשאַצנדיק אין פולסטן זין די פראַגע פון ראַטעווען קינדער, קען זי אָבער בשום אופן נישט מסכים זיין מיטן הפקר מאַכן די עלטערע. די אַגענץ האָט אָפּגעוואָרפן די טענה, אַז דאָס צוקומען פון 750 פּליטים צו דער באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל קען באַשווערן די אַפּראָוויזאַציע־לאַגע. דער גרעסטער טייל פון זיי — ווערט געזאָגט אין בריוו — וועלן אַריינקומען אין לאַנד אַריין נישט אַלץ פאַרברוי־כער נאָר אויך אַלס פּראָדוצירנדיקער עלעמענט אין דער לאַנדווירטשאַפט און אינ־דוסטריע. וואָס אנבאַלאַנגט די 200, וואָס וועלן אפשר זיין נאָר פאַרברויכער אַליין, איז דער גאַנצער ישוב מיט אַלע זיינע שטעט און קאָלאָניעס, גרייט צו באַשרענקען, די פאַר אים, באַשטימטע פּראָדוקטן־צוטיילונגען, כדי צו אַפּראָוויזירן די דאָזיקע אומגליקלעכע.

און דער בריוו ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„צום שלום, קענען מיר נישט איינשטימען מיטן געדאַנק, אַז יידן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון שרעקלעכן גיהינום, אין וועלכן עס לעבט דאָס רומענישע יידנטום, זאָלן פאַראורטיילט ווערן צו אונטערגאַנג און זאָלן געפינען פאַרשפּאַרט דעם, פאַר זיי, איין און איינציקן רעטונגס־וועג, — דעם וועג קיין ארץ־ישראל — אין דער זעלבער צייט, ווען די טויערן פון דעם לאַנד זיינען אויפגעמאַכט געוואָרן — און מיט רעכט — כדי צו געבן שוץ אַ גרויסער צאָל נישט־יידן, פּליטים פון פיינט־לעכע לענדער".

אָבער איידער מען האָט נאָך דערהאַלטן אַן ענטפער אויף דעם בריוו, איז דעם 25־סטן פעברואַר אָנגעקומען די ערשטע ידיעה, אַז די שיף „סטרומא" איז, מיט אַ טאָג פריער, זייגער 10 אינדערפרי אונטערגעגאַנגען, 4 מייל פון צפונדיקן באָספאָר־עק.

1 מערץ 1942.

## ...עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן: „סטרומא" איז אונטערגעגאַנגען!

## דער טרויער אין א"י

27 פֿעברואַר 1942.

דער יידישער ישוב האָט נעכטן מאַניפעסטירט זיין טיפן טרויער נאָך די מעפּילים פון „סטרומא". פּענער, איינגעהילטע אין שווארצן, האָבן געפֿלאַטערט איבער אַלע הייזער פון די שטעט.

זייגער 12 איז איבערגעריסן געוואָרן די אַרבעט אין אַלע ווינקלען פון לאַנד. אויפן באַפֿעל פון ועד לאומי איז די קאָמוניקאַציע אין און צווישן די שטעט אָפּגעשטעלט געוואָרן פון 1 נאָכמיטאָג ביז 7 אין אָוונט.

איבערן גאַנצן לאַנד איז דער מאַניפעסטאַציע-שטרייק אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, און דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך איינגעהילט אין אַ שלייער פון אַן אומגעהויער-טיפן טרויער. אין עטלעכע ערטער זיינען פאָרגעקומען גרויסע מאַסן-פאַרזאַמלונגען.

נעכטן, פּונקט ווי אייערנעכטן, זיינען נישט פאָרגעקומען קיין שום פאַרשטערונגען, די פאַרוויילונגס-לאָקאַלן זיינען געווען געשלאָסן. דער גרעסטער טייל קאַפּעהייזער איז געווען אָפן נאָר אַ קורצע צייט, כדי אַרויסצוגעבן מיטאָגן. אויך די פּורים-פייערונגען זיינען אָפּגערופן געוואָרן.

די נאָכמיטאָג-צייטונגען זיינען, אַלס צייכן פון טרויער, נישט דערשינען.

## דער טערקישער אַנטייל

...אין ביוראָ פון „סאָקאָני" האָב איך געהאַט אַן אויפריכטיק-האַרציקע און דערמונטערנדיקע באַגעגעניש. דער לייטער פון דער געזעלשאַפט אין טערקיי, אַן אַמעריקאַנער, האָט מיך אויפגענומען מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „איר זייט געקומען צו שפּעט, אין צווישנצייט זיינען 800 מאַן דערמאָרדעט געוואָרן דורך די טערקן און ענגלענדער." לויט די ידיעות פון דער טערקישער פּלאַט-פּאָליציי, וואָס האָבן זיך געפונען אין די הענט פון דער געזעלשאַפט, איז די שיף אַרויסגעשיקט געוואָרן אין וועג אַריין אָן אַ שטיקל ברויט, אָן אַ ביסל וואַסער, און אַפילו אָן ברען-מאַטעריאַל. וועלכן טערקיי האָט געהאַט צוגעזאָגט צו ליפערן. אַ שלעפּ-שיף פון טערקישן פלאָט (מיטן נאָמען „אַל-דמאַר") האָט מיט שטריק אַוועקגעשלעפּט די „סטרומא" ביז ראָמלי, וואָס ליגט אין באָספאָר. דאָרט איז די שטריק איבערגעשניטן געוואָרן, די פּאָליציסטן זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון דער „סטרומא", זי איז איבערגעלאָזט געוואָרן איר אייגענעם גורל. לויט די זעלבע ידיעות האָבן די פרויען זיך געשלאָגן מיט די פּאָליציסטן: די פּאַסאַזשירן האָבן אויפגעשריבן אויף די זעגל-לייוונטער „ס.אָ.ס.".

אַז די שיף איז געווען אין סכנה, באַווייזט אויך דער פאַקט, וואָס די פּאַסאַזשירן, ווי נאָר זיי פלעגן דערזען אַ דערנענטערנדיקע זיך שיף אָדער לאָדקע, פלעגן זיי אַלע לויפן אויף דער זייט פון די אָנקומענדיקע, כדי צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. זאָד-קענער טייטשן אויס, אַז דאָס האָט דער שטראָם מיטגעריסן „סטרומא" אַ צען מייל ווייט, ביז לעבן שילא, דעם אָרט, וווּ עס האָט געטראָפן דאָס

אומגליק. דאָרט, אַן אַנדערטהאַלבן מייל ווייט פון טערקישן ברעג, האָט זיך דערהערט אַן אויפרייס, עס האָט זיך דערזען אַ פייער און אַ רויך, און די שיף איז באַלד צע־דיבן געוואָרן אויף שטיקער.

אַ געוויסע צייט נאָך דער קאַטאַסטראָפע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן 3 שלעפּ־שיפן און אַ רעטונגס־שיפל. טראָץ דעם האָבן זיי דעם 26־סטן פעברואַר מודיע געווען, אַז מען זעט נישט פון דער שיף און פון אירע פּאַסאַזשירן קיין סימן און קיין שפּור.

די אַנגענומענע ווערסיע, וועלכע איז די באַקוועמסטע פאַר דער טערקישער מאַכט, זאָגט, אַז „סטרומאַ" האָט זיך אָנגעשטויסן אויף ים־מינעס, אָדער זי איז אָנגעגריפן געוואָרן דורך אַ רוסישער אונטערוואַסער־שיף. מומחים אין דער זאַך, לייק־ענען אָפּ ביידע ווערסיעס, ווייל אויף דעם אָרט, אַרום שילאַ, געפינען זיך נישט קיין אונטערוואַסער־שיפן און ס׳זיינען נישט פאַראַן קיין ים־מינעס.

פאַראַן אַ גרונט אָנצונעמען, אַז דאָס אַרויסטרייבן פון „סטרומאַ" איז פאָרגעקומען אין אַ געוויסער מאָס אונטערן דרוק פון די נאַצישע פאַרשטייער. דער ענין פון די קינדער פאַרשטאַרקט נאָך מער די השערה:

די ידיעה וועגן באַשטעטיקן עליה־סערטיפיקאַטן פאַר די קינדער איז אָנגעקו־מען אין ענגלישן קאָנסולאַט פון סטאַמבול דעם 16־טן פעברואַר. זי איז אויפגענומען, אַרויסגעשיקט און באַשטעטיקט געוואָרן דעם זעלבן טאָג דורכן ווילאַיעט.

אָבער ווען אונזערע מענטשן האָבן אַ וואָך שפּעטער, דעם 23־סטן פעברואַר, ווייסנדיק שוין וועגן דעם גירוש־באַשלוס, געבעטן די מאַכט, זי זאָל דערלויבן אַרויס־צוזעצן אויפן ברעג לכל־הפּחות די קינדער, האָט מען פון ווילאַיעט־ביוראָ געענטפערט, אַז דער מושל איז אין אַנקאַראַ און אַז פון דאָרט איז נאָך נישטאָ קיין ענטפער.

דעם רושם, אַז די רעגירונג האָט געהאַנדלט אונטער אַ דרוק — באַשטעטיקט אויך אַ צווייטער פאַקט. מען דערציילט, אַז מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַלן „רויטן קרייץ" האָבן זיך געוואָנדן צו דער טערקישער רעגירונג — מכלומרשט לויט אָנווייזונגען פון „רויטן קרייץ" אין לאָנדאָן אָדער גענף — מיט אַ בקשה, אויפצו־האַלטן דאָס אַרויסטרייבן פון דער שיף, צוזאָגנדיק דערביי, אַז זיי וועלן דערווייל זאָרגן פאַר דער אַפּראָוויזאַציע אאַ"וו.

לויט ווי מען האָט אָפּגערעדט, האָט לאָנדאָן געמאָלדן, אַז די פראַגע פון אַרויסזעצן אין פאָרט אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן און דאָס אַריינפירן זיי קיין ארץ־ישראל, איז טאַקע אַ שווערע זאַך, אָבער דאָך דאַרף מען זיך ווייטער מיט זיי מטפּל זיין. ווי מען דערציילט האָט אַ מענטש פון „רויטן קרייץ" באַקומען אַ צוזאָג פון דער רעגירונג, אַז די דעפּאָרטאַציע וועט זיך נישט אָנהויבן פאַרן 26־סטן, און מעג־לעך אויך, אַז ערשט דעם 28־סטן פעברואַר.

ווי עס איז באַקאַנט איז די דעפּאָרטאַציע פאָרגעקומען דעם 23־סטן.

די אָפיציעלע מעלדונג פון דער „אַנאַטאָלער אַגענטור" אונטערשטרייכט, אַז די טערקישע רעגירונג האָט זיך געוואָנדן צו עטלעכע לענדער, זיי זאָלן אַריינלאָזן צו זיך די „סטרומאַ"־מענטשן, אָבער ס׳איז געבליבן אַן דערפאָלג. אין דער ידיעה ווערט אויך דערציילט, אַז די רומענישע רעגירונג האָט אָפּגעזאָגט די פּאַסאַזשירן צו־ריקצוקערן זיך צו די רומענישע ברעגעס, ווייל די מעפּילים האָבן אומלעגאַל פאַרלאָזט רומעניע.

מיר איז אָבער אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ רייזע־בילעט, וואַרשיינלעך פון איינעם פון די קרבנות, צוזאַמען מיט אַ רייזע־פּראָספּעקט. דער בילעט איז געווען אונטערגעחתמעט פון איין זייט דורך דעם פאַרדינגער, אָדער אפשר דעם שיף־אייגנטימער: פאַנדעלים, און פון דער צווייטער זייט דורכן „ועד העליה". אויפן בילעט זיינען פאַראַן צוויי פּאַראַגראַפן, וואָס זיינען אין קעגנזאַץ צו דער אָפיציעלער מעלדונג, אויף וויפיל זי גיט איבער די שטעלונג פון דער רומענישער רעגירונג. ביים אויסרעכענען די זאַכן, וועלכע מען דערלויבט מיטצונעמען, ווערט בפירוש געזאָגט, אַז אויף דעם איז פאַראַן אַ באַשטעטיקונג פונם פינאַנס־מיניסטעריום. בנוגע דער אַפּראָווויזאַציע איז אויך פאַראַן אַ פּאַראַגראַף, וואָס באַשטעטיקט, אַז די זאַכן ווערן אַרויסגעשיקט מיט דער דערלויבעניש פון אַנטשפּרעכנדיקן מיניסטעריום. אַ יידישער זשורנאַליסט, פון רומעניע, וועלכער וווינט אין אַנקאַראַ, ווייזט אָן, אַז במשך די 3 חדשים פאַראַן אָפּשווימען פון „סטרומאַ" זיינען אין דער רומענישער פּרעסע פאַרעפנטלעכט געוואָרן מעלדונגען וועגן דעם אָפּשווימען.

און נאָך עפּעס וועגן דעם קאָמוניקאַט: אין דער נאַצישער צייטונג „די טירקישע פּאָסט", איז, נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פונם קאָמוניקאַט, דערשינען אַ ידיעה, אַז אין די מאַטראַזן־קרייזן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל גיט מען איבער, דאָס פון דער שיף האָבן זיך געראַטעוועט 350 מאַן. אין רומעניע גופא האָט מען, ווייזט אויס, אין די נאַצישע קרייזן געזאָרגט צו פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז בערך 750 מאַן האָבן זיך געראַטעוועט. געוויסע קרייזן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צווישן זיי די געזעלשאַפט „סאָקאָני", זיינען טעלעפאָניש אָנגעפרעגט געוואָרן פון אַ סך מענטשן אין בוקאַרעשט, אויב די נעמען פון זייערע קרובים געפינען זיך אין דער רשימה פון די געראַטעוועטע. ווען מען האָט זיי געענטפערט, אַז די צאָל געראַטעוועטע איז אַ נישטיקע, האָבן זיי אויסגעבראָכן מיט האַרצרייסנדיקע געשרייען, אַז דאָס איז דאָך אוממעגלעך, ווייל די דאָרטיקע פּרעסע האָט פאַרעפנטלעכט אַ ידיעה וועגן 750 געראַטעוועטע. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געראַטעוועט.

ג. אַגראַנסקי

## ס'איז אַ ליגן — זיי האָבן קיין הילף נישט געשיקט!

...איך בין זיכער, אַז מען האָט במשך פון 3 טעג געקענט פאַריכטן דעם מאָטאָר פון „סטרומאַ" און זי אַרויסשיקן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּאָרט קיין ארץ־ישראל. אָבער דער שיפס־אייגנטימער (אַ גריך) האָט אונטערגעקויפט די מעכאַניקער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אונטערזוכן די שיף, און באַפוילן זיי אָפּצושלעפּן, ווי ווייט מעגלעך, די רעפּאַראַציע, בכדי מען זאָל די פּאַסאַזשירן אַרויסזעצן אויפן ברעג און זיין שיף זאָל קענען צוריקפאָרן קיין קאָנסטאַנץ, אויפצונעמען נייע מענטשן. ווען די שיף וואָלט צו דער צייט געווען אָפּגעשווומען קיין ארץ־ישראל, וואָלטן אויף איר וועג נישט געווען קיין שום שטערונגען. זי וואָלט אויך נישט געווען געצווינגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער בריטישער מאַכט, וועלכע האָט זיך שפּעטער אַריינגעמישט אין דעם ענין און געצוווּנגען די טערקישע רעגירונג זי זאָל נישט דערלויבן דער שיף אָפּצושווימען קיין ארץ־ישראל. איך בין אויך חושד, אַז דאָס

האָט דער בריטישער קאָנסול געפאָדערט פון דער טערקישער רעגירונג, צוריקצושיקן די שיף קיין רומעניע.

די קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען 10 קילאָמעטער ווייט פונם פּאָרט, און מען האָט אין פּאָרט, בלי שום ספק, געקענט הערן דעם אויפרייס. אָבער די טערקישע מאַכט האָט געוואָלט אַרויסשיקן הילף, אָבער צוליבן שטורעם, וואָס איז אויסגע־ערשט נאָך 24 שעה, אָנגעקומען צום אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע, האָבן מיר די פּאָ־ליציסטן דערציילט, אַז באַלד, ווי זיי האָבן דערהערט דעם אויפרייס, האָבן זיי אַרויס־געשיקט אַ רעטונגס־שיף, וועלכע האָט אָבער נישט אַנטדעקט קיין שום שפּורן. אַנ־דערע האָבן מיר געזאָגט, אַז מען האָט טאַקע געהערט דעם אויפרייס און די פּאָרט־מאַכט, האָט געוואָלט אַרויסשיקן הילף, אָבער צוליבן שטורעם, וואָס איז אויסגע־בראָכן אויפן ים, האָט די שיף נישט געקענט אַרויסשווימען. אָט דיביידע טענות לייקן איך אָפּ מיט דער פולסטער זיכערקייט, ווייל

א) ווען די רעטונגס־שיף וואָלט געווען אַרויסגעשווומען צום אומ־גליקס־אָרט, וואָלטן די געראַטעוועטע זי געווען דערזען און גערופן צו הילף;

ב) עס איז אין דער צייט נישט געווען קיין שום שטורעם אויפן ים, והראיה: די איינצלנע, וואָס זיינען נישט אומגעקומען בשעתן אויפרייס, האָבן זיך, אויף ברעטער און טירן, שעהן־לאַנג געהאַלטן אויפן ים. און ווען דער ים וואָלט דעמאָלט געווען שטורעמדיק, וואָלט דאָס געווען אַן אומעגלעכע זאַך.

(דערציילט דורך דעם איינציקן געראַטעוועטן: ד ו ד ס ט א ל י א ר )

## ...וויאַזוי האָב איך זיך געראַטעוועט?

געווען איז עס זונטיק, דעם 22־סטן פעברואַר (ה׳ אדר). נאָך עטלעכע וואָכן פון דערוואַרטונג, יאוש און פאַרנעפּלטער האָפענונג, האָבן מיר באַקומען צוויי טעלעגראַמעס, וועלכע האָבן אונז אָנגעפילט מיט אַן אַנדערן גייסט. איין טעלע־גראַמע — פון אונזערע באַקאַנטע און פריינט אין ארץ־ישראל, וועלכע גיבן אונז צו מוט אויסצוהאַלטן און נישט אַריינצופאַלן אין יאוש, און די צווייטע — פון סטיפן ווייז פון ניו־יאָרק. אין וועלכער ער גיט אונז איבער, אַז עס זיינען גע־געבן געוואָרן 2000 סערטיפיקאַטן, פון וועלכע אַ טייל וועט אויך צוגעטיילט ווערן פאַר אונז.

געווען איז דאָס אַ טאָג פול מיט שמחה און פרייד. יעדער איינער פון אונז האָט שוין מיט זיינע אויגן געזען, ווי דער וועג פון אונזערע יסורים גייט צו ענדע. ווער האָט דאָס אין יענעם טאָג און אין דער נאַכט וואָס איז נאָך אים געקומען, נישט געוועבט זיינע חלומות, וויאַזוי ער וועט זיך איינאָרדענען אין ארץ־ישראל?!

אויף צומאָרגנס, באַלד אינדערפרי, האָט זיך צו אונז דערנענטערט אַ שלעפּ־שיף. עס האָט זיך אפילו דערוועקט ביי אונז אַ שטיקל חשד, אָבער מיר האָבן דאָך געהאָפט, אַז דאָס איז פאַר אונזער טובה. שעהן פון דערוואַרטונג. איינס אַזייגער

נאַכמיטאָג איז די שיף צו אונז צוגעקומען. די פּאָליציסטן, וואָס האָבן זיך אויף איר געפונען, האָבן געוואָלט צובינדן צו זייער שיף די „סטרומא". זיי האָבן אונז געזאָגט, אַז זיי ווילן אונזער שיף צושלעפּן צו אַן אָרט, נישט ווייט פון דאַנען, כדי זי צו אונטערזוכן און אויסרייניקן.

ווען אָבער, איינער פון זיי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט די ווערטער: „מען וועט אייך צוריקפירן אויפן שוואַרצן ים, קיין בורגאַס, בולגאַריע אָדער קאָנסטאַנצע", האָט אַ שוידער אַרומגעכאַפּט אַלע מעפּילים. מיר זיינען אויפגעציטערט געוואָרן, הערנדיק די דאָזיקע גרויזאַמע ידיעה, וואָס איז געקומען נאָך אַ מעת־לעת פון אַזוי פיל האָפענונגען. דאָס סודלען זיך צווישן דעם שיפס־קאַפּיטאַן און דעם פּאָ־ליציי־שעף האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט אונזער חשד. דער שיפס־קאַפּיטאַן, אַ בולגאַר, מורא האָבנדיק פאַרצוזעצן דעם וועג קיין ארץ־ישראל, האָט דערקלערט, אַז ער וועט צושווימען נאָר ביז צו אַ בולגאַרישן פּאָרט. מיר האָבן דערפילט עפּעס אַ שפּיצל און מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן, פאַר קיין שום פּרייז, צוצו־בינדן די שיף. די קליינע גרופּע פּאָליציסטן האָט אונז נישט געקענט בייקומען און האָט געמוזט פאַרלאָזן אונזער שיף מיט גאָרנישט.

אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען אויף שיפלעך אָנגעקומען אַרום 80 פּאָ־ליציסטן און האָבן אַרומגערינגלט די „סטרומא". די מעפּילים האָבן נישט צוגע־לאָזט די פּאָליציסטן אַרויפקומען אויף דער שיף און האָבן געקעמפט מיט זיי במשך אַ האַלבער שעה. מיט געוואַלט האָבן זיך די פּאָליציסטן אַרויפבאַקומען אויף דער שיף, איבערגעהאַקט דעם אַנקער און צוגעבונדן די „סטרומא" צו דער שלעפּ־שיף.

צווישן 4 און 5 אַזייגער נאָכמיטאָג, איז „סטרומא", אַ צוגעבונדענע צו דער שלעפּ־שיף אַפּגעשוואומען פון אָרט.

דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום ווידערשטאַנד, ער האָט איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און זיך צוגעגרייט צום אָפּשווימען. מיר האָבן אים חושד געווען און אויך באַשולדיקט, אַז אויך זיין האַנט שטעקט אין דעם. אויף אונזער פאָדערונג האָט ער אונטערגעשריבן אַ התחייבות אַריבערצופירן אונז קיין ארץ־ישראל.

זייגער 10 בייטאַכט איז די שיף צוגעקומען צום שוואַרצן ים און 5 קילאָמע־טער ווייט פונם ברעג איז די שלעפּ־שיף אָפּגעבונדן געוואָרן. פאַרלאָזנדיק אונז האָבן די מענטשן פון דאָרט אויסגערופן: „איר פאָרט קיין בורגאַס!"

דער זאַפּאַס פון עסנוואַרג איז געווען אַ נישטיקער, ווייל עס איז שוין אַרי־בער איבער אַ וואָך צייט זינט מיר האָבן דאָס לעצטע מאָל באַקומען פּראָוויאַנט פונם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קהלה־ראַט. אויך האָבן מיר געוווסט, אַז אויף דער שיף איז נישטאָ געהעריג ברען־שטאָף אַפילו אויף עטלעכע טעג.

אין יענער נאַכט האָט קיינער פון אונז אַפילו קיין אויג נישט צוגעמאַכט, קיינער האָט קיין וואָרט פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט. שטילשווייגנדיקע זיינען מיר אַלע איבערגעזעסן די גאַנצע נאַכט.

צומאָרגנס, דינסטיק אינדערפרי, ביין איך אַרויף אויפן דעק. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז זינט די שיף איז אָפּגעבונדן געוואָרן, האָבן מיר זיך דערווייטערט

פון ברעג אויף נאָך דריי קילאָמעטער. מען האָט געאַרבעט ביים פּאַריכטן דעם מאָטאָר. לויט ווי דער שיפס־קאַפּיטן האָט דערקלערט, זיינען מיר נאָך געווען אין די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון טערקיי. ער האָט זיך געהיטן אַרויסצוברענגען עפּעס אַ וואָרט, וואָס וואָלט געקענט אונז אויפרעגן. „דער מאָטאָר — האָט ער דערקלערט — אַרבעט נישט ווי געהעריק. ווי נאָר ער וועט אָנהויבן צו אַרבעטן וועט ער זיך צוריקקערן צו די טערקישע ברעגעס".

די שיף האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דער ים איז געווען פולשטענדיק רואיק. מיטאָמאָל — געווען איז דאָס אַרום 9 אינדערפרי — האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן אויפרייס. עס האָט מיך אַ שליידער געטון אין דער לופטן, און איך בין אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין. איך האָב אָנגעהויבן צו שווימען. איך האָב דאַן אויך דערזען, ווי עטלעכע צענדליקער מעפּילים ראַנגלען זיך מיט די כוואַליעס. במשך פון עטלעכע מינוט איז די שיף אונטערגעגאַנגען. שוידערלעכע הילפס־אויסגע־שרייען פון מענער און פרויען האָבן זיך געריסן אין די הימלען אַריין.

איך האָב דערזען, ווי עטלעכע מעפּילים האַלטן זיך אָן אין טיילן פון דער צעשמעטערטער שיף, וואָס זיינען געשוואומען אויפן וואַסער, און איך האָב אויך געטון דאָס זעלבע. דאָס וואַסער איז געווען אייז־קאַלט. מחמת קעלט און כוחות־פאַרלוסט זיינען די מעפּילים, וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין די שיפס־טיילן, איינער נאָכן אַנדערן אונטערגעזונקען אין די טיפענישן פון ים. אַרום מיטאָג־צייט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך בין געבליבן איינער אַליין. איך האָב געהאַט גליק. דאָס קורצע פּעלצל, וואָס איך האָב געטראָגן אויף זיך, האָט מיך געוואַרעמט און נישט דערלאָזט אַז איך זאָל פאַרפרירן ווערן.

מיט שרעק און ציטערניש, דערמאָן איך אָט די שעהן, בשעת איך האָבן גע־זען, ווי מיינע חברים זינקען איינער נאָכן צווייטן אין אָפּגרונט און איך בלייב איינער אַליין. אַ סך איינצלהייטן פון די דאָזיקע מאָמענטן זיינען פאַרטושט גע־וואָרן אין מיין זכרון, אָבער איך געדענק, אַז איך האָב זיך באַמיט אַרויפצוקלעטערן עטוואָס העכער אויפן באַלקן, אין וועלכן איך האָב זיך אָנגעהאַלטן, כדי וואָס מע־רער אַרויסצוציען מיין פאַרפראָרענעם גוף פונם וואַסער. אַ ביסל איז עס מיר גע־לונגען און עס איז מיר אויך בעסער געוואָרן.

פאַרנאַכט־צו, האָב איך דערזען אַ רעטונגס־פּונקט: אויפן וואַסער איז גע־שווומען אַ באַנק פון אונזער (אָדער אפשר גאָר פון אַן אַנדער אונטערגעזונקענער) שיף. עס איז מיר געלונגען זי צו דערגרייכן און אַרויפצושטעלן זי אויפן באַלקן, אין וועלכן איך האָב זיך אָנגעהאַלטן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און מיין גאַנצער גוף האָט זיך דאַן געפונען איבערן וואַסער.

זיצנדיק אַזוי „באַקוועם" אין מיטן ים, האָט מיך אַ שרעק אַרומגעכאַפּט. אַרום און אַרום, ווי ווייט נאָר מיינע בליקן דערגרייכן, קיין לעבעדיקער נפש נישטאָ: נאָר די רויב־פייגל קרייזן אַרום איבער די טויטע קערפּערס און דעם עסנוואַרג, וואָס שווימען אויפן וואַסער.

בשעת זון־אונטערגאַנג האָב איך דערזען פון דערווייטנס אַ מאַן, וועלכער שווימט אין מיין ריכטונג, אָנשטרענגנדיק דערביי זיינע לעצטע כוחות. ווען ער האָט זיך דערנענטערט, האָב איך אין אים דערקענט דעם שטעל־פאַרטרעטער פון

אונזער שיפס־קאפּיטאַן. ער איז געווען שרעקלעך מיד, איך האָב אים געהאָלפן אַרויפבאַקומען זיך אויף דער באַנק. ווען ער איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָב איך אים געפרעגט, ווי אַזוי איז דאָס אומגליק געשען. ער האָט מיר דערציילט, אַז שטייענדיק אַזוי אויף דעם דעק פון דער שיף, האָט ער פּלוצלונג דערזען, ווי אַ מינע שווימט אַנטקעגן דער שיף. אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו רופן דעם קאַפּיטאַן, איז שוין די שיף אויפגעריסן געוואָרן. ער האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט זיך במשך פון עטלעכע שעה געהאַלטן אויפן וואַסער, אָבער צום סוף איז ער פאַרפרוירן געוואָרן און אונטערגעזונקען. ער האָט שוין געוווּסט, אַז קיין איינער פון די שיפס־מענטשן איז נישט געבליבן ביים לעבן.

מיר האָבן באַשלאָסן נישט איינצושלאָפן, כדי מיר זאָלן נישט אויסגיין פון קעלט. מיר האָבן זיך איינער דעם צווייטן געוואַרעמט, אויף וויפל מיר האָבן נאָר געקענט באַוועגן מיט אונזערע אברים.

אַזוי איז פאַרביי די נאַכט. פון מינוט צו מינוט האָט מיין חבר אַלץ מער פאַרלאָרן די כוחות און מיט דעם זון־אויפגאַנג האָבן זיך ביי אים באַוויזן סימנים פון גסיסה. ער האָט פאַרלאָרן דעם קלאָרן פאַרשטאַנד און אין די לעצטע מינוטן האָט ער געהאַלטן אין איין שפּילן זיך מיט די ים־פישלעך. איך האָב אים געוואָרנט, ער זאָל זיך נישט דערנענטערן צום וואַסער, אָבער ער האָט מיך נישט געפאָלגט, איך זעלבסט בין שוין אויך געווען אַזוי פאַרשטייפט פון קעלט, אַז איך האָב זיך נישט געקענט רירן פון אָרט, כדי אים אויפצוהויבן. שפּילנדיק זיך אַזוי מיט די פישלעך איז ער געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, געבויגן זיך אַלץ טיפער אַיבערן וואַסער, און צום סוף אַריינגעפאַלן און פאַרשוווּנדן אין די ים־טיפענישן.

איך בין געבליבן איינער אַליין. פון דערוויטנס האָב איך געזען דעם ברעג. איך האָב באַשלאָסן צוצושווימען. איך האָב זיך אָנגענומען מיט כוח און אָנגעהויבן צו שווימען, אָבער אָפּשווימענדיק 200 מעטער האָב איך שוין ווייטער נישט געקענט און געמוזט זיך צוריקקערן. איך האָב געפילט, אַז מיין גורל וועט זיין דער זעלבער, ווי מיין חברס גורל, און איך האָב באַשלאָסן אַליין אַ סוף צו מאַכן צו מיין לעבן. איך האָב אַרויסגעצויגן פון טאַש מיין מעסערל, און געפּרוווט איבערצושניידן מיר די האַנט־אָדערן. אָבער די פאַרפרוירענע פינגער מיינע זיינען געווען צו שוואַך, כדי דאָס אויסצופירן. בלית ברירה האָב איך געמוזט וואַרטן אויף דעם, וואָס וועט קומען.

מיטאַמאָל האָב איך דערזען אַ האַנדלס־שיף. מיט אַלע מיינע כוחות האָב איך אָנגעהויבן צו שרייען און רופן הילף. זי איז דורכגעשווומען עטלעכע מעטער פון מיר און... זיך נישט פאַרהאַלטן. פון דער שיף האָט מען מיר עפּעס געוויזן מיט די פינגער, איך האָב אָבער נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי מיינען. איך האָב געטראַכט, אַז מסתמא הייסן זיי מיך צושווימען צום נאָענטן שוין ברעג; זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז איך האָב אפילו נישט קיין כוח אַליין זיך דאָס לעבן צו נעמען!

אין די מינוטן פון פולשטענדיקן יאוש, האָב איך פּלוצלונג דערזען דערנענטערן זיך אַ שיפל. געווען איז דאָס אַ רעטונגס־שיפל, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון שילא (אַ קליין טערקיש דערפל, וואָס ליגט נישט ווייט פון שוואַרצן ים). און אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען טערקישע מאַטראָזן, באַוואָפנטע מיט אַלע נייטיקע רעטונגס־מכשירים. זיי האָבן אַרויסגעצויגן פון וואַסער דעם קערפּער פונם

שטעל־פאַרטרעטער פון אונזער שיפס־קאַפּיטאַן און נאָך אַ גוף. ביידע זיינען זיי געשוווּמען אויפן וואַסער נישט ווייט פון מיר. אין אַ טראַג־בעטל האָבן זיי מיך אַרויפגעטראָגן אויפן שיפל, דערלאַנגט מיר די ערשטע הילף און געבראַכט מיך אין דאָרף אַריין, ווו מען האָט מיר געמאַכט איינשפּריצונגען. במשך פון דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין דאָרט אָפּגעלעגן, האָט מען מיך גוט געפּלעגט.

בעת צוויי טעג, וואָס איך בין געלעגן אין אַ קראַנקן־שטוּבּ אין שילאַ, בין איך טאָג און נאַכט געווען אונטער אַ פּאָליציייִשער שמירה. אויפן דריטן טאָג האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין קאָמיסאַריאַט פון סקוטארי, ווו מען האָט מיך גענוי אויסגעפאָרשט וועגן דעם פּאַרפּאָל. פון דאָרטן האָט מען מיך, אין אַן אַמבולאַנס, איבערגעפירט אין שפּיטאָל אַריין קיין היידאַר־פּאַשא. אויך פון דאָנען האָב איך נאָך אַלץ נישט געקענט אָנקניפּן קיין קאָנטאַקט מיט וועמען עס איז פון דרויסן. 14 טעג זיינען אַריבער, ביז איך האָב געקענט שטעלן זיך אויף די פיס און דאַן האָט מען מיך צוגעשטעלט צו דעם צענטראַלן אויספאָרשונגס־פּונקט. מען האָט מיך ווידער אַמאָל גענוי אויסגעפרעגט וועגן אַלע פּרטים פונם פּאַרפּאָל. 48 טעג בין איך געווען אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער און געזעסן אין אַן ענגער צעל. מען האָט מיך פאָטאָגראַפירט פון אַלע זייטן, ווי עס פירט זיך מיט אַ פאַרברעכער, און אַפילו אַ נומער האָבן זיי מיר געגעבן: 704. אַ צייט־לאַנג האָט געהאַנגען איבער מיר די סכנה צוריקגעשיקט צו ווערן קיין רומעניע אויף אַ זעגל־שיף פון מעפּילים, וואָס האָט אין יענע טעג פּאַראַנקערט אין די וואַסערן פון טערקיי. ענדלעך בין איך דאָנערשטיק, דעם 23־סטן אַפּריל, באַפרייט געוואָרן. דער ראש־הקהל האָט מיך אונטער קאַוציע אַרויסגענומען פון טורמע, מיטן תנאי, אַז איך וועל פאַרלאָזן טערקיי. דער זעלבער האָט מיך אויך אויפגענומען ביי זיך אין שטוב, געגעבן צו עסן און צו טרינקען און מיך אויך באַזאָרגט מיט פּראָוויאַנט אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, וווּהין איך בין מיט דער הילף פון דער יידישער אַגענץ אָנגעקומען.

ד ו ד ס ט אַ ל י אַ ר

געבראַכט פאַרן געריכט: מ. ז י נ ג ע ר

# אַ שוידערלעכער אַקט

„סטרומאַ” און די 760 טויטע, וואָס ליגן איצט אין די טיפענישן פון שוואַרצן ים, דערוועקן אין אונז געפילן פון טרויער, פאַרביטערטקייט און פּראָטעסט.

עס עקזיסטירט אַן אומפאַרמיטלבאַרער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם „ווייס־בוך” פון 1939 און דעם דאָזיקן הפקרותדיקן מקריב זיין אַזוי פיל אומשולדיקע יידישע לעבנס. ווייל אין דער אמתן האָט דאָך אַפילו נישט געמוזט קומען קיין שום אָפּנייגונג, אַפילו נישט די גרינגסטע פון די גרינגע, פון אָט דעם „ווייס־בוך” אַליין, כדי צו דערפילן דעם עלעמענטאַרסטן מענטשלעכן חוב אינם פאַל „סטרומאַ”. די ארץ־ישראלדיקע אַדמיניסטראַציע האָט דאָך געקענט דערלויבן די פּליטים פון דעם נאַצישן גיהנום אַריינצוקומען אין דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, נישט צוגעבנדיק אַפילו קיין איין איינציקן סערטיפיקאַט צו די, וואָס זי האָט באַשטימט פאַרן לויפנדיקן האַלב־יאָר. די אַדמיניסטראַציע האָט אויך צונישט געמאַכט אַלע באַמיונגען פון דער יידישער אַגענץ זיי צו העלפן. אויך דער איינציקער אויסנאַם,

וועלכן די אדמיניסטראציע האט געמאכט לטובת די קינדער ביז 16 יאר — איז שוין געקומען צו שפעט כדי צו ראטעווען זיי, און מער ווי 70 קינדערלעך זיינען פאר־טיליקט געווארן.

זאל די פאראנטווארטלעכקייט פאלן אויף וועמען זי זאל נישט פאלן — אויפן „ווייטהאל" אדער אויף ירושלים. איין זאך איז קלאר: עס איז אפגעטון געווארן א שרעקלעכער אקט, וועמענס גרויל איז שווער אויסצודריקן מיט ווער־טער.

9 מערץ 1942. ח. ווייצמאן

(פון א רעדע געהאלטן אויף א פאליטישער ציוניסטישער בארטונג אין לאנדאן).

# ה. „לילי"

## „לילי" איז אונטערגעגאנגען

די שיף „לילי" האט שטענדיק קורסירט אויפן מיטללענדישן ים. אויף איר לעצטער רייזע האט זי איבערגעפירט עטלעכע צענדליקער יידישע פליטים פון טערקיי קיין ציפערן. דאס זיינען געווען בולגארישע יידן, וואס זיינען פארוואגלט געווארן קיין טערקיי. די ענגלישע רעגירונג, וועלכע האט פארבאטן דאס אריינקומען פון די פליטים קיין ארץ־ישראל האט זיי געגעבן אזיל אויף ציפערן.

דאס ארויספירן פליטים פון טערקיי האט א גרויסע באדייטונג, ווייל אויף אזא אופן שאפט זיך די מעגלעכקייט אריינצופירן אנדערע פליטים אויף זייער ארט.

צוריקערנדיק זיך פון ציפערן קיין ארץ־ישראל, האט זיך „לילי" אנגעשטויסן נישט ווייט פון די אינזל־ברעגעס אויף א פיינטלעכער אונטערוואסער־שיף, וועלכע האט אן א ווארנונג געעפנט אויף איר א פייער. די הארמאטן־קוילן האבן פארוואנדלט די שיף ממש אין א רעשעטע און זי איז באלד אונטערגעגאנגען.

בשעתן אומגליק — כ"ד אב תש"ג — האבן זיך אויף דער שיף געפונען 11 ארבעטער, צווישן זיי הדיי יהדן: בנימין וויטענבערג, גרשון מארקוס *) און א דריטער — מיטן נאמען איסר — א מאשיניסט־מעכאניקער.

---

*) בנימין וויטענבערג (חרמוני איז געבוירן געווארן אין דייטשלאנד אין יאר 1916. א חבר פון „הבונים". עולה געווען אין 1935 יאר. געווען אין גבעת השלושה, דאן אין כנרת, און שפעטער זיך אנגעשלאסן אין עין־עגב אלס מיטגליד פון דער בריגאדע האט ער זיך מיט ליב און לעבן איבערגעגעבן דעם „כיבוש הים".

גרשון מארקוס, געבוירן אין דייטשלאנד, דערצויגן געווארן אין דער „הבונים"־באוועגונג. אין א"י — זינט 1937. אין יאר 1938 האט ער זיך אנגעשלאסן אין דער „קבוצת הבחרות" אין שכונת בורוכוב, מאביליזירט געווארן צו דער ים־ארבעט. אלט געווען 23 יאר.

## אַ געראַטעוועטער דערציילט:

...צען אַזייגער ביינאַכט בין איך אַראָפּ אין די מאַטראַזן־קאַיוטע און געלייגט זיך שלאָפן. 1.35 ביינאַכט האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן אויפרייס. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און שנעל אַרויף אויפן דעק. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ צווייטער אויפרייס און דער איבער־סטעוואַרט, געטראָפן פון אַ קויל, איז געפאַלן ווי אַן אונטערגעשניטענער. די פלאַמען האָבן באַלד ארומגעכאַפּט די זעגל־לייוונטן. אַ שפּליטער פון אַן אויפגעריסענער באָמבע האָט מיך פאַרוואונדעט. איך האָב זיך אַ וואָרף געטון אויפן דעק און זיך פאַרשטעקט הינטערן זעגל. גרשון און לאַנדרוס זיינען געוועזן לעבן מיר. פּלוצלונג האָט עס אונז אַ שליידער געטון און... מיר האָבן זיך געפונען אויפן ים. לאַנדרוס האָט באַלד פאַרלאָרן די כוחות און אַרויסשטאַמלענדיק אַ דריי מאָל די ווערטער: „מאַמע — איך שטאַרב" — איז ער פאַרשוואונדן אונטער די כוואַליעס. איך האָב געזען ווי „לילי" איז נאָך אָפּגעשוואומען עטלעכע הונדערט מעטער און איז אונטערגעגאַנגען.

גרשון איז די גאַנצע צייט געווען לעבן מיר. מיר האָבן גערופן הילף, אָבער קיינער האָט אונז נישט געענטפערט. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ גערויש פון אַ מאָטאָר, איך האָב נאָך העכער געשריען. דער גערויש האָט זיך אָפּגעהאַקט, ווידער זיך געלאָזט הערן און מיט יעדער מינוט אַלץ מערער זיך דערווייטערט.

...מיר זיינען געשוואומען — גרשון און איך — אַ שעה צייט, ביז מיר האָבן באַמערקט צוויי שיפלעך, וועלכע מען האָט געהאַט אַראָפּגעלאָזט פון אונזער שיף.

*

דער שטראָם האָט געטראָגן אונזערע שיפלעך. אויפן דריטן טאָג האָט זיך איבער אונז באַוויזן אַן אַעראָפּלאַן. מיר האָבן גערופן צו הילף, אָבער ער האָט נאָר עטלעכע מאָל אַרומגעקרייזט איבער אונזערע קעפּ און — איבערגעלאָזט אונז איינזאַם אליין. איך האָב געפרעגט דעם שיפס־קאַפּיטאַן, ווי ווייט מיר זיינען פון ציפערן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער ווייס נישט, אָבער ביינאַכט וועט ער דאָס קענען פעסטשטעלן לויט די שטערן. אַרום 9 אַזייגער אין אָוונט האָט ער אָנגעהויבן פאַרלירן זיין באַוווסטזיין. אין די לעצטע מינוטן זיינע האָט ער אַראָפּגעצויגן פון דער האַנט זיינע צוויי רינגען, געגעבן זיי מילאָ'ן, און געבעטן אים, ער זאָל זיי איבערגעבן זיין פרוי, אויב ער וועט צוריקקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ביי די ווערטער, האָט ער אויסגעהויכט די נשמה.

מיר זיינען געבליבן זאַלבע פערט. צו צוויי מענטשן אין אַ שיפל, און פון צייט צו צייט — דריי אין איין שיפל און איינער אינם צווייטן. אַרום 3 פאַרטאָג האָט זיך מיכאַלן אויסגעדוכט, אַז ער זעט נישט ווייט אַ ברעג. און ער האָט באַשלאָסן אַהינצושווימען, צוזאָגנדיק אונז, אַז ער וועט אונז אַרויסשיקן אַ מאָטאָר־שיפל. גרשון האָט אים געוואָלט באַגלייטן. מיר האָבן עטלעכע מאָל גערופן זיי ביי די נעמען, און זיי האָבן אונז געענטפערט. גרשון איז אין אַ געוויסער צייט אַרום צוריקגעקומען, מיכאַלן האָבן מיר שוין מער נישט געזען.

מיטאָג־צייט האָבן זיך ביי גרשונען דערשעפּט די כוחות. איך האָב אים עטלעכע מאָל געמוזט אויפהויבן פון דנאָ. די גאַנצע צייט האָט ער אָן אויפהער געשטאַמלט: „איך וועל שוין מער נישט זען ארץ־ישראל". אַרום צוויי אַזייגער

האָבן זיך די כוואַליעס צעשטורעמט און איבערגעדרייט דאָס שיפֿל. איך האָב שוין גרשונען מער נישט געזען. פֿיר נאָכמיטאָג האָט זיך איבער מיין קאָפּ באַוויזן אַן עראָפּלאַן. זייגער זעקס האָב איך דערזען ווי עס דערנענטערט זיך צו מיר אַ טאָרפּעדן־טרעגער־שיף. ווען זי איז שוין געווען אַן ערך דרייסיק מעטער פֿון מיר האָבן די מאַטראָזן מיר אַראָפּגעוואָרפֿן אַ רעטונגס־גאַרטל. איך האָב פֿאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין. ווען איך האָב זיך איבערגעוועקט, האָב איך זיך שוין געפֿונען אויף דער שיף, מען האָט מיר געגעבן מילך צו טרינקען און פֿאַרבונדן מיינע ווונדן.

## ו. „מאַריצאַ“

יוני 1944, „רויטער“:

דאָס בולגאַרישע מאָטאָר־שיפֿל „מאַריצאַ“ פֿון 250 טאָן, וואָס פֿלעגט אַריבערפֿירן די יידישע פּליטים פֿון רומעניע קיין טערקיי, איז אונטערגעגאַנגען בשעת אַ שטורעם אויפֿן שוואַרצן ים.

געשען איז עס אויף זיין צוריקוועג פֿון סטאַמבול קיין קאָנסטאַנץ, כדי אַריבערצופֿירן אַ נייע גרופּע פּליטים. די זיבן שיפֿס־אַרבעטער זיינען ניצול געוואָרן.

מען האָט מורא, אַז דער פֿאַרלוסט פֿון דער שיף, וועט שטעלן אין סכנה דאָס פֿאַרזעצן פֿון ראַטעווען די פּליטים.

*

געווען איז דאָס באמת אַ נס, וואָס די דאָזיקע קליינע, און וואַרשיינלעך, אַלטע שיף איז נישט דערטרונקען געוואָרן אויף איר וועג קיין טערקיי, — ווען זי איז איבערפֿולט געווען מיט מענער, פֿרויען און קינדער — נאָר גראָד אויף איר צוריקוועג, ווען זי איז שוין געווען ליידיק פֿון מענטשן. און מיר קענען זיך איצט פֿאָרשטעלן, וויאַזוי עס זעט באמת אויס אָט די רעטונגס־אַקציע, וועגן וועלכער מען רעדט אַזוי פֿיל און אַזוי ברייט אין אַלע הויפּט־שטעט פֿון די דעמאָקראַטישע מדינות, — אויב די גרויסמאַכטן האָבן נאָך ביז איצט נישט געפֿונען פֿאַר דער אַקציע פֿון הצלת נפֿשות אַ שיף, וואָס זאָל ראָוי זיין אָנגערופֿן צו ווערן מיט אַזאַ נאָמען.

לויט ווי מען דערציילט אונז, איז די דאָזיקע קליינע און אַלטע שיף געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פֿון אונזערע אינסטאַנצן אויף זייער שווערע באַדינגונגען און פֿאַר אַן איבערגעטריבענער הויכער פּרייז. פֿאַראַן מענטשן, וואָס ווילן פֿאַרדינען פֿון אָט דעם „געשעפֿט“ — פֿון ראַטעווען יידן. מענטשן, וואָס זיינען אַבסאָלוט נישט פֿאַראינטערעסירט אינם ראַטעווען מענטשלעכע נפֿשות, נאָר זאָרגן קודם כּל צו פֿאַרגרעסערן זייער פֿאַרמעגן.

איז עס דען אָבער נישט געווען דער חוב פֿון דעם „רוזוועלט־קאָמיטעט“ לכל הפּחות (וועלכן עס פֿעלט נישט קיין געלט — ווי עס האָט דערקלערט זיין פֿאָרזיצער). צו שטעלן צום רשות פֿון אונזערע אינסטאַנצן אַ שיף מיט אַ סך גרעסערער אויפֿנעם־קראַפֿט ווי 250 טאָן, און מיט אַ סך גרעסערער ווידערשטאַנדס־פֿעיקייט בייצושטיין יעדער געפֿאַר?!

„מאַריצאַ“ איז דאָך נישט אונטערגעגאַנגען צוליב אַ מינע־אויפֿרייס אָדער

אן ענגלישער זאך. זי איז אונטערגעגאנגען בשעת א פשוטן ים־שטורעם, און נאר צוליב דעם, וואס די דאזיקע צעבראכענע און צעטרענצלטע שיף, האט נישט געהאט די פעיקייט אויסצושטיין א ים־שטורעם.

קען אבער א פארלוסט פון איין אלטער שיף שטעלן אין סכנה דעם רעטונגס־פלאן? — ניין און ניין!

דאס אבער, וואס קען באמת ווערן א געפאר פאר אייזערע פלענער, פאר דער גאנצער רעטונגס־אקציע — דאס איז דער פארלוסט פון גוטן ווילן מצד די וועלט־מאכטן אויסצושטרעקן אונז הילף ביים ראטעווען אונזערע ברידער.

י. העפטמאן

## „מאפקאַראַ" (דערציילט פון אן עד־ראייה)

...אויך אין די דאזיקע שווערע טעג האט זיך די עליה פון רומעניע נישט אפגעשטעלט. א גרופע חברים, — זיינען מיר ארויס פון בודאפעשט קיין בוקארעשט, אבער נאר צוויי פון אונז, איך און נאך א חברה, האבן זוכה געווען צו דערגרייכן דעם ציל. די אנדערע זיינען אריינגעפאלן אין די הענט פון געסטאפא. געווען איז דאס אינמיטן יוני 1944.

אין בוקארעשט האבן אונז אויפגענומען די חברים פון „דרור" וועלכע האבן אויך געזארגט, אז אונזער עליה זאל צוגעאיילט ווערן.

דעם 1־טן אויגוסט 1944 זעקס אזייגער אין אוונט האבן דריי שיפן זיך אפגעריסן פונם פארט־ברעג: „בולבול", „מארינא" און „מאפקארא". אויף די דריי שיפן האבן זיך געפונען ארום 900 פליטים, וואס האבן געשטאמט פון פוילן, סלאוואקיע, אונגארן און רומעניע. אויף דער שיף, וווּ איך בין געווען — „בולבול" — איז דער רוב באשטאנען פון חלוצים, צוגעהעריקע צו פארשידענע באוועגונגען.

אלע דריי שיפן האבן, ווי אויף א באפעל, אין דער זעלבער מינוט א ריר געטון פון ארט און פון אלעמענס ברוסטן האט זיך ארויסגעריסן א מעכטיקע „תחזקנה". אויפן ברעג זיינען דעמאלט געשטאנען עטלעכע דייטשן, וועלכע האבן געוואלט אפפאטאגראפירן די שיפן מיט דעם זינגענדיקן עולם אויף די שיף־דעקן; די רומענישע פאליציי האט זיי אבער נישט דערלויבט. אויפן שווארצן ים האבן די שיפן זיך דערווייטערט פון זיך און ווען די נאכט איז צונעפאלן האט שוין איינע נישט געזען די צווייטע.

די דריי שיפן זיינען געווען טערקישע און זיינען געשווומען אונטער דער פאן פון „רויטן קרייץ".

אין דער נאכט־שטילקייט האט אונזער שיף פאמעלעך געשניטן די וואסערן. די צוויי אנדערע שיפן זיינען געשווומען פאר אונז. צוזאמען מיט אנדערע חברים, בין איך געשטאנען אויפן דעק פון דער שיף.

פלוצלונג, געווען איז דאס ארום האלב איינס ביינאכט, האט ערגעץ־ווו אין דער ווייטן א בליץ געטון א ליכט־שטראל. קיינער פון אונז האט נישט פארשטאנען, וואס דער דאזיקער ליכט־שטראל באדייט, אבער דער קאפיטאן איז דערשראקן און דערציטערט געווארן. אט דער ליכט־בליאסק האט אויף אים אן

אימה אַרויפֿגעוואָרפֿן. באַלד האָט ער באַפֿוילן, די מאַטראָזן זאָלן איינהאַלטן דעם גאַנג פֿון דער שיף, און גרייט זיין אויפֿצונעמען די דערנענטערנדיקע זיך סכנה.

נאָך פֿיר שעה שווימען אין דער זעלבער ריכטונג, וואָס די אַנדערע צוויי שיפֿן, זיינען מיר צוגעקומען צום אָרט, פֿון וואַנען עס האָט זיך געהאַט געזען דער ליכט־בליץ. עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. פֿון נישט־ווייט האָבן זיך געטראָגן צו אונז קולות און געשרייען פֿון מענטשן. וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט — אַלס בולטער זיינען געוואָרן טיילן פֿון אַ שיף, וואָס איז געשטאַנען אין פֿלאַמען.

די קולות פֿון די, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אויף דעם וואַסער־פֿלאַך, האָבן זיך געטראָגן אין פֿאַרשידענע שפּראַכן און געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט, שרעקלעכע געוואַלדן און האַרצרייסנ־דיקע הילפֿס־אויסגעשרייען: „ראַטעוועט!" אויף דעם ים־אויבערפֿלאַך האָבן מיר דערזען שווימען עטלעכע צענדליקער מענטשן; יעדע ווײַלע האָבן זיי די מעכטיקע כוואַליעס פֿאַרדעקט און אַ סך פֿון זיי זיינען שוין מער נישט אַרויסגעקומען.

דער שטייערמאַן האָט באַפֿוילן איינצוהאַלטן די שיף. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו ראַטעווען די שווימענדיקע אויפֿן ים. די מאַטראָזן זיינען אַראָפּ אין אַ רעטונגס־שיפֿל און געמיינט האָבן מיר, אַז דאָס גייען זיי ראַטעווען די זיך טרינקענדיקע.

דער שטייערמאַן איז געווען זיכער, אַז אויך אונזער שיף וועט אויפֿגעריסן ווערן דורך אַן אונטערוואַסער־שיף און ער האָט געוואָלט ראַטעווען זיין אייגענע הויט. געוואָלט פּטור ווערן פֿון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויפֿן דעק, און מיטן רעוואָלווער אין האַנט האָט ער זיי אַלע פֿאַרטריבן אונטער דעם דעק אַרונטער.

דערווײַל איז די צאָל שווימענדיקע געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער.

שעהן־לאַנג איז אונזער שיף געבליבן שטעקן אויף איין אָרט.

400 מענטשן קוקן זיך צו צום אונטערגאַנג פֿון זייערע חברים אויפֿן ים, און אַ טויט־שרעק כאַפּט אַלעמען אַרום. עס גייט אַוועק אַ שעה און צוויי, אַ סך געזעגענען זיך און זאָגן „וידוי", דאָ געזעגנט זיך איינער מיט זיין פֿרוי, שוועסטער האַלזן און קושן זייערע ברידער, טאַטעס און מאַמעס זאַמלען אַרום זיך זייערע קינדער — אַ מאַמענט פֿון אַ מאַסן־נסיסה איז געקומען, אַ גרויסע שיף גוססט.

איינער, אַ חלוץ, האָט דערזען אויפֿן וואַסער אַ פֿרוי, וואָס איז שוין געווען אין די הויכע מאַנאַטן, איז ער געשפּרונגען אין ים, כּדי זי צו ראַטעווען. מיר האָבן געזען, ווי ער דערנענטערט זיך צו דער פֿרוי, אָבער פּלוצלונג האָט אַ הויכע ים־כוואַליע זיי אָפּגעטיילט און פֿאַרטראָגן זיי ווייט איינעם פֿון דער צווייטער, און דער חלוץ האָט שוין נישט געקענט צוריקקערן זיך.

אין אַ געוויסער צייט אַרום, האָט דער שטייערמאַן — זעענדיק, אַז עס דראָט נישט קיין סכנה נישט אים און נישט זיין שיף — באַפֿוילן די מאַטראָזן, זיי זאָלן צוטרעטן ראַטעווען די מענטשן. עס איז שוין אָבער צו שפּעט געווען, און עס איז זיי נאָר געלונגען צו ראַטעווען נישט מער ווי 5 מאַן, אויך דער בחור, וואָס האָט געאיילט צו הילף דער פֿרוי, איז געראַטעוועט געוואָרן. איינער אַ בענ־דינער, וועלכן איך האָב גוט געקענט (ער מיט זיין פֿרוי און אַ 4־יאָריק קינד האָבן דורכגעמאַכט די זעלבע צרות, וואָס איך און זיינען דורכגעגאַנגען דעם זעלבן, וואָס

איך, וועג, פון בענדין ביז רומעניע און צו דער עליה) איז שוין געווען גאר נאענט צו דער שיף, מען האט אים שוין אפילו אראפגעווארפן א שטריק, כדי אים ארויפ־צוציען, אבער אין דער לעצטער מינוט איז ער פארשוווּנדן אונטער דער שיף, פאר־שווונדן אויף אייביק.

דער ערשטער געראטעוועטער, וועלכן מען האט ארויפגעצויגן אויף דער שיף, האט דאס גאנצע לייב זיינס געהאט באדעקט מיט ברענענדיקע פייער־בלאטערן. ביי דעם צווייטן זיינען שטיקער פלייש פון זיין קערפער געווען אויסגעריסן: דאס איז געווען א שטיקל ארבעט פון די הינטישע פיסקעס, וואס די דייטשן האבן זיי אנגערייצט אויף די זיך טרינקענדיקע, כדי זיי זאלן, חלילה, נישט ארויסראטעווען זיך. אויף די דריי אנדערע איז פשוט א שרעק געווען צו קוקן.

אפגעריסענע ווערטער, דורכגעוויקעטע מיט טרערן און ווייטיק, זיינען גע־פאלן פון זייערע מיילער. און אזוי זיינען מיר געוואר געווארן:

האלב איינס ביינאכט האט זיך צו זיי דערנענטערט א דייטשע קריגס־שיף און האט געפרעגט וועגן דעם רייזע־ציל פון אט דער טערקישער שיף וואס טראגט אויף זיך די פאן פון „רויטן קרייץ". דער שיפס־קאפיטאן האט געענטפערט, אז די שיף פירט יידן קיין ארץ־ישראל. מער האבן די דייטשן שוין נישט געפרעגט און באלד געעפנט א פייער. אין געציילטע מינוטן איז שוין „מאפקארא" געשטאנען אין פלאמען.

די ווערטער בלייבן זיי שטעקן אין האלז, אבער דאס בילד איז קלאר:

150 קינדער פון טראנסדניעסטריע, זויגלינגס אויף די הענט פון זייערע מאמעס, אלע זיינען זיי פארמשפט געווארן פארברענט צו ווערן. דער רוב מענטשן זיינען ארומגעכאפט געווארן דורכן פייער און זיינען אומגעקומען אינם ים. אויף די געציילטע, וועלכע זיינען געשפרונגען פון דער ברענענדיקער שיף, כדי צו ראַ־טעווען זייער לעבן, האבן די דייטשן געעפנט א פייער פון מאשינען־געווער און זיי אויסגעהרגעט. אויף די, וואס האבן זיך געראנגלט מיט די ים־כוואליעס האבן זיי אנגערייצט שטארקע ים־הינט. ארום 40 מענטשן האבן זיך א לענגערע צייט גע־האלטן אויפן וואסער, אנטשעפענדיק זיך אין ברעטער, פענסטער און אנדערע ברוך־טיילן פון דער שיף. דער שטארקער און פארעקשנטער האט געקענט קעמפן פאר זיין לעבן. אבער ווער פון זיי האט נאר אויף א רגע אפגעלאזט זיין רעטונגס־ברעט — דער איז בין רגע איינגעשלונגען געווארן דורך די ים־כוואליעס.

דריי הונדערט יידן זיינען אומגעקומען אויף דער שיף „מאפקארא", צווישן זיי קינדער פון טראנסדניעסטריע, שרידים פון די געטאס אין פוילן, ווי אויך פליטים פון סלאוואקיע און אונגארן, פון וועלכע א טייל איז באשטאנען פון חלוצים.

מ א ק ס  פ י ש ע ר

## אזוי האב איך זיך געראטעוועט

דערציילט דורך  א מ א ל י א  ל ע ד ע ר
איינע פון די 5 געראטעוועטע פון „מאפקארא".

ווען מען האט מיך איבערגעוועקט פון מיין טיפן שלאף, איז שוין געווען צווויי אזייגער אינדערפרי. איך האב דערזען ווי אלע לויפן דערשראקענע און צע־

טומלטע און ווילן פאר יעדן פרייז ארויפבאקומען זיך אויפן דעק. מענטשן האבן געטרעטן איינער דעם צווייטן, שוואכע זיינען אפגעשטופט געווארן דורך די שטאר־קערע און די געוואלדן און געשרייען האבן זיך געריסן עד לב השמים. עפעס א משוגעת האט אלעמען ארומגעכאפט און קיינער האט זיך נישט געקענט באהערשן.

איך בין געשטאנען נעבן דער באריערע אויפן דעק פון דער שיף, וועלכע ווערט באלויכטן דורך פראזשעקטארן... נישט ווייט פון אונז איז געשטאנען א דייטשע קריגס־שיף, און פון דארט טאקע איז געקומען די שטארקע ליכט, וואס האט אונז כמעט ווי פארבלענדעט די אויגן.

מיטאמאל האט זיך דערפילט א מעכטיקער ציטער, דאן א פארטויבנדיקער גערויש, וואס האט זיך אריינגעריסן און באהערשט אלע אונזערע חושים — און א העליש פייער האט מיטאמאל אלץ און אלעמען איינגעהילט. אין דעם זעלבן אויגנבליק איז „מאפקארא" אויפגעריסן געווארן. דער לופט־דרוק פונם אויפרייס האט מיך א שליידער געטון ווייט פון דער שיף אין די כוואליעס פון ים.

איך בין א גוטע שווימערין און צו מיין גליק איז מיר אויך אונטערגעקומען א ברוד־טייל פון דער אויפגעריסענער שיף. עס הערן זיך ארום מיר הילפס־אויס־געשרייען, אבער דאס געזאלצענע ים־וואסער רייסט זיך אריין אין זייערע מיילער און פארשטיקט זייערע געשרייען. ברענענדיקע ברוד־טיילן פון דער שיף טראגן זיך איבערן וואסער. נישט ווייט פון מיר האב איך דערזען די שיף „בולבול", ווי זי שטייט אומבארירט.

א ים־כוואליע האט מיך מיטגעשלעפט צו דער שיף צו.

***

# א צווייטער דערציילט

...פון דער דייטשער שיף האט זיך צו אונז דערנענטערט מיט געבילעריי א כאפטע הינט. געמיינט האבן מיר, אז דאס האט מען זיי אראפגעלאזט צו הילף אונז, אבער ווי גרויס איז געווארן אונזער שרעק, ווען מיר האבן זיך איבערצייגט, אז אט די הינט זיינען אויסמושטרירט געווארן צו גאר אן אנדער אויפגאבע — באפאלן טרינקענדיקע זיך. און שטערן זיי צוצושווימען צו אן אנדער שיף. די ים־כוואליעס האבן מיך מיטגעשלעפט צו דער נאענטער שיף און איך האב שוין אנגעכאפט דעם שטריק, וואס מען האט מיר אראפגעווארפן אין וואסער אריין, ווען פלוצלונג האט איינער פון די בלוט־דורשטיקע כלבים מיר דערגרייכט. צום גליק האבן עס דערזען די, אויף דער שיף, וואס האבן געהאלטן דעם שטריק און האבן אים שנעל א צי געטון. דער כלב האט נאך באוויזן אריינצובייסן זיך מיט זיינע שארפע ציינער אין מיין קנעכל. אין גיכן האב איך זיך געפונען א גערעטע־ווער אויף דער שיף. עטלעכע שעה צייט האב איך נישט געוווסט וואס עס טוט זיך ארום מיר און וואס ס'איז געשען מיט דער רעשט פאסאזשירן פון דער שיף, ווייל איך האב פארלארן דעם באוווסטזיין.

א ה ר ו ן   ה א ט ס ע ג י

# אויף דער שיף „בולבול"

25 אויגוסט, האַלבע נאַכט.

דער איינציקער אינסטרומענט אויף דער שיף איז די בוסאָלע. אָבער דער שטייערמאַן, אין וועמענס הענט ס'איז געלעגן דער גורל פון פיר הונדערט נפשות, באַנוצט זיך בכלל נישט מיט איר. פון צייט צו צייט דרימלט ער איין און די שיף גייט זיך איר וועג.

דעם מאַשיניסט ווערט נמאס די איינזאַמקייט אין זיין מאַשינען־האַלע און דער שטענדיקער אייל־געריח דאָרטן. ער קלעטערט אַרויף צום שטייערמאַן. האָט אים איבער זיין דרימלען און האַרטע טערקישע ווערטער רייסן איבער די שטילקייט.

אַ מיידל הוסט ערגעץ־ווו, אין איר זכרון גייען אויף עפּעס שלעכטע געדאַנקען אַזעלכע, וואָס דריקן און דערדריקן. ערגעץ־ווו וועקט זיך איינער איבער, קוקט מיט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן אין הימל אַריין, דערמאָנט זיין פרוי, וואָס איז פון אים אָפּגעריסן — און דאָס האַרץ פאַרקלעמט זיך פאַר ווייטיק.

דער זייגער איז דריי־פערטל־איינס. פלוצים פאַרשווינדן זיי: דער שטייערמאַן און דער מאַשיניסט. עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון אונזער שיף רייסט דורך די לופט אַ ליכטיקער בליץ. אַ ראַקעטע? דערשראָקענע, קוקן זיך די מאַטראָזן איינער דעם אַנדערן אָן. איניקע וועקן זיך איבער.

דער מאַשיניסט וועקט אויף דעם שיפס־קאַפּיטאַן און ביידע פאָרשן גענוי דעם ים־אויבערפלאַך. עס גייען פאַרביי נאָך צוואַנציק מינוט, און ווידער געשעט עפּעס. צוויי פאַרבלענדנדיקע ליכטער בליצן אויף איינער נאָכן אַנדערן. די מאַטראָזן, טויט־דערשראָקענע דריקן זיך צונויף אַרום דעם קאַפּיטאַן.

ס'איז האַלב דריי אינדערפרי. דער גליענדיקער זון־קוגל, גלייך ווי ער וואָלט אַרויסגעקומען פון די ים־טיפענישן, באַווייזט זיין האַלב־קרייז איבער די ים־וואַסערן. איצט דערזעט מען קלאָר די סכנה.

אויך איניקע פון די חלוצים האָבן זיך איבערגעוועקט. לינקס פון „בולבול" האָט זיך אַ ליכט באַוויזן, צוערשט איין ליכט און דאַן נאָך צוויי, עס לייכטן איצט דריי פּראָזשעקטאָרן, וואָס זאָגן עדות, אַז דאָרט געפינען זיך דריי שיפן. דורך ליכט־צייכנס האָט מען אונז באַפוילן אָפּצושטעלן זיך, און מיר פאַרלעשן דעם מאָטאָר. איבערגעריסן האָט זיך דער רעש, וואָס האָט אונז באַגלייט זינט צוויי טעג. עס טרעט איין אַ גרויזאַמע שטילקייט, וואָס וועקט אויף אַלעמען פון שלאָף. אַלע זאַמלען זיך אויפן דעק. פאַרשוווּנדן איז די מידקייט פון די אויגן, פולע נאָך מיט שלאָף און שטילשווייגנדיק פאָלגן מיר נאָך די באַוועגנדיקע ליכטער. דערוואַרטונג.

כוואַליעס פון אימה באַגיסן די מענטשן אויף דער שיף. אַ שרעק, אַ שטילשווייגנדיקער און אַ שטומער דרינגט אַריין אינעווייניק אין מוח, צעגיסט זיך איבער אַלע אברים פונם קערפּער, דריקט שווער אויפן האַרצן. ווי געלעמט הענגען די הענט צוגעפּרעסט צום גוף, די קניען ציטערן, מחשבות און אָפּגעריסענע געדאַנקען פליען בליץ־שנעל אינעם קאָפּ, אַן איינאיינציקער זאַץ חזרט זיך איבער מיט עקשנות: דער סוף איז שוין געקומען... דער טויט...

הונדערטער אויגן גלאָצן אויף די דריי ליכטער, וואָס דערנענטערן זיך אַלץ

מערער. עס קלאַפּן די ציינער און אַ שטילע תּפילה טראָגט זיך אין דער לופטן. מיט אַ דענערווירנדיקער פּאַמעלעכקייט דערנענטערן זיך די ליכטער. נאָר צוויי... ניין, דריי... און זיי קומען אַלץ נענטער.

איינע פון די ליכטער איז שוין גאַנץ נאָענט, מען קען נישט זען די קאָנ־טורן פון דער שיף, אָבער דער מרחק ווערט אָפּגעשאַצט אויף 3 קילאָמעטער, נישט מער. די טערקישע מאַטראָזן גרייטן צו די רעטונגס־גאַרטלען, און אייניקע פון זיי גייען אַראָפּ אין איינציקן רעטונגס־שיפל. אויך די פּליטים נישטערן נאָך רעטונגס־גאַרטלען, אָבער דער שטייערמאַן, מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט שטופּט די פּאַסאַזשירן צום אונטערדעק פון דער שיף. עס געלינגט אים נישט אײַנגאַנצן און ער גייט אַראָפּ צוזאַמען מיט די איבערגעבליבענע מאַטראָזן אין שיפל. געבליבן איז נאָר דער שיפס־קאַפּיטאַן אַליין.

די ליכטער באַוועגן זיך אויף רעכטס און אויף לינקס און ווידער דערנענטערן זיי זיך צו אונז. איצט באַפעלן זיי: האַלט! האַלט!

די מאַטראָזן רופן דעם שיפס־קאַפּיטאַן. עטלעכע יונגעלייט פאַרשטעלן אים דעם וועג. ער ציט אַרויס אַ מעסער. מיטאַמאָל, ווי אונטער דער באַרירונג פון אַ וווּנדער־שטעקעלע איז מיט אַ וווּנדערלעכער בליץ־שנעלקייט, — ווי געוויינלעך אויפן ים — אויפגעגאַנגען די מאָרגן־ליכטיקייט. אין דער דעמערונג איז דער קליינוווקסיקער שיפס־קאַפּיטאַן נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן מעסער אין דער האַנט.

די לאַמטערנעס זיינען פאַרשוווּנדן. מעגלעך, אַז צוליבן נעפּל זעט מען נישט זייער ליכט, אָבער אויך קיין איינציקע שיף זעט זיך שוין אויך נישט. דער אויפגייענדיקער טאָג האָט געראַטעוועט די „בולבול"!

מיר האָבן זיך נאָך נישט געהאַט באַרואיקט פונם ערשטן שרעק, ווען פּלוצ־לינג האָבן פון דער נאָענט אויפגעטויכט געשרייען אין דייטשער, אונגאַרישער און טערקישער שפּראַך: ראַטעוועט! ראַטעוועט!

אויפן ברויזנדיקן ים זעען זיך שוואַרצע פּונקטן און פּאַסן — דאָס זענען אַנט־רונענע פון דער אונטערגעגאַנגענער שיף. מען זעט זיי ווי איינציקווייז און גרופּנ־ווייז, אָנהאַלטנדיק זיך אין ברעטער, שווימען זיי אויפן וואַסער.

די טערקישע מאַטראָזן געפינען זיך נאָך אַלץ אין דער רעטונגס־לאָדקע. דער קאַפּיטאַן מישט זיך אַריין, די מאַטראָזן ענטפערן אים, מען אַמפּערט זיך.

אַט דערזעט מען שוין דייטלעך אַ האַלב דערטרונקן שיפל, אין וועלכן עס זיצן 4 מאַן. זיי שרייען טערקיש. די מאַטראָזן דעצידירן זיך סוף כל סוף צו טון עפּעס וואָס. וואָס האָט זיי דען באַוויגן: נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, אָדער דאָס מענטשלעכע געפיל? צוויי פון זיי לאָזן זיך שווימענדיק צו דעם שיפל צו. אַ מאַן דערנענטערט זיך שווימענדיק צו דעם שיפל. דאָס איז דער שטייערמאַן פון „מאַפקאַרא". זיי ציען אים אַרויס פון וואַסער, ווי אויך זיינע חברים. דאָס שיפל שווימט צוריק.

וויפל האָפענונגען בליצן אויף און ווערן פאַרלאָשן אויף אַט די ים־וואַסערן! אַ גאַנצע שעה איז שוין פאַרלאָפן, זינט די ראַנגלענדיקע זיך מיט די כוואַליעס האָבן דערזען די שיף „בולבול" און 4 שעה זיינען שוין פאַרביי, זינט זיי זיינען אַריינ־געשליידערט געוואָרן אין וואַסער. אין דער אמתן האָט דאָך דאָס געקלאַפּערײַ פון מאַשינען־געווער און דער אָפּקלאַנג פון די אויפרייסן בשעת דער שיף־שריפה מבשר געווען דעם סוף.

פון דער ברענענדיקער שיף האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פאַרסמאַליעט פלייש. די כוואַליעס פאַרשטאָפּן די אויערן און די וואונדן־ווייען מאַכן בלינד די אויגן. דאַד... די אויגן בלאָנדזשען און זוכן אַ ברעט, אַ רעטונגס־גאַרטל. אָבער פון מינוט צו מינוט ווערט זייער צאָל וואָס אַמאָל ווייניקער. אָט זיינען זיי זאַלבע דריט: אקסעלבראָד, באַנג — פּליטים פון פּוילן — און מינא וואַרעמבראַנד. זיי האַלטן זיך אין אַ באַלקן. הונדערט מעטער ווייט פון זיי — 3 אַנדערע: אַ מאַן און פרוי און אַ חלוץ. די פרוי איז אין זיבעטן מאָנאַט, דער חלוץ — פאַרוואונדעט פון די מאַשין־געוועהר־קוילן אין אויג און קני.

א. ב. און מ. ווערן די ערשטע געראַטעוועט. די פרוי, איר מאַן און דער חלוץ האַלטן נאָך איין זייער מעמד. יצחק פילט, ווי זיינע כוחות גייען אויס. דער מאַן מיט זיין פרוי שווימען צו דער שיף. דעם בחור פעלט אויס כוח — ער וואַרט ביז מען וועט אים ראַטעווען. די כוואַליעס פאַרשלעפּן די פרוי און דער מאַן בעט זיך רחמנותדיק מען זאָל ראַטעווען זיין פרוי. די טערקן פאַרשטייען אָבער נישט, וואָס ער וויל פון זיי.

ווי נאָר מען ברענגט זיי אַרויף אויף דער שיף, הויבט דער מאָטאָר אָן צו וואַרקן. אַוועק פון דאַנען! אַנטלויפן פון דעם פאַרשאָלטענעם אָרט!... דער מאַן וויינט און בעט און שעלט. עס מישט זיך אַריין דער שטייערמאַן פון „מאַפקאָרא". פּויסטן הויבן זיך אַנטקעגן די מאַטראָזן. ק. איינער פון חלוצים, שפרינגט אין ים, כדי צו ראַטעווען די פרוי.

ענדלעך לאָזן זיך די מאַטראָזן איבערבעטן. זיי גייען אַראָפּ אינם שיפל ראַ־טעווען אַרויס די פרוי און דעם ח' ק. און מיט דעם האָט זיך געענדיקט די רע־טונגס־אַקציע.

פון צען מאַטראָזן זיינען געראַטעוועט געוואָרן פיר און פון 390 יידישע פּליטים — נאָר פינף.

ווייט פון אונז זעען מיר נאָך יצחקן, ווי ער האַלט זיך אָן אין אַ באַלקן. ער זעט ווי „בולבול" רירט פון אָרט און שווימט אָפּ.

1944.

צ ב י  ה ע ר צ ק ע

# אינם קעלער...

...אויבן איבערן קעלער ווילדעוועט אונטער די אויגן פון דער זון, דער חצופה, דער שרעקלעכער גרויל, די שוידערלעכע חיה אין דער מענטשלעכער גע־שטאַלט. אויבן איבערן קעלער מעקט מען אונז אויס פון דער אייראָפּעאישער ערד. נישט היטלער, אָט דער שטיק עיפוש, נישט ער, דער אויסגעקנאָטענער, פון מענטשלעכער צואה, גולם — נאָר אַלע פעלקער צוזאַמען. למראית עין קעמפן זיי מיט אים, האַלטן זיי מיט אים מלחמה. אָבער זיי, זיי האָבן עס אים אָנגערייצט אויף אונז... געהאָלפן האָבן זיי אים ביים אָנפאַנג פון זיינע פאַרניכטונגס־פּלענער קעגן אונז. אין דער זעלבער צייט, וואָס די אידיאָטן און די רשעים פון צווישן די אַראַבער אין ארץ־ישראל זיינען אונטערגעהעצט געוואָרן צו רויב און מאָרד

דורך די דייטשע רוצחישע שפּיאָנען, די שליחים פון דעם אומענטש היטלער און פונם שאַרלאַטאַן מוסאָליני — האָבן די ענגלענדער, די ממונים איבער ארץ־ישראל, נישט דערלאָזט זיך דערנענטערן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל אַ שיף מיט יידישע וואַנדערער, מיט יידישע יונגעליט, וואָס האָבן געוואָלט זיך אַריינרייסן צוריק קיין יהודה, וואָס האָבן מיט פרייד געטראַכט וועגן מאָמענט, ווען זיי וועלן שוין קענען באַפרוכפּערן און באַאַרבעטן איר ערד. און געוואַנדערט האָט די שיף איבער די ימים, געבלאָנדזשעט איבער די וויסטע וואַסערן, פון איין לאַנד צום אַנדערן. אויף די אויגן פון די ענגלענדער האָבן זיך יידישע זין און טעכטער געוואָרפן אין די ברוזיקע ים־כוואַליעס. אויף די אויגן פון די ענגלענדער האָבן זיך דאָס לעבן גענומען זין פון אַן אַלט פאָלק, פון די אַמאָליקע האַרן פון אָט דעם לאַנד, זין פון אַ שעפעריש פאָלק, וואָס האָט דאָרט געשאַפן, וואָס האָט דאָרט עולמות גאַנצע געבויט און דעם ג אָ ט פאַר זיי דאָרט געשאַפן — און זיי, זיי האָבן זייערע הערצער אין שווערע שטיינער פאַרוואַנדלט, אויסגעראָטן אין זיך אַלע רחמנות־געפילן און איצט — אויך איצט שטייען זיי צוזאַמען מיט זייערע פאַרבינדעטע און לויערן אויף אונזער בלוט, קוקן זיך צו מיט פרייד צו אונזער אומקום, וואָס וועט זיי אַבסאָלוט קיין שום נוצן נישט ברענגען.

ענגלאַנד! אויב דאָס זאָל זיין דיין חשבון — טו געדענק, אַז דער חשבון דיינער איז אַ פאַלשער! —

1943 יצחק קאצענעלסאן *)

*) אַ פראַגמענט פון דעם דיכטערס נאָטיצן „אוידער די נאַכט פאַלט צו" — געשריבן אינם פאַרהאַפטונגס־לאַגער וויטעל (פראַנקרייך) אין יאָר 1943.

# די אומגליקן האָבן נישט אָפּגעשראָקן — מען זעצט פאָר!

## דריי שיפלעך שווימען אָפּ פון רומעניע

נאָך „סטרומא" זיינען קיין טערקיי אָנגעקומען דריי שיפלעך: „מיכאי", „מירטשיא" און „אויקסין". אינם ערשטן שיפל זיינען געווען — 13 מאַן, אינם צווייטן — 40 מאַן און אינם דריטן — 13 מאַן. די ערשטע צוויי שיפלעך זיינען בשלום אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. „מיכאי" איז אַ געוויסע צייט געשטאַנען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וווּ זי האָט זיך באַזאָרגט מיט פּראָוויאַנט און בענזין, הגם די זאַכן איז שווער צו באַקומען אין טערקיי, זיי האָבן אָבער באַקומען די הילף פון עטלעכע פריינט צווישן די ענגלענדער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט — ווי זיי האָבן זיך אַליין אויסגעדריקט — זיין עדות פון אַ נייער „סטרומא". „מירטשיא" האָט נישט באַקומען די דערלויבעניש צו פאַראַנקערן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זי האָט פאַרגעזעצט איר וועג ביז איזמיר, וווּ זי האָט באַקומען פּראָוויאַנט און איז אָפּגעשוווּמען קיין מארסינא. אויפן וועג האָט זי זיך אָנגעטראָפן אויף אַן איטאַליענישער אונטערוואַסער־שיף, וועלכע האָט איר אָבער קיין שום שלעכטס נישט געטון. זי איז אָבער אַריינגעפירט געוואָרן דורך אַן איטאַליעניש וואַך־שיפל אין איינעם פון די פּאָרטן אויף די דאָדעקאַנעזישע אינזלען, וווּ מען האָט זי געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג און דאַן געלאָזט זי ווייטער פאָרן איר וועג. נאָר אויף איין אָרט, בעתן דורכשווימען דעם שמאָלן פּאַס צווישן טערקישן ברעג און די דאָדעקאַנעזישע אינזלען האָט זי אַ טערקישער פּאָסטן באַשאָסן, אָבער צום גליק איז קיינעם פון די פּאַסאַזשירן גאָרנישט געשען און זיי זיינען בשלום אָנגעקומען קיין מארסינא.

דאָ האָבן זיי זיך געוואָנדן צו דער אַגענטור פון אַן ארץ־ישראלדיקער שיפן־געזעלשאַפט, זי זאָל זיך פאַרנעמען מיטן שיפל, און זי האָט באמונה דערפילט איר פליכט.

אין דער זעלבער צייט, ווען „מירטשיא" איז געשטאַנען אין מארסינא, זיינען דאָרטן אָנגעקומען צופעליק צוויי שיפן: איינע אַן ארץ־ישראלדיקע, די צווייטע אַן אַמעריקאַנישע. די ארץ־ישראלדיקע מאַטראָזן האָבן תיכף ומיד דערלאַנגט זיי עסנוואַרג, ציגאַרעטן, זיסקייטן און האָבן אויפגעמונטערט דעם גייסט פון די פּאַסאַזשירן. אויך דער שיפס־קאַפּיטאַן און די מאַטראָזן פון דער אַמעריקאַנישער שיף זיינען נישט אָפּגעשטאַנען פון זייערע חברים פון דער יידישער שיף און טאָג־איין, טאָג־אויס האָבן זיי דערלאַנגט די מעפּילים אַ טייל פון זייער עסנוואַרג.

מחמת מאַנגל אין בענזין האָט דאָס שיפל נישט געקענט פאָרזעצן דעם וועג. די טערקישע מאַכט האָט בשום אופן נישט דערלויבט צו פאַרקויפן זיי דאָס ביסל בענזין, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. אויך די צענטראַלע אינסטאַנץ פאַר אַפּראָוויזאַ־

ציע אין אַנקאָרא, צו וועלכער מען האָט זיך געוואַנדן אין דעם ענין, האָט געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער.

דערווייל האָט דער קאַפּיטאַן פון דער ארץ־ישראלדיקער שיף דערמאָנט זיך, אַז אין זיינע מאַגאַזינען וואַלגערן זיך צוויי פעסלעך מיט „מאַזאַט". זיי האָבן זיך באַלד „אַריינגעקוילערט" אינם שיפל און עס האָט געקענט אָפּשווימען.

דער קאַפּיטאַן און די מאַטראָזן פונם שיפל זיינען אַלע געווען יידן. וואָס אַז אמת איז דאָס פון פאַכמענערישן שטאַנדפּונקט געווען אַ גרויסער דערפאָלג, וואָס אַזאַ קליין שיפל האָט געקענט אומבאַשעדיקט דורכמאַכן דעם וועג פון קאָנסטאַנצאַ ביז חיפה, אַ וועג באַזייט מיט ים־מינעס און כלעריליי שטערונגען.

„מיכאַי" איז נישט געפּרוווט געוואָרן מיט די אַלע צרות, אפשר דערפאַר, ווייל זי איז אַזוי קליין געווען, אַז ס'איז שווער געווען זי צו באַמערקן...

די פּאַסאַזשירן פונם שיפל האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן: במשך פון דער נסיעה ביז קיין מאַרסינאַ האָבן זיי זיך אויסגעלערנט פירן דאָס שיפל אַליין און האָבן עס טאַקע מיט אייגענע כוחות דערפירט ביז צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל. און געשען איז עס אַזוי. דער איינציקער מאַטראָז וואָס איז געווען אויפן שיפל איז געווען אַ רומענער, און אַלס בירגער פון אַ לאַנד, וואָס שטייט אין מלחמה מיט די אַלירטע, האָט ער מסכים געווען צוצופירן דאָס שיפל נאָר ביז צום לעצטן טערקישן פּאָרט. ער האָט אָבער פאַרזיכערט, אַז במשך דער נסיעה וועט ער אויסלערנען די עולים, ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט די רודער־מכשירים. אַלע עולים האָבן טאַקע מיט דרך־ארץ גערעדט וועגן אים און אונטערגעשטראָכן זיין באַציונג און איבערגעגעבנקייט.

דאָס דריטע שיפל „אויקסין" שטייט נאָך איצט פאַראַנקערט אין טשיסמעט (אַ מיליטערישער פּאָרט נעבן איזמיר), ווו עס געפינט זיך שוין זינט פינף חדשים.

וועגן די פּליטים פון די אויבן דערמאָנטע שיפלעך איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ טעלעגראַמע צו וועדזשוואָד, אין וועלכער ס'ווערט אָנגעוויזן אויף דער דראַענדיקער סכנה פון אַ צווייטער „סטרומאַ", אויב זיי וועלן נישט באַקומען קיין סערטיפיקאַטן. די אינסטאַנצן האָבן די גאַנצע צייט זיך באַמיט צו באַקומען פאַר זיי סערטיפיקאַטן און ערשט מיט צוויי חדשים צוריק איז געקומען דער ענדגילטיקער ענטפער: אַלע פּליטים, וואָס זיינען ביז איצט אָנגעקומען אויף אַזעלכע שיפלעך קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (צווישן זיי אויך די 21, וואָס זיינען אין דעצעמבער פאַריקעס יאָר אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין אַ שיפל) וועלן באַקומען די אַריינקום־דערלויבעניש קיין ציפערן.

אַ פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ אין דער טערקיי, וועלכער איז אויפגעפאָדערט געוואָרן זיך מטפל צו זיין מיטן אַריבערפירן די פּליטים האָט געענטפערט, אַז זיין אויפגאַבע איז צו פאַרנעמען זיך מיט דער עליה פון פּליטים קיין ארץ־ישראל, אָבער נישט מיטן אַריבערפירן זיי אין אַן אַנדער לאַנד. געווען איז דאָס זייער אַ ריכטיקער פאָרמעלער ענטפער, אָבער למעשה האָבן מיר נישט אָפּגעזונדערט זיך און ווייטער זיך פאַרנומען מיטן שיפל, וואָס שטייט נאָך אַלץ פאַראַנקערט אין אַ טערקישן פּאָרט.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז דאָרט אַהין געשיקט געוואָרן אַ שליח, וועלכער איז באַזאָרגט געווען מיט אַ בריוו פון דעם בריטישן קאָנסולאַט אין קאָנ־

סטאַנטינאָפּאָל צום בריטישן קאָנסולאַט אין איזמיר, ער זאָל פּאַר אים באַקומען אַן איינטריט־דערלויבעניש אויפן שיפל (דאָס שיפל שטייט אין דער מיליטערי־שער זאָנע, און קיין שום ציווילער טאָר נישט אַהין אַריינקומען). די אָפיציעלע סיבה פון זיין באַזוך איז געווען: שטודירן די מעגלעכקייט אַריבערצופירן דאָס שיפל קיין ציפערן. מיר רעכענען אָבער, אַז אויב זיי וועלן נאָך אַרויס פון דאָרט קיין ציפערן, וועלן זיי זיך שוין באַמיען צוצוקומען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

ווען דער חבר איז אָנגעקומען צום שיפל, האָט ער דאָרט באַגעגנט אַן ארץ־ישראלדיקע פרוי, וועלכע האָט אים דערציילט אַ מעשה, וואָס קלינגט אַ ביסל פאַנטאַסטיש, אָבער איז דער ריינער אמת: עטלעכע נעכט פאַר זיין אָנקומען דאָרט אַהין האָבן זיי פּלוצלינג דערהערט אַ קול, וועלכן די ים־כוואַליעס האָבן דער־טראָגן ביז צו זיי. און געפרעגט האָט דאָס קול אין יידיש: „זיינען דאָ פאַראַן יידן?". ווען יענער האָט דערהערט, אַז עס זיינען פאַראַן דאָ יידישע פליטים, האָט ער געענטפערט, אַז אין איינער אַ נאַכט וועט ער קומען צו זיי צו שווימען. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן זיי באַקומען אַ פּעקל מיט שאָקאָלאַד און זיסוואַרג און אויפן פּעקל איז אין העברעיש געווען אָנגעשריבן: „אַ געשאַנק פון ארץ־ישראל". אין אַ געוויסער נאַכט איז טאַקע געקומען צו שווימען אַ בחור, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ חייל פון ארץ־ישראל. ער האָט דערציילט, אַז ער איז געווען אין געפאַנגענשאַפט אין גריכנלאַנד, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן און אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָ האָט מען אים איינגעזעצט, אָבער אַ דאַנק דער הילף פון אַ יידישן עסקן, איז ער באַפרייט געוואָרן און אָנגעקומען צוריק קיין ארץ־ישראל. ער איז אַריין אין מיליטער און איצט געפינט ער זיך אין דינסט אינם דאָזיקן פּאָרט. ער האָט זיי געטרייסט און אויפגעמונטערט, צוגעזאָגט זיי הילף און אויך געראָטן זיי, אַז אויב זיי האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג, זאָלן זיי פאָרן קיין ציפערן, און פון דאָרט וועט מען זיי שוין העלפן קומען קיין ארץ־ישראל.

בשעת זיין צווייטן באַזוך האָט ער דערציילט, אַז דער גריכישער קאַפּיטאַן פון זיין שיפל וויל נערן זיי העלפן, און ער האָט שוין אַפילו געבעטן זיין קאָמענ־דאַנט צו דערלויבן אים צוצובינדן דאָס פליטים־שיפל צו זיינעם, כדי צו ברענגען די פּאַסאַזשירן קיין ארץ־ישראל. דער קאָמענדאַנט האָט אים אָבער נישט דער־לויבט, ווייל דאָס שיפל געפינט זיך אין אַ ספּעציעלן דינסט.

## און נאָך צוויי שיפלעך

אַ געשיכטע מיט 12 יונגעלייט, דאָס רוב פון זיי יונגע אינזשעניערן פון רו־מעניע, פון 20 ביז 30 יאָר אַלט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט פיל, פיל צרות ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

„קריינאו" — איז דער נאָמען פון דעם צעבראָכענעם זעגל־שיפל, אין וועלכן זיי האָבן זיך געוואָגלט פון קאָנסטאַנצע ביז דעם פּאָרט אַרנאַקאַ אויף דעם אינזל ציפערן, און געדויערט האָט די רייזע פון דעם 2־טן מאַי ביזן 22־סטן יולי 1942. פון ציפערן האָט מען זיי איבערגעפירט קיין ארץ־ישראל, כדי זיי איינצוגלידערן אין מיליטער אָדער מאָביליזירן זיי אין די מיליטערישע אונטערנעמונגען.

אַט די 12 קרעפּטיקע בחורים האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון רומעניע. נישט ווייט פון קאָנסטאַנצע האָבן זיי געדונגען אַן אַלט זעגל־שיפל און אין דער גע־העריקער באַזאָרגונג און נישט קענענדיק בכלל דעם וועג, — נאָר מיטן שטאַרקן ווילן צוצוקומען צו די ארץ־ישראל־ברעגעס — האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אריין.

אויפן שיפל האָבן זיי איינמאָנטירט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, געקויפט ים־מאַפּעס, און איינער אַ מאַשיניסט איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער „שיפס־קאַפּיטאַן". צו זיין דיספּאָזיציע האָט ער געהאַט 11 „מאַטראָזן". דאָס גאַנצע שיפל האָט געהאַט די אויפנאַם־פעיקייט פון 8 טאָן און אַ קאַליעדיקן מאָטאָר. נאָך זיבן טעג וואַנדערן אויפן שוואַרצן ים האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ פישער־שיפל, וואָס האָט זיי געוויזן דעם וועג צום באָספּאָר.

דערווייל האָט זיך אויסגעשעפּט דער פּראָוויאַנט און דער הונגער האָט אָנ־געהויבן צו דערקוטשן. ענדלעך זיינען זיי דערשעפּטע און מידע אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרט האָבן זיי זיך באַזאָרגט מיט עסנוואַרג און פאָרגעזעצט זייער וועג. נישט איינמאָל האָבן זיי, פול מיט שרעק און פחד, געגרופן הילף דורכן ראַדיאָ זייערן, ווען די צעברויזטע ים־כוואַליעס האָבן זיי געטראָגן אַנטקעגן פעלזן און זאַמדן. דורך דעם זעלבן ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָבן זיי אויך דערוווסט זיך, אַז די אַלירטע זיינען אַריין קיין סיריע. האָבן זיי דעריבער באַשלאָסן נישט אַריינצו־שווימען אינעם מלחמה־שטח, נאָר צוצוקומען צום אינזל ציפּערן.

ביי אַ קליין טערקיש אינזל האָבן זיי זיך באַזאָרגט מיט גרינצייג און אַ ביסל פּראָוויאַנט צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. באַצאָלט האָבן זיי דערפאַר מיט נייע שיך, קאָסטיומען און אַנדערע ווערטפולע זאַכן און דאַן האָבן זיי ווייטער פאָר־געזעצט זייער וועג.

נישט אויף לאַנג אָבער האָט דאָס ביסל פּראָוויאַנט געסטאַיעט, און דעם פינפטן טאָג איז שוין דער הונגער געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז נישט מעגלעך גע־ווען אויסצוהאַלטן. האָבן זיי אַראָפּגעצויגן די זעגלען, צעשפּרייט זיי איבערן שיפל און מיט גרויסע אותיות אָנגעשריבן אין ענגליש: „העלפּ יור פריידנס!" (העלפט אייערע פריינט!). ליגנדיק אַזוי אויסגעצויגן אינעם שיפל אין אַ מצב פון פול־שטענדיקן יאוש, האָבן זיי פּלוצלונג דערהערט אַ געוויש פון אַן עראָפּלאַן, און באַלד נאָכדעם האָט ער זיך באַוויזן איבער זייערע קעפּ, אַראָפּגענידערט זיך אַ ביסל און אַראָפּגעוואָרפן זיי פּעקלעך מיט פּראָוויאַנט: שאָקאָלאַד, קאָניאַק, ביס־קוויטן, ראָזשינקעס און נ. א. די מענטשן האָבן ממש אויפגעלעבט. דער דאָזיקער פליער האָט זיי צוגעגעבן מוט און דערהויבן זייער גייסט. ער האָט זיי אויך אָנ־געמערקט דעם וועג צום נאָענטן ציפּערן.

זיבן פון די מעפּילים געפינען זיך היינט אין חיפה אַלס חיילים און מיליִ־טער־אָנגעשטעלטע, עטלעכע אַנדערע — אין פאַרשידענע ערטער, ערגעץ־ווו אין מיטעלן מזרח.

*

„דאָר דע וואַל" („בענקשאַפט נאָך דער כוואַליע") — איז דער נאָמען פון צווייטן שיפל, אַ קליין מאָטאָר־שיפל, אין וועלכן עס זיינען אַרויסגעשוווּמען 21 יידישע פּליטים פון רומעניע.

איינער פון זיי דערציילט:

תיכף נאָך אונזער אָפּשווימען איז אויסגעבראָכן אויפן ים אַ שטאַרקער שטורעם, וועלכער האָט אונז געצוואונגען צוריקצוקערן זיך צום רומענישן ברעג און מיר האָבן פאַראַנקערט אין אַ קליינעם פּאָרט.

דער קאָמענדאַנט פון פּאָרט, אַ רומענישער אָפיציר, האָט אונז דערקלערט, אַז אויב מיר וועלן דערוואַגן אַרויסצוגיין אויפן ברעג, וועט מען אויף אונז שיסן. דערווייל האָט זיך דער שטורעם נאָך מער פאַרשטאַרקט און דאָס שיפל איז אָפּגעריסן געוואָרן פון איר אַנקער. גאַנצע זיבן טעג זיינען מיר געווען אַ שפּילעכל פון די ים־כוואַליעס, דערצו נאָך האָט די שרעקלעכע קעלט נאָך מער פאַרגרעסערט אונזערע ליידן. אויפן זיבעטן טאָג איז אונזער שיפל אַרויף אויף אַ זאַמדיקן ברעג און איז דורכגעלעכערט געוואָרן. מיט גרויס מי און מאַטערניש איז אונז געלונגען אויסצושעפּן דאָס אַריינדרינגענדיקע וואַסער; אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט און די שיף האָט זיך אַנגעשטויסן אין אַ ים־פעלז און איז צעבראָכן געוואָרן. געווען איז דאָס נישט ווייט פון אַן אומבאַקאַנטן אונז ברעג.

עס איז אונז געלונגען אַרויפצובאַקומען זיך אויף אַ שפּיציקן פעלז, וועלכער איז געווען פון דריי זייטן אַרומגערינגלט דורך די ים־וואַסערן און פון דער פערטער איז דער דורכגאַנג פאַרשטעלט געווען דורך אַ שיפן באַרג, אויף וועלכן ס'איז אוממעגלעך געווען אַרויפצוקלעטערן. צוויי טעג און צוויי נעכט זיינען מיר געזעסן — מענער, פרויען און קינדער — אויף דער סקאַלע, אָן אַ ברעקל ברויט און אָן אַ טראָפּן וואַסער אין מויל אַריין. אַ סך צווישן אונז זיינען געווען פאַרווונדעט. צו אונזער גליק האָט אונז באַמערקט אַ טערקישער פּאָסטן, וועלכער האָט זיך געפונען העט אויפן שפּיץ באַרג. מיר האָבן, אָבער נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיי האַלטן אין איין אָבסערווירן אונז און רירן זיך נישט צו הילף. ערשט שפּעטער זיינען מיר געוואָר געוואָרן, אַז עטלעכע פון זיי זיינען אַוועק רופן די מענטשן פונם נאָענטן דאָרף, צו העלפן ראַטעווען אונז. נאָך אַ לענגערער צייט פון דערוואַרטונג זיינען זיי צוריקגעקומען מיט שטריק אין די הענט. מיט די דאָזיקע שטריק האָבן זיי אונז אַרויפגעצויגן אויפן באַרג אַרויף. דאָ האָבן זיי אונז איינגעשלאָסן אין אַ קאָנצענטרירונגס־לאַגער, און שפּעטער איבערגעפירט אונז אין אַן אַכסניה.

פון דאַנען זיינען מיר אָנגעקומען קיין סיריע.

1942. ל. קופּערשטיין

# „וויטאָראָל"

די שרעקלעכע רדיפות אויף די יידן אין רומעניע, און ספּעציעל אין בוקאָווינע און בעסאַראַביע; די דערשיטערנדיקע דעפּאָרטאַציעס קיין טראַנסדניעסטריע (אַ חרובע זאָנע צווישן די טייכן בוג און דניעסטר); דער פאַקט, וואָס אין טשערנאָוויץ און אויך אין בוקאַרעשט איז ביי די יידן צוגערויבט געוואָרן יעדע מעגלעכקייט פון עקזיסטענץ — דאָס אַלץ האָט באַוויגן אַ סך יידן אַרויסצורייסן זיך פון זייערע ערטער און אַרויסצושווימען אין ים, גרייט אויף אַלץ, וואָס קען נאָר געשען.

אַזוי זיינען טאַקע 120 יידן פון טשערנאָוויץ און בוקאַרעשט אַרויף אויף דער שיף „וויטאָראָל" און געלאָזט זיך אין וועג אַריין קיין ארץ־ישראל.

...ווען מיר זיינען נאָך געווען אויפן דונאַי, באַלד נאָך אונזער אָפּשווימען פון בריאַלאַ (דעם 19-טן סעפּטעמבער 1942), האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער מאַשינען-האַלע און אַפילו אין די קאַיוטן דרינגט אַריין וואַסער. מיר זיינען דעריבער געווען געצוווּנגען איבערצורייסן אונזער נסיעה ביי סאַלינאַ, כדי צו מאַכן די נויטיקע רעפּאַראַציעס. מיר האָבן תיכף צווישן געגעבן אַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן ענין — צווישן זיי אויך דער יידישער צענטראַלע אין בוקאַרעשט — אַז די שיף איז קאַליע און מיר האָבן דרינגענד געפאָדערט זי צו פאַריכטן.

הגם מיר זיינען געשטאַנען פאַראַנקערט אין סאַלינאַ איבער צוויי וואָכן, זיינען כמעט נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום רעפּעראַציעס. מיר האָבן באַלד דערפילט, אַז די כוונה איז, טראָץ אַלעמען אַרויסצושיקן אונז אין ים אַרויס. מיר האָבן זייער שאַרף פּראָטעסטירט און געהאַפט — נישט ווייסנדיק אַפילו פאַרוואָס און פאַרוואָס — אַז די געזעלשאַפט „ראָמאַניאַ" וועט זיך איבערלייגן.

אומזיסט איז אָבער געווען אונזער האָפענונג.

זונטיק, דעם 28-סטן סעפּטעמבער איז „וויטאַראַל", טראָץ אונזערע פּראָטעסטן אַרויסגעשווּמען און באַלד ביים אָנפאַנג פון דער נסיעה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונזער מורא איז געווען אַ באַרעכטיקטע. דאָס וואַסער האָט אַריינגעדרונגען ווי פריער, און מיר זיינען געווען געצוווּנגען צו שעפּן דאָס וואַסער אָן אויפהער, אויך די פּאָמפּעס זיינען געווען אין אַ נישט גענוגנדיקער צאָל. און אויב דאָס איז ווייניק געווען, איז פּלוצלונג אויך דער מאָטאָר שטיל געבליבן. געווען איז דאָס דעם 30 סעפּטעמבער ביינאַכט, ווען מיר זיינען שוין געווען ווייט אויפן ים. איצט האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלן די סאַמע נויטיקסטע מכשירים, כדי צו קענען מאַכן די קלענסטע רעפּאַראַציע אַזוי, אַז אַפילו מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען איז אומעגלעך געווען צו ברענגען דעם מאָטאָר אין באַוועגונג.

הילפלאָזע האָבן מיר אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען אויף די ים-וואַסערן געטראָגן דורך די כוואַליעס וואָס האָבן געוואָרפן דאָס שיפל ווי אַ נוס-שאָלעכץ. געווען איז דאָס פאַר אונז אַ שרעקלעכע נאַכט. יעדער איינער פון אונז האָט שוין געזען דעם טויט פּנים אל פּנים, און ווען ענדלעך ס'האָט דער מאָרגן אויפגעשיינט און אונזער שיפל איז נאָך אַלץ געווען גאַנץ און אומבאַרירט — האָט ווידער אַמאָל אויפגעבליצט אין אונז אַ פונק פון האָפענונג. אָבער אויך די האָפענונג איז געווען אַן אומזיסטע. די כוואַליעס האָבן זיך מיט נאָך אַ גרעסערער קראַפט געהויבן איבער אונז און געשפּילט זיך מיט אונז ווי מיט אַ באַלעם.

צום סוף האָט זיך אויפן האָריזאָנט באַוויזן אַ גרויסע שיף. פאַרצווייפלטע האָבן מיר געפאָכעט מיט ווייסע טיכער, וואָס האָט געדאַרפט זאָגן: „אונזער שיף איז אין געפאַר. ראַטעוועט אונז!" אונזער פאָן האָבן מיר שוין פריער פאַרביטן אויף אַ „ס.אָ.ס."-צייכן. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז פון דער גרויסער שיף האָט מען אונז דערזען און אַז זיי ברענגען אונז שוין די נויטיקע הילף, אָבער פּלוצלונג ווען די שיף איז שוין געווען גאָר נאָענט צו אונז האָט זי זיך אויסגעדרייט און פאַרשוווּנדן הינטערן האָריזאָנט. מיר זיינען געווען זיכער, אַז פון דער שיף האָט מען 20 קילאָמעטער בערך. אָבער דער מרחק האָט זיך נישט געוואָלט פאַרקלענערן, און קומען צו הילף. מיר זיינען געווען פאַרצווייפלט.

דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט דאַן באַפוילן, אויפצועפענען די באַנקעס מיט אייל, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן דעק. אין איין אויגנבליק האָט אַ שפּראָץ אַרויס גע־טון אַ ברודיקער שטראָם פון 1200 ליטער. אַ טייל האָט זיך אויך אַריינגעריסן אין די קאַיוטן און אַלץ, וואָס איז דאָרט געווען, פאַרניכטעט. אָבער אויף אַזאַ אופן איז דער שיף לייכטער געוואָרן און אויך די כוואַליעס האָבן זיך באַרואיקט. אָבער אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָבן זיך די כוואַליעס ווידער אַ הויב געטון און פאַרפלייצט דעם דעק. איצט ווען מיר האָבן שוין קיין פּאָמפּע אויך נישט געהאַט (הגם מיר זיינען בשעתו גרייט געווען צו באַצאָלן פאַר איר) האָבן מיר געמוזט אויסשעפּן דאָס וואַסער מיט עמערס.

די ווינציקע מאַטראָזן האָבן איצט אָנגעשטרענגט אַלע מענטשלעכע כוחות צו דערנענטערן די שיף צו אַ ברעג, וועלכער האָט זיך געמערקט פון ווייטנס, אַרום 20 קילאָמעטער בערך. אָבער דער מרחק האָט זיך נישט געוואָלט דערנענטערן, און אונז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיר שטייען אַלץ אויף איין אָרט.

מיטאָג־צייט, ווען אונזערע נערוון זיינען שוין געווען אָנגעשטרענגט ביז צום פּלאַצן, האָבן מיר דערפילט, אַז די שיף טראָגט זיך צום ברעג צו. און וואָס אַן אמת, איז זי זייגער צוויי צוגעקומען צום ברעג. דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט גע־פּרוווט צו פאַרוואַרפן דעם אַנקער און הגם די כוואַליעס האָבן געשטורעמט און מעכטיק זיך אָפּגעשלאָגן אינם ברעג, האָבן מיר געגלויבט, אַז מיר וועלן דאָ נאָר צייטווייליק פאַראַנקערן, כדי צו פאַריכטן דעם מאָטאָר און ווייטער פאָרן.

אָבער ווי אַנטוישט זיינען מיר געוואָרן, ווען ס'איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז די שיף האָט באַקומען אַ גרויס לאָך און זי פילט זיך אָן מיט אַ פאַרבלענדערטער שנעלקייט — מיט וואַסער. אין איין אויגנבליק האָבן זיך די קאַיוטן אָנגעפילט מיט וואַסער און אויך דער דעק איז אינגאַנצן פאַרפלייצט געוואָרן. מיט גרויס שוועריקייט איז געלונגען די פּאַסאַזשירן צו אַנטלויפן צום הינטערשטן דעק צו.

נאָר הונדערט מעטער האָבן אונז אָפּגעטיילט פונם ברעג, אָבער די כוואַליעס האָבן דאָ מיט אַ נאָך גרעסערן כוח געשלאָגן אין ברעג, און נאָר אַ קליינער טייל פון געוואָגטע שווימער זיינען געשפּרונגען אין וואַסער און אַפילו צוגעקומען צום ברעג. אָבער דער רוב פּאַסאַזשירן איז געשטאַנען צונויפגעפּרעסט אויפן הינ־טערשטן דעק און פול מיט פאַרצווייפלונג האָבן זיי מיט אימהדיקע געשרייען גע־האָפט אָפּצושטופּן די מינוט פון דעם שיף־אונטערגאַנג. נאָר על פּי נס האָבן מיר זיך מיט אַלע אונזערע כוחות געהאַלטן צוזאַמענגעהעפט איינער צום צווייטן און נאָר אַ דאַנק דער דאָזיקער שטאַרקער דיסציפּלין איז קיינער פון אונז נישט אַריינ־געפאַלן אין וואַסער.

פּלוצלונג האָבן מיר דערזען אויפן ברעג אַ גרופּע טערקישע סאָלדאַטן. זיי האָבן פאַרוואָרפן גראָבע שטריק אויף דער שיף און געפּרוווט אויף אַזאַ אופן צו־ציִען זי צום ברעג צו. ווען דער פּרווו איז זיי געלונגען — און ביי אַזעלכע מעכ־טיקע כוואַליעס, וואָס האָבן אונז אָפּגעטיילט פון ברעג, איז דאָס באמת געווען אַ גרויסע זאַך — זיינען מיר נאַקעטע אַריינגעשפּרונגען איינער נאָכן צווייטן אין וואַסער, וואָס איז נאָך דאָ געווען גענוג טיף. די סאָלדאַטן האָבן אונז דאַן אַרויס־געצויגן מיט שטריק און אַזוי האָבן מיר זיך אַלע בדרך נס געראַטעוועט.

ערשט איצט האָט זיך פאַר אונזערע אויגן אַנטפּלעקט דאָס שרעקלעכע בילד.

די שיף, וואָס האָט אונז געדאַרפט טראָגן נאָך 2.000 קילאָמעטער, איז זיך צוזאַ־מענגעפאַלן און צעשאָטן געוואָרן ווי אַ קאַרטן־הייזל.

ווי פאַרפוילט איז געווען אָט דער אַלטער קאַסטן, וועלכן מיר האָבן אָנגע־טרויט אונזער לעבן!

8 אָקטאָבער 1942. (לויט אַ מעמאָראַנדום)

# מעפּילים פון שוועדן

במשך פון דער גאַנצער מלחמה־צייט זיינען פון שוועדן נישט געקומען קיין עולים. מיר האָבן געוווּסט, אַז שוועדן און דענעמאַרק זיינען אָפּגעשניטן פון אונז, אָפּגעשלאָסן און פאַרצאַמט, ווייל צווישן זיי און אונז שמאַכט אונטער דער פאַ־שיסטישער הערשאַפט די אונטערדריקטע אייראָפּע, דורך וועלכער ס'איז נישטאָ פאַר זיי קיין וועג, קיין סטעזשקע. מיר האָבן אָבער נישט געוווּסט — אָבער, בע־סער געזאָגט, נאָר אַ שוואַכער קלאַנג האָט זיך צו אונז פאַרגנבעט — אַז געווען איז אַ העפּלה־פּרווו אין 1942 פון דענעמאַרק, אַ פּרווו פון דער חלוצישער באַ־וועגונג דורכצורייסן זיך און עולה צו זיין.

אין יענע טעג פון 1942, פלעגן פון דענעמאַרק אַרויסגיין לאַסט־צוגן מיט מאַשינען פאַר טערקיי, וווּהין זיי פלעגן פאָרן דירעקט, איבער דייטשלאַנד. און די חברים איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אויסצונוצן די דאָזיקע פאַרבינדונג.

איינער אַ חבר האָט באַשלאָסן אויסצופּרוון דעם דאָזיקן וועג, כדי צו דער־גרייכן דעם מיטללענדישן ים. און ס'איז אים באמת געלונגען. ער איז בשלום אָנ־געקומען קיין סאָפיאַ. פול פרייד פון דער הצלחה, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער זיך שנעל געאײַלט צוריקצופאָרן, ווייל געהאַלטן האָט ער, אַז זיין אויפגאַבע איז נישט ראַטעווען זיין אייגן לעבן, נאָר עפענען אַ וועג פאַר די צענדליקער פון די חברים זיינע. אויף זיין צוריקוועג האָט אים אָבער זיין מזל שוין נישט צוגעשפּילט און ווען ער איז אָנגעקומען קיין האַמבורג, האָט אים די געסטאַפּאָ געכאַפּט און פון דעמאָלט אָן איז פאַרשווּנדן נאָך אים יעדע שפּור. זיינע חברים האָבן נאָך אים אַרויסגעקוקט די אויגן זייערע, און ווען ס'איז דאָך נישט אָנגעקומען פון אים קיין שום ידיעה, האָבן צוויי פון זיי באַשלאָסן דורכצוהאַקן זיך דעם וועג אַליין.

זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון דענעמאַרק, פאַרשטעקטע אין אַ קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון אַ לאַסט־וואַגאָן. אַזוי זיינען זיי בשלום אָנ־געקומען קיין דייטשלאַנד ביז קיין ראָסטאָק. דאָ איז דער צוג אָפּגעשטאַנען עט־לעכע טעג, און נישט גערירט זיך פון אָרט. האָבן זיי דאַן באַשלאָסן אַריבערצוגיין אין אַן אַנדערן צוג, אין דער האָפענונג, אַז דער וועט זיי אָוועקפירן ביז טערקיי. אָבער צו זייער אומגליק, האָבן זיי געהאַט אַ טעות און אַריינגעקראָכן אין אַ צוג, וואָס האָט זיי אָוועקגעפירט צו דער שווייצאַרישער גרענעץ. דאָ האָט מען זיי גע־כאַפּט און אַריינגעזעצט אין תפיסה. ווי שרעקלעך האָט זיי דאָס האַרץ וויי־געטאָן, ווען, זייענדיק שוין אַזוי נאָענט צו דער שווייץ — צו דער פרייהייט — זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין די שרעקלעכע הענט פון דער געסטאַפּאָ. צוויי מאָנאַטן האָט זיי די געסטאַפּאָ געפאָרשט, ווילנדיק דערגיין, וואָס פאַר אַן אָרגאַניזאַציע שטייט הינטער

זיי און וואָס איז איר ציל. זיי האָבן געהאַט נאָר איין תשובה: זיי זיינען יידן און ווילן קיין ארץ־ישראל, אין זייער היימלאַנד.

וואָס אַן אמת האָט די געסטאַפּאָ נישט גאָר שטאַרק מדקדק געווען אין דער אויספאָרשונג, ווייל סיי ווי איז ביי זיי געווען באַשלאָסן אָוועקצושיקן זיי קיין אַשוויענטשים, וואָס וועט פאַר זיי שוין זיין די לעצטע סטאַנציע. וכך הוה, נאָך צוויי מאָנאַטן אָפּהאַלטן זיי אין אַרעסט, זיינען זיי אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אַש־וויענטשים. און דאָ — ווי דורך אַ גורל־שפּיל — האָבן זיי צוזאַמענגעטראָפן זיך מיט יענעם חבר, וואָס איז דער ערשטער אַרויס פון דענעמאַרק צו עפּענען פאַר זיי דעם וועג קיין ארץ־ישראל. אָבער קורץ נאָר, עטלעכע טעג, זיינען זיי געווען צוזאַמען, און ווידער זיינען זיי צעשיידט געוואָרן — ווייזט אויס אויף אייביק. נאָר איינער פון זיי האָט זוכה געווען צו דערשלאָגן זיך צו אונז דורך אַ לאַנגן יסורים־וועג: איבער אַשוויענטשים, בוכענוואַלד, דאַכאַו און אַנדערע לאַגערן ביז צו דער באַפרייונג — און דאַן מיט דער מעפּילים־שיף „תל־חי" געקומען קיין א״י.

הגם די ערשטע צוויי גרופּן זיינען פאַרשוואונדן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שפּור, איז נאָך זיי אַרויס פון דענעמאַרק אויך אַ דריטע גרופּע: צוויי מייד־לעך און איין בחור. „זעלבסטמערדער" — האָבן זיי די חברים אָנגערופן. גע־וואָלט האָבן זיי אויספּרוון אַן אַנדערן וועג: די וואַגאָנען, וואָס זיינען אַרויסגעפאָרן פון דענעמאַרק זיינען — לויטן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך — געווען פאַרחתמעט און עפענען זיי האָט מען ערשט געמעגט אין טערקיי. האָבן די חברים באמת גע־גלויבט אין דעם און זיך פאַרשטעקט אין אַ וואַגאָן, וואָס איז שפּעטער פאַרשלאָסן און פאַרחתמעט געוואָרן. אָבער וואָס פאַראַ שייכות האָבן די דייטשן מיט אינ־טערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן?! האָבן זיי טאַקע אין דייטשלאַנד געעפנט די וואַגאָנען, פאַרהאַלטן די חברים און נאָך זיי איז יעדע שפּור פאַרשוואונדן.

ווי געזאָגט, איז נאָר איין איינציקער פון די דריי גרופּן אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. און דערשיטערנדיק און גלייכצייטיק דערפרייענדיק איז געווען זיין צוזאַמענטרעפן זיך אין קיבוץ מיט אַ חבר, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געקומען פון שוועדן מיט אַ סערטיפיקאַט. לאַנג, לאַנג האָט דער ניי־אָנגעקומענער געקוקט אויף אים אַ פאַרוווּנדערטער און דערשטוינטער און געהאַלטן אין איין איבער־חזרן: דו לעבסט נאָך? און מיר אין שוועדן האָבן שוין נאָך דיר „קדיש" געזאָגט.

...און דאָס האַרץ קלאַפּט: וועלן מיר נאָך טרעפן אַ סך אַזעלכע, וואָס „קדיש" געזאָגט האָט מען שוין נאָך זיי?

מ. ראַבינאָוויטש

## „מילקאַ"

אַ גרויסער זכות איז געווען פאַר אונז, צו זען מיט אונזערע אייגענע אויגן דאָס אַריינקומען אין די באַספּאָר־וואַסערן פון דער שיף „מילקאַ", וועלכע האָט געטראָגן אויף איר דעק פּליטים פון טשערנאָוויץ. געדוכט האָט זיך אונז, אַז דאָס איז נאָר אַ חלום, ווען מיר האָבן דערזען די שיף דערנענטערן זיך צום ברעג און פון די העלזער פון אַלע פּליטים־מעפּילים האָבן זיך אַרויסגעריסן פרייידיקע אויס־געשרייען פול מיט גליק און שמחה. ליידער האָבן נאָר די תושבים פון דעם שטעטל

— בוויקטערא הייסט עס — געקענט זיי ענטפערן מיט א האנט־באוועגונג. מיר — האבן נאר אונזערע בליקן זיי איבערגעשיקט און מיט א צאפלדיק הארץ און א היילינקן ציטער האבן מיר זיי באגלייט מיט א שטילער ברכה. ווייל פארשטעקט זיינען מיר געווען ווי אנוסים, און זיי האבן אונז נישט געקענט זען.

די שמחה איז געווען צוזאמענגעמישט מיט א גרויסער ציטערניש פארן מארגן און מיט אן עקל צו אלע 'פארזארגער' אונזערע, וואס האבן מפקיר געווען די שארית ישראל. מיר וועלן אבער קיינמאל נישט פארגעסן דעם שטאלצן אריינקום אינם פארט פון א שיף מיט יידן, וואס זיינען גערעטעוועט געווארן דווקא א דאנק די באמיונגען פון יידן, און נאכדעם, ווי אונזערע „גוטע פריינט" האבן דערקלערט, אז זיי האבן שוין אלץ געטון.

זאל „מילקא" בלייבן אן אייביקער עדות פון דעם שענדלעכן פאקט, אז די „ציוויליזירטע" וועלט איז געזעסן מיט פארלייגטע הענט און מיט א פינגער נישט א ריר געטון, כדי צו ראטעווען די רעשטלעך פון א פאלק.

אפריל 1944.

מ א י ר

# „קאזבעק"

...פארסטער, א געוועזענער פלאט־אפיציר און איצט איינער פון די פליטים אויף דער שיף, רירט זיך נישט אוועק שוין א לענגערע צייט פונם שיף־רודער. ער פאלגט נאך דער ריכטונג און שווייגט. דער רודער איז אין די הענט פון א מאטראז, וואס קאנקורירט מיט זיין פארדעכטיקן אויסערלעכן אויסזען מיטן „קאפיטאן".

פלוצלונג הויבט ער אן צו געוואלדעווען. לויט אלע סימנים איז די סיבה פון זיין אויפרעגונג — פארסטער. אין דער טיר פון זיין קאיוטע באווייזט זיך דער שיפס־קאפיטאן בכבודו ובעצמו. א בארוועסער, טראגט ער אויף זיין אפגע־ברענטן און מוסקולערן קערפער א סוועטער אין בלויע פאסן, איין ארעם זיינער איז באצירט מיט פארשידענע אויסטאטואירטע שונד־בילדער, די הויזן פול מיט גלאנצנדיקע אייל־פלעקן זיינען פארקאטשעט איבער די קנעבלעך און זיין גאנצער אויסזען מאכט דעם איינדרוק פון א טיפישן ים־פיראט. פון צווישן זיינע ציינער פאלן קורצע אפגעריסענע זאצן און ער מעסט אפ פארסטערן פון קאפ ביז פיס.

דער שטייערמאן לאזט אפ איין האנט פונם רודער און ווייזט מיט איר אויפן הויכן, בלאנדן פלאט־אפיציר. נישטא מער קיין ספק: אט דער בהור איז עס די טעמע פון זייער געשפרעך. דער „קאפיטאן" שיסט אויס מיט א געלעכטער, אבער אין איין אויגנבליק ווערט זיין פנים אנגעכמארעט, און מיטן פינגער ווייזט ער פארסטערן די טיר. אבער פארסטער רירט זיך נישט פון ארט. ער ציט ארויס פון זיין טאש א קאמפאס און אנווייזנדיק מיט דער האנט אויף מערב צו די ברעג־געס־צו פרעגט ער: „בורגאס?" — דער „קאפיטאן" שאקלט בייז מיטן קאפ און זאגט מיט שפאט: „סעבאסטאפאל..." — און אונטערן זעץ פונם „קאפיטאנס" פויסט פליט ארויס דער קאמפאס פון פארסטערס הענט.

בינו לבינו קומען פאַר אויפֿן דעק מאָדנע זאַכן. דער פּאַרטרעטער פונם שיפֿס־קאַפּיטאַן, דער אויבער־מאַשיניסט און דער קוכער, אַלע דריי אין זייערע רעטונגס־גאַרטלען און מיט די רעוואָלווערן אין די הענט, וואַרטן אומגעדולדיק ביי דער באַפעל־קאַיוטע. באַלד קומט אויך דער קאַפּיטאַן צו לויפֿן אויפֿן שיפֿס־דעק, אַ דענערווירטער ציט ער אַרויס פֿון זיין טאַש דעם זייגער און שיסט אויס פֿון זיין רעוואָלווער דריי מאָל צו מערב־צו. אַלע חלוצים קומען צולויפֿן דערשראָקענע. אויך פֿאַרסטער באַווייזט זיך באַלד אויפֿן שיפֿס־דעק, ער רופֿט באַלד צונויף מען אַ קורצע באַראַטונג מיט די אַלע, וואָס שטייען בראש פֿון די חלוצים־גרופּן.

— לויט אַלע סימנים האָט דער שטייערמאַן געענדערט די ריכטונג און וויל פֿאַר יעדן פּרייז צושווימען מיט דער שיף צו דעם בולגאַרישן פּאָרט בורגאַס.

דער געסטאַפּאָ־געשפּענסט האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן פֿאַר די אויגן פֿון די עולים און זיי האָבן באַשלאָסן צו רעאַגירן ווי מעגלעך אַמשנעלסטן. פֿאַרסטער האָט אַרויסגעגעבן שטילערהייד זיינע באַפֿעלן און איטלעכן געגעבן די פּאַר אים פּאַסיקסטע אויפֿגאַבע. ער אַליין האָט זיך אוועקגעשטעלט אויפֿן באַפֿעל־בריקל.

אין זיינע הענט איז איצט געלעגן דער גורל פֿון זיבן הונדערט און אַכציק נפשות.

— מיר געפֿינען זיך איצט אַפֿילו — האָט ער איינגערוימט האַלצמאַנען — אין די טעריטאָריאַלע וואַסערן פֿון בולגאַריע, וועלכע זיינען פֿאַרזייט מיט ים־מינעס, אָבער לעת־עתה איז נישט פֿאַראַן קיין סכנה. דער דאָזיקער טערק קען אויסגעצייכנט די דורכגענג אין די דאָזיקע וואַסערן און ער האָט אויך מורא פֿאַר זיין לעבן. אָבער מיר מוזן אים צווינגען, ער זאָל בייטן די ריכטונג. אויב מיר וועלן נישט באַווייזן דאָס אים אויפֿצוצווינגען, וועלן מיר אין אַ האַלבער שעה אַרום זיך געפֿינען אינם שטח, וווּ מען וועט אונז לייכט באַמערקן פֿון בולגאַרישן ברעג. די דריי שאַסן, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעגעבן, זיינען, וואַרשיינלעך געווען אַ פֿאַרויס באַשטימטער צייכן פֿאַר דער דייטשער שיף, אויף וועלכער עס וואַרטן שוין די שותּפֿים פֿון אונזער טערק צו דעם דאָזיקן שפּיצל. איך בין זיכער, אַז באַלד וועלן מיר דערזען די פּאַן מיטן האַקן־קרייץ.

— ווייזט אויס, אַז זיי האָבן אונז געלאָזט אַרויספֿאָרן פֿון קאָנסטאַנץ, כּדי אַריינצוכאַפּן אונז אין אַ פּאַסטקע — באַמערקט האַלצמאַן.

דערווייל פֿאַרנעמען די חלוצים די פּלעצער, וואָס זיינען זיי אָנגעוויזן געוואָרן. זיי ווילן אָפּשניידן מיט אַ מעסער דעם שטריק מיט וועלכן דאָס רעטונגס־שיפֿל איז צוגעבונדן צו דער שיף, אָבער פֿאַרסטער ווינקט זיי, זיי זאָלן נאָך צוּוואַרטן אַ ביסל. עטלעכע חלוצים זיינען שוין ביי־געקומען דעם קוכער, נעמען אים צו דעם רעוואָלווער און ציען פֿון אים אַראָפּ דעם רעטונגס־גאַרטל. נעבן דעם קאַפּיטאַנס שטעל־פּאַרטרעטער שטייען דריי בחורים און וואַרטן נאָר אויף אַ סיגנאַל פֿון פֿאַרסטערן. וועלכער, האַלטנדיק אין האַנט דעם קוכערס רעוואָלווער, דראָט מיט אים דעם קאַפּיטאַן און שרייט:

— „קאַזבעק”, סטאָפּ! סטאָפּ!

און צו די חלוצים שרייט ער:

— גייט שנעל אַראָפּ זאַלבע־פֿינף אין דער מאַשינען־האַלע און צווינגט דעם מאַשיניסט, ער זאָל אָפּשטעלן די מאָטאָרן. זאָגט צו אים: „קאַזבעק” סטאָפּ!” אָדער

„נאָן בורגאַס!‟ און אויב איר וועט נישט האָבן קיין אַנדער ברירה, זייט אים מכבד ווי ס׳דאַרף צו זיין...

פּאַרסטער שטעלט צו דעם רעוואָלווער צום בויך פון קאַפּיטאַן, וועלכער לאַכט מיט אַ געמאַכט געלעכטער. ווען ער דערזעט אָבער, אַז הינטער אים שטייען נאָך פיר בחורים, וואָס וואַרטן נאָר אויף פּאַרסטערס אַ באַפעל, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז שוין נישט קיין שפּילעכל. ער טייטלט, אויף די וואַסערן וואָס צווישן די כוואַליעס זייערע איז באַהאַלטן דער טויט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט ער די ים־מינעס. — „בום! „קאַזבעק‟ קאַפּוט!‟ — און ער באַגלייט די דאָזיקע ווערטער זיינע מיט צעשפּרייטן ברייט די הענט, וואָס דאַרף אויסמאָלן ווי אַזוי די שיף וועט שפּרינגען אין דער לופטן.

ס׳איז האַלבע נאַכט. די לבנה האָט זיך באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס און געהיימניספולע ליכטער האָבן אָנגעהויבן שוועבן אויפן ראַנד פון ווייטן האָריזאָנט.

אַ שרעק פאַר דער דערנעענטערנדיקער זיך סכנה האָט בליץ־שנעל אַרומגענומען די פּאַסאַזשירן. אַ טויט־שטילקייט האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער גאַנצער שיף, די מאַמעס דריקן צו זייערע קינדער צום האַרצן און מיט צאַפּלדיקע זיפצן וואַרטן זיי פול שרעק אין די אָרעמס פון זייערע מענער. די איבערגעלעבטע צרות און געפאַרן האָבן זיי שוין צעבראָכן. דער טויט, וואָס לויערט אויף זיי אָט דאָ, פון אונטער דער שיף אַרויף, איז נישט אַזוי שרעקלעך־גרויזאַם, ווי דער, וואָס דערנענטערט זיך צו זיי פון דער ווייטן.

פּלוצלונג גיט די שיף אַ ציטער און שטעלט זיך אָפּ מיט אַ גריל־צעריי פון אַלע אירע „גלידער‟. דאָס האָט דער רעוואָלווער פון פּאַרסטערן דערפילט די שליחות וואָס ער האָט געהאַט אויסצופירן.

דער ים־פּיראַט כאַפּט אַן האַלצמאַנען פאַרן אָרעם און רופט אים ערגעץ־ווו. פּאַרסטער און נאָך צוויי חברים גייען נאָך. זיי קומען אַריין אינם קאַפּיטאַנס קאַיוטע. פּאַרסטער לייגט אַוועק זיין רעוואָלווער אויפן טיש. דער קאַפּיטאַן האָט דעם רעוואָלווער אַריינגעשטעקט אין זיין פּאַסיק. ער ציט אַרויס אַ פּאַרקנייטשטן, פון אָפּטער באַנוצונג, טייסטער, לייגט אַרויף אויף אים די האַנט און מיט אַ ביטערן שמייכל זאָגט ער:

— „פּאַפּיר. דויטשע פּאַפּיר...‟

האַלצמאַן קוקט אויף אים פרעגנדיק און ווינקט אים, ער זאָל באַווייזן דעם דייטשן פּאַפּיר. דער קאַפּיטאַן רייבט זיך די הענט איינע אין דער אַנדערער און שמייכלט ביטערוואַטע:

— דאָלאַר, דאָלאַר...

— דאָלאַר? סטאַמבול! — זאָגט האַלצמאַן

דער קאַפּיטאַן קוקט אויפן זייגערל זיינעם און טייטלט אויף דעם ווייטן ברעג:

— נאָן, נאָן סטאַמבול... זאַפּאַרט... נאָן דאָלאַר — בורגאַס, דויטשען...

איצט ציט ער אַרויס פונם טייסטער אַ באַפעל געשריבן אין דייטש און בולגאַריש. לויטן דאָזיקן באַפעל טאָר „קאַזבעק‟ נישט פאַרלאָזן קאָנסטאַנצע, סיידן זי וועט אַוועקפירן איר לאַדונג גלייך אין בולגאַרישן פּאָרט בורגאַס. אויב זי וועט נישט אויספירן דעם דאָזיקן באַפעל, דערוואַרטן זי שווערע קאָנסעקווענצן.

— שאַנטאַזש? — ווענדט זיך האַלצמאַן צו פּאַרסטערן.

— „אפשר יאָ, און אפשר נישט" — ענטפערט דער לעצטער און ווענדט זיך ווידער צום טערקישן שיפס־קאַפּיטאַן:

— וויפיל דאָלאַר ווילסטו?

ער פאַרשטייט די פראַגע און באַלייגט זיך אַ ווײַלע. ער נעצט דאַן איין דעם פינגער אין שפּײַעכץ און שרייבט אויף אויפן טיש־בלאַט דער ציפער: — 2.000 דאָלאַר.

— אויב מיר וועלן אים נישט באַצאָלן תיכף דאָס געלט — זאָגט פאַרסטער

— דראַט אונז אין גיכן צו טרעפן זיך מיט די דײַטשן און אויב מיר וועלן אים אַרײַנוואַרפן אין ים אַרײַן, און דאָס קען מען אויך מאַכן, וועט די שיף אַרויף אויף אַ ים־מינע, ס'איז, אַלזאָ, אַזוי שלעכט און אַזוי ביטער.

— מיר וועלן פּרוּוון צו דינגען זיך — איז די דעה פון האַלצמאַנען. אויך ער נעצט איין אַ פינגער אין שפּײַעכץ און צייכנט אויפן טיש־בלאַט דעם ציפער — 1000. אַהין, אַהער איז מען ענדלעך געקומען צו אַ הסכם אויף 1500. דער קאַפּי־טאַן באַקומט אויסגעצאָלט דאָס געלט און זײַנע אויגן בלישטשען בשעת מעשה פון גיריקייט. ער כאַפּט פּלוצים אַרום פאַרסטערן און דערלאַנגט אים אַ לאַנג־דויערנדיקן קוש אין פּנים.

— סאַלאַם, סאַלאַם, קאַמען סטאַמבול... — שרײַט ער אויס פון גרויס גדולה און צערײַסט אויף פּיץ־פּיצלעך דעם דײַטשן באַפעל. ווײַזט אויס, אַז ער אַליין האָט אויך נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו פאָרן קיין בורגאַס, און געצויגן אַהין האָט אים נאָר דאָס געלט, וואָס די דײַטשן האָבן אים צוגעזאָגט. ווען אָבער ער האָט געקענט אַרויסבאַקומען דאָס געלט פון די ייִדן, טאָ נאָך וואָס־זשע שלעפּן זיך קיין בורגאַס?

די גאַנצע חברה גייט אַרויף צו דער קאַיוטע פונם שטייערמאַן און באַלד מאַכט דער רודער אַ גרויסן קרייז. די מאָטאָרן הויבן אָן ווידער צו קלאַפּן מיט גרויס רעש, די שיף ציטערט און פּאַמעלעך רירט זי פון אָרט. עס באַקומט זיך דעם אײַנדרוק, גלײַך זי וואָלט געדרייט זיך אויף איין אָרט, געמאַכט אַ שריט פאָרויס און אַ שריט צוריק. ענדלעך דערפילט מען, אַז זי גייט שוין פאָרויס. דער קאָמפּאַס באַווײַזט שוין די געוווּנטשענע ריכטונג. דער וועג פירט צוערשט אויף מזרח; דאַן אויף דרום־מזרח.

א ה ר ו ן   ה א ט ס ע ג י

# דער כוח פון דער העפּלה

די ייִדישע עליה קיין ארץ־ישראל דאַרף נישט האָבן קיין שום הסכמה. מיר קערן זיך צוריק אַהיים, אין אונזער לאַנד — נאָר אין אונזער אייגענעם זכות. פאַראַן דרײַ פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַשטימט ארץ־ישראל אַלס אַ היימלאַנד פאַרן ייִדישן פאָלק, און נעמלעך: די געשיכטע, דער אינטערנאַציאָנאַלער באַשלוס און דער לעבנס־ווילן פונם „עם־עולם".

אַ ייִד אין ארץ־ישראל איז נישט קיין פרעמדער, נישט קיין אויסלענדער און נישט קיין אימיגראַנט. ווען אַ ייִד קומט קיין ארץ־ישראל — קומט ער צוריק צו זײַן פאָטערלאַנד, ווײַל דאָס ייִדישע פאָלק איז נאָר דערווייטערט אָבער נישט אָפּגע־

ריסן געוואָרן פון זיין לאַנד און זיינע רעכט צו ארץ־ישראל זיינען בכלל נישט אין די ראַמען פון וועלכער ס'איז נישט דיסקוסיע. פונקט אַזוי ווי דער מיליאָן אַראַבער, וואָס געפינט זיך אין ארץ־ישראל איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי דאָס איז אַנגענעם אָדער נישט — אַזוי איז אויך אַ היסטאָרישער פאַקט דער אומצורייסבאַרער בונד, וואָס עקזיסטירט שוין מער, ווי דריי טויזנט יאָר, צווישן ארץ־ישראל און דעם יידישן פאָלק.

דער מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל ווייזט אָן קלאָר און דייטלעך, און באַשטעטיקט דעם היסטאָרישן בונד צווישן דעם יידישן פאָלק און ארץ־ישראל, ווי אויך די אַלע אומשטענדן, צוליב וועלכע עס דאַרף ווידער אויפגעשטעלט ווערן אין ארץ־ישראל די יידישע נאַציאָנאַלע היים. פאַראַן אָבער נאָך עפּעס, וואָס איז שטאַרקער פונם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ — און דאָס איז די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פון פאַרצווייפלטע, פון אַ פאָלק, וואָס האָט נישט קיין אַנדערע רעטונג און אויסלייזונג, ווי נאָר צוריקצוקערן זיך אין זיין היימלאַנד, פון אַ פאָלק, וואָס איז געצוווּנגען צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן פון מיליאָנען פון זיינע זין און טעכטער און צו געפינען די נאַציאָנאַלע גאולה פונם פאָלק אַלס גאַנצעס.

קיין שום קעגנערשאַפט אָדער שטערונג מצד די אַראַבער, קיין שום טעראָריסטישע אָדער פּאָליטישע אָפּשרעקונגען און קיין שום באַגרענעצונגען און פאַרבאָטן פונם „וויים־בוך", — וואָס איז במילא פסול הן פון מאָראַלישן, הן פון געזעצלעכן שטאַנדפּונקט — קיין שום זאַך אין דער וועלט וועט נישט אָפּשטעלן די עליה פון יידן קיין ארץ־ישראל. און אויב ס'איז נאָך פאַראַן ווער, וואָס צווייפלט אין דעם — וועלן קומען „פּאַטריאַ" און „סטרומאַ" און נאָך אַנדערע שיפן פון דעם מין; און וועלן דאָס באַשטעטיקן. ווייל די באַדייטונג פון אָט די שיפן איז אַ פּשוטע: ארץ־ישראל — אָדער טויט! און ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן הונדערטער אַזעלכע שיפן שווימען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

דעריבער, ווער עס זעט נישט, אַז די שרעקלעכע און פאַרצווייפלונגספולע ווירקלעכקייט, וועלכע וועט אַנטשטיין באַלד נאָכדעם, ווי די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן, וועט שטיין אונטערן צייכן פון אויפברויז פון דער יידישער עליה קיין ארץ־ישראל — דער ווייס בכלל נישט, וואָס עס איז ווירקלעכקייט. קיין איינע פון די ביז־איצטיקע תקופות אין ארץ־ישראל וועט זיך נישט קענען מיט איר מעכטיקייט און איר דראַנג פאַרגלייכן, צו דעם אַנטשטייענדיקן כוח פון דער יידישער העפּלה, וועלכע וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט.

אין דער דאָזיקער העפּלה האָבן זיך שוין צוזאַמענגעטראָפן די סאַמע טיפסטע ביאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע וואָרצלען פון אונזער עצם עקזיסטענץ און פון אונזער לעבנס־ווילן.

1942 ד. בן־גוריון

# דער וואָפן פון דער העפּלה

פּופציק טויזנט יידן זיינען במשך פון די פיר לעצטע יאָרן אַריינגעקומען קיין ארץ־ישראל אָן אַ דערלויבעניש. וואָלטן זיי נישט געווען געקומען, וואָלטן אונז אין ארץ־ישראל געפעלט די 50 טויזנט יידן. די באַדייטונג פון אָט אַזאַ מענטשן־

צופלום איז נישט פון קלײנער װיכטיקײט, אָבער נאָך גרעסער איז די באַדײַטונג פון אַזאַ עליה אַלס אַ װאָפן אין אונזערע הענט. דער צד שכנגד װײס גאַנץ גוט, װי גרױס ס'איז איר כּוח; ער װײס, אַז אױב ס'איז פאַראַן עפּעס אַ זאַך, װאָס קען אַנטשײדן אין דעם ביטערן געראַנגל, װעלכן מיר פירן שױן זינט יאָרן — און װאָס קען נאָך פיל שװערער װערן, װען די מלחמה װעט זיך ענדיקן — אױב עס עקזיסטירט עפּעס אַ זאַך, װאָס קען אַנטשײדן לטובת אונז, איז עס נאָר אָט דער העפּלה־װאָפן.

אין דעם שטעקט טאַקע די סיבה, װאָס די רעגירונג נעמט אָן אַזעלכע אומ־מענטשלעכע מיטלען און שװערע שטראָפן קעגן דער העפּלה.

איז עס דען געװען סתם אַזױ אין דער װעלט אַרײַן, װאָס זײ האָבן זיך אַזױ אַכזריותדיק געזדיעקעװעט איבער די מעפּילים? און פאַרװאָס האָבן זײ געשאָסן אױף די מעפּילים פון „טיגער היל" און געזײט צװישן זײ דעם טױט? איז עס דען נױטיק געװען צו װאַרטן ביז עס װעלן צװײ הונדערט מענטשן פון דער „פּאַטריאַ" דערטרונקען װערן, כּדי צו דערלױבן דער רעשט צו בלײַבן אין לאַנד און דערנאָך ערשט צו פּײַניקן זײ צען חדשים אין תּפֿיסה? און װי אַזױ קען מען דען אױפקלערן, פאַרװאָס מען האָט געשלאָגן אַלטע און קראַנקע, פאַרװאָס מען האָט פאַרשלעפּט העט־װײַט ביז קײן מאַוריציוס, די פרױען און קינדער פון די „פּושעים" פון דער „אַטלאַנטיק"־שיף, אױף דעם װעג צו װעלכן און אױך שױן נאָכן אָנקומען דאָרט אַהין זײַנען העכער פופציק מאַן געשטאָרבן פונם לײדנס־װעג און פון קראַנקײטן? און װי אַזױ זאָל מען אױסטײַטשן דעם פאַקט, אַז ביז הײַנט איז נישט געלונגען דער ציוניסטישער באַװעגונג, טראָץ אַלע אירע אינטערװענצן בײַ דער העכערער מאַכט, צו באַקומען אַ דערלױבעניש אַרױסצושיקן צו די פאַרטריבענע פון מאַוריציוס אַ שליח, װאָס זאָל זײ דערמוטיקן און שטאַרקן זײער גײַסט? און פאַרװאָס זיצן נאָך אינם עתלית־לאַגער ביזן הײַנטיקן טאָג, — שױן העכער צען חדשים, — די מעפּילים פון „דאַריאַן", צװישן װעלכע עס געפינען זיך זקנים, קראַנקע און קינדער? העכער צװײ הונדערט מאַן פון די אַרעסטירטע — פּאַבלײַט, טעכניקער און מעכאַניקער, — װעגן װעלכע די אַרמײ האָט צװױסן געגעבן דער ארץ־ישׂראל־אַדמיניסטראַציע, אַז זײ זײַנען נױטיק פאַר דער קריגס־װירטשאַפט, און װעלכע האָבן אַלײן אױסגעדריקט זײער גרײטקײט צו מאָביליזירן זיך — האָבן געבעטן מען זאָל זײ באַפרײַען, אָבער אָן דערפאָלג.

❖

היטלער האָט טאַקע יאָ געקענט באַפעלן, מען זאָל שיסן אױף שיפן מיט מעפּילים, אָבער אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג װעט זיך נישט קענען אַזױ נוהג זײַן לגבי הונדערטער און טױזנטער עולים, װאָס װעלן אָנפילן שיפן, שיפלעך און פישער־לאָדקעס, װאָס װעלן זיך באַװײַזן אױף אַלע װעגן, װאָס פירן קײן ארץ־ישׂראל. און די ייִדן, װאָס װעלן אַנטלױפן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פון די געטאָ־מױערן אין אײראָפּע, װעלן דאָך נישט האָבן קײן אַנדערן װעג פאַר זיך. די קריגס־שיפן פון זײַן קעניגלעכן פלאָט װעלן נישט צילן זײערע האַרמאַטן קעגן אָט די שיפן מיט ייִדן, כּדי זײ צו דערטרינקען. מיר װײסן אױך, אַז װען מען האָט געװאָלט אָט די אױפגאַבע פון כאַפּן מעפּילים־שיפן אַרױפװאַרפן אױפן בריטישן קעניגלעכן פלאָט — האָט ער אָפּגעזאָגט צו פאַרנעמען זיך מיט אָט דער „פײַנער מלאכה".

וואָס גרעסער ס'וועט ווערן די צאָל פון די מעפּילים־שיפן און מעפּילים־לאַד־קעס, אַלס שווערער און שווערער וועט ווערן די אַרבעט פון כאַפּן זיי. עס וועט אויך גאָרנישט העלפן די מעטאָדע פון אָפּשרעקן, כדי אָפּצושטעלן דאָס אומלעגאַ־לע אַריינקומען אין לאַנד. ווייל צי איז דען פאַראַן אַזאַ כוח אויף דער וועלט, וואָס קען אָפּשרעקן אַ יידישן מעפּיל?

פאַרשטייען מיר אָבער אויף אַזוי פיל דעם כוח פון דעם דאָזיקן וואָפן? צי געדענקען מיר, אַז אויב מיר וועלן וועלן אַריינברענגען קיין ארץ־ישראל נאָך איין און איינציקן ייד, נאָכדעם, ווי מיר וועלן האָבן אויסגענוצט די 30.000 סערטיפיקאַטן, וואָס זיינען אונז געבליבן אין די גרענעצן פון „ווייסבוך" — וועלן מיר קודם כל מוזן דערפירן דערצו, אַז דער „ווייס־בוך" זאָל בטול ווערן, דאָס הייסט — דערפירן צו אַ גרונטלעכער ענדערונג אין דער גאַנצער, איצט עק־זיסטירנדיקער בריטישער פּאָליטיק? וועלן דען די מאַסן יידן, וואָס לעכצן נאָך רעטונג, קענען וואַרטן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן? אָט דעם דאָזיקן אמת — אַז מיטן סוף פון דער מלחמה וועלן די יידן פון אייראָפּע נישט האָבן קיין אַנדער שנעלן רעטונגס־וועג, ווי נאָר דעם וועג פון העפּלה — מוזן מיר זען, נישט בלויז מיט אַלע שוועריקייטן, וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן, נאָר אויך מיט די פולסטע מעגלעכקייטן, וואָס אָט דער וועג אַנטהאַלט אין זיך.

1942 א. דאָבקין

# ווען די זון פון נצחון שיינט אויף...

די בריגאַדע אויפן העפלה־פראָנט
אויך פון צפון עפנט זיך אַ טויער
די נאַכט פון עתלית

# די בריגאַדע אויפֿן העפלה־פראָנט

## מיט די חיילים פון דער בריגאַדע

געוועזן איז דאָס אַ גרויסער נס, וואָס אין די טעג פון נאָכן נצחון האָט זיך באַוויזן די בריגאַדע. יאָ, דער נאָמען אירער איז שוין געגאַנגען פאָרויס, פאַר איר. ווי אַן אָנזאָג פון ליכטיקייט און האָפענונג האָט איר נאָמען אָפּגעקלינגען אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון די לאַגערן מיט די „אויסגעוואָרצלטע". מען האָט אָנגעהויבן שטראָמען צו דער בריגאַדע ווי צו אַ סטאַנציע אויפֿן וועג קיין ארץ־ישראל.

גייסט איבער די גאַסן פון זאַלצבורג, און טרעפסט פּלוצים אַ ייִדן. אויף דיין פראַגע — וווהין, ענטפערט ער דיר באַלד:

— צו דער בריגאַדע!

— וואָס עפּעס?

— כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל!

— ווער האָט עס אייך געזאָגט?

— מ'האָט אונז געזאָגט!

קיינער האָט זיי נישט געזאָגט, נאָר זיי האָבן דאָך קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט.

❖

געוועזן איז עס אין די ערשטע טעג, נאָך אונזער אָנקומען קיין דייטשלאַנד. מיר גייען אַזוי אין די גאַסן פון קלאַגענפורט, פּלוצלונג שפרינגען אַרויס אַנט־קעגן אונז דריי ייִדישע בחורים. זיי דערנענטערן זיך צו אונז: — שלום! — ווער זייט איר? —

זיי זיינען אַלע דריי געקומען אין שליחות.

— וואָס פאַרא שליחות?

אָבער זיי פאַרשן גאָר אונז: — ווער זייט איר? — זיי ווילן קודם כל זיין זיכער, צי מיר זיינען בעלי־סמכות. מיר האָבן זייער פאַרשטייער אַלץ אויפגע־קלערט און ערשט דאַן האָט איינער פון די בחורים אָנגעהויבן:

— מיר זיינען געשיקט געוואָרן דאָ אַהער, כדי צו זען, צי ס'זיינען פאַראַן מעגלעכקייטן אַריבערצוקומען קיין איטאַליע. מיר ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל. מיר זיינען פילע צענדליקער, און מיר וואַרטן נאָר אויף דעם פּאַראָל: „גוט". ווי נאָר מיר וועלן באַקומען אָט דעם פּאַראָל — קומען מיר אַלע אַהער.

דער דאָזיקער בחור האָט שוין פיר טעג נישט געהאַט געגומען קיין ביסן אין מויל אַריין, זיינע קליידער זיינען געוועזן צעריסן, כדי צו מאַכן דעם געהעריקן „רושם" אויף דעם גרענעץ־באַאַמטן און פּונקט ווי ער האָבן אויך זיינע חברים אויסגעזען.

מיר גיבן זיי אָנצועסן, באַקליידן זיי און זעצן זיי אַריין אין אַן אויטאָ, דער־בײַ זאָגן מיר צו זיי: „קערט זיך צוריק צו אײַערע חברים און זאָגט זיי נישט: „גוט", נאָר: „זייער גוט!".

זיי זיינען טאַקע אַוועק און געזאָגט זייערע חברים: „זייער גוט". און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס וואַנדערן פון טויזנטער.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג, וואָס די לאַגערן פון דער שארית הפליטה, פאַרמאָגן אין זיך. מיטאַמאָל האָבן מיר זיך געטראָפן מיט חברים פון דער באַוועגונג, וועלכע מיר האָבן שוין כמעט נישט געהאָפט צו זען. עס זיינען דאָך געבליבן געציילטע פון די בונקערס, פון די פּאַרטיזאַנער און צווישן זיי מענטשן פון דער ציוניסטישער חוט־השדרה. אַ סך פון זיי פלעגן קומען צו אונז מיט דער ציוניסטישער פאָדערונג: זאָל די שארית הפליטה אויך ווערן אַ פּאָליטישער פאַקטאָר אינם קאַמף פאַר עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל!

האָט מען צוזאַמענגעקליבן און קאָנצענטרירט אין איין לאַגער אַלע די איינזאַמע, געציילטע, און דורך אַ שפּאַרע אויף די גרענעצן האָט אָנגעהויבן קומען די יוגנט. געווען איז דאָס אַ ציבור, וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון גרענעצן. במשך פון עטלעכע טעג איז מען אַריבער עטלעכע גרענעצן. ביי דער יוגאָסלאַווישער גרענעץ איז מען אַ טשעך, ביי דער טשעכישער אַ יוגאָסלאַוו, און ביי דער איטאַליענישער אַ פּאָליאַק, און אַזוי ווייטער. ער קען קיין שום שפּראַך נישט און באַנוצט זיך דאָך מיט אַ סך שפּראַכן. ער קען די פּופּצן, צוואַנציק ווערטער, וואָס זיינען נויטיק, כדי צו זיין אַן איטאַליענער ביי די יוגאָסלאַוון און אַ יוגאָסלאַוו ביי די איטאַליענער און ער ווייס נישט וואָס פּחד הייסט, פּונקט אַזוי דער מאַן, ווי די פרוי. איך קען נישט זאָגן „אַלט און יונג", ווייל נישט פאַראַן איז צווישן זיי נישט קיין זקן, נישט קיין זקנה און נישט קיין קינד. צווישן אַכצן טויזנט יידן, וועלכע מיר האָבן איינגעאָרדנט, האָבן מיר נישט געפינען קיין איינציק קינד.

פון אָנפאַנג, ווען מיר האָבן באַקומען די ידיעה, אַז 1200 מאַן דאַרפן מיט איין מאָל אָנקומען צו אונז, האָבן מיר זיך אַביסל איבערגעשראָקן. אינאיינעם מיט דער שמחה, וואָס אַזאַ גרויסע גרופּע קומט צו אונז, האָבן מיר מורא באַקרמען: — וועלן מיר קענען זיך אַן עצה געבן? וויאַזוי וועלן מיר זיי באַקליידן? ווו וועלן מיר זיי איינאָרדענען?

און פונדעסטוועגן, ווען איר וואָלט געזען, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטון אין יענער נאַכט, ווען ס'איז באַוווסט געוואָרן, אַז זיי קומען אָן?! און ווען זיי זיינען אָנגעקומען איז שוין אַלץ געווען פאַרטיק. און אין דער ערשטער ריי אונזער עס־צימער, אין וועלכן איבער טויזנט מאַן האָבן זיך געקענט מיט איינמאָל אַוועקזעצן ביי די טישן. ווען די פּליטים האָבן איבערגעטראָטן די שוועל פונם חדר־האוכל און זיי האָבן דערזען די געגרייטע טישן, יעדער טיש באַדעקט מיט אַ טישטוך און אויפן טיש בלומען און פאַר יעדן איינעם באַזונדער זיין פּאָרציע ווי בעת אַ סדר־נאַכט אין קיבוץ — ווען זיי האָבן דאָס אַלץ דערזען, האָבן זייערע אויגן אויפגעלויכטן. זיי האָבן געזאָגט: „ניין, ס'איז נישט אמת, אַז מיר זיינען מיט פיר חדשים צוריק באַפרייט געוואָרן! ערשט היינט, ערשט איצט, אין דעם מאָמענט זיינען מיר באַפרייט געוואָרן!".

1200 מאַן זיינען אַריינגעקומען צו אונז און האָבן דאָ געטראָפן אַרום זיך 200 בחורים פון די מיליטערישע איינהייטן, פון וועלכע יעדער איינער איז זיי אַ

ברודער געוואָרן. איך קען נישט זאָגן, אַז מיר זיינען פאַר זיי געווען ווי טאַטע־מאַמע צו קינדער, ווייל קיין קינדער זיינען נישט געווען...

נאָר צוויי־דריי טעג זיינען זיי פאַרבליבן אין לאַגער, ווייל אַזוי האָבן מיר דאָך אַליין געוואָלט; מיר האָבן זיך געאיילט אויפצונעמען נייע גרופּן...

יאַנואַר 1946. י. באַנקאָווער

# אַהיים — מיט אונזערע סאָלדאַטן

פול מיט פיבערדיקער דערוואַרטונג זיינען די לעצטע טעג. יעדע שעה קען ברענגען די פרייל עכע בשורה: „מיר שווימען אָפּ". מיר טוען טאַקע אונזער אַר־בעט מיט רואיקייט, אָבער די פּנימער פלאַמען. אַלע פאַרבערייטונגען זאָגן עדות: היינט וועט עס געשען.

...אַן אומענדלעכע אָוונט־גרויקייט, עס שניידט אַ דינענקער האַרבסט־רעגנדל. דער לעצטער מפקד (ראַפּאָרט) אין גלות. די הערצער האַקן ווי מיט האַמערס. נאָר זייער קול הערט זיך איצט, נאָר זייער קול אַליין, דאָס קול פון דער אמונה, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן אין האַרצן בשעתן גאַנצן פאַרניכטונגס־שטורעם, און איצט עפנט זי אירע בליטן, גייט אויף ווי אַ בלום, וויקלט אויף ליכטיקע בילדער פון דעם חלומות־לאַנד.

די שעה פון פאַרווירקלעכונג קומט אָן.

פּאַמעלעך באַוועגט זיך פאָרויס אויפן וועג צום ים די אויטאָס־קאַראַוואַנע. מיין האַרץ — אַ קאַמפּס־פעלד, ווו דער נעכטן און אייערנעכטן יאָגן זיך נאָך, וויקלען אויף זייערע קאָשמאַרן פאַר מיינע אויגן, וועלכע קערן זיך צוריק אַהין און זעען דעם טאָל פון טרערן און טויט, מיין פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך מיט זיין גורל, זעען דעם שטריק, וואָס שלענגלט זיך אַרום זיין האַלז און דעם תּלינס האַנט פאַרציט אים מיט זיין גאַנצן כוח ביז צום דערשטיקן. דער שטורעם צעבלאָזט נאָך מער דעם גליענדיקן שמערץ אין האַרצן און איך זע, ווי אויף די פרעמדע שטוי־ביקע וועגן וואַלגערן זיך די „שמע ישראלס" פון די אויסגעהויכטע נשמות. יאָ, דער בית־הקברות, וואָס איז אין האַרצן אויסגעוואַקסן, וועט בלייבן אויף אייביק, אויף תּמיד.

עס שווימען אויף זכרונות, וואָס פאַרמאָגן אין זיך עפּעס ענלעכעס צו דער איצ־טיקער נסיעה אונזערער, אין די צוגעדעקטע אויטאָס. גאַנצע פינף לאַנגע יאָרן האָט מען אונז געפירט אין פאַרמאַכטע און שטרענג באַוואַכטע אויטאָס, און שטענדיק צו דעם זעלבן ציל — צום טויט! מיט אַ פאַרגליווערטער גלייכגילטיקייט האָט דאָס האַרץ געצאַפּלט, נישט אַזוי פון מורא, פון שרעק, ווי פון ווייטיק. ס'האָט וויי און באַנג געטון נאָכן יונגן לעבן, וואָס איז אַפילו קיין לעבן נישט געווען, — ווייל שטענדיק און תּמיד האָט מען זיך געגרייט צום טויט, וואָס איז אַזוי נאָענט געווען, ממש ווי דיין בלוט און פלייש, אַ סך נאָענטער ווי דאָס לעבן אַליין...

איצט פירן אונז יידישע סאָלדאַטן, שליחים פון ארץ־ישראל, און דאָס האַרץ וואַקסט פון שטאָלץ, קוקנדיק אויף זיי. זיי זענען דאָס די, וואָס לייגן אַ בריק צווישן אָט יענער ווירקלעכקייט און אונזער וויזיע. אַ דאַנק זיי ווערט געבוירן דאָס גליק פון אונזער גאולה.

מיר זיינען איצט אין וואַלד. אַ שטילקייט הערשט אַרום. אויפגעהערט האָט דער דינער רעגן, און פון הינטער די וואָלקנס האָט זיך באַוויזן אַ העל־בלויער־פרישער הימל. דאָס ערשטע מאָל זינט לאַנגע יאָרן, וואָס די נאַטור איז נישט קעגן אונז. די נאַכט געהערט צו אונז, איינגעשפּאַנט האָבן מיר זי צו אונזער הייליקער אַרבעט! איצט, ווען דער קריג האָט זיך שוין געענדיקט, הויבן מיר אָן אַ נייעם קאַמף, וואָס געהערט נאָר און געגנצלעך צו אונז אַליין. ווי דער שטייגער איז פון פּאַרטיזאַנער האָבן מיר, ביים סוף פון אונזער אייביקן וואַנדערן, אַנטדעקט אַ סטעזשקע, וואָס פירט אַרויף אַהיים.

דאָס איז די העפּלה.

מיר וועלן גיין אויף אַלע וועגן און אומוועגן! וואָס מיר וועג און וואָס מיר שאָסיי! דער באַגריף אַליין פון העפּלה גיט אונז צו פליגלען. די גרויע טאָג־טעג־לעכקייט וואַלגערט זיך אונטער דיינע פיס ווי אַן אָפּגענוצטער בגד, און דו, באַ־הערשט פון אַ פלאַם־פייערדיקן געפיל, רייסט זיך אַרויף אויפן אויסגעחלומטן שפּיץ־באַרג. די עליה איז שווער? — אָבער קוק זיך צו און זע, זי איז דאָך לייכט ווי אַ שטיקל קאַרע!

שטילשווייגנדיקע זיינען מיר אַריין אין דער סודות־פולער טיפעניש פונם וואַלד. דורך אַ ווילד־באַוואַקסענער, נישט אויסגעטראָטענער סטעזשקע שלאָגן מיר זיך דורך — צום ים. מיר זיינען די ערשטע. אויף די בוימער פלאַטערן ווייסע באַנדן — דאָס זיינען די וועג־צייכנס. געבענטשט זאָלן זיין די פאַרבאָרגענע הענט, וואָס האָבן זיי מיט ציטער און אומגעזעענערהייט דאָ אויפגעהאַנגען! ווי גרויס עס איז דער ווערט פון פּשוטע טויטע זאַכן און קעגנשטאַנדן ווען זיי פירן אויס אַ שליחות פון לעבן, ווען זיי דערפילן עפּעס אַן אויפגאַבע — האָב איך ערשט איצט פאַרשטאַנען. ווי טייער איז מיר יעדער באַנד! זאָל קיין איינער פון זיי נישט פאַרלאָרן גיין, און זאָלן זיי דאָ ווייטער פלאַטערן, נאָך אונזער דורכגיין, און ווייזן דעם וועג פאַר די, וואָס וועלן נאָך אונז קומען!

אַרום אונזער באַוועגלעכער מענטשן־קייט האָט אין דער פינצטערניש גע־האַנגען אַ צווייטע קייט פון ברידערלעכע הענט. דאָס האָט דאָס פּאַטערלאַנד זיי געשיקט. זיי האָבן אונז אויפגענומען, געהאָלפן און איצט טריפן אַראָפּ פון זייערע ציטעריקע ליפּן אין דער שטילקייט אַריין די וווּנדערלעכע קורצע זאַצן: „דאָ איז אַ בערגל. און דאָרט — אַ צווייט. דאָ — מוז מען אַרויפגיין. פּאָרזיכטיק, אָבער זיכער!" — דער וועג געהערט אינגאַנצן צו אונז, דער וואַלד — ער איז אונזער בלוט און פלייש.

עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דער ים! ער איז נאָך ווייט אָבער ווירקט שוין אויף אונז באַרואיקענדיק. אין דער נאַכט־פינצטערניש באַוועגט זיך אַהין און צו־ריק אַ פייערל. אַלע לאַדקעס שווימען אין דער ריכטונג צו אָט דעם פייערל. ס'הערשט אַ פולשטענדיק שטילשווייגן. אַלץ איז קלאָר און פאַרשטענדלעך. און אין הערצן פּראַווען זייער יום־טוב נייע געפילן. נאָך קיינמאָל האָט דער ים מיך אַזוי נישט באַהערשט ווי דאַסמאָל. ער איז אַזוי גוטמוטיק, שטילשווייגנדיק און אַזוי אומגע־הויער גרויס. און זיין צווייטער ברעג קושט דאָך שוין די ערד פון ארץ־ישראל...

*

אונזער „שיף" איז ווי אַ נוסן־שאָלעכץ, מיט וועלכן יעדע כוואַליע שפּילט זיך און לאָזט זיך וויל גיין. מיר ליגן צוזאַמענגעקוועטשט איינער נעבן צווייטן,

איינער איבערן צווייטן. עס איז די ערשטע נאַכט אויפן ים און קיינער שלאָפט נישט, קיינער האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. די געדאַנקען באַוועגן זיך צוזאַמען מיטן ריטם פון די כוואַליעס, לויפן פאָרויס, פאַר זיי, איילן זיך שנעל, שנעל און אַט האָבן זיי שוין אַ פוס אַוועקגעשטעלט דאָרט: אין לאַנד. מען ווייס דאָרט, אַז מיר זיינען אַרויס אין וועג. מיר זיינען נישט אַליין.

דער ערשטער זון־אויפגאַנג אויפן ימיקן לאַנד. מיר האָבן זי מקבל־פּנים געווען שטייענדיק אויפן דעק. אַ, ווי פּראַכטפול שיין איז דיין גלאַנץ, דו אויפגייענדיקער טאָג! אויפן מזרחדיקן האָריזאָנט הערשט שוין דער מאָרגנשטערן הגם איינגעהילט אין די לעצטע שאָטנס פון דער נאַכט. די וואָלקן־סטעזשקעס צעשפּרייטן זיך ווי אַ טעפּיך צופוסנס פונם מאָרגנשטערן, און ווי פון אַ נעסט, וואָס איז אַ פאַרבן־געמיש פון גרינקייט, ציטראָן־געלקייט און פורפור, שפּראָצט אַרויס און גייט אויף אַ גרויסער גליענדיקער זון־קוגל, וועלכער באַהערשט באַלד די פרישע בלויקייט פון די הימלען. דער ים פרייט זיך אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון, די כוואַליעס טאַנצן איר אַנטקעגן און אַ נערוועזער ציטער לויפט דורך דורך זייערע רוקנס. די גרין־בלויע ים־אָפּגרונטן קאָכן און זידן און רוישן, און זייער ווייסער געלעכטער צעגיסט זיך און פאַרפּליצט דעם שיף־דעק און שלאָגט זיך אָפּ אָן אונזערע פּיס און אויגן.

צוזאַמען מיט אייך, טאַנצנדיקע כוואַליעס, איילן מיר צום אויפגייענדיקן פאַר אונז, טאָג! — — —

*

דאָס לעבן אויף דער שיף איז געאָרדנט לויט די אָנווייזונגען פון ארץ־ישראלדיקע חברים, וואָס געפינען זיך ביי אונז צו גאַסט. די מעפּילים — ווי אויסגעגליטער אייזן אינם לעבנס־פייער. די יסורים נעמען זיי אָן פאַר ליב, און אויב עס איז אַפילו פאַראַן ווייניק וואַסער און דאָס עסן איז נישט גענוג און די לופט שטיקט (ס'איז שטרענג פאַרבאָטן אַרויפצוגיין אויפן דעק אינמיטן העלן טאָג, און אַלע געפינען זיך צוזאַמענגעקוועטשטע אין די צימערן פונם אונטערדעק), איז אָבער דער גייסט שטאַרק און מונטער. און וואָס נענטער מען איז צום לאַנד — אַלץ שטאַרקער ווערט דער גייסט און זיכערער.

אין אונזער שווימענדיקן הויז קלאַפּן 180 הערצער, 180 ווילנס, וואָס האָבן פּעסט באַשלאָסן אַנטקעגנצושטעלן זיך אַפילו די ריזיקע נאַטור־כוחות. מיר באַשטייען פון צוויי טיילן, — וואָס שטרעבן צו דעם זעלבן ציל: פּאַרטיזאַנער און חלוצים. ביידע — שוין מידע פון די וואַנדערונגען איבער די צאָלרייכע פרעמדע וועגן, פאַרמאַטערטע פון די בלוטיקע שלאַכטן אויף די געפערלעכע פראָנטן. אָבער מיט איין ווילן זיינען פול זייערע הערצער: אַ ה י י ם !

אין אָוונט, ווען ס'איז דערלויבט אַרויפצוגיין אויפן דעק, צעזינגען זיי זיך ברייטהאַרציק אַנטקעגן דעם אָפענעם ים אין מעכטיקע רוסישע לידער און אין האַרציקע, דערמוטנדיקע העבּרעאישע שירים. אין אָט די לידער שפּיגלען זיך אָפּ זייערע שטילע, נישט־אויסדערציילטע חלומות.

*

די ים־קראַנקייט האָט ביי אַ סך פּאַסאַזשירן אונטערגעהאַקט די פּיס. אַפילו די שטאַרקסטע פון זיי האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן. און נאָר איינצלנע זיינען די

„ראַבינזאָנס" וואָס פילן זיך דאָ, ווי ביי זיך אין דער היים: זיי האָבן די הויזן זייערע פאַרקאַטשעט ביז צו די קניען און באַרוועסערהייט אַרבעטן זיי ווי אמתע ים־לייט. דער ים — אָט דער אייביקער שטורעמדיקער לעבנס־כוח, וואָס האָט קיין צוים און קיין תחום נישט און וואָס רופט מיט דער אומבאַגרע־נעצטער ווייטקייט זיינער צו פ ר י י ה י י ט — אָט דער ים וועקט און מונטערט אויף אַלע לעבנס־כוחות: שלאָפט נישט! און באמת, פאַראַן אַ ווילן צו באַוועגן זיך, אָן אויפהער, אָן אָפּשטעל; צו געבן אַן אָפּפּלום דער געצווימטער, ביז איצט, קראַפט. איך בין גליקלעך וואָס איך קען זיך פאַרנעמען מיט די קראַנקע. איך בין צופרידן צו ראַטעווען זיי פון חלשות, צו פאַרבינדן זייערע אַ ווונד, און תמיד און שטענדיק צו טראָגן זיי הילף. דער דאַנקבאַרקייטס־אויסדרוק אין זייערע בליקן גיט נאָך צו מער כוח און שטאַרקט דיך אין דיין אַרבעט.

אונזער גרעסטע זאָרג זיינען די האַרץ־ליידנדיקע. פאַר זיי איז דאָך די איינ־ציקע היילונג — רו. און אָט האָט זיך גאָר דעם הפקרותדיקן ריז פאַרגליסט היינט צו צעשפּילן זיך מיט אונזער נוסן־שאָלעכץ. פאַרשווונדן איז די העלקייט פון זיין שטערן און אַ בייזער שטורעם האָט אַרומגעכאַפּט זיינע כוואַליעס. זיי וואַרפן זיך איצט צאָרניקע און ברויזנדיקע אויפן דעק אונזערן, צעברעקלען זיך אויף דראָב־נינקע שטיקלעך און דרינגען אַריין אין יעדן ווינקל. דער ווינט מיט זיינע לאַנגע אָרעמס רייסט אַראָפּ פון דער שיף דאָס ביסל איינריכטונג פון אונזער בעל־ביתיש־קייט און צעוואַרפט עס אין דער אַרומיקער אומענדלעכקייט. די שיף שפּרינגט פון כוואַליע אויף כוואַליע ביי דער באַגלייטונג פון מעכטיקע קלעפּ פון די דונערן. פּלוצים פּלאַצט ווי אַ בלאָטער די הימל־שוואַרצקייט און שטראָמען וואַסער פאַר־פילן אַלץ אַרום.

ערשט אין אָוונט האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט. די כוואַליעס, פאַר־מאַטערטע און מידע, קערן זיך צוריק צום שוים פון ים. אָפּגעשוואַכטע פון גע־ראַנגל מיטן שטורעם, אָטעמען מיר ענדלעך ברייט אָפּ.

עס קומען אויף אונז רואיקע טעג.

*

היינט אינאָוונט פאַלט אויס יום־כפור! מען גרייט זיך. אפילו דער ים אַליין גרייט זיך אויך — צו אַ שטורעם. די ערשטע סימנים זאָגן עדות, אַז ער וועט זיין שטאַרקער פון דעם ערשטן. נאָר די איינציקע נחמה אונזערע איז: ס'איז נישט האַלבע־נאַכט איצט. הגם די טאָג־ליכט באַרואיקט אבסאָלוט נישט דעם כוואַליעס־גערויש און דערנענטערט נישט דעם ברעג, איז אָבער פאַרט היימלעכער.

יום־כיפור — צווישן הימל און וואַסער, נאָך לאַנגע יאָרן פון וואַנדערונגען און ליידן, בשעת וועלכע עס זיינען פאַרשווונדן און פאַרגעסן געוואָרן יוגנט און פרייד, און אַלץ וואָס רופט זיך: לעבן. היינט שטייען מיר פאַרן יום־הדין ריין פון יעדער זינד און חטא. פאַר דער נאַציאָנאַלער זינד איז שוין דאָס פאָלק גענוג גע־שטראָפט געוואָרן און האָט שוין טויזנטפאַכיק באַצאָלט און געליטן.

די „כל־נדרי"־תפילה באַרואיקט און שטילט איין די כוואַליעס.

*

אַ פאַרגוטיקונג פאַרן שווערן טאָג, וואָס איז אַוועק — איז פאַר אונז דער היינטיקער אָפּרו ביי די ברעגעס פון די גריכישע אינזלען. מאָרגן — דער לעצטער

אַפּשניט פון אונזער נסיעה. די בערגיקע ברעגעס טראָגן אויף זיך אַ מלכותדיקע מאַיעסטעטישקייט און דער פּרעכטיקער פּעיזאַזש, וואָס צעלייגט זיך פאַר אונזערע אויגן, פאַרטרייבט יעדע מידקייט.

פּלוצלונג — פייף־סיגנאַלן און אויסרופן דערטראָגן זיך צו אונז פונם ברעג: „דערנענטערט זיך, קאַפּיטאַן! ווייזט, וואָס איר פירט אויף דער שיף...״

אַ טויט־שטילקייט.

די שיף באַוועגט זיך פּאַמעלעך אויף צוריק. פון די בערג דערטראָגן זיך נאָך שטאַרקערע רופן. זיי עפענען אויף אונז אַ פייער, און קוילן הויבן אָן צו שווישטשען איבער אונזערע קעפּ, שלאָגן זיך אָן אין די ווענט און פאַלן אין וואַסער אריין. אָבער אָט הויבט אָן דער מאָטאָר צו אַרבעטן — און מיט דער פולער פאַרע אַנטלויפן מיר אין אָפענעם ים אריין. דער קוילן־האָגל דויערט נאָך אַלץ, אָבער מיר האָבן זיך שוין אַרויסבאַקומען פונם געפערלעכן באַשיסונגס־שטח.

מיר זיינען פון איין סכנה אַרויס, און שוין שטייען מיר פאַר אַ צווייטער: דער מאָטאָר איז פּלוצים שטיל געוואָרן! אונזערע הערצער הערן אויף צו קלאַפּן. איז דען שוין אַלץ פאַרלאָרן? אָ, ווי שרעקלעך לאַנג זיינען די מינוטן! — אַ גרופּע אַרבעטער מייסטרעוועט פיבערהאַפט ביים מאָטאָר. זיי האָבן געזיגט! עס דערהערט זיך דער טיק־טאַק פונם מאָטאָר און צוזאַמען מיט אים הויבן אונזערע הערצער ווידער אָן צו קלאַפּן.

ס'איז שוין האַלבע־נאַכט, איצט קען מען אַביסל אָפּרוען זיך.

עס דערקוטשען אונז אָבער טויזנטער פראַגן: פאַרוואָס? פאַרוועןן? פאַרוואָס קומט דאָס אַלץ אונז? איז נאָך דער כוס נישט פול? — די לעצטע יסורים דאָס איז דער לעצטער אויסלייזונגס־שטייער וואָס מיר צאָלן פאַרן זכות צו קומען קיין ארץ־ישראל — — —

*

מאָרגן קומען מיר צו צום ברעג! — און דער לעצטער טאָג איז אַזוי לאַנג און אַזוי שווער! שווערער ווי אַלע פריערדיקע. קיינער טאָר נישט אַרויפגיין אויפן דעק, און די זון ברענט און בראָט אָן רחמנות. נישטאָ קיין לופט צום אָטעמען. נישטאָ מער קיין מעדיקאַמענטן, אַלץ האָט זיך שוין אויסגעשעפּט. נאָר דער איינציקער געדאַנק, אַז נאָך היינט וועלן מיר עולה זיין, — נאָר אָט דער געדאַנק שטאַרקט אונזער גייסט, היילט די וווּנדן.

פון דער פינצטערניש בליכן אַרויס פון ווייטן דיינע ברעגעס, דו טייער לאַנד מיינס!

דעם גאַנצן טאָג רירן מיר זיך נישט פון אָרט. איבער אונזערע קעפּ, גאָר נידריק, קרייזן ענגלישע אַעראָפּלאַנען. מיר וואַרטן אויף דער נאַכט, בכדי ווי גנבים אַריינצוקומען אין אונזער היים. דאַסמאָל וועט די נאַכט־פינצטערניש אונז בייהילפיק זיין...

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. פון די ברעגעס רעדט מען צו אונז מיט דער ליכטער־שפּראַך. מען באַפעלט אונז צו דערנענטערן זיך — מיינע געדאַנקען אָבער וואַנדערן שוין איצט אויף די זאַמדיקע ברעגעס פון לאַנד.

פון דער פינצטערניש בלאַנקען אַרויס ווייסע זעגלען. קורצע אָפּגעהאַקטע שאלות און תשובות. יונגע אָרעמס וואַרפן אונז צו אַ שטריק — פון דעם מאָמענט זיינען מיר שוין פאַרבונדענע, מיר זיינען שוין דאָאיקע!

צוערשט נעמט מען ארויס אויפן ברעג די קראנקע, פארזיכטיק און מיט ציטערדיקע הענט.

עפּעס א מאָדנער געפיל פּילט אָן דאָס האַרץ און רייסט זיך אַרויס איבער זיינע ברעגעס: צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן גיסן זיך טרערן פון אונזערע אויגן.

אין דער פולסטער שטילקייט קומען און גייען אָפּ די לאָדקעס, אויף וועלכע די גרופּן גייען אַרויף לויטן פריער באַשטימטן סדר. איך בין מיט דער לעצטער גרופּע — און איך האָב די געלעגנהייט צוצוקוקן זיך צו אַלץ, און אַלעמען, איבערצולעבן אָט די דאָזיקע לעגענדאַרע ווירקלעכקייט ביז צו איר פולענדיקונג. זי וועט בלי שום ספק פארפולן מיין לעבן ביז צום לעצטן טאָג מיינעם.

אָט איז שוין געקומען די ריי אויף מיין לאָדקע און זי שווימט שוין צום ברעג. דער ים קומט אין איילעניש צום ברעג צולויפן און איז מבשר בקול רם: געבענדיקט מיין שליחות! פון דאַנעט קערט ער זיך צוריק צו דער שיף, צו די דריי, וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן. זיי האָבן געשווירן אַז זיי וועלן אַזוי לאַנג וואַנדערן איבער דעם זעלבן וועג אהין און צוריק, אהין און צוריק, ביז זיי וועלן ברענגען די אַלע, וואָס וואַרטן נאָך דאָרטן...

דער ווינט טראָגט זיי נאָך א ברכה פון דער יבשה — און דאָס רויטע פייערל ווערט וואָס אַמאָל קלענער און קלענער, ביז עס פאַרשווינדט אינגאַנצן.

אויף די אַקסלען טראָגט מען אונז פון די לאָדקעס אויפן ברעג אַרויס. מיינע פיס שניידן דאָס וואַסער, וואָס וואַשט פון זיי אָפּ דעם שטויב פון די וועגן. צום הויכן ברעג וויל איך אַליין דערגרייכן.

עס פאַלן שטילע באַפעלן. מיר גייען באַרג־אויף, איבער א שמאָלער באַרג־סטעזשקע. אַלץ איז דאָ אַזוי געהויבן, אַזוי הויך, העכער פון דער ערד, איבער דעם לעבן אַליין.

אינם שויס פון די בערג מאַכן מיר דעם ערשטן אָפּרו. א דורכזיכטיקע העלע שטילקייט הילט איין אין זיך דעם סוד פון אונזער קומען אַהער...

איך גראָב איין מיין פּנים אין דער שויס פון דער מאַמע־ערד און מיינע הענט גלעטן ציטערנדיק דעם ווייכן זאַמד. איך דריק אים צו מיין האַרצן און איין איינציקער באַגער באַהערשט מיך אינגאַנצן:

אויסמישן זיך מיט אָט דעם זאַמדיק־גרויען און סון; — כדי אויפצושטיין א באַנייטע, צו א ניי לעבן.

גליל־ים. חנה זילבערצווייג

# אויך פון צפון עפנט זיך א טויער...

## אין אַ שליחות אין די מזרח־לענדער

דמשק, יולי 1945.

די שטאָט איז כמעט אויסגעלײדיקט פון ייִדישע יוגנטלעכע. אַלע האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אינם קלוב פון „החלוץ", וואָס האָט שטענדיק געווימלט פון הונדערטער יוגנטלעכע, הערשט איצט אַ שטילקייט. נאָר אַ קליינע צאָל ייִנגלעך און מיידלעך קומען נאָך אַהער זיך ווײַלן. אויך דער סקאַוטן־קלוב איז פּוסט. די גאַנצע יוגנט זייַנע האָט אים פאַרלאָזט און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. די מעבל פונם קלוב זיינען אין אָרדענונג. אויף דער וואַנט הענגט נאָך די פאָן: „הצופה הישראלי". עס בלישטשען די אויסגעפּוצטע שטאַלענע העלמען און מ'זעט אויף די ווענט פּאָרטרעטן פון די ציוניסטישע מנהיגים און נעבן זיי פון די פירער פון דער מדינה.

דער מדריך פון די סקאַוטן איז איינער אַליין נאָר געבליבן. ער קומט אַהער יעדן טאָג, רייניקט אויס דעם קלוב און ענטפערט אַלע די, וואָס קומען באַזוכן דעם קלוב — דער רוב פון זיי, סקאַוטן־אינסטרוקטאָרן פון שטאָט, וואָס קומען נאָכ־פרעגן זיך אויף די חברים פונם קלוב.

אין די גאַסן זעט מען נאָך די סימנים פון די לעצטע אומרוען. די שויבן פון די וויטרינעס צעבראָכן און דורכגעלעכערט פון קוילן. די פענצטער האָט מען נאָך נישט פאַריכט, און דאָס צעבראָכענע גלאָז האָט מען צונויפגעזאַמלט אין איין הויפן און אים באַצירט מיט אַן אויפשריפט: „זעט די פראַנצויזישע קולטור פון 20־סטן יאָרהונדערט". די פאַרלאַמענט־געביידע איז חרוב, און אירע ווענט זעען אויס ווי אַ רעשעטע, אַזוי זיינען זיי דורכגעלעכערט געוואָרן פון ביקסן־ און מאַשין־געווער־קוילן. אין איינער אַן אויסלאַגע, זיינען אויסגעשטעלט די בילדער פון די קרבנות פון די אומרוען. אַלע פראַנצויזישע אויפשריפטן אויף די שילדן זיינען אויסגעמעקט געוואָרן און אין אַלע סינעמאַס, פאַר יעדער פאַרשטעלונג, זינגען די פאַרזאַמלטע שטייענדיקערהייט דעם נאַציאָנאַלן הימן.

אין דער פּרעסע הערט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער דער שאָוויני־ניסטישער טאָן. טאָג־טעגלעך באַווייזן זיך אַנטי־פראַנצויזישע און אַנטי־ציוניסטישע אַרטיקלען. דאָס סירישע מיליטער האָט אַראָפּגעוואָרפן די פראַנצויזישע און אָנגעטון ענגלישע מונדירן, און אַלע מיליטער־לייט און פּאָליציסטן טראָגן ענג־ליש געווער. אין די גאַסן פאָרן אַרום ענגלישע געפּאַנצערטע אויטאָס באַצירט מיט דער סירישער פאָן. אויף יעדן שריט און טריט ענגליש מיליטער און די שטאָט־איינוווינער רעדן וועגן זיי ווי וועגן זייערע אויסלייזער. גייענדיק איבער די גאַסן פילסטו זיך נישט נאָר ווי אין דער פרעמד, נאָר אויך ווי אין אַ פיינטלעך לאַנד.

די פּאָליציי זוכט צווישן די ייִדן שפּיאָנען, וואָס וואָלטן גרייט געווען איבער־

צוגעבן זיי ווען דער טעטיקייט פון די ארץ־ישראלדיקע שליחים. אין דער תפיסה זיצן שוין דריי יונגעלייט פון ארץ־ישראל, וועלכע מען האָט געכאַפּט ביי דער גרעניץ. אַ בריטישער אָפיציר פירט די אויספאָרשונג און באַנוצט זיך דערביי מיט סאַדיסטישע פייניקונגס־מיטלען.

ביירוט, אויגוסט 1945.

טאָג־טעגלעך באַווייזן זיך אין די צייטונגען אַנטי־ציוניסטישע ידיעות און אַרטיקלען. עס ווערן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ליבאַנעזער פאַרקויפן די יידן באָדן, און אַז די ציוניסטן פּלאַנעווען אַריינצודרינגען קיין לבנון, כדי צו פאַרכאַפּן דעם דרום־טייל פון לאַנד און איינשליסן אים צו ארץ־ישראל. גלייכצייטיק ווערן די דאָזיקע קלאַנגען באַגליט מיט אויפרופן, צו ראַטעווען און צו העלפן „אונזערע אַראַבישע ברידער אין פּאַלעסטין". די צייטונגען ברענגען אויך ידיעות, אַז עס גרייטן זיך צוזאַמענשטויסן צווישן יידן און אַראַבער אין א"י און די צייטונגס־פאַרקויפער פאַרשטאַרקן נאָך די בהלה מיט ליגנערישע אויסרופן. די מוסולמענישע יוגנטלעכע פאַרשפּרייטן דאָס בילד פון חאדזש אמין על הוסייני, מיט דער אונטערשריפט: „די ליבאַנעווער יוגנט פאָדערט דעם צוריקקער פון זיין הייליקער מאַיעסטעט אין זיין לאַנד". די בילדער זיינען אויך אַרויסגעשטעלט אין אַלע מוסולמענישע געשעפטן און קאַפע־הייזער, וואָס געפינען זיך אינם שטאָט־צענטער.

אַ גרופּע אַראַבער פון די גרענעץ־דערפער האָבן געפינען אַ באַשעפטיקונג: צו באַרויבן די גרופּן פון עולים. האָבן עטלעכע בחורים פון ארץ־ישראל אַרויסגעלאָזט זיך אויף די וועגן, דערשנאַפּט די אַראַבישע אָנפאַלער און זיי צעשלאָגן די ביינער. עטלעכע אַראַבער, וועלכע ס'איז געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון די יידישע הענט האָבן זיך געוואָנדן צו דער סירישער פּאָליציי, און די לעצטע האָט גערופן צו הילף דאָס גרענעץ־מיליטער. גוט־באַוואָפנטע האָבן די לעצטע זיך אַ לאָז געטון אויף די בחורים און אַרומגערינגלט זיי. אָבער די יונגעלייט האָבן געענטפערט ווי געהעריק און די זעלנער האָבן זיך געמוזט צוריקציען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אין דער פּרעסע באַוויזן אַ באַשיידענע ידיעה וועגן אַ שיסעריי־אויסטויש „צווישן ציוניסטישע גרענעץ־שמוגלער און דער גרענעץ־וואַך. ווי נאָר די גרענעץ־וואַך האָט געעפנט אויף זיי אַ פייער, זיינען די ציוניסטן אַנטלאָפן".

אָקטאָבער 1945.

ס'איז זייער לאַנגווייליק אין תפיסה־קעלער. פינצטער און נאַס. אין אונזער צעלע זיצן פינף מאַן: איינער, וואָס האָט זיין טאָכטער דערשטיקט, דער צווייטער, וואָס האָט זיין פאָטער דערשטאָכן און די איבריקע פאַר גרענעץ־שמוגל. אויף די ווענט — העברעאישע אויפשריפטן, אָנגעשריבענע דורך די, וואָס זיינען דאָ געזעסן. צווישן די אויפשריפטן — נעמען פון בחורים פון די קיבוצים אין א"י.

צו עסן באַקומט מען דריי קליינע פּלעצלעך אויסגעבאַקענע פון פּסולת־מעל, און אַביסל טייטלען אָדער פייגן. דאָס דאַרף סטייען אויף אַ גאַנצן טאָג, אָבער אין דער אמתן סטייעט עס נישט אפילו אויף איין מאָלצייט. ווער עס האָט געלט קען זיך צוקויפן. דער שטרוי־זאַק און די קאָלדרע גייען אויפן חשבון פון אַרעסטירטן (די תפיסה־לייטונג גיט נאָר אַ פּריטשע). און דאָס קאָסט איין סירישן פונט מיט אַ פערטל (אינם זעלבן שטעטל צאָלט מען פאַר אַ האָטעל־צימער נאָר אַ האַלבן סירישן פונט).

די באַציונג פון די אויפזעער איז אַ פריינטלעכע, זיי קוקן נאָר אַרויס

אויף „באקשיש", בפרט ווען דער אַרעסטירטער איז אַ ייד, און אַ ייד האָט דאָך שטענדיק „קלינגנדיקע" אין דער קעשענע. ווי איז אָבער צו איינעם, וואָס בונטעוועט זיך. די אויפזעער דערלאַנגען דעמאָלט מיט די ביקסן־קאָלבעס און שטעקענער און דערגייען אים די יאָרן.

***

מען האָט מיך באַפרייט. נאָך דעם אָפּזיצן אינעם פינצטערן תפיסה־קעלער, גענים איך איצט מיט פולע ברוסטן פון דער פרייהייט און פון דער הימל־שיינקייט.

מיר זעצן פאָר אונזער אַרבעט, טראָץ דעם, וואָס די אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע וואַקסט פון טאָג צו טאָג.

די צייטונגען דערציילן וועגן צענדליקער יידן וואָס גנבנען זיך אַריבער טאָגטעגלעך קיין ארץ־ישראל, און זיי פאָדערן פון דער רעגירונג אָנצונעמען האַרבע מיטלען. דער אינערן־מיניסטער האָט אויף דער פּאַרלאַמענט־זיצונג פאָרגעשלאָגן צוציען דאָס ליבאַנעזער מיליטער צו היטן די גרענעצן; מען גיט אויך איבער, אַז מען האָט פאַרשטאַרקט די גרענעץ־פּאָסטנס און אַז מען פירט דורך אַ מאָביליזאַציע פון מענטשן צום געהיים־דינסט.

# די נאַכט אין עתלית

## א.

10 אָקטאָבער 1945, אָפיציעלע מעלדונג:

אַ גרעסערע אָפּטיילונג פון יידן, באַוואָפנטע אין ביקסן, רעוואָלווערן און אין קינזשאַלן האָבן דעם 9־טן אָקטאָבער, צווישן 1 און 1.30 ביינאַכט, אָנגעגריפן דעם „קאָנטראָל״־לאַגער אין עתלית. צען אַראַבישע וועכטער, וועלכע האָבן געהאַלטן שמירה אינם לאַגער זיינען צעשלאָגן געוואָרן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן, דאַן האָט מען זיי געבונדן און פאַרשטאָפּט זיי די מיילער, אויך דעם יידישן וועכטער האָבן זיי געבונדן אָבער נישט צעשלאָגן. די אָנפאַלער האָבן איבערגעריסן די טעלע־פאָן־דראָטן און דורך אַן עפענונג, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דער פאַרצוימונג פון די שטאַכל־דראָטן, וואָס רינגלט אַרום דעם לאַגער, האָבן זיי אַרויסגעפירט 208 אומלעגאַלע עולים און אַנטלאָפן מיט זיי אויף יענער זייט פון הר הכרמל.

בשעת דער זוכונגס־אַקציע, וואָס איז באַלד דורכגעפירט געוואָרן האָבן יידן, באַוואָפנטע אין ביקסן, קוילן־וואַרפער און גראַנאַטן באַשאָסן פון אַ באַהעלטעניש אַ גרופּע פּאָליציסטן. איין בריטישער פּאָליציסט איז דערהרגעט, און איין אַראַבישער פּאָליציסט איז שווער פאַרווונדעט געוואָרן. באַלד נאָכדעם האָט די פּאָליציי גע־כאַפּט נישט ווייט פון דעם אָרט ניין אויטאָס מיט זייערע שאָפערן.

זייגער אַכט אינדערפרי האָט אַ פּאָליציי־אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער זוכונגס־אַקציע, פאַרהאַלטן אויפן הר־הכרמל, נישט ווייט פון יגור, אַ גרופּע פון 50 יידן. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זיינען דאָס געווען אומלעגאַלע עולים. פון דער גרופּע זיינען ניין מאַן פאַרהאַלטן געוואָרן, די רעשט איז זיך צע־לאָפן אין די בערג. בשעת מען האָט געפאָרשט די ניין פאַרהאַלטענע, איז אָנגעקומען אַ גרופּע יידן, באַוואָפנט אין הענטלעך פון לאָפּאַטעס און האָבן געצוואונגען די פּאָ־ליציסטן צו באַפרייען די פאַרהאַלטענע, מיט וועלכע זיי זיינען באַלד פאַרשוווּנדן. די פּאָליציסטן האָבן נישט באַנוצט קיין כלי זיין געווער.

*

אין דער לעצטער צייט האָבן זיך אין עתלית געפונען העכער 200 מעפּילים, פון וועלכע 180 זיינען געקומען פון אייראָפּע און עטלעכע צענדליקער פון די בשכנותדיקע, צו א״י, לענדער. דער רוב פון די ערשטע זיינען באַפרייטע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און האָבן דורכגעמאַכט אַ שרעקלעכן וואַנדער־וועג, ביז זיי האָבן זוכה געווען צו דערגרייכן די ברעגעס פון ארץ־ישראל. אין עתלית געפינען זיך שוין די פאַרהאַלטענע איבער אַ מאָנאַט צייט, וואַרטנדיק אַלץ אויף דער באַפריי־אונג. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן פאַרביטערונג און אויפ־רעגונג.

מיטוואָך פאַרטאָג האָבן זיי מיט דער הילף פון דרויסן, איבערגעהאַקט די שטאַכל־דראָטן, וואָס רינגלען אַרום דעם לאַגער און זיי זיינען בשלום אָנגעקומען אין די קאָלאָניעס, וואָס געפינען זיך אַרום חיפה. בעת דער באַפרייונג פונם לאַגער האָבן זיי בכוונה אויסגעמיטן אָנצוגרייפן די לאַגער־וועכטער. אינדערפרי האָט די פּאָליציי אַרומגערינגלט די צוויי קאָלאָניעס בית אורן און יגור. ווי נאָר מען האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט אין חיפה האָבן טויזנטער מענטשן אָנגעהויבן שטראָמען פון חיפה צו די קאָלאָניעס. די באַלאַגערונג פון די קאָלאָניעס האָט זיך פאַרצויגן ביז די מיטאָג־שעהן.

## ב.

די אָפיציעלע מעלדונג האָט פאַרהוילן דעם עצם פאַקט, וואָס האָט גע־שטויסן צו באַפרייען מיט כוח די מעפּילים אין עתלית, און נעמלעך דעם פאַקט, אַז ס'איז גרייט געווען אַ באַפעל צו פאַרטרייבן פון לאַנד 37 פון די מעפּילים.

די באַפרייער האָבן באַשלאָסן אויסצומיידן ביז צו דער לעצטער מעגלעכקייט אַזעלכע מיטלען, וואָס וואָלטן באַדראָאָט דאָס לעבן פון די פּאָליציסטן און וועכטער. זייער איינציקער ציל איז געווען, צו באַפרייען די מעפּילים.

עטלעכע פון די אַרעסטירטע אינם לאַגער זיינען געשטאַנען אונטערן חשד, אַז זיי האָבן געהערט צו דער „פינפטער קאָלאָנע" און האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט די נאַצים. די דאָזיקע מענטשן האָט מען אָפּגעזונדערט און פאַרשלאָסן זיי אין אַ באַזונדער צימער, כדי זיי זאָלן נישט שטערן אין דער אַקציע. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען יענע „קריסטלעכע פרוי" וואָס האָט געפירט אַ שונד־הייזל פאַר די ס.ס.־אָפיצירן, און וועגן וועמענס טויט איז שוין אָפיציעל געווען געמאָלדן.

די אָפיציעלע מעלדונג וועגן איבערפאַל האָט געזאָגט אַ ליגנט, איבערגעבנדיק, אַז די וועכטער זיינען צעשלאָגן געוואָרן מיט די ביקסן־קאָלבעס, — ווייל די באַ־פרייער האָבן בכלל נישט געהאַט קיין ביקסן, אַ געווער, וואָס טויג אבסאָלוט נישט צו אַזאַ אַקציע. די ייִנגלעך האָבן פשוט זיך געוואָרפן אויף די וועכטער, זיי געבונדן און אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלן נישט שטערן אין באַפרייען די אַרעסטירטע, וועט זיי קיין האָר פון קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן.

אייגנטלעך האָבן די וועכטער געקענט שטערן נאָר מיט געוואַלדן, ווייל די באַ־פרייער האָבן באַלד ביים אָנהויב פון דער אַקציע קאַליע געמאַכט די ביקסן פון די וועכטער. און איינער פון זיי האָט אַפילו צוויי מאָל פּרובירט אויסצושיסן, אָבער אָן דערפאָלג.

די באַפרייטע זיינען אַרויס פון לאַגער און אונטערן שוץ פון די באַפרייער האָבן זיי זיך געלאָזט צום הר הכרמל. אַ קליינע גרופּע וואָס איז געגאַנגען פאָרויס האָט פּלוצים דערזען אַ ליכט־שיין פון אַן אויטאָ. איינער פון זיי איז אַרויס פון באַהעלטעניש, און אָנוועקגעשטעלט זיך אויפן שאָסיי. ווען דער אויטאָ איז אָנגע־קומען, האָט ער אין ענגליש און אין אַראַביש געבעטן די פּאַסאַזשירן פון אויטאָ זיך צוריקצוקערן. אַלס ענטפער האָבן זיך אויף אים אַ שיט געטון צוויי סעריעס פון אַ קוילן־וואַרפער. די ייִנגלעך האָבן דאַן געוואָרפן אויפן אויטאָ צוויי גראַנאַטן און אים צעשטערט. דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס האָט ליידער גורם געווען דעם טויט פון איין בריטישן פּאָליציסט. די אַנדערע זיינען פאַרוווּנדעט געוואָרן.

נאָכדעם, ווי די גרופּע איז דורכגעגאַנגען בשלום, איז פון בית־אורן אַרויס די

ערשטע הילף צו די פאַרווונדעטע, אויפן וועג, פּאָליציסטן. זיי זיינען אָבער אַרעס־טירט געוואָרן און ערשט צומאָרגנס האָט מען זיי באַפרייט.

ווי גרויס ס'איז געווען די סכנה, וואָס האָט געדראָט די גראַטעוועטע, זאָגט דער פאַקט, אַז באַלד נאָכן צוזאַמענשטויס איז אויף דעם אָרט אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל געפּאַנצערטע אויטאָס.. אָבער הן די פּאָליציסטן און הן די יידן, וואָס האָבן זיך באַלד צאָלרייך קאָנצענטרירט אין בית־אורן און אין יגור, האָבן זיך געהאַלטן אין די ראַמען און עס איז נישט געקומען צו קיין בלוט־פאַרגיסונג.

דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן: מען האָט באַפרייט אַלע מעפּילים און קיי־נער פון זיי איז נישט אַרעסטירט געוואָרן; אויך פון די באַפרייער איז קיינער נישט פאַרהאַלטן און נישט פאַרווונדעט געוואָרן.

די דאָזיקע באַפרייונג פון די מעפּילים איז געווען אַ געוואַגטע אונטערנעמונג, אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און אַ שווערע. איבערפירן אומבאַמערקטערהייט צוויי הונ־דערט מענטשן דורך אַ שווערן וועג, איז נישט פון די קליינע זאַכן, בפרט אַז צווישן זיי זיינען געווען פרויען און קינדער און אויך איין פרוי מיט פיר קינדערלעך, פון וועלכע דער יינגסטער איז אַלט געווען 2 יאָר.

אַלע זיינען זיי בשלום אָנגעקומען צום באַשטימטן און זיכערן אָרט און איצט זיינען זיי פרייע מענטשן, וואָס אַרבעטן און בויען דאָס לאַנד.

„קול ישראל"

## ג.

דעם 8 אָקטאָבער האָבן מיר באַקומען דעם פּאַלגנדיקן באַפעל: „אין משך פון דריי טעג מוז מען באַפרייען די פאַרשפּאַרטע, אין עתלית, מעפּילים, און איבערפירן זיי אין זיכערע יידישע קאָלאָניעס. די באַפרייונג מוז דורכגעפירט ווערן אונטער יעדן באַדינג. די סיבה: — דער גירוש־באַפעל, וואָס הענגט איבער זייערע קעפּ, און וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן אין די גאָר נאָענטסטע טעג".

אַ שווערע און ערנסטע אויפגאַבע, וועמענס דערפאָלג איז אָפּהענגיק נישט נאָר פון דער אויספיר־פעיקייט פון דער גרופּע, וואָס דאַרף דורכפירן די באַפרייונג, נאָר אויך פון דעם פאַרהאַלטן זיך פון די מעפּילים, וואָס האָבן דאָך קיין שום אָנונג נישט וועגן דעם, וואָס דאַרף באַלד מיט זיי געשען, נאָר וועלכע פאַרמאָגן דעם שטאַרקן ווילן באַפרייט צו ווערן. מיר האָבן נישט געקענט פּאָרויסזען, ווי אַזוי זיי וועלן זיך פאַרהאַלטן אין די באַדינגונגען, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן דער גאַנג פון דער אַקציע.

מיר זיינען באַלד צוגעטראָטן צו די צוגרייטונגען. עס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויסשפּיר־גרופּן, וועמענס אויפגאַבע איז געווען, אויסצופאָרשן דעם לאַ־גער, זיין פאַרפעסטיקונג, די כוחות און די אָרגאַניזאַציע פון דער שמירה אַרום און אינם לאַגער, די וועגן צוצוקומען צו אים און פון צוריקציען זיך פון אים. זיי האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, אויסגעפאָרשט אַלע אומשטענדן מיט דער גרעס־טער פּינקטלעכקייט, און לויט די באַקומענע איינצלהייטן איז אויסגעאַרבעט גע־וואָרן אַ גענויער פּלאַן פון דער אַקציע.

*

נאַכט. גרופּנווייז מיט די קאָמענדאַנטן אין דער שפּיץ, באַוועגן זיך די מענטשן אין דער פינצטערניש און שאַרן זיך צו דורך די בערגלעך פון כרמל, צו אַ פּונקט,

# עתלית־לאַגער



דורך אָט דעם טויער גייט מען אַריין אין עתלית-לאַגער



אינם עתלית-לאַגער

וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט פון בארג, אין א טאָל, צו וועלכן מען מוז צו־קומען נאָך איידער עס ווערט טאָג.

אין דער באַשטימטער שעה, געפינען זיך שוין אַלע אין דעם קאָנצענטרירונגס־פונקט. דאָ באַקומט יעדער איינער אַן אָנווייזונג צו פאַרשטעקן זיך ערגעץ־ווו במשך פון דעם גאַנצן טאָג, ביז צו דער קומענדיקער נאַכט.

ביינאַכט אויפן צענטן אָקטאָבער.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט ווערן אַלע צוזאַמענגערופן צו א ראַפּאָרט. די אַפּטיילונג געפינט זיך אין דער פולסטער אויסשטאַטונג. אַלץ קומט פאָר אין דער פולסטער שטילקייט און פּאַרזיכטיקייט. די מענטשן פילן, אַז זיי גייען איצט אויס־פירן א וויכטיקע אויפגאַבע, נישט ווִיסנדיק אַפילו, מיט וואָס זי שמעקט. אין אַן אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג ווילן זיי שוין דערהערן דעם באַפעל, און ווען ער קומט — איז די שטילקייט אַזוי טיף, אַז מען הערט דעם געשאָרך פון א פליג...

און אָט דערהערן זיך די ווערטער: „מיר דאַרפן היינט ביינאַכט באַפרייען די מעפּילים פון עתלית. דאָס מוז געשען ביי אַלע אומשטענדן...”

דער פּלאַן פון דער אַקציע ווערט קלאָר איבערגעגעבן, יעדע גרופּע באַקומט אירע פּרעציזע אויפגאַבן: ווער עס דאַרף אָראָפּנעמען די מיליטער־פּאָסטנס; און ווער אַריינרייסן זיך אין לאַגער אַריין, ווער עס דאַרף פאַרזיכערן דעם אַרומיקן שטח פון דער אַקציע, ווער וועט היטן דעם קאָנטאַקט צווישן די גרופּן, און ווער וועט טראָגן די ערשטע הילף.

דערביי מוז פאַר יעדן פּאַל אויסגעמיטן ווערן בלוט־פאַרגיסונג. פון יעדן איי־נעם פאָדערט זיך קאַלטבלוטיקייט און פאַרשטאַנד, כדי צו קענען מיט פעסטקייט באַשליסן, ווען און ווי אַזוי אָנצוגרייפן ביים אַריינרייסן זיך אין לאַגער, אינעווייניק, ביים ריקצוג פון אים און אויפן גאַנצן ברייטן שטח אַרום אים.

דער קאָמענדאַנט לוסטרירט די רייען. עס קוקן אויף אים פון דער פינצטערניש אַרויס פריידיקע און בלישטשענדיקע אויגן פון די בחורים און מיידלעך, וואָס רייסן זיך צום קאַמף, באַהערשט פון א געפיל פון קדושה, וואָס די אויפגאַבע טראָגט אין זיך. ער זעט פאַר זיך צעוואַקסענע, ברייט־פּלייציקע קעמפערס, וועמענס הענט האַלטן פעסט דאָס ציכטיק אויסגעפּוצטע געווער, און ער פילט מער, ווי ער זעט, דעם ברייטן שמייכל, די האַרציקע חברישקייט, די גרייטקייט און אָט די פשטות, אין וועלכער ס׳ליגט אַזוי פיל קראַפט.

*

די גרופּן צעגייען זיך איצט, יעדע אויף איר פּאָסטן. די נאַכט מיט איר שטיל־קייט און געהיימניספולקייט איז ווי א געשפּענסט פאַר דעם צעטומלטן, פאַר דעם נישט־אויסגעאיבטן; אָבער זי איז ווי א גוטער פריינט, ווי אַן אויסגעפּרוווטער גע־הילף פאַר דעם, וואָס איז מיט איר באַקאַנט, פאַר דעם מאַן פון דער אונטערערד, פאַרן „גדעון” וואָס קעמפט מיט די מדיינים.

„גדעון” קען די נעכט אויפן כרמל — ווי זיינע צען פינגער. נישט אומזיסט האָט ער אים דורכגעשפּאַנט און אויסגעמאָסטן, אַריינגעגנישטערט און אויסגעשפּירט יעדן קנייטש זיינעם, יעדע פעלז, און יעדעס ווינקעלע.

די גרופּן האָבן דערגרייכט זייערע פּאָסטנס און גרייטן זיך צום קאַמף. איצט קומען אָן די דעצידירנדיקע מאָמענטן. דער דערפאָלג און דער גאַנצער גאַנג פון

דער אַקציע איז אָפּהענגיק פון דעם, צי וועט געלונגען צו באַזייטיקן די מיליטערישע פּאָסטנס. אָדער עס וועט אויסברעכן אַ קאַמף צווישן די שטאַכל־דראָטן און באַראַקן, אַ טומל און אַ סאַמאַטאַכע צווישן די מעפּילים, די גרויזאַמע מעגלעכקייט פון קרבנות צווישן די מעפּילים און אפשר אויך אַ פולשטענדיקער דורכפאַל פון דער גאַנצער אַקציע — אָדער זי וועט דורכגיין קורץ און גלאַטיק און אין דער בעסטער אָרדענונג: די מיליטערישע פּאָסטנס באַזייטיקט, די שטאַכל־דראָטן איבערגעריסן, די מעפּילים גייען אַרויס און פאַרשווינדן אין דער נאַכט־פינצטערניש...

*

די, וואָס דאַרפן באַזייטיקן די מיליטערישע פּאָסטנס וואַרטן ביז עס וועט שלאָגן 12, ווען עס בייטן זיך די פּאָסטנס: ווי די שאַקאַלן וואַרפן זיי זיך דאַן פלינק אויף די באַוואָפנטע וועכטער, און איידער די לעצטע האָבן צייט אַרויסצוּלאָזן די פּאַרע פון מויל, ליגן זיי שוין אויף דער ערד געבונדענע און מיט פאַרשטאָפּטע מיילער.

די, וואָס דאַרפן זיך דורכרייסן דורך די שטאַכל־דראָטן ליגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אויף זייערע בייכער ביים ראַנד פונם ליכט־שיין, וועלכן עס וואַרפן די פּראָזשעקטאָרן פון יענער זייט פאַרצוימונג — און אַלע חושים זייערע זיינען אָנגעצויגן ווי די סטרונעס: זיי וואַרטן אויפן צייכן, וואָס דאַרף זיי אָנזאָגן, צו וואַרפן זיך אויף די שטאַכל־דראָטן און איבערשניידן זיי.

פּלוצים ציגדט זיך אָן דער פאַרויס־באַשטימטער סיגנאַל: אַ גרינער לאַמטערן־שיין. ס'איז פּונקט 12. די מענטשן רייסן זיך אויף פון זייערע ערטער, וואַרפן זיך אויף די שטאַכל־דראָטן, שניידן זיי האַסטיק איבער מיט דער הילף פון ספּעציעלע מכשירים, און צעשפּרייטן זיך איבערן באַלויכטענעם לאַגער פון די מעפּילים.

די לעצטע שלאָפן נאָך רואיק און אַנען נישט אַפילו, וואָס עס דערוואַרט זיי אין קורצע מינוטן אַרום. איבערגעוועקטע, קוקן זיי האַלב־פאַרשלאָפענע און דערשראָקענע אויפן מאָדנעם בילד וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר זייערע אויגן: בחורים, באַוואָפנטע אין קוילן־וואַרפערס און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים — קאָמאַנדעווען דאָ מיט זיי, וואַרפן באַפעלן און טרייבן זיי שנעל, שנעל און מיט כוח. זייער שפּראַך — עברית און זייער באַגריסונג — שלום. און צווישן זיי דרייען זיך אויך באַוואָפנטע מיידלעך, וואָס שטרעקן אויס איטלעכן זייער הילף.

וואָס קומט דאָ פאָר? ווער זיינען דען די דאָזיקע מענטשן? איז עס אַ קאָשמאַרער חלום, אָדער אַ ליכטיקע ווירקלעכקייט?

אָבער באַלד קומען זיי צו זיך און אין זייערע אויגן דערקענט מען באַלד, אַז זיי האָבן שוין אַלץ פאַרשטאַנען. אַ שטילער שעפּטשעריי — און באַלד שטעלן זיי זיך אויס ווי געניטע זעלנער. מען הערט אַפילו קיין פּיפּס נישט, בשעת 200 מענטשן, מענער, פרויען, קינדער און זקנים פּאַקן איין זייערע פּעקלעך, שטעלן זיך אויס אין אַ ריי און שפּרייזן שטילערהייט, אַרומגערינגלטע דורך אָט די פרעמדע־נאָענטע בחורים. בשלום זיינען זיי אַרויס דורך דער עפענונג אין דער שטאַכל־דראָטן־פאַרצוימונג, און קיין הונט האָט אַפילו קיין ביל נישט געטון. הונדערטער הערצער קלאַפּן האַסטיק פון פרייד, וועלכע דריקט זיך אויס אינם ברענענדיקן בליק אין די אויגן, אינם ברייטן שמייכל אויף די ליפּן און אין דעם פאַרבאָרגענעם קושן דעם באַגלייטערס האַנט.

די באַוואָפנטע יונגעלייט, וואָס טוען זייער אַרבעט מיט אַזויפיל איינגעהאַלטנ־קייט, פאַרשטאַנד און קאַלטער אויסרעכענונג, האַלטן קוים איין די טרערן, וואָס שפּאַרן זיך פון זייערע אויגן.

שנעל דערווייטערט זיך די מענטשן־גרופּע פונעם לאַגער, וועלכער בלייבט הינ־טער זיי אַ רואיקער און באַלויכטענער. די פּאָליציסטן שלאָפן ווייטער רואיק, די וועכטער ליגן אויף דער ערד פאַרבונדענע און פאַרשטומטע און איבער אַלץ און אַלעמען שפּרייט זיך אויס די נאַכט מיט איר שטילער טונקלקייט.

די מעפּילים מאַרשירן שנעל צו יענער זייט צו פון הר הכרמל. די מעפּילים אינמיטן און די שוץ־גרופּן אַרום זיי. די קליינע קינדערלעך האָבן די בחורים גע־נומען אויף זייערע אַקסלען, זיי דערלאַנגען וואַסער די דורשטיקע און האַלטן אונ־טער די שוואַכע. זיי טוען אויס פון זיך, ווער אַ רעקל, ווער אַ מאַנטל און ווער אַ העמד און גיבן עס אַוועק די מעפּילים, וואָס האָבן קיין צייט נישט געהאַט זיך אָנ־צוטון ווי געהעריק. זיי ציען אַראָפּ פון זייערע פיס די שיך און געבן זיי אַוועק די באָרוועסע מעפּילים, אָדער די, ביי וועלכע די שיך האָבן זיך בשעתן מאַרש צע־ריסן, און אַליין גייען זיי באָרוועס ווייטער, ביז צו דעם פייער, וואָס איז צעלייגט געוואָרן אויף איינעם פון די בערגלעך פונם כרמל. דאָרט אַהין שפּרייזן די טונקע־לע געשטאַלטן, מידע און אויסגעשעפּטע, אָבער זיכערע, ווייל צווישן די בערגלעך פון כרמל פירט דער וועג צום זיכערן אָרט.

יהונתן

# ד.

בריטישע געפאַנגענע מאַטראָזן, וואָס זיינען געבליבן לעבן פון די אונטערגעג־טרונקענע שיפן און זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין ענגע און פינצטערע געפענגעניש־צעלעם אויף דייטשע שיפן — האָבן מיטאַמאָל דערהערט אַ שטים: „דער פלאָט איז דאָ!" — געווען איז דאָס די שטים פון ענגלאַנד.

דער טויער איז מיט כוח אויפגעריסן געוואָרן. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען דער נצחון, דאָס האָט נאָך נישט געענדערט דעם גאַנג פון דער מלחמה. דאָס איז אָבער געווען אַ פעסטער באַשלוס. אָט די שטים: „דער פלאָט איז דאָ!" — האָט דערגרייכט צו יעדן ענגלענדער און האָט אים צוגעגעבן כוח און אויפגעוועקט אין זיין הארצן אַ פרייליקע האָפענונג. ער האָט געוווּסט: אָט די מעכטיקע און געטרייע זין פון ענגלאַנד וועלן שוין ברענגען די באַפרייונג, ווי ווייט זי זאָל נאָר נישט זיין.

יאָ, אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוינע זין וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין.

***

„מיר זיינען דאָ!" —
ס'איז גוט די פאַרשפּאַרטע, ווען זיי הערן אָט דעם רוף;
„מיר זיינען דאָ!" —
ס'איז גוט, ווען דאָס יידישע פאָלק, וואָס זיצט אין ציון הערט דאָס דאָזיקע קול;
„מיר זיינען דאָ!" —
ס'איז גוט, אַז די דאָזיקע שטים זאָל דערגיין צו אַלע יידן אין גאָר דער וועלט;
ווייל דאָס איז דאָס קול פון ישראל!

ס׳איז גוט, ווען דאָס פאָלק הערט די שטים פון זיינע זין. און אָט די זין, די שטאַרקע און געטרייע — זיי וועלן ברענגען די באַפרייונג, ווי ווייט זי זאָל נאָר נישט זיין.

יאָ, אַ פאָלק, וואָס האָט אַזעלכע זין וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין.

*

די געשעענישן ביי די ברעגעס פון נאָרוועגיע האָבן נישט געראַטעוועט ענגלאַנד. מעגלעך, אַז זיי האָבן זי אַפילו אַריינגעוואָרפן אין אַ נישט-אַנגענעמער סיטואַציע. אָבער זינט דאַן האָט דאָס בריטישע האַרץ אָנגעהויבן פעסטער קלאַפּן, עס איז באַנייט געוואָרן די בלוט-צירקולאַציע אין זיינע אָדערן און דאַדורך איז אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן דאָס דאָזיקע מעכטיקע פאָלק. אָט די קליינע געשעעניש און נאָך אַ סך אַזעלכע, האָבן ביים סוף פונם חשבון, דערפירט דאָס פאָלק צו גרויסע טאַטן.

גאָר אין אָנהויב איז נאָר געווען דער שטאַרקער און אומדערשראָקענער גייסט.

אויך ביי די ברעגעס פון נאָרוועגיע איז געבראָכן געוואָרן דאָס געזעץ. די בריטן, וועלכע זיינען אַזוי פּילבאַר פאַר אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן, און בפרט פאַר מאַריטימע געזעצן, די זעלבע בריטן זיינען אַריין אומגעזעצלעך, אומלעגאַל אין די פאַרווערטע, פאַר זיי, וואַסערן פון נאָרוועגיע.

*

דער גורל פאָדערט פון אונז דורכצופירן יידישע דונקיערקס-אַקציעס, באַשאַפן אונזער אייגענעם דונקיערק.

זייער דונקיערק:

די רעשטלעך פונם בריטישן מיליטער מיט וועלכע ס׳איז פאַרבונדן געווען די גאַנצע האָפענונג פון בריטישן פאָלק — געפינען זיך אונטער אַ העליש פייער. מען מוז זיי פאַר יעדן פּרייז ראַטעווען.

און מיר האָבן געהערט, ווי אַזוי שיפלעך, פישער-לאָדקעס, קריגס-שיפן, שפּאַציר-שיפלעך און יאַכטן — אַלע, אַלע האָבן אָנגעהויבן שווימען מיט דער הילף פון זעגלען, מאָטאָרן און מאַשינען צו אָט יענעם ברעג, אויף וועלכן די בריטישע סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען אונטער אַ שרעקלעכן און געפערלעכן פייער.

און דער עיקר איז געווען: קומען צו דער צייט, ווייל פאַרשפּעטיקונג באַדייט — טויט. פאַרזוימונג באַדייט — פולשטענדיקער אומקום.

*

די רעשטלעך פון אונזער פאָלק, אַרומגערינגלטע דורכן שונא וואַרטן אויפן זעלבן נס: אויף שיפן, שיפלעך און לאָדקעס וואָס זאָלן קומען זיי באַפרייען. און דער עיקר: קומען צו דער צייט. ווייל פאַרשפּעטיקונג הייסט — טויט, פאַרזוימונג הייסט — פולשטענדיקער אונטערגאַנג.

און זאָלן זיי וויסן, די מענטשן פון דונקיערק, וואָס שטייען איצט אויף קעגן אונז און שטערן אונז אין אונזער היילִיקער אַרבעט:

יהיה אשר יהיה, זאָל געשען וואָס עס קען נאָר געשען — מיר וועלן אונזער חוב דערפילן.

י. נודד

# דער קאמף פאר עליה אין די יאָרן
# תש״ו - תש״ז

שיפן קומען...

די עולים פון ״לאַ ספעציא״

ענגלאַנד מאָביליזירט זיך

די ערשטע דעפּאָרטאַציעס

די העפּלה ווערט פאָרגעזעצט

# שיפן קומען...

## „בערל כצנלסון"

שמאס בליצת שפתים,
גם משמו על אבן נחרת,
וברח להיות על פני מים,
ספינה לשבוי הנמלט.

י. בת—מרים

25 נאָוועמבער 1945, אָפיציעלע מעלדונג:

פריטיק, דעם 23־סטן נאָוועמבער, זייגער 4 אינדערפרי האָט די בריטישע שנעל־שיף „פיקוק", — איינע פון די שיפן פון זיין מאַיעסטעט, וואָס זיינען פאַר־אַנקערט אין חיפה, — געבראַכט אין חיפהער פּאָרט אַ קליין גריכיש פישער־שיפל אונטערן נאָמען „דימיטראַס". אויפן שיפל, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן אין מיטן דער נאַכט נישט ווייט פון הרצליה, האָבן זיך געפונען צוואַנציק יידישע אומלעגאַלע עולים, צווישן זיי 2 פרויען. איינער פון די מענער איז געווען פאַרוואונדעט אין פוס. די וואונד האָט ער באַקומען בשעת ער האָט געפּרוווט שפּרינגען פון דער שיף אין ים אריין.

דריי שעה נאָכדעם, ווי מען האָט געבראַכט דאָס שיפל אין פּאָרט אַריין, זיינען די עולים אַראָפּגעזעצט געוואָרן אויפן ברעג און זיינען איבערגעפירט געוואָרן אונטער אַ שטרענגער פּאָליציי־וואַך אינם קאָנצענטרירונגס־לאַגער אין עתלית.

## דער אָנגריף אויף די ברעג־פּאָסטנס

25 נאָוועמבער 1945. אָפיציעל:

אַרום 1.15 ביינאַכט האָט אַ קליינע גרופּע פון באַוואָפנטע יידן אונטערגעלייגט אויפרייס־מאַטעריאַל אונטערן טורעם פון דעם ים־פּאָסטן אין גבעת אולגה. דער אויפרייס האָט גורם געווען גרויסע שאָדנס אינם בנין.

14 סעקונדן נאָך האַלבער נאַכט האָבן יידן אָנגעגריפן מיט פייער פון אויטאָ־מאַטיש געווער און אויפרייס מאַטעריאַל די סטאַנציע פון דעם ברעג־פּאָסטן ביי סידני־עלי.

*

אַן אַליאַרם־סיגנאַל האָט זיך היינט, זייגער 3 אינדערפרי, דערהערט אין תל־אביב. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער אויפרייס. די באַ־וועגלעכע פּאָליציי איז באַלד אַרויס אין לאַנגע רייען אין דער ריכטונג צום פּאָרט. מען מיינט אַז דער אַליאַרם־סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויפרייסן די סטאַנציעס פון די ברעג־פּאָסטנס.

26 נאָוועמבער 1945. „קול ישראל":

די אויספירער פון דער אַקציע אין סידני־עלי — אַ ברעג־סטאַנציע, וואָס האָט געהאָלפן ביים פאַרכאַפן די מעפּילים־שיף „ברל כצנלסון" — האָבן מתרה געווען די אַראַבער פון דער אומגעבונג, זיי זאָלן פאַרמאַכן די לאָדנס און בלייבן אין זייערע הייזער. דערביי איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן, אַז עס וועט זיי קיין שום שלעכטס נישט געשען. אויך די פּאָליציסטן פון דער סטאַנציע האָבן זיי מתרה געווען טעלעפאָניש, זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם בנין, ווייל עס זיינען אונטער אים אַוועקגעלייגט געוואָרן מי־נעס. די פּאָליציסטן האָבן נישט געפאָלגט און געעפנט אַ פייער. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן די פּריוווּליקע און זיי האָבן געענדיקט זייער אַרבעט אונטערן פייער פון קאַמף. דער בנין איז אין אַ סך ערטער באַשעדיקט געוואָרן, אַזוי, אַז אויף צומאָרגנס איז ער געגנצלעך פאַרלאָזט געוואָרן.

אויך אין גבעת־אולגה — אַ ברעג־סטאַנציע, וואָס האָט אויך געהאָלפן ביים פאַרכאַפן די מעפּילים־שיף „בערל כצנלסון" — האָבן די פּאָליציסטן באַקומען אַ וואָרנונג, אָבער אויך זיי האָבן נישט געפאָלגט און ווען די יידן האָבן זיך דערנענ־טערט, האָט זיך אויף זיי אַ שיס געטון פון דער סטאַנציע אַ האָגל פון קוילן. די אַקציע איז דאָרטן דורכגעפירט געוואָרן ביי אַ שיסעריי־אויסטויש פון ביידע זייטן. במשך פון עטלעכע מינוטן האָבן די אונטערגעלייגטע מינעס אויפגעריסן און באַ־שעדיקט דעם בנין אַזוי, אַז ער איז מער נישט צום באַנוצן.

אויף צומאָרגנס נאָך די איבערפאַלן אויף די ברעג־פּאָסטנס האָט אַ שטאַרקע מיליטערישע אָפּטיילונג אַרומגערינגלט די קיבוצים, וואָס ליגן אין דער סביבה, און נעמלעך די קאָלאָניעס: שפיים און רשפון אינם שרון און גבעת־חיים אין עמק חפר. זיי האָבן געטענהט, אַז די שפורן פון די אָנגרייפער פירן צו די דאָזיקע קיבוצים.

ווען די קאָלאָניסטן האָבן נישט דערלויבט דורכצופירן צווישן זיי אַ דאָקו־מענטן־אונטערזוכונג, האָבן זיך די סאָלדאַטן אַריינגעריסן אין די קיבוצים מיט די טאַנקן, און אַרומרינגלענדיק די מענטשן האָבן זיי פילע פון זיי אַוועקגעפירט אַלס אַרעסטירטע. בשעת דער באַלאַגערונג האָבן טויזנטער אומבאַוואָפנטע יידן גע־שטראָמט פון דער נאָענטער און ווייטער אומגעבונג צו הילף די אַרומגערינגלטע קיבוצים, דורכרייסנדיק די קייט פון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די קאָ־לאָניעס. דערביי זיינען דורך די סאָלדאַטן אכט יידן דערהרגעט געוואָרן פון דער שי־סעריי און פון שלעק.

## פון אַ מעמאָראַנדום

...אַ גרונטלעכע ענדערונג איז אַריינגעטראָטן אין הארבסט 1945, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אויך די איצטיקע בריטישע רעגירונג האָט פאַראַטן די התחייבותן פון גרויס־בריטאַניע און בפרט די התחייבותן, פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, לגבי אונז. ערשט דעמאָלט האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן די יידישע אונטערגרונט באַוועגונג („תנועת המרי העברית"). איר טעטיקייט טאָר אַבסאָלוט נישט באַצייכנט ווערן אַלס טעראָר, ווייל אויב ס'איז פאַראַן טעראָר אין לאַנד, איז עס דער טעראָר פון דער רעגירונג.

אויב די בריטישע מאַכט שיקט אַרויס קעגן אַ צעבראָכן שיפל, — וואָס פירט אין זיך עטלעכע הונדערט פּליטים — אויסשפּיר־אַעראָפּלאַנען און פאַרניכטונגס־שיפן, אויב זי לאָזט אין באַוועגונג קעגן דעם דאָזיקן שיפל די מאָדערנסטע ראַדאַר־

סטאַנציעס, שטעלט אויף קעגן אים ספּעציעלע פּאָליציי־פּאָסטנס ביי די ים־ברעגעס און באַנוצט זיך מיטן לופט־פּלאַט און מיט אַ ספּעציעלער באַוועגלעכער פּאָליציי ביים אַנטדעקן די מעפּילים, וואָס האָבן זיך אומבאַמערקטערהייט אַרויסבאַקומען אויפן ברעג — אויב זי טוט דאָס אַלץ, איז דאָס טעראָר קעגן אונז, און אויב מיר גרייפן אָן אָט די אַלע, איז דאָס פון אונזער זייט נאָר אַ פּאַרטיידיקונגס־אַקט.

ווען מיר גרייפן אָן — און מיר טוען עס נאָר אין אַ פּאַרטיידיקונגס־נויטווענדיקייט — וואָס פּאַראַ ס׳איז בנין פון דער רעגירונג, זיינען מיר זייער מקפּיד נישט צו טון די מענטשן קיין שום שלעכטס, אויסער ווען עס שטייט אין קאָן דער דורכפאַל פון דער אַקציע, אָדער דאָס לעבן פון אונזערע מענטשן. אָבער די בריטישע סאָלדאַטן האָבן אויפן באַפעל פון זייערע קאָמענדאַנטן געזייעט טויט צווישן דעם אומבאַוואָפנטן המון אין תל אביב און נעבן גבעת־חיים און שפיים; בריטישע סאָלדאַטן האָבן אויפן באַפעל פון זייערע קאָמענדאַנטן געשאָסן אויף קליינע קינדער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די באַלקאָנען בשעתן עוצר. די בריטישע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ קריגס־געזעץ, וואָס האָט דערפירט צו אַ הפקרותדיקער באַהאַנדלונג פון יעדן איינעם פון ישוב מצד דער ווילקירלעכער אַדמיניסטראַציע. די רעגירונג וואַרפט אַריין אין תפיסה אָן יעטוועדן משפט הונדערטער יונגע מענטשן און טרייבט אַרויס פון לאַנד הונדערטער יידן, נישט שטיצנדיק זיך אויף וועלכן ס׳איז געזעץ אָדער בעסער געזאָגט, נאָר אויפן סמך פון איר ווילקירלעכן געזעץ. בריטישע כוחות האָבן באַקומען אַ פאַראָרדענונג צו פאַרניכטן דעם אַרבעטס־לאַגער, וועלכן פרידן־ליבנדיקע און אַרבעטזאַמע מענטשן האָבן אויפגעשטעלט אין גליל אויפן באָדן אין ביריה.

יאָ, זי, די רעגירונג ווענדעט אָן דעם טעראָר אין לאַנד, אָבער אונזערע אַקציעס און אונזער טעטיקייט זיינען אַ פּראָדוקט פון פרידן־ליבנדיקע און אַרבעטזאַמע מענטשן.

תנועת המרי העברית

## „חנה סענעש"

27 דעצעמבער 1945. אָפיציעל:

אַ מעפּילים־שיף, מיטן נאָמען „חנה סענעש", איז די נאַכט אַרויף אויפן זאַמד ביי די צפונדיקע ברעגעס פונם לאַנד, נישט ווייט פון נהריה. ווען ס׳איז טאָג געוואָרן — איז די שיף געווען ליידיק, און קיין לעבעדיקער נפש האָט זיך שוין אויף איר נישט געפונען.

די שיף ליגט איצט אויף אַ זייט ביים ברעג פון נהריה, מיטן דעק צום ים און איר אונטערשטער טייל הויבט זיך צום ברעג אַרויף. פון אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף, וואַלגערן זיך נאָך אויפן ברעג עטלעכע פעסלעך פון סמאָלע און אַ פּאָר קאַסטנס. אויפן שפּיץ־רוקן פון דער שיף באַמערקט מען די אויפשריפט: „מאַריאַ".

וואַרשיינלעך האָבן די כוואַליעס במשך פון דער נאַכט אַרויסגעשטופּט די שיף נענטער צום ברעג און זי ליגט איצט אינגאַנצן אַ צוואַנציק מעטער ווייט פון דער יבשה. זי איז אַביסל גרעסער פון „דימיטראס", בערך אַ 200־טאָניקע שיף. פון איר דעק הענגען אַראָפּ שטריק ביז צום וואַסער. די שטורמישע כוואַליעס מאַכן אומ־

מעגלעך דאָס צוקומען צו דער שיף און די סאָלדאַטן, וואָס האַלטן שמירה אויפן פּלאַץ פּראָבירן צו דערגרייכן זי, רייטנדיק אויף די פּעסלעך פון סמאָלע.

## אַ מעפּילה דערציילט

...אויף די הענט זייערע האָבן די בחורים אונז אַרויסגעטראָגן, דערלאַנגט אונז הייסע ארץ־ישראלדיקע טיי און די ערשטע יידישע ביסקוויטן. מיט איין האַנט האָבן זיי אונזערע וואונדן פאַרבונדן און מיט דער צווייטער אונטערגעהאַלטן די ביקס, זי זאָל זיי פונם אַקסל נישט אַראָפּפאַלן. ווען מיר זיינען שוין געזעסן אינם געצעלט, אונטערציטערנדיק נאָך אַביסל פון קעלט און די געפילן, וואָס האָבן זיך געקנוילט אין אונזערע הערצער — האָט זיך יעדע עטלעכע מינוט אויפגעהויבן די פאַרהאַנג ביים אַריינגאַנג, און דער נייער־אַריינגעקומענער האָט זיך שטיל אוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און צוגעהערט זיך מיט אַן אָפן מויל צו אונזערע דערציילונגען.

מיר האָבן שפּעטער אַ סך מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו דערציילן וועגן אונזערע איבערלעבענישן אונזערע קרובים, זשורנאַליסטן און סתם יידן, אָבער קיינמאָל האָבן מיר נישט דערציילט מיט אַזאַ חשק, ווי אין יענעם אָוונט, ווען מיר האָבן געפילט, אַז מען הערט זיך צו צו אונזערע ווערטער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

ווייל אין יענער נאַכט, ווען איך האָב דערזען די דאָזיקע מענטשן מיט געווער אויפן אַקסל, און איך האָב דערפילט, ווי זייערע אָרעמס האַלטן מיך אונטער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז געשלאָסן געוואָרן אַ בונד צווישן די געטאָ־קעמפער פון ביאַליסטאָק און פון די ווייס־רוסישע וועלדער פון איין זייט און די יידישע קעמפער פון ארץ ישראל, פון דער צווייטער זייט.

דער דאָזיקער בונד איז אַן אייביקער בונד און ער וועט קיינמאָל נישט געבראָכן ווערן.

## רעדע פון אַן איטאַליענישן שיפס־קאַפּיטאַן

### געהאַלטן אויף אַ מסיבה לכבוד די מעפּילים

איך דאַנק אייך, וואָס איר האָט אונז איינגעלאַדן צו אייער מסיבה. נעמט צו אונזער ברכה, און אונזער ברודערלעכן גרוס אין נאָמען פון דער נייער איטאַליע, הגם אויך אין דער פריערדיקער איטאַליע איז קיין אַנטיסעמיטיזם נישט געווען.

אמת, מיר האָבן גענומען באַצאָלט פאַר אונזער אַרבעט, אָבער פאַר געלט אַליין טוט מען נאָך נישט אַזאַ אַרבעט. מען מוז זיין איבערצייגט אין איר וויכטיקייט. און אונזער איבערצייגונג האָט זיך נאָך מער פאַרפעסטיקט, ווען מיר האָבן דערזען, וועמען מיר פירן אויף אונזערע שיפן — מענטשן, אַרויסגעראַטעוועטע ממש פון טויט.

אויך איר האָט די רעכט צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק ביי די ברעגעס פונם מיטללענדישן ים, אָט דעם גרויסן ים, וואָס דאַרף זיין אַ ר ו א י ק ע ר ים.

איך האָף, אַז איך וועל נאָך אַ סך מאָל קומען דאָ אַהער צו אייך, אָבער שוין נישט מער אויף אַן אַלט צעטרענצלט שיפל, נאָר אויף גרויסע שיפן, וואָס וועלן זיין פול מיט מעפּילים.

## „ענצאָ סירעני"

18 יאַנואַר 1946. אָפיציעל:

לויט די אָנווייזונגען פון די אויסשפּיר־אַעראָפּלאַנען, האָט די וואַך פון קעניג־לעכן פלאָט פאַרהאַלטן און צוגעפירט צום חיפהער פּאָרט אַ 500־טאָניקע שיף, וועלכע איז געשווימען אונטער דער פאָן פון אַן אומבאַקאַנטער מדינה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שיף טראָגט דעם נאָמען „ענצאָ סירעני" און זי פירט אומלעגאַלע יידישע עולים. דעם 18־טן יאַנואַר זיינען די עולים אַרויסגעזעצט געוואָרן אויפן ברעג און באַלד איבערגעפירט געוואָרן אין עתלית־לאַגער. דער קאַפּיטאַן און די מאַטראָזן זיינען אַרעסטירט געוואָרן און אויף דער שיף איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ וואַך.

## אויפגעריסן אַ ראַדאַר־סטאַנציע

20 פעברואַר 1946. אָפיציעל:

היינט זייגער 3.30 אינדערפרי איז אויפגעריסן געוואָרן די ראַדאַר־סטאַנציע אויפן הר־הכרמל. אַ קליינע גוט־באַוואָפנטע גרופּע האָט זיך פון אַ דערבייאיקן בנין דערנענטערט אומבאַמערקטערהייט צו דער ראַדאַר־סטאַנציע און אונטערגעלייגט דעם אויפרייס־מאַטעריאַל. בשעתן צוריקציען זיך, האָט מען זיי באַמערקט פון דער ראַדאַר־סטאַנציע און געעפנט אויף זיי אַ פייער. ווי מען גיט איבער זיינען קיין קרבנות נישט געווען. פונם אויפרייס זיינען צוויי בריטישע סערזשאַנטן שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און זעקס אַנדערע זיינען אָפּגעקומען מיט לייכטע וואונדן.

*

אינם פרימאָרגן פון 20־סטן פעברואַר זיינען די איינוווינער פון חיפה אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ שטאַרקן אויפרייס, וועלכער האָט זיך דערהערט פון דער זייט פונם ים. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז אויפגעריסן געוואָרן און גענצלעך פאַרניכטעט געוואָרן די ראַדאַר־סטאַנציע, וועמענס אויפגאַבע איז געווען נאָכצושפּירן די שיפן מיט עולים, און אַדאַנק וועלכער מען האָט בשעתו געכאַפּט די עולים־שיף „ענצאָ סירעני".

ווי מען געדענקט, האָט מען שוין מיט עטלעכע וואָכן צוריק פּרובירט אויפצורייסן די דאָזיקע ראַדאַר־סטאַנציע. געווען איז דאָס אינם זעלבן טאָג ווען מען האָט אויפגעריסן דעם ברעג־פּאָסטן אין גבעת אולגה, וואָס האָט געדינט אַלס אַן אויסשפּיר־פּונקט קעגן עולים־שיפן. טאַקע אין דער זעלבער שעה, אין וועלכער מען האָט מודיע געווען די סאָלדאַטן אין גבעת אולגה, האָט מען אויך טעלעגראַפיש געוואָרנט די סאָלדאַטן פון דער ראַדאַר־סטאַנציע, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם פונקט, כדי עס זאָלן נישט פאַלן קיין מענטשלעכע קרבנות. זיי איז אָבער שנעל געלונגען צו געפינען די אונטערגעלייגטע מינעס, און זיי באַלד געמאַכט אומשעדלעך.

איצט, נאָך דעם אויפרייס, זיינען פאַרלאָשן געוואָרן די פּראָזשעקטאָרן, וואָס פלעגן אין די נעכט אויסשפּירן די ברעגעס. דער אונטערשטער טייל פונעם בנין איז זייער שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן, אויך דער טעלעגראַפן־טורעם איז צעשטערט.

במשך פון דעם גאַנצן טאָג האָבן זיך אויפן הר און הדר הכרמל אַרומגעדרייט מיליטערישע וואַכן.

## „טשאַרלז אורדווינגייט"

26 מערץ 1946. אָפּיציעל:

נעכטן אַרום 10.30 אינדערפרי האָט די פּאַרניכטונגס־שיף „טשאַבסאַן" באַמערקט, ווי צום ברעג דערנענטערט זיך אַ 150־טאָניקע שיף. אויף דער שיף האָבן זיך געפונען 240 יידישע אומלעגאַלע אימיגראַנטן. די שיף איז געבראַכט געוואָרן קיין חיפה. מען גיט איבער, אַז איר נאָמען איז „קים מאַט". 89 פון די אימיגראַנטן זיינען יונגע פרויען, און די רעשט יונגע מענער.

## אַן אַנדערע אָפּיציעלע מעלדונג

אַ מעפּילים־שיף מיטן נאָמען „טשאַרלז אורד ווינגייט" האָט זיך נעכטן, — אינם טאָג פון דער צווייטער יאָרצייט נאָכן טויט פונם בריגאַדיר ווינגייט — דערנענטערט צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל. אין די פאַרמיטאָג־שעהן האָבן די אויסשפּיר־עראָפּלאַנען פון דעם קעניגלעכן לופט־פלאָט, וואָס זיינען אַרויסגעפלויגן פון די ארץ־ישראלדיקע אַעראָדראָמען, באַמערקט די שיף, אָנגעהויבן קרייזן איבער איר און זי באַגלייט ביז זון־אונטערגאַנג. מיטן צופאַלן פון דער נאַכט איז דער שיף געלונגען אַרויסצודרייען זיך פון אונטער דער אויסשפּירונג פון די עראָפּלאַנען און זי האָט פאָרגעזעצט ווייטער איר וועג צו די ברעגעס פון תל־אביב לויטן פאַרויסגעזעענעם פּלאַן.

דער תל־אביבער ברעג־אָפּשניט, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן אַרויסזעצן די מעפּילים, איז באַלד געשטעלט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון די עליה־פּאַרטיידיקער, אַלע גאַסן, וואָס פירן אַהין זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן און ביי אַלע גאַסן־אַריינגענג און ־אַרויסגענג זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן וואַכן.

אַרום האַלבער נאַכט האָבן די אויסשפּיר־עראָפּלאַנען ווידער אַנטדעקט די שיף „ווינגייט" און זיי האָבן באַלד אַלאַרמירט דעם פלאָט־שטאַב, די פּאָליציי און די אַרמיי. פּאָליצייאישע און מיליטערישע אָפּטיילונגען האָבן זיך אַ לאָז געטון צום אויבן־דערמאָנטן ברעג־אָפּשניט, אָבער זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף די יידישע אויסשפּיר־וואַכן און עס איז געקומען צו אַ שיסעריי־אויסטויש. דאַן זיינען אין דער ריכטונג צו דער שיף אַרויסגעשווימען עטלעכע פּאָליציי־לאָדקעס און אַ פאַרניכטונגס־שיף, וועלכע האָבן זי געכאַפּט אינמיטן ים און געבראַכט זי צום חיפהער פּאָרט.

## „די נאַכט פון ווינגייט"

11.30 ביינאַכט האָבן זיך אין תל־אביב דערהערט איינצלנע שאָסן, און באַלד דערנאָך האָט די לופט דורכגעשניטן אַ האָגל פון אָפּטע קוילן־סעריעס פון אויטאָמאַטיש געווער. עס האָבן זיך אויך דערהערט אויפרייסן פון גראַנאַטן און קאַנאָנען געשאָסן. אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן יונגעלייט, וועלכע האָבן באַפוילן די דורכגייער אַריינצוגיין אין די הייזער. אין עטלעכע גאַסן זיינען די לאָמפּן צעהאַקט געוואָרן און אין דער פינצטערניש, וואָס האָט איינגעהילט די גאַסן, האָבן זיך אָן אויפהער געטראָגן די רופן און באַפעלן פון די פּאַרטיידיקער. די גאַסן אויסגענג זיינען פאַרבאַריקאַדירט געוואָרן מיט לאַסט־אויטאָס און טאַקסיס און בעיקר איז פאַרבאַריקאַדירט געוואָרן דער אָפּשניט פונם פּאַרט צווישן צפונדיקן תל־אביב און דעם דיזענגאָף־פּלאַץ. אויך אַלע אויסגענג פונם דיזענגאָף־פּלאַץ זיינען פעסט פאַרבאַרי־

קאַדירט געוואָרן. אַ געשפּאַנטע שטילקייט האָט באַהערשט די גאַסן און אין דער פינצטערניש, האָט מען נאָר געשפּירט אַן אינטענסיווע באַוועגונג. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן דער אָפּקלאַנג פון מענטשן־געלויף, דער גערויש און סקריפּערײַ פון רעדער און דאָס סאָפּן פון מאָטאָרן.

מיטאַמאָל האָט זיך אין שרונה צעיאָמערט אַ סירענע. געפּיפּערײַ — אַ צייכן, אַז די באַוועגלעכע פּאָליציי איז אַלאַרמירט געוואָרן. באַלד איז דער הימל באַלויכטן געוואָרן פון רויטע ראַקעטן — סיגנאַלן פון הילף־רופן. עס האָבן זיך באַוויזן פייער־פלאַמען און באַלד נאָך זיי — שטאַרקע אויפרייסן.

צו די גאַסן יהודה הלוי און מאַרמאָרעק זײַנען צוגעקומען געפּאַנצערטע אויטאָס פון דער באַוועגלעכער פּאָליציי, און טאַנקן, פון וועלכע מען האָט אָנגע־הויבן שיסן אַן אויסוואַל אויף לינקס און אויף רעכטס און הונדערטער קוילן זײַ־נען אַרײַנגעפאַלן אין די וווינונגען, וואָס האָבן זיך געפינען אין די הייזער מיטן פּראָנט צו שרונה. איין טאַנק האָט זיך אַפילו אַרײַנגעריסן אין אַ הויף אַרײַן און האָט פאַרשיט מיט אַ האָגל פון קוילן די אײַנוווינער פונם הויז. צומאָרגנס האָט מען אין די ווענט פון די הייזער נר. 18 און נומער 19 געזען לעכער פון אַרום הונדערט מאַשין־געווער־קוילן און אַפילו גרויסע לעכער פון קאַנאָנען־געשאָסן.

נאָך האַלבער נאַכט האָט די שיסערײַ אויפגעהערט. אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן מיליטערישע אויטאָס אין דער באַגלייטונג פון געפּאַנצערטע אויטאָס, וועל־כע האָבן פון צייט צו צייט אָפּגעשלאָסן פאַרשידענע גאַסן־אָפּשניטן און דורכגע־פירט רעוויזיעס ביי די דורכגייער.

גענויערע רעוויזיעס זײַנען היינט אינדערפרי דורכגעפירט געוואָרן אין פאַר־שידענע טיילן פון דער שטאָט און אויף די שאָסייען, וואָס פירן אין שטאָט אַרײַן. אַרום דרייסיק מאַן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן ביז צו אַ ווייטערדיקער אויספאָרשונג. צוויי פון די פאַרהאַלטענע האָבן געהאַט ביי זיך געווער.

## ברכה פולד ז״ל

ברכה פולד איז געפאַלן פון די קוילן, מיט וועלכע בריטישע פּאָליציסטן האָבן פון אַ פּאַנצער־אויטאָ געשאָסן אויף איר און אירע חברים. איינע פון די קוילן האָט איר געטראָפן אין רוקן. די פּאָליציסטן האָבן איר אַפילו נישט דערלאַנגט די ערשטע הילף, נאָר אַ בלוטנדיקע איבערגעפירט זי אין תפיסה־קעלער. ווען זיי האָבן זיך איי־בערצייגט, אַז זיי וועלן פון איר מויל קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסציען — ערשט דאַן האָבן זיי זי איבערגעפירט אין מלוכהשן שפּיטאָל. אָבער געבערענגט אַהין האָבן זיי שוין נאָר איר טויטן קערפּער.

פון מלוכהשן שפּיטאָל איז דער קערפּער פון ברכה פולד איבערגעפירט געוואָרן אינם אויטאָ פון דער „חברה קדישא" צום נייעם בית הקברות אין נחלת יצחק. די מאַכט האָט פאַרבאָטן אײַנצואָרדענען אַן עפנטלעכע לוויה און אַפילו פאַרווערט אָפּצושטעלן זיך נעבן דער שול, כדי אָפּצוריכטן אַ תפילה.

דעם אָרון האָט באַגלייט אַ שטאַרק־באַוואָפנטע וואַך פון דער בריטישער פּאָלי־ציי, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען דריי יידישע פּאָליציסטן. אין אַ קורצער צייט שפּעטער זײַנען אָנגעקומען עטלעכע אויטאָס מיט די משפחה־מיטגלידער.

איר קבר איז אויסגעגראָבן געוואָרן האַרט ביי די קברים פון די העפּלה־קרבנות

— די פיר מעפּילים פון „טיגער־היל", וועלכע זיינען געפאַלן פון דער האַנט פון בריטישע פּאָליציסטן — און נעבן די קברים פון די געפאַלענע הגנה־קעמפער.

ווען די ידיעה וועגן דעם שנעלן ברענגען צו קבורה דעם קערפּער פון ברכה פולד האָט זיך פאַרשפּרייט אין שטאָט, האָבן הונדערטער און טויזנטער מענטשן אָנגעהויבן שטראָמען קיין נחלת־יצחק. שילער האָבן פאַרלאָזט די שולן, אַרבעטער זייערע אַרבעטס־וואַרשטאַטן און די „המעביר"־געזעלשאַפט האָט באַפרייט אַלע אירע אויטאָבוסן פון פּאַסאַזשירן און זיי פרייוויליק געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע אַריבערצופירן די טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געשטראָמט צום בית־הקברות.

אין אַ צאַרניקער שטילקייט זיינען די טויזנטער מענטשן געשטאַנען איינגעבויגן איבערן פרישן קבר.

## „תל־חי"

28 מערץ 1946.

די מעפּילים־שיף „תל־חי", וועלכע איז מיט אַ צייט צוריק אַרויסגעשוואומען פון פראַנקרייך קיין ארץ־ישראל, מיט 736 מעפּילים אויף איר דעק, איז נעכטן פאַרנאַכט פאַרכאַפּט געוואָרן דורך צוויי בריטישע פאַרניכטונגס־שיפן. אַנטדעקט האָבן זי צוויי עראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך פריער געהאַט באַוויזן איבער איר און לאַנג געקרייזט, ביז זיי האָבן דערשנאַפּט, אַז דאָס איז אַ מעפּילים־שיף.

דעם וועג פון פראַנצויזישן פּאָרט ביז חיפה האָט די שיף „תל־חי" דורכגעמאַכט אין 13 טעג. די ענגשאַפט איז געווען אין לשער. במשך פון צוויי טעג איז זי געווען ווי אַ שפּילעכל אין די אָרעמס פון די צעברויזטע ים־כוואַליעס. זי איז אויך פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ פראַנצויזישע שיף, וועלכע האָט זי צוגעפירט צום פּאָרט איאַטשיאָ, אויפן אינזל קאָרסיקאַ. די פראַנצויזן האָבן די עולים זייער איידל באַהאַנדלט און באַלד דערלויבט אָפּצושווימען ווייטער אויף זייער וועג. ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו די ברעגעס פון לאַנד — און געווען איז דאָס ביינאַכט — זיינען אַלע מעפּילים אַרויף אויפן דעק, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט.

צומאָרגנס האָבן זיי דאָך געדאַרפט דעם גאַנצן טאָג בלייבן פאַרשפּאַרט אין די קאַיוטן.

„תל־חי" איז געכאַפּט געוואָרן 140 מייל ווייט פון ברעג.

יעדער עולה איז געווען פאַרזען מיט אַן „איינרייזע דערלויבעניש קיין ארץ־ישראל" אויף וועלכער עס האָבן פיגורירט צוויי סטעמפּלען אין עברית און ענגליש: „עליה־אָפּטיילונג" און „געזונטהייטס־אָפּטיילונג". אין דער איינרייזע־דערלויבעניש איז פאַראַן אַ באַמערקונג: „אַנערקענט דורך די פאָרשטייער פון ישוב אַלס פּעאיקער אַריינצופאָרן קיין ארץ־ישראל".

די איינרייזע־דערלויבעניש פאַרופט זיך אויף פאָלגנדיקע פּאַראַגראַפן:

פּאַראַגראַף א. וישבו על הארץ אשר נתתי לעבדי ליעקב, אשר ישבו בה אבותיכם וישבו עליה המה, ובניהם ובני בניהם עד עולם

(יחזקאל, ל"ז).

פּאַראַגראַף ב. ברחמים גדולים אקבצכם (ישעיהו נ"ד)

פּאַראַגראַף ג. די באַלפור־דעקלאַראַציע פון 2 נאָוועמבער 1917.

פּאַראַגראַף ד. דער מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל.

# די עולים פון לאַ־ספּעציאַ

## דער אַרעסט אינם אויסגאַנגס־פּאָרט

רוים, 6 אפּריל 1946. „רויטער״־אַגענטור:

טויזנט צוויי הונדערט יידן, וועלכע זיינען אַריינגעקומען קיין איטאַליע אויף אַן אומלעגאַלן אופן, זיינען דעם 4־טן אַפּריל פאַרהאַלטן געוואָרן אינעם צפון־מערב איטאַליענישן פּאָרט לאַ־ספּעציאַ אינם מאָמענט, ווען זיי האָבן געוואָלט אָפּ־שווימען אויף דריי קליינע שיפלעך קיין ארץ־ישראל. די עולים זיינען אָנגעקומען צום פּאָרט אויף 37 מיליטערישע לאַסט־אויטאָס. אַלע עולים זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן, כדי דורכצופירן אַ גענויע אויספאָרשונג. די דריי שיפן זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן.

דער שטאָב פון די אַליאירטע חיילות גיט צו וויסן, אַז דריי יידישע סערזשאַנטן פון די שאַפערן־איינהייטן (ר. א. ס. ק.) פון ארץ־ישראל, זיינען אַרעסטירט געוואָרן דורך די בריטישע באַהערדן אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרהאַלטן די 1200 יידן דורך דער איטאַליענישער פּאָליציי.

רוים, 8 אַפּריל 1946.

די ציוניסטישע אינסטאַנצן אין רוים האָבן באַקומען אַ טעלעגראַם פון די פאַר־האַלטענע פון דער שיף „פידי״, אין וועלכן זיי וואַרענען: „מיר וועלן אונטערטרינקען די שיף און צוזאַמען מיט איר וועלן מיר אַלע אונטערגיין, ווייל מיר זיינען שוין גע־קומען צום לעצטן שטאַפּל פון יאוש און פאַרביטערונג. מיר בעטן אייך, איר זאָלט זיך תיכף ומיד ווענדן צום בריטישן פּרעמיער־מיניסטער און צום פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זיי זאָלן אונז דערלויבן אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל. נאָר ארץ־ישראל, איינציק און אַליין, איז דאָס אָרט פון אונזער אויסלייזונג און באַפריי־אונג״.

## דער הונגער־שטרייק

רוים, 10 אַפּריל 1946. „רויטער״:

די יידישע עולים, וואָס זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער שיף אין לאַ־ספּעצ־יאַ, האָבן דערקלערט אַ הונגער־שטרייק, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די שיף האָט באַקומען אַ באַפעל אָפּצושווימען קיין גענואַ. די שיף מיט די עולים שטייען אונטער אַן אויסערגעוויינטלעכער שמירה פון די ברעג־פּאָסטנס.

***

נעכטן האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער טאָג פונעם הונגער־שטרייק פון די לאַ־ספּעציאַ־עולים. אויסער אַ קליינער גרופּע קינדער און 100 שוואַנגערע פרויען (פון

340 פרויען, וואָס געפינען זיך אויף דער שיף) ווען ס'איז דערלויבט געוואָרן צו עסן, פּאַסטן אַלע אָן אויסנאַם. דער הונגער־שטרייק איז אַ דעמאָנסטראַציע פון זייער אומגעבראָכענעם באַשלוס צו בלייבן אויף דער שיף אַזוי לאַנג, ביז זי וועט באַקומען די דערלויבעניש אָפּצושווימען קיין ארץ־ישראל. אויף דעם מאַסט־בוים פון דער שיף פלאַטערט נעבן די פענער פון די איטאַליענישע באַהערדן — די בלוי־ווייסע ציוניסטישע פאָן.

## דער תענית אין ארץ־ישראל

דער פּלענום פון דעם ועד לאומי האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשלוסן:

א) מודיע זיין די מאַכט וועגן דער פאַרייניקטער פאָדערונג פון גאַנצן ישוב צו ברענגען תיכף ומיד די עולים, וועלכע זיינען אַרעסטירט אויף דער שיף אין איטאַליענישן פּאָרט.

ב) כל זמן די פאָדערונג וועגן ברענגען זיי קיין ארץ־ישראל וועט נישט דערפילט ווערן, זיינען די אויסדערוויילטע פון ישוב — 15 מאַן — גוזר אויף זיך אַ תענית, וואָס וועט זיך אָנהויבן זייגער 12 בייטאָג. די אויסגעוויילטע וועלן אָפּהאַלטן זייער תענית אין די ביוראָען פונם ועד לאומי אין ירושלים.

ג) אַלע פרויען, מענער ווי אויך קינדער פון 13 יאָר אָן, אינם ישוב, סאָלידאַריזירן זיך מיט דער פאָדערונג פון די מעפּילים און שליסן זיך אָן צום הונגערשטרייק, וועלכער וועט דויערן דעם גאַנצן טאָג פון (14.4.46) י״ג ניסן, פון זוןאויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג. אין דעם טאָג וועט אָפּגעשטעלט ווערן יעדע אַרבעט אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקן. אַלע קאַפע־הייזער און רעסטאָראַנען וועלן זיין געשלאָסן פון אינדערפרי ביז 6 אין אָוונט.

אין אָוונט איז אויך פאַרבאָטן צו טאַנצן אָדער זינגען אין די קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען און פאַרוויילונגס־ערטער. אַלע סינעמאַס וועלן זיין געשלאָסן.

✻

ד. ר מ ז:

א) מיר זיינען דאָ, אין ארץ־ישראל, אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ טויבער וואַנט: מען דערלויבט נישט די יידן, וואָס זיינען לעבן געבליבן פון דער היטלעריסטישער אויסראָטונג, אַריינצוקומען אין זייער נאַציאָנאַלער היים און אויפצובויען זיך דאָ זייער צוקונפט.

ב) אונזער כוונה איז נישט צו באַשולדיקן וועמען עס איז; מיר ווילן נאָר קלאָר מאַכן פאַר די אויגן און הערצער פון דער מענטשהייט די טרויעריקע לאַגע פון די, וואָס געפינען זיך אויף דער שיף „דוב האָז" — כדי צו באַוועגן די אַלע, אין וועמענס הענט עס ליגט די מעגלעכקייט עפּעס אויפצוטון, צו האַנדלען שנעל, איידער ס'קען געשען אַן אומגליק.

ג) במשך פון אַלע מלחמה־יאָרן האָבן מיר געשמעטערט אונזערע קעפּ אָן דער דאָזיקער וואַנט. זיי האָבן צו אונז דעמאָלט געטענהט: ס'איז מלחמה. אָבער איצט איז שוין היטלער מער נישטאָ, איצט לעבן מיר אין אַ וועלט, וואָס איז נאָכן נצחון, און וואָס גייט מיט פאַרשידענע וועגן — הגם זייער געדרייטע — צו אַ בעסערער

# עולים פון לאַ ספּעציאַ



אויפן דעק פון דער שיף „אליהו גאָלאָמב"



די עולים פון לאַ ספּעציאַ שלאָגן צו צו די ברעגעס פון ארץ-ישראל

צוקונפט: וועט אָבער די דאָזיקע צוקונפט געהערן צו אַלע, חוץ די יידן? און אויב יאָ, פאַרוואָס דאַרף עס אַזוי זיין?

ד) אויף וויפיל די וועלט שטרעבט צו באַזירן דאָס לעבן אויף גערעכטיקייט — און מיר יידן קענען דאָך בשום אופן זיך נישט מתיאש זיין פון גערעכטיקייט אויף דער וועלט — איז דאָך די אויסלייזונג פונם יידישן פאָלק אויף זיין אייגענער ערד, איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע מאָראַלישע פּרינציפּן פון די פעלקער פון דער וועלט. זאָל אונז דעריבער דערלויבט זיין צו האָפן, אַז דאָס געשריי פון די מעפּילים, וואָס סימבאָליזירט דאָס געשריי פונם גאַנצן וואַנדער־פאָלק — וועט דער־הערט ווערן.

**

ז. רובאשאוו:

ס'איז אַ בפירושע הלכה אין הלכות שבת: אַ שטאָט, וואָס איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון פיינט, אָדער אַ שיף וואָס טרינקט זיך אינם ים — מעג מען אין זיי שופר בלאָזן, כדי צונויפצורופן דאָס פאָלק, עס זאָל קומען צו הילף און אַרויסראַטע־ווען זיי פון געפאַר. אין אונזער פאַל איז נישט נאָר אַ שטאָט, נאָר אַ גאַנץ פאָלק אַרומגערינגלט געוואָרן פון פיינט — און דאָס איז אונזער שופר־רוף.

## אַלם צייכן פון סאָלידאַריטעט

לאָנדאָן, 13 אפּריל 1946.

נאָכדעם ווי האַראָלד לאַסקי האָט באַזוכט די פּליטים אויף דער שיף „פידי", איז ציטוויייליק, און אונטער אַ תנאי, איבערגעריסן געוואָרן דער הונגער־שטרייק. פּראָפעסאָר לאַסקי האָט צוגעזאָגט, אַז ער נעמט אויף זיך צו דערלעדיקן דעם ענין פון דער דאָזיקער שיף אין אַ פּריוואַטן געשפּרעך מיטן אויסערן־מיניסטער בעווין. אויפן סמך פון דעם דאָזיקן צוזאָג, האָבן די מעפּילים מסכים געווען איבערצורייסן דעם הונגער־שטרייק ביזן 19־טן אפּריל.

ירושלים, 14 אפּריל 1946.

די טעלעגראַמע וועגן איבערייסן דעם הונגער־שטרייק אויף דער שיף „פידי" אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון פּראָפעסאָר לאַסקי, איז פאַרנאַכט איבערגעגעבן גע־וואָרן די דרייצן פאָרשטייער פונם ישוב, וואָס פאַסטן אין די ביוראָען פונם ועד לאומי. די דרייצן פאָרשטייער האָבן מיט צופרידנקייט אויפגענומען די דאָזיקע ידיעה. זיי האָבן אָבער באַשלאָסן נישט איבערצורייסן דאָס פאַסטן, ביז עס וועט קומען אַן אָפיציעלע מעלדונג, אַז די מעפּילים האָבן באַקומען די דערלויבעניש עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

אויך דער ועד לאומי האָט באַשלאָסן נישט צו ענדערן קיין שום זאַך אינם פּלאַן פונם שטרייק און תענית.

15 אפּריל 1946.

דער נעכטיקער גענעראַל־שטרייק פונם ישוב אין ארץ־ישראל איז געווען אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריזירן זיך מיט דער האַנדלונג פון די פאָרשטייער, וועלכע

האָבן אָנגעהויבן דעם דריטן טאָג פון זייער פאַסטן. ער איז אויך געווען אַ צייכן, אַז דער ישוב איז פעסט אַנטשלאָסן, צו קעמפן פאַר די רעכט פון יידישן פאָלק צו גאולה און פאַר די רעכט פון דער שארית־הפליטה צו רעטונג אין זייער פאַטערלאַנד. צענד־ליקער טויזנטער יידן האָבן אין נעכטיקן טאָג געפאַסט אין אַלע עקן לאַנד: מען האָט אָפּגעשטעלט יעדע אַרבעט, איבערגעריסן די שטאָטישע און צווישן־שטאָטישע קאָמוניקאַציע און די גאַנצע יוגנט און די עלטערע האָבן אָנטיילגענומען אין פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס. גרויסע מאַסן פון מענטשן האָבן אויך גע־שטראָמט צום בנין פון די יידישע אינסטיטוציעס אין ירושלים.

רוים, 15 אַפּריל 1946.

דער גענעראַל־שטרייק פון די פּליטים אין די לאַגערן פון איטאַליע, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס צייכן פון סאָלידאַריזירן זיך מיט די מעפּילים פון „לאַ־ספּעציאַ" — איז אַדורך בשלום.

## דער תענית האָט זיך געענדיקט

מיר האָבן געענדיקט דעם תענית. די מעפּילים וועלן עולה זיין און מיר וועלן זיי ווי געהעריק אויפנעמען אין לאַנד.

די קליינע גוף־פאַרפּייניקונג, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט האָט אונז געבערענגט אַ קאָלאָסאַלע סאַטיספאַקציע. מיר האָבן דערשפּירט, ווי גרויס ס'איז די האַרציקע איבערגעגעבנקייט פון די ירושלימער איינוווינער, וועלכע האָבן באַלאַגערט אונזער הויז און פון די דעלעגאַציעס, וואָס זיינען געקומען צו אונז פון אַלע עקן פון לאַנד. מיר האָבן געהערט די דערמונטערנדיקע ווערטער פון יונגע און אַלטע און מיר האָבן געפילט דעם אומרואיקן ציטער, וואָס האָט זיי אַלעמען באַהערשט. מיר האָבן דעם גרונט צו זיין גערירט ביז די טיפענישן פון אונזער נשמה צוליב דער כוואַליע פון ליבע און ציטער, וואָס האָט פאַרפלייצט דעם בנין פונם ועד לאומי במשך פון די פיר תענית־טעג.

ווען מיר האָבן פּראָקלאַמירט אונזער תענית, האָבן מיר זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס, אַז מיר האַלטן שוין ביים סוף פון אונזער קאַמף. מיר האָבן גוט געוווסט, אַז דוקא אין די דאָזיקע טעג זיינען געוואָרפן געוואָרן אויף דער וואָג־שאָל פון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער אויספאָרש־קאָמיסיע גרויסע לאָזונגען. מיר דערוואַרטן פון איר אַ גערעכטע לייזונג. די מיטגלידער פון דער אויספאָרש־קאָמיסיע האָבן דערזען, אַז דער ענין איז אַן ערנסטער, אָבער אויך די דאָזיקע טעג וועלן באַווייזן ווי שטאַרק ס'איז די גרייטקייט פונם גאַנצן ישוב, צו קעמפן פאַרן גורל פון זיין צוקונפט.

אָט דער פּסח פון די מעפּילים איז געווען אַ מעכטיקער עקזאַמען פונם ישוב, און פון זיין גלאַנץ וועלן מיר נאָך לאַנג אין דער צוקונפט שעפּן דעם ליכטיקן כוח צו פאַרפעסטיקן און פאַרייניקן אונזערע רייען.

ד ו ד  ר מ ז

# ענגלאַנד מאָביליזירט זיך

## דער מעפּילים־פלאָט פון יאָר 1946

צווישן דעם 15־טן מאַי און דעם 15־טן אויגוסט 1946 זיינען צוגע־קומען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל די מעפּילים־שיפן: „מאַקס נאָרדאוי" (1760 עולים), „יאשיהו וועדזשוווד" (1300 עולים), „חביבה רייק" (470 מאַן), „ביריה" (1100 מאַן, „הגנה" (2701), „החייל העברי" (571).

שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די גירושים.

## ענגלישער פלאָט קעגן מעפּילים

לאָנדאָן, 8 אויגוסט 1946. רויטער:

דאָס בלאָקירן די ארץ־ישראל־ברעגעס דורכן ענגלישן ים־ און לופט־פלאָט וועט פאַרהעלטענישמעסיק אָנקומען לייכט. אין לאָנדאָן האַלט מען אָבער, אַז די הויפּט־מיטלען דאַרף מען אָנעמען אין איירָאָפּע.

די ענגלישע רעגירונג האָט געמאָלדן די אַמעריקאַנער פאָרשטייער אין לאָנ־דאָן, — זאָגט מען אין וואַשינגטאָן — אַז קיין ארץ־ישראל קומען איצט זייער־פיל יידן. אַזוי אַרום בילדן זיי שוין איצט נישט בלויז אַן אַדמיניסטראַטיווע, נאָר אויך אַ פּאָליטישע פּראָבלעם. דער סיסטעם צו געבן די אומלעגאַלע עולים סערטיפי־קאַטן, וואָס זיינען באַשטימט פאַר לעגאַלע איינוואַנדערער, גיט נישט די גאַראַנ־טיע, אַז די יידן, וואָס נויטיקן זיך אַמערסטן אין אַן איינוואַנדערונגס־מעגלעכקייט, געניסן דערפון. פיל פּליטים קומען פון מזרח־איירָאָפּע, ווו די באַדינגונגען זיינען גינסטיקער ווי אין אַנדערע קאָנטינענט־טיילן. דעריבער בעט די ענגלישע רעגירונג די מיטאַרבעט פון אַמעריקע, אַז פון יעדער עליה, וואָס וועט גיין פון דער ענגלישער אָדער אַמעריקאַנער זאָנע — אויב אַזאַ מין עליה וועט בכלל זיין — זאָלן גע־ניסן נאָר אַזעלכע יידן, וואָס נויטיקן זיך דערין אַמערסטן.

לאָנדאָן, 9 אויגוסט, רויטער:

די פּלענער, וואָס זיינען דורך ענגלאַנד אויסגעאַרבעט און אַנטוויקלט געוואָרן אין די ערשטע קריגס־יאָרן, כדי נישט צו דערלאָזן דעם טראַנספּאָרט פון דייטש־איטאַליענישן מיליטער קיין צפון־אַפריקע, וועלן דורכן פלאָט איצט אָנגעווענדעט ווערן אין מיטללענדישן ים קעגן די אומלעגאַלע עולים, וואָס שטרעבן אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל.

אויף יעדער קריגס־שיף וועלן דערצו מאָביליזירט ווערן באַוואָפנטע אָפּטיי־לונגען. די דאָזיקע אָפּטיילונגען וועלן באַזעצן אַלע פּליטים־שיפן און וועלן זיין

פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער אָרדענונג אין די דאָזיקע שיפֿן ביז זיי וועלן נישט גע־בראַכט ווערן אין די פּאָרטן, וואָס זיינען פֿאַר זיי באַשטימט.

די דאָזיקע אָפּטיילונגען וועלן באַטראַכט ווערן אַלס „דעראַבערונגס־גרופּן". קיין קראַפֿט וועלן זיי נישט אָנווענדן, זיי וועלן אָבער באַזאָרגט ווערן מיט געווער אויפֿן פֿאַל, ווען די פּליטים וועלן זיך אַקטיוו זיי קעגנשטעלן. הגם קיין פּרטים וועגן די לייכטע ים־קרעפֿטן, וואָס געפֿינען זיך איצט אויפֿן מיטללענדישן ים פֿאַר דער דאָזיקער אַקציע, זיינען נישט באַקאַנט, ווייס מען אָבער צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז איצט געפֿינען זיך אויפֿן דאָזיקן אָפּשניט אַ סך וויניקער שיפֿן ווי אין די מלחמה־יאָרן; צווייטנס, אַז זייער צאָל איז איצט גרעסער ווי די צאָל שיפֿן, וואָס מען פֿלעגט קאָנצענטרירן פֿאַר אַזאַ מין אַקציע בעתן קריג.

## די דיפּלאָמאַטישע אַקציע קעגן דער העפּלה

לאָנדאָן, 10 אויגוסט 1946, רויטער:

וועגן די אַקציעס אין פֿאַרשידענע לענדער צו שטערן די אומלעגאַלע עמיגראַ־ציע זיינען היינט אָנגעקומען פֿאָלגנדיקע ידיעות פֿון אייראָפּע:

א) פֿון דייטשלאַנד: גענעראַל דוגלאַס האָט מודה געווען, אַז די ענגליש־אַמעריקאַנער מאַכט נעמט אָן שריט צו שליסן די ענגלישע זאָנע, כדי אַהין זאָלן מער נישט קענען אַריינדרינגען אומלעגאַלע פֿון די מזרח־לענדער, פֿון פּוילן אַריינ־גערעכנט. מען האָט זיך אויך געווענדעט צו דער רוסישער מאַכט, אַז זי זאָל דעריין מיטהעלפֿן.

ב) פֿון דער אַמעריקאַנער זאָנע: גענעראַל מאַק ניירי האָט אָפֿיציעל געמאָלדן, אַז דער גאַנצער אָרגאַניזירטער שטראָם פֿון יידישע פּליטים וועט אין דער צוקונפֿט צוריקגעשיקט ווערן סיי פֿון דער אַמעריקאַנער זאָנע און סיי פֿון עסטרייך. אַמעריקע איז קיינמאָל נישט איינגעגאַנגען, אַז די אַמעריקאַנער זאָנע זאָל דינען ווי אַן אַי־בערגאַנגס־פּונקט פֿאַר ארץ ישׂראל אָדער אַ וועלכן נישט איז אַנדער לאַנד.

ג) פֿון איטאַליע: די מאַכט האָט פֿאָראָרדנט צו פֿאַרשטאַרקן די וואַכן און די אַלגעמיינע אויפֿזיכט אויף די גרענעץ־פּונקטן און אויף די פּאָרטן פֿון לאַנד.

11 אויגוסט 1946.

אין די ידיעות, וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן פֿון דייטשלאַנד, ווערט גע־זאָגט, אַז די אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט, וועלכע האָט געפֿירט אַ לענגערע אויס־פֿאָרשונג אין די יידישע באַוועגונגס־צענטערן פֿון מינכען, האָט באַקומען אינס־טרוקציעס אָנצוהויבן אַן אַקציע קעגן די קיבוצים, וועלכע מען איז חושד, אַז אַ דאַנק זיי האָבן עס יידן פֿון גאַנץ דייטשלאַנד גענומען שטראָמען צו די איטאַליע־נישע גרענעצן.

די ענגלישע מאַכט־אָרגאַנען אין דייטשלאַנד האָבן באַקומען אָנווייזונגען אויסצוזוכן די פֿירער פֿון דער אונטערערדישער „קיבוצים־באַוועגונג", וואָס אָרגאַ־ניזירט די אומלעגאַלע עליה קיין ארץ ישׂראל. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע ווערט באַ־טראַכט ווי די טעטיקסטע פֿון אַלע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען ביז איצט געווען באַקאַנט. זי שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט ענלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַקטיוו אין די סאָוועטישע זאָנעס פּוילן, עסטרייך, אונגאַרן, טשעכאָסלאָ־וואַקיי, בולגאַריע און רומעניע.

## „דער אַנטינאַציִשער פּלאַן"

ווי מען מעלדעט, וועט די גרויסע בלאָקאַדע אויסגעפירט ווערן לויט אַ פּלאַן, וואָס איז שוין אויסגעפּרוּווט געוואָרן אין דער מלחמה־צייט, — דאָס איז דער אַנטינאַצי־פּלאַן. ס'איז שווער צו געפינען אַ בעסערן און „טרעפלעכערן" פאַרגלייך. אויב דער רעזשים, ביי וועלכן מיר לעבן איצט אין ארץ־ישראל, איז אַ דעמאָקראַטישער; אויב ענגלאַנד געפינט זיך אין לאַנד, כּדי צו פאַרלייכטערן דאָס אויפשטעלן די נאַציאָנאַלע היים און פאַרווירקלעכן אַ געדיכטע יידישע קאָלאָניזאַציע אויף איר באָדן; אויב די רעגירונג, וואָס באַשטימט איצט דעם גורל פונם לאַנד, האָט איבערגענומען די מאַכט מיטן צוזאָג מבטל צו מאַכן דעם „ווייס־בוך" און אין איר וואַלפּלאַטפאָרם זיינען געווען געשריבן באַשטימטע התחייבותן וועגן ארץ־ישראל — דאַן איז דער בלאָקאַדע־פּלאַן באמת אַן אַנטינאַציִשער.

דאָס איז נישט קיין נערוון־קריג, ווי פיל מענטשן מיינען. דאָס איז אַ שווינדל. די ענגלישע רעגירונג האָט, ווייזט אויס, טאַקע בדעה איינצואָרדענען אויף אַן אמת אַ יאַגד און דורכצופירן אַ בלאָקאַדע. דאָס איז איר נויטיק, כּדי נושא חן צו זיין ביי אירע נייע פאַרבינדעטע אין די אַראַבישע לענדער. די ענגלישע טעטיקייט האָט, דווקא ביים דערגרייכן די מאַכט, זיך קאַרדינאַל געענדערט אין מיטעלן מזרח — אַנשטאַט דעם, אַז די מדבר־שבטים זאָלן, אַזוי ווי אַמאָל, מיט זייערע אָנפאַלן און מלחמות דערליידיקן די אימפּעריאַליסטישע ענינים פון ענגלאַנד, דינט איצט דער בריטישער פלאָט מיט זיינע מאַנעווערן, יאַגדן, און בלאָקאַדעס די אינטערעסן פון די אַראַבישע מלוכות.

## „מיטאַרבעט"

ענגלאַנד מאָביליזירט איצט איר פלאָט, איר אַרמיי און איר גאַנצן דיפּלאָמאַטישן איינפלוס, כּדי נישט צו דערלאָזן, אַז יידן זאָלן זיך ראַטעווען. דאַקעגן האָבן מיר זי געזען — זי און ענלעכע גרויסמאַכטן — ווי ווייט אָנמעכטיק זי איז געווען, ווען מען האָט געדאַרפט ראַטעווען יידן בעת דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע. אין יענע שווידערלעכע טעג זיינען מיר געווען איינזאַם. קיין שום שיף, קיין שום שיפל, קיין שום אַעראָפּלאַן פון וועלכער נישט איז גרויסמאַכט האָט זיך דאַן נישט געאיילט צו העלפן די יידן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן ווי שעפסן צו דער שחיטה. איצט איז ענגלאַנד גוט באַוואָפנט און קריגס־דערפאַרן. זי האָט איצט בדעה צו באַנוצן זיך מיט דעם אַנטינאַציִשן קריגס־סיסטעם פון ראָמעלס און גראַציאַנים צייטן אין איר קאַמף קעגן די יידן־מעפּילים, וואָס זיינען קרבנות פון די זעלבע נאַצים. יאָ, אַ לאַנגן וועג איז ענגלאַנד דורכגעגאַנגען זינט די העלדישע טעג פון דונקיערק און על אַלעמיין ביז היינט, ווען עס עקזיסטירט נישט קיין שום מאָראַלישע באַציונג צו אַן אומגליקלעכן, פאַרוואונדעטן פאָלק, וואָס גייט אָפּ מיט בלוט.

## מעלדונג פון דער ענגלישער רעגירונג

12 אויגוסט 1946.

די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט, אויס מיטלייד צום פיין פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע, ביז איצט דערלויבט די אומלעגאַלע עולים אויסצושטייגן אויפן ברעג, נישט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן, וואָס דאָס האָט גורם געווען דער ארץ־ישראלדיקער מאַכט הן ביים איינהאַלטן די שעדיול־אָרדענונג און הן צו־

ליב דער נויטיקייט צו האַלטן אין לאַגערן יענע עולים, וואָס אַריינלאָזן זיי באַלד אין לאַנד איז נישט מעגלעך געווען אין הסכם מיטן שעדיול.

דאָס געדולד, די באַהערשונג און די מענטשלעכע באַציונג, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט אַרויסגעוויזן, איז דורך די פּאַראַנטוואָרטלעכע פּאַר דער דאָזיקער באַוועגונג אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ סימן פון שוואַכקייט און ווי אַ דערמוני־טערונג פאַר זיי, צו פאַרטאָפּלען זייער אָנשטרענגונג און נאָך מער צו פאַרגרעסערן דעם שטראָם פון די אומלעגאַלע עולים. איצט האָט דער מצב דערגרייכט צו אַ פּונקט, ביי וועלכן ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די אומלעגאַלע עליה איז גאָר נישט — ווי מען האָט געטענהט — קיין ספּאָנטאַנישע באַוועגונג ביי די אייראָפּעאישע יידן, ווייל זיי זעען אין ארץ־ישראל זייער איינציקע האָפענונג אויף דער צוקונפט. אויך די טרייב־קראַפט פון די פּערזאָנען, וואָס דערמוטיקן זי און פירן מיט איר אָן, איז נישט בלויז די אַלגעמיינע סאָלידאַריטעט מיט די לײַדן פון די דאָזיקע יידן.

די לעצטע געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז די אומלעגאַלע עליה איז אַ ברייטע, פּאַרצווייגטע און גוט אָרגאַניזירטע באַוועגונג, וואָס ווערט אונטערשטיצט דורך גרויסע פינאַנסיעלע מיטלען, וועלכע קומען פון ציוניסטישע קוועלן, — אַ באַוועגונג, וואָס איז אויפגעשטעלט און אַנטוויקלט געוואָרן דורך געוויסנלאָזע מענטשן, כדי צו צווינגען די ענגלישע רעגירונג צוצואײַלן זיך מיטן באַשלוס וועגן דער פּאָ־ליטישער צוקונפט פון ארץ־ישראל.

די אָרגאַניזאַטאָרן פאַרמאָגן אַ נעץ פון אַגענטן אין די לענדער פון מזרח־ און דרום־אייראָפּע, וועלכע פירן צאָלרייכע אויסגעוואָרצלטע יידן פון אַזעלכע ווייטע אויסגאַנגס־פּונקטן ווי פּוילן, צו די ברעגעס פון מיטללענדישן ים. דאָרט שטופּט מען זיי אַריין אין איבערפולטע שיפן, וואָס טויגן גאָרנישט צו טראַנספּאָרטירן מענטשן און מען פּירט זיי, אָן גענוגנדיקע לעבנס־מיטלען און ביי שלעכטע, אַנטי־היגיענישע באַדינגונגען, דורכן מיטללענדישן ים. זיי האַנדלען אַזוי, אין דער אי־בערצייגונג — מען האָט עס זיי אַריינגעקלאַפּט אין די מוחות — אַז דאָס איז זייער איינציקער זיכערער וועג.

ביי דער דאָזיקער פּראָצעדור ווערן איגנאָרירט די געזעצן און די תקנות פון די פּאַראינטערעסירטע לענדער: מען פעלשט אין אַ גרויסן פאַרנעם פּערזענלעכע און רייזע־דאָקומענטן. שפּייז, קליידונג, מעדיקאַמענטן און טראַנספּאָרט־מיטלען, וואָס ווערן דורך „אונרראַ" און אַנדערע אינסטיטוציעס פאַרטיילט אַלס שטיצע פאַר ליידנדיקע אין אייראָפּע, שטיצן די עקזיסטענץ פון אַ זאַך, וואָס ווערט אָפּן אָנגערופן „דער אונטערערדישער וועג קיין ארץ־ישראל".

צוליב די דערמאָנטע טעמים קען די רעגירונג מער נישט דולדן דעם פּרוּוו אויפצוצווינגען איר אַ פּאָליטיק בנוגע דער צוקונפט פון ארץ־ישראל. דעריבער זיינען דער ארץ־ישראלדיקער מאַכט געגעבן געוואָרן אָנווייזונגען נישט אַריינצו־לאָזן מער קיין אומלעגאַלע עולים קיין ארץ־ישראל. אין הסכם דערמיט וועלן די אומלעגאַלע וואַנדערער, וואָס וועלן מהיום והלאה אָנקומען קיין ארץ־ישראל, גע־שיקט ווערן קיין ציפּערן אָדער אין אַן אַנדער אָרט. דאָרטן וועלן זיי געהאַלטן ווערן אין לאַגערן ביזן מאָמענט ווען מען וועט קענען אָננעמען אַ באַשלוס וועגן זייער צוקונפט.

נעמענדיק אין אַכט די ידיעות, אַז פיל אומלעגאַלע עולים זיינען דורכגע־גאַנגען אַ סך ליידן נישט צוליב זייער שולד, וועלן אָנגענומען ווערן אַלע נויטיקע שריט, כדי אָפּצוהיטן זייער געזונט און עקזיסטענץ.

מעלדנדיק וועגן איר באַשלוס, ווײל די ענגלישע רעגירונג גלײכצײטיק קלאָר מאַכן, אַז הגם זי קען נישט דולדן דעם עקספּערימענט, וואָס ווערט געמאַכט דורך אַ מינדערהײט פון ציוניסטישע עקסטרעמיסטן, אויסצונוצן די לײדן פון אומגליקלעכע מענטשן, כדי צו שאַפן אַ לאַגע, וועלכע בילדעט אַ קעגנזאַץ צו אַ יושרדיקער לײזונג, — דאָך אַנערקענט זי די לײדן פון דער יידישער געמײנשאַפט און שטרעבט אָפּצושאַפן זײ וואָס גיכער.

# דערקלערונג פון דער יידישער אַגענץ

די רעגירונגס־דעקלאַראַציע גופא איז מורה, אַז אין מזרח־ און דרום־מזרח־אײראָפּע קומען פאָר רדיפות, פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען אויף יידן. אַלע אויספאָרשונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אײנע נאָך די אַנדערע, האָבן אויפגעדעקט דעם טרויעריקן גורל פון די פיל טויזנטער יידן, וועלכע ווערן נאָך געהאַלטן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אינם באַריכט פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע איז דערקלערט געוואָרן, אַז אַפילו נאָכדעם ווי עס וועלן זיך פאַרבעסערן די באַדינגונגען אין אײראָפּע „וועט דאָרט פאַרבלײבן לכל הפחות אַ האַלבער מיליאָן יידן, וואָס וועלן פאַרלאַנגען, אָדער וועלן טאַקע געצוווּנגען זײַן, צו פאַרלאָזן אײראָפּע“. נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע בקשות און דרינגנדיקע פאָדערונגען פונם אַמעריקאַנער פּרעזידענט און טראָץ דער אײנשטימיקער רעקאָמענדאַציע פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, האָט די רעגירונג ביזן הײנטיקן טאָג נישט געוואָלט עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר די רעשטלעך פון היטלערס קרבנות. אַזאַ מין פּאָליטיק קען נאָר האָבן אײן אויפקלערונג: דאָס איז אַ פּאָליטיק פון נאָכגעבן אַ באַשטימטער אַראַבישער פּערזאָן, וואָס איז בשעתו געווען אײנער פון די הויפּט־העצער, אַז די זעקס מיליאָן יידן זאָלן פאַרניכטעט ווערן און אַז די אַראַבער זאָלן אַרויס אין קאַמף קעגן ענגלאַנד און אירע פאַרבינדעטע. פּנים אל פּנים מיט די דאָזיקע פאַקטן קומט איצט די רעגירונג און פּרוּווט מאַכן דעם אײנדרוק, אַז די מאַסן־באַוועגונג פון די יידישע קרבנות־רעשטלעך איז נישט קײן זעלבסשטענדיקע און נאַטירלעכע, נאָר אַ קינסטלעכע באַוועגונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך „געוויסנלאָזע מענטשן“ און דורך „אַ מינדערהײט פון ציוניסטישע עקסטרעמיסטן“. דעם יידישן פאָלק פעלט נישט קײן אַנערקענונג פאַר דער העלדישער שטעלונג פון ענגלאַנד קעגן די נאַציס אין דער צײט פון דער מלחמה, מען טאָר אָבער דערבײ נישט פאַרגעסן, אַז איבער אַ מיליאָן יידן האָבן זיך געפונען אין די קעמפער־רײען פון די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן און איבער דרײסיק טויזנט פרײַוויליקע יידן פון ארץ־ישראל האָבן געקעמפט אין ענגלישן מיליטער אויף אַלע פראָנטן און אין אַלע וועלט־טײלן.

די ענגלישע רעגירונג האָט איצט אָנגעהויבן אַ נײעם קאַמף קעגן דער יידישער עליה קײן ארץ ישראל. אין דער צײט ווען ענגלאַנד איז פּאַקטיש פאַרפליכטעט צו דערמוטיקן זי, ווײל דאָס איז דאָך דער מאָטיוו פון דער בריטישער אָנוועזנהײט אין ארץ־ישראל. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך געווענדט מיט אַ רוף דווקא צו יענע רעגירונגען, וואָס, נישט געקוקט אויף זײער גוטן ווילן, האָבן זײ נישט די מעגלעכקײט אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען און די יידן־רדיפות אין זײערע לענדער, אַז זײ זאָלן עס אָפּהאַלטן די יידן פון אַנטלויפן.

ע ק ז ע ק ו ט י ו ו ע  פ ו ן  ד ע ר
י י ד י ש ע ר  אַ ג ע נ ץ .

# דער חשבון פון געפיל און מאראל

מען דארף זיך אפגעבן א רעכענונג, אז צו דער פארשארפונג פון די באציונגען צווישן די יידן און ענגלאנד האבן גורם געווען פיל פאקטארן. דא אין לאנד האבן מיר געפילט, מיט וואס פאר אן אינערלעכער באפרידיקונג די פאליטיק פונם „ווייסבוך" איז אויסגעפירט געווארן. צו וואס פאר א שטאפל האט די פיין בעת דער מלחמה געמוזט דערגרייכן, ביז וואנען מען האט די יידן ענדלעך דערלויבט צו באטייליקן זיך אין דער קריגס־אנשטרענגונג. די דאזיקע סדרה איז ווייט נישט אזוי שיין, ווי זי איז געשילדערט געווארן אין דער ענגלישער דעקלאראציע. מאנטגאמעריס ארמיי־טיילן האבן אויך אונז אפגעראטעוועט. דאס איז אמת. אבער נישט פאר אונז האבן זיי מלחמה געהאלטן. ס'איז אמת, אז די יידן האבן באקומען געווער אין די צייטן פון על אלעמיין. זיי האבן געזאלט פירן א פארטיזאנער־קריג אין פאל ווען דעם שונא זאל געלונגען אפצושטופן די ענגלישע מיליטער־קרעפטן ביז סיריע און ווייטער. די דאזיקע זאכן האט מען נישט געדארפט אריינרעכענען אין חשבון פון דער סימפאטיע. ענגלאנד האט אויפגענומען א סך יידישע פליטים. דאס איז אמת. אבער ענגלאנד האט נישט געמאכט קיין שום פרווו אפצוהאלטן די מאסן־פארניכטונג פון מיליאנען יידן אין אייראפע. אפשר איז דערצו, אין קעגנזאץ צו לארד וואנזיטארטס מיינונג, — נישט געווען קיין מעגלעכקייט. עטלעכע הונדערט טויזנט יידן האט מען דאך אבער זיכער געקענט ראטעווען. נאר ענגלאנד האט, צוליב דער הייליקייט פונם „ווייסבוך" געהאלטן די טויערן פון ארץ־ישראל פארשלאסן, כאטש ס'האט זיך דארט דאן געפילט א מאנגל אין מענטשן און די עקאנאמישע לאגע איז געווען א גוטע. דער פאקט, וואס די דאזיקע צווייפלדיקע ליניע פון דער קאלאניאל־פאליטיק איז פאר ענגלאנד געווען וויכטיקער, ווי די מעגלעכקייט צו ראטעווען יידן פון זיכערער פארניכטונג — דער דאזיקער פאקט האט אויסגעווארצלט די רעשט סימפאטיע, וואס ביי די יידן איז נאך געהאט פארבליבן צו דער דאזיקער מלוכה.

פ. בערנשטיין

# די מלחמה־דערקלערונג

די ענגלישע רעגירונג מאביליזירט איר ארמיי, איר פלאט, אירע אעראפלאנען, אירע געזאנדטע אין עלף מדינות און ענדערט איר שטעלונג אין אירע אפיציעלע דערקלערונגען.

און דאס אלץ, כדי אויסצומיידן א בירגער־קריג אין ארץ־ישראל. און כדי צו פארלייכטערן דער רעגירונג דעם עול אויפצונעמען אומלעגאלע עולים און אויסצוהאלטן זיי. און ווער האט אייגנטלעך געבעטן די ארץ־ישראל־רעגירונג אריינצורייגן אזויפיל מי און האלטן די עולים אין לאגערן? זי האט דאך זיי געקענט באפרייען און פטור זיין פון באשטראפן זיי. אבער די הויפט־דאגה — לאזט זיך אויס — איז דאס, וואס די יידן, וועלכע האבן געקענט אריינוואנדערן אין לאנד לויטן געזעצלעכן שעדיול, האבן עס נישט געקענט טון צוליב דער אומלעגאלער עליה. די דאזיקע זארג איז א זייער רירנדיקע. אבער פארוואס, פרעגט זיך, האט די דאזיקע אזוי דעמאקראטישע רעגירונג זיך נישט גענומען די מי דורכצופירן אן אנקעטע

צווישן די ארץ־ישראל־יידן, וואָס האָבן דערלאַנגט איינוואַנדערונגס־ביטעס פאַר זייערע קרובים — זייער צאָל באַטרעפט צענדליקער טויזנטער — און צווישן די יידן אין איראָפּע, וואָס בעטן עליה־דערלויבענישן — זייער צאָל דערגרייכט הונדערטער טויזנטער — כדי פעסטצושטעלן, צי זיי זיינען גרייט זי צו באַפולמעכטיקן, אַז זי זאָל מעלדן דאָס, וואָס זי האָט געמאָלדן און צוציען זיי צו מיטאַרבעט קעגן אָט דער עליה, וואָס שטערט זיי און זייערע פאַמיליע־מיטגלידער איינצוואַנדערן? — — —

דער אמת איז, אַז דער הויפּט־חטא פון די יידן, וואָס קומען איצט קיין ארץ־ישראל איז, וואָס זיי זיינען געבליבן לעבן. דער דאָזיקער פאַקט פון לעבן בלייבן באַשווערט די ענגלישע אָרדענונגס־היטער אויפן מיטללענדישן ים. דער אמת איז, אַז די ענגלישע רעגירונג וויים אויסגעצייכנט, וואָס פאַר אַ ברירה יידן האָבן, אויב זיי וועלן נישט אַריינקומען אין לאַנד. זי איז אָבער פאַראינטערעסירט אין דער צווייטער ברירה און נישט אין זייער אַריינקומען קיין ארץ־ישראל.

„דבר"

# די ערשטע דעפּאָרטאַציעס

## „יגור" און „הענריעטאַ סאָלד"

12 אויגוסט 1946, אָפּיציעל:

נעכטן 11.30 זיינען רעגירונגס־פאַרשטייער אַרויפגעקומען אין חיפהער בוכטע אויף דער אומלעגאַלער שיף „סאַגאַלם", וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „יגור". דער קאַפּיטאַן איז צוזאַמען מיט ניין שיפס־מיטאַרבעטער אַרעסטירט געוואָרן. אויף דער שיף געפינען זיך 758 פּאַסאַזשירן.

היינט 7 פרי האָט אַן ענגלישע צעשטערונגס־שיף פאַרהאַלטן אויף די טער־ריטאָריאַלע וואַסערן פון ארץ־ישראל אַ זעגל־שיף אונטערן נאָמען „ארי ס. סאַלם", אָדער: „הענריעטאַ סאָלד". די שיף האָט געאַנקערט אין חיפהער איינגוס און אויף איר געפינען זיך 450 אומלעגאַלע עולים, צווישן זיי 200 קינדער.

## „איידזשעקס" קעגן „הענריעטאַ סאָלד"

די אויגן פון ישוב, די אויגן פון גאַנצן יידישן פאָלק זיינען איצט געווענדט צום חיפהער פּאָרט, צו די מעפּילים־שיפן, וואָס שטייען דאָרט. וועט זיך עפענען דער טויער פאַר די מעפּילים? אָדער זיי וועלן זען דאָס לאַנד פון דער נאָענט און וועלן אַהין נישט אַריינקומען? וועט דורך דער אַרטיקער מאַכט אַריינגעשריבן ווערן — אין דער צייט ווען אין ענגלאַנד הערשט אַן אַרבעטער־רעגירונג — אַ נייער מאַרטיראָלאָגיע־בלאַט אין דער יידישער געשיכטע? גיבן זיי זיך אָפּ אַ רע־כענונג וואָס פאַר אַ גרויסע אחריות עס ליגט אויף זיי?

מיר ווייסן ווי ווייניק קינדער זיינען אונז איבערגעבליבן נאָך אונזער חורבן אין אייראָפּע. דעריבער זיינען אונז אַזוי טייער די צענדליקער עופעלעך און די הונ־דערטער ייִנגלעך און מיידלעך — דאָס ביסעלע איבערגעבליבענע פון אונזער גרויסן פאַרמעגן — וועלכע דערנענטערן זיך צו אונז. דעריבער זיינען אונז אַזוי טייער די צוקונפטיקע מוטערס אונזערע, וואָס האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן און זיינען אַוועק אויפן וועג פון העפלה אין נאָמען פונם צוקונפטיקן דור. יאָ, אין די עופעלעך און אין די זויג־קינדער שטעקט אונזער קומענדיקע קראַפט!

פרויען און קינדער, זקנים און מענער, אויף וועמענס אָרעמס עס זיינען אויס־געקריצט די שפורן פון זייערע יסורים אין די דייטשע גיהנומס — דאָס איז דער סאָציאָלאָגישער צוזאַמענשטעל פון די יידישע רעשטלעך. זיי טראָגן עס אין זיך דעם יידישן לעבנס־דראַנג.

דאָס זיינען עס די שונאים פון ענגלאַנד, דאָס זיינען עס די „געפּערלעכע טעראָריסטן"... קעגן זיי האָט מען עס מאָביליזירט די חיילות און דעם פלאָט. ווייזט אויס, אַז זייער כוח איז אומגעהויער גרויס און שטאַרק, וויבאַלד די מעכטיקע ענגלאַנד איז געווען געצוווּנגען אַרויסצושיקן קעגן „הענריעטא סאָלד" איר „איידזשעקס"...

„משמר"

# די דעפּאָרטאַציע

14 אויגוסט 1946, אָפּיציעל:

דאָס אַריבערפירן די אומלעגאַלע עולים פון „הענריעטא סאָלד" און „יגור" אויף צוויי אַנדערע שיפן איז דערפאָלגרייך אויסגעפירט געוואָרן און די שיפן זיינען נעכטן אינדערפרי אָפּגעשוווּמען פון חיפה קיין ציפערן.

בעת דער דאָזיקער אַקציע איז דערקלערט געוואָרן אַן „עוצר" אויף דער טעריטאָריע פון דער שטאָט חיפה. דערביי איז דער האַפן דערקלערט געוואָרן ווי אַ געשלאָסענער שטח. 10.15 אינדערפרי האָט די פּאָליציי דורכגעפירט אין נייעם האַנדלס־צענטער אַן אָנגריף מיט גומי־שטעקנס, כדי צו צעטרייבן אַ המון פון הונדערטער יידן, וואָס האָבן געשטערט דעם עוצר און געפּרוּווט אַריינדרינגען אין פּאָרט. זיבן מענטשן זיינען דערביי אַרעסטירט געוואָרן.

אַ קורצע צייט נאָכדעם זיינען זעלנער געווען געצוווּנגען צו עפענען אַ פייער אויף אַ המון יידן אין „החלוץ"־גאַס אויפן הדר הכרמל. איין ייד איז דערהרגעט געוואָרן און ניין האָבן באַקומען וווּנדן. צוויי פאַרוווּנדעטע זיינען דערנאָך געשטאָרבן.

מיטאָג־צייט האָט זיך אַ גרויסער המון פאַרזאַמלט אויפן הויפּט־שאָסיי פון הדר הכרמל. ער איז פונאַנדערגעטריבן געוואָרן דורכן מיליטער, וואָס האָט אָפּגעגעבן צוויי וואָרענונגס־שאָסן. קיין קרבנות זיינען אינם דאָזיקן פאַל נישט געווען.

*

באַלד אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איבערפירן די עולים פון דער שיף „יגור". די עולים, וועלכע זיינען אין גרעסטן טייל געווען יונגע מענטשן, האָבן געשטעלט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד, אָבער זיי זיינען ענדלעך, צוליב זייער קליינער צאָל, באַזיגט געוואָרן דורך די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיי אַרויפגעטריבן אויף דער 8000־טאָניקער שיף „עמפּייר רייוואַל".

די דאָזיקע שיף האָבן די ענגלענדער אויסגעבויט ספּעציעל צו די דעפּאָרטאַציע־צוועקן, און זי איז דעריבער געווען פאַרזען מיט שטעכל־דראָטן, כדי די עולים זאָלן נישט קענען שפּרינגען אין וואַסער.

נאָך די עולים פון „יגור" איז געקומען די ריי אויף די עולים פון „הענריעטא סאָלד". ווען די לעצטע זיינען געוואָר געוואָרן וועגן זייער גורל, זיינען עטלעכע פון זיי געשפּרונגען אין וואַסער אַריין, אָבער מען האָט זיי באַלד אַרויסגעצויגן. די זעלנער האָבן דאַן אָנגעהויבן צו שפּריצן פון וואַסער־פּאָמפּעס אויף די קינדער און מיט

כוח זיי אַרויפגעטריבן אויף דער צווייטער שיף „עמפּייר הייווּד", וועלכע איז פּונקט ווי „עמפּייר רייוואַל" אויסגעבויט געוואָרן ספּעציעל צו די דעפּאָרטאַציע־צוועקן.

בשעת דער גאַנצער איבערזידלונגס־אַקציע איז קיינער נישט צוגעלאָזט געוואָרן צום פּאָרט. ביידע שיפן זיינען אַרום צען אַזייגער אָפּגעשווומען קיין ציפּערן.

אינדערפרי זיינען טויזנטער מענטשן אַרויס פון די הייזער טראָץ דעם „עוצר". אויף דער הערצל־גאַס איז געקומען צו צוזאַמענשטויסן צווישן די טויזנטער מענטשן און דעם מיליטער. אינם עק פון תבור־ און אַרלאָזאַראָוו־גאַס האָט דאָס מיליטער אָפּגעשלאָסן די גאַסן מיט טאַנקן און אויטאָס און ווען די פאַרזאַמלטע מאַסן האָבן געפּרוּווט דורכצורייסן זיך דורך די אָפּצוימונגען, איז אַ גרופּע פון 30 זעלנער אַרויסגעשפּרונגען פון די אויטאָס און אָנגעהויבן שיסן אויף די מענטשן. די 19־יאָריקע אביגיל ווייגבראַנד איז דערהרגעט געוואָרן און אַכט אַנדערע זיינען פאַרוווּנדעט געוואָרן. צוויי פון זיי, זאב כרמי און מאיר מאלץ זיינען שפּעטער געשטאָרבן פון די וווּנדן.

בעת דער לוויה פון די דריי קרבנות האָבן טויזנטער חיפהער איינוווינער באַגלייט די קערפּערס פון די געפאַלענע צו זייער אייביקער רו, אויסדריקנדיק זייער צאָרן און אויפבּרויז קעגן די ענגלישע מעשים תעתועים..

נאָך דער לוויה האָבן אַרום דריי טויזנט מאַן געפּרוּווט דורכרייסן זיך צום פּאָרט. זיי זיינען אָבער צעטריבן געוואָרן דורך דער פּאָליציי און מיליטער.

צען מאַן זיינען דערביי פאַרוווּנדעט געוואָרן.

## וויאַזוי איז דאָס פאָרגעקומען?

מאָרגנס: 13 טעג איז זיך געשווומען אונזער מעפּילים־שיף „יגור" איבער פיל וואַסערן, אין האַרץ פון בריטע האָריזאָנטן, אַן אָפענע פון אַלע זייטן, און קיינער האָט זי, דוכט זיך, נישט באַמערקט. ערשט אויפן 13־טן טאָג איז עס פּלוצלונג געשען. פון ערגעץ ווו האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַן אַעראָפּלאַן, איז פאַרבייגעפלויגן ווי אַ שפּאַרבער, אַראָפּלאָזנדיק זיך ממש איבער אונזער שיף, און אויף אַזאַ אופן זיינען מיר אַנטדעקט געוואָרן. דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי פּלוצלונג, אַז מיר האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט אַראָפּצולויפן און באַהאַלטן זיך אין דער שיף. דער אַעראָפּלאַן האָט געמאַכט אַרום אונז אַ קרייז, און מיר האָבן זיך נישט בלויז נישט באַהאַלטן, נאָר להיפוך — זיך אויסגעשטרעקט צו אים וואָס אַמאָל מער. עפּעס איז אונזער שטימונג דווקא דערהויבן געוואָרן. אונזער יידישע פאָן האָט זיך הויך־הויך צעפלאַטערט, און צונויפגעדריקטע אויפן דעק, האָבן מיר אַלע אַרויסגעפּראַלט מיט אַ „התקוה"־געזאַנג, און דער אַעראָפּלאַן קרייזט אַרום איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל...

אָבער אונזער שיף שווימט ווייטער. און אָט דערנענטערן מיר זיך שוין צום ברעג. פּלוצלונג באַמערקן מיר, אַז צוויי צעשטערונגס־שיפן שווימען אונז נאָך. אַ גאַנצן אָוונט זיינען זיי אונז אַזוי נאָכגעשווומען שטום און שטיל, ווי צוויי שוואַרצע בלאָקן. געוועדט האָט צו אונז נאָר חיפה מיט איר ליכט־שפע. זייער

# גלות - ציפערן



מען לעבט אין געצעלטן



מען דעמאָנסטרירט...
„ווי לאַנג נאָך איז דער שיעור אונז צו האַלטן פאַרשפאַרט?!"

שווייגן האָט אונדז געווונדערט. פֿאַרוואָס דערנענטערן זיי זיך נישט צו אונדז? פֿאַרוואָס גיבן זיי אונדז נישט קיין צייכן? קיינער ווייס נישט, וואָס עס שטייט אונדז פֿאָר.

די גאַנצע נאַכט האָט קיינער פֿון אונדז נישט צוגעמאַכט קיין אויג. אַלע 800 מאַן זיינען אַרויסגעקראָכן פֿון זייערע לעכער און האָבן זיך צונויפֿגעדריקט אויפֿן ענגן דעק. מיר זיינען געשטאַנען אין איין פֿעסטן בלאָק. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געריכטעט צו דער ליכטרייכער חיפה און דאָס האַרץ האָט אונדז געקלאַפּט. אַ היים! אַ היים! די אויגן האָבן געלאָזט אַ טרער, פֿול מיט פּיין האָט דאָס האַרץ געברומט פֿון גליק. סוף כּל סוף איז נאָך לאַנגע יאָרן פֿון יסורים געקומען דער געגאַרטער מאָמענט. יעדער איינער האָט געשוויגן, געטראַכט, געמאַכט זיין חשבון הנפש, זיין לעבנס־רעכענונג. דער אָנדענק פֿון די טייערע משפּחה־אָנגעהעריקע, וואָס זיינען אומגעקומען און דערצו נישט זוכה געווען, האָט שטילערהייד געקלאַפּט אין די טויערן פֿון האַרצן...

פּלוצלונג האָט אַלץ אַ ציטער געטון. מיט אַן איבעררעשנדיקער שנעלקייט האָט זיך צו אונדז דערנענטערט אַ צעשטערונגס־שיף, און ס'האָט אַ הילך געטון אַ באַפֿעל: „האַלט!” אין אַ ווייל אַרום זיינען אויף אונדזער שיף אַרויפֿגעשפּרונגען ענגלישע מאַטראָזן. זיי האָבן צוגעבונדן די שיף צו זייער שיף. אַרומגערינגלט דעם קאַפּיטאַן און זיינע מיטאַרבעטער, פֿאַרשלעפּט די שיף אין אַ זייט, אויסערן פּאָרט, אַראָפּגעלאָזט דעם אַנקער, אַוועקגעשטעלט איבער אונדז אַ וואַך פֿון עטלעכע אַראַבישע פּאָליציסטן און נעלם געוואָרן.

אַזוי איז אונדזער שיף געפֿאַנגען געוואָרן. ס'איז אַוועק די נאַכט און ס'איז געקומען דער פֿרימאָרגן. אַרום איז שאַ־שטיל. קיינער קומט נישט, קיינער דערנענטערט זיך נישט. מיר וואַרטן.

מיטאָג־צייט האָט זיך באַוויזן אַ צעשטערונגס־שיף, וואָס האָט נאָכגעשלעפּט אַ צווייטע מעפּילים־שיף. אַ ציטער איז אונדז אַדורך, ווען מיר האָבן זי דערזען. אָט האָט זי זיך דערנענטערט צו אונדזער שיף און מיר האָבן אויף איר דעק דערזען הונדערטער מענטשן און פֿיל, פֿיל קינדער. דאָס איז געווען די קינדער־שיף „העגריעטאַ סאָלד”. דאָס האַרץ איז שטאַרק געוואָרן. די אומרואיקייט צוליב אונדזער גורל איז אַוועק אין אַ זייט. דאָס האַרץ איז פֿאַרפּלייצט געוואָרן פֿון אַ מין ברודערשאַפֿטגעפֿיל, פֿון עפּעס אַ מאָדנער ציטערניש. דאָס איז געווען אַ קליין שיפֿל מיט 500 מאַן, דערפֿון אַ 200 קינדער, פֿיל פֿון זיי נאָך עופּעלעך. דער עיקר האָבן געשווינדלט פֿאַר אונדזערע אויגן עופּעלעך און ווינדעלעך, ווי זיי וואָלטן געשוועבט אינדערלופֿטן: אַ טייל פֿון זיי האָבן מיר געזען ביי זייערע מאַמעס אויף די אָרעמס. די קינדער זיינען געווען פֿון פֿאַרשידענעם עלטער — פֿון זויגלינגען ביז יוגנטלעכע. און דאָס זיינען עס געווען די מעפּילים!

מיר זיינען אַלע אַריבער אויף דער צווייטער זייט דעק, כּדי צו זיין נענטער צו די קינדער פֿון אונדזער שוועסטער־שיף. מיר האָבן פֿאַרגעסן אין אונדזער פּיין און אין אונדזער הונגער. אָן קיין שום באַפֿעל און אָנווייזונג האָבן אונדזערע מענטשן אָנגעהויבן דערלאַנגען וואָס זיי האָבן געהאַט צו די מענטשן פֿון „העגריעטאַ סאָלד”. יעדער טראָפּן וואַסער, וואָס איז ביי אונדז איבערגעבליבן, איז אַריבער אַהין, יעדעס ברעקל שאָקאָלאַד, און ווו נאָר אַ ציגאַרעט. דערנאָך האָבן מיר אָנגעהויבן דערלאַנגען גאַנצע קעסטלעך מיט שפּייז. וואָס פֿאַר אַ באַדייטונג האָט אונדזער ליידן געהאַט קעגן זייערן? די פּנימלעך פֿון די קינדער האָבן מער פֿון אַלץ אויסגעדריקט דעם

גאַנצן פּיין, וואָס זיי זיינען אַדורך אויפן ים. ווען ס'איז געפאַלן דאָס וואָרט — שטילערהייד און אויפן ווונק — אַז אונזער גורל איז געחתמעט, מיר וועלן פאַר־טריבן ווערן פון לאַנד, — האָבן מיר נישט געגלייבט, אַז זיי וועלן אויך זיי, די קינדער, וואַגן צו פאַרטרייבן. זיי? די זויגלינגען? פיר יתומים זיינען געווען צווישן די 200 שיפס־קינדער.

אין עטלעכע שעה אַרום איז צוגעקומען אַ שיפל מיט אַ דאָקטאָר און קראַנקן־שוועסטערס. מיר האָבן געמאָלדן, אַז צווישן אונז זיינען דאָ פיל שוואַנגערע פרויען און אַ געוויסע צאָל ערנסט־קראַנקע און אַז מען מוז זיי אַראָפּנעמען אין אַ שפּיטאָל. נאָכגעגעבן האָט מען אונז נאָר טיילוויז. אַ צאָל קראַנקע, פון זיי באַ־זונדערס ערנסטע, האָט מען אָפּגעפירט, און מיר זיינען געבליבן וואַרטן.

אין משך פון טאָג זיינען צוגעקומען די ענגלענדער. זיי האָבן אונז געוואָלט דערלאַנגען וואַסער, אָבער מיר האָבן עס פון זיי נישט געוואָלט אָננעמען. איין זאַך האָבן מיר זיי געפרעגט: פאַרוואָס לאָזט מען אונז נישט אריין אין פּאָרט? צום סוף זיינען דערשינען פאַרשטייער פון דער אַגענץ און אונז געבראַכט שפּייז. דאָס איז געווען די ערשטע פאַרבינדונג מיטן ישוב און זי האָט אין אונז אַלעמען דער־וועקט אַ כוואַליע פון וואַרימער אויפרעגונג. ס'האָבן אונז געריררט דאָס ברויט, וואָס איז געבאַקט געוואָרן דורך יידן אין אונזער לאַנד; די קוויטעלעך, וואָס זיינען גע־ווען צוגעקלעפּט אויף די לעבלעך. די אייער מיטן שטעמפּעלע פון „תנובה", די אַר־טיקעל פּרוכטן. מיר האָבן דאָס אַלץ געגעסן מיט גרויס כוונה.

⁂

וואָס וועט זיין מיט אונז דער סוף? די קלאַנגען וועגן פאַרטרייבן אונז האָבן זיך פאַרשטאַרקט און אַרויסגערופן אַ גרויסע זאָרג. וויאַזוי דאָס וועט פאָרקו־מען האָבן מיר נישט געוווּסט. אויף יעדן פאַל האָבן מיר צוגעגרייט אונזערע רע־טונגס־פאַסן.

אינמיטן דער נאַכט האָבן זיך באַוויזן צעשטערונגס־שיפן. מען האָט צו זיי צוגעבונדן אונזער שיף און זיי האָבן זי גענומען שלעפּן אין דער ריכטונג פון חיפה.ווידער האָט זיך דערוועקט אַ צווייפל: אפשר וועט מען אונז נישט פאַרטרייבן?

נאָענט פונם פּאָרט האָבן מיר באַמערקט פיל מיליטער, געפּאַנצערטע אויי־טאָס און הונדערטער זעלנער זיינען געשטאַנען אין פולער גרייטקייט כדי אונז אויפצונעמען. מיר האָבן אויך באַמערקט אַ גרויסע שיף אַרומגענומען פון שטעכל־דראָט. איצט האָבן מיר שוין דעם מינדסטן צווייפל נישט געהאַט — דאָס איז עס.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך פון דער דעפּאָרטאַציע־שיף דערהערט דורך אַ מעגאַפאָן העברעישע ווערטער: „הערט אויס! איך וויל אייך זאָגן אַ פּאָר ווערטער. איר וועט געבעטן אריבערצוגיין אין אָרדענונג אין דער גרויסער שיף. דאָס איז אַ באַקוועמע שיף. זי איז נישט קיין ענגע. אירע סאַניטאַרע באַדינגונגען זיינען גו־טע. מען וועט אייך געבן עסן און טרינקען. איר וועט אויך האָבן מעדיציניש הילף. איר קענט אין איר אַריינגיין משפּחותוויז".

אין די דאָזיקע רייד האָט ווי געקלונגען אַ זאָרג פאַר אונזער געזונט. קיין איין וואָרט איז נישט געזאָגט געוואָרן וועגן דעפּאָרטאַציע און וואָס מען האָט ברעה מיט אונז צו טון. די שטעכל־דראָטן פון יענער שיף האָבן אָבער גערעדט קלאָרע דיבורים און דעמאַסקירט די צביעות פונם זאָרגן פאַר אונזער געזונט. אין די דאָזיקע רייד איז כלומרשט געווען אַ מענטשלעכע באַציונג, אַן אַפּעלירן צום שוואַכן פּונקט, אָבער דערמיט איז מען אויסן געווען בלויז איינצורעדן און אָפּ־

צונאָרן. די שיינע ריידעלעך זיינען דורך אונז אַלעמען איבערגעריסן געוואָרן: „מיר האָבן דאָס אַלץ שוין געהערט אין אוישוויץ. מיר גלייבן אייך נישט. מיר ווילן נישט גיין!"

און ווידער האָט זיך דערהערט די שטים. זי האָט געבעטן מיר זאָלן אַנט־שווייגן ווערן, ווייל מען וויל נאָך עפּעס זאָגן. ס'איז געוואָרן רואיק און ס'האָט זיך דערהערט אַ מאָדנע אומבאַקאַנט זשומען... דאַן האָבן מיר דערהערט: „ווער עס וועט פּרוּוון שפּרינגען אין ים אַריין, וועט זיך באַגעגענען מיט וואַסער־באָמבעס. איר זאָלט נישט וואַגן. צוויי מינוט וועט אייך געגעבן צום באַשליסן!"

און ווידער האָט די שטים געגומען איינרעדן: „פּאַר אייערע זאַכן זיינען צוגעגרייט געוואָרן זעק. אויף יעדן זאַק וועט אָנגעשריבן ווערן דער נאָמען פון אינ־האַבער. קיין שום זאַך וועט נישט פאַרלאָרן גיין. טוט וואָס מען בעט אייך פאַר אייער טובה וועגן. איר האָט צוויי מינוט צום באַטראַכטן זיך".

אָבער אויך דאָס מאָל האָבן מיר געענטפערט מיט פּראָטעסט־אויסרופן, מיט „התקוה"־געזאַנג, מיט געטאָ־ און פּאַרטיזאַנער־לידער. דאָס איז געווען אַ מעכטיק געזאַנג פון אונזער אַלעמענס טיפן האַרצן. איך געדענק שוין נישט די צייטן ווען מיר האָבן אַזוי געזונגען. די זעלנער זיינען געשטאַנען רואיק, זיך צוגעהערט צום זינגען און נישט געפּרוּווט אַרויפצוגיין. אָבער ווען זיי האָבן דערזען, אַז די צייט גייט אַוועק און קיינער רירט זיך נישט פון אָרט, זיינען זיי אַרויפגעשפּרונגען אויפן דעק פון אונזער שיף. אין די ערשטע מינוטן האָבן זיי זיך נאָך אויפגעפירט אַנ־שטענדיק, זיי האָבן געבעטן און איינגערעדט אויף ענגליש און אויף העברעיש: "קום! קום!" מיר האָבן אָבער פאַרשטאַנען וואָס עס שטייט אונז פאָר, כאָטש מען האָט אונז נישט געזאָגט, וואָס מען וויל מיט אונז טון און אונזער ערשטע רעאַק־ציע איז דעריבער געווען — נישט פאָלגן. אָנכאַפּן זיך אין וואָס עס לאָזט זיך, נישט רירן זיך פון אָרט און — שרייען.

אַ מבול פון געשרייען און געוואַלדן איז אויסגעבראָכן. קללות, וואָס מיר האָבן געקענט נאָך „פון דאָרטן", האָבן זיך אַ שאָט געטון אויף זייערע קעפּ. „מיר האָבן שוין געהערט אַזעלכע רייד אין די לאַגערן! — האָבן מיר געשריען. — אַ חרפּה!" און איבער אַלץ האָבן זיך געלאָזט הערן די אויסרופן: „פּאַלעסטיין! פּאַ־לעסטיין!"

מיר האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די געשרייען וועלן אונזערע קעגנער נישט אָפּשרעקן. מיר האָבן אָבער געוואָלט, אַז די יידן אויפן ברעג זאָלן זיי הערן. „יידן פון חיפה, — האָבן מיר געשריען — הערט צו! יידישע חיפה, זע וואָס מען טוט מיט אונז!" און די גאַנצע צייט האָבן מיר איינע די צווייטע געפרעגט: ווייס מען כאָטש אין אַרץ וואָס מען וויל מיט אונז טון? הערן זיי? מיר זיינען געווען זיכער, אַז די גאַנצע יידישע חיפה געפינט זיך איצט אין די גאַסן און זי רוט נישט.

די ענגלישע אַנשטענדיקייט איז גיך פאַרשוווּנדן. אויפן דעק זיינען געלעגן שוואַנגערע פרויען, האָבן זיי די זעלנער אָנגעהויבן צו שלעפּן פאַר די האָר. מען קען זיך פאָרשטעלן ווי דאָס האָט אַלעמען אויפגעקאָכט. געזען, אַז מען פאָלגט זיי נישט, האָבן זיך די זעלנער פאַרטיילט אין גרופּן, צו פיר מאַן אין אַ גרופּע. יעדע גרופּע האָט געכאַפּט אַ פרוי, צוויי מאַן פאַר די הענט, צוויי פאַר די פיס, און אַזוי געשלעפּט ווי מען שלעפּט אַ פּאַק. די פרויען האָבן זיך געדרייט, געריסן, געראַנגלט, געדראַפּעט, געשטויסן מיט די פיס, דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן, פיר מענער

זיינען געווען שטאַרקער ווי איין פרוי. שרעקלעך איז געווען דאָס דאָזיקע בילד. אונזער קאַמפּסלוסטיקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט. מיר האָבן אָנגעהויבן שיצן איינער דעם צווייטן. און זיינען אַלע אַראָפּגעלאָפן אונטן. די ענגשאַפט איז דאָרט געווען איז לשער, איינער איז געשטאַנען אויפן צווייטן, און די געשרייען — הימל עפן זיך!

מיר האָבן געזוכט וואָס נישט איז צו וואַרפן דאָס אויף די זעלנער, מיר האָבן אָבער גאָרנישט געפונען אונטער דער האַנט. די זעלנער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן, געכאַפּט אונזערע מענטשן פאַר די האָר און געשלעפט אַרויף. מיר האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט און געשלעפט די חברים אויף צוריק. פיל פון זיי איז אונז אַזוי אַרום געלונגען אַרויסצורייסן פון די זעלנערס הענט.

ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דאָס וועט זיי נישט געלונגען, האָבן זיי נעבראַכט קישקעס און געשפריצט אויף אונז וואַסער. אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. האָבן זיי גענומען זוכן אַנדערע מיטלען. זיי זיינען געווען שטאַרקער פון אונז. מיר זיינען אַלע געווען אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער רייזע. דאָך איז קיי־נער פון אונז נישט געגאַנגען רואיק, מיטן גוטן ווילן. על פי רוב האָבן אונזערע מענטשן געקעמפט און די ענגלענדער איז זייער שטיקל אַרבעט אָנגעקומען נישט לייכט.

דער סוף איז, פאַרשטייט זיך, געווען, אַז זיי האָבן אונז ביינעקומען. אָבער ווי די זאַך זאָל נישט אויסזען מאָדנע — דער פאַקט, וואָס מיר זיינען נישט גע־גאַנגען ווי אַ סטאַדע שעפסן נאָר געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. — דער דאָזיקער פאַקט האָט אונז אָנגעפילט מיט שטאָלץ. מיר זיינען ווייט געווען פונם געפיל, אַז מיר זיינען צעקלאַפּט און באַזיגט. מיר האָבן בשעת מעשה נישט געטראַכט וועגן אונזערע רוק־זעקלעך, כאָטש זיי זיינען געווען אונזער גאַנץ פאַרמעגן. מיר האָבן זיי אַפילו נישט געפרווט מיטנעמען, מיר האָבן זיי מפקיר געווען. דער עיקר איז געווען — שטעלן אַ ווידערשטאַנד און נישט גיין.

ר ח ל

# די דריי קרבנות

דאָס בלוט פון די דריי וואָס זיינען אייערנעכטן געפאַלן אין חיפה, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פּראָטעסטירן קעגן דעם לעצטן באַוויז פון דער ענגלישער „פריינטשאַפט" צום יידישן פאָלק, וועט זייער שווער וועגן אויף דער פּאָליטישער וואָגשאָל פון לעצטן חשבון. ס'וועט פיל מער וועגן ווי דאָס האָבן באַרעכנט די פּראָיעקטן־מאַכער פון די פאַרשידענע ליקווידאַציע־שטאַפּלען פונם א"י־פּראָבלעם.

פופציק טויזנט זעלנער האָבן זיך באַטייליקט אין דער גרויסער אַקציע, לויט דער פאַרזיכערונג פון „רויטער". דאָס הייסט — דריטהאַלבן מאָל אַזויפיל ווי די צאָל מענטשן, וואָס האָבן אַנטיילגענומען אין ליקווידירן די אומרוען אין די יאָרן 1936־1938; כמעט צוויי מאָל אַזויפיל ווי די צאָל זעלנער, וואָס זיינען געשטאַנען אין רשות פון דער בריטישער הויפּט־אָנפירונג אין צפון־אַפריקע ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער איטאַליענישער אָנגריף אויפן אַפריקאַנישן פראָנט. מיט אַזאַ מין כוח איז נישט שווער געווען אַריבערצוטראַנספּאָרטירן קינדער, פרויען און מע־נער, וואָס זיינען אָפּגעשוואַכט פון זייער לאַנגן, ביטערן וואַנדער־וועג, בפרט אין

אַ צייט ווען דער ישוב וויים, אַז נישט אין צוזאַמענשטויסן מיטן מיליטער און נישט אין געבן אַ געלעגנהייט אומצוברענגען אונזערע בחורים וועט איצט דער־גרייכט ווערן די לייזונג. אויך נאָכן גרויסן מיליטערישן „נצחון" אויפן חיפהער פּראַנט, איז נאָך אונזער האָפענונג טיף, אַז דאָס לעצטע וואָרט וועט נאָך געזאָגט ווערן — און נישט דורך די יעניקע, וואָס אינסצעניזירן דעם נייעם פּראָנט.

נישט בלויז אַ בונט־אויסברוך האָט אַרויסגערעדט פון די רעדנער אויף די אייער־נעבעטיקע פאַרזאַמלונגען ווען זיי האָבן דערמאָנט, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט שוין געזען אויף זיין לאַנגן וועג אין זייער שטאָלצער מעכטיקייט פיל שטאַר־קע מלוכות — אשור און בבל, רוים און שפּאַניע, דאָס דריטע רייך... קיין זאַך קען אונז שוין נישט פאַרווונדערן. ווען ס'וועט קומען דער יום־הדין, וועט דאָס גע־וויכט פון די קינדערשע טרערן, וואָס זיינען געפאַלן אין די וואַסערן פון חיפהער איינגוס, און פון דעם בלוט פון די בחורים, וואָס זיינען געפאַלן צופוסנס פונם כרמל־באַרג, — זיין זייער שווער. אונזער שאַל וועט דאַן זיכער איבערוועגן.

„הארץ"

## „כתריאל יפה" און „כ"ג"

13 אויגוסט 1946, אָפיציעל:

היינט איז ווידער אָנגעקומען קיין חיפה אַ שיף מיט 615 אומלעגאַלע עולים. די שיף האָט פריער געהייסן „סאַגיצי" און שפּעטער האָט מען איר אַ נאָמען גע־געבן „כתריאל יפה".

15 אויגוסט 1946.

די שיף „כתריאל יפה" איז נעכטן צוגעבונדן געוואָרן צו דער טוריסטן־שיף „מאַוריציוס" אויסער די וואַסערן פון חיפהער פּאָרט. דאָס מיליטער האָט עס גע־טון נאָכדעם ווי די מעפּילים פון „כתריאל יפה" איז געלונגען בייצוקומען די וועכ־טער: זיי האָבן זיי געבונדן, אויפגעהויבן דעם אַנקער און געדירט פון אָרט. מאַ־טראָזן פון דער קריגס־שיף האָבן דאָס באַמערקט, אַרויף אויפן דעק, באַפרייט די וועכטער און צוגעבונדן די שיף צו „מאַוריציוס".

פאַליציי־שיפלעך היטן די גאַנצע צייט די שיף.

15 אויגוסט 1946, אָפיציעל:

די מעפּילים־שיף „סאַן קיסערא", וואָס הייסט אויף העברעיש „כ"ג", איז גע־כאַפּט געוואָרן דעם 13־טן פּאַרטאָג, און אַ גרופּע פלאָט־מאַטראָזן זיינען אויף איר אַרויף. אין דער שיף האָט מען נישט געפונען קיין שום דאָקומענטן אָדער פּלענער, אויך די מעפּילים האָבן נישט געוואָלט זאָגן פונוואַנען זיי זיינען אָנגעקומען. די מאַטאָרן פון דער שיף זיינען געווען איבערגעפּירט.

16 אויגוסט 1946.

די מעפּילים־שיף „כ"ג" איז נעכטן 7.30 אינדערפרי אָנגעקומען אין פּאָרט פון חיפה און געבראַכט 835 עולים. די דאָזיקע שיף האָט מען אַ נאָמען געגעבן „כ"ג" צום אָנדענקען פון די 23 יידישע קאָמאַנדאָ־מענטשן, וואָס זיינען אומגע־קומען אין יאָר 1941, ווען זיי זיינען אַרוים אויפרייסן די ווישי־ראַפינעריעס אין טריפּאָלי.

בסד הכל זיינען די מענטשן געווען אויף זייער שיף איין און צוואנציק טעג. ווי דער שטייגער איז אויף מעפילים־שיפן, האבן זיי דורכגעמאכט א קייט פון פיין און יסורים. די לעצטע טעג פון דער רייזע האבן זיי געליטן פון דורשט. ווען די ענגלישע קריגס־שיף האט די מעפילים־שיף געכאפט, זיינען זיי געשטאנען איינע אנטקעגן דער צווייטער גאנצע פיר טעג און זיך נישט גערירט פון ארט. די קריגס־שיף האט, זעט אויס, געווארט, ביז דער מעפילים־קאפטן וועט זיך מיישב זיין און צושווימען צו די טעריטאריאלע וואסערן, און אפשר האבן זיי געווארט אויף אנ־ווייזונגען. ס'איז אויך מעגלעך, אז זייער ציל איז געווען אפצווארטן די באקאנטע דעקלאראציע, וואס האט אלץ דערלויבט און האט די מעפילים אוועקגעשטעלט אויסער יעדער מענטשלעכער און געזעצלעכער באהאנדלונג.

בעתן דאזיקןווארטן האט זיך אויף „כ"ג"־שיף פארשטארקט דער דורשט, אבער די מעפילים האבן באשלאסן נישט צו בעטן קיין הילף ביי די פאנגער. ערשט נאך פיר טעג פיין זיינען אויפן דעק ארויף זעלנער און האבן די שיף צוגעפירט צום חיפהער פארט.

די „כ"ג"־פאסאזשירן זיינען 400 פרויען, 400 מענער, 35 קינדער און 37 שוואנגערע פרויען. קיין זויגלינגען זיינען צווישן זיי נישטא. אויך די צאל זקנים איז קליין. ס'רוב אנקומענדיקע זיינען יונגעלייט. די שיף איז א 300 טאניקע.

די באוועגונג אין חיפהער פארט האט נעכטן געגעבן א גרונט משער צו זיין, אז די מאכט האט בדעה צו דעפארטירן די מעפילים פון „כתריאל יפה" און „כ"ג".

צוויי מעפילים פון דער שיף „כ"ג" זיינען אומבאמערקט פון דער וואך אריינגעשפרונגען אין ים און געלאזט זיך שווימען צום ברעג. נאכן אפשווימען 5 קילאָ־מעטער, זיינען זיי אנגעקומען צום ברעג ביי קרית חיים. אויסגעמאטערט פונם שווערן וועג, זיינען זיי אין זייערע באד־הייזלעך אריין אין ערשטן בעסטן הויז. מעשה־שטן איז דאס פונקט געווען א הויז פון א מיליטערישן לאגער. זיי זיינען באלד אפגע־פירט געווארן צום פאסטן פון קרית חיים און זיינען דערנאך טראנספארטירט געווארן אין חיפהער תפיסה.

## פנים אל פנים

ווען מיר זיינען ארויסגעפארן, האבן מיר נאך נישט געוווסט, וואס עס שטייט אונז פאר אויפן ברעג. שטילערהייד האבן מיר אין הארצן שלום געמאכט מיט דער מעגלעכקייט, אז נישט אונזערע בחורים וועלן אונז באגעגענען אויפן ברעג מיט אפענע ארעמס, נאר „בעווינס יינגלעך" וועלן אונז אוועקפירן אין א נייעם קאנ־צענטראציע־לאגער. מיר האבן אבער געמיינט, אז דער דאזיקער לאגער וועט זיך געפונען אויפן באדן פון אונ'ער פאטערלאנד, בשכנות וועלן צו אונז ווינקען בערג און יידישע אויטאמאבילן, אפשר אויך א יידיש ווערטל, און דעריבער האבן מיר זיך נישט געשראקן פאר א פאר וואכן קאנצענטראציע־לאגער.

אמת, צו אונז זיינען דערגאנגען קלאנגען וועגן ציפערן. די פלאט־מאטראזן קענען, הייסט עס, „שלעפן" אונזער שיף צו יענעם אינזל, אויב מיר וועלן זיך פון זיי נישט ארויסדרייען. מיר זיינען אפילו געווען אביסל גרייט דערצו. מיר האבן דעריבער געהאט בדעה איבערצופירן די מאשינען אויף דער שיף און טון אלץ וואס

איז מעגלעך, כּדי נישט צו דערלאָזן, אַז די מאַטראָזן זאָלן אַרויף אויף דער שיף און ענדערן איר ריכטונג. אונז איז אָבער דעמאָלט נישט איינגעפאַלן, אַז אויך פון די טעריטאָריאַלע וואַסערן קענען זיי אונז אַוועקפירן אויף דעם גזירה־אינזל.

ווען מען האָט אונז געבראַכט קיין חיפה און באַשטימט דעם אָרט, ווו די שיף דאַרף אַנקערן אַנטקעגן דעם פּאָרט, האָבן מיר געהאַט אין זינען איין ווידער־שטאַנדס־פאָרם: צווינגען זיי אַריינצופירן אונז אין פּאָרט אַריין. אמת, דער פּאָרט געפינט זיך אין רשות פון די ענגלענדער און ענגלישע זעלנער באַוואַכן אים. אָבער שוין דאָס אַנקערן דאָרטן אַליין — האָבן מיר געטראַכט — וועט אונז אַביסל דער־נענטערן צו אונזער פאָטערלאַנד. דערפאַר האָבן מיר זיך נישט קעגנגעשטעלט דעם אַרויפגיין פון די מאַטראָזן אויפן דעק — מיר האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דערין שטעקט אַ סכנה פאַרטריבן צו ווערן. מיר האָבן דעריבער אויסגעריסן די אַנ־קערס און די שיף איז מיט גרויס פאַראַד אַריבערגעפירט געוואָרן אין פּאָרט, ווו עס זיינען שוין געשטאַנען צוויי דעפּאָרטאַציע־שיפן. ערשט דאָ האָבן מיר פאַר־שטאַנען וואָס זיי ווילן מיט אונז טון, אָבער ס׳איז שוין געווען שפּעט: ענגלישע באַוואָפנטע מאַטראָזן האָבן שוין אַרומגעשפּאַצירט אויף אונזער דעק.

נאָכן אָפּזיין צוויי מעת־לעת ביי חיפה איז אונז באַקאַנט געוואָרן, אַז די אַנ־דערע צוויי שיפן — „העגריעטאַ סאָלד" און „יגור" — זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ציפּערן.

דאָ האָבן מיר זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַ ווידערשטאַנד ביים אַריבערפירן אונז אין די דעפּאָרטאַציע־שיפן.

אַלע מעפּילים זיינען געווען גרייט קעגנצושטעלן זיך דערצו מיט אַלע כּוחות. האָבן זיי דען געגלויבט, אַז זיי וועלן דערמיט ווירקלעך אויסמיידן אַ דעפּאָרטאַציע? און אפשר איז דאָס בלויז געווען אַ רעזולטאַט פון פאַרצווייפלונג, אַ רעזולטאַט פון באַוווסטזיין, אַז דער דאָזיקער „קאַמף" ביי אַזעלכע נישט גלייכע כּוחות איז אַן אַבליגאַטאָרישער פּונקט פון העפּלה־פּראָגראַם? מיר זיינען צוגעטראָטן צו די הכנות ביי אַ לאַגע, ווען ס׳רוב מענטשן זיינען געווען אויסגעמאַטערט און דער־שעפּט פון דער רייזע און די יאָרן־לאַנגע צרות. אין האַרצן האָט געטאַטשעט אַ ביי־טער געפיל: ווי ווייט וועלן מיר קענען גיין אין דער דאָזיקער פאַרמעסטונג? — דערצו האָבן מיר נישט געוווסט וואָס פאַראַ מיטלען וועלן די מאַכטהאָבער אָנװע־מען, כּדי צו ברעכן אונזער כּוח, וואָס איז אויך אָן דעם געניג אָרעם. מיר האָבן אַפילו קיין עסן און טרינקען נישט געהאַט. אונזערע זאַפּאַסן זיינען שוין אויסגע־גאַנגען, און פון די ענגלענדער, וואָס האָבן דאָס אונז „ברייטהאַרציק" פאַרגעלייגט, האָבן מיר גאָרנישט געוואָלט אָנעמען.

פיל פון אונז האָבן געפּרווט שפּרינגען אין ים אַריין, אָבער אַרום דער שיף זיינען געשטאַנען די צעשטערערס און זייערע שיפלעך האָבן די מעפּילים צוריק־געבראַכט. בלויז צוויי מאָל איז געלונגען צו דערגרייכן דעם ברעג, אָבער אויך זיי האָט מען געכאַפּט: זיי זיינען אַריינגעפאַלן נישט אין אַ יידישן ישוב, נאָר אין אַ לאַגער פון „שעל"...

מיר האָבן געוווסט, אַז ביי אַן אָפענעם קאַמף מיט די זעלנער וועלן מיר זיי־כער דורכפאַלן. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אַלע זאָלן אַראָפּגיין אונטן און דאָרט זיך באַפעסטיקן אַזוי, אַז זיי זאָלן אונז נישט קענען אַרויסשלעפּן. די ליי־טערס וואָס האָבן אַהין געפירט האָבן מיר פונאַנדערגענומען. אַלץ, וואָס האָט זיך

געפונען אין אונטערשטן שטאָק פון דער שיף, איז צעשטערט געוואָרן — מיר האָבן עס פאַרוואַנדלט אין „געווער" קעגן די זעלנער, וואָס וועלן זיך צו אונז אַריינרייסן.

מיר זיינען געשטאַנען גרופנווייז, יעדע גרופּע אַרום איר פירער: מיר האָבן אָפּגעוואַרט די געשעענישן אין אויפרעגונג און קאַמפּס-גרייטקייט. באַלד האָבן זיך די זעלנער צו אונז געווענדעט מיט אַ „באַשיידענער" בקשה: גייט אַריבער אין „עמפּייר הייוווד", וועלן מיר אייך גאָרנישט טון. איין אָפיציר האָט אַפילו איבערגעחזרט די אַלטע מעשה, וואָס האָט געקלונגען אין אונזערע אויערן ווי אַ ביטערע איראָניע: „ענגלאַנד איז אייער איינציקע פריינדין אויף דער וועלט און ס'איז נישט שיין, וואָס איר באַשווערט אירע זעלנער צו דערפילן זייער אויפגאַבע". אונזערע מענטשן האָבן דערויף נישט געענטפערט. זיי האָבן זיך צוגעהערט צום דאָזיקן „ריטערלעכן" חוזק מאַכן מיט פאַרקריצטע ציין און אַ פילזאָגנדיקן שווייגן...

ווי עס שיינט, האָבן אויך די זעלנער נישט צוגעגעבן זייערע רייד קיין גרויסע באַדייטונג. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אויפן דעק אין צענטלעך, גרייט צו טון זייער אַרבעט. מעגלעך, אַז צווישן זיי האָבן זיך געפונען געצייילטע, וועמען די דאָזיקע מלאכה האָט נישט זייער געשמעקט, קיינער פון זיי האָט אָבער, פאַרשטייט זיך, קיין פּיפּס נישט געטון און האָט דעם „פראָנט" נישט פאַרלאָזט.

ווען די מאַטראָזן האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיט גוטן וועלן מיר צו זיי נישט אַרויף, האָבן זיי אָנגעהויבן אָנצווענדן דעם אַלטן, אויסגעפּרוווטן מיטל: מיט ריזיקע קישקעס האָבן זיי אָנגעהויבן צו שפּריצן וואַסער אין שיף אַריין. צונויפגעדריקטע און אָן לופט, זיינען מיר נאָס געוואָרן ביזן לעצטן פאָדעם.

ווי אַן אכזריותדיקע בייטש האָט דער שטאַרקער וואַסער־שטראָם געשמיסן און נישט איבערגעלאָזט קיין איין אָרט, וווּ ער זאָל נישט אָנגרייפן. געשרייען און זידלערייען מצד די זעלנער האָבן באַגלייט דאָס דאָזיקע שרעקלעכע שמייסן. פון אונטן האָט זיך געטראָגן דאָס קרעכצן פון די מעפּילים. דריי מאָל האָבן זיי איבערגעחזרט דאָס דאָזיקע וואַסער־שיסעריי אָבער אַלע דריי מאָל זיינען זיי דורכגעפאַלן. קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, אַפילו די וואָס האָבן אַמערסטן געליטן. דער אונטערדעק פון דער שיף איז פול געווען מיט וואַסער. יעדער איינער איז געשטאַנען אין אַ טייך, אָפּט ביז די קני. אין איינעם אַ ווינקל האָט זיך צונויפגעדריקט אַ גרופּע יונגע מיידלעך. ווען די זעלנער זעען זייערע בליקן, וואָלטן זיי זיך אפשר פאַרטראַכט — זאָל זיין אויף אַ ווײַלע — וואָס טוען זיי דאָ: אַזויפיל יאוש, האַס און מאַכטלאָזער צאָרן האָבן די דאָזיקע אויגן אויסגעדריקט. אַלע מיידלעך זיינען ממש געקראָכן פון דער הויט כדי אָפּצוטון עפּעס אַ שפּיצל די פייניקער, זיי האָבן אָבער לײַדער גאָרנישט געקענט אויפטון.

ווען די זעלנער האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיט וואַסער וועלן זיי ווייט נישט פאַרפאָרן, האָבן זיי גענומען אָנווענדן אַ נײַ מיטל, דאָס בעסטע געווער קעגן אומבאַוואָפנטע מעפּילים: זיי האָבן אָנגעהויבן וואַרפן גאַז־באָמבעס. נישט ריכטיק רופט מען זיי „טרערן־באָמבעס". דער גאַז דרינגט אַריין אומעטום און מען קען זיך פון אים נישט אַרויסדרייען. ווייזט אויס, אַז פייכטע הויט לײַדט דערפון מער ווי טרוקענע. מען האָט גאָרנישט געקענט מאַכן אינם דאָזיקן ענגן און שטינקנדיקן קעלער, ווען די גאַזן האָבן געברענט יעדן טייל פון קערפּער, אַרויסגערופן טרערן פון די אויגן און צוגערויבט דאָס לעצט ביסל לופט פון די לונגען.

ווען זיי האָבן אַ צווייט מאָל אַריינגעוואָרפן זייערע באָמבעס, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז פאַרצווזעצן דעם ווידערשטאַנד איז אומעגלעך. אַנטקעגנצושטעלן זיך גאַז־באָמבעס מיט ליידיקע הענט, האָט קיין זין נישט געהאַט.

די זעלנער האָבן אָפּגעוואַרט, אַז דער גאַז זאָל זיך אַביסל פונאַנדערגיין און אַראָפּגעלאָזט זיך אונטן. אַלע 600 מעפּילים האָבן זיי דאָרט געטראָפן ווי זיי דרייען זיך אינדרייען און קרעכצן פון ווייטיק. און דאָך — ווען זיי האָבן עמיצן געגומען שלעפּן אינדערהויך, האָט ער זיך נישט געלאָזט. מען האָט געקעמפּט מיט די בלויזע הענט, געבריקעט מיט די פיס, געביסן און געריסן זיך. דאָס איינציקע „געווער", וואָס איז געווען אונטער דער האַנט, איז געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג: טיילן פון פונאַנדערגענומענע בעטן, שטיקלעך האָלץ, פאַרשידענע קעגנשטאַנדן — אַלץ איז געפלויגן אין קאָפּ אַריין. די קעמפער זיינען אָבער ליידער געווען זייער אָפּגע־שוואַכט, הונגעריק, נאַס און אָפּגעבריט פון גאַז. נאָך עטלעכע שעה שווערע מי, איז די ענגלענדער סוף כל סוף „געלונגען" אַרויפצושלעפּן אַלע מענטשן אויפן דעק און אַריבערפירן זיי אויף דער „עמפּייר הייוווד". און פאַרגעקומען איז דאָס פאַך דער יידישער שטאָט אין די אויגן. דוכט זיך, אַז אויך זשורנאַליסטן זיינען דאָרט געווען און אבסערווירט דאָס שיינע בילד, וויאַזוי די „טאָמים" האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער שוצלאָזע יידישע מעפּילים.

און די סדרה האָט זיך נאָך אַלץ נישט געענדיקט.

אויף „עמפּייר הייוווד" זיינען מיר אָפּגעווען פיר טעג איידער זי איז אָפּגע־שוומען. זי איז איבערגעפירט געוואָרן — פון אַ דיווערסיע־אַקט — און האָט נישט געקענט אָפּשווימען: די מענטשן פון דער דעפּאָרטאַציע־שיף האָבן גע־פּרווט אַרויסבאַקומען ביי די מעפּילים וועגן פון זי באַשעדיקט, זיי איז דאָס אָבער נישט געלונגען.

מיר האָבן כסדר געפאָדערט, אַז מען זאָל אונז ברענגען אַ פאַרטרעטער פון ישוב און אַז מען זאָל אונז אַלעמען אַרויסזעצן אויפן ברעג. פאַרשטייט זיך, אַז אונזערע פאָדערונגען האָבן זיך צו זיי געקלעפּט ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. אויפן דריטן טאָג האָבן דערקלערט אַ הונגער־שטרייק. דאָס איז געווען אַן אויס־זיכטלאָזער שטרייק. מיר האָבן געוווסט, אַז די ענגלענדער קענען אונז לאָזן שטרייקן אָן אַ סוף, ווייל מיר זיינען געווען איזאָלירט פון ישוב און די וועלט האָט וועגן דעם שטרייק קיין אַנונג נישט געהאַט. ווען דער ישוב וויים וועגן דעם, וואָלט ער אונז געקענט שטיצן מיט זיינע מיטלען. דאָס איז אָבער געווען דאָס לעצטע גע־ווער פון איינזאַמע, פאַרלאָזענע מענטשן.

אויפן פערטן טאָג איז „עמפּייר הייוווד" אָפּגעשוווּמען און מיר האָבן דעם שטרייק איבערגעריסן, ווייל ער האָט שוין באמת נישט געהאַט דעם מינדסטן זין.

אַ מ ע פּ י ל

## דורכגעבראָכן די בלאָקאַדע

18 אויגוסט 1946.

אַ גרופּע פון 180 מעפּילים איז געלונגען אַרויפצוכאַפּן זיך אויפן ברעג נאָענט פון תל אביב און פונאַנדערצושפּרייטן זיך, מעלדעט די מיליטערישע צייטונג „מידל איסט מייל" פון אַ תל אביבער מקור.

דער לאנדאנער און דער ניו־יארקער ראדיא האבן שבת־צו־נאכטס געמאלדן, אז לויט די באשטעטיקטע ידיעות פון דער בריטישער הויפט־קאמאנדע אין ארץ־ישראל, איז הונדערטער מעפּילים געלונגען צו ברעכן די ענגלישע בלאקאדע ביים ברעג לאנד און ארויפצוגיין אין דער נאכט־פינצטערניש אויף דער יבשה.

## „עמירם“ *)

דער נאכטיקער ים איז רואיק און זיין פינצטערניש איז געהיימניספול. אויפן ברעג ליגן שיפלעך איינס נעבן צווייטן, ווי זיי וואלטן געווארט אויף א באפעל. צווישן די זאמד־בערגלעך ליגן די בחורים. זיי ליגן גרופנווייז און שווייגן, הערן זיך צו צום ים, פארשן זיינע ווייטקייטן און פרווון אויפצודעקן זיינע סודות: באוועגט זיך עפּעס? ליכט־סיגנאלן? און אפשר איז דאס א פּראזשעקטאר אדער ראקעטן?

זיי זיינען שוין געאיבט. דאס איז ביי זיי נישט די ערשטע נאכט אזא. און כאטש די פריערדיקע נעכט האבן זיך פארענדיקט מיט די שווערע ווערטער, וואס האקן ווי א האמער: „א צעשטערונגס־שיף קומט אן“ — די לעצטע ווערטער פון יעדער שיף אײדער זי פאלט אריין צום שונא אין די הענט — דאך פארלירן נישט זייערע הערצער די האפענונג. זיי זיינען וואכעדיק און לעבן: סוף כל סוף וועט אונזער שיף זיך דורכברעכן א וועג, זי וועט קומען — — —

די מינוטן דערנענטערן זיך צו דער גרענעץ פונם באשטימטן טערמין. „וואס הערט זיך, עמירם“? — „א צעשטערונגס־שיף דערנענטערט זיך צו אונז. האלט אן די פארבינדונג“. אין דערוואַרטונג קריכן די אנטוישונגס־מינוטן: וועט מיט „עמירם“ געשען דאס זעלבע וואס מיט די פריערדיקע שיפן? איין גורל פאר זיי אלעמען? — און ווידער דערהערט זיך די שטים פון „עמירם“: „די צעשטערונגס־שיף איז פארביי־געשוווּמען אויף א מרחק פון עטלעכע מעטער פון אונז און אפּגע־פארן ווייטער“. ענטפערט איר דער ברעג מיט א דערמונטערונגס־שטים: „ענדער די ריכטונג אין דער זייט פון נידער־פּונקט און שווים מיט דער פולער שנעלקייט. מיר ווארטן“.

דער ברעג וועקט זיך אויף. א שטילע ענערגישע באוועגונג. יעדער איינער — צו זיין אויפגאבע. די שיפלעך לאזן זיך אראפּ אין וואסער און איילן שנעל לויט דער איינגעשטעלטער ארדענונג, צום פונקט, וו די שיף דארף אנקערן. א טונקע־לער קערפּער באוויזט זיך אויפן ים און ווערט וואס אמאל גרעסער. דאס איז די שיף. ארום איר איז א באוועגונג, די אפּקלאנגען זיינען אבער געדעמפּטע: דער אראפּגעלאזטער אנקער, די שיפלעך וואס דערנענטערן זיך. און אט זיינען שוין די בחורים אין וואסער האלב נאקעט — זיי ווארטן כדי מקבל פנים צו זיין די אנקור־מענדיקע.

אין עטלעכע סעקונדן ארום — און דאס ערשטע שיפל פירט שוין די דער־ווארטעטע. די בחורים כאפּן עס אויף פון אלע זייטן און גיבן עס א שטויס צום ברעג אזוי, אז זיין נאז גיט זיך א שטעק אריין אין זאמד. באלד גיבן זיי א כאפּ ארום די רייזנדער און טראגן זיי צו אויף די אקסלען צום ברעג — זאלן זיי נישט איינעצן די שיך...

*) אויפן נאמען עמירם שוחט, איינע פון די 23 אומגעקומענע אין 1941, אין שלי־חות פונם גענעראל־שטאב פון נאענטן מזרח.

און איצט — אין די רייען. זיי ווערן אויפגענומען דורך מענטשן פון מעדי־צינישן דינסט: ווער ס'נויטיקט זיך אין הילף, ווערט ארויסגעפירט פון דער גרופע אין פעלד־לאזארעט; ווער עס קען נישט גיין — ווערט געטראגן אויף א טראג־בעטל. די רייען באוועגן זיך און אויף א מרחק פון פופציק טריט טרעפן זיי אן אויף א פעלד־קיך: פון איין זייט א טעפל געקאכט וואסער און פון דער צווייטער זייט — א פאר קיכלעך. דאס אלץ ווערט דערלאנגט בעתן גיין — שנעלער, שנעלער צו די שלאפנדיקע ישובים. ניין, זיי שלאפן נישט, זייער הארץ איז וואכעדיק און זיי־ערע טירן זיינען אפן.

די רייען באוועגן זיך און איבער זיי וואכן די שיצער. די רייען שפרייזן — קינדער, פרויען און מענער. צווישן זיי גרופן, וואס האלטן זיך צוזאמען זינט יארן. די ערשטע אויפרעגונג („זיינען מיר שוין טאקע אין לאנד?"), איז אוועק. די וואנ־דערונג האט מען שוין הינטער זיך. איצט שטייט מען שוין פעסט אויפן געגארטן באדן. ביסלעכווייז ווערט דאס שפרייזן דרייסטער, די ברייט־צעעפנטע אויגן הויבן זיך שוין אן ארומצוקוקן אויף אלע זייטן.

— ווער זיינען עס די דאזיקע באוואפנטע בחורים? — פרעגן זיי איינע די אנדערע, באמערקנדיק די וואכן.

די בחורים וואס פירן זיי קענען זיך נישט באהערשן — און עס הויבן זיך אן וועבן סענטימענטאלע געשפרעכן.

דער ברעג איז שוין ווייט און אט איז שוין אן אפענער טויער, ס'איז האלבע נאכט־פינצטערניש. איין הויז בלויז איז נאך וואך, זיין ליכט נעמט אויף געסט. פלוצלונג —— הויבט זיך אן די נאכט צו וועקן. קיין שום גלאק האט נישט גע־קלינגען, קיינער האט נישט גערופן — און דאך צעלייכטן זיך די פענסטער. עס צעוויגט זיך אן איינגעהאלטענע און שטילע באוועגונג. מענטשן איילן זיך — ווער עס ברענגט בגדים, ווער עסן, ווער טרינקען. יעדער איינער באזארגט „זיין" אורח. א צימער, א זויבער בעט. געשפרעכן וואס פליסן אן אויפהער — אוים מיט די וואנדערונגען... איז דאס מעגלעך?

דערווייל זיינען צום ברעג אנגעקומען די לעצטע שיפלעך, אלץ איז אין אר־דענונג. די גרויסע שיף איז צוריקגעשווומען. אלע איינהייטן אין דער געגנט ווערן אינפארמירט, אז די עליה איז געענדיקט. די באטייליקטע קומען זיך צונויף. מען סארטירט די פעקלעך, מען רייניקט, מען באגלייט די עולים די ביזן אפענעם טויער. דא שיידן זיך די שיצער פון די מעפילים און גייען זיך פונאנדער.

רוט אייך אוים, וואנדערער! פאר געזונט „עמירם"! האסט זיך היינט גוט אויפ־געפירט. האסט אויסגעמיטן די בלאקאדע. האסט אנגעפייפט דעם ים־ און לופט־פלאט. זיי געגריסט פון די מעפילים און זייערע באשיצער!

י ה ו נ ת ן

## באשעדיקט א דעפארטאציע־שיף

22 אויגוסט 1946, אפיציעל:

נעכטן ביינאכט איז טארפעדירט געווארן די שיף „עמפייר רייוול", וועלכע האט זיך צוריקגעקערט קיין חיפה נאכן אריבערפירן מעפילים קיין ציפערן.

10.45 אינאָוונט דעם 21־טן אויגוסט 1946 האָבן זיך באַוויזן דריי שווימער, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צו דער שיף. די מיליטערישע וואַך אויפן דעק האָט אויף זיי געעפנט אַ פייער, אָבער, ווי עס זעט אויס, אָן דערפאָלג.

בערך אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיך דערהערט דריי אויפרייסן און אייניקע שיפס־טיילן האָבן אָנגעהויבן פאַרפלייצט ווערן מיט וואַסער.

אין איין זייט פון דער שיף איז אַנטשטאַנען אַ לאָך 8 פוס די לענג און 3 די ברייט. די שיף איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין די שטילע וואַסערן.

⁂

די דעפּאָרטאַציע־שיף איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פינף אַנדערע שיפן פון בריטישן פלאָט. זי האָט געאַנקערט אין צענטער פונם פּאָרט, וואָס ווערט גוט באַלויכטן דורך פּראָזשעקטאָרן און אַפּגעהיט דורך צעשטערונגס־שיפן.

אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן וואָס געפינען זיך אין ירושלים האָבן טעלעגראַפירט צו זייערע צייטונגען, אַז די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן באַשעדיקן די צוויי דעפּאָרטאַציע־שיפן.

# אינם מחנה עולים פון קרית שמואל



פריינט באַגעגענען זיך...



יינגלעך פון עלית-נוער פילן זיך ענדלעך פריי.

# די העפלה ווערט פארגעזעצט

## די געשיכטע וועט משפטן

נאכדעם ווי דאס אומגליק האט זיך אראפגעלאזט אויף אונזער פאלק אין אייראפע, האבן מיר געבעטן, אז מען זאל נישט שליסן די טויערן פון דער נאציאנאלער היים פאר זיינע רעשטלעך. די געשיכטע וועט משפטן, צי דאס איז געווען אן איבערטריבענע פאדערונג און אין איר אורטייל וועט זי אויך פארפיקסירן די רעזולטאטן פונם אנטזאגן דעריין. ווייל אין דער צייט ווען אונזער בראך און אונזער פיין זיינען געווען אזוי שארף, האט די בריטישע רעגירונג געשלאסן פאר אונז די טויערן פון אונזער לאנד, איגנארירנדיק יעדע ליבעראלע מיינונג אין איר אייגענעם לאנד און חוזק מאכנדיק פונם מאנדאט, וואס איז דער יורידישער באזיס פאר איר מאכט אין ארץ־ישראל.

און נאך עפעס האב איך צו זאגן וועגן דעם „ווייסבוך", וואס האט אין א נישט קליינער מאס פארגרעסערט אונזער בראך אין אייראפע און טראגט אויך די דירעקטע פאראנטווארטלעכקייט פארן איצטיקן כאאטישן מצב אין ארץ־ישראל. ווייניק דאקומענטן זיינען דא אין דער וועלט־געשיכטע, וואס זאלן טראגן די אחריות פאר ערגערע רעזולטאטן. איך קען נישט זאגן וועגן דעם פאליטישן און מאראלישן כאראקטער פונם „ווייסבוך" עטוואס אזוינס, וואס זאל קלינגען אזוי אויסדריקספול ווי די פארווורפן און די טאדלונגען וואס דווקא די מיניסטארן פון דער איצטיקער רעגירונג האבן מיט א צייט צוריק אויף זיין אדרעס געמאכט.

אין משך פון די זעקס לאנגע יארן, וואס די שחיטה אין אייראפע האט געדויערט, האבן מיר אן אויפהער אליארמירט און אנגעוויזן אויף די מעגלעכקייטן אונז צו העלפן. יעדעס מאל, ווען ס'איז געקומען די ריי פון נאך א מדינה אין מזרח־אייראפע אדער אויף די באלקאנען ארונטערצופאלן אונטער דער מאכט פון געסטאפא, האבן מיר געבעטן צו עפענען די טויערן פון אונזער נאציאנאלער היים כדי אונזערע קינדער און אונזערע יוגנטלעכע זאלן געראטעוועט ווערן פון די קאלכאייוונס און די גאז־קאמערן. מען האט אונז אבער דעריין אנטזאגט.

ס'האט אויסגעזען, אז ביי אייניקע מענטשן איז דאס „ווייסבוך" הייליקער ווי דאס לעבן. איין מאל האט מען אונז געזאגט, אז דאס שליסן פאר אונז דאס לאנד איז א נויטווענדיקייט, כדי אנטקעגנצוקומען א נאציע פון זיבן אומאפהענגיקע לענדער, וואס פארנעמען א שטח פון א מיליאן קוואדראט־מייל. אן אנדער מאל ווידער האט מען אונז דערקלערט, אז א פליטים־איינוואנדערונג וואלט אין א קריגס־צייט געקענט געפערלעך זיין פאר דער מיליטערישער זיכערקייט. זיי איז לייכטער געווען צו האלטן די דאזיקע מענטשן אויסער די גרענעצן פון לאנד ווי צו געפינען א טעכנישן וועג וויאזוי בייצוקומען די כלומרשטע זיכערקייטס־שוועריקייטן. און ווען דער מענטשלעכער פיין און דאס געפיל פון זעלבסטזיכערקייט

האָבן זיך צונויפֿגעשטויסן מיטן „ווייסבוך”, זיינען „סטרומא” און „מאַוריציוס” געווען די רעזולטאַטן דערפֿון.

ח יי ם   וו יי צ מ אַ ן

# די מעפּילים־עליה

די פּליטים־עליה האָט איצט באַוויזן מער ווי יעדע אַנדער זאַך, די וווּנדערלעכע לעבנסקראַפֿט פֿון אונזער פֿאָלק, זיין פֿעסטן אומדערשראָקענעם ווילן, דעם אייביקן אומצערייסבאַרן בונד צווישן יידישן פֿאָלק און זיין לאַנד, די קאָמפּראָמיסלאָזע עקשנות, דעם מעכטיקן דראַנג צו אויסלייזונג און רעטונג. דאָס איז די יידישע גבֿורה, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פֿאַר קיין שום סכּנה און שטרויכלונג, דאָס איז די גבֿורה פֿון קידוש השם, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק אין משך פֿון דורות, ווען גאַנצע קהילות זיינען אַוועק מיטן רויך אָדער אויסגעשאָכטן געוואָרן דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט פֿאַרלייקענען זייער יידישקייט. דאָס איז דאָס יידישע אומדערשראָקענע אָפּזאָגן זיך פֿון אונטערגעבן זיך אַ פֿיזיש־שטאַרקערער קראַפֿט, ווען די דאָזיקע קראַפֿט שטיצט זיך אויף אומגערעכטיקייט און פֿאַלשקייט. דאָס איז די יידישע ליבשאַפֿט צו לעבן, פֿרייהייט, פֿאָטערלאַנד און זעלבסטשטענדיקייט. קורץ — די גרייטקייט אַלץ מקריב צו זיין, אַלץ אויסצולייזן, אַלץ ביינצושטיין, צוליב שיבֿת ציון. די דאָזיקע פּליטים קעמפֿן נישט בלויז פֿאַר זייער אייגענער רעטונג. דאָס איז דער קאַמף פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק — אַן אויסערגעוויינלעכער קאַמף פֿון אַן אויסערגעוויינלעך פֿאָלק פֿאַר זיין קיום און זיין רעטונג ביי אויסערגעוויינלעכע און ביישפּיללאָזע באַדינגונגען. די דאָזיקע פּליטים טראָגן שטאָלץ און ערנהאַפֿט די באַפֿרייונגס־ און כּבֿוד־פֿאָן פֿון זייער פֿאָלק.

דאָס איז נישט דער איינציקער קאַמף. די סטאַבילע אומדערמידלעכע אַרבעט פֿון אונזערע בויער אין לאַנד — אין דאָרף און אין שטאָט, אין פֿעלד און אין וואַרשטאַט; די שווערע און געפֿערלעכע פּאָזיציע פֿון אונזערע שוטרים אין דער געהילף־פּאָליציי ביים וואַכן איבער דער זיכערקייט און רו פֿון אונזערע ישובֿים: די איבערגעגעבענע אָנשטרענגונג פֿון אונזערע לערער, באַאַמטע, שריפֿטשטעלער און וויסנשאַפֿטלער, און איבער אַלעמען דאָס קאַפּיטל חלוצים פֿון אונזער יוגנט ביים באַהערשן די נגבֿ־וויסטעניש, די ירושלימער בערג, דעם עמק הירדן און די אַנדערע טיילן פֿון לאַנד — דאָס זיינען אַלץ די לעבנס־וויכטיקע און פֿונדאַמענטאַלע שטאַפּלען פֿון אונזער קאַמף פֿאַר זעלבסטשטענדיקייט, דאָס זעלבע — די אָנשטרענגונגען פֿון אונזערע ברידער אין ענגלאַנד, אַמעריקע און אַנדערע לענדער אין זייערע געשפּרעכן מיט די פֿאַרשידענע מלוכה־לייט און פּאָליטיקער, אין זייערע אַרויסטרעטונגען אויף פֿאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע.

קיין שום אָנשטרענגונג קען אָבער נישט פֿאַרגליכן ווערן אין דער איצטיקער תּקופֿה מיטן קאַמף פֿאַר עליה, וואָס איז דער וויכטיקסטער און קיין שום אויסערלעכער כּוח קען אונז דעריבער פֿון אים נישט אָפּהאַלטן. די יידישע פּליטים וועלן ווייטער שפּרייזן פֿאָרויס, שפּרינגען אין ים אַריין, שווימען מיט פֿאַרצווייפֿלטע כּוחות צו די ברעגעס פֿונעם פֿאָטערלאַנד. יעדער ייד, אַ ציוניסט אָדער נישט, שטייט הינטער זיי פֿול מיט זאָרג, ליבשאַפֿט, שטאָלץ, הילף און סאָלידאַריטעט. ער קוקט

אויף זיי ווי אויף דער פּיאָנערן־אַרמיי, וואָס איז אַמדרייסטסטן און אַמאיבערגעגעבנסטן. און דאָס וועט דויערן אַזוי לאַנג ביז עס וועט אין ארץ־ישראל נישט אַנטשטיין אַ רעזשים, וואָס וועט עפענען ברייט די טויערן פון דעם פאָטערלאַנד פאַר יעדן ייד.

די מעפּילים־עליה איז אַנטשטאַנען אליין פון זיך, פון די טיפענישן פון יידישן געפיל. דעריבער וועלן קיין שום אַעראָפּלאַנען־עסקאדריליעס, וואָס פאַרלאָזן זיך בלויז אויף זייער פיזישן כוח, נישט קענען אָפּנעמען פון דער דאָזיקער באַוועגונג איר ערן־פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, צו וועלכן עס זיינען זוכה די אַלע, וואָס קעמפן מיט אַלע כוחות קעגן אונטערדריקונג, טיראַניזם און רשעות.

ד. בן גוריון

# עקזאָדוס - 1947

(יציאת אירופה — תש״ז)

רעדאַגירט
דורך
משה קאַלכהיים

# „עקזאדוס — 1947"

(„יציאת אירופה — 1947")

דער אומגלייכער קאַמף אויפן ים

אין פּאָרט דע־בוק

צוריק אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד

פונם אָפּשליסן די העברעאישע (פּולע) אויסגאַבע פון „ספר המעפּילים" (אויגוסט 1946) ביז צום מאָמענט, ווען די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, האָבן דערגרייכט די ברעגעס פון ארץ־ישראל פּילצאָליקע שיפן, גרעסערע און קלענערע, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרן דורכן ענגלישן פלאָט, און וועמענס מעפּילים זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין ציפּערן. נאָר געציילטע שיפן האָבן געהאַט דעם גליק דורכצוברעכן די ענגלישע בלאָקאַדע אַרום די ארץ־ישראל ברעגעס און, אומגעשטערטערהייט אַריינצובאַקומען זיך אין לאַנד אַריין.

צו די לעצטע געהערן די דריי שיפן:

| | | |
|---|---|---|
| „שבתי לוזינסקי" — — — | 835 | מאַן |
| „עליה" — — — — — | 182 | " |
| „הפורצים" — — — — | 172 | " |

אַלע מעפּילים פון די אַנדערע שיפן האָבן געטיילט דעם גורל פון דעפּאָרטאַציע קיין ציפּערן.

במשך פון דער דאָזיקער צייט זיינען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל צוגעקומען און דאַן דעפּאָרטירט געוואָרן קיין ציפּערן די מעפּילים פון די פאָלגנדיקע שיפן:

פון סעפּטעמבער ביז סוף יאָר 1946:

| | | |
|---|---|---|
| „ארבע חרויות" | 1024 | מאַן |
| „פלמ"ח" — | 625 | " |
| „ברכה פולד" | 819 | " |
| „לאטרון" — — — — | 1252 | מאַן |
| „המרי העברי" („כנסת ישראל") | 3854 | " |
| „רפיח" — — — — | 790 | " |

אין יאָר 1947:

| | | |
|---|---|---|
| „לנגב" — — | 647 | מאַן |
| „חרות" — — | 795 | " |
| „חיים ארלאָזאָראָוו" | 1348 | " |
| „פּאַטריאַ — מולדת" | 1568 | " |
| „טעאָדאָר הערצל" | 2620 | " |
| „שאר ישוב" — | 765 | " |
| „התקוה" — — | 1411 | " |
| „מורדי הגיטאות" | 1457 | " |
| „יהודה הלוי" — | 430 | " |
| „עקזאָדוס 1947" („יציאת אירופה — תש"ז") | 4554 | " |
| „שיבת ציון" — | 411 | מאַן |
| „י"ד גבורי אכזיב" | 690 | " |
| „אף־על־פי־כן" — | 434 | " |
| „מדינת היהודים" | 2664 | " |
| „גאולה" — — | 1388 | " |
| „כ"ג גבורים" — | 690 | " |
| „קדימה" — — | 812 | " |
| „אל תפחידונו" — | 850 | " |
| „אומות מאוחדות" | 532 | " |
| „29 נאָוועמבער" — | 700 | " |
| „עצמאות" און „קבוץ גלויות" | 15.235 | " |

אין יאָר 1948 (ביזן 18־טן מאַי):

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| „ל"ה גבורי גוש־עציון" | 274 | מאַן | „יחי עם" — — — | ? | מאַן |
| „ירושלים הנצורה | | | „קאַסטעל — תמר" — | 550 | " |
| — הקדוש" | 670 | " | „משמר העמק — מיכל" | 850 | " |
| „לקוממיות" — — | 787 | " | „נצחון — נרקיס" — | 243 | " |
| „בונים ולוחמים — אנצו" | 1002 | " | „מדינת ישראל — חבצלת" | 290 | " |
| „טירת צבי — חיימיקע" | 798 | " | „המורד" — — — | 700 | " |

פון די דאָזיקע שיפן איז די מעפּילים־שיף „עקזאָדוס 1947" („יציאת אירופּה תש"ז"), געוואָרן דער סימבאָל פון דער העפּלה, דער סימבאָל פון האַרטנעקיקן און עקשנותדיקן קאַמף קעגן דעם בריטישן בלאָקאַדע־טעראָר, דער סימבאָל פונם אומבויגזאַמען ווילן פון יידישן פאָלק צו דערגרייכן פאַר יעדן פּרייז דעם אויסגע־בענקטן ברעג פון ארץ־ישראל, דער סימבאָל פון יידישער גבורה און פון נישט אונ־טערגעבן זיך, טראָץ די שרעקלעכעליידן, וואָס די מעפּילים האָבן דורכגעמאַכט און טראָץ דעם אומענטשלעכן טעראָר, וועלכן די ענגלישע מאַכט האָט קעגן זיי אָנגע־ווענדעט.

דעריבער ווערט אָט דער שיף „עקזאָדוס 1947" געווידמעט אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס דערציילט די געשיכטע פון יידישער העפּלה.

פּאַריז, דעצעמבער 1948. מ. ק.

# דער אומגלייכער קאמף אויפן ים

## „עקזאָדוס־1947"

ירושלים, 18 יולי, 1947.

די פּאַטרול־שיפן פון דער ענגלישער בלאָקאַדע האָבן נעכטן, דעם 17־טן יולי, אויסגעשפּירט אַ שיף, וואָס פירט אויפן דעק 4554 עולים. דאָס איז די גרעסטע צאָל עולים אויף איין שיף, פאַר דער גאַנצער צייט זינט עס גייט אָן די עליה־„ב".

דאָס איז דער געוועזענער אַמעריקאַנער דאַמפּער „פּרעזידענט וואָרפילד", וועלכער געהערט איצט צו דער הגנה און טראָגט דעם נייעם נאָמען „עקזאָדוס 1947" — „יציאת אירופּה — 1947".

די שיף האָט אויפגענומען די פּאַסאַזשירן אין פראַנצויזישן פּאָרט סעט, נישט ווייט פון מאַרסעיל. נישט געקוקט אויף דער דיפּלאָמאַטישער אינטערווענץ פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע האָט אויסגעפּועלט ביי דער פראַנצויזישער מאַכט, זי זאָל נישט דערלאָזן דעם דאַמפּער אָפּשווימען — איז דער שיף „עקזאָדוס 1947" געלונגען דאָנערשטיק, דעם 10 יולי, ביינאַכט, אַרויסצושמוגלען זיך פון פּאָרט און אַרויסצושווימען אויפן אָפענעם ים.

שוין פריער האָט די הגנה געהאַט געמאָלדן, אַז אָפּגעזען פון אַלע שוועריקייטן, אויף וועלכע זי טרעפט זיך אָן, וועט זי ברענגען אַ שיף מיט עולים נאָך בעת דער אָנוועזנהייט פון דער אויספאָרש־קאָמיסיע אין ארץ־ישראל. זי האָט די זאַך אויסגעפירט. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען שווער צו האָפן, אַז די שיף זאָל נישט אויפגעכאַפּט ווערן דורך די ענגלישע בלאָקאַדע־שיפן.

## די נאַכט פון עליה

(מעפּילים דערציילן...)

...סוף כל סוף איז געקומען די, שוין פון לאַנג, אויסגעבענקטע שעה — די נאַכט פון עליה. דאָס האַרץ קלאַפּט פאַר פחד און פרייד. דער לעצטער ראַפּאָרט, דאַן גייט מען שלאָפן, אָבער שוין אין די קליידער, כדי צו זיין גרייט צו יעדער מינוט.

קיינער אָבער טראַכט היינט נישט וועגן שלאָפן. היינט איז די לעצטע נאַכט אויף דער אייראָפּעאישער ערד. זיצן מיר דעריבער אויף אונזערע פּעקלעך און וואַרטן. וואַרטן אויף דעם באַשטימטן צייכן. פּלוצלונג באַלייכט אונזערע פּנימער אַ שיין פון אַן עלעקטריש לעמפּל — אויפשטיין!

אַלע רייסן זיך אויף פון די פּלעצער, טוען אָן די רוק־זעק אויף די פּלייצעס און אין עטלעכע מינוטן אַרום פאַרלאָזן מיר דאָס צימער.

האַלב פיר אינדערפרי זיינען מיר אַרויף אויף די אויטאָס און מיטאַמאָל האָט זיך אַ מעכטיק געזאַנג צעגאָסן איבערן גאַנצן לאַגער. זינגנדיק פאַרלאָזן מיר דעם

לאַנגער און פאָרן אַרום אויפן שאָסיי, וואָס פירט צום פּאָרט, ווו ס׳וואַרט שוין אויף אונז די שיף. אויפן שאָסיי דערזעען מיר אַ לאַנגע קאַראַוואַנע פון צענדליקער אויטאָס און אַלע פאָרן צום זעלבן ציל. די איינוווינער, וואָס קוקן זיך צו צו דער דאָזיקער קאַראַוואַנע, קענען זיך נישט גענוג אָפּוואונדערן — ממש אַ מאָדערנע „יציאת מצרים”. און אַזויפיל קינדער! הונדערטער, הונדערטער קינדער!!!...

מיר זיינען שוין אויפן אָרט. אַ באַוועגונג און אַ געווימל ווי אין אַ בינענשטאָק. הונדערטער מענטשן שטייען אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען און וואַרטן אַרויפצוגיין אויף דער שיף. און יעדע ווײַלע קומען אָן נייע אויטאָס, וואָס וואַרפן אַרויס פון זיך די לעבעדיקע „לאַדונג”. —

באַלד איז אויך אונזער ריי געקומען און דורך עטלעכע אַרויפגענג — כדי צו פאַרלייכטערן די אַרבעט — באַקומען מיר זיך אַרויף אויף דער שיף.

אונזער גרופּע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אינם קעלער פון דער שיף. דאָ איז אַמענגסטן. דעם גאַנצן קעלער פאַרנעמען די פּריטשעס, וואָס זיינען געבויט אין דריי און פיר שטאָק. די הויך פון יעדער ריי איז נישט מער ווי אַ האַלבער מעטער, אַזוי, אַז ווען דו לייגסט זיך, איז שוין אומעגלעך זיך צו רירן. די היץ און די שטיקעניש זיינען אומדערטרעגלעך. יעדע ווײַלע קומען אָן נייע מענטשן און עס פעלט שוין פּלאַץ זיי אַריינצונעמען. די קינדער זאַמלען זיך ביי די טירן און קוקן זיך צו מיט נייגיר צו דעם מענטשן־שטראָם, צום וואַסער, צום פּאָרט און אַלץ איז פאַר זיי אַזוי וואונדערלעך ניי און אומבאַקאַנט! דערווייל ווערט די ענגשאַפט וואָס אַמאָל גרעסער, די פּעק פאַרשטעלן אַלע דורכגענג און צוקומען צו דער טיר איז שוין אַ שווער שטיקל אַרבעט.

דער הויך־שפּרעכער הויבט אָן צו פונקציאָנירן און גיט איבער פאַרשידענע באַפעלן און אָנווייזונגען. עס ווערט שטילער, מען אָרדנט זיך פּאַמעלעך איין, מען מאַכט פריי די דורכגענג... און אַזוי איז צוגעפאַלן דער ערשטער אָוונט אויף דער שיף.

מיר הערן, ווי מען הויבט אויף דעם אַנקער און די קייט קריצט און גרילצט אין די אויערן. דער מאָטאָר הויבט אָן צו אַרבעטן. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך רירט די שיף פון אָרט, גייט פאָרויס וואָס אַמאָל שנעלער און שנעלער און הויבט אָן מיט אַלע אירע „אברים” צו סקריפּען און קרעכצן, פונקט ווי אַן אַלטיטשקע יידענע, ווען ס׳כאַפּט זי אָן דער רעוומאַטיזם.

דעם צווייטן טאָג פון אונזער נסיעה האָט מען ערשט צום ערשטן מאָל צעטיילט וואַסער צום טרינקען — אַ ליטער אויף יעדן מענטשן. ביי אַ סך פון די קינדער האָבן זיך די פלעשער נאָך געהאַט צעבראָכן אויפן וועג צו דער שיף און איצט האָבן זיי נישט אין וואָס אַריינצונעמען דאָס צוגעטיילטע וואַסער.

דער ים האָט זיך צעשטורעמט. אַן אומגעזעענע האַנט האָט ווי אַ כאַפּ געטון אונזער שיפל און טראָגט און וואַרפט עס, ווי אַ באַלעם. די ים־קראַנקייט טוט זיך אירם און אין דער ענגשאַפט און היץ חלשן אַ סך מענטשן. אַמייסטן ליידן די קינדער, אויף וועלכע נישט אַלע עלטערע האָבן רחמנות. יעדער איינער זאָרגט איצט נאָר פאַר זיך און קוקט זיך ווייניק אום אויף אַ קינד, אָדער אַ שוואַכן, אָדער אַ קראַנקן...

די נסיעה דויערט — און אויך דער שטורעם. ער לאָזט נישט אָפּ אויף קיין רגע. אָט ווערט ער אַביסל שוואַכער, אָבער באַלד פאַרשטאַרקט ער זיך ווידער. די שלעכטע לופט אויף דער שיף ווערט אַלץ ערגער און ערגער. טראָץ אַלע אַנשטרענ־

גונגען, איז אומעגלעך איינצוהאַלטן די ריינקייט אויף אַזאַ קליינער שיף, וווּ ס'גע־פינען זיך צוזאַמענגעפּרעסט 4.500 מענטשן. נישטאָ שוין ווו צו וואַשן זיך, ווייל דער אָפּפלוס אין די וואַש־ערטער איז פאַרשטאָפּט געוואָרן. דאָס עסן ווערט וואָס אמאָל ווייניקער. אויך וואַסער גיט מען שוין נישט מער ווי אַ האַלבן ליטער אויף אַ מענטשן...

אַזוי ציט זיך די נסיעה — ביז ס'איז געקומען דער טאָג, אין וועלכן מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צום קאַמף, וועלכן מיר האָבן שוין זינט עטלעכע טעג געהאַט פאַרגעפילט...

## וואָס זאָגט די אָפיציעלע מעלדונג?

ירושלים, 18 יולי 1947

די אָפיציעלע רעגירונגס־מעלדונג דערציילט, אַז ווען די פּליטים־שיף האָט זיך געפינען „נישט ווייט פון ברעג”, נאָענט פון דער עגיפּטישער גרענעץ, איז זי פאַר־האַלטן געוואָרן דורכן ענגלישן פלאָט. די שיף האָט דאַן אָנגענומען אַ טאַקטיק פון זיג־זאַג־באַוועגונגען, צוליב וואָס זי אַליין און אויך עטלעכע בלאָקאַדע־שיפן זע־נען באַשעדיקט געוואָרן. די אומלעגאַלע עמיגראַנטן האָבן געשטעלט אַ שטאַרקן ווי־דערשטאַנד, באַנוצנדיק זיך מיט רויך־ און גאַז־באָמבעס, גומי־שלייכן אד"ג.

איין ענגלישע שיף איז „געווען געצוווּנגען” אָנצוווענדן פייער אין איינציקע פאַלן, ווען די מאַטראָזן זיינען באַדראָט געוואָרן פון די פּאַסאַזשירן.

## אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט דערציילט

ירושלים, 18 יולי 1947

אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט, דזשאָן גראָוער, וועלכער האָט זיך פרייוויליק פאַרשריבן אין דער מאַנשאַפט פון „עקזאָדוס 1947”, דערציילט פאָלגנדיקע פּרטים וועגן דעם פאַרלויף פון די געשעענישן:

„מיר האָבן געהאַט בדעה זיך דערשלאָגן צום ארץ־ישראל־ברעג פריִיטיק פאַר־טאָג, אָבער דריי אַזייגער באַנאַכט זיינען אָנגעקומען די ענגלישע צעשטערער־שיפן. די ענגלענדער האָבן געמאָלדן, אַז מיר געפינען זיך כלומרשט אין די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון ארץ־ישראל, און אַז זיי האָבן בדעה אַרויפצושיקן אַ מאַטראָזן־אָפּטיילונג אויף אונזער שיף. מיר האָבן דאַן שאַרף פאַרקירעוועט און האָבן שנעל אָנגעהויבן שווימען צוריק אין פרייען ים אַריין. מיר זיינען אָפּגעפאָרן ווייניקסטנס צוויי מייל און האָבן זיך שוין דאָ בלי ספק, געפינען אויסער די גרענעצן פון די ארץ־ישראל וואַסערן — ווען צוויי ענגלישע צעשטערער זיינען צוגעשוווּמען האַרט צו אונזער שיף.

ווען די ערשטע גרופּע ענגלענדער — דערציילט ווייטער דער קאָרעספּאָנדענט — האָט זיך אַריינגעריסן אין אונזער שיף, זיינען זיי תיכף אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דער גרויסער מאַסע אויפגערעגטע עולים און זיינען גענומען געוואָרן אין גע־פענגעניש.

גראָוער לייקנט, אַז די עולים זאָלן האָבן באַנוצט טרערן־באָמבעס. זייער איינ־

ציק געווער איז געווען: קאַרטאָפל, פּושקעס פון קאָנסערוון און גומי־שלייכן, אינ־דערצייט, וואָס די ענגלענדער האָבן באַנוצט ביקסן, קאָלבעס און גאַז־באָמבעס.

## נאָך דריי שעה פון קאַמף...

ירושלים, 19 יולי 1947

נאָך אַ שווערן קאַמף און דריי־שעהדיקן ווידערשטאַנד פון דער מאַנשאַפט און די פּאַסאַזשירן, איז די הגנה־שיף „עקזאָדוס 1947", אַ באַשעדיקטע, מיט צוויי דערהרגעטע און איבער הונדערט פאַרוונדעטע אויפן דעק, אַריינגעשוומען פּריוויטיק בייטאָג, אונטער דער קאָמאַנדע פון איר קאַפּיטאַן, דעם יונגן אַמעריקאַ־נער בערנאַרד מאַרקס, אין חיפהער פּאָרט, באַגלייט פון איין קרייצער און פינף צעשטערער־שיפן פון ענגלישן בלאָקאַדע־פלאָט.

שוין פון פאַרטאָג האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין ירושלים ראַדיאָ־מעלדונגען פון דער שיף, אַז זי איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גרויסער צאָל צעשטערער־שיפן פון ענגלישן בלאָקאַדע־פלאָט אויסער די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון ארץ־ישראל, און אַז די מאַנשאַפט, צוזאַמען מיט די עולים שטעלן אַ ווידערשטאַנד און פירן אַ קאַמף. אַרום צען אַזייגער אינדערפרי, זיינען די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן פון דער שיף איבערגעריסן געוואָרן, וואָס עס האָט באַדייט, אַז די „עקזאָדוס 1947" איז ענדלעך באַהערשט געוואָרן דורכן ענגלישן פלאָט.

## דער אומגלייבער קאַמף (מעפילים דערציילן...)

יענע גרויזאַמע נאַכט וועט אין מיין זכרון בלייבן איינגעקריצט אויף אייביק...

געמיינט האָבן מיר, אַז ווי נאָר דער מאָרגנשטערן וועט אויפגיין, וועלן מיר דערגרייכן די ברעגעס פון אונזער אויסגעבענקטן ארץ־ישראל.

געשען איז אָבער אַנדערש.

די גאַנצע צייט פון אונזער רייזע אויפן ים האָט אונז באַגלייט דער פיינט און געלויערט אויף דער מינוט, צו קענען פאַרכאַפּן אונזער שיף. שוין אין זעלבן טאָג, וואָס מיר זיינען אַרויסגעשוואומען האָבן מיר באַמערקט ווייט אויפן האָריזאָנט אַ שוואַרצן פּונקט וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דערנענטערן, ביז מיר האָבן באַמערקט קלאָר — אַ שיף.

געווען איז דאָס טאַקע אַ בריטישע מלחמה־שיף, וועלכע האָט אונז נאָך אויס־געשפּירט אין פראַנצויזישן פּאָרט און אונז נאָכגעשווימען. צומאָרגנס איז צו איר צוגעקומען נאָך אַ צווייטע שיף און שפּעטער אויך אַ דריטע. צו אָוונט צו זיינען זיי שוין געווען זאָלבע פינף און ביים סוף פון אונזער רייזע איז זייער צאָל דער־גאַנגען ביז זיבן, צווישן זיי אויך אַ גרויסע פאַרניכטונגס־שיף, וועלכע האָט בשעתה דערטרונקען די דייטשע שיף „גראַף שפּעי".

פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע שיפן האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע עולים, וועלכע האָבן זיך מאַסנווייז צונויפגעזאַמלט אויפן דעק, כדי נאָכ־צופאָלגן די באַוועגונגען פון אונזערע „באַגלייטער".

# די שיף „עקזאָדוס 1947" ביי די ברעגעס פון חיפה



ביי דער צעבראָכענער, בשעתן קאַמף, וואַנט פונם צווישנדעק שטייען די מעפּילים...

די פּאַסאַזשירן פלעגן זיך פאַרזאַמלען אויף איין זייט פונם דעק און די שיף פלעגט זיך דאַן אָנבויגן אַזוי, אַז נישט איינמאָל האָט געדראָט די סכנה, אַז אָט אָט און די שיף קערט זיך איבער.

ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין וואָרענונגען פון די אָרדנער און יעדעס מאָל האָבן געמוזט אינטערווענירן די מענטשן פון דער שיף־קאָמאַנדאָ.

געשווימען זיינען די בריטישע שיפן אויף אַ געוויסן מרחק פון אונז, נאָר ביינאַכט פלעגן זיי זיך דערנענטערן צו אונז, כדי נישט צו פאַרלירן אונז פון אויג. יעדעס מאָל ווען זיי פלעגן זיך דערנענטערן, פלעגן די עולים אויסברעכן אין אַ מעכטיקן געזאַנג, בפרט, האָט דערפאָלג געהאַט דאָס לידל „אויף צעפּיקעניש די שונאים" — באַגלייט מיט אַ פלאַמעדיקער "הורא". מיר האָבן אָבער געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך צו אונז דאָס אומגליק...

מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרטיידיקן אונזער שיף ביז צו די לעצטע כוחות אונזערע, און ערגעץ ווו אין אונזערע הערצער האָט געטליעט אַ פונק פון האָפענונג: און אפשר, און טאָמער וועט עס אונז טאַקע געלונגען זיי בייצוקומען! די גרופּע פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, וואָס האָט זיך געפונען אויף אונזער שיף האָט אונז אויך צוגעגעבן האָפענונג, אַז אויב מיר וועלן באַווייזן אָפּצושלאָגן די ענגלישע אַטאַקע, וועלן מיר קענען צוקומען צום ברעג, ווייל אונזער קליינע שיף איז גע־ווען אַ סך מער רירעוודיקער ווי די גרויסע ענגלישע קריגס־שיפן, און האָט שנע־לער און לייכטער געקענט צוקומען צום ברעג, נישט מורא האָבנדיק ארויפצובאַ־קומען זיך אויף די ברעג־זאַמדן.

מיר זיינען צוגעטראָטן דורכצופירן די געהעריקע צוגרייטונגען צום קאַמף. אי־בערן דעק האָבן מיר פאַרצויגן שטעכל־דראָטן און געמאַכט פון זיי אַ מין פּלויט, כדי די ענגלענדער זאָלן נישט קענען אַראָפּשפּרינגען פון זייערע שיפן אויף אונ־זער דעק, דאַן האָט מען צונויפגעזאַמלט אויפן דעק די מלחמה־מכשירים: אייל־פעסלעך, קאָנסערוון־פּושקעס, קאַסטנס, קעסטלעך, זעק מיט קאַרטאָפל, פלעשער און איטלעכס פּיצל אייזן, וואָס האָט זיך נאָר געפונען ערגעץ־ווו אויף דער שיף. אַמבעסטן האָבן זיך ביי דער דאָזיקער אַרבעט אויסגעצייכנט די קינדער, וועלכע האָבן מיט ערנסט און איבערגעגעבנקייט געאַרבעט ביים צוזאַמענשלעפּן אָט דעם מאָדערנעם כלי־זין.

אַלע קאַמפּס־פּעיקע און קאַמפּס־לוסטיקע זיינען צעטיילט געוואָרן אין גרופּן און יעדע גרופּע האָט באַקומען איר באַשטימטן פּלאַץ אויפן דעק, וועלכן זי האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן.

די קינדער, וועלכע האָבן באַקומען די אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן דעם אויי־בער־דעק איז אויך צוגעטיילט געוואָרן אַ גרויסער כבוד: אַרויסצוהענגען איבער דער שיף אונזערע קריגס־סלאָגאַנען, וואָס זיינען געשריבן געווען אין עברית און ענגליש. ווי אַלטע, געניטע מאַטראָזן האָבן זיי זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די מאַסטן און קוימענס, אויסגעהאָנגען די טראַנספּאַראַנטן און פאַרביטן דעם פּרי־ערדיקן נאָמען פון דער שיף אויף דעם נייעם: „אניית־ההגנה 1947 — יציאת אירופה תש״ז".

אין דער דאָזיקער נאַכט זיינען די בריטישע שיפן געשווומען מיט אויסגעלאָ־שענע לייכטער. געווען איז עס אַ שרעקלעך געפיל: — דו פילסט די נאָענטקייט און דעם געשפּענסט פונם פיינט, און טראָץ דעם זעסטו אים נישט. וואַרשיינלעך האָבן די ענגלענדער דערשפּירט, אַז אויף אונזער שיף טוט זיך עפּעס און פון צייט

צו צייט פלעגט איינע פון די שיפן דערנענטערן זיך צו אונז, באַלייכטן מיט איר מעכטיקן פּראָזשעקטאָר דעם דעק, און באַלד זיך צוריקציען.

פּלוצלונג — געווען איז עס אַרום האַלבער נאַכט — האָט זיך דערהערט אַ רוף דורכן הויך־שפּרעכער פון איינער פון די ענגלישע שיפן. געווען איז דאָס נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי פלעגן זיך צו אונז ווענדן דורך דעם הויך־שפּרעכער, אָבער דאָסמאָל האָט דאָס קול, וואָס האָט, דורכשניידנדיק די פינצטערניש, זיך דערטראָגן צו אונז, אַנטהאַלטן אין זיך עפּעס גרויזאַמעס, עפּעס שרעקלעכעס.

און גערעדט האָט צו אונז דאָס קול בזה הלשון:

„איר האָט נאָך צייט אומצוקערן זיך מיט אייער שיף צום פּאָרט פון וועלכן איר זייט אַרויסגעשוווּמען. מיר ווייסן ווער עס זיינען די פּאַסאַזשירן אויף אייער שיף און מיר ווילן נישט פירן קיין מלחמה מיט פליטים. דעריבער קערט זיך צוריק און דערוואַגט זיך נישט צו שווימען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל".

אונזער ענטפער — פּראָטעסט־אויסגעשרייען, אַ געפייפעריי, „פוי" און צום סוף אַ מעכטיק ליד, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די ברוסטן פון די מעפּילים.

זייגער דריי ביינאַכט האָט זיך צו אונז ווידער דערנענטערט איינע פון די בריטישע שיפן און האָט קורץ באַפוילן: „האַלט! איר געפינט זיך אין די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון ארץ־ישראל!" (אין דער אמתן האָבן מיר געדאַרפט דערגרייכן די ארץ־ישראל־וואַסערן ערשט אינדערפרי. די ענגלענדער האָבן זיך דעריבער איבערגעביטערעוועט און אונז אָנגעגריפן אינם מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך נאָך געפונען אין אָפענעם, פרייעם ים).

מיר האָבן באַמערקט, אַז אויף דער ענגלישער שיף שטייען רייען פון סאָלדאַטן, גרייטע צום קאַמף, מיט בליטשענדיקע העלמען אויף די קעפּ, און באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס.

מיר האָבן פאַרשטאַנען — איצט הויבט זיך אָן דער קאַמף!

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט די סירענע פון אונזער שיף. דאָס איז געווען דער אָפּגעשטימטער סיגנאַל, אַז דער קאַמף הויבט זיך אָן. שווער צו באַשרייבן, מיט וואָס פאַר אַ געפיל מיר האָבן אויפגענומען דעם דאָזיקן סיגנאַל, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין דער נאַכט־פינצטערניש, אויף אַ שיף פון וואַנדרער, אַרומגערינגלט אינמיטן ים פון פיינט. געווען איז דאָס ווי אַ שרעקלעכער געיאָמער, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער נאַכט אַריין, אַ דערשיטערנדיקער אויסגעשריי ווי פון אַ טרינקנדיקן זיך אין ים, וואָס שרייט מיט אַלע זיינע כוחות: ראַטעוועט!, אַ געוויין פון אַ קינד, וואָס מען רייסט עס אַוועק פון דער מוטערס שויס, און ס'געפינט זיך נישט קיינער, וואָס זאָל אים העלפן. מיר האָבן אויפגעציטערט. דער סירענע־פייף האָט אָנגעצינדן אין אונז אַ פייער פון כעס און מיר זיינען געוואָרן ווי משוגע. יעדער איינער האָט געכאַפּט, וואָס ס'איז אים נאָר געקומען אין האַנט אַריין: אַ שטעקן, אַ פּושקע, אַ פלאַש — גרייט אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם שטורעם, וואָס איז אַנטקעגנגעקומען. מער האָבן מיר שוין אויף קיין שום זאַך נישט געלייגט קיין אַכט און פאַרשווינדן איז אויך ביי אונז יעדע מורא פאַר קוילן און באָמבעס.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן זייער אָנגריף.

אַ קריגס־שיף מיט אָנגעצונדענע פאַרבלענדנדיקע פּראָזשעקטאָרן האָט זיך דערנענטערט צו אונז און די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן באַשיסן אונז מיט צענדליקער קוילן, אויסשיסנדיק אויך עטלעכע ראַקעטן, כדי צו באַלויכטן דעם קאַמפּס־פעלד.

מיר האָבן גלייך דערקענט, אַז צווישן די קוילן, וואָס האָבן געשוווישטשעט איי־בער אונזערע קעפּ, זיינען אויך געווען אמתע קוילן. באַלד נאָכדעם האָבן די ענגלענ־דער אָנגעהויבן צו באַגיסן אונז מיט קאַלטן וואַסער און וואַרפן גאַז־באָמבעס, און אונטערן צודעק פונם פייער האָבן זיי געפּרוּווט אַריבערצוּוואַרפן אויף אונזער שיף אַ בריק, כדי דורך איר אַרויפצובאַקומען זיך אויף אונזער דעק. מיר האָבן זיי אָבער מכבד געווען מיט אַ האָגל פון פּושקעס, פלעשער און קאַרטאָפל און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אונזער וואָפן איז אויך עפּעס ווערט. הגם אַ סך פון אונזערע „געשאָסן" זיי־נען אַריינגעפאַלן אין וואַסער, אָבער די, וואָס האָבן שוין יאָ געטראָפן אַן ענגלישן זעלנער האָבן געהאַט די ריכטיקע פּעולה. אַזאַ איינעם האָט זיך שוין מער נישט גע־גלוסט מלחמה צו האַלטן.

דער גאַנצער כוח, פונם ענגלישן אָנגריף איז געווענדעט געווען קעגן דעם אויי־בערשטן דעק, וועלכער איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון די קינדער. די סיבה איז געווען, ווייל פון דאָרטן איז געווען אַ דירעקטער צוגאַנג צו דער קאַיוטע פונם קאַפּיטאַן. אָבער די קינדער האָבן מיט אַזוי פיל העלדישקייט און מיט אַזאַ התלהבות געקעמפט אויף זייער פּאָזיציע, אַז די ענגלענדער האָבן גוט דערפילט זייערע קלעפּ. עטלעכע זעלנער זיינען אפילו פאַרווּנדעט געוואָרן, געטראָפענע דורך די פּושקעס און פלעשער. איין יינגל האָט אויך געטראָפן אינם פּראָזשעקטאָר פון דער ענגלישער שיף און אים באַשעדיקט.

אָט אַזוי האָבן מיר צווישן פייער און וואַסער, אַנטקעגן אַן איבערוויגנדיקן שונא פאַרטיידיקט אונזער שיף, וועלכע האָט אויך במשך דעם קאַמף נישט אָפּגע־שטעלט איר גאַנג און געשווימען שנעל אין דער נויטיקער ריכטונג.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג דער קאַמף האָט געדויערט. פּלוצים האָבן זיך די ענגלישע שיפן אָפּגעטראָגן פון אונז. אַ נצחון־שכרות האָט אונז אַלעמען אַרומ־געכאַפּט, פון אַלעמענס העלזער האָבן זיך געריסן זיג־אויסרופן אָן אַ סוף און אָן אַ שיעור. מיר האָבן געמיינט — אַז מיר האָבן שוין געוווּנען...

לײַדער איז דאָס נאָר געווען אַ קורצע פּויזע. באַלד איז געקומען אַ צווייטע אַטאַקע, און נאָך איר אַ דריטע און אַ פערטע, און איצט שוין פון ביידע זייטן, און מיטאַמאָל האָבן מיר זיך געפונען אינמיטן פון אַ שווערן און אכזריותדיקן קאַמף.

בעת איינעם פון די אָנגריפן איז אַ גרופּע פון ענגלענדער געלונגען אַרויפצו־באַקומען זיך אויף אונזער שיף און צו פאַרנעמען די רודער־קאַיוטע. האָט זיך אָנגע־הויבן אַ קאַמף פּנים אל פּנים. די ענגלענדער האָבן זיך אָבער פאַרבאַריקאַדירט אין דער קאַיוטע און נישט גערירט זיך פון דאָרטן. זיינען מיר אַרויפגעקראָכן אויף דעם דאַך פון דער קאַיוטע, צעהאַקט מיט העק דעם באַלקן, צענומען די וואַנט און גע־צווּנגען די ענגלענדער אונטערצוגעבן זיך. דאָס געווער, וואָס מיר האָבן ביי זיי געפונען, האָבן מיר אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין און זיי האָבן מיר פאַרשפּאַרט אינם שיפס־קעלער.

געווען אויך אַ פאַל, ווען מיר האָבן מיטאַמאָל באַמערקט, ווי איינע פון די שיפן האָט זיך פּלוצים שנעל צוריקגעצויגן אינמיטן פון אַן אַטאַקע, וואָס זי האָט געפירט קעגן אונז. מיר האָבן דערזען, אַז דער שיפס־קאָמענדאַנט איז פאַרווּנדעט געוואָרן אין קאָפּ דורך איינע פון אונזערע פּושקעס און אויף דער שיף איז מחמת דעם אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה און זי האָט זיך צוריקגעצויגן.

אַן ענגלישן זעלנער איז געלונגען אַרויפצוקלעטערן אויף איינע פון אונזערע רעטונגס־שיפלעך, וואָס האָבן געהאַנגען איבער אונזערע קעפּ. אין צווישנצייט האָט

זיך די ענגלישע שיף אַביסל דערווייטערט און דער זעלנער איז געבליבן הענגען ווי צווישן הימל און ערד: נישט ער האָט געקענט אַרויפבאַקומען זיך אויף זיין אייגענער שיף און נישט אַראָפּלאָזן זיך אויף אונזער שיף, ווייל מיר האָבן געהיטן יעדן שריט זיינעם. אַ פאַרצווייפלטער האָט ער אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער און אָנגעהויבן שיסן אויף אונז. דערווייל איז אָבער אונטערגעקומען די ענגלישע שיף. אין דער זעלבער מינוט האָט איינער פון אונזערע מענטשן איבערגעשניטן די שטריק, אויף וועלכע דאָס רעטונגס־שיפל איז געהאַנגען און עס איז צוזאַמען מיטן זעלנער אַראָפּגעפאַלן מיטן גאַנצן כוח אויף די קעפּ פון די ענגלענדער, וועלכע זיינען געשטאַנען צוזאַמענגעפּרעסטע אויף זייער שיף.

צוויי שעה, אַן ערך, האָט געדויערט דער קאַמף. אונזער צושטאַנד איז געווען אַ שרעקלעכער. פון די שטראָמען קאַלטן וואַסער, וואָס די ענגלענדער האָבן אויף אונז געגאָסן, זיינען מיר געווען דורכגענעצט ביז צום לעצטן פאָדים. די אויגן ברענען פון די גאַז־באָמבעס, די לייבער אונזערע אָפּגעבריטע, אַ סך פאַרוואונדעטע און דאָס ערגסטע: די שיף אונזערע איז שווער באַשעדיקט און דאָס וואַסער דרינגט אַריין. דער צענטראַלער דעק, ווו ס׳זיינען קאָנצענטרירט געווען אַרום 3000 מאַן, איז געווען איינגעבראָכן און מיר האָבן געוווסט, אַז נאָך אַזעלכע עטלעכע זעצן פון די ענגלישע קריגס־שיפן וועט אונזער שיף נישט אויסהאַלטן. דאַן איז געקומען דער סיגנאַל פון איבעררייסן דעם קאַמף. באין ברירה האָבן מיר מקבל געווען אויף זיך אָט דעם שרעקלעכן אורטייל פון אונטערגעבן זיך דעם שונא.

אָבער ווי נאָר די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן אַריבערגיין אויף אונזער שיף, האָבן מיר זיך נישט געקענט באַהערשן און ווידער האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף. אַלץ, וואָס איז נאָך געבליבן פון די פריערדיקע שטויסן פון אונזער „וואָפן", איז געפלויגן אין די קעפּ פון די ענגלענדער, און זיי — זיי האָבן ווידער אַמאָל זיך באַנוצט מיט אַלע מינים פון וואָפן, וואַסער־קישקעס, טרערן־באָמבעס, רעוואָלווערן.

אויף אַ קורצע ווײַלע האָט זיך דער קאַמף צעפלאַקערט און דאַן — זיך פולשטענדיק געענדיקט, תם ונשלם — — —

פאַרשמוצטע, פאַרשעמטע און אָפּגעריסענע זיינען פון אונטערן דעק אַרויסגעקראָכן די געפאַנגענע דורך אונז ענגלענדער, און אין זייערע אויגן, וואָס האָבן געוואָרפן בליקן אויף רעכטס און לינקס האָבן זיך נאָך געמאָלן פּחד און שרעק. מיר האָבן זיי באַגעגנט מיט אַ געפייפערײַ און פוי־אויסגעשרייען. אפילו אין אָט דער דאָזיקער שווערער מינוט האָט זיך אין אונזערע הערצער נאָך געפינען אַן אָרט פון צופרידנקייט: — אמת, זיי האָבן אונז באַזיגט, אָבער אויך זיי האָבן פון אונז באַקומען אַ נישט־קשהדיקע פּאַרציע.

אָבער דער שרעקלעכסטער מאָמענט האָט ערשט געדאַרפט קומען אין עטלעכע מינוטן שפּעטער, ווען מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אַז בשעתן קאַמף איז אומגעקומען אונזער געטרייער חבר צבי יאַקובאָוויטש... שרעקלעך איז געווען דאָס בילד, ווען זיין ברודער יצחק האָט זיך אין אַ האַרצרייסנדיק געוויין געריסן פון די הענט פון די חברים אויף יעדן ענגלענדער, וואָס האָט זיך באַוויזן...

*

זיי פירן אונזער שיף צו די ברעגעס פון אונזער לאַנד, אָבער מיר — מיר זיינען ווי געבונדן אין קייטן.

זייגער 4 נאָכמיטאָג זיינען מיר צוגעקומען צום חיפהער פּאָרט. פאַר אונזערע

אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט דער װוּנדער־שײנער כּרמל־באַרג, די שטאָט — אַזוי נאָ־ענט און דאָך אַזוי װײַט... מיר שטײען אַלע אױפֿן דעק און קוקן אױפֿן בילד, װאָס באַװײַזט זיך פֿאַר אונזערע אויגן. פּלוצים — „התקוה" פֿון אַלע הערצער. עס זינגען אַלע, אַלט און יונג. מען זינגט און מען װײנט. אַלע װײנען, קלײן און גרױס, קינדער מײדלעך און די פֿעסטע, שטאַרקע און ברײט־פּלײציקע „הגנה"־מענטשן...

לאַנג זײַנען מיר נאָך געשטאַנען און נישט געקענט אָװעקרײַסן אונזערע בליקן פֿונעם ברעג, פֿון חיפה, פֿונעם פּאָרט. די לופֿט איז געװען װי עלעקטריזירט. קײן אײנ־ציק װאָרט איז נישט געפֿאַלן. שטילשװײַגנדיק, האָט יעדער אײנער געקוקט אױפֿן ברעג, געקוקט און געטרױמט...

## מיטגלידער פֿון דער אױספֿאָרש־קאָמיסיע בײַ דער עולים־שיף

חיפה, 19 יולי 1947

װען די ייִדישע אַגענץ האָט באַקומען די ערשטע ראַדיאָ־מעלדונגען פֿון שיפֿס־קאַפּיטאַן מאַרקס, אַז די שיף איז אומלעגאַל אַרומגערינגלט געװאָרן דורכן ענגלישן בלאָקאַדע־פֿלאָט, פֿערצן מײַל אױסער די ארץ־ישראל־װאַסערן, — האָט זי זיך תּיכּף געװענדעט צו דער אױספֿאָרש־קאָמיסיע מיט אַ ביטע, זי זאָל זײַן אַנװעזנד בײַם אָנ־קומען פֿון דער שיף מיט די עולים קײן חיפה. דער פֿאָרזיצער עמיל סאַנדסטרעם און דער יוגאָסלאַװישער דעלעגאַט סימיטש זײַנען טאַקע באַלד אַראָפּגעקומען אין חיפהער פּאָרט און האָבן זיך צוגעקוקט, װי פֿיר און אַ האַלבער טױזנט עולים, מענער פֿרױען און קינדער, װערן אַריבערגעזעצט אױף די טראַנספּאָרט־שיפֿן, כּדי אָפּגעשיקט צו װערן קײן ציפּערן.

די קאָמיסיע־מיטגלידער זײַנען אױך געװען עדות דערפֿון, װי אַן ענגלישער מאַטראָז איז אַרױפֿגעקראָכן אױפֿן מאַסט פֿון „עקזאָדוס 1947", האָט מיט אַ מע־סער איבערגעשניטן די שטריק און אַראָפּגעריסן די גרױסע בלױ־װײַסע פֿאָן, װאָס האָט געפֿלאַטערט איבער דער שיף. דער יוגאָסלאַװישער דעלעגאַט, זעענדיק די דאָזיקע סצענע, האָט אױסגערופֿן:

„דאָס איז דאָס בעסטע עדות־זאָגן, װאָס מיר האָבן נאָר געקענט האָבן".

ירושלים, 19 יולי 1947

די הױפּט־לײטונג פֿון דער הגנה האָט דורכן ראַדיאָ איבערגעגעבן אַ שאַרפֿן פּראָטעסט צו דער אױספֿאָרש־קאָמיסיע קעגן די פּיראַטן־אָנפֿאַלן, װאָס זײַנען גע־מאַכט געװאָרן דורכן ענגלישן פֿלאָט אױסער די טעריטאָריאַלע װאַסערן פֿון ארץ־ישראל אױף דער שיף „עקזאָדוס 1947", פֿאַרגװאַלטנדיק אַזױ אַרום די אינטער־נאַציאָנאַלע געזעצן.

דער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף,װערט געזאָגט אין דעם הגנה־פּראָטעסט, האָט זיך געװענדעט צו אײך דורכן ראַדיאָ מיט אַ הילפֿס־געשרײ אין נאָמען פֿון טױזנטער פּליטים, װעלכע װילן אין זײער פֿאַרצװײפֿלונג דערגרײכן די ברעגעס פֿון ארץ־ישראל.

צוויי פון די פיר טויזנט פינף הונדערט...



אין נאָמען פון מענטשלעכקייט, אין נאָמען פון אייער איצטיקער מיסיע, בעטן מיר אייך ערנסט און דרינגענד צו העלפן אונזערע ברידער, זיי זאָלן נישט פאַלן אַלס קרבנות פון דער גרויזאַמקייט און ברוטאַליטעט פון דער ענגלישער מאַכט, זיי זאָלן נישט דעפּאָרטירט ווערן פון זייער לאַנד".

## וויפיל זיינען פאַראַן קרבנות?

ירושלים, 22 יולי, 1947

די הגנה־מאַנשאַפט האָט דורכן ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז די קרבנות צווישן די עולים באַטרעפן: איין דערהרגעטער, צוואַנציק שווער־ און הונדערט לייכט־פאַר־ווונדעטע.

אַ שפּעטערדיקע מעלדונג פון „רויטער" דערציילט וועגן דריי דערהרגעטע: צוויי יידן פון דער שיף און איין ענגלישער מאַטראָז. עס זיינען אויך פאַרווונדעט געוואָרן מערערע ענגלישע מאַטראָזן.

פינף און דרייסיק פאַרווונדעטע יידן זיינען ביים אָנקומען פון דער שיף אין חיפהער פּאָרט אָפּגעפירט געוואָרן אין רעגירונגס־שפּיטאָל.

פּאַריז, 22 יולי, 1947.

די פראַנצויזישע פּרעסע־אַגענטור מעלדעט, אַז לויט אַן אָפיציעלן קאָמוניקאַט, זיינען אויף דער „הגנה"־שיף „עקזאָדוס 1947" דערהרגעט געוואָרן דריי יידישע מעפּילים און איין אַמעריקאַנער מיטגליד פון דער מאַנשאַפט איז געשטאָרבן אין חיפהער שפּיטאָל.

## ווער זיינען די העלדישע קרבנות?

ירושלים, 21 יולי, 1947.

צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן פון „עקזאָדוס 1947" זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן די אַמעריקאַנער מיטגלידער פון דער מאַנשאַפט אַרטור ריטצער און אַרטור וויינשטיין, ביידע פון ברוקלין. זיי אַלע ווערן באַשולדיקט אין מיטהעלפן דער „אומלעגאַלער עליה".

נאָך איין אַמעריקאַנער פון דער „הגנה"־שיף ליגט אין חיפהער שפּיטאָל מיט אַ קויל אין קינבאַק.

דער אומגעקומענער מיטגליד פון דער מאַנשאַפט הייסט וויליאַם בערנשטיין, 24 יאָר אַלט. ער איז געהרגעט געוואָרן דורך אַ זעץ אין קאָפּ, וואָס ער האָט באַקומען פון אַן ענגלישן מאַטראָז.

## אַרעסטירט דעם העלדישן קאַפּיטאַן

ירושלים, 19 יולי. — אין דער לעצטער ראַדיאָ־מעלדונג, וואָס איז אַרויסגע־שיקט געוואָרן פון דער הגנה־שיף, איידער זי איז באַהערשט געוואָרן דורך דעם

ענגלישן פלאָט, האָט דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, בערנאַרד מאַרקס, פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס ענגלאַנד האָט פּאַרגוואַלטיקט די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן, דורכן באַפאַלן „עקזאָדוס 1947" אויף עקסטעריטאָריאַלע וואַסערן. ער האָט צוגעגעבן, אַז דער ענגלישער פלאָט האָט געהאַנדלט ברוטאַל קעגן די אומבאַוואָפנטע עולים און אַז ער איז גרייט עדות צו זאָגן פאַר דער אויספאָרש־קאָמיסיע אָדער פאַר אַן אַנדערן אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל.

ווען די שיף איז אָנגעקומען אין חיפהער פּאָרט, איז דער קאַפּיטאַן תיכף אַרעסטירט געוואָרן דורך דער ענגלישער מאַכט. אויב דער אַמעריקאַנער קאָנסול וועט זיך מיט אים נישט פאַרנעמען, וועט ער געמשפּט ווערן פאַר מיטהעלפן דער אומלעגאַלער עליה.

## ארץ־ישראל־רעגירונג לייקנט

ירושלים, 21 יולי. —

די ארץ־ישׂראלדיקע רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט אַן אָפיציעלן קאָמוניקאַט וועגן די געשעענישן מיט דער „הגנה"־שיף „עקזאָדוס 1947", אין וועלכן זי לייקנט אָפּ די באַשולדיקונג פון שיפס־קאַפּיטאַן, דעם אַמעריקאַנער בערנאַרד מאַרקס, אַז די שיף איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויסער די ארץ־ישׂראל־וואַסערן און אַז דאָס איז אַזוי אַרום געווען אַ פּיראַטן־אָנפאַל. די רעגירונג שטעלט פעסט, אַז די „הגנה"־שיף איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין די ארץ־ישׂראל־וואַסערן.

## די אויפרעגונג אין ישוב

ירושלים, 19 יולי.

די אויפרעגונג אין לאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן, איז אַן אומגעוויינלעכע. אין תל־אביב איז די באַפעלקערונג פאַרטאָג אַלאַרמירט געוואָרן דורך די ידיעות, און מענטשן זיינען כסדר געשטאַנען ביים ראַדיאָ, כדי אויפצוכאַפּן די קאָמוניקאַטן פון דער הגנה־מאַנשאַפט אויף „עקזאָדוס 1947". די ידיעות וועגן דער גרויסער צאָל קרבנות — טויטע און פאַרוווּנדעטע — האָט אַרויסגערופן אַ מוראַדיקן אויפברויז און טיפן טרויער.

פּריוואַטע אינדערפרי איז אין תל־אביב אַלס פּראָטעסט קעגן די געשעענישן דערקלערט געוואָרן אַ גענעראַל־שטרייק. אַלע מאַגאַזינען זיינען געוואָרן געשלאָסן. די גאַסן־באַוועגונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

## אַלגעמיינער פּראָטעסט־שטרייק

ירושלים, 21 יולי. —

אַלס פּראָטעסט קעגן די פריטיקדיקע געשעענישן מיט דער עולים־שיף „עקזאָדוס 1947" און קעגן דעפּאָרטירן די מעפּילים אויף ציפערן האָט דער גאַנצער ייִדישער ישוב אין לאַנד דערקלערט אַ 3־שעהדיקן גענעראַל־שטרייק, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן נעכטן זונטיק פון 4 ביז 7 אַזייגער נאָכמיטאָג.

# אונזער שיף

א שיף — א מולטער, אין פיינען געגליטע,
פירט א זכר פון פוילן, א רעשטל פון ליטע.
א געפרוווטער דער רודער, קען ברעכן א קריע,
עס לויכט אים פונווייטן דער בארג פון מוריה.

אם אין אני לי —
מי לי?
זינגט דער רודער.
א ייד פון קאָוונע
זאָגט אים נאָך:
„איך האָב א טרער
און איינציקע באַהאַלטן,
חצי לי, וחצי לך".

עס שווימט ווינד און ווייַ פון ווארשע און בערדיטשעוו
עס ווארפט דער שוים א תליה אויף א תליה.
מען גנבעט דעם ים. דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן.
עס לויכט פונווייטן דער בארג פון מוריה.

אם אין אני לי —
מי לי?
זינגט דער רודער.
א בריסקער ייִנגל
זאָגט אים נאָך:
„מיט א נאַגאַן
מיין לעבן אָפּגעווונען,
חצי לי, וחצי לך".

ווי פרעמדע זעלנער, געלערנט אויף רציחה,
באַפאַלן כוואַליעס די מולטער, ווי א שטאָט.
ס'איז קריג. די שיף איז אויסגעלאָשן.
עס לויכט פונווייטן איר א לעמפל פון עין חרוד.

אם אין אני לי —
מי לי?
רופן ברעגן.
און דער רודער
ברומט זיי נאָך:
„איך האָב א האָפענונג
און איינציקע געבאָוועט,
חצי לי, וחצי לך".

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

## וואָהין פאַרשיקט מען די „עקזאָדוס"־מעפּילים ?

ירושלים, 19 יולי 1947, אָפיציעל:

דאָס איבערזעצן די עולים פון דער שיף „עקזאָדוס 1947" אויף די טראַנ־ספּאָרט־שיפן „אושען ווינגאר", „עמפּייר רייוואַל" און „רונימעד פּאַרק", וואָס דאַרפן זיי אָפּפירן קיין ציפּערן, איז צוגעגאַנגען רואיק און אָן אינצידענטן.

דער פּאָרט איז בעת מעשה געווען אָפּגעצוימט מיט גרויסע אָפּטיילונגען פון ענגלישע זעלנער.

אויף דער „עקזאָדוס 1947" האָבן זיך געפונען 1.600 מענער, 1.282 פרויען, 1.017 יוגנטלעכע און 655 קינדער. בסך הכל 4.554 פּערזאָן.

ירושלים, 21 יולי 1947.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער יידישער אַגענץ האָט זיך היינט פאַר־זאַמלט אין ירושלים, בכדי צו באַטראַכטן די געשאַפענע לאַגע דורכן אינצידענט פון „עקזאָדוס 1947".

אַ פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ האָט דערקלערט: „מיר ווייסן נאָך נישט, אין וועלכער ריכטונג דער ענגלישער פּלאַט וועט אָוועקפירן די יידישע פּליטים פון „עקזאָדוס 1947". נישט לאָזנדיק די יידישע פּליטים אַריינקומען קיין ארץ־ישראל, האָט ענגלאַנד נישט רעספּעקטירט אירע התחיבותן פונם מאַנדאַט."

## צוריק קיין פראַנקרייך!

לאָנדאָן, 22 יולי 1947, אָפיציעל:

דער פאָרייןֿ־אָפיס האָט נעכטן אינאָוונט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע אָפיציעלע מעלדונג:

דער דאַמפער „פּרעזידענט וואָרפילד" („עקזאָדוס 1947") איז דעם 11־טן יולי אָפּגעשוואומען פון פראַנצויזישן פּאָרט סעט מיט 4.500 יידישע פּאַסאַזשירן, וועל־כע האָבן געוואָלט אַריינבאַקומען זיך אומלעגאַל קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע שיף איז מיט אַ וואָך שפּעטער פאַרהאַלטן געוואָרן ביי די ארץ־ישראל־ברעגעס און אירע פּאַסאַזשירן ווערן איצט צוריקגעשיקט קיין פראַנקרייך. די דאָזיקע אַקציע איז אונ־טערגענומען געוואָרן אין הסכם מיט דער נאָרמאַלער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָצע־דור און מיט דער צושטימונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג.

די שיף „פּרעזידענט וואָרפילד", וועלכע איז נישט צוגעפּאַסט צו פירן אַזאַ גרויסע צאָל פּאַסאַזשירן, ווערט נישט אויסגענוצט פאַר דער צוריקרייזע. אירע פּאַ־סאַזשירן פאָרן איצט צוריק אויף דריי אַנדערע ענגלישע טראַנספּאָרט־שיפן.

אַ פאָרשטייער פון „פאָריין־אָפיס" האָט אָנגעגעבן פאָלגנדיקע מאָטיוון, פאַר־וואָס די פּאַסאַזשירן ווערן צוריקגעשיקט קיין פראַנקרייך, אַנשטאָט אויף ציַ־פּערן. ערשטנס, ווייל ציפּערן איז איבערפולט און האָט פּראָטעסטירט קעגן אַריינ־ברענגען פרישע מענטשן. צווייטנס, ווייל ענגלאַנד באַטראַכט איר דאָזיקן שריט אַלס אַ מיטל נאָך שטאַרקער צו שטערן די אומלעגאַלע עליה.

יידן, וואָס ווילן קומען קיין ארץ־ישראל — האָט דערקלערט דער אינפאָרמאַ־

טאָר — לאָזן זיך אין וועג אַריין מיט אומלעגאַלע שיפן אין דער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך דורך ציפערן אַריינבאַקומען קיין ארץ־ישראל. דאָס צוריקשיקן די פּאַסאַזשירן פון „עקזאָדוס 1947" וועט פאַר די דאָזיקע יידן זיין אַ וואָרענונג און אַן אָנלערנונג.

אַ פאָרשטייער פון „פאָריין־אָפיס" האָט אויך דערקלערט, אַז אין פאַל ווען די „עקזאָדוס"־מעפילים וועלן זיך אָפּזאָגן אויסצושטייגן אין פראַנקרייך, איז ענגלאַנד גרייט „אָנצווענדן די נויטיקע קראַפט".

## מיר שווערן ביי דער הייליקער ערד!

חיפה, 20 יולי 1947.

די הויפּט־קוואַרטיר פון דער הגנה האָט פאַרעפנטלעכט די שבועה וואָס די מעפילים פון „עקזאָדוס 1947" האָבן אָפּגעגעבן ביים פאַרהאַלטן זייער שיף אין חיפה:

מיר, די 4.500 יידישע פליטים, געראַטעוועטע פון די נאַצישע פאַרניכטונגס־לאַגערן, האָבן זיך מיט אַלע כוחות געריסן צו קומען צו אונזער היימלאַנד, ארץ־ישראל. אונזער שיף „עקזאָדוס 1947" איז אַטאַקירט געוואָרן דורך ענגלישע צע־שטערער אין מיטן ים, אויסער די טעריטאָריאַלע וואַסערן. מיר האָבן געקעמפט קעגן די ענגלענדער מיט בלויזע הענט, מיט דעם שטאַרקסטן ווילן אונזערן צו דער־גרייכן די ארץ־ישראלדיקע ברעגעס.

דריי פון אונזערע מענטשן זיינען געפאַלן פון ענגלישן מאַשין־געווער, הונ־דערט זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן, צווישן זיי פרויען, קינדער און זקנים.

וואַרפנדיק טרערן־באָמבעס האָבן די ענגלענדער מיט גוואַלט אונז איבער־געפירט אויף זייערע דריי שיפן פונקט דאָ, ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו די א"י־ברעגעס. עס גייען אַרום קלאַנגען צווישן אונז, אַז מען וויל אונז צוריקפירן קיין פראַנקרייך, אַנשטאָט שיקן אונז קיין ציפערן.

מיר שווערן ביי דער הייליקער ערד פון ארץ־ישראל, אַז מיר וועלן אין פראַנקרייך נישט אויסשטייגן! בלוט וועט זיך גיסן, אָבער מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן! מיר אַפּעלירן צום פראַנצויזישן פאָלק און צום געוויסן פון אַלע פרייע פעלקער, און מיר בעטן זיי, זיי זאָלן בייהילפיק זיין אונז, די קרבנות פון נאַציזם, מענער, פרויען, קינדער,זקנים, שוואַנגערע פרויען, וועלכע האָבן נישט דעם מזל און די פרייד צו זיין פריי. מיר האָבן צוטרוי צו דער וועלט און איבערהויפּט צו דער דע־מאָקראַטישער פראַנקרייך, אַז זיי וועלן זיין אויף אונזער זייט אינם קאַמף פאַר אונזער פרייהייט!

## ענגלאַנד מאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פראַנקרייך

פּאַריז, 23 יולי, 1947.

וועגן די ערשטע אונטערהאַנדלונגען צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך אַרום דעם ענין פון צוריקשיקן די עולים פון „עקזאָדוס 1947" דערוויסט מען זיך פאָלגנדיקע פּרטים:

ענגלאַנד האַלט, אַז פראַנקרייך איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אומלעגאַלן אָפּ־פאָרן פון די עולים פון אַ פראַנצויזישן פּאָרט און זי דאַרף דעריבער זיי צוריקנעמען. ענגלאַנד טענהט ווייטער, אַז די פּאַסאַזשירן זיינען אָפּגעפאָרן נישט אין הסכם מיט די פראַנצויזישע פאַרשריפטן. חוץ דעם פאַרופט זי זיך אויפן צוזאָג פון דער פראַנ־צויזישער רעגירונג פון נאָוועמבער פאַריקן יאָר, אַז זי וועט זיך באַמיען איינצוהאַלטן די כוואַליע פון דער יידישער אומלעגאַלער עליה קיין ארץ־ישראל דורך אירע פּאָרטן.

## וואָס זאָגט דאָס פראַנצויזישע אויסערן־מיניסטעריום?

פּאַריז, 23 יולי, 1947.

דאָס פראַנצויזישע אויסערן־מיניסטעריום האָט דערקלערט, אַז די פּאַסאַ־זשירן פון „עקזאָדוס 1947" האָבן געהאַט אַלע זייערע פּאַפּירן אין אָרדענונג און זיי־נען געווען באַזאָרגט מיט וויזעס קיין קאָלומביע. דעריבער וועט די פראַנצויזישע מאַכט, נישט אַראָפּלאָזן צוריק די דאָזיקע פּאַסאַזשירן אויפן פראַנצויזישן באָדן, זי האָט געגעבן אָנצוהערן ענגלאַנד, אַז זי זאָל אָפּפירן די פּאַסאַזשירן קיין קאָלומביע.

סיי ענגלאַנד און סיי פראַנקרייך האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן נישט קיין שיפן צו פירן די עולים פון פראַנקרייך קיין קאָלומביע.

## די דריי „ליבערטי"־שיפן אָפּגעשוווּמען פון חיפהער פּאָרט

חיפה, 24־יולי 1947

די דריי „ליבערטי"־שיפן, — „אושען ווייגאר", „עמפּייר רייוואל" און „רוני־מעד פּאַרק" — אויף וועלכע עס געפינען זיך די מעפילים פון „עקזאָדוס 1947", זיינען נעכטן פרי אָפּגעשוווּמען פון חיפהער פּאָרט אין דער באַגלייטונג פון אַן ענ־גלישער קרייצער־שיף.

די שיפן שווימען אין דער ריכטונג פון פראַנקרייך.

## די דעפּאָרטאַציע

(מעפילים דערציילן...)

...פון אויבן, פונם אויבער־דעק דערטראָגט זיך צו אונז אין קעלער אַריין דער געזאַנג פון „התקוה". איינער כאַפּט אונטער דעם געזאַנג, אַ צווייטער שטייט צו, אַ דריטער און אַ פערטער אויך, אָבער די „התקוה" ווערט דערשטיקט פון טרערן, פון דעם געוויין, וואָס רייסט זיך אַרויס, נישט צום איינהאַלטן. אַ שטילקייט, אַ שוואַרצע און אַ שווערע, ממש אַ טויט־שטילקייט צעלייגט זיך איבערן קעלער.

עס קומען אַריין די ענגלענדער. זיי באַפעלן צו פאַרלאָזן די שיף און אַריבער־גיין אויף אַ צווייטער. יידן פּאַקן זייערע פּעקלעך, נעמען זייערע קינדער פאַר די הענט און אונטער דער שטרענגער קאָנטראָל פון ענגלישע זעלנער, וואָס גייען נאָך שריט נאָך שריט, פאַרלאָזן זיי די שיף. מיר זיינען געווען פון צווישן די לעצטע.

רייזן, לאַנגע רייען, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף, גייען אַריבער אויף דער דעפּאָרטאַציע־שיף. דו דאַרפסט שוין נישט גיין, ווייל די ריי באַוועגט זיך פון זיך אַליין, אויטאָמאַטיש. דו דאַרפסט שוין גאָרנישט טון; דו האָסט דעם איינדרוק, אַז דו ביסט ווי אַ קליין שרייפעלע פון אַ מאַשין וואָס איז אין באַוועגונג און אַלץ וואָס דו טוסט איז אויטאָמאַטיש, פון זיך אַליין.

די קינדער זיינען זייער אָפּגעשוואַכט, קוים וואָס זיי שלעפּן די פיס, און ווי נאָר זיי קומען אַרויף אויף דער נייער שיף, וואַרפן זיי שנעל אַראָפּ פון זיך די פּעקלעך.

די זעלנער דרייען זיך אַרום צווישן די קינדער און טיילן וואַסער און צוקער־קעס. די קינדער טרינקען האַסטיק דאָס וואַסער, כדי צו שטילן זייער ווילדן דורשט; אָבער קיינער פון זיי רירט זיך נישט צו צו די צוקערלעך. ניין, זיי וועלן נישט נעמען קיין צוקערלעך פון ענגלישע זעלנער! און עס העלפן נישט די לעצטע, זייער בעטן, זייער גלעטן — די קינדער האָבן זיך איינגעשפּאַרט: ניין, זיי וועלן נישט נעמען!

נאָך פאָרן אַריבערגיין אויף דער דעפּאָרטאַציע־שיף האָבן די ענגלענדער גאָר גענוי בודק געווען אַלע אונזערע רוק־זעק און פּעקלעך, גענישטערט און געגראַבלט אין זיי און צוגענומען דערביי אַלץ, וואָס איז זיי געפעלן געוואָרן — בעיקר מע־סערלעך, פאָטאָ־אַפּאַראַטן, פיל־פעדערס וכדומה.

די זעלבע זאַך חזרט זיך איבער איצט, אויף דער דעפּאָרטאַציע־שיף. ווידער דרייען זיי איבער אַלץ, וואָס מיר האָבן אין די פּעק, טאַפּן אַרום דעם קערפּער, זוכן און נישטערן אָן אויפהער.

איך קוק אַריין דורך די ווענטילאַטאָרן, אינעווייניק אין דער שיף אַריין. און מיטאַמאָל באַהערשט מיך עפּעס אַ געפיל, אַז איך האָב שוין דאָס אַלץ אַרום מיר געזען אַמאָל, עפּעס איז מיר דאָס בילד אַזוי באַקאַנט! ווו האָב איך שוין דאָס געזען?

און ווי אַ בליץ וואָלט דורכגעלאָפן דורך מיין מוח: יאָ — דאַכאַו! די גאַז־קאַמערן אין דאַכאַו! דער זעלבער קוימען, די זעלבע רערן, די זעלבע פינצטערע ווענט און אויך די לאַנגע ריי פון מענטשן, צעבראָכענע, פאַראומרייניקטע, וואָס באַוועגן זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם און פון זייערע אויגן קוקט אַרויס אַ ביטערער יאוש.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אינם שיפס־קעלער, איז ער שוין געווען פול איבער די ברעגעס. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט דאָרט, ווו מיר זיינען געשטאַנען. מער האָבן מיר שוין נישט געהאַט קיין כוח. געטראַכט האָב איך און געטרייסט זיך, אַז אינגאַנצן האָבן מיר נאָך 10 שעה צו פאָרן ביז ציפּערן, טאָ זאָלן מיר שוין בלייבן דאָ, ווו מיר זיינען.

יאָ, מיר האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות...

## די „הגנה" רעאַגירט

ירושלים, 24 יולי 1947.

די שטאַרקע אויפרעגונג אין ישוב אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן מיט דער מעפּילים־שיף „עקזאָדוס 1947", האָט געפונען איר אויסדרוק אין די לעצ־טע אַקציעס, וואָס די „הגנה" האָט דורכגעפירט אַלס פּראָטעסט קעגן דער אומ־דערהערטער האַנדלונג פון דער ענגלישער מאַכט.

דאָס זיינען געווען די געלונגענע אָנפאַלן אויף די שטאַרק באַוואַכטע ראַדאַר־

און ראַדיאָ־סטאַנציעס אויפן הדר הכרמל אין חיפה, בעת וועלכע עס איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ באַדייטנדיקער טייל פון די איינריכטונגען. דאָס איז אויך געווען דער לעצטער פאַל פון דערטרינקען די שיף „עמפּייר לייף גאַרד" אין חיפהער פּאָרט.

די „עמפּייר לייף גאַרד" איז איינע פון די זעקס ענגלישע טראַנספּאָרט־שיפן, מיט וועלכע די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג פאַרשיקט יידן אויף ציפּערן און ברענגט זיי טיילווייז שפּעטער צוריק אין די ראַמען פון דער חודשלעכער קוואָטע.

נעכטן פרי איז די „עמפּייר לייף גאַרד" אָנגעקומען אין חיפהער פּאָרט, ברענגענדיק צוריק קיין ארץ־ישראל 261 מעפּילים פון ציפּערן. ווען אַלע פּאַסאַזשירן האָבן שוין געהאַט אויסגעשטיגן אויפן ברעג, איז אין דער מאַשין־אָפּטיילונג פון שיף פאָרגעקומען אַן אויפרייס, פון וועלכן ס'איז אַנטשטאַנען אַ גרויס לאָך אין דער שיף. די שיף האָט גלייך אָנגעהויבן זינקען.

דער אויפרייס־מאַטעריאַל צוזאַמען מיט אַ זייגער־מעכאַניזם איז אונטערגעלייגט געוואָרן אויף דער שיף דורך הגנה־מיטגלידער נאָך איידער זי איז אָפּגעפאָרן פון פאַמאַגוסטאַ (ציפּערן). קיין שום קרבנות אין מענטשן זיינען נישט געווען.

## פראַנקרייך וועט נישט צווינגען אַראָפּצוגיין!

פּאַריז, 26 יולי, 1947 אָפיציעל:

די פראַנצויזישע רעגירונג האָלט פאַר נויטיק מודיע צו זיין די מעפּילים פון „עקזאָדוס 1947", אַז זי וועט זיי נישט צווינגען אַראָפּצוגיין אויף דער יבשה, זי האָט אָבער נישט בדעה צוצומאַכן אירע טירן פאַר די יעניקע פון זיי, וואָס וועלן זיך אַנטשליסן אַראָפּצוגיין אויפן פראַנצויזישן באָדן. זיי וועלן געניסן פון די פרייהייטן, וואָס פראַנקרייך — דאָס טראַדיציאָנעלע לאַנד פון אויפנעמען פּליטים און וועמענס בירגער האָבן אַלע מאָל געקעמפט פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט — גיט פאַר די, וואָס זוכן אַן אַזיל אויף איר טעריטאָריע.

גלייכצייטיק וועט געזאָרגט ווערן, אין דער מאָס פון די מעגלעכקייטן, פאַר זייערע מאַטעריעלע באַדערפענישן.

אַלע, וואָס ווילן אַרונטערגיין פ ר יי וו י ל י ק, ווערן דעריבער געבעטן זיך צו מעלדן ביי די פראַנצויזישע באַאַמטע, וואָס זיינען באַאויפטראַגט אַכטונג צו געבן ביים אויסשטייגן אויף דער יבשה.

לויט אַ באַשלוס פון דער רעגירונג, וועלן די ענגלישע שיפן נישט טאָרן אַריינשווימען אין פראַנצויזישן פּאָרט, — אַזוי, אַז די ענגלענדער וועלן נישט קענען מיט געוואַלט אַראָפּזעצן די יידן אויף דער יבשה. די יעניקע פּליטים, וואָס וועלן אויסדריקן זייער גרייטקייט צו פאַרלאָזן די שיפן, וועלן געבראַכט ווערן אויף דער יבשה מיט דער הילף פון פראַנצויזישע מאָטאָר־שיפלעך.

## די יידישע אַגענץ דריקט אויס אָנערקענונג פראַנקרייך

ירושלים, 26 יולי 1947.

די יידישע אַגענץ האָט אויפגענומען מיט אָנערקענונג די שטעלונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אין דער פראַגע פון די 4.500 „עקזאָדוס"־פּליטים. אַ פאַר־

# קעגן וועמען די ענגלישע אימפעריע פירט מלחמה!



שטייער פון דער אַגענץ האָט דערקלערט: „עס איז קענטיק, אַז פראַנקרייך האָט נישט בדעה אונטערצושטיצן ענגלאַנדס פּאָליטיק און מיר זײַנען גליקלעך צו פאַרצייכענען, אַז פראַנקרייך בלײַבט טריי אירע הומאַניטאַרע און ליבעראַלע טראַדיציעס".

## פראַנצויזישע רעגירונג אָרגאַניזירט הילף

פּאַריז, 27 יולי 1947

אויף אַ באַראַטונג פון הויכע באַאַמטע פון פּרעזידיום פון מיניסטאָרן־ראַט, אויסערן־מיניסטעריום, טראַנספּאָרט־מיניסטעריום און פון פאַרשיידענע אַנדערע אינסטיטוציעס איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן די הילפס־אַרבעט פאַר די אָנגעקומענע פּליטים־שיפן דער אָרגאַניזאַציע „אַנטר־עד פראַנסעז" (אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזײַטיקער הילף), בראש פון וועלכער עס שטייט ה' זשיסטען גאַדאַר.

אַמבולאַנסן און סאַניטאַר־וואַגאַנס זײַנען שוין אַרויסגעפאָרן צום פראַנצויזישן ברעג, וווּ עס וועלן אָנקומען די מעפּילים־שיפן.

## אויף איינער פון די תפיסה־שיפן (מעפילים דערציילן . . .)

אַ פרימאָרגן אויף דער תפיסה־שיף „רונימעד פּאַרק"; פון דרויסן דרינגען אַרײַן אײַנצלנע זון־שטראַלן. בײַ דער טיר, וואָס פירט צום דעק אַרויף שטייט אַן אומגעהויער לאַנגע ריי פון מענטשן, וואָס ווילן אַרויפגיין. די ענגלענדער דערלויבן אָבער אַרויפצוגיין נאָר אײַנציקווייז: ווען איינער קומט צוריק, גייט דער צווייטער אַרויף.

דער דורשט ברענט, אָבער פון וואַנען נעמט מען וואַסער? אויבן אויפן דעק שטייט טאַקע אַ פעסל־וואַסער, אָבער ווי אַזוי ברענגט מען עס דאָ אַראָפּ פאַר די קינדער. די לעצטע האָבן אינם געטומל בעתן אַריבערגיין אויף דער דעפּאָרטאַציע־שיף פאַרלאָרן די רעשט פון זייערע כלים און ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו ברענגען דאָס וואַסער. די ענגלענדער האָבן, וואָס אַן אמת, צעטיילט אַביסל כלים, אָבער נישט, חלילה, כדי אונדז צו פאַרלײַכטערן, נאָר פאַרקערט, כדי מהנה צו זײַן זיך מיטן בילד, ווי אַזוי די ייִדן קריגן און אַמפּערן זיך איבער יעדער כלי, וואָס איז געוואָרן אַ יקר־המציאות. דאָס זעלבע האָבן זיי געטון ביים צעטיילן פּושקעס צו נעמען עסן: עטלעכע צענדליקער פּושקעס פאַר אַ ציבור פון ניין הונדערט מאַן! שטייען זיי אַזוי, די ענגלישע דזשענטלמענער, אויף די טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ אין שיפס־קעלער (אַראָפּצוגיין האָבן זיי מורא) און וואַרפן אַראָפּ, מעשה געלעכטער, די פּושקעס צווישן די פאַרזאַמלטע ייִדן. הונדערטער פאַר הענט, אויסגעשטרעקטע אַנטקעגן זיי באַמיען זיך צו כאַפּן די פּושקעס און הונדערטער קולות רייסן זיך און בעטן — גיב מיר, גיב מיר!...

ווען מען ברענגט אַראָפּ דאָס ביסל עסן, דרײַ עמערס זופּ פאַר ניין הונדערט מענטשן, ברעכט אויס נעבן די עמערס אַ קריגערײַ. ווער עמען ס'געלינגט, באַקומט עפּעס צום עסן, אָבער דער רוב בלײַבט ווײַטער הונגעריק. אַמייסטן לײַדן די קינדער. און דאָס זעלבע בילד חזרט זיך איבער צוויי מאָל אין טאָג: מיטאָג־צייט און אין אָוונט.

ס'איז שוין דער צווייטער טאָג, ווי מיר זיינען אָפּגעשווומען פון חיפה. פאַר־וואָס־זשע זיינען מיר נאָכנישט אָנגעקומען קיין ציפּערן? מיר האָבן דאָך שוין פון לאַנג געדאַרפט זיין דאָרט? און עס הויבט אָן צו עגבערן אין מוח די פראַגע: וווהין פירט מען אונז?

מען האָט אַראָפּגעבראַנגט אין קעלער די עמערס מיט זופּ. די מהומה, וואָס איז אַנשטאַנען מיטן ברענגען דאָס עסן, האָט זיך פּלוצלונג איינגעשטילט. מען שטופּט זיך נישט, מען כאַפּט נישט און מען קריגט זיך נישט. די סיבה איז אַ פּשוטע — אין דער זופּ שווימען אַרום... פּעטע און גראָבע ווערים. קיינער וויל נישט נעמען קיין עסן. דער דאָזיקער ספּאָנטאַנער שטרייק האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן מאַניפעסטאַציע־שטרייק, וואָס האָט פאַרשטאַרקט אונזער פּאָזיציע כלפּי חוץ און פאַרפּעסטיקט אונזער כוח כלפּי פנים. דאָס איז אונז אויך געלונגען אַ דאַנק דער לייטונג, וועלכע איז אין צווישנצייט אַנטשטאַנען. אַ דעלעגאַציע איז אוועק צום קאַפּיטאַן און געפאָדערט פון אים, ער זאָל אונז זאָגן, וואָס איז אונזער גורל און וווהין פירט מען אונז? מיר זיינען נישט קיין שעפּסן, וואָס מען זאָל אונז פירן בלינדערהייט און דערצו נאָך געבן אונז ווערים צו עסן!

אַלס ענטפער האָט דער קאַפּיטאַן געצויגן מיט די אַקסלען און אונז אויפ־געקלערט, אַז וואָס אַנבעלאַנגט דער ריכטונג האָט ער ליידער קיין שום אַנונג נישט, וווהין מען פאָרט, ווייל ער האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג נאָכצושווימען דער אויס־שפּיר־שיף וואָס גייט פון פאָרויס און נאָר זי ווייסט די ריכטונג. וואָס אַנבעלאַנגט דעם עסן, איז אויף דער שיף נישט פאַראַן קיין אַנדער פּראָוויאַנט, ער וועט זיך אָבער באַמיען, אַז עס זאָלן זיך מער נישט טרעפן אַזעלכע פאַלן פון ווערים אין דער זופּ. דאָך האָט דער שטרייק זיך פאַרצויגן 24 שעה.

עס האָבן נישט אויפגעהערט די נאָכטראַכטענישן וועגן דער ריכטונג פון דער נסיעה און יעדעס מאָל האָבן אַנדערע „ספּעציאַליסטן" אָנגעגעבן אַ נייע ריכטונג, וואָס זיי האָבן אַרויסגעדרינגען, נאָכפאַרשנדיק דעם גאַנג פון דער זון. אַמשטאַרקסטן האָט זיך אָבער פאַרשפּרייט דער קלאַנג, וואָס איז געקומען מצד די סאָלדאַטן, אַז מען פירט אונז צוריק צום פראַנצויזישן ברעג. מיר האָבן אָבער בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן אין דעם.

מיר זיינען צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אונזער לעבן אויף דער שיף. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ סעקרעטאַריאַט, וועמענס אויפגאַבע איז געווען, אָנצופירן מיטן אינערלעכן לעבן. ווען ס'איז געקומען פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן מיר אַפילו איינגעאָרדנט אַן עונג־שבת, וועלכער האָט אין אָט דעם ענגן קעלער אינמיטן ים, דערמונטערט אַביסל די מענטשן, צוגעגעבן זיי כוח און געהויבן זייער גייסט.

מיר האָבן אויך איינגעפירט אַ געוויסע שיטה אין אונזער באַציונג צו די ענג־לענדער. מיר האָבן זיך באַצויגן צו זיי, ווי צו מענטשן, וואָס פּערזענלעך זיינען זיי נישט שולדיק אין אונזער דעפּאָרטאַציע. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך אויך אָנגעהויבן צו באַציען צו אונז מענטשלעכער און מיט רעספּעקט.

קיין שום אָרדענונג און שיטה האָט אָבער נישט געקענט פאַרלייכטערן דעם שרעקלעכן פּיין פון די, פאַרשמאַכטע אינעם קעלער, מענטשן. די שרעקלעכע ענגשאַפט און בעיקר די דערשטיקנדיקע, נישט צום איבערטראָגן, היץ. דער דעק איבער אונזערע קעפּ איז צעגליט ווי פייער און דאָ אונטן איז מען ווי אין אַ קאַלך־אויוון, אין וועלכן עס צעבאַקן זיך די לייבער פון הונדערטער מענטשן. דער שווייס רינט אָן אויפהער פון די פּנימער און לייבער, ממש טייכנווייז. אַ שוואַרצע, שמוציקע

שיכט באַדעקט די פּנימער פון די מענטשן, וואָס ליגן צוזאַמענגעקוועטשט אויף דער אייזערנער פאַרשטויבטער און פאַרפּעטסטער פּאָדלאָגע. מען ווייסט שוין אַפילו נישט אַפּ דעם שווייס פון פּנים, מען לאָזט אים רינען. אַלע זיינען נערוועז און יעדע קליי־ניקייט דענערווירט ביז גאָר.

די ענגלענדער האָבן זיך אַביסל „מרחם" געווען — און אויסגעהאַנגען איבערן דאַך פונם אונטערדעק ווענטילאַטאָרן, וועלכע באַוועגן זיך אונטערן דרוק פונם ווינט. דאָס מאַכט אַביסל לייכטער, אָבער ווי נאָר דער ווינט שטעלט זיך אָפּ, קומט אַלץ צוריק צום אַלטן.

## אויף דער תפיסה־שיף „עמפּייר רייוואַל"

(„עקזאָדוס"־קינדער דערציילן...)

מען האָט אונז אַריבערגעפירט אויף דער דעפּאָרטאַציע־שיף. זי הייסט „עמפּייר רייוואַל". די ענגלענדער האָבן אונז געהאָלפן אַריבערצוגיין, כדי מיר זאָלן נישט פאַלן. יאָ, קודם טרייבן זיי אונז, און דאַן העלפן זיי אונז נאָך. מיר זיינען אַראָפּגע־גאַנגען אין קעלער. ווידער זיינען מיר פאַראורטיילט צו זיצן פאַרשפּאַרט אין אַ קע־לער און דערצו נאָך הינטער אַ הויכן פּלויט פון שטעכל־דראָטן. אין קעלער זיינען אָבער פאַראַן צופיל מענטשן און ס'איז אַזש שווער צו עטעמען. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם קעלער און אויסזוכן זיך אַ פּלאַץ אויפן דעק. מיר האָבן אויסגעקליבן דעם דאַך פון דעם בית־הכסא, ווייל קיין אַנדער אָרט איז נישט געווען. אויך דאָ איז נישט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען און אַ טייל האָט געמוזט בלייבן אונטן...

דאָס עסן, וואָס די ענגלענדער האָבן געגעבן איז געווען זייער שלעכט און מיר זיינען די גאַנצע צייט געווען הונגעריק. די גאַנצע צייט האָבן מיר אויסגעקוקט אויף דער מינוט, ווען די רייזע וועט זיך שוין ענדיקן און מיר וועלן קומען קיין ציפּערן. אָבער נאָך צוויי טעג האָבן מיר שוין געוווסט, אַז מיר פאָרן נישט קיין ציפּערן. מיר האָבן נאָכגעקלערט און נאָכגעקלערט — וווהין קענען זיי אונז פירן? נאָך אַ טאָג איז אַוועק און מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אַז מען פירט אונז צוריק קיין פראַנקרייך. ווידער האָבן אונז די ענגלענדער אָפּגענאַרט! זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי פירן אונז קיין ציפּערן און דאָ ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז מען פירט אונז צוריק קיין פראַנקרייך. מיר האָבן פּראָקלאַמירט אַ הונגער־שטרייק אַלס צייכן פון פּראָטעסט. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר נישט גענומען קיין עסן. די ענגלענדער האָבן געבערענגט דאָס עסן, האָבן מיר עס געלאָזט שטיין אין אַ ווינקל אַ גאַנצן טאָג און נישט צוגערירט זיך צו אים.

במשך פון דער גאַנצער רייזע האָבן מיר זייער געליטן. מיר האָבן געוואָלט עפּעס טון, מיט עפּעס זיך פאַרנעמען, אָבער ס'איז נישט געווען מיט וואָס. אַ גאַנצן טאָג איז מען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע און נישט געהאַט וואָס צו טון. מיר האָבן געוואָלט שרייבן, צייכענען, איז אָבער נישט געווען קיין פּאַפּיר און נישט קיין בלייפעדער.

מיר האָבן מורא געהאַט, אַז ווען די שיף וועט קומען קיין פראַנקרייך, וועלן די ענגלענדער אָפּשליסן די טיר, וואָס פירט פונם דעק אין קעלער אַריין און אַזוי אַרום וועלן זיך אונזערע חברים פונם קבוץ צעשיידן. האָבן מיר זיך נאָך מער צוזאַ־מענגעדריקט אויפן דעכל און אַרויפגענומען פונם קעלער די רעשט חברים פונם קבוץ. איצט זיינען מיר שוין געווען צוזאַמענגעפּרעסט באמת ווי די הערינג, אָבער מיר האָבן זיך געפרייט, וואָס מיר זיינען אַלע צוזאַמען.

יצחק פערלאָוו

# עקזאָדוס־לידער

יצחק פערלאָוו האָט אַלס מעפּיל אנטיילגענומען
אין דער העלדישער „עקזאָדוס"־עפּאָפּעי.

## עס גייט די פאַרצווייפלונג

פון רוסלאַנד, פון פּוילן, פון לעטלאַנד און ליטע,
פון טשעכן, רומעניען, פון עסטרייך און דייטש,
פון טייגעס סיבירער, אַשוויענטשימער שחיטה,
פון פייער און וואַסער, פון קויל און פון בייטש —

עס גייט די פאַרצווייפלונג, וואָס יוירט, ווי אויף הייוון,
דער היימלאָזער עלנט, וואָס שרייט שטומערהייט,
וועם ס'האָט נישט באַוויזן פאַרשלינגען דער אויוון
און ס'איז זייער אש נישט געוואָרן צעשפּרייט.

עס גייען די רעשטלעך, די שארית־האומה,
שארית־היידן פון אונטערגאַנג גייט.
ווו עלטערן? קינדער? ווו פעטער? ווו מומע? —
א וועלט־טייל א גאַנצע מיט קברים פאַרזייט.

וואָס איז: שוועסטער? ברודער? וואָס איז: באָבע־זיידע?
וואָס איז אַזוינס ליבשאַפט? וואָס איז אַזוינס היים? —
א דור פון אלמנות, א דור פון יתומים,
אין חשכות, אין אנגסטן, זיי וואָגלען געהיים.

און ס'קוקן די מערדער מיט בליקן פאַרשייטע:
צי דען האָט פאַר די־א קיין קבר געקלעקט?
וואָס פויזן זיי אום אין אייראָפּע באַפרייטע?
און ווו איז אַן אָרט, ווו ס'איז פריי זיי דער וועג? —

נישטאָ איז קיין וועג, נאָר מיט אומוועגן גייט מען,
דאָס הפקרע לעבן שטעלט מען אין קאָרט.
איבער פינצטערע תהומען, בערגער פאַרשנייטע:
צום ברעג פון אייראָפּע, צום ים, צו א פּאָרט!

און קומט מען צום ברעג, איז א שפּיי אויף אייראָפּע,
און כראַקע אין פּנים מיט בלוט און מיט גאַל.
אין שיפן, ווי הערינג אין פעסלעך, פאַרפראַפּטע,
מען שפּרינגט איבער כוואַליעס, אַזוי־ווי א באַל.

קרייזן די מעוועס פון אויבן און קוועלן:
אַ דייזשע, אַ מולטער, — אויך מיר אַ שיף!...
נאָר ס'ברוגזט דער ים און עס רעווען די וועלן:
דער אָפּגרונט איז טיף! דער אָפּגרונט איז טיף!...

צום ראַנד, ווו די זון גייט אויף יעדן באַגינען,
טראָגט זיך די דייזשע, דער מולטער, די שיף...
דער ים ווערט אַ בריוו־טרעגער: דעם אַדרעס געפינען
און ברענגען דאָס שיפל, אַזוי־ווי אַ בריוו...

אַ בריוו פון גיהנום, ווו יעטוועדער עולה,
אַן אות איז, אַ פּראַגע, אַ פּונקט, אַ געשריי: —
דאָס פאָלק איז דערוואָרגן געוואָרן אין גרוילן
און מיר דאַרפן לעבן און טראָגן דעם וויי! — — —

## מארבע כנפות

אַלע פרייען זיך און לאַכן,
ברענט אַ „הוירא" און מען זינגט
אויף אַ זיבן צענדליק שפּראַכן...
און אין כאָר־אַריין עס קלינגט...

ס'איז אַן אייזערנע פּאַדלאָגע.
אַ פּאַדלאָגע? — ס'איז אַ דעק!...
און עס טאַנצט אַ דור־הפלגה,
פון ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק...

מאַראָקאַנער, אַפריקאַנער
און מאַדזשאַרן אַן אַ צאָל...
טערק, פראַנצויז, אַמעריקאַנער,
סיביראַק און שפּאַניאָל...

מארבע־כנפות'דיקע יידן,
פיל לשונות, איין געזאַנג...
אַלע האָט צונויפגעטריבן
נאָר איין־איינציקער פאַרלאַנג...

זיטן און מנהגים וויפל?...
נאָר ביי יעדן איין פאַרשטאַנד!
אַלע אויף איין בידנער שיפל,
פון איין פאָלק און צו איין לאַנד!...

## ווי רייסט מען קברים?

ווי רייסט מען קברים אויף די ימען?
גיי פארשטאָפּ דאָס מויל דעם ווינט!
אָ, זע: אַ וואָגלענדיקע מאַמע,
גייט שוין שעהן לאַנג צו קינד!

און די כוואַליעס אויף צו להכעים,
שפּרינגען פון דער הויט אַרויס; —
וואַרפט די שיף זיך אין קדחת,
דער מאַמען גייען די קרעפטן אויס.

און ווען עס האָט די נאַכט פאַרשלונגען
דאָס ערשטע, קינדערשע געשריי;
אַלע קעפּ — אַראָפּגעזונקען.
הענט — געבראָכן זיך אין וויי.

ווישט די שוועסטער, צאַרט, ווי סאַמעט,
דאָס רויטלעך־קינדעריש געזיכט; —
אויף דער ערד, עס ליגט די מאַמע
און צוקאָפּנס ברענט אַ ליכט.

אויף דיין טאָכטער, מוטער רחל,
וואַרט נישט, בענק נישט אין דער שטיל — — —
מיין לאַנד, נעם אויף איר קליינעם יתום,
אונזער יונגסטן מעפּיל!

## חיפה הויבט זיך...

חיפה הויבט זיך, חיפה וויגט זיך,
ווי צו זען די שיף, וואָס פאָרט!...
חיפה מיט איר ווייטיק שטיקט זיך,
אָפּגעשניטן פונם פּאָרט.

וואַרט אַ טאַטע, וואַרט אַ מאַמע,
וואַרט אַ ברודער און אַ פריינט,
אויף די וואָגלער פון די ימען,
וואָס מען לאָזט זיי נישט אַריין.

נאָך אַזעלכע ווּסטע יאָרן,
קרעמאַטאָריע האָט געברענט! —
ווילט זיך כאַפּן אין די אָרעמס,
קושן, דריקן זיך די הענט... —

שטייען דזשעקלעך, מיט די שטעקלעך,
מיטן ביקס און רעוואָלווער; —
נישט קיין מענטשן, נישט קיין פּעקלעך
דורכצולאָזן דאָ אַהער.

אויף די וואַסערן די שטילע,
גליטשט די שיף זיך צו דער בריק;
אויף דעם דעק, ביי די מעפּילים,
גיסט זיך בלוט פון יעדנס בליק.

כאַטש אַ יעדערן באַזונדער,
גיפטיק שטעכט אין האַרץ אַ שלאַנג; —
די פיר טויזנט פינף הונדערט
ברעכן אוים מיט אַ געזאַנג!...

פול מיט בענקשאַפט, פול מיט אומעט,
פול מיט טרערן און מיט באַנג; —
נישט קיין שיף! — ס'איז אָנגעשוואומען
פון גיהנום, דאָס געזאַנג! — — —

# אין פּאָרט־דע־בוק

## די „עקזאָדוס״־מעפּילים אָנגעקומען אין פּאָרט־דע־בוק

מאַרסעיל, 30 יולי 1947

נעכטן, דעם 29־טן יולי, זייגער אַכט אין דער פרי, זיינען די דריי ענגלישע „ליבערטי״־שיפן מיט די עולים פון „עקזאָדוס — 1947״ אָנגעקומען אין פּאָרט־דע־בוק.

די ערשטע איז אַריינגעשוואומען די שיף „אושען וויגאר״, דאַן די „עמפּייר רייוואַל״ און צום סוף די „רונימעד פּאַרק״. די שיפן זיינען נישט אַריינגעשוואומען אינם פּאָרט גופא, ווייל זיי האָבן נישט באַקומען די דערלויבעניש פון דער פראַנצויזישער מאַכט. זיי האָבן דעריבער פאַרוואַרפן דעם אַנקער ווייט פון ברעג.

## דער רוף צום וועלט - געוויסן

פּאָרט־דע־בוק, 30 יולי 1947.

צום ערשטן מאָל האָבן די פּליטים, וואָס געפינען זיך אויף די דריי „ליבערטי״־שיפן, באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו ווענדן דירעקט צו דער וועלט־עפנטלעכקייט.

דער אויפרוף, וואָס די פּליטים האָבן רעדאַגירט אין ענגליש און באַשטימט פאַר די פאַרטרעטער פון דער אויסלענדישער פרעסע, וואָס געפינען זיך אין פּאָרט־דע־בוק, האָט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„צו די פאַרטרעטער פון דער אייראָפּעאישער און אַמעריקאַנער פרעסע,
צו די פאַרטרעטער פון דער פרעסע פון אונזער געליבטן פאָטערלאַנד — א״י.
צו אַלע די, וואָס סימפּאַטיזירן מיט אונזער קאַמף פאַרן לעבן און פאַרן שלום.
מיר גיבן אייך צו וויסן פאָלגנדיקע פאַקטן:

מער ווי 4.500 יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַצישע פאַרניכטונגס־לאַגערן, — מיטגלידער פון דעם אָפענעם ווידערשטאַנד קעגן נאַציזם און פאַשיזם, צווישן וועלכע עס געפינען זיך מענער, פרויען, אַלטע און קינדער, זיינען מיט 18 טעג צוריק אַרויפגעגאַנגען אויף דער שיף „אַדאַמאַ שיפּ — עקזאָדוס 1947״, כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

זעקס שיפן פון ענגלישן פלאָט האָבן אונז אָנגעגריפן 30 קילאָמעטער ווייט פון ארץ־ישראלדיקן ברעג, ד. ה. אויסערהאַלב פון די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון ארץ־ישראל. מ׳האָט אונז באַוואָרפן מיט טרערן־באָמבעס און מיר זיינען געשטאַנען אונטער דעם פייער פון צוויי מינען - צעשטערער, וועלכע האָבן געשאָסן אויף אונזער שיף, ווו עס האָבן זיך געפונען אַלטע און קינדער.

# אין פּאָרט־דע־בוק



אושען ווינגאר" — איינע פון די דריי תפיסה־שיפן

מיר האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד במשך פון 2 און אַ האַלבע שעה. אונ־זער כלי זין איז געווען: קאַרטאָפל, אַלטע קאָנסערוון־פושקעס און ברעטער. דער ענגלישער פלאָט האָט דאַקעגן אויסגענוצט אַלע זיינע מיטלען.

ערשט ווען די ענגלענדער האָבן זיך אַרויפבאַקומען אויף דער שיף און האָבן אַריינגעוואָרפן טרערן־באָמבעס אין די קעלערן פון דער שיף, ווו מיר האָבן זיך גע־פונען, האָבן מיר אָפגעשטעלט אונזער קאַמף, כדי נישט צו שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון אונזערע קינדערלעך.

אין פאַרלויף פון אונזער ווידערשטאַנד־אַקציע זיינען געהרגעט געוואָרן דריי מעפּילים — אין עלטער פון 15, 16 און 19 יאָר; געפאַלן איז אויך אַן אַמעריקאַ־נער מאַטראָז מיטן נאָמען בערנשטיין. פאַרוווּנדעט זיינען געוואָרן 70 פּערזאָן.

די ענגלענדער האָבן אונז צוגעזאָגט איבערצופירן די שיף קיין ציפּערן. זיי האָבן פאַרשפּריט פּראָקלאַמאַציעס מיט דער דאָזיקער הבטחה און דערויף האָבן מיר זיך דערקלערט גרייט אַריבערצוגיין אויף די דריי ענגלישע שיפן.

מיר שרייבן אייך פון דער שיף „עמפּייר רייוואַל". מיר זיינען דאָ 1526 פּליטים, מייסטנס פרויען און קינדער.

מיר לעבן אונטער באַדינגונגען, וועלכע זיינען געפערלעך פאַרן געזונט פון אונזערע קינדער.

נאָר איניקע פון אונז קענען אַמאָל אַרויפגיין אויפן דעק.

מיר ליידן זייער שטאַרק פון דער היץ. די באַשפּייזונג באַשטייט פון הונגער־פּאַרציעס; די קינדער פאַרלירן די גאַנצע צייט פון געוויכט. דער ענגלישער דאָקטאָר איז נישט אימשטאַנד איינצוהאַלטן די קראַנקהייטן, וואָס פאַרשפּרייטן זיך, באַזונ־דערס די הויט־קראַנקהייטן.

אונזער שיף, וועלכע קען אויפנעמען העכסטנס 900 פּערזאָן, אַנטהאַלט חוץ די 1526 פּליטים אויך הונדערטער ענגלישע סאָלדאַטן דערצו.

מען האָט גאָרנישט פאַרויסגעזען פאַר אונזער איינאָרדענונג. די באַדינגונגען זיינען שוידערלעכע. די פיר קלאָזעטן זיינען פאַרשטאָפּט און אַ שלעכטער גערוך פאַר־שפּרייט זיך איבער דער גאַנצער שיף. אין דער דאָזיקער שטיקנדיקער אַטמאָספער איז אוממעגלעך צו שלאָפן.

צוליבן מאַנגל פון זייף קענען מיר זיך אויך נישט וואַשן.

מיר ווילן זיך נישט באַקלאָגן אויף די ענגלישע סאָלדאַטן, אָבער פאַר דער קלענסטער זאַך ריזיקירן מיר צו באַקומען אַ קלאַפּ מיטן שטעקן.

מיר פרעגן ביי דער גאַנצער וועלט, פאַר וואָס פאַרא חטאים האָט מען אונז אַריינגעשפּאַרט ווידער אַמאָל הינטער די שטעכל־דראָטן? איז דען אונזער חטא געווען, וואָס מיר האָבן געוואָלט פאָרן אין אונזער פאָטערלאַנד?

נישט קוקנדיק אויף אונזער פיזישער שוואַכקייט, איז אונזער מאָראַל זייער שטאַרק.

מיר זיינען געווען זייער גערירט פון דער גאַסטפריינטשאַפט פון פראַנקרייך, אָבער מיר זיינען פעסט אַנטשלאָסן צוריקצוקערן קיין ארץ־ישראל.

מיר פאַרלאַנגען מען זאָל אונז דערמעגלעכן דריי זאַכן:

1) מען זאָל אונז באַזאָרגן מיט שפּייז־מיטלען און געטראַנקען.

2) מען זאָל אַראָפּנעמען די שטעכל־דראָטן.

3) דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ זאָל איבערנעמען די קאָנטראָל.

אָבער מער פון אַלץ פאַרלאַנגען מיר, אַז די עפנטלעכע מיינונג אין דער גאַרער וועלט זאָל פאַרשטיין דעם זין פון אונזער קאַמף און זאָל אונז העלפן אים צו געווינען!
שיקט אונז צוריק קיין חיפה!

## ניין, מיר וועלן נישט אַראָפּגיין! (מעפּילים דערציילן...)

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן די ענגלענדער צעטיילט צווישן אונז אַן אויפרוף, אין וועלכן זיי האָבן אונז אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן קומען מיר צו צו די פראַנצויזישע ברעגעס. עס האָט זיך, הייסט עס, באַשטעטיקט דער קלאַנג, וועלכער האָט אונז באַגלייט במשך פון דער גאַנצער נסיעה, און וועלכן מיר האָבן מיט עקשנות געוואָלט פאַרטרייבן פון אונזער באַוווסטזיין. איצט איז שוין קלאָר — מען האָט אונז צוריקגעפירט צום אָרט פון וואַנען מיר זיינען אַרויסגעשווומען...

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר וועלן פאַר קיין שום פאַל נישט אַראָפּגיין אין פראַנקרייך. מיר האָבן זיך צוגעגרייט צו אַ קאַמף, ווייל מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַזאַ זאַך דערוואַרט אונז. מיר זיינען געווען זיכער, אַז די ענגלענדער וועלן פּרווון אַראָפּצוזעצן אונז מיט כוח אויפן ברעג און מיר זיינען געווען גרייט אויפן ערגסטן.

פאַרנאַכט האָבן זיי אונז מודיע געווען, אַז 5 אַזייגער אינדערפרי וועלן צוקומען צו אונזער שיף, קליינע שיפלעך, וואָס וועלן אונז צופירן צום ברעג.

אין יענער נאַכט האָט קיינער פון אונז קיין אויג נישט צוגעמאַכט. האַלב־דרימלענדיק, זיינען מיר אַלע געלעגן צוגעדריקט איינער צום צווייטן אינם פינצטערן קעלער און מיר האָבן געוואַרט... פּלוצים האָט די נאַכט־שטילקייט איבערגעריסן אַ האַרצרייסנדיקער געשריי: „געוואַלד! יידן, ראַטעוועט!" ווי עלעקטריזירטע זיינען מיר אויפגעשפּרונגען פון אונזערע ערטער, מיינענדיק, אַז דער קאַמף האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט אַ ייד זיך צעשריען דורכן שלאָף. מיר זיינען ווידער געבליבן זיצן פאַרשוויגטע און אין דערוואַרטונג פון דעם, וואָס דאַרף קומען.

אַכט אינדערפרי האָט זיך באַוויזן דער קאַפּיטאַן און אָנגעזאָגט, אַז דער פּריטיק איז פאַרטיק און מיר זאָלן קומען אים נעמען. קיינער האָט זיך אָבער פונם אָרט נישט גערירט, נישט געענטפערט. מיר האָבן דאָס עסן נישט גענומען.

צען פאַרמיטאָג איז אויף אונזער שיף אַרויפגעקומען אַ פראַנצויזישע דעלעגאַציע. מיר האָבן זיך אַלע צונויפגעזאַמלט אויפן ענגן דעק. גרויס איז געווען אונזער פרייד, ווען מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אַז צוזאַמען מיט דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע איז אויך געקומען אַ פאַרשטייער פון דער יידישער אַגענץ. ענדלעך, נאָך לאַנגע טעג פון אומרואיקער דערוואַרטונג, וועלן מיר איצט שוין דערוויסן זיך, וואָס וועט זיין אונזער גורל.

אַ פראַנצויזישער אָפיציר לייענט אונז פאָר אַ דעקלאַראַציע פון זיין רעגירונג און דער פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ זעצט באַלד איבער אין יידיש. אין דער פראַנצויזישער דעקלאַראַציע ווערט געזאָגט, אַז פראַנקרייך איז גרייט צו געבן אונז אַן אַזיל, אויב מיר וועלן מסכים זיין אַראָפּצוגיין — — —

מיר האָבן אָנגעשטעלט אונזערע אויערן און נישט געוואָלט פּשוט גלויבן. איז דאָס אמת, אַז דאָרט ווערט געזאָגט: „א ו י ב  א י ר  ו ו ע ט  מ ס כ י ם  ז י י ן

אַראָפּצוגיין״? הייסט עס, אַז אונזער אַראָפּגיין אויף דער פראַנצויזישער ערד איז אָפּהענגיק נאָר פון אונזער אייגענעם ווילן?

מיר האָבן אין דער ערשטער מינוט נישט געקענט באַגרייפן, וואָס עס קומט דאָ פאָר. אָט זיינען מיר אַלע צונויפגעקומען זיך, גרייט צום קאַמף, גרייט איינצוגראָבן זיך מיט די נעגל אונזערע אינם דעק פון דער שיף און אַנטקעגנשטעלן זיך און צונישט מאַכן יעדן פרווו, אַרויסצוזעצן אונז אויף דער אייראָפּעאישער ערד און פלוצים — אַזעלכע ווערטער פון אַ פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג: „אויב איר וועט וועלן...״

פאַרגליווערטע און שווייגנדיקע, זיינען מיר געשטאַנען ביז די דאָזיקע ווערטער זיינען אַריינגעדרונגען אין אונזער באַוווסטזיין, און מיטאַמאָל פאַרפּלייצט אונזערע הערצער.

ס'איז, הייסט עס, דאָך נאָך פאַראַן אַביסל יושר אויף דער וועלט! פאַראַן נאָך אַביסל גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט לגבי אונז!

און מיטאַמאָל האָבן מיר אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. געוועין איז דאָס אַ שרעקלעך געוויין. אַלע האָבן געוויינט: מענער, פרויען, קינדער און אַלטע. אויך פון די אויגן פונם פראַנצויזישן אָפיציר האָבן טרערן גערונען און דער יידישער איבערזעצער האָט זיך צעהעשעט ווי אַ קליין קינד.

דער ח׳ מ. האָט געענטפערט אין נאָמען פון די מעפּילים. ער האָט געדאַנקט דער פראַנצויזישער רעגירונג פאַר איר מענטשלעכער באַציונג צו אונז און דערקלערט, אַז מיר וועלן פון דער שיף נישט אַראָפּגיין, אַז מיר וועלן נישט אַראָפּגיין אויף דער אייראָפּעאישער ערד, וועלכע איז פאַר אונז דער סימבאָל פון אונזער שרעקלעכן חורבן, און אַז נאָר ארץ־ישראל ברענגט אונז לעבן. מיר וועלן דעריבער נישט פאַרבייטן לעבן אויף חורבן. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז צווישן אונז געפינען זיך הונדערטער זעלנער און פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געקעמפט אַקסל ביי אַקסל מיט די אַלירטע און איצט פירט מען זיי ווי פאַרברעכערס, און פאַרענדיקט האָט ער אין נאָמען פון אַלע, אַז לעבעדיקע וועלן מיר פון דער שיף נישט אַראָפּגיין.

נאָך זיינע לעצטע ווערטער האָט זיך צעטראָגן אַ מעכטיקער געזאַנג פון „התקוה״. אַזאַ געזאַנג איז נאָך נישט געהערט געוואָרן און וועט זיכער שוין מער נישט געהערט ווערן. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון די טיפעניש פון אונזערע הערצער און זיך געטראָגן ביז צו די הימלען. אַלץ, וואָס מיר האָבן אין יענער מינוט געפילט האָבן מיר אַריינגעגעבן אין דעם דאָזיקן געזאַנג פון „התקוה״: די שאַנד פון אונזער דעפּאָרטאַציע פון די ברעגעס פון ארץ־ישראל, אונזער צער, וויטיק און פאַרביטערטקייט; אונזער קאַמפס־גרייטקייט און אונזער פעסטן באַשלוס צו שטיין אין דעם דאָזיקן קאַמף ביז צום סוף; אונזער גליק און פרייד, וואָס מיר האָבן דווקא דאָ, ווו מיר האָבן זיך אַמווייניקסטן גערעכט, דערפילט, אַז ס'זיינען נאָך פאַראַן מענטשן אויף דער וועלט, מענטשן, וואָס פאַרשטייען אונזער גייסט און רעדן מיט אונזער שפּראַך. קיינמאָל אין לעבן וועלן מיר אָט יענעם מאָמענט נישט פאַרגעסן: ער האָט דעמאָלט דערהויבן יעדן „עקזאָדוס״־מענטש, געשטאַרקט אים און אין אַ פעלז אים פאַרוואַנדלט.

אַ טיף־גערירטער האָט דער פראַנצויזישער אָפיציר געענטפערט. ער האָט געזאָגט, אַז זיין האַרץ איז מיט אונז און אַז די פראַנצויזישע רעגירונג סאָלידאַריזירט זיך מיט אונז. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז פראַנקרייך איז אַ דעמאָקראַטישע מדינה און זי פאַרשטייט וואָס דאָס הייסט קאַמף פאַר פרייהייט. אויך זי האָט שווער

געליטן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע און אירע בירגער פאַרשטייען אונזער גייסט.

די פראַנצויזישע דעלעגאַציע איז אַראָפּ פון דער שיף, און ביי אונז איז די שמחה געוואָרן אין לשער. ווי מיר זינגען אַזוי און טאַנצן — באַמערקן מיר, אַז עס דערנענטערט זיך צו אונז מיט דער גאַנצער שנעלקייט אַ קליינע לאַדקע, אין וועלכער עס שטייט אַ יונגער בחור און שרייט צו אונז דורך אַ מעגאַפאָן: „גייט נישט אַראָפּ, גייט נישט אַראָפּ, דער ישוב איז מיט אייך!" צו אונזער שמחה איז שוין נישטאָ קיין גרענעץ. מיר האָבן ווידער דערזען, אַז מיר זיינען נישט איינזאַם, אַז אומעטום, ווו עס געפינען זיך יידן, קלאַפּן זייערע הערצער מיטן זעלבן ריטם, וואָס אונזערע. מיר האָבן דערזען, אַז מיר האָבן אויך דאָ, אינם פראַנצויזישן פּאָרט, טרייע ברידער, וועלכע שטייען אונז צו הילף — דאָס זיינען דאָך די בחורים פון דער „הגנה"!

## מאָרגן וועלן נייע שיפן קומען!

דער ענגלישער פּלאַט, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט צוהעלפן דער יידישער אימיגראַציע, האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט אין אַ שטער־קראַפט פאַר דער יידישער עליה. ער איז געוואָרן אַ שטיץ־פּונקט פאַר דער דורכפירונג פון דער ענגלישער וויים־בוך־פּאָליטיק, וואָס איז נישט לעגאַל און נישט מאָראַליש. אַ פּלאַט, וואָס קעמפט קעגן אָרעמע, שוצלאָזע מענטשן, וועלכע ראַטעווען זיך פון די לאַגערן, ווו דער מאָראַלישער מצב זייערער איז נישט בעסער ווי אין אָשוויענטשים און מיידאַנעק — אַזאַ פּלאַט וועט נישט אַריין אין דער געשיכטע מיט רום. די דעמאָקראַטישע וועלט טוט נאָך אַלץ גאָרנישט, בכדי היינט, עטלעכע יאָר נאָכן נצחון איבערן היטלעריזם, אַ סוף צו מאַכן צו דער שאַנד פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. האָבן מיר אַליין געפונען דעם אויסוועג וויאַזוי צו ליקווידירן די לאַגערן.

ענגלאַנד וויל די פּליטים שיקן אין זייערע „היימלענדער", אָבער ווו איז זייער היים? — דאַכאַו און אָשוויענטשים? פאַרוואָס שיקט ענגלאַנד נישט צוריק אין זייערע היימען די טויזנטער פּוילישע, יוגאָסלאַווישע און לעטישע פאַשיסטן, וואָס געפינען זיך אין דייטשלאַנד?

ענגלאַנד וויל אונז איינרעדן, אַז אויב מען וועט אַריינלאָזן יידן קיין ארץ־ישראל, וועט אויסברעכן אַן אַראַבישע רעוואָלוציע, אָבער מיר זיינען נישט אַזעלכע פּאָליטישע עמי־הארצים, אַז מען זאָל אונז קענען איינרעדן אַזעלכע באָבע־מעשיות.

וואָס פאַרא מהלך איז פון יענעם ענגלאַנד, דעם ענגלאַנד פון באַלפורן, ביז ענגלאַנד פון בעווין, וועלכער לאָזט די יידן נישט אַריין אין זייער היימלאַנד. אָבער די יידן, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט די דערקרעטן פון היטלערן און הימלערן, וועלן אויך נישט פּאָלגן די באַפעלן פון בעווינען. און פּונקט ווי דאָס פאַרמעלע אָפּשטעלן די יידישע עליה האָט נישט געהאָלפן ביז איצט, אַזוי וועט דאָס ווייטער אויך נישט העלפן. היינט איז עס די שיף „עקזאָדוס 1947" — מאָרגן וועלן קומען אַנדערע שיפן!

מיר האָבן אַלץ געטון, בכדי צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט ענגלאַנד, מיר זיינען גרייט געווען אויף פּשרות, הגם נישט אַלע ציוניסטן זיינען דערויף מסכים געווען. איצט אָבער האָבן מיר מיט איר געענדיקט. קיינער האָט ענגלאַנד

קינדער און יוגנטלעכע פון „עקזאָדוס 1947"





נישט געבעטן צו נעמען דעם מאַנדאַט. האָט זי אים גענומען, מוז זי אויספירן אירע התחייבותן, אויב נישט — זאָל זי אים צוריק אָפּגעבן.

ענגלאַנד פּרוווט איינריידן דער וועלט, אַז די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע פירט עם די יידן קיין ארץ־ישראל, אָבער דאָס איז שקר. יידן ווילן קיין ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג. אַ פּלעביסציט אין די לאַגערן וועט נאָך היינט באַווייזן, אַז 80 פּראָצענט ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

די נאָענטסטע זיצונג פון דער „אָנו" וועט מוזן באַטראַכטן די אַלע ענגלישע גוואַלט־טאַטן איבער די יידן און ענדלעך געפינען אַ דעפיניטיווע לייזונג פאַרן יידישן פאָלק און פאַר ארץ־ישראל. דיביידע לייזונגען זיינען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. מיר ווייסן נישט, צי אַ צווייטער מאַנדאַטאַר פון ארץ־ישראל וועט זיין בעסער. סיי דער ישוב אין ארץ־ישראל און סיי דאָס יידישע פאָלק זיינען דעריבער גרייט איי־בערצונעמען זייער גורל אין זייערע אייגענע הענט.

פּאַריז, יולי 1947.

ד"ר נחום גאָלדמאַן

(פון אַ רעדע געהאַלטן אויף אַ גרויסער פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע אין פּאַריז)

## רעזאָלוציע פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג

פּאַריז, 31 יולי 1947.

אויף איר זיצונג פון 30־טן יולי האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג גענומען שטעלונג צום גורל פון די יידישע עמיגראַנטן פון „עקזאָדוס 1947".

ה' באָנפו (מ. ר. פּ.) האָט פאַרגעלייענט אַן אינטערפּעלאַציע וועגן: „די מאָס־מיטלען, וועלכע די פראַנצויזישע רעגירונג האָט בדעה אָנצונעמען, כדי אויסצומיידן דאָס איבערחזרן זיך פון אַזאַ פאַל ווי „עקזאָדוס 1947".

מאַדאַם מאַדלען בראַון, וויצע־פּאַרזיצערין פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג (קאָמוניסטין) דערקלערט, אַז די אויסערן־קאָמיסיע האָט איינשטימיק באַשלאָסן פּאָרצולייגן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דעם פאָלגנדיקן רעזאָלוציע־טעקסט:

„די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג באַגריסט די רעגירונג פאַר איר ליבעראַלער האַנד־לונג אין דעם טראַגישן פאַל פון „עקזאָדוס", זי בעט אויך מודיע צו זיין ווי אַמ־שנעלסטן דער ענגלישער רעגירונג וועגן דער אויפרעגונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און איר האָפענונג, אַז די דאָזיקע פּראָגע וועט געלייזט ווערן אין גייסט וואָס אַנטשפּרעכט די פליכטן פון דער מענטשהייט".

דער פאָרשלאָג פון דער רעזאָלוציע איז געוואָרן איינשטימיק אָנגענומען.

## די ענגלענדער פּראָוואָצירן

(מעפּילים דערציילן...)

גאָר אינגיכן האָבן מיר אָנגעקניפּט אַ סטאַבילן קאָנטאַקט מיטן ברעג. יעדן טאָג פלעגט מען אונז ברענגען פונם ברעג פּראָוויאַנט און צוזאַמען מיט אים פלעגט מען אויך אַריינברענגען — מיט דער עליה „ב", ווי ס'האָבן עס אָנגערופן די ליצנים

אויף דער שיף — ציטונגען, בראָשורן און סתּם ידיעות. מיר האָבן ווידער אָנגע־קניפּט אַ קאָנטאַקט מיט דער וועלט און בפרט מיט אונזערע ברידער באשר הם שם און מיטן ישוב אין ארץ־ישׂראל. דאָס האָט אונז געשטאַרקט און צוגעגעבן מוט צום אויסדרייען.

די ענגלענדער האָבן געטון אַלץ אין דער וועלט, בכדי צו פּאַרמיאוסן אונז דאָס לעבן אויף דער שיף און זיי האָבן די לעבנס־באַדינגונגען, וואָס זיינען אַזוי אויך שוין געווען אומענטשלעכע, פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום ממש. דער דאָקטאָר האָט אויפגעהערט אויפצונעמען קראַנקע, און צו יעדער קרענק, צום קלענסטן קראַץ, אָדער וואונד האָט ער געהאַט נאָר איין תּשובה: „גייט אַראָפּ אויפן ברעג, וועט מען אייך דאָרט אויסהיילן". אַפילו דער שווייצערישער דאָקטאָר, וועלכן דער רויטער קרייץ האָט אַרויפגעשיקט צו אונז אויף דער שיף, האָט אויך גאָר ווייניק געקענט ענדערן די לאַגע אונזערע.

די שיפס־אַרבעטער האָבן אויפגעהערט צו רייניקן דעם דעק. די ענגלענדער האָבן אויך אַוועקגענומען די ווענטילאַטאָרן, וואָס זיינען געהאַנגען איבערן קעלער־דאַך אַזוי, אַז אינם קעלער איז געוואָרן הייס און דושנע נישט צום אויסהאַלטן (גע־ווען זיינען דאָס זומער־טעג און די היץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין פראַנקרייך האָט מען אַזעלכע היצן נישט געדענקט זינט צענדליקער יאָרן). יעדן טאָג האָבן זיי דערפינדן נייע פּאַרפייניקונגס־מיטלען. איינמאָל האָבן זיי, למשל, אַוועקגעשטעלט צוויי שוואַרצע אַרבעטער, זיי זאָלן קלאַפּן מיט האַמערס אינם דעק אַריין, כדי צו צערייצן די, אַזוי אויך שוין, אָנגעשפּאַנטע נערוון אונזערע. און נאָך אַזעלכע המצ־אות, שטענדיק נייע, שטענדיק אַנדערע.

אונזערע נערוון זיינען טאַקע געוואָרן זייער צערייצט. פּאָר אַ ליאַדע־וואָס פלעגן זיך מענטשן דענערווירן, און קריגן און ספּעציעל פלעגט דאָס פּאַרקומען אין דער ריי ביים נעמען וואַסער. מיר האָבן דערפילט, אַז אויב מיר וועלן מיט ענערגיע און שׂכל נישט זען צו באַהערשן אונזערע נערוון, קענען מיר נאָך אַמאָל פאַרשפּילן דעם דאָזיקן נערוון־קאַמף, וואָס ווערט קעגן אונז אָנגעווענדעט.

מיר האָבן געטון אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר געקענט, בכדי צו באַהערשן די לאַגע. אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן אַליין רייניקן און וואַשן דעם דעק (דאָס האָבן גע־נומען אויף זיך די קינדער), איינגעשטעלט סדרנים ביים נעמען וואַסער, אויסגעאַר־בעט אַ רעגולאַמין, וועלכער האָט פּאַרפּליכטעט איטלעכן מעפּיל אויף דער שיף און דאָס וויכטיקסטע: מיר האָבן אָרגאַניזירט אַן אינטענסיווע אַרבעט אינערהאַלב פון די קיבוצים פון פאַרשידענע באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף. זיי, די קבוצים, זיינען טאַקע געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אינם לעבן פון די מעפּילים, זיי האָבן טאַקע גענומען אויף זיך צו טראָגן דעם גאַנצן עול פון אָרגאַ־ניזירן און איינאָרדענען דאָס לעבן אויף דער שיף און זיי זיינען עס געווען די, וואָס האָבן אין די ערגסטע און קריטישסטע מאָמענטן נישט דערלאָזט די מענטשן צוזאַמענצוברעכן זיך מאָראַליש.

די גרעסטע וואונדער האָבן אָבער באַוויזן די קינדער. זיי האָבן גענומען אויף זיך דעם גרעסטן טייל פון דער אַרבעט ביים איינאָרדענען די מסיבות שבת, וואָס האָבן אַזוי פיל מוט צוגעגעבן די מענטשן. זיי האָבן מיט זייערע קלינגנדיקע שטי־מעלעך פאַרצויבערט אַלעמען אויף דער שיף און געשאַפן אַן אַטמאָספער פון הייטערקייט און מונטערקייט. אָבער דער גרעסטער זכות זייערער איז געווען, וואָס

דוקא זיי זיינען עס געווען די, וואָס האָבן באַשאַפן אויף דער שיף דעם גייסט פון נישט־אונטערגעבן זיך פאַר קיין שום פּרייז.

די פּראָוויאַנט־פּעקלעך, וואָס מיר פלעגן באַקומען רעגולער פונם ברעג, האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַרבעסערט אונזער עסן. דער גאַנצער פּראָוויאַנט, פונם אויפנעמען ביז צום צוגרייטן און צעטיילן, איז געלעגן אין אונזערע הענט. די געקעכצן זיינען געמאַכט געוואָרן מיט טעם און ס'האָט דערביי געהערשט אַ פולקאָמענע אָרדענונג. איין זאַך איז אָבער נישט געווען באַקוועם: אַזוי ווי מיר פלעגן באַקומען די פּראָדוקטן נאָר איינמאָל אין צוויי טעג, האָט מען געמוזט ערגעץ אַוועקשטעלן דעם טייל פון די פּראָדוקטן, וואָס איז געווען באַשטימט אויפן צווייטן טאָג. צו אונזער דיספּאָזיציע איז געשטאַנען נאָר דער קעלער און מען האָט געמוזט אַלע קאַסטנס מיטן פּראָוויאַנט אַוועקשטעלן אינם קעלער. און ס'איז געוואָרן נאָך ענגער.

די באַציונגען מיט די ענגלענדער האָבן זיך פאַרערגערט, און אַ סך מאָל פלעגן טרעפן פאַלן פון לייכטע געשלעגערייען. מיר האָבן זיך אָבער באַמיט נישט צו לאָזן זיך באַפאַלן אויף די פּראָוואָקאַציעס, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז די ענגלענדער וואַרטן נאָר אויף דער געלעגנהייט צו לאָזן אין גאַנג זייערע פויסטן און שטעקענער.

נאָך אַ צוזאַמענשטויס, וועלכער איז פאָרגעקומען נעבן די טרעפּ, וואָס פירן אין קעלער אַריין, האָט מען די ענגלענדער מער נישט דערלויבט אַראָפּצוגיין. עס זיינען אויך דערוויטערט געוואָרן די וואַכן פון די טירן און מיר האָבן באַקומען אַ פרייען צוטריט צו יענעם חלק פונם דעק, וועלכער איז ביז איצט געווען פאַרשפּאַרט פאַר אונז.

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אינם קעלער איז שווער צו באַשרייבן. שעהנווייז פלעגן די מענטשן ליגן אויף דער שוואַרצער פאָדלאָגע אין דער שרעקלעכער היץ און אין טייכן פון שווייס — ממש ווי אין אַ גיהנום. אַמערגסטן איז עס די קינדער, וועלכע זיינען דאָך נישט מער ווי קינדער, וואָס קענען נישט איינזיצן די גאַנצע צייט אויף איין אָרט, און מוזן זיך אויך אַביסל באַוועגן. און „באַוועגן זיך" הייסט דאָ — קריכן אויף מענטשן און שטערן זיי אינם — אייביקן נישט־טון, וואָס פלעגט פאַרנעמען די גאַנצע צייט פונם טאָג.

## הינטער די קראַטעס פון אַ תפיסה־שיף

דער איינציקער פון אַלע זשורנאַליסטן פאַרזאַמלטע אין פּאָרט־דע־בוק, וועלכן עס איז געלונגען געהיימערהייט אַרופצוכאַפּן זיך אויף איינער פון די דריי תפיסה־שיפן, וואָס האָבן געבראַכט די 4500 מעפּילים צו די פראַנצויזישע ברעגעס, איז געווען דער באַקאַנטער מיטאַרבעטער פון דער פּאַריזער צייטונג „פראַן־טירער"—פּ. זש. אַרמאָרען.

„איך בין נישט קיין ייד. איך האָב גאָרנישט קעגן די ענגלענדער. זאָל ווייטער ה' דאַף־קופּער פּראָטעסטירן און זאָל לידי דיאַנאַ זיך פאַרנעמען מיט סאָציאַלער הילף און זאָלן אַלטע ענגלישע מוידן שיקן פּעטיציעס (ווי פאַר אַ יאָר) וועגן די חזירים פון ביקיני...

מען משפּט אפילו די קריגס־פאַרברעכערס. מען רעדט וועגן דער אייזערנער פאָרהאַנג, אָבער נישט וועגן די אייזערנע קראַטעס. צביעות הערשט איבעראַל. יעדער בלאַמירט די גרוילטאַטן פון זיין שכן. מען בויט אויך פּאַלאַצן פאַר דעם שלום

פון דער וועלט... און מיר צאָלן פאַר די דעלעגאַטן. די מיסיאָנערן פּראָווען און דער פּויפּסט עפנט נישט דאָס מויל...

איך פיר אויס מיין אויפגאַבע. איך בין נישט קיין פּאַרטיידיקער און נישט קיין וואָרט־טרעגער. איך בין נאָר אַן עדות, און דאָס אַלץ, וואָס איך שרייב דאָ, וואָלט איך געקענט איבערחזרן פאַר אַ טריבונאַל און אונטער אַ שבועה.

מיינע קלאָגן פון פאַרשידענע ריכטונגען און פון פאַרשידענע לענדער, זיינען געקומען קיין פאָרט־דע־בוק און זיי האָבן אַלע רעאַגירט ווי איין מאַן: אַלע זיינען אויפגעבראַכט און פיל — צווישן זיי אויך איך — פּאַרוויטיקט.

מיר האָבן נישט פאַרגעסן ראַדיאָ לאָנדאָן, ווען די גאַנצע פאַרמאַטערטע וועלט האָט זיך צוגעהערט צו דער שטימע פון דער פרייהייט.

„ליבערטי שיפּ" — פרייהייטס־שיפן — מיט די דאָזיקע שיפן האָט מען געשיקט וואָפן און עסנוואַרג פאַר דער באַפרייונג פון אייראָפּע: מיט דריי יאָר צוריק.

---

ס'איז זעקס אַזייגער נאָכמיטאָג. ביי דער שיף באָדן זיך די סאָלדאַטן פון דער 6־טער, באַקאַנטער פאַראַשוטיסטן דיוויזיע. אַ לייטער הענגט ביי דער שיף. פּאָליציי־שיפלעך דרייען זיך אַרום.

עס איז זייער הייס. צוועלף הונדערט מענטשן, צוועלף הונדערט „פאַרברע־כערס", וועלכע זוכן אַ לאַנד, זיינען פאַרמאַכט אין אייזערנע קלאַטקעס מיט שטעכל־דראָטן. דורך שמוציקע טרעפּ גיי איך אַראָפּ אין דער קאַיוטע. איך געפין זיך אין דעם אַזוי גערופענעם „שפּיטאָל".

וויפיל זיינען זיי אין דעם „שפּיטאָל"? צוויי אָדער דריי הונדערט, באַזונדערס פרויען און קינדער. פאַראַן דאָ אַ פּאָר געלעגערס פון לייוונט. פרויען, שטיקנדיק זיך, ליגן אויף דער פּאָדלאָגע, איין בויך ביים צווייטן, האַלב נאַקעטע. אַ פרוי האָט געבוירן די לעצטע נאַכט. אַ פאַרביסן פּנים, אַ גוף פול מיט וויי, — באַדעקט מיט שמאַטעס. זי פּאָרעט זיך פיבערהאַפט מיט אַ שטיקל וואַטע. — זי הערט נישט אויף צו בלוטן —זאָגט מען מיר.

אימיצער גייט אַדורך און טיילט סאָלפאַמידאָן. דער ענגלישער דאָקטאָר איז שוין צוויי נעכט נישט געשלאָפן. דאָס ניי געבוירענע קינד, רויט, גרויס ווי מיין פויסט, ליגט איינגעוויקלט אין אַן אַמעריקאַנער קאָלדרע, אין עפּעס אַ קאָרב. ווער ווייס, אויב עס וועט לעבן.

אַ סך קינדער האָבן די פּנימער פול מיט קרעץ און רויט געפּודערט דורך מער־קורא כראָם.

נישטאָ קיין לופט. מער ווי 30 גראַד היץ אין דער קאַיוטע. די ווענטילאַטאָרן פונקציאָנירן נישט. פרויען ליגן און קרעכצן שטילערהייט. זייערע אויגן קוקן ווי פאַרבלאָנדזשעטע, נישט אויף דער וועלט.

און דאָס איז אַלץ אין נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, ווי עס זאָגן די ענגלענדער.

פאַרביים די ציין, חבר, און גיי ווייטער!...

אין דער צווייטער קאַיוטע האָב איך געזען מענער, האַלב נאַקעטע, אויסגע־דאַרטע, פּייכטע פון קראַנקן שווייס. אַ וויזיע פון גאַלערניקעס אָן וויאַסלעס, וועלכע מען שיקט עפּעס אין אַ ווייטן גלות...

איך האָב אים ווידער באַגעגנט, דעם שרעקלעכן גערוך, וועלכן מען וואָלט גע־קענט דורכשניידן מיט אַ מעסער, דעם גערוך פון מענטשן, וואָס ליידן... זיי ליגן



מיטגלידער פונם „החלוץ" אין פראַנקרייך לאַדענען וואַסער און עסנוואַרג פאַר די מעפּילים אויף די תּפיסה־שיפן

אויף דער ערד. איין קאַלדרע פאַר פיר. זייערע באַוועגונגען זיינען לאַנגזאַמע, גע־מאָסטענע מיטן ריטם פון שפּאַרזאַמקייט, וואָס די אַלע, וועלכע האָבן געלעבט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן זיך אויסגעלערנט...

אין עמערס ברענגט מען אַ געלע, קלאָרע זופּ. דריי בירן פאַר 28 פּערזאָן. מען צעטיילט ברויט.

איך גיי אַרויס אָטעמען אַביסל פרישע לופט. רעפלעקטאָרן צינדן זיך אָן אויף די גרענעצן פון דעם שווימענדיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער...

אָבער, וואָס וואָלט פּאַסירט אין דער וועלט, ווען צום ביישפּיל, פראַנצויזישע שיפן וואָלטן זיך געדרייט אויפן ים מיט טויזנטער פאַרשמאַכטע היימלאָזע? וואָס וואָלט מען דאַן געזאָגט אין לאָנדאָן?

נישטאָ קיין שויך־געזעלשאַפט פאַר יידן און דער רויטער קרייץ באַשעפטיקט זיך מער מיטן גורל פון די דייטשע קריגסגעפאַנגענע.

ווי לאַנג וועט מען אָבער נאָך דאַרפן אַזוי וואַרטן?..."

פּאַריז, 2 אויגוסט 1947. פּ. זש. אַרמאָרען

## פאַרשאַרפטע פּאָליציי־שמירה אין פּאָרט־דע־בוק

פּאָרט־דע־בוק, 6 אויגוסט, 1947

היינט אינדערפרי איז איינע פון די דריי מעפּילים־שיפן אָפּגעפאָרן קיין מאַר־סעיל. די ענגלענדער האָבן דאָרט געזאָלט פאַרלאָדן 250 טאָן קוילן און צוריקקומען אין פּאָרט־דע־בוק. די מעפּילים ווייסן נישט, אין וואָס עס האַנדלט זיך, אויך די באַוואַכונג איז היינט געוואָרן שטרענגער.

היינט אינדערפרי בין איך נאָך געוועזן אויף איינער פון די דריי שיפן. ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען, האָב איך באַמערקט, ווי די פראַנצויזישע פּאָליציי פאַרשפּאַרט דעם פּאָרט און דערלאָזט נישט צו קיין שום קאָנטאַקט מיט די מעפּילים.

דאָס אָנלאָדן קוילן אויף דער שיף האָט אַרויסגערופן פאַרשיידענע קאָמענטאַרן.

מ'רעדט וועגן דעם, אַז דאָס איז נישט די איינציקע סיבה פון די פאַרשאַרפטע פּאָליציי־מיטלען. לויט פאַרשיידענע ווערסיעס זאָלן די ענגלענדער נאָכאַמאָל אויף אַן ענערגישן אופן פּרוּוון צווינגען די מעפּילים אַראָפּצוזעצן זיך אין פראַנקרייך. אין פאַל ווען אויך דאָס מאָל וועלן זיי נישט ברעכן דעם באַשלוס פון די מעפּילים — וועלן די ענגלענדער אין צוויי טעג אַרום פאַרשיקן זיי אין אַ טראָפּישער געגנט.

מ. פּערעלמאַן

(יידישער צייטונגס־קאָרעספּאָנדענט)

## די נייע פּסיכאָלאָגישע אָפענסיווע קעגן די מעפּילים

פּאָרט־דע־בוק, 7 אויגוסט, 1947

היינט האָבן די ענגלענדער אָנגעהויבן אַ נייע פּסיכאָלאָגישע אָפענסיווע קעגן די „עקזאָדוס"־מעפּילים, וועלכע שטייען שוין אין פּאָרט־דע־בוק צען טעג.

נישט קענענדיק בשום אופן דורך אַלע ביז איצט אויסגעפּרוווטע מיטלען צווינ־גען די מעפּילים, זיי זאָלן אַראָפּ אויפן ברעג, און אַריינציען אין דער אַקציע אויך די פראַנצויזישע רעגירונג — האָבן די ענגלענדער צוגעטראַכט אַ נייע פאַרצווייפלטע פּסיכאָלאָגישע קאַמפּאַניע קעגן די יידן. דער טייוולאָנישער פּלאַן פון די ענגלענדער באַשטייט אין דראָען די יעניקע יידן, וואָס ווילן נישט אַראָפּ פון די שיפן, מיט דע־פּאָרטאַציע קיין קעניאַ.

די שיף „רונימעד פּאַרק", וואָס איז נעכטן אָפּגעפאָרן קיין מאַרסעיל, איז היינט צוריקגעקומען פאַרלאָדן מיט קוילן. די איבעריקע צוויי שיפן פאָרן היינט אַרוים קיין מאַרסעיל אויך נאָך קוילן.

די מעפּילים באַטראַכטן דאָס אָנלאָדן די שיפן מיט קוילן פאַר אַ קלאָרן באַ־וויז, אַז שוין גאָר אינגיכן וועלן די שיפן פאַרלאָזן דעם פראַנצויזישן פּאָרט און אַוועק אין זייער ווייטערדיקן גלות־וועג.

ווען די שיפן וועלן צוריקומען מיט קוילן וועלן די ענגלענדער צום לעצטן מאָל וואָרענען די מעפּילים. זיי זאָלן אויסקלייבן: אַראָפּצוגיין אין פראַנצויזישן פּאָרט און גענימן פון אַ גאַסטפריינטלעכער אויפנאַמע, אָדער דעפּאָרטירט ווערן קיין קעניאַ, אין אַ וויסט אַפריקאַניש לאַנד.

די ענגלענדער דראָען אויך, אַז אין קעניאַ וועלן זיי די מעפּילים פאַרוואַנ־דלען אין פאַרוואָרלאָזטע און פאַרגעסענע מענטשן, ווייל זיי וועלן נישט טאָרן האָבן קיין שום קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט.

די ענגלענדער האָפן, אַז אין ערשטן טאָג וועט די דאָזיקע דראָאונג האָבן אַ ווירקונג אויף הונדערטער פון די מעפּילים און זיי וועלן אַראָפּ פון די שיפן. דעם צווייטן טאָג וועלן אַנדערע הונדערטער זיי נאָכפאָלגן.

פון מיינע געשפּרעכן, וואָס איך האָב געהאַט מיט די מעפּילים, וועלכע געפינען זיך אויף די שיפן, קען איך נאָר זאָגן, אַז אויך דער דאָזיקער טייוולאָני־שער פּלאַן—צו צעברעכן די דיסציפּלין פון די יידן—וועט די ענגלענדער נישט גע־לינגען. די „עקזאָדוס" מעפּילים קענען גוט זייער לאַגע. זיי ווייסן, אַז מצד די ענגלענדער דערוואַרט זיי אינטערנירונג און רעפּרעסיעס, אָבער דאָס שרעקט זיי נישט אָפּ.

מ. פּ ע ר ל מ אַ ן

## די „עקזאָדוס"־מעפּילים זאָלן אָפּשווימען צום גיבראַלטאַר און פון דאָרט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג

מאַרסעיל, 9 אויגוסט.

מען גיט איבער פון רעגירונגס־קוועלן, אַז היינט וועלן די דריי שיפן מיט די „עקזאָדוס"־פּליטים אָפּשווימען צום פּאָרט גיבראַלטאַר, וו זיי וועלן זיך פאַר־האַלטן. פון גיבראַלטאַר דאַרפן די שיפן אָפּגעשיקט ווערן צו אַ געהיימען פּאָרט, וועגן וועלכן די ענגלענדער ווילן דערווייל גאָרנישט אויפקלערן.

# אַ שטרענגע נאָטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעגירונג צו ענגלאַנד וועגן די מעפּילים־שיפֿן

מאַרסעיל, 12 אויגוסט.

דער אויסערן־מיניסטער בידאָ האָט באַקומען נייע, ספּעציעלע אינסטרוקציעס פֿון פּרעמיער מיניסטער ראַמאַדיע, צו פֿאָדערן אויפֿן שטרענגסטן אופֿן פֿון ענגלאַנד, אַוועקצונעמען תיכּף די דריי תּפֿיסה־שיפֿן, וואָס געפֿינען זיך שוין באַלד 25 טעג אין פּאָרט־דע־בוק און אויף וועלכע ס'געפֿינען זיך די 4500 פּליטים פֿון דער שיף „עקזאָדוס 1947". מען גלויבט, אַז די נאָטע וועט בעווינען דערגרייכן נאָך היינט, אָדער שפּעטסטנס מאָרגן.

אַ פֿראַנצויזישע אָפֿיציעלע פּערזענלעכקייט האָט היינט אָפּגעגעבן פֿאָלגנדיקע דערקלערונג:

מיר האָבן אונזער חוב דערפֿילט סיי כּלפּי ענגלאַנד און סיי כּלפּי די פּליטים, ווען מיר האָבן דערקלערט, אַז מיר גיבן אַזיל־רעכט פֿאַר די אַלע פּליטים, וועלכע ווילן אַראָפּגיין פֿון די שיפֿן און בלייבן אין פֿראַנקרייך. ס'איז נישט אונזער שולד, וואָס די פּליטים האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אַראָפּצוגיין פֿון די שיפֿן. פֿראַנקרייך קען נישט און וועט נישט באַנוצן קיין גוואַלט־מיטלען קעגן זיי. שוין מער ווי אַ וואָך צייט, ווי ס'איז קלאָר דער אומדערשיטערלעכער באַשלוס פֿון די פּליטים נישט אַראָפּצוגיין פֿון די שיפֿן און די ענגלענדער האָבן זיך באַדאַרפֿט אויפֿירן קאָרעקט אין ליכט פֿון אָט דעם קלאָרן פֿאַקט און אַוועקנעמען פֿון דאַנען די שיפֿן. מיר האָבן שוין דורך פֿאַרשידענע וועגן געמאָלדן די ענגלענדער, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט, די שיפֿן זאָלן אַוועקגענומען ווערן. פֿראַנקרייך קען נישט מער טאָלערירן, אַז די שיפֿן זאָלן שטיין אומענדלעך אין אירע וואַסערן. מיר האָפֿן, אַז בידאָס נאָטע וועט ברענגען צו דעם, אַז די שיפֿן זאָלן ענדלעך אַוועקפֿאָרן, ווייל זייער ווייטערשטיין דאָ, שעדיקט אונזער פּרעסטיזש, דערנידעריקט דעם פּרעסטיזש פֿון ענגלאַנד און פֿאַרלענגערט אומזיסט די נישט פֿאַרדינטע לײַדן פֿון די פּליטים.

# אַ קינדער־שול אויף דער תּפֿיסה־שיף

(מעפּילים דערציילן...)

מיר האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן קינדער־שולן, כּדי צו פֿאַרלייכטערן די שרעקלעכע לאַנגווייליקייט פֿון די קינדער. געשען איז דאָס באַלד אין די ערשטע טעג פֿון אונזער שטיין ביי די ברעגעס פֿון פּאָרט־דע־בוק. מיר האָבן אויפֿגעשטעלט שולן פֿאַר די קינדער. קען דען ווער אין דער וועלט זיך אויסמאָלן אין זיין פֿאַנטאַזיע, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ קינדער־שול אין אַזאַ ענגער תּפֿיסה, אין אַזאַ ברענענדיקן גיהנום? פֿרייוויליק האָבן זיך געמאָלדן די לערערס, און אויך אַזעלכע, וואָס זיינען קיינמאָל קיין לערערס נישט געווען, נאָר האָבן אַמאָל געלערנט אין ישיבה. פֿונם ברעג האָט מען אונז צוגעטיילט שרייב־מאַטעריאַלן, אַ האַלבער בליישטיפֿט און אַ שטיקל פֿון אַ העפֿט אויף יעדן קינד — און די לימודים האָבן זיך אָנגעהויבן. און אינם דאָזיקן קעלער, וווּ טויזנט מענטשן האָבן זיך געדרייט, געשפּילט אין קאָרטן, גערעשט, געשריען און דיספּוטירט — זיצן זיך אין די ווינקעלעך גרופּנווייז די קינ־

דער, יעדע גרופּע מיט איר לערער, און במשך פון דריי שעה אין טאָג שפּיצן אָן די קינדערלעך זייערע אויערן, כדי אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט, וואָס קומט פון לערערס מויל און ווערט פאַרשלונגען אינם אַרומיקן טומל... מיר האָבן געפּרוווט איינאָרדענען די לימודים אויבן, אויפן דעק, אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אומעגלעך. די גליענדיקע זון־שטראַלן און הונדערטער שיפן, וואָס פלעגן יעדן טאָג קומען זען דעם בייזן ווונדער, וואָס אונזער שיף האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט — האָבן נישט געלאָזט די קינדער קאָנצענטרירן זיך ביים לערנען. זיינען מיר דעריבער צוריק אַראָפּ אין קעלער.

און דאָך, טראָץ די גרויסע שוועריקייטן האָבן די קינדער געלערנט מיט חשק און התלהבות. אַפילו די, וואָס פלעגן אַמאָל שטענדיק זיך אויסדרייען פונם לערנען, האָבן איצט געמאַכט גרויסע פאָרשריטן. און דער עיקר — מיר האָבן טאָג־טעגלעך אָפּגעהיט די מצוה פון לימוד תורה לילדי ישראל.

## מיר הענגען אַרויס די בלוי־ווייסע פאָן

(„עקזאָדוס״־קינדער דערציילן . . .)

מיר זיינען אָנגעקומען קיין פראַנקרייך, קיין פּאָרט־דע־בוק. מיר זיינען נישט אַריינגעשוווּמען אינם פּאָרט גופא, נאָר פאַרוואָרפן דעם אַנקער נישט ווייט פון אים. באַלד דעם ערשטן טאָג האָבן אונז באַזוכט פראַנצויזישע זשורנאַליסטן און אונז אָפּפאָטאָגראַפירט. איבער דער שיף האָט געקרייזט אַן אַעראָפּלאַן, און האָט אונז אויך אָפּפאָטאָגראַפירט. פונם ברעג האָט מען אונז געבראַכט אַ סך פּראָוויאַנט, צוקערלעך און פּירות. מיר האָבן זיך ממש מחיה געווען, און מיר זיינען שוין מער נישט געווען הונגעריק.

די ענגלענדער האָבן אונז אויפגעפאָדערט, מיר זאָלן אַראָפּגיין אויפן ברעג. די פראַנצויזן, ווידער, האָבן געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן איינשטימען אַראָפּצוגיין, וועלן זיי אונז אויפנעמען מיט גרויס פרייד. מיר האָבן אָבער נישט געוואָלט אַראָפּגיין, און מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז אַראָפּגיין וועלן מיר נאָר אין ארץ־ישראל.

דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקלעכע טעג. די ענגלענדער האָבן אונז אָנגעטון געבראַנטע צרות. יעדן אינדערפרי האָבן מיר געמוזט אָפּשטיין גאַנצע שעהן, כדי אַריינצוקומען אין וואַש־צימער. די מענטשן זיינען אַלע געווען אויפגערעגט און זייער אָפט האָבן זיך געהערט געשרייען און קריגערייען. אָבער פונדעסטוועגן זיינען מיר נישט אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף. בסך הכל זיינען פון אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף אונזער שיף, אַראָפּגעגאַנגען עטלעכע צענדליק מאַן, צווישן זיי זיינען שוין אויך געווען די מאַטראָזן, וואָס זיינען אַראָפּגעגאַנגען, כדי צו ברענגען נייע שיפן קיין ארץ־ישראל.

אין זעלבן טאָג, ווען אויף אונזער שיף זיינען אַרויפגעקומען די אויסלענדישע זשורנאַליסטן, איז אונז געלונגען אַרויסצוהענגען אונזער בלוי־ווייסע פאָן אויפן שפּיץ פון דער שיף. און פאָרגעקומען איז עס אויף אַ פאָלגנדיקן אופן:

אויף דער שיף איז געווען אַ הויך בריקל, נעבן וועלכן עס איז תמיד געשטאַנען אַ באַוואָפנטער וואַך־פּאָסטן. איינער פון אונזערע חברים האָט זיך אין דער נאַכט־פינצטערניש אַרויפבאַקומען אומבאַמערקטערהייט אויפן בריקל. אַ גאַנצן טאָג איז

ער דאַרט אָפּגעלעגן פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, און געוואַרט אויף דער דעלעגאַציע פון די אויסלענדישע זשורנאַליסטן. אינם מאָמענט, ווען די לעצטע האָבן זיך באַוויזן אויף דער שיף, איז דער בחור פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען פון זיין באַהעלטעניש און צעשפּרייט ברייט די בלוי־ווייסע פאָן, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך מיטגענומען.

די ענגלענדער האָבן אים געוואָלט אַרעסטירן, אָבער מיר האָבן מיט כּוח אים אָפּגעשלאָגן פון זייערע הענט.

## „זייט זיך נישט מתיאש!" (מעפּילים דערציילן...)

די ענגלענדער האָבן נישט אויפגעהערט צוצוטראַכטן און אויסצונוצן אַלע מעגלעכע מיטלען, כּדי צו צווינגען אונז אַראָפּצוגיין אין פּאָרט־דע־בוק. אָבער אַלע זייערע פּאַרזוכן האָבן זיך אַנגעשלאָגן אין אַ האַרטער, שטיינערנער וואַנט. אונזער עקשנותדיקער כּוח האָט געהאַט זיינע וואָרצלען אין פאַרשידענע מקורות:

במשך פון דער גאַנצער צייט האָבן מיר נישט אויפגעהערט צו גלויבן און צו האָפן, אַז אונזער דעצידירטער אָפּזאָג אַראָפּצוגיין אויף דער פראַנצויזישער ערד, וועט סוף כּל סוף צווינגען די ענגלענדער צוריקצופירן אונז קיין ארץ־ישראל אָדער, לכל־הפּחות , קיין ציפּערן.

דער שטאַרקער געפיל פון געמיינזאַמקייט פון אונזער גורל צווישן אַלע מעפּילים — זאָל געשען אפילו דאָס ערגסטע, מיר וועלן אָבער בלייבן צוזאַמען, אַלע אייניק און צוזאַמען.

שטאַרקער פון אַלץ איז געווען דער באַוווסטזיין, אַז מיר פירן אוים אַ וויכטיקע און גורלדיקע שליחות. מיר האָבן געוווסט, אַז מיר טראָגן אויף אונזערע מידע פּלייצעס אַ שליחות פון אַ פאָלק, וואָס זיין איינציקער וועג איז ה ע פּ ל ה און אויב מיר וועלן נכשל ווערן, וועט אויך די גאַנצע העפּלה־באַוועגונג זיך צוזאַמענברעכן.

דער קאָנטאַקט מיטן ברעג האָט אויך געהאָלפן פאַרפעסטיקן אָט דעם געפיל. טאָג־איין טאָג־אויס פלעגן מיר באַקומען צענדליקער בריוו און צייטונגען, פון וועלכע מיר האָבן געלערנט, אַז אונזער זאַך האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין דער גאַרער וועלט, און אַז די אויגן פונם גאַנצן וועלט־יידנטום זיינען געווענדעט צו אונזערע שיפן.

די אינערלעכע אָרדענונג און די מסיבות־שבת, וואָס פלעגן פאָרקומען יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן אויך געהאַט אַ גרויסן חלק ביים אָפּהיטן דעם שטאַרקן גייסט צווישן אונזערע מענטשן.

און דאָס וויכטיקסטע — דער פאַקט, וואָס מיר האָבן די גאַנצע צייט, יעדן טאָג און יעדער רגע געזען וויאַזוי די „הגנה"־מענטשן אַרבעטן מיט מסירת־נפש און איבער די כּוחות, כּדי צו פאַרלייכטערן אַביסל אונזערע ליידן. מיר האָבן געוווסט — כּל זמן אָט די מענטשן — הגם פון דער ווייטנס — געפינען זיך נעבן אונז, איז קיין שום זאַך פאַר אונז נישט שווער.

איין טאָג האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון ד"ר משה סנה מיטן פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„זייט זיך נישט מתיאש! אייער ווייטיק איז אונזער ווייטיק, און אונזער האַרץ קלאַפּט מיטן זעלבן טאַקט ווי אייערע הערצער. דער ישוב און די גאַנצע וועלט איז

מיט אייך. איר וועט נאָך צוריקומען קיין ארץ־ישראל, ווי עס האָבן זיך צוריקגע־קערט די מאָוריציוס־פאַרטריבענע, און איר וועט דאָרט אויפבויען אייער היים פאַר אייך און פאַר אייערע קינדער. מיר ווילן נישט רוען און נישט שטיל בלייבן, ביז וואַנעט דער לעצטער פון די „עקזאָדוס"־מעפּילים וועט נישט זיין אין א"י!"

דער דאָזיקער בריוו האָט אונז צוגעגעבן אַ סך מוט און כוח און קיין איין און איינציקער מענטש איז נישט אַראָפּגעגאַנגען אויפן ברעג. די ענגלענדער האָבן אַפילו אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז פיל מענטשן זיינען גרייט אַראָפּצוגיין, נאָר די מורא פאַרן „ציוניסטישן טעראָר", וואָס הערשט אויף דער שיף, האַלט זיי אָפּ פון טון די זאַך. מיט דעם האָבן זיי געוואָלט אויסטייטשן זייער דורכפאַל און פאַרקלענערן דעם ווערט פון אונזער דערגרייכונג. ס'איז אָבער אויך גאַנץ מעגלעך, אַז זיי האָבן באמת נישט געקענט פאַרשטיין און באַגרייפן, אַז די זאַך איז גאָר אַנדערש. זיי האָבן אפשר באמת נישט געקענט באַגרייפן, פון וואַנעט עס נעמט זיך אָט דער פאַר־באָרגענער כוח, וואָס דיקטירט די מענטשן אָנצוכאַפּן זיך אָן דער דעפּאָרטאַציע־שיף און נישט אַראָפּצוגיין אויפן ברעג, וואָס זאָגט צו רו און אַ מענטשלעך לעבן.

דער ענטפער פון אונזערע לייטער אויף די דאָזיקע רכילותן איז געווען אַ קלאָ־רער און אַן איבערציינגנדיקער. זיי האָבן מודיע געווען דעם שיפס־קאַפּיטאַן: „אויב דו ביסט אונז חושד, אַז מיר טעראָריזירן די מעפּילים, ביטע, זעץ אונז איין אין תפיסה, אָדער טייל אונז אָפּ פון די מענטשן — און וועסט זיך באַלד איבערציינגן, אַז קיין שום זאַך וועט זיך נישט ענדערן. דער דאָזיקער קאַמף איז נישט קיין קאַמף פון יחידים אָדער פון אַ קליינער גרופּע. דאָ קעמפט אַ גאַנץ פאָלק פאַר זיינע רעכט צום לעבן.

## נאָך עטלעכע טעג?

מאַרסעיל, 15 אויגוסט, 1947

די פראַנצויזישע טעלעגראַפן־אַגענטור מעלדעט: פון באַגלויבטע קוועלן גיט מען איבער, אַז די דריי שיפן מיט די „עקזאָדוס"־עולים וועלן נאָך פאַרבלייבן עטלעכע טעג אין פּאָרט דע־בוק.

די צעשטערער־שיף „וועלפּיר", וואָס נעמט אָנטייל אין דער שמירה פון די דריי שיפן, איז היינט אינדערפרי אָפּגעפאָרן קיין טוניס. אויף איר אָרט דאַרף אָנ־קומען אַן אַנדערע קריגס־שיף פון מאַלטע.

וואָס שייך די „עקזאָדוס"־מעפּילים, האַלט מען, אַז מען וועט זיי אָפּשיקן קיין מאָמבאַסאַ אָדער קעניע.

נעכטן 9 אָוונט איז געבוירן געוואָרן שוין דאָס פינפטע קינד אויף די שיפן אין פּאָרט־דע־בוק.

## הונגער־שטרייק פון די „עקזאָדוס־מעפּילים"

פּאָרט־דע־בוק, 18 אויגוסט.

די פראַנצויזישע טעלעגראַפן־אַגענטור מעלדעט:

די עולים, וועלכע געפינען זיך אויף די דריי שיפן אין דעם האַפן פון פּאָרט־

# אויף די תפיסה־שיפן אין פאָרט־דע־בוק



ווי חיות אין די שטייגן — פירן די ענגלענדער די אויסגעמאַטערטע מעפּילים



אָט איז דאָס ענגלאַנד פון בעווינען!
די מעפּילים נעמען אויף מיט „כבוד" די פאָרשטייער פון דער וועלט־פּרעסע

דע־בוק, האָבן באַשלאָסן צו דערקלערן אַ הונגער־שטרייק. די שפּייז, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון „אַנטער־פראַנסעז", איז צוריקגעשיקט געוואָרן.

די קאַפּיטאַנען פון די דריי „ליבערטי שיפּן", אויף וועלכע עס געפינען זיך די מעפּילים, זיינען אַרויסגעפאָרן פון פּאָרט־דע־בוק קיין מאַרסעיל, בכדי צו באַטראַכטן די לאַגע אויף די שיפן.

פּאָרט־דע־בוק, 20 אויגוסט.

נעכטן נאָכמיטאָג האָבן די מעפּילים אָנגעהויבן אַ 24־שעהדיקן הונגער־שטרייק פּאָדערנדיק, אַז די שיפן זאָלן באַלד אַרויספאָרן פון די פראַנצויזישע וואַסערן קיין ארץ־ישראל. דער 24־שעהדיקער הונגער־שטרייק איז געווען אַ פולשטענדיקער אויף אַלע דריי שיפן. אויך פרויען, קינדער, שוואַנגערע און קראַנקע האָבן אָנטייל־גענומען אין שטרייק, נישט געקוקט אויף די באַמיונגען פון פּאָרשטייער פון „רויטן קרייץ" און אפילו פון ענגלישע דאָקטוירים, זיי זאָלן עסן. די מעפּילים האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די שפּייז, און די שיפלעך מיט פּראָוויאַנט האָבן זיך אומגעקערט צוריק צום ברעג.

די מעפּילים האָבן אויף איינער פון די שיפן אַרויסגעהאָנגען אַ טראַנספּאַרענט מיט אַן אויפשריפט אויף ענגליש און פראַנצויזיש:

„עפנט די טויערן פון ארץ־ישראל — אונזער איינציקע האָפענונג!"

## וואַנדאַלע בריטישע סאָלדאַטן ברענען יידישע ביכער

פּאָרט־דע־בוק, 20 אויגוסט, 1947

שבת, ערב דעם הונגער־שטרייק זיינען צווישן די בריטישע סאָלדאַטן און יידן פון דער שיף „עמפּייר רייוואַל" אויסגעבראָכן געשלעגן, אַלס פּועל יוצא פון דער ברוטאַלער אויפירונג פון די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גענומען ברענען יידישע ביכער, פאַרבאָטענע דורך דער ענגלישער צענזור.

ס'זיינען דורך דער צענזור פאַרבאָטן די פאָלגנדיקע ביכער:

„דער יידנשטאַט" פון דר. טעאָדאָר הערצל, „רעדעס פון דר. חיים וויצמאַן", „קאָלעקטיוויסטישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל" און... „געשיכטע פון ציוניזם".

## מיר פירן אַ הונגער־שטרייק! (מעפּילים דערציילן...)

און ווידער זיינען טעג און וואָכן פאַרלאָפן. פון די צייטונגען האָבן מיר אַרויסגעדרונגען, אַז די וועלט הויבט אָן ביסלעכוויז אונז צו פאַרגעסן. די צייטונגען, וואָס האָבן פון אָנפאַנג געשריבן וועגן אונז מיט גרויסע אותיות און לאַנגע לייט־אַרטיקלען אויף די ערשטע זייטן, פלעגן איצט ברענגען וועגן אונז נאָר קורצע ידיעות און דאָס אויך ערגעץ אין עק פון דער לעצטער זייט.

מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו דערמאָנען דער וועלט, אַז מיר לעבן נאָך, און אַלץ נאָך אין די שווימענדיקע תפיסות אונזערע, וואָס שטייען אין פּאָרט־דע־בוק. און מיר האָבן דערקלערט אַ הונגער־שטרייק פון 24 שעה. קיינער פון אונז האָט נישט גענומען קיין עסן, אפילו די קינדער האָבן געפאַסט. מיר זיינען אַלע אַרויף אויפן דעק און פון דאָרט האָבן מיר אָנגעהויבן שרייען, און לאָזן הערן אונ־

זער פּראָטעסט. ארום אונזער שיף האָבן זיך באַוויזן לאַדקעס און קליינע שיפלעך, אין וועלכע עס זיינען געזעסן יידישע בחורים און האָבן נישט אָפּגעריסן זייערע בליקן פון אונזער דעק. איינער פון אונזערע מענטשן האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן מאַסט און אָנגעהויבן צו שרייען פון דאָרט בקולי־קולות — „מיר פירן אַ הונגער־שטרייק. מיר וועלן אַראָפּגיין...״ (דאָ האָט ער געמוזט איבעררייסן, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם, און די בחורים אונטן, אויף די שיפלעך, האָבן אָנגעהויבן האַסטיק צו שאָקלען מיטן קאָפּ אויף ניין)... נאָר אין ארץ־ישראל!״ (דערהערנדיק דאָס האָבן די בחורים אונטן נישט געקענט זיך איינהאַלטן פון פרייד און אָנגעהויבן פּאַטשן אין די הענט) מיר האָבן אַלע ברייט און האַרציק זיך צעלאַכט פון אָט דעם קליינעם און לוסטיקן אינצידענט.

ניין, מיר זיינען נישט איינזאַם און אַליין! אָט די בחורים אונטן און מיט זיי נאָך הונדערטער טויזנטער, וועלן אונז נישט פאַרלאָזן!

## „בדרך״ — די מעפּילים־צייטונג אויף דער שיף „עמפּייר רייוואַל״

די מעפּילים אויף דער שיף „עמפּייר רייוואַל״ האָבן במשך פון דער צייט, וואָס זיי זיינען געשטאַנען אין פּאָרט־דע־בוק, אַרויסגעגעבן אַ וואַנט־צייטונג אין וועלכער עס ווערט אָנגעגעבן:

„פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקציע״ — פאַרשטייער פון די מעפּילים און די מענטשן פון הגנה.

„אַדרעס פון רעדאַקציע״: — די קעלערן פון דער שיף.

אין דער צייטונג לייענען מיר:

„צו אונזערע ברידער און שוועסטער אויף די אַנדערע שיפן!״.

מיר שיקן אייך איבער אונזער ברודערלעכן גרוס צום בשותּפותדיקן באַשלוס נישט אַראָפּצוגיין פון די שיפן.

זיי וועלן אונז נישט אָפּשרעקן. דאָס ערגסטע, וואָס מיר קענען זען און פילן האָבן מיר שוין אין אונזער לעבן געזען און געפילט! און אויב דער שונא קלערט, אַז מיט זיינע באַרבאַרישע מיטלען וועט ער אונז בייקומען, וועלן מיר אים באַווייזן, אַז ער האָט אַ טעות. איין ווילן קלאַפּט אין אונזערע הערצער: דער איינערלעכער ווילן צו גיין אַהיים, דערגיין צו דעם איינציקן פלאַץ אין דער וועלט, ווו ברודערלעכע הענט זיינען אויסגעשטרעקט אויפצונעמען אונז און אָפּצווווישן אונזערע טרערן.

❦

1. לויטן באַשלוס פון חבר ג. איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער ועד, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף דעמאָקראַטישע יסודות אין באַשטאַנד פון די חברים: לוסטיג, גרינשטיין, זאַק. טאַפּטשיק און פּיטענסקי. דער נייער ועד איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט און האָפט איבערצוּווינדן אַלע שוועריקייטן, וועלכע טרעפן זיך אין צייטווייליקן לעבן אויף אונזער שיף.

2. עס זיינען אַרויסגעפּאָדערט געוואָרן פון דער סוכנות נאָך 500 דעקעס, וועלכע וועלן דורכן ועד יושרדיק פאַרטיילט ווערן.

3. עס ווערט צוגעגרייט אַ נשק. די צייט און אָרט וועט באַזונדער געמאָלדן ווערן.

4. דער ועד מעלדעט, אַז אין קורצן וועט געעפנט ווערן אַ שאַך־טורניי, אין וועלכן עס וועלן קענען אָנטיילנעמען אַלע שאַך־מייסטערס.

5. עס ווערן געמאַכט באַמיונגען צוריקצובאַקומען די רוק־זעק, כדי צו ליק־ווידירן די נויט אין דעקעס און אין מלבושים.

*

די עלטערן פון דער ניי־געבוירענער טאָכטער אויף אונזער שיף — אַ האַרציקן מזל־טוב.

## „עקזאָדוס 1947"
## אונזער שטאָלץ — ענגלאַנדס אייביקע חרפּה

מאַמעס וועלן, דורות לאַנג, דערציילן זייערע קינדער וועגן דער אָדיסעי פון „עקזאָדוס 1947". די „עקזאָדוס"־עפּאָפּעי וועט אַריין אין דער ידישער געשיכטע אַלס איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען פון יידישער גבורה, אומבויגזאַמען שטאָלץ און אייזערנער אָפּפערוויליקייט, און אַלס אַן אייביקער קין־צייכן אויף דער קרוין פון דער בריטישער אימפּעריע.

וואָס פאַרא טאָרטור־מיטלען און פּראָוואָקאַציעס האָט עס נישט אָנגעוואָנדן די ענגלישע רעגירונג קעגן שוצלאָזע און פיזיש שוואַכע מעפּילים! מען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום געמיינקייטן. 4500 יידן האָט מען איינגעשלאָסן אויף קריגס־שיפן, וואָס דערמאָנען די אַמאָליקע שקלאַפן־שיפן, הינטער שטעכל־דראָטן, ביי 40 גראַד היץ, אָן וואַסער און אָן היגיענישע באַדינגונגען.

פאַרבליבן זיינען אָבער די מעפּילים אומבויגזאַם אין זייער ווילן און אַנטש־לאָסן אין זייער האַנדלען.

אויף אַלע „צוזאָגן" און דראָאונגען האָבן די מעפּילים געענטפערט: „מיר וועלן לעבעדיקערהייט פון דאַנען נישט אַראָפּגיין. מיר דאַנקען פראַנקרייך פאַר איר גאַסטפריינטלעכקייט, פון וועלכער מיר קענען אָבער נישט געניסן, ווייל אונזער ציל איז צו קומען אין אונזער היימלאַנד — קיין ארץ־ישראל."

...ן מיר מיט „עקזאָדוס 1947" דערגרייכט?

מיר קענען שוין היינט פעסטשטעלן, אַז דער ענגלישער עקספּערימענט, וואָס הייסט: פאַרשיקן יידן פון די ארץ־ישראלדיקע ברעגעס צוריק אין גלות־אייראָפּע, איז נישט געלונגען. די וועלט איז אויפגעשטורעמט געוואָרן קעגן דעם ענגלישן ווילקיר. מיר האָבן באַקומען אויף אונזער זייט די סימפּאַטיע פון דעם גאַנצן דע־מאָקראַטישן לאַגער. מיט סימפּאַטיע און אָנערקענונג דריקט זיך אויס די גאַנצע וועלט־פּרעסע וועגן אונזער שווערן געראַנגל מיטן ענגלישן לייב. „עקזאָדוס האָט באַקענט די מענטשהייט מיט אונזער טראַגעדיע און ספּעציעל וועט דאָס ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף דער לאַגע פון די לאַגער־יידן. „עקזאָדוס 1947" האָט געוויזן, מיט וועלכע מיטלען ענגלאַנד איז גרייט צו לייזן דעם א"י־פּראָבלעם און ווער ס'איז שולדיק אין פּראָוואָצירן די „טעראָר"־אַקטן אין א"י.

אמת, אין דעם אומגלייכן קאַמף, פון קריגס־שיפן קעגן אַראָפּלאָזן און

פון ברוטאַלער פיזישער קראַפט קעגן שוצלאָזע שוואַכע פרויען און קינדער, קרבנות פון היטלעריזם, אָבער באַוואָפנטע מיט אַ הייליקן אידעאַליזם צו דערגרייכן זייער אויסגעטרוימטן ציל, — זיינען געפאַלן קרבנות, הייליקע קדושים, אָבער דאָס זיינען נישט קיין אומזיסטע קרבנות. דאָס זיינען העלדן, וועלכן האָבן מיט זייער וואונדערבאַרן קאַמף, אַ ניי, רומפול בלעטל אַריינגעשריבן אין דער יידישער געשיכטע.

און נאָך אַ זאַך: דורך זייער העלדישער האַלטונג, האָט די בריטישע טיראַניע געמוזט רעזיגנירן פון אירע טייוולאָנישע פּלענער. דער ערשטער באַווייז זיינען די לעצטע צוויי שיפן מיט 11 הונדערט מעפּילים, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן קיין ציפּערן. דאָס זיינען די ערשטע רעזולטאַטן פון „עקזאָדוס 1947".

ווירקלעך טראַגיש איז אונזער לאַגע, ווען מיר באַטראַכטן איצט ציפּערן אַלס אַ פאַרלייכטערונג און מיר טריומפירן מיטן דאָזיקן זיג... אָבער נישט אין עצם פאַקט האַנדלט זיך איצט, נאָר אין אַ פראַגע פון פּרעסטיזש, פון נאַציאָנאַלער ווירדע. „עקזאָדוס" האָט באַוויזן דער וועלט, אַז מיר זיינען אַ פאָלק מיט די דאָזיקע אייגנשאַפטן און דאָס האָט טאַקע געצוווּנגען די ענגלענדער צו פאַרקירעווען דעם וועג פון די צוויי שיפן קיין ציפּערן.

פאַריז, 28 יולי, 1947 — י. א י י ד ל מ א ן

## „עקזאָדוס 1947" איז שוין אַ לעגענדע

ווער זיינען מעפּילים?— דאָס זיינען די, וועמען עס פאַרפאָלגט דער געשריי פון אונזער אומגעקומענעם פאָלק — און פאַר וועמען עס האָט זיך נאָך נישט פאַרלאָשן דער פייער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

מעפּילים דאָס זיינען די, וועלכע ווילן זיך מער נישט שאַפן די אילוזיע פון אַ נאָרמאַל דערוואַקסענע לעבן — נאָר טראַכטן וועגן דער צוקונפט פון זייערע קינדער, — אַז דאָס געשעענע זאָל זיך מער נישט איבערחזרן.

עס איז פאַר זיי אָפּגעמעסטן יעדע פרעמדע פרייד, ווייל זיי, די מעפּילים, ווייסן אַז זי איז אַ לעת עתהדיקע... דאָס זיינען די מענטשן, וועלכע האָבן געירשנט דעם נישט־הייליקן טרויער נאָך מיליאָנען קדושים און דעם פאַרצווייפלטן מוט פון אונזערע העלדן — די מורדים.

פון די קדושים האָבן זיי געלערנט די טיפע אַנטוישונג אין דער אַרומיקער וועלט, פון די גבורים האָבן זיי געלערנט דעם גלויבן אין זיך אַליין, דאָס קענען שטעלן אין קאָן דאָס לעבן פאַרן כבוד, און זיך אויך אָפּזאָגן פון דער פרייהייט — אויב זי איז אַ צופעליקע... זייער דעוויז איז: נישט לאָזן זיך מער מיטשלעפּן מיטן שטראָם פון דער געוווינהייט, וואָס כאַפּט זיך אָן אָן יעדן ברעג...

די בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל לעבט אין יידישע הערצער שוין יאָרטויזנטער; שיפן מיט יידישע נודדים — דאָס איז אויך נישט פאַר אונז קיין נייעס, נאָך פון מיטלאַלטער. אָבער אַז די וואָגלער זאָלן נישט זוכן סתם אַ האַפן, נאָר זייער בענקשאַפט זאָל טרייבן זייערע שיפן דווקא קיין ארץ־ישראל אין אַזעלכע גרויסע מאַסן — דאָס איז אַן ערשטמאָליקע דערשיינונג אין אונזער נאָך־חורבן־

געשיכטע — אַ פּועל־יוצא פון דער בלוטיקער דערפאַרונג און אויפגעוועקטן באַ־וווסטזיין.

„עקזאָדוס 1947" איז שוין אַ לעגענדע, ווייל — דער וועג פון קאָלומבוסן און זיינע חברים צו געפינען אַ נייע וועלט, איז נישט צו פאַרגלייכן מיט אונזער איבערמענטשלעכן, העראָישן קאַמף איינצונעמען אונזער אַלטע וועלט.

פּאַריז, 1 אויגוסט 1947 ח י י ם ג ר א ד ע

# דוד און גלית

דער פאַל מיט דער העלדישער, קרבנותפולער מעפּילים־שיף „יציאת אירופה תש"ז" האָט אַריינגעשריבן אַ ניי, פּרעכטיק קאַפּיטל אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון ישראל־סבא און וועט קלינגען פאַר די צוקונפטיקע דורות ווי אַ סימבאָלישע לעגענדע.

געניי, ווי דער קליינער, יונגער דוד האָט מיט אַ שטיינדל באַזיגט דעם ריזיקן, פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטן, גלית הפּלישתי, וואָס „האָט געזידלט די רייען פון ישראל" — אַזוי האָבן אונזערע שוואַכע, אויסגעפּייניקטע מעפּילים, מיט קאַר־טאָפל און קאָנסערוון־פּושקעס מאָראַליש אַוועקגעלייגט „אויף ביידע לאָפּאַטקעס" דעם מעכטיקן בריטישן אימפּעריאַליזם. זיי האָבן געלעכערט זיין קופּערנעם שטערן, אַראָפּגעריסן פון אים זיין געפּאַנצערטן צביעות־שילד און אים איבערגעלאָזט אויפן געשיכטלעכן שלאַכט־פעלד אַדם־נאַקעט אין זיין גאַנצן עקלהאַפטיקן ציניזם, ווי דער ברוטאַלער עגאָאיזם האָט אים געהאַט.

איצט ווייס שוין קינד און קייט אויף גאָר דער וועלט, ווער דזשאָן בול איז, און וואָס ער איז אויסן. מיט דער הייליקער ביבל אין דער האַנט און מיט כלומר־שטער „גערעכטיקייט" און „געזעצלעכקייט" אויף די ליפּן, איז ער אין נאָמען פון זיינע ענג־עגאָאיסטישע אינטערעסן גרייט צו שפּרייזן — און שפּרייזט טאַקע — איבער טויטע קערפּערס פון זיינע „באַשיצטע" פעלקער אין אַלע ארבע פינות העולם. אין נאָמען פון זיין „דערהויבענער" אויפגאַבע — צו לעבן אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פון זיינע קאָלאָניאַלע שקלאַפן — שטעלט זיך דער בריטישער „ציוויליזאַטאָר" נישט אָפּ פאַר קיין שום שמוציקער און בלוטיקער נבלה.

די מעכטיקע ענגלאַנד פירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די שוואַכע יידן אויסשליסלעך דערפאַר, ווייל דאָס אַנטשפּרעכט אירע אייגענע, ענגהאַרציקע, עגאָ־איסטישע אינטערעסן; ווייל יידן — האָט זי מורא — וועלן אויפבויען דעם נאָ־ענטן מזרח און אַריינברענגען ליכט צווישן די פאַרשקלאַפטע פעלקער; ווייל די פעיקע יידן קענען נאָך, חלילה, שאַפן אין ארץ־ישראל אַזאַ אינדוסטריע־צענטער, וואָס וועט פאַרקאָנקורירן די ענגלישע אונטערנעמונגען אויף די אָרטיקע מערק; ווייל — קעמפן מיט שוואַכע, שוצלאָזע יידן איז סתם אַן אַנגענעמע זאַך פאַר די בעווינס, וואָס זיינען קעגן ראַסן־טעאָריעס אָבער פאַר ראַסן־פּראַקטיק! און זיי זאָגן אונז דעריבער אָפּ אין די רעכט פון אַ לעבעדיק פאָלק.

וועלן מיר זיי טאַקע ווייזן, אַז מיר זיינען יאָ אַ פאָלק — אַ פאָלק, וואָס קומט, קעמפט און זיגט!

פּאַריז, 23 יולי 1947. א ה ר ן צ פ נ ת

# דער מעפּילים־אָרדן

ענגלישע קריגס־שיפן שווימען מיט אויסגעשטרעקטע לופעס, ענגלישע האַר־מאַטן באַשיסן אַ שיף, — הרוגים און פאַרוווּנדעטע. ענגלישע דיפּלאָמאַטן לויפן אין בהלה און פירן פיבערהאַפטע אונטערהאַנדלונגען. ענגלאַנד פירט מלחמה.

איז אַ נייער היטלער אויפגעשטאַנען און באַדראָט די פרייהייט פון דער וועלט? איז אַ שונא אָנגעפאַלן אויף די בריטן און וויל פאַרכאַפּן זייער לאַנד? ניין.

דאָס האָבן 4500 יידן, נישט געוואָלט מער וועגעטירן אין די לאַגערן און האָבן איבער שטורעמדיקע ימים געלאָזט זיך צו זייער היים. דאָס האָבן שוואַנגערע פרויען נישט געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן קומען אויף דער וועלט אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ אַזוי פיל מיליאָנען יידן זיינען אומגעקומען, נישט געוואָלט, אַז דער ערשטער אויסגעשריי פון זייערע קינדער זאָל זיך אויסמישן און פאַרלאָרן ווערן צווישן די געשרייען פון די פאַרפייניקטע, וואָס טראָגן זיך נאָך אין דער לופט. דער מוטערלעכער אינסטינקט, דער אור־דראַנג ביי יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש, צו געפינען אַ זיכערע, באַשוצטע נאָרע, ווו צו געבוירן דאָס קינד, האָט זיי געטריבן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

און קעגן זיי פירט ענגלאַנד מלחמה. אויף זיי לויערן קריגס־שיפן. צו זיי האָבן געשאָסן ענגלישע האַרמאַטן. זיי פירט מען דאָס געפאַנגענען אויף דריי קרייצערס און ענגלישע דיפּלאָמאַטן זוכן, וווּ זיי אונטערצוּוואַרפן.דריי ענגלישע קרייצער־שיפן פירן געפאַנגענע זקנים, געפאַנגענע קינדער, געפאַנגענע עופעלעך, וואָס געפינען זיך נאָך אין די טראַכטן פון זייערע מוטערס, געפאַנגענע, נאָך איידער זיי האָבן דערזען די ליכטיקע שיין.

וואָס פאַרא ווערט האָבן די גבורות פון דעם מעכטיקן ענגלישן פלאָט, אַנט־קעגן דער נידערטרעכטיקייט פון זייער איצטיקער מיסיע? וואָס פאַרא באַדייט האָט אַמאָליקער רום אַנטקעגן דער שאַנד, מיט וועלכער די ענגלישע קריגס־שיפן האָבן זיך איצט באַדעקט?

אויף די קרייצער־תפיסות פלאַטערט די ענגלישע פאָן. צי טראַכט איר נישט, אַז ס'וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען די ענגלענדער אַליין וועלן משפטן פאַר פּראָ־פאַנאַציע די, וואָס האָבן די ענגלישע פאָן איבער אַזאַ נידערטרעכטיקן אַקט אויס־געשפּרייט?

אַהין — איז ליבע, פרייהייטס־דורשט, גבורה, און קדוש־השם געשוווּמען אונטער אַן אָרעמער בלוי־ווייסער פאָן, צוריק — פירט פאַראַט, געמיינקייט און ווילקיר אונטער דער מעכטיקער ענגלישער פאָן. ווי אָרעם, ווי פאַרבלאָז איז די פאָן פון די באַזיגער אַנטקעגן דער פאָן פון אונזערע מעפּילים!

אין אונזערע טעג איז אויפגעגאַנגען אַ נייע גלאָריע פאַר דער געשיכטע פון אונזער פאָלק. אַ וואָרט אַזאַ, וואָס די טאַט האָט עס דערהויבן צו אַ הייליקייט, צו אַ שם המפורש, וואָס איז מחיה מתים אונזער שטאָלץ און אונזער האָפענונג, אונזער גלויבן אין זיך און אין אונזער צוקונפט, און וואָס גיט אונז טרייסט און מוט. אַ וואָרט אַזאַ איז געוואָרן דאָס וואָרט „מעפּילים"! אויב דאָס וואָרט חשמו־נאים האָט געשטאַרקט במשך צוויי טויזנט יאָר דעם גלות, וועט דאָס וואָרט מעפּילים געבן כוח אַ סוף צו מאַכן צום גלות און דערפירן אונז צו גאולה. מיר גלויבן, אַז קומען וועט נאָך אַזאַ טאָג, ווען אַן ענגלענדער וועט שטאָלץ זיין

אויב די יידישע מלוכה וועט אים אויסצייכענען מיט איינעם פון אירע גרעסטע און דערהויבנסטע אָרדנס — מיט דעם מעפּילים־אָרדן.

פּאַריז, 1 אויגוסט 1947 — י ה ו ד ה  ע ל ב ע ר ג

## „עקזאָדוס" האָט דער וועלט געלערנט!

„עקזאָדוס 1947" איז בלויז דער קולמינאַציע־פּונקט פון ענגלאַנדס ווילן צו ראַטעווען איר פּרעסטיזש מיט תליות און גירושים. אויב דער 29־טער יוני 1946 איז געווען אַ גרויסער אַקט פון פאַרברעכן, איז עס אָבער געווען אין ארץ־ישראל. איצט האָט ענגלאַנד איר פאַרברעכן און נאַרישקייט אונטערגעטראָגן ביז צו די אויגן פון דער וועלט! און דאָס וועט זיך אין איר נוקם זיין.

מיט „עקזאָדוס 1947" האָט ענגלאַנד געוואָלט אַ סוף מאַכן צו אונזער עליה, אָפּשרעקן די ווייטערדיקע. איז עס איר געלונגען? ניין! און ענגלאַנד האָט דערביי געמאַכט עטלעכע קאַרדינאַלע טעותים.

ווייל:

א) אָפּלענקען דעם יידישן דראַנג צו ארץ־ישראל קאָן מען נישט מיט לאָזונגען און נישט מיט דראָונגען! די יידן, וואָס פאָרן אויף אַזעלכע שיפן האָבן דאָס וואָרט „פּחדנות פאַר דראָונגען" אויסגעמעקט פון זייער טערמינען־אוצר;

ב) דער יידישער גאַנג צו ארץ־ישראל איז נישט בלויז אַ באָדן־זוכעניש, נאָר דער באַפעל פון אַ דורותדיקן לעבץ אויסצוגלייכן דעם רוקן ביים יידישן גורל. מעפּילים זוכן נישט קיין רחמנות און מיטלייד, זיי פאָרן קיין ארץ־ישראל, צו זיך אַהיים, בכדי צו ווערן באַפרייטע צוזאַמען מיט זייערע ברידער.

ג) מיט „עקזאָדוס 1947" האָט ענגלאַנד זיך שוין איבערגעפּרעסט מיט אַכזריות: מיט דעם האָט ענגלאַנד מער אויפגעטרייסלט דאָס וועלט־געוויסן, ווי מיר האָבן עס געקענט טון. נאָך „עקזאָדוס" קוקן אויך אַ סך ענגלענדער מיט עקל אויף זייער רעגירונג. די וועלט — אוודאי...

און דעריבער, אויב ענגלאַנד האָט געהאַט בדעה צו פירן ווייטער דעם קריג קעגן דער יידישער עליה — ביים שטילשווייגן פון אַ וועלט — האָט זי מיט „עקזאָדוס" זיך אַליין געלייגט אַ שטיין אויפן דאָזיקן ברוטאַלן און שעדלעכן וועג.

מיט „עקזאָדוס 1947" האָט ענגלאַנד פאַרשנעלערט אונזער וועג צו די מענטשלעכע הערצער פון דער וועלט, און אויך דעם וועג צו אונזער לאַנד.

פון „עקזאָדוס" האָט די וועלט געלערנט:

1) ווי ווייט ענגלאַנד קאָן זיך פאַרגאַלאָפּירן;

2) אַז גרויס־פּאָליטיק קאָן אויך געטריבן ווערן מיט קליינקעפּלדיקייט און ענגהאַרציקייט;

3) אַז דאָס יידישע פאָלק קאָן מען נישט אָפּשטעלן מיט ברוטאַליטעט און נישט שוואַכער מאַכן מיט מיטלייד;

4) אַז מיט אַזעלכע כוחות, ווי „עקזאָדוס 1947" האָט עס באַוויזן — מוזן מיר אונזער לאַנד דערגרייכן.

כבוד די געפאַלענע פאַר אונזער דאָזיקן ווילן!

ברכות און גרוסן, אונזער האַרץ פאַר די, וואָס דעמאָנסטרירן אונזער עקשנות־כוח פאַר דער גאַנצער וועלט!

פּאַריז, 1 אויגוסט 1947 — מ ר ד כ י  ש ט ר י ג ל ע ר

## פאַר דער נצחיות פון יידישן פאָלק

נאָך שרייט די ערד אין אייראָפּע מיט אונזער נישט־אָפּגעטריקנט בלוט, נאָך קרעכצט די יבשה מיט די צענדליקער טויזנטער לעבעדיק־באַגראָבענע יידן — און שוין גייט אויף אַ נייער ווייטיקלעכער פּראָטעסט־געשריי אויף די ימען. דער געשריי פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וואָס ראַנגלען זיך קעגן דער נייער, ברוטאַלער קראַפט, וואָס וויל זייערע הייליקסטע געפילן און שטרעבונגען שענדן.

נאָר עס וועט זיי נישט געלינגען. פּונקט ווי עס איז נישט געלונגען די היטלער־מערדער אונדז אומברענגען פיזיש אין די קרעמאַטאָריע־פייערן — אַזוי וועט אויך די בעווין־לייט זיך נישט איינגעבן אונזער גייסט אין די שטורמישע וואַסערן צו דערטרינקען.

איז טאַקע נישט צו זיי, די געוויסנלאָזע תקיפים, קען אונזער פּראָטעסט־וואָרט זיין געווענדעט. ווען, עמפּערט ביז צו די טיפסטע טיפענישן, זיינען מיר עדות, וויאַזוי אַט די נאָבעלע לייט, די מכלומרשטע סאָציאַליסטישע דזשענטעלמענער, זיינען פאַרנומען מיט די גרויסמוטיקע, איידעלע פּלענער צו ראַטעווען דאָס דייטשע פאָלק—אַט דאָס פאָלק פון פאַרברעכער און קינדער־מערדער—אַז עס זאָל נישט אויסגיין, חס ושלום, פון הונגער און אַז זיינע קינדער זאָלן האָבן אַ געזיכערטע היים און צוקונפט, — אין אַט דער זעלבער צייט איז דער באַוואָפנטער אָרעם פון אַט די דזשענטעלמענער געווענדעט גאָר קעגן אונדז, קעגן די קרבנות פון היטלער־מאָרד, קעגן דער שארית הפליטה פון די זעקס מיליאָן אומשולדיקע, בעסטיאַליש־אומגעבראַכטע יידן אין אייראָפּע.

איז נישט צו זיי איז אונזער וואָרט איצט געווענדעט, נאָר צו אייך, אונזערע העלדישע זין און טעכטער, וואָס האָבן באַשלאָסן זייער שפּלדיקע עקזיסטענץ אויף אַ העכערן, שענערן לעבנס־נוסח צו פאַרטוישן און זיינען גרייט און אַנטשלאָסן זיך נישט אונטערגעבן קיין שום געפאַר און קיין שום קראַפט און ווילקיר, וואָס וועט זיך זיי אַנטקעגנשטעלן.

איז זייט געמוטיקט און געשטאַרקט. מיר זיינען אַלע מיט אייך. „עקזאָדוס 1947" וועט ווערן דער סימבאָל און די פאַרקערפּערונג פון אונזער אומבויגזאַמען ווילן און מוט אין דעם געראַנגל פאַר אַן אייגענער מלוכהשאַפט און פאַר דער נצחיות פון יידישן פאָלק.

פּאַריז, 1 אויגוסט 1947 — יוסף רובינשטיין

## אויף „עקזאָדוס 1947" זיצט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק!

...אויף „עקזאָדוס 1947" זיצן נישט 4500 מעפּילים. דאָרט זיצט אַ מיליאָן, דאָרט געפינט זיך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס וועט זיך נישט לאָזן פאַרוואַנדלען אין אַ פּעקל, וואָס מען וואַרפט עס פון איין אָרט צום צווייטן. דאָס יידישע פאָלק האָט שוין באַוויזן דער גאַנצער וועלט, אַז עס לעבט, פילט און קעמפט מיט שטאָלץ און מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן — אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — אויסדויער און מסירת נפש, פאַר זיינע רעכט צו לעבן ווי אַ פריי פאָלק, ווי פרייע מענטשן.

די „עקזאָדוס"־מעפּילים ווילן און קענען מער נישט באַטרעטן די שמוציקע,

פאַרבלוטיקטע ערד פון די פריצים, הערמאַנס און קורטס. זיי וועלן נישט צוריקגיין אין די לאַגערן, ווו מען האָט פאַרברענט זייערע עלטערן, ווייל זייערע אויגן האָבן שוין געזען די ווייסע הייזער פון יידישן לאַנד, די גרינע פעלדער פון יידישן דאָרף, דערפילט דעם הייסן אָטעם פון יידישן ישוב, וועלכן זיי האָבן שוין איינגעזאַפּט אין זיך ביי די ברעגעס פון חיפה.

זיי ווילן אַהיים! צו זיך אַהיים!

וועט די וועלט דערלאָזן צו דער מעשה נבלה פון דער ענגלישער רעגירונג? איז דען די וועלט טאַקע אַזוי שרעקלעך הפקר?

מיר ווילן גלויבן, אַז ניין. אָבער טיף אין אונזער האַרצן וועקט זיך דער אומרו, מיט וועלכן מיר גייען אַנטקעגן דעם טאָג פון אָנקומען קיין האַמבורג פון די „עקזאָדוס"־מעפּילים און אַנטקעגן דעם, וואָס וועט דאָרט געשען. וואָס אָבער עס זאָל נישט געשען, מוזן זיי וויסן — זיי, די יינגלעך און מיידלעך פון די „עקזאָדוס"־שיפן, אויף וועלכע זיי האָבן אין די שווערסטע טעג איינגעאָרדנט שולן, טעאַטער־און שאַך־שפּיל — זיי, די מאַמעס מיט זייערע זויג־קינדערלעך, איינגעוויקלטע אין שמאַטעס — זיי, די אַלטע טאַטעס און מאַמעס, וועלכע האָבן, טראָץ שוואַכקייט, הונ־גער און פאַרמאַטערטקייט, נישט געוואָלט אַראָפּגיין אויף דער גאַסטפריינטלעכער ערד פון פראַנקרייך, נאָר פריייוויליק און מיט אמת יידישער מסירת נפש געטיילט דעם גורל פון דעם רעשט מעפּילים — זאָלן זיי אַלע וויסן, אַז אַרום זיי האָט זיך פאַראייניקט, אפשר צום ערשטן מאָל, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין אַלע זיינע שיכטן און גרופּירונגען.

אָט די דאָזיקע אייניקייט זאָל פאַר זיי זיין אַ טרייסט און אַ האָפענונג, אַז זייערע ליידן וועלן נישט זיין אומזיסט.

דאָס ערשטע פאָלק, וואָס האָט אונטערדריקט די יידן — מצרים — האָט גע־האַט זיין מפּלה ביים ים — דאָרט, ווו זיי האָבן געוואָלט פאַרטיליקן מיט שווערט און אייזן, דעם דעמאָלטיקן „עקזאָדוס".

מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז אויך די, וואָס ווילן פאַרטיליקן אויף דעם ים דעם נייעם „עקזאָדוס 1947", וועלן האָבן זייער מפּלה.

זיי: „צללו כעופרת במים אדירים" — זיי וועלן אונטערגיין ווי שווערער בליי אין די שטאַרקע וואַסערן.

און מיר: „ועלו מושיעים בהר ציון" — און דאָס יידישע פאָלק וועט צוריקערן צו זיך אַהיים.

אין דעם גלויבן מיר מיט אונזער טיפסטער אמונה.

פּאַריז, 26 אויגוסט, 1947. מ. קאַלכהיים

# צוריק אויף דער פארשאלטענער דייטשער ערד

## „עקזאָדוס"־מעפּילים פאַרלאָזן פּאָרט־דע־בוק

פּאָרט־דע־בוק, פּרייטיק האַלב צוועלף אין אָוונט.

די דריי ענגלישע שיפן, מיט 4304 פּליטים, האָבן היינט אָוונט פאַרלאָזט פּאָרט־דע־בוק, און זיינען אָפּגעשווומען אין דער ריכטונג פון דרום־מערב. זיי האָבן איצט אָנגעהויבן זייער דריטע רייזע זינט זייער פאַרלאָזן אייראָפּע אויף דער „הגנה"־שיף.

„רונימער פּאַרק" איז אָפּגעפאָרן 6 אָוונט, די שיף „אושען וויגאר" מיט 10 מינוט שפּעטער און „עמפּייר רייוואל" — אַ פערטל נאָך זעקס. עס האָבן זיי באַגלייט ענגלישע קריגס־שיפן.

דערמיט פאַרענדיקט זיך דאָס צווייטע קאַפּיטל פון דער „עקזאָדוס"־דראַמע. דאָס ערשטע קאַפּיטל האָט זיך געענדיקט אין ארץ־ישראל. דאָס דריטע וועט זיך ענדיקן אין האַמבורג און די פּליטים ווייסן נישט וויפיל קאַפּיטלען זיי וועלן נאָך האָבן צו שרייבן. אָבער, ווי עס האָט געזאָגט איינער פון זיי: „אַלע ווייסן, אַז דאָס לעצטע קאַפּיטל וועט זיך ענדיקן אין ארץ־ישראל".

עטלעכע קאָרעספּאָנדענטן האָבן באַקומען היינט די דערלויבעניש אַרויפצוגיין אויף דער שיף און איך האָב באַזוכט „רונימער פּאַרק" קורץ פאַר איר אָפּפאָר.

די ענגלישע עסקאָרטע האָט אונז דערלויבט צו שטעלן פראַגן די פּליטים נאָר ביים אַריינגאַנג פון דער שטייג־שיף. די פּליטים האָבן אָבער נישט געוואָלט ענטפערן אויף די פראַגן און געשריען: „אויב איר ווילט מיט אונז רעדן, טו קומט אַראָפּ צו אונז אינעווייניק!".

ערשט נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער שיף־לייטונג, האָט די לעצטע אונז געגעבן די דערלויבעניש אַריינצוגיין, אָבער מיט דער באַמערקונג, אַז מיר טוען דאָס „אויף אונזער אייגענער ריזיקע". דורכשפּרייזנדיק צווישן הונדערטער ליגנדיקע קערפּערס, לענגאויס די קלאָזעטן און וואַש־אַנשטאַלטן, זיינען מיר דורך שמוציקע און געפערלעכע טרעפּ, אַראָפּ צום אונטערדעק.

הונדערטער מענער, פרויען, יוגנטלעכע און קינדער זיינען דאָ געזעסן אויף שמוציקע דעקעס אויסגעשפּרייטע אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע. נישטאָ קיין בעטן אויף דער שיף, און מען ליגט דאָ אויף דער גאַלער ערד, צוזאַמענגעפּרעסט ווי הערינג אין אַ פאַס, פיר מענטשן אויף איין דעקע און דער לעבנסרוים פון יעדן פּליט פאַרנעמט אַזאַ שטח, וויפיל נאָר אַ קערפּער קען פאַרנעמען.

בעת מיר האָבן זיך באַוויזן האָבן עטלעכע זקנים, מענער און פרויען אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אָבער אויף דער פראַגע צי זיי ווילן אַראָפּ פון דער שיף, האָבן אַלע געענטפערט: „ניין, מיר וועלן דאָ נישט אַראָפּגיין". אַ יונגער בחור, מרדכי ק.,

פון „השומר הצעיר" האָט אונז אין נאָמען פון אַלע פּליטים דערקלערט: „מיר האָפן, אַז דאָס וועלט־געוויסן וועט אויפגערודערט ווערן און וועט אויסאיבן אַ דרוק, כדי נישט צו דערלאָזן אַז מען זאָל אונז אַוועקפירן קיין דייטשלאַנד. ווען נישט — וועט זיך גיסן בלוט אין האַמבורג. און די ריכטער פון נירנבערג וועלן דאַן ווידעראַמאָל באַווייזן דעם דייטשן פאָלק, אַז יידיש בלוט קען זיך ווייטער גיסן אומבאַשטראָפט. די פּאַרטיזאַנער און געטאָ־העלדן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די נאַצישע רוצחים, וועלן אויך נישט קאַפּיטולירן פאַרן ענגלישן כוח.

מיט פאַרקלעמטע הערצער זיינען מיר אַראָפּ פון דער שטייג־שיף.

ווען די שיף האָט גערירט פון אָרט האָבן די פּליטים אויפגעוויקלט אַ גרויסע שוואַרצע פאָן, אויף לינקס פון וועלכער ס'איז געווען אויסגעמאָלט דער בריטישער עמבלעמאַט און אויף רעכטס אַ... האַקנקרייץ. ווען די פאָן האָט זיך באַוויזן איבער דער שיף האָבן די פּליטים שטאַרק אַפּלאָדירט.

פּ.

## דערקלערונג פון „הגנה"־פאַרשטייער

פּאַריז, אויגוסט

אין שייכות מיט דער באַרבאַרישער מיטיילונג פון דער ענגלישער רעגירונג, אַז זי וועט צוריקשיקן די „עקזאָדוס"־מעפּילים קיין דייטשלאַנד האָט דער „הגנה"־פאַר־שטייער אין אייראָפּע דערקלערט:

1. אונזער כוח האָט נישט באַוויזן דאָסמאָל צו ברענגען די „עקזאָדוס"־מעפּילים אין זייער פאָטערלאַנד. אָבער אונזערע אַנשטרענגונגען וועלן אויך ווייטער אַבסאָלוט נישט אויפהערן.

2. די העפּלה וועט ווייטער פאַרגרעסערט און פאַרשטאַרקט ווערן אין אַלע גלות־לענדער.

3. מיר וועלן מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען כדי צוריקצוברענגען אין דער נאָר נאָענטסטער צייט די „עקזאָדוס"־מעפּילים קיין ארץ־ישראל.

4. די מעפּילים האָבן מיט זייער העלדישער האַלטונג אַריינגעשריבן אַ ליכטיק בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן באַפרייונגס־קאַמף.

5. מיר דריקן אויס אונזער האָפענונג, אַז די גאַנצע קולטורעלע מענטשהייט וועט מיט אַ קללה באַגלייטן דאָס שענדלעכע פאַרברעכן פון דער ענגלישער רעגירונג.

## צוריק צום פאַרשאָלטענעם לאַנד! (מעפּילים דערציילן . . .)

געווען איז עס שוין ביים סוף פון דער פינפטער וואָך, וואָס מיר זיינען גע־שטאַנען אין פּאָרט־דע־בוק. די ענגלענדער האָבן צווישן אונז צעטיילט אויפרופן, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז אונזער גורל איז שוין באַשטימט געוואָרן, און אַז מען פירט אונז צוריק קיין דייטשלאַנד.

עס איז אונז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. וואָס? צוריק צו דער פאַרשאָל־טענער און בלוטיקער דייטשער ערד? איז דאָס מעגלעך?... אַ ציטער און

א כעס האָט אונז אַלע ארומגעכאַפּט. מיר האָבן נישט געוואָלט גלויבן אין דעם. אָבער דער קאַפּיטאַן האָט אונז באַלד מודיע געווען, אַז מאָרגן זעקס נאָכמיטאָג, שווימען די שיפן אָפּ פון פּאָרט־דע־בוק און יעדער, וואָס וויל דאָ אַראָפּגיין, דאַרף דאָס טון ביז צו יענער שעה.

ס'איז באַלד צונויפגערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן פּראָטעסט־מיטינג. די מעפּילים האָבן ווידער אַמאָל געלאָזט הערן זייער אומבויגזאַמע און פעסט־אַנטשלאָסענע דעציזיע — מיר וועלן נישט אַראָפּגיין!

עס איז נאָר געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם פאַר עטלעכע שווער קראַנקע מעפּילים און זייערע פאַמיליעס, ווייל פירן זיי ווייטער אין די דאָזיקע שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען האָט געהייסן: פאַראורטיילן זיי אויף טויט.

מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אַז נאָך אינם זעלבן טאָג דאַרף אונז באַזוכן אַ דעלעגאַציע פון דער וועלטלעכער פּרעסע. האָבן מיר דעריבער באַשלאָסן אויפצונעמען זיי ווי ס'דאַרף צו זיין. פון קאַצן, וואָס די קינדער האָבן געשטעלט צו אונזער דיספּאָזיציע, האָבן מיר צוגעגרייט אַ גרויסע פאָן, צוזאַמענגעוויקלט זי און געוואַרט, ביז די דעלעגאַציע וועט אָנקומען. ווען זי איז אַרויף אויף דער שיף, זיינען מיר אַלע אַרויף אויפן דעק מיט דער איינגעוויקלטער פאָן אין שפּיץ. פּאַמעלעך האָבן מיר אָנגעהויבן אויפצוּוויקלען די פאָן. די זשורנאַליסטן מיט זייערע ענגלישע באַגלייטער זיינען געשטאַנען ווי געפּלעפטע און געוואוסט נישט וויסנדיק, וואָס דאָ קומט פאָר. אויפן ראַנד פון דער פאָן האָט זיך באַוויזן דער בריטישער עמבלעמאַט און די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן בראַוואָ, מיינענדיק שוין, אַז דאָס זיינען מיר געקומען באַגריסן זיי מיט דער בריטישער פאָן. באַלד האָבן זיי זיך אויסגעצויגן ווי סטרונעס, סאַלוטירט און אָנגעהויבן זינגען דעם בריטישן הימן. ערשט דעמאָלט האָבן מיר פאַרגעזעצט אויפצוּוויקלען די פאָן ביז צום סוף, און מיטאַמאָל... זיינען די ענגלענדער האַסטיק פאַרשטומט געוואָרן. אינמיטן האָט זיך באַוויזן... אַ מעכטיקער האַקן־קרייץ. דאָס געזאַנג איז זיי געבליבן שטעקן אינם גאָרגל און מיט חרפּות און בושות האָבן זיי זיך שנעל אָפּגעטראָגן פון דער שיף.

ביינאַכט זיינען ווידער צוגעקומען צו אונז די „הגנה"־שיפלעך און די בחורים האָבן צו אונז אַרויפגעשריען: „האַלט זיך פעסט, ברידער! זייט מוטיק און שטאָלץ! ווו איר וועט פאָרן, דאָרט וועט אויך מיטפאָרן די „הגנה"! אויך ביי די דייטשע ברעגעס וועלן מיר זיין מיט אייך!" אַלע דריי דעפּאָרטאַציע־שיפן האָבן מיטאַמאָל געלאָזט אין גאַנג זייערע סירענעס, כדי צו פאַרטויבן די ווערטער פון די „הגנה"־מענטשן, אָבער מיר האָבן זיי גוט, זייער גוט, געהערט און געפילט.

מיט אומרו האָבן מיר געוואַרט במשך פון לאַנגע שעהן און געוואָלט זען: וועט זיך דאָך ווער צוזאַמענברעכן און פאַרלאָזן די שיף און די מענטשן, וואָס זיינען אויף איר? ניין, נישטאָ אַזעלכער! קיינעם איז נישט געקומען אויפן געדאַנק אַראָפּצוגיין אויף דער פראַנצויזישער ערד, טראָץ דער גרויזאַמער בשורה, אַז מען פירט אונז צוריק קיין דייטשלאַנד. שטאַרק איז געווען דער געפיל, אַז עס בינדט איצט דאָ דער געמיינזאַמער גורל פון אַן עת צרה. אָבער נאָך שטאַרקער איז געווען דער ברויזנדיקער כעס און די שנאה צו די פאַרברעכערישע שליטים, וואָס פירן צוריק די קרבנות פון דייטשן נאַציזם צו דער פאַרבלוטיקטער דייטשער ערד. די גאַנצע מחנה איז געווען דורכגענומען מיט דער גרייטקייט, אויפצונעמען אַפילו דאָס

# אָפּעראַציע „אָאַזיס" אין האַמבורגער פּאָרט



צו צוויי אויף איינעם שלעפּן די ענגלישע סאָלדאַטן די מעפּילים
פון דער שיף צו די פאַרקראַטעוועטע וואַגאָנעס



דייטשע סאָלדאַטן לאָזן קיינעם נישט צו צום פּאָרט,
וו סיקומט פאָר די אַרויסזעצונג

ערגסטע, און אויב אפילו עס זיינען געווען אזעלכע וואס האבן זיך געוואקלט, זיי־נען זיי מיטגעריסן געווארן מיטן מעכטיקן שטראם.

ניין, קיינער פון דער מעפּילים־מחנה האט נישט פאראטן.

...אבער אפילו אין די שווערסטע שעהן אונזערע, האבן נישט געפעלט קיין מאמענטן פון הארציקן געלעכטער. אויף דער אלגעמיינער אסיפה, ווען מען האט באשלאסן נישט אראפּצוגיין, צעשרייט זיך פּלוצים אן עלטערע יידענע: — „און מיר גיט מיין פּלעצאק. איך גיי אראפּ!" — פאלט אויף איר באלד ארויף איר מאן, אן עלטערער בהדרתדיקער ייד, מיט א געשריי און א פארביילטער פויסט: — „שוויג, יענטע!"

דער גאנצער עולם ברעכט אויס אין א הארציקן געלעכטער, וואס פארטרייבט אויף א מאמענט די אנגעשטרענגטע שפּאנונג.

*

צומארגנס. מיר זעען, ווי ס'ווערן געמאכט אלע פארבארייטונגען אפּצושווימען. און דאך קענען מיר נאך אלץ נישט מסכים זיין מיטן גרויזאמען געדאנק, אז מיר פארן צוריק קיין דייטשלאנד. ערגעץ־ווו, אין א ווינקעלע פון אונזער הארץ, טליעט נאך ביי יעדן פון אונז א שטיקל האפענונג: — און אפשר נארן זיי אונז נאר אפּ, כדי צו צעברעכן אונזער גייסט?... און מיר האבן זיך געזאגט: אויב די שיף וועט זייגער זעקס רירן פון ארט, וועט עס הייסן, אז די גזירה איז טאקע א ווירקלעכקייט.

געווען איז דאס א פרייטיק. פּונקט זעקס א זייגער האבן מיר דערהערט, ווי מען הויבט אויף דעם אנקער, די שיף האט זיך אנגעהויבן וואקלען, די מאטארן ווארטשן און די שיף האט גערירט פון ארט.

מיר האבן פארשטאנען — אונזער גורל איז געחתמעט.

און דאך, האבן מיר אויך אין יענעם פרייטיק־צו־נאכטס נישט רעזיגנירט פון אונזער טראדיציע און איינגעארדנט אן עונג־שבת. דער פּראגראם, וואס צוגעגרייט האבן אים די קינדער, איז געווען רייכער, ווי ווען עס איז פריער. דער צענטראלער פּונקט פונם פּראגראם איז געווען דאס ליד:

פרייהייט האט די וועלט באקומען
מיר קיין פרייהייט האבן נאך.
יעדעס פאלק זיין ערד באקומען —
אונזער ערד ליגט נאך אין יאך.

ס'טרעפט, אז דו ווערסט אמאל גלייכגילטיק צו ווערטער פון א ליד, וואס דו זינגסט עס אפט, און הערסט זיך שוין מער נישט צו צו זייער אינהאלט. אבער ווי אינטענסיוו האבן מיר זיך דעמאלט צוגעהערט און איינגעזאפּט אין זיך די פּשוטע ווערטער פון דעם באקאנטן אונז ליד. — „פרייהייט האט די וועלט באקומען"... און מיר? — „יעדעס פאלק זיין ערד באקומען"... און מיר? יא, אונז פארשלעפּט מען צוריק קיין דייטשלאנד... א ציטער האט אונז דורכגענומען, ווען מיר האבן אנגעהויבן אריינצוטראכטן זיך אין דער זאך, ווען מיר האבן דערמאנט אט דעם פארשאלטענעם נאמען.

...דער אפּקלאנג פון די סאלדאטסקע טריט אויפן דעק האט איבערגעריסן די שטילקייט, וואס האט זיך אויף א רגע צעשפּרייט אינם קעלער. יעדער ווילע האט אן אנדערער ענגלענדער אריינגעשטעקט דורך דער טיר זיין פּנים מיט א גאליקן שמייכל אויף די ליפּן. דער שווייצארישער דאקטאר און דער אמעריקאנער זשורנא־

ליסט, וועלכע זיינען געפאָרן צוזאַמען מיט אונז און האָבן דעם אָוונט פאַרבראַכט מיט אונז אין קעלער — זיינען געזעסן שטומע אין זייערע ווינקלעך און האָבן גע־קריצט מיט די ציין פאַר אויפרעגונג. מיר האָבן זיך צעשריען צו די ענגלענדער, וואָס האָבן געשפּרייזט אויפן דעק:

— „מאַרשירט, מאַרשירט אין אייערע באַקלאַפּטע מיט טשוועקעס שיך איבער אונזערע קעפּ! — אָבער געדענקט, אויך אויף אייך וועט קומען די צייט, אוי וועט זי קומען!

— גרייט צו פאַר אונז מאַשין־געווער, גראַנאַטן און קרעמאַטאָריעס אפשר אויך. אָבער געדענקט, איר וועט אונז נישט בייקומען! קיינמאָל!

*

באַלד אין דער ערשטער נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. ווידער האָט אונז די ים־קראַנקייט אַריינגעכאַפּט אין אירע שפּאַנעס. די טירן זיינען געווען פאַרשלאָסן און קיין פענסטער זיינען דאָך אין קעלער בכלל נישט געווען און די שטיקעניש און די היץ האָבן נאָך פאַרערגערט די לאַגע. אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט דער שטור־דעם און געווען איז דאָס אַ שרעקלעכע נאַכט. ערשט אינדערפרי האָט דער שטורעם אויפגעהערט און דער ים האָט זיך איינגעשטילט.

שבת אינדערפרי זיינען מיר זיך ווידער צוזאַמענגעקומען, כדי צו באַראַטן זיך וועגן אונזער צוקונפטיקער האַנדלונג, ווען מיר וועלן קומען צו די דייטשע ברעגעס. און ווידער איז געפאַלן אַן איינשטימיקער און פעסטער באַשלוס — ס'וועט זיין אַ קאַמף! אויב אפילו ס'איז שוין נגזר געוואָרן אויף אונז, מיר זאָלן ווידער באַטרעטן די דייטשע ערד, וועלן מיר אָבער מיטן אייגענעם ווילן קיינמאָל נישט אַראָפּגיין! נאָר מיט כוח וועלן זיי אונז קענען אַפּרייסן פון דער שיף. עס איז אויסגעוויילט גע־וואָרן אַ קאָמיסיע, וועמענס אויפגאַבע איז געווען, אויסצואַרבעטן אַ גענויעם פּלאַן פונם קאַמף. מיר האָבן זיך געפילט געשטאַרקט, אָבער טראָץ אַלעמען האָט ווידער געדריקט אויף אונז דער געפיל פון איינזאַמקייט — ווידער האָבן מיר זיך נישט אויף קיינעם צו פאַרלאָזן, ווי נאָר אויף אונז אַליין.

מיר זיינען צוגעקומען צום גיבראַלטאַר. אינם גיבראַלטאַר־פּאָרט האָבן מיר באַקומען דערמוטיקונגס־בריוו פון די יידן, וואָס וווינען אין שטאָט און אפילו פעק־לעך מיט עסנוואַרג און קליידער. מיר האָבן אונזערע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. עס איז אונז אפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל געפינען זיך אויך יידן און דערצו נאָך יידן, וואָס פילן מיט אונזער ווייטיק און וואָס זייערע הערצער זיינען מיט אונז. מיר האָבן ווידער אויפגעלעבט; פאַרשוווּנדן איז דער געפיל פון איינזאַמקייט און פאַרלאָזנקייט. אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז מען האָט אונז פאַרגעסן. ניין, אומעטום, וווּ נאָר יידן געפינען זיך, טראַכטן זיי און דענ־קען וועגן אונז!

די ענגלענדער האָבן מיט פאַרוואונדערונג זיך צוגעקוקט צו אונזער פרייד. — „וויאַזוי — האָבן זיי געטענהט — איז דאָס מעגלעך, אַז אומעטום אין דער וועלט האָט איר ברידער און פריינט און מענטשן, וואָס זוכן אייך צו העלפן?״ — זיי האָבן דאָס נישט געקענט באַגרייפן. זיי האָבן נישט געקענט באַגרייפן, אַז די קללה פון זיין אין גלות, אַנטהאַלט אָבער אין זיך אויך אַמאָל די גרויסע און שטאַרקע ברידערלעכקייט פון מענטשן, וואָס געפינען זיך צוזאַמען אין אַן עת צרה.

## אָנגעקומען קיין גיבראַלטאַר

26 אויגוסט 1947

די דריי שיפן, אויף וועלכע עס געפינען זיך די 4400 עמיגראַנטן פון „עקזאָ־דוס" זיינען אָנגעקומען קיין גיבראַלטאַר. די מעפּילים־שיפן ווערן באַגלייט פון אַ קרייצער און אַנדערע, קלענערע בריטישע קריגס־שיפן.

ווי עס גיט איבער די פראַנצויזישע פרעסע־אַגענטור האָט די מאַנשאַפט פון דער שיף „רונימעד פּאַרק" אָפּגעזאָגט זיך ווייטער צו פאָרן אויף דער שיף מאָטיווירנדיק דאָס מיט דער אומאָראַלישער אויפגאַבע, מיט וועלכער מען האָט זיי באַלאַסטעט.

וואַרשיינלעך וועלן די מאַנשאַפטן פון די אַנדערע שיפן אויך זיך אָפּזאָגן ווייטער צו פאָרן.

די ענגלענדער זוכן אויף געוואַלד צוזאַמענצושטעלן אין גיבראַלטאַר נייע מאַטראָזן־מאַנשאַפטן.

## ענגלאַנד האָט מורא פאַר דער עפנטלעכער וועלט־מיינונג

לאָנדאָן, 27 אויגוסט, 1947

אַ פאָרשטייער פון דער בריטישער קאָנטראָל־קאָמיסיע האָט דערקלערט, אַז די זשורנאַליסטן וועלן האָבן די מעגלעכקייט צו אינפאָרמירן די וועלט וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע די מעפּילים פון „עקזאָדוס" וועלן אַראָפּגעזעצט ווערן אין האַמבורג. ער האָט אָבער צוגעגעבן, אַז ס'איז ווייניק וואַרשיינלעך, אַז זיי זאָלן קענען באַזוכן די שיפן, איידער די אָפּעראַציע וועט געענדיקט ווערן און דאָס, — האָט ער געזאָגט — „צוליב דער זיכערקייט פון די אויסלענדישע זשורנאַליסטן".

ס'ווערט באַקאַנט, אַז אין דעם טאָג, ווען די שיפן מיט די מעפּילים פון „עקזאָדוס" וועלן אָנקומען קיין האַמבורג, וועט דער צוטריט צום האַפן זיין פאַרבאָטן פאַר די דייטשן.

## די פּראָוואָקאַציע

אָט אַזוי זעט אויס די ווירקלעכקייט.

ווען יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג, פּרוּוון צו קומען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל, כדי פרייער אָפּצוּעטעמען און אָנהויבן דאָרט אַ נייַ לעבן אין פרידן — קומט זיי אַנטקעגן די „ציוויליזאַציע" און שרייט אויס: האַלט! און ווען עטלעכע שיפן געלינגט עס פאָרט אַרויסצובאַקומען זיך אויף די ים־וואַסערן, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס ביסל האָפענונג, וואָס איז נאָך געבליבן אין די הערצער פון די געשלאָגענע קרבנות — קומען באַלד קריגס־שיפן זיי אַנטקעגן און רופן אויס צו דער דאָזיקער האָפענונג: ניין, דורך דאַנען וועסטו נישט דורכגיין!

במשך פון אַ געוויסער צייט האָט נאָך עקזיסטירט עפּעס אַ שאָטן פון בושה

און מען האָט די קינדער, פרויען און מענער, וועמענס איינציקע שולד איז געווען דער ווילן צו קומען קיין ארץ־ישראל, אַריינגעוואָרפן אין „ענגלישע" לאַגערן. אָבער היינט עקזיסטירט שוין דאָס ביסל בושה אויך נישט און מען שלעפּט זיי צוריק קיין דייטשלאַנד.

...וואָלט דען ווער פון אונז געווען געגלויבט, ווען מען וואָלט אונז אין יאָר 1942 אָדער 1943 געזאָגט, אַז נאָכן נצחון וועלן די ענגלענדער פאַרהאַלטן יידן פאַר וועלן אַנטלויפן פונם געפענגעניש, אין וועלכן היטלער האָט זיי געהאַלטן פאַרשמאַכט, און זיי צוריקשיקן מיט גוואַלט אין אַ דייטשן פּאָרט? איך בין זיך מודה ומתודה: איך וואָלט אין דעם נישט געגלויבט!

...מען וויל אונז היינט איינרעדן, אַז דאָס ביסל איבערגעבליבענע יידן, — וואָס פאַרטיידיקן זיך מיט וואָס נאָר זיי קענען, — זיינען באַנדיטן, „טעראָריסטן", און אַז זייער „פאַרשווערונג" שטעלט אין סכנה ענגלאַנד, די גאַרע וועלט, די גאַנצע ציוויליזאַציע און ווער וויים, וואָס נאָך?

יאָ, ס'איז שוין נישט די אַטאָמישע באָמבע, וואָס באַדראָאָט די ציוויליזאַציע, נאָר דאָס זיינען די יידישע קינדער, געראַטעוועטע פון די גאַז־קאַמערן, וואָס זיינען אַ געפאַר פאַר דער מענטשהייט.

איז וואָס? הייסט עס — היטלער איז גערעכט געווען?

וויאַזוי קענט איר פאָדערן פון די דייטשן אין האַמבורג, זיי זאָלן אַנדערש דענקען, ווען זיי קוקן זיך צו, וויאַזוי מען פאַרפאָלגט און מען מאַלטרעטירט יידן, גלייך ווי היטלער וואָלט נאָך אַלץ געווען ביי דער מאַכט? איר זאָגט, אַז איר ווילט זיי — די דייטשן — דענאַציפיצירן? זייער גוט! איר טוט דאָך אָבער אַלץ, כדי זיי צו רענאַציפיצירן! וויאַזוי קענען זיי דען נעמען ערנסט אייערע טיראַדן וועגן „רעספּעקט צום מענטש", ווען זיי זעען, וויאַזוי די זעלבע מענטשן, וואָס רעדן וועגן דעם, פאַרפאָלגן אויפן נידערטרעכטיקסטן אופן די יידן, וועמענס איינציקער פאַרברעכן איז, וואָס זיי זיינען יידן?

...גלויביקע און ראַציאָנאַליסטן, קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און קאָנסערוואַטיסטן — אַלע זיינען מיר געווען איינשטימיק אין די ציימן פון „רעזיסטאַנץ", אַז „מער וועט זיך שוין דאָס נישט איבערחזרן!" אָבער זעט, מען האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס ציילן פון די מיליאָנען יידן, וואָס זיינען געפאַלן אונטער דער מערדערישער פויסט פונם האַקן־קרייץ, די פעלקער ציטערן נאָך אויף, דערמאָנענדיק די גרויזאַמקייטן, פון וועלכע זיי אַליין זיינען געווען לעבעדיקע עדות — און שוין וואָגלען איבער די ימים, אונטער דער פאָן פון פרייהייט, שיפן מיט יידן, וועלכע האָבן זיך נאָר בדרך נס אַרויסגעראַטעוועט פון היטלערס נעגל! און היינטצייטיקע אויגורן ווילן אונז מיט אַלע מיטלען איפּוויזן, אַז דער וועלט־סקאַנדאַל באַשטייט נישט אין דעם, וואָס פראַנקאָ מאָרדעט אין שפּאַניע, נאָר אין דעם, וואָס די פּאַסאַזשירן פון „עקזאָדוס" פּרוּוון אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל.

אַלס ראַציאָנאַליסט, גלויב איך נישט מערער אינם תנ"ך, ווי אין נייעם טעסטאַמענט אָדער קאָראַן. אָבער, אויב ס'איז פאַראַן עפּעס רירנדיקעס אין דער געשיכטע פון ישראל — זיינען עס בלי ספק: דער נישט אויסלעשבאַרער דורשט נאָך גערעכטיקייט, וואָס האָט באַהויכט די יידישע נביאים און אָט דער ווידערשטאַנד, וועלכן יידן האָבן במשך פון לאַנגע דורות אַנטקעגנגעשטעלט אַלע פאַרפאָלגונגען.

דעריבער, ווען זיי שיקן אין נאָמען פון דער רעזיסטאַנץ און דער גערעכטי־

# אין האַמבורגער פּאָרט



אַן אָפּגעשוואַכטע פון די מלחמה יאָרן, האָבן זי די 50־טאָגיקע ליידן
אויף דער תפיסה־שיף אינגאַנצן צעבראָכן...

קיט אַן אַפּעל צום געוויסן פון דער וועלט — זאָג איך, אַז די אַלע, וואָס וועלן נישט ענטפערן אויפן דאָזיקן אַפּעל, וועלן מער נישט האָבן די רעכט צו טראָגן דעם נאָמען מענטש!...

דער פאַל „עקזאָדוס" איז אַ פּראָוואָקאַציע קעגן דער מענטשהייט און דער חוב פון דער מענטשהייט איז זי צו ליקווידירן!

פּאַריז, אויגוסט 1947 — אַ ל ב ע ר ט ב אַ י ע

(באַרימטער פראַנצויזישער זשורנאַליסט און שרייבער)

## ווענדונג צו די „אָנו"־מיטגלידער

צו די מיטגלידער פון די פאַראייניקטע נאַציעס;

די יידישע אַגענץ, — די פון אַלע נאַציעס אנערקענטע אינסטיטוציע, וואָס רע־פּרעזענטירט דאָס יידישע פאָלק — ציט דרינגענד אייער אויפמערקזאַמקייט אויפן באַשלוס פון ענגלאַנד צו דעפּאָרטירן די 4.400 „עקזאָדוס"־פּליטים קיין דייטשלאַנד, — אין דעם לאַנד, פון וועלכן די מערסטע צאָל פּליטים זיינען אַנטלאָפן מחמת די גרויסע ליידן, וואָס זיי האָבן דאָרט דורכגעלעבט, אין דעם לאַנד וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן בית־עולם פאַר מערערע מיליאָנען יידן.

מיר זיינען איבערצייגט, אַז די ציוויליזירטע וועלט וועט אויפשוידערן מחמת דעם דאָזיקן אומענטשלעכן, אומאָראַלישן און אומלעגאַלן נקמה־אַקט, וואָס איז גע־קומען מצד ענגלאַנד, — אַ לאַנד, וואָס האָט אויף זיך גענומען די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפּליכטונג צו פאַרלייכטערן די יידישע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל.

מיר בעטן אייך, מיטגלידער פון די פאַראייניקטע נאַציעס, צו אינטערווענירן, און נישט צו דערלאָזן, אַז אַזאַ פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט זאָל פאָרקומען און זאָל אויסגעפירט ווערן דורך איינער פון די גרעסטע מלוכות אין דער וועלט, און דאָס — קעגן מענער, פרויען און קינדער, וועמענס איינציקער ווונטש איז אויפצוהאַלטן זייער פרייהייט און צו געניסן פון די עלעמענטאַרסטע רעכט פון יעדן מענטש.

ירושלים, 24 אויגוסט 1947.

עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ

## בריטישע נאָטע צו פראַנקרייך

לאָנדאָן, 25 אויגוסט 1947, אָפיציעל:

די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט געבעטן ביי דער פראַנצויזישער רעגירונג, צוריקצונעמען מיט דער באַן קיין פראַנקרייך די פּליטים פון „עקזאָדוס" וועלכע גע־פינען זיך איצט אויפן וועג קיין האַמבורג.

די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט פאַרשטייט די הומאַניטאַרע האַלטונג פון פראַנ־קרייך דערמיט, וואָס זי האָט נישט געוואָלט צווינגען די אומלעגאַלע עולים אראָפּצו־גיין אין פראַנקרייך. שטיצנדיק זיך אויף די דאָזיקע הומאַניטאַרע געפילן פון פראַנ־צויזישן פאָלק, האָפט אָבער די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג וועט אַקצעפּטירן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, וועמענס ציל איז צו פאַרלייכ־טערן די ליידן פון די פּליטים.

במשך פון דריי וואָכן האָבן די פּליטים נישט געוואָלט אַראָפּגיין פון די שיפן מחמת דעם דרוק, וואָס עס האָט אויף זיי אויסגעאיבט די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָפט, אַז די יידישע מנהיגים וועלן זיך איצט ערנסט פאַרטראַכטן איבער דער פּאָלגנדיקער פראַגע: וועט עס זיין באַרעכטיקט אַז זיי זאָלן ווייטער זיך אַנטקעגנשטעלן דעם צוריקומען פון די פּליטים קיין פראַנקרייך — אין דעם לאַנד, פון וואַנעט זיי זיינען אומלעגאַל אוועק קיין ארץ־ישראל און ווו מען האָט זיי ווידעראַמאָל געוואָלט געבן אַזיל־רעכט?...

## פראַנקרייכס ענטפער

פּאַריז, 26 אויגוסט.

דער פראַנצויזישער מיניסטאָרן־ראַט האָט, אויף זיין זיצונג אונטערן פאָר־זיץ פון דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, ה׳ וואַנסען אָריאָל, באַשטעטיקט דעם ענטפער אויף דער בריטישער נאָטע אין דער פראַגע פון די ״עקזאָדוס״־פּליטים. אין דעם ענטפער דערקלערט די פראַנצויזישע רעגירונג, אַז זי איז גרייט אויפצונעמען די יידישע עמיגראַנטן אונטער די פּאָלגנדיקע באַדינגונגען:

1. זייער רייזע קיין פראַנקרייך זאָל קומען פריוואויליק.

2. דער פאַקט פון זייער אויפנעמען זאָל נישט זיין קיין פּרעצעדענס פאַר שפּע־טערדיקע אויפנאַמעס פון דעפּלאַסירטע פּערזאָנען, וועלכע קומען פון דייטשלאַנד.

3. די צאָל פון די, וועלכע וועלן אויפגענומען ווערן זאָל אַריינגיין אין חשבון פון דעם קאָנטינגענט פון די פּערזאָנען, וועלכע עס ווערט דערלויבט צו טראַנזיטירן דורך פראַנקרייך.

## דאָס זיינען פרייע מענטשן!

די דריי שיפן אויף וועלכע עס זיצן פאַרשפּאַרט די „עקזאָדוס״־פּאַסאַזשירן שווימען קיין האַמבורג.ווי עס ווייזט אָבער אויס, וויל נישט די בריטישע רעגירונג, אַז די אַוואַנטורע זאָל זיך דאָרט שוין ענדיקן. אַן אָפיציעלער קאָמוניקאַט פון פאָריין־אָפּיס מאַכט דער פראַנצויזישער רעגירונג אַ נייעם פאָרשלאַג. דער פאָריין־אָפיס רעדט צו אונז, מער ווייניקער אָט אַזוי: „איר פראַנצויזן, איר האָט אַרויסגעוויזן אין דעם ענין געפילן פון רחמנות און מיטלייד, פון וואָס מיר זיינען זייער גערירט און מיר באַגריסן אייך פאַר דעם. מיר ווילן דעריבער אייך געבן אַ צווייטע געלעגנהייט אַרויסצווייזן נאָכאַמאָל די זעלבע געפילן. ווי נאָר די דריי שיפן וועלן אָנקומען קיין האַמבורג וועלן מיר צוריקשיקן מיט דער באַן די 4500 עמיגראַנטן צו אייער גרענעץ. מיר זיינען איבערצייגט, אַז מיט אייער הומאַניטאַרער פּליסיקייט וועט איר זיי ווי־דעראַמאָל אייליק אויפנעמען״.

די חכמה איז אָפילו נישט קיין שלעכטע, אָבער זי איז אַ ביסל ביטער, און דער פונקציאָנאַר פון פאָריין־אָפיס, וועלכער האָט זי אויסגעטראַכט, פאַרמאָגט זיכער דעם געפיל פאַר הומאָר. אָבער איך האָף, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג וועט אויף דעם ענטפערן ערנסט.

די פּאַסאַזשירן פון „עקזאָדוס״ זיינען נישט קיין פּעקלעך, וואָס מען וואַרפט פון

# אין האַמבורגער פּאָרט



פאַרוואונדעטע און קראַנקע פירט מען אַוועק מיט אויטאָס פון רויטן קרייץ



אויך קליינוואַרג שטעלט אַ ווידערשטאַנד !

האַנט צו האַנט און וואָס מען זעצט זיי איבער אָן אויפהער פון אַ פּאָרט צו אַ פּאָרט און פון איין באַן־סטאַנציע צו דער צווייטער. דאָס זיינען פּריוּע מענטשן!

און די פראַגע איז אַ פּשוטע: ווילן די פּאַסאַזשירן פון „עקזאָדוס" פרייוויליק קומען קיין פראַנקרייך, יאָ אָדער ניין? אויב יאָ, וועט מען זיי דאָ אויפנעמען גאַסט־פריינטלעך. אויב נישט, וועט פראַנקרייך אַבסאָלוט נישט מסכים זיין אָנטיילצונעמען אין אַ גוואַלט־אַקט, וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס מען וועט וועלן די דאָזיקע מענטשן מיט כּוח אַפּשיקן צו דער פראַנצויזישער טעריטאָריע.

דער פּאָריין־אַפּיס מאַכט אַ טעות אויב ער מיינט, אַז אַ באַשלוס וועגן דעם ענין קען אָנגענומען ווערן אונטער דער השפּעה פון בריטישן פריינטלעכן אַפּעל. דער פּאָריין־אַפּיס איגנאָרירט, אָדער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, וועגן די ליידן און וועגן גייס־טיקן צושטאַנד פון די „עקזאָדוס"־פּאַסאַזשירן. אָבער זיי, די לעצטע, ווייסן גוט וואָס זיי ווילן יאָ און וואָס זיי ווילן נישט. און ביי זייער ווילן האַלטן זיי זיך פּאַנאַטיש.

פאַרוואָס איז די בריטישע רעגירונג אַזוי פאַרביטערט קעגן זיי? איך האָב גע־פּרוווט ערנסט און פריינטלעך פאַרשטיין אירע טעמים. איך ווייס, אַז די אחריות פּאַלט נישט נאָר אויף איר אַליין. באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק זיינען כּמעט אַלע רעגירונגען פון דער וועלט, און אפילו די „אָנו" אַליין, געווען פּאַסיווע אָדער אַקטיווע שותּפים אין דער דאָזיקער שרעקלעכער דראַמע...

מען דאַרף ענדיקן מיט דעם. קיינער קען נישט ביישטיין דעם רוף פון גערעכטי־קייט אָדער, ווען מען וויל, פון רחמנות.

די פּאַסאַזשירן פון „עקזאָדוס" זיינען באַגאַנגען צוויי „פאַרברעכנס": ערשטנס וואָס זיי זיינען געבליבן לעבן פון דער היטלעריסטישער פאַרניכטונג, צווייטנס וואָס זיי פּאָדערן אַזיל, וועלכן דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ און ענגלאַנד אַליין האָבן אויף אַ נאָבעלן אופן צוגעגרייט פאַר זיי. און פאַר די דאָזיקע „פאַרברעכנס" זיינען זיי שוין גענוג אָפּגעקומען. זייערע ביז־איצטיקע ליידן זיינען שוין די והותר. זיי פאַר־דינען באמת, אַז מען זאָל זיי מוחל זיין.

רחמנות פאַר די אומגליקלעכע העלדן פון „עקזאָדוס"!

רחמנות פאַר די אַלע אַנדערע, וועלכע זיינען אויפן „עקזאָדוס" נישט געווען, אָבער וועלכע וואָלטן אפשר דאָרט געוואָלט זיין — און רחמנות אויך פאַר די אַלע, וועלכע וואַרטן דאָרט אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד און ציילן שוין טעג, מאָנאַטן און יאָרן...

פּאַריז, 25 אויגוסט 1947. — ל ע אָ ן ב ל ו ם

(פירער פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי)

## אויפרעגונג אין ארץ־ישראל

ירושלים, 27 אויגוסט, „פּאַלקאַר".

דער תּענית־טאָג, וואָס איז אין אין ארץ־ישראל דערקלערט געוואָרן דורך דעם ועד לאומי און רבנות הראשית, אַלס פּראָטעסט קעגן שענדלעכן באַשלוס פון דער ענגלישער רעגירונג צוריקצושיקן די „עקזאָדוס"־מעפּילים קיין דייטשלאַנד — איז פאָרגעקומען מאָנטיק און איז דורכגעפירט געוואָרן אין גאַנצן ישוב.

אין אַלע יידישע פּונקטן זיינען פאָרגעקומען גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אין די גרויסע שטעט זיינען אין פאַרשידענע קוואַרטאַלן פאָרגעקומען מיטינגען אויף

וועלכע עס זיינען ארויסגעטראטן מיט רעדעס פארשטייער פון יידישע אינסטיטוציעס, פון דער הסתדרות און פון אלע פארטייען. אויף אלע פארזאמלונגען זיינען אנגענומען געווארן פראטעסט־רעזאלוציעס וועלכע זיינען איבערגעשיקט געווארן צו דער „אנו״ און צו אלע אירע מיטגלידער.

גאנץ פרי האט דער שופר געבלאזן אלס צייכן, אז דער תענית הויבט זיך אן. אלע שולן זיינען געווען איבערפולט מיט מתפללים. דער תענית האט זיך פארענדיקט מיטן זון־פארגאנג, אויך לויטן צייכן פון שופר־בלאזן.

די אויפרעגונג צווישן אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג איז אומגעהויער און די פארביטערונג קעגן דער גרויזאמער באהאנדלונג פון די מעפילים און דער אומרו פאר זייער גורל זיינען דערגאנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה.

ירושלים, 26 אויגוסט.

דער ועד לאומי האט זיך פארזאמלט אויף א ספעציעלער זיצונג, בכדי צו באטראכטן ענגלאנדס באשלוס צוריקצושיקן די מעפילים פון „עקזאדוס״ קיין דייטשלאנד.

אין דער רעזאלוציע וועלכע איז אנגענומען געווארן אויף דער זיצונג פאדערט אויף דער ועד לאומי די יידן פון דער גאנצער וועלט צו פארשטארקן די העפלה קיין ארץ־ישראל און די רעזאלוציע ענדיקט זיך ווי פאלגנדיק:

„זאל דאס ענגלישע פאלק און די ענגלישע רעגירונג וויסן, אז קיין שום אכזריות־דיקע מעשים וועלן נישט ברעכן דעם ווילן פון יידישן פאלק צוריקצוקומען אין זייער לאנד״.

„זאלן זיך די פעלקער פון דער וועלט אויפוועקן אין דער לעצטער מינוט, כדי נישט צו דערלאזן, אז די לעבנגעבליבענע פון היטלערס אויסראטונג זאלן צוריקגעפירט ווערן אין דעם פארשאלטענעם לאנד, אין דעם טאל פון טויט, אויף דער ערד פון טויט־לאגערן און קרעמאטאריעס״.

„זאל שוין א סוף נעמען צו דער פארפאלגונג פון דער שארית־הפליטה און צו זייערע וואנדערונגען און זאל א רעטונגס־האנט זיך אויסשטרעקן צו זיי, כדי זיי צו ברענגען צו א מקום מקלט, צו די ברעגעס פון זייער היימלאנד״.

דער ועד לאומי האט אויך אויסגעדריקט די געפילן פונם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל לגבי דעם מוטיקן פראנצויזישן פאלק און זיין רעגירונג מיט פאלגנדיקע ווערטער:

„דער ישוב דריקט אויס זיין טיפסטע אנערקענונג דער פראנצויזישער רעגירונג פאר איר מענטשלעכער האלטונג לגבי די „עקזאדוס״־מעפילים און פארן אפזאגן צו באנוצן כוח, כדי צו צווינגען זיי ארפצוגיין פון די שיפן״.

„דער ישוב דריקט אויס זיין באגייסטערונג פארן פראנצויזישן פאלק, וועלכעס האט ארויסגעוויזן אזוי פיל סימפאטיעס לגבי די „עקזאדוס״־פליטים אין זייער טרויעריקן און לײדנספולן גורל״.

## ענגלאנד גרייט צו לאגערן פאר די „עקזאדוס״־מעפילים

קיקניץ (דייטשלאנד) 2 סעפטעמבער „יונייטעד פרעס״.

שטעכל־דראטן און וואך־טורעמס זיינען היינט אויפגעשטעלט געווארן ארום די

לאַגערן אין פאַפּענדאָרף און אַמסטאַו. עס װערן דאָ געמאַכט צוגרײטונגען פאַר די „עקזאָדוס"־מעפּילים, װעלכע מען דערװאַרט דאָ אין די נאָענטסטע טעג.

די ענגלענדער גרייטן זיך צו ערשט איבערצופירן די מעפּילים — אויב עס וועט זיי געלינגען אַראָפּצוזעצן זיי פון די שיפן — קיין אַמסטאַו, וװ זיי וועלן דורכגיין אַ מעדיציניש אונטערזוכונג און דאַן וועלן די ענגלישע אויטאָריטעטן צוזאַמען מיט פאַרשטייער פון „רויטן־קרייץ" און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּליטים־אָרגאַניזאַציע („אירא") צעטיילן די מעפּילים אין צוויי גרופּן: דעפּלאַסירטע פּערזאָנען און פּליטים. דער דאָזיקער פּראָצעס וועט געדויערן אַרום צוויי וואָכן. במשך פון דער דאָזיקער צייט וועלן די מעפּילים באַקומען די נאָרמאַלע שפּייז־ראַציעס און אַ צוגאַב פון די הילפס־אָרגאַניזאַציעס.

אַרום די לאַגערן געפינט זיך איצט אַ באַוואַכונג פון 36 געװעזענע װערמאַכט־סאָלדאַטן.

די בריטישע פאַרשטייער האָבן דערקלערט, אַז די טורעמס און שטעכל־דראָטן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן, כדי צו פאַרטיידיקן די יידן.

די יידישע אינטערנירטע וועט נישט דערלויבט זיין אַרויסצוגיין פון די לאַגערן, אויסער מיט אַ ספּעציעלן פּאַסיר־שיין.

אין פאַפּענדאָרף וועלן קענען איינגעאָרדנט ווערן 3.000 מענטשן און אין אַמסטאַו 1.500.

## די מעפּילים פון „עקזאָדוס 1947„ אָנגעקומען קיין קוקסהאַפן

האַמבורג, 6 סעפּטעמבער. „רויטער":

דער טראַנספּאָרט מיט די יידישע מעפּילים פון „עקזאָדוס", װעלכע געפינען זיך אויף די שיפן „אושען וויגאַר", „רונימעד פּאַרק" און „עמפּייר רייוואַל" איז אָנגעקומען היינט אינדערפרי קיין קוקסהאַפן. זיי וועלן אַריינפאָרן אין האַמבורגער פּאָרט אין פאָלגנדיקער אָרדענונג: צוערשט, זונטיק, אַרום 5 אינדערפרי, „אושען וויגאַר"; שפּעטער, מאָנטיק, „רונימעד פּאַרק" און דינסטיק, „עמפּייר רייוואַל".

ירושלים, 6 סעפּטעמבער. —

דער ועד לאומי האָט נעכטן פאַרעפנטלעכט אַ רוף צום ישוב אָפּצושטעלן אין משך פון 2 שעה די אַרבעט מאָנטיק, אינם טאָג, ווען די „עקזאָדוס"־שיפן וועלן אָנקומען קיין האַמבורג.

## אָ פּ ע ר אַ צ י ע „ אָ אַ ז י ס "
## די מעפּילים פון „אושען וויגאַר" שטעלן אַ קורצן ווידערשטאַנד

האַמבורג, 8 סעפּטעמבער.

אַ פאַרשטייער פון דער ענגלישער קאָנטראָל־קאָמיסיע האָט געמאָלדן די פּאַרשטייער פון דער פּרעסע, אַז קיין שום קאָרעספּאָנדענט וועט נישט צוגעלאָזט ווערן צו די שיפן, וואָס פירן די עמיגראַנטן. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז לויט זיינע אינ־

פּאַרמאַציעס, זיינען די עמיגראַנטן גרייט אויסצושטייגן און דערפאַר האַלטן די ענג־לענדער, אַז עס איז בעסער, אַז קיינער זאָל בעת־מעשה, נישט זיין אַנוועזנדיק, כדי נישט צו באַאיינפלוסן די אויסשטייגנדיקע.

די ענגלענדער האָבן היינט פרי אויך געגעבן צו וויסן, אַז די אָפּעראַציע „אַזיס״ (אַזוי הייסט די בריטישע אַקציע פון אַרויסזעצן די „עקזאָדוס״־מעפּילים). וואָס איז פריער באַשטימט געווען אויף 6 אינדערפרי, איז צוליב דעם נעפּל אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַכט אַזייגער. די זשורנאַליסטן וועט נישט דערלויבט זיין צו דערנענטערן זיך צום ים פאַר ניין אַזייגער.

*

אין דער ערשטער שעה האָבן 450 פון די 1500 עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער שיף „אושען וויגאַר״, אַראָפּגעשטיגן אויף דער יבשה. קיין שום אינצידענטן זיינען נישט פאָרגעקומען. די עמיגראַנטן, — דאָס רוב פרויען און קינ־דער, — האָבן גלייך פאַרנומען פּלעצער אין די צוגן, וואָס האָבן שוין אויף זיי גע־וואַרט.

ווען די זשורנאַליסטן זיינען געקומען אויפן אָרט פון דער אויסלאַדונג 7 אַזיי־גער, זיינען שוין די ערשטע עמיגראַנטן געווען פאַרשפּאַרט אין די פאַרקראַטעוועטע וואַגאָנען.

די אויפאָרדערונג אויסצושטייגן איז איבערגעגעבן געוואָרן די עמיגראַנטן אין 6 שפּראַכן: פראַנצויזיש, ענגליש, דייטש, אונגאַריש, פּויליש און יידיש.

ענגלישע פּאַראַשוטיסטן האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער אויף די שיפן, בעת ענגלישע סאָלדאַטן האָבן געהיטן אַלע וויכטיקע ערטער אַרום דעם ברעג.

דער באַשלוס אויסצושטייגן איז אָנגענומען געוואָרן דורך די פאַראַנטוואָרטלעכע פאָרשטייער פון די פּאַסאַזשירן פון „אושען וויגאַר״ נאָך אַ לענגערער באַראַטונג.

*

די עמיגראַנטן, זיינען געווען זייער אויסגעמאַטערט פון זייער לאַנגער רייזע און די פיר דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף האָבן באַשטעטיקט, אַז די רייזע איז ספּעציעל געווען זייער אַ שווערע פאַר די פרויען און קינדער.

די פּאַסאַזשירן האָבן דערקלערט, אַז זיי זיינען געווען אָפּגעשניטן פון דער אױ־סערלעכער וועלט אין משך פון דער גאַנצער רייזע, און אַז זיי גלויבן, אַז דער ווי־דערשטאַנד פון די פּאַסאַזשירן פון די אַנדערע שיפן, ווו עס זיינען פאַראַן ווייניקער פרויען און קינדער, וועט זיין אַ סך אַ שטאַרקערער און אַ מער פאַרביסענער.

*

בשעת די לעצטע גרופּן פון מעפּילים האָבן געזאָלט אַראָפּגעזעצט ווערן פון דער שיף האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ טומל. דער אָפיציר פון די פּאַראַשוטיסטן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער „אָפּעראַציע״ האָט דאַן דערקלערט: „מיר האָבן שוועריקייטן אין דער קוואַרטיר נום. 1. די 90 פּאַראַשוטיסטן, וואָס מיר האָבן דאָרט, זיינען נישט גענוג—האָט ער צוגעגעבן—און זיי באַהערשן נישט מער די לאַגע״. 5 מינוט שפּעטער האָט מען געמוזט רופן צו הילף 100 מ. פּי.׳ס (מיליטערישע פּאָליציי) און צוויי קאָמפּאַניעס זעלנער.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט מען געקענט זען, ווי זיי קומען אַרויף פונם

# אינם לאַגער פון פאַפענדאָרף



ווען וועט שוין אונזער פרייהייט קומען ? !

קעלער אויף דעם דעק פון דער שיף, שלעפנדיק מיט כוח א גרופּע יונגע יידן, וועלכע שטעלן א העפטיקן ווידערשטאנד. איינער פון די סאלדאטן האט מיט א מאטראק גע־שלאגן איבער די קעפּ, די צווייטע האבן זיך באנוצט מיט די פויסטן. איין ייד איז אוועקגעפאלן שווער פארוווּנדעט. דאקטוירים האבן געמוזט אינטערוועניִרן. די אינ־צידענטן האבן זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאל. ארום 300 יידן האט מען געמוזט שלעפּן מיט כוח.

א גרופּע פון די דעבארקירטע האבן זיך אפּגעזאגט צו נעמען וועלכע ס'איז שפּייז און האבן געשווירן צו הונגערן, ביז מען וועט זיי נישט דערלויבן צוריקצו־פארן קיין ארץ־ישראל.

אין רעזולטאט פון דער אפּעראציע „אאזיס", וואס האט געהאט אלס צוועק ארויס־צוזעצן אויף דער יבשה די פּאסאזשירן פון דער ערשטער שיף, איז פאראן א שווער פארוווּנדעטער צווישן די יוגנטלעכע, וועלכע האבן זיך אנטקעגנגעשטעלט און וועל־כע די בריטישע פּאליציי האט געמוזט מיט גוואלט אראפּפירן פון דער שיף. דער יונגער בחור איז פארוווּנדעט געווארן דורך א קלאפּ אין קאפּ.

## אנגעקומען אין לאגער פון פּאפּענדארף

קיקניץ, 8 סעפּטעמבער. —

דער ערשטער צוג מיט די מעפּילים פון „עקזאדוס" איז אנגעקומען אויף דער קליינער באן־סטאציע קיקניץ לעבן ליבעק, ארום 1 נאכמיטאג. די מעפּילים זיי־נען איבערגעפירט געווארן אין לאגער פון פּאפּענדארף, ווו זיי וועלן פּראוויזאריש אינטערנירט ווערן.

## די מעפּילים פון „עמפּייר רייוואל" שטעלן נישט קיין ווידערשטאנד

האמבורג, 9 סעפּטעמבער.

נעכטן אוונט איז די צווייטע שיף „עמפּייר רייוואל" אנגעקומען קיין האמבורג.

6.30 אינדערפרי האט די ענגלישע מאכט געמאלדן, אז די 1.400 מעפּילים פון דער צווייטער שטייג־שיף „עמפּייר רייוואל" זיינען אראפּגעזעצט געווארן אין משך פון 1 שעה און 15 מינוט. די ענגלישע מאכט האט דערקלערט, אז די פּליטים זיינען אראפּ רואיק, אן גוואלט־טאטן, נאכדעם ווי מען האט זיי געווארנט דורך די היל־בערס פון דער שיף.

דער צוג, וואס פירט אוועק די פּליטים אינם לאגער פון פּאפּענדארף ביי לובעק איז אפּגעפארן 6.35, אינם מאמענט ווען דער טראנספּארט איז אפּגעפארן האבן די מעפּילים געזונגען די „התקוה".

## געפונען א באמבע אויף דער שטייג־שיף „עמפּייר רייוואל"

האמבורג, 10 סעפּטעמבער. —

ווי עס ווערט איצט אפיציעל באשטעטיקט, האבן די זעלנער, וואס האבן רעווי־דירט די שיף „עמפּייר רייוואל" אנטדעקט א באמבע אין א בענזין־פּושקע. דאס שיינט

צו דערקלערן די סיבה, פאַרוואָס די מעפּילים זיינען אַזוי שנעל אַראָפּ פון דער שיף. דער אויפריים־אַפּאַראַט, וועלכן מען האָט באַלד איבערגעפירט אין אַ באַראַק, האָט מאַנטיק נאָכמיטאָג אויפגעריסן, צעברעכנדיק אַלע שויבן הונדערטער מעטער אַרום.

⁂

אַ „הגנה"־פאַרשטייער האָט דאָ היינט דערקלערט: „די איינציקע סיבה, פאַרוואָס די מעפּילים זיינען אַראָפּ פון דער צווייטער שיף איז די, ווייל אַלע האָבן געוווּסט פון דער באָמבע, וואָס האָט געדאַרפט אויפרייסן די שיף.

וועגן דעם, וואָס די באָמבע האָט נישט אויפגעריסן, האָט ער באַמערקט, אַז „די מעפּילים האָפן, אַז דאָס צווייטע מאָל וועלן זיי האָבן מער מזל".

די „עמפּייער ריוואַל" איז געווען די איינציקע שיף, פון וועלכער די עמיגראַנטן זיינען אַראָפּ רויִק. אַלע זיינען איבערגעפירט געוואָרן קיין אַמסטאַו.

# העלדישע ווידערשטאַנד פון די מעפּילים פון „רונימעד פּאַרק"

האַמבורג, 10 סעפּטעמבער.

להיפך צום אויסשטייגן פון דער צווייטער שיף, וואָס איז דורכגעגאַנגען רויִק איז דאָס אויסשטייגן פון די עמיגראַנטן פון דער דריטער שיף „רונימעד פּאַרק" אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען 1429 מאַן, דורכגעגאַנגען זייער שטורמיש און איז באַגלייט געווען מיט פיל ברוטאַליטעט מצד די ענגלישע זעלנער. נאָר זקנים און קליינע קינדער האָבן פאַרלאָזט די שיף אָן ווידערשטאַנד. די יינגערע, סיי מענער און סיי פרויען האָבן זיך העלדיש אַנטקעגנגעשטעלט און די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן זיי מיט אַ ברוטאַלן כוח געשלעפּט פון דער שיף.

פאַראַן פיל פאַרוואונדעטע אויך צווישן ענגלישן מיליטער. אַ גרעסערע גרופּע עמיגראַנטן בראש מיט מרדכי קאַסמאַן האָט זיך אַ לאַנגע צייט העלדיש געשלאָגן קעגן אַ גרופּע ענגלישע סאָלדאַטן. קאַסמאַן איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. זשורנאַליסטן, וואָס זיינען ביינעווען אויף דער שיף, דערציילן פון סצענעס, ווי פרויען און קינדער האָבן זיך געוואָרפן אויף די ענגלענדער און געביסן זיי מיט די ציין און געשלאָגן מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט אונטער דער האַנט. פיר וואַסער־פּאָמפּעס זיינען באַנוצט געוואָרן בעת מעשה, בכדי אַרויסצוטרייבן די עמיגראַנטן פון זייערע ערטער. אַ סך פרויען האָבן בעת דער עוואַקואַציע געחלשט און דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די שווידערלעכקייט פון בילד.

מענער זיינען אַראָפּגעטראָגן געוואָרן פון שיף מיט די קעפּ אַראָפּ. איינער מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ האָט זיך לאַנג געוועהרט קעגן אַ גאַנצער גרופּע פון פּאָליציסטן און סאָלדאַטן. אַ סך פון די אַראָפּשטייגנדיקע פון דער שיף האָבן געהאַט פאַרבונדענע קעפּ.

בשעת דער לאַנדונג האָבן די יידישע פּליטים פון האַמבורג אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע און געטראָגן גרויסע פּלאַקאַטן, אויף וועלכע מען האָט געקענט לייענען: „עקזאָדוס" — אַ שאַנדע פאַר ענגלאַנד!!! דאַן האָבן זיי זיך געלאָזט איבער די גאַסן פון האַמבורג צום האַנדלס־פערטל פון דער שטאָט. דאָרטן איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט מיט אַ גרופּע פון 500 דייטשע פּאָליציסטן, וועלכע די ענגלענדער האָבן אַרויסגעשיקט קעגן די דעמאָנסטרירנדיקע. נאָך אַ ווידערשטאַנד זיינען די דעמאָנסטראַנטן צעטריבן געוואָרן.

די עמיגראַנטן פון „רונימעד פּאַרק" זיינען איבערגעפירט געוואָרן קיין פּאָפּענדאָרף ווו זיי וועלן אונטערזוכט ווערן. מען רעכנט, אז די אונטערזוכונגען וועלן דויערן 15 טעג.

## די צאָל קרבנות פון „רונימעד פּאַרק"

האַמבורג. — צום סוף פון דער ברוטאַלער אַרויסזעצונג פון די מעפּילים פון דער דריטער שיף, האָט אַן ענגלישער פּרעסע־פאָרשטייער איבערגעגעבן פאָלגנדיקע ציפערן פון די קרבנות, בעת דער אַרויסזעצונג פון דער דריטער שיף: 24 יידן זיינען איבערגעפירט געוואָרן אין קראַנקן־הויז, בתוכם 7 פרויען. עס זיינען אויך שווער פאַרוואונדעט געוואָרן 3 בריטישע זעלנער. די פאַרוואונדעטע ענגלישע סאָלדאַטן זיינען איבערגעפירט געוואָרן אין די שפּיטעלער.

זשורנאַליסטן האָבן געזען זעקס יידן מיט צעבלוטיקטע קעפּ, חוץ דעם זיינען בערך 20 יידן, צווישן זיי פיל פרויען, אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן פון דער שיף מיט די קעפּ צו דער ערד. צוויי גרויסע אַרעסטאַנטן־וועגענער, אָנגעפילט מיט עמיגראַנטן זיינען אָפּגעפאָרן פון פּאָרט עטוואָס שפּעטער, באַגלייט פון אַ שטאַרקער אָפּטיילונג פון דער בריטישער פּאָליציי.

פּאַריז, 11 סעפּטעמבער, קאָמוניקאַט פון פראַנצויזישן ראַדיאָ.

נעכטן בייטאָג, ווען די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן דורך הילכערס געמאָלדן די מעפּילים פון דער שיף „רונימעד פּאַרק", אַז זיי זאָלן פרייוויליק אַראָפּגיין פון דער שיף, האָט קיינער נישט געפאָלגט דעם באַפעל. די ענגלישע סאָלדאַטן זיינען דאַן אַרויף אויף דער שיף, כדי מיט געוואַלט אַראָפּצושלעפּן די מעפּילים. עס זיינען אויסגעבראָכן געשלעגן צווישן די זעלנער און מעפּילים. די ענגלישע מאַכט האָט געמוזט רופן רעזערוו־מיליטער און מיט גוואַלט אַראָפּגעזעצט די מעפּילים.

אין רעזולטאַט פון די צוזאַמענשטויסן זיינען פאַראַן 22 פאַרוואונדעטע, צווישן זיי דריי ענגלישע סאָלדאַטן.

## די זעלבע מעטאָדן נאָר אַנדערע אויספירער

פּריש, אויסגעפּרעסן און גוט אויסגעשלאָפן, זיינען זיי געשטאַנען מיט שטעקענער אין די הענט און געוואַרט אויף זייערע קרבנות. פונדערווייטנס, הינטער פאַרשטעלטע פענסטער, האָבן מענטשן געוואַרט אויף דעם טראַגישן שפּיל פון די מחבלים. אַביסל וויטער — די פאַרקראַטעוועטע וואַגאָנען, באַרייט אויפצונעמען די אומגליקלעכע. ערגעץ האָט געשפּילט אַ מיליטערישער אָרקעסטער און אין דער לופט, איבערן אָרט ווו עס האָבן זיך געזאָלט באַוויזן די אָרעמע יידן, האָט זיך צעגאָסן די מעלאָדיע פון „שענעם בלאָוען דאָנאו". די זון האָט זיך באַהאַלטן און נישט געוואָלט באַווייזן זיך. אַ קליין נאָך־רעגן ווינטל האָט אַדורכגענומען מיט אַ שוידער ביז צום מאַרך פון די ביינער און די מחבלים זיינען געוואָרן אומגעדולדיק.
ענדלעך האָבן זיי זיך באַוויזן. אָפּגעמאַטערטע און אָפּגעריסענע האָבן זיי גע־

שלעפּט זייער אָרעם גוטס, די קליינע קינדער אויף די הענט. שטעקענער און פויסטן האָבן זיי געהאָלפן מאַכן זייער וועג צו די פּאַרקראַטעוועטע וואַגאָנען און שפּעטער אין לאַגער אַריין.

דאָס איז געווען אין יאָר 1942.

---

היינט איז דאָס יאָר 1947. די אויסגעפּרעסענע ס. ס.־לייט פון יאָר 1942 זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר די געריכטן פון דער וועלט־גערעכטיקייט. דאָס בילד איז אָבער ענלעך: די קאַסקן אויף די קעפּ, די שטעקענער, די פּאַרקראַטעוועטע וואַגאָנען און... די מוזיק, די רואיקייט פון די מענטשן, וואָס שלעפּן די אויסגעמאַטערטע יידן — טאַקע די זעלבע יידן. נאָר די אויסגעפּרעסענע און גוט אויסגעשלאָפענע זעלנער זיינען שוין אַנדערע: נישט מער די דייטשע ס. ס. לייט. דאָס זיינען ענגלישע זעלנער מיט זייערע אָפיצירן.

צווישן די רואינען פון האַמבורגער פּאָרט באַווייזט זיך די ערשטע פון די דריי שיפן, וואָס פירן שוין איבער פופציק טעג די העלדן פון „עקזאָדוס 47". אַלע וועגן, אַלע דורכגענג פון דער זייט פון פּאָרט, זיינען שטאַרק געהיטן דורך ענגלישע זעלנער און דייטשער פּאָליציי. די ענגלישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אָפּגעלייגט די אָפּעראַציע „אָאַזיס" ביז אויף מאָרגן, מאָנטיק אינדערפרי. אַ קאַלטער רעגן וואַשט דערווייל די טונקעלע קאָנטורן פון דער שיף „אושען וויגאר", ווי ער וואָלט זי באַרייט געמאַכט צו דער מאָרגנדיקער „שמחה" פון די מחבלים.

איבער צוויי הונדערט זשורנאַליסטן פון אַלע וועלט־טיילן האָבן זיך דאָ געגעבן אַ „ראַנדע־ווו" בכדי צו באַוווּנדערן די „קולטור" פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין דער ענגלישער אויסגאַבע. די דייטשע „קאָלעגן" טראָגן אַ שמייכל אויף זייערע ליפּן.

אין דעם גרויסן נירנבערגער וועלט־טריבונאַל האָט מען געהאַלטן פאַר אַ פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט, וואָס די דייטשע הענקער האָבן אין די לאַגערן בעת דעם טרייבן פון זייערע אומגליקלעכע קרבנות געלאָזט שפּילן די מוזיק. אָבער זע, איצט זיינען מיר, זשורנאַליסטן, אויך איינגעשלאָסן „הינטער קראַטן" און מיר הערן זיך צו צום לויט־שפּרעכער; עס מישן זיך אויס ענגלישע אולטימאַטום־אויפאָדערונגען מיט די שיינע ווינער וואַלסן. פון די אויגן פון די דייטשע זשורנאַליסטן לייענט מען אַרויס די צופרידנקייט, וואָס די ענגלענדער האָבן דעם מנהג מוזיק איבערגענומען פון די דייטשע הענקער.

צוזאַמען מיט דעם טאָג־ליכט באַגינט מאָנטיק אינדערפרי די אָפּעראַציע. די ערשטע יידן. אַלטע מענער און פרויען באַלאָדן מיט זייער ביסל אָרימקייט, שלעפּן ביי די הענט און אויף די הענט קינדער. זינט דעם 18 יולי, שטעלן זיי ווידער צום ערשטן מאָל זייערע פיס אויף אַ טרוקענעם באָדן.

פּאַמעלעך ציט זיך דער טרויעריקער מענטשן־קאַראַוואַד. אין טאַקט פון דער לייכטער מוזיק באַגינט אַ נייער אַקט פון יידישן נע ונד זיין. נאָך חדשים־לאַנגן וואַנדערן, נאָך צענדליקער וואָכן פון אַנטלויפן פון טראַגישן לאַגער־קאָשמאַר אין דייטשלאַנד, בכדי צו געפינען אַן אָפּרו אין אייגענעם לאַנד, געפינען זיי זיך צוריק אין דייטשלאַנד; באַלד וועלן זיי ווידער זיין הינטער די קראַטן פון אַ דייטשן לאַגער, ווו דאָס בלוט פון זייערע ברידער און שוועסטער איז נאָך נישט פאַרטריקנט געוואָרן.

# די זעלבע מעטאָדן נאָך אַנדערע אויספירער





ענגלישע סאָלדאַטן טרייבן יידישע מאַמעס און קינדער
אין די וואַגאָנעס אַריין

שוין פריִען זיך די ענגלישע אָנפירער פון דער „אָפּעראַציע אָאזיס", אַז אַלץ גייט גלאַטיק, אָבער באַלד שטעלט זיך דער טראַגישער שטראָם אָפּ. עפּעס איז דאָרט אויבן קאַליע געוואָרן. ווייטערע מענטשן באַווייזן זיך נישט ביי דעם אַרויסגאַנג פון דער שיף. אויך די מוזיק איז איבערגעריסן געוואָרן.

ענגלישע זעלנער מאַרשירן אַרויף אויף דער שיף. עס דערגייען פון דאָרט קוּלות און געוואַלדן. באַלד באַווייזט זיך די ערשטע גרופּע זעלנער שלעפּנדיק אַ קליין יינגעלע, וואָס שרייט און ווערט זיך. איינציקווייז שלעפּן די זעלנער די יונגע יינגלעך און מיידלעך. עפּעס אַ פאַרבאַנדאַזשירטער ייד ווערט זיך ;זעקס זעלנער שלעפּן אים און שלאָגן; דאָס בלוט רינט פון אים; ער שרייט, אָבער זיין קול ווערט פאַרמישט אין דעם אַלגעמיינעם טומל. די בריטישע זעלנער האָבן איצט פאַרלאָרן זייער גלייכגעוויכט. זיי ווערן וואָס אַמאָל ברוטאַלער. זיי שלאָגן די קרבנות איבער דעם נאַקן, שלעפּן זיי, קאָפּען; אויך בלוט זעט מען. די שלאַכט מוז פאַר יעדן פּרייז געוווּנען ווערן... די לעצטע ווערן געשלעפּט צוויי יונגע מיידלעך.

דער ערשטער טייל פון דער „אָפּעראַציע אָאזיס" איז באַענדיקט. מאָרגן וועט זיך אָפּשפּילן דער צווייטער אַקט. די ענגלענדער זאָגן, אַז די פון „עמפּייר רייוואַל" זיינען „האַרטער" פון די היינטיקע...

ביי די פאַרקראַטעוועטע וואַגאָנען פון דעם צוג, וואָס דאַרף די פּליטים פון „עקזאָדוס 47" ברענגען אין לאַגער אַריין, קענען מיר מיט זיי רעדן.

אַ פרוי דערציילט, אַז נאָך אינם לעצטן טאָג האָבן זיי אויף דער שיף געמאַכט אַ הונגער־שטרייק. די ענגלענדער האָבן זיי געסטראַשעט, אַז אין האַמבורג וועלן זיי שוין אונטערליגן די ענגלישע קריגס־געריכטן, און ווער ס'וועט זיך אַנטקעגנשטעלן, וועט באַקומען אַכט יאָר טורמע.

אינם צוג מאַכט זיך באַלד אַ גערידער. די פּליטים וואַרפן פאַרשידענע כּלים אויף די זעלנער, ערגעץ ווערט אַ טיר פון אַ וואַגאָן אויפגעבראָכן. די ענגלענדער ווילן אויסמיידן ווייטערדיקע שוועריקייטן, און דער צוג פאָרט אָפּ.

די „התקוה", וואָס טראָגט זיך פון די פאַרהאַמערטע וואַגאָנען, מישט זיך אויס מיט דעם וואַלס פון די ענגלישע לויט־שפּרעכערס.

די מאַשין סאַפּעט, דער צוג רירט פּאַוואָליע פון אָרט. אַ בלאַס פּנימל פון אַ יידיש מיידעלע באַווייזט זיך אין פאַרקראַטעוועטן פענסטערל פון אַ וואַגאָן. „להתראות בארץ" — שרייט זי הויך.

די ערשטע שלאַכט פון דער „ראָאַל נעווי" האָבן די ענגלענדער געוווּנען, מאָרגן וועלן זיי געווינען די צווייטע און די דריטע.

יאָ, אין יאָר 1947 פירט דער וועג קיין ארץ־ישראל איבער גרינע גרענעצן פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט, איבער אַ פראַנצויזישן פּאָרט סעט, איבער חיפה, אַ צווייטן פראַנצויזישן פּאָרט דע־בוק, דעם גיבראַלטאַר, דעם לאַ מאַנש, קוקסהאַפן, האַמבורג, אַ דייטשן לאַגער, איבער הונגער, נויט, בלוטיקע שלעק און קעלט. אַזוי זעט אויס די נייע געאָגראַפיע, וואָס בעווין האָט אָנגעצייכנט פאַרן יידישן פאָלק אויף זיין וועג קיין ארץ־ישראל.

אָבער אַ פאָלק, וואָס וואַנדערט צוויי טויזנט יאָר, וועט זיך שוין פאַר דער נייער געאָגראַפיע נישט אָפּשרעקן. די מעפּילים פון „עקזאָדוס" וועלן זייער היים, ארץ־ישראל, דערגרייכן.

פּ. א.

# די ערשטע שיף

— די ערשטע שיף!... — מיר לויפן צו די קראַטן:
די ערשטע שיף פון האמבורג, קערט זיך צוריק!... —
עס שטייען אויפן דעק נאָר די סאָלדאַטן
און שפּאַטיש, פרעך, עס איז אַ יעדנס בליק!

און אפשר זיצן די מעפּילים אין די קעלער? —
צעשרייען מיר זיך אַלע מיט אַמאָל:
— מעפּילים! מעפּילים! לא לרדת! — — —
נאָר פון דער ערשטער שיף — קיין ווידערקול!

עס האָבן די סאָלדאַטן נאָר געפּיפן,
געוויזן שטעקנס און געשטשירעט מיט די ציין!...
נאָר איינער שווערט זיך, אַז געהערט האָט ער אַ כליפּען
פון טיפן קעלער, אַ פאַרשטיקט געוויין...

די שיף איז אָפּגעשוווומען. עס בלייבט דער סוד פאַרהוילן
וואָס איז געווען? וואָס איז געשען מיט זיי? — — —
די נאַכט פאַלט צו מיט פיבער און מיט גרוילן,
מאָרגן קומט שוין אונזער ריי! — — —

...דאָס לעצטע מאָל שוין, הויבט מען אויף דעם אַנקער —
מעפּילים הויבן מוטיק אויף דעם קאָפּ!...
אין שפּיטאָל מיר לאָזן נאָר די קראַנקע
און גייען אין די קעלערן אַראָפּ...

די ווענט זיינען מיט אויפשריפטן באַהאַנגען,
צום זעלנער בריטישן, אַ מענטשלעך וואָרט; —
אפשר וועט עס צו זיין הארץ דערלאַנגען?
ער וועט אַ וואַקל־טון־זיך... אפשר פאַרט?

דער הילכער גיט אונז צייט, זיך צו באַקלערן,
אַ האַלבע שעה, אויף קומען צום געדאַנק... —
דער עולם שרייט, דער עולם וויל נישט הערן,
דער עולם ענטפערט מיט אַ כאָר געזאַנג...

און ס'ווייסן קינדער: נישט קיין צייט איז איצט צו וויינען,
און ס'ווייסן מאַמעס: נישט קיין צייט איז איצט אויף צער,
עס קומט אַ שלאַכט — דאָס ווייסט אַ יעדער איינער
און יעדער איינער, גרייט די ביינער און ער וואַרט! — — —

יצחק פערלאָוו

וואָס נאָענטער מיר קומען צו די ברעגעס פון דייטשלאַנד, אַלץ אינטענסיווער ווערן אונזערע צוגרייטונגען צום קאַמף. מיר האָבן פאָרויסגעזען צוויי מעגלעכקייטן: אָדער זיי וועלן אונז אָנגרייפן מיט גאַז־באָמבעס, אָדער זיי וועלן זיך באַנוצן מיט דער מעטאָדע פון אַ לאַנג־דויערנדיקער באַלאַגערונג. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, אָנצוגרייטן אַ געהעריקן קוואַנטום טרינק־וואַסער אין די פעסלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אין די ווינקלעך פון אונזער קעלער. די דאָזיקע אויפגאַבע האָבן גענומען אויף זיך די קינדער, וועלכע האָבן זי אויסגעפירט מוסטערהאַפט. עס איז אונז געלונגען צוצוגרייטן אין די פעסלעך בערך טויזנט ליטער וואַסער. דאָס דאָזיקע וואַסער איז געווען פאַר אונז הייליק און קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגערירט. מיר האָבן אויך באַשלאָסן, אַז פאַרן אָנהויבן דעם קאַמף, וועלן מיר צענעמען אַ טייל פון די טרעפּ, וואָס פירן פונם קעלער אַרויף אויפן דעק, כדי צו באַשווערן דעם צוגאַנג צו אונז. מיר האָבן באַשלאָסן, צו צענעמען נאָר אַ חלק, כדי זיי זאָלן אונז נישט קענען באַשולדיקן, אַז מיר פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די, וואָס זיינען גרייט פרייוויליק אַרויפצוגיין. אינם פּלאַן איז אויך געווען פאָרויסגעזען צו פאַרבאַריקאַדירן זיך, אינם אונטערשטן קעלער. מיר האָבן צוגעגרייט שטעקענער און אייזערנע שטאַנגען און באַשלאָסן, אַז מיר וועלן די ערשטע נישט אָנגרייפן, מיר וועלן אָבער צוריקגעבן אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן ספּעציעלע שטורעם־אָפּטיילונגען, וועלכע וועלן זיין פון די ערשטע אַנטקעגנצושטעלן זיך און גרייט אויף יעדער עווענטואַליטעט.

*

עס לויפט אַ טאָג נאָך אַ טאָג. מיר זעען שוין פאַר זיך די ענגלישע ברעגעס. אין קורצן קומען מיר שוין צו צו האַמבורג. אַ טאָג פאַרן דערגרייכן די ברעגעס האָט זיך מיט אונז געזעגנט דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט פון „רויטער", וועלכער איז די גאַנצע צייט, פון פּאָרט דע־בוק אָן, געפאָרן אויף אונזער שיף און איצט איז ער אַריבער אויף דער שיף „אושען וויגאָר", וועלכע דאַרף זיין די ערשטע אין דער ריי אַראָפּצוזעצן די פּאַסאַזשירן. אַ טיף גערירטער האָט ער גענומען אַ וואָרט אויף אונזער לעצטער מסיבת־שבת און האָט דערקלערט, אַז פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט פילט ער זיך אַ סך שוואַכער פון אונז, און אַז ער האָט פאַר אונז דעם פולסטן רעספּעקט. צום סוף האָט ער אונז געווונטשן פיל גליק. פון אים זיינען מיר אויך געוואָר געוואָרן די ריי ביים אַרויסזעצן די מעפּילים: די ערשטע — „אושען וויגאָר", די צווייטע — „עמפּייר רייוואַל" און צום סוף — אונזער שיף.

דער קאַפּיטאַן האָט אונז מודיע געווען, אַז די מענטשן פון „אושען וויגאַר" האָבן באַשלאָסן צו שטעלן נאָר אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. מיר האָבן דאָס אָנגענומען אַלס אַ פּראָוואָקאַטאָרישע ידיעה פון זיין זייט און מיר האָבן גאָרנישט געענטפערט. אין אָוונט איז פאַר אונזער שיף פאַרבייגעפאָרן „אושען וויגאָר" אויף איר צוריקוועג פון האַמבורגער פּאָרט. די שיף איז געווען ליידיק פון מענטשן. דאָס איז פאַר אונז נישט געווען קיין דערמוטיקנדיק בילד, מיר האָבן אָבער פאָרגעזעצט אונזערע צוגרייטונגען, וואַרטנדיק אויף אונזער ריי.

די לעצטע נאַכט, האָבן מיר, מדריכות פון די קינדער, פאַרבראַכט ביים נייען בערעטן פאַר די קינדער. געמאַכט האָבן מיר די בערעטן פון אונזערע קאָצן און

אויף יעדן בערעט האָבן מיר צוגעגייט די אויפשריפט: „עקזאָדוס 1947". די קינ־דער האָבן זיך געפרייט און מיט שטאָלץ אַרומגעשפּאַצירט מיט די בערעטן אויף די קעפּ, פילנדיק זיך ווי אומצורייסבאַרע מיטגלידער פון דער גרויסער משפּחה פון די „עקזאָדוס"־קעמפער.

*

דער אויפגייענדיקער מאָרגנשטערן האָט אונז שוין געפינען אינם דייטשן פּאָרט. מיר האָבן זיך נאָך מער צוזאַמענגעדריקט אינם קעלער און געוואַרט מיט אומרו אויף דעם, וואָס דאַרף איצט, באַלד, געשען.

אינם קעלער האָט זיך באַוויזן דער קאַפּיטאַן און אונז דערקלערט, אַז מיר האָבן צוויי שעה צייט אַראָפּצוגיין פריוויליק פון דער שיף. אויב מיר וועלן ביז צו דער צייט נישט אַראָפּגיין, וועלן קומען ענגלישע סאָלדאַטן און וועלן אונז מיט כוח אַרויסזעצן אויפן ברעג, אָבער דעמאָלט וועט מען אונז באַהאַנדלען ווי דייטשע פאַרברעכער. ער האָט אויך מודיע געווען, אַז די „אירא" צוזאַמען מיט יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעגרייט צוויי לאַגערן, אין וועלכע מיר וועלן דאַרפן וווינען. מיר האָבן געוווּסט, אַז ס'איז אַן אומעגלעכע זאַך, דאָס יידן זאָלן האָבן אַנטיילגענומען אין אַן אַקציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט אונזער דעפּאָרטאַציע און מיר האָבן אים געפרעגט, צי די לאַגערן זיינען שוין פאַרזען מיט גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס? ער האָט אויף אונז אויסגעגלאָצט אַ פּאָר ברייט־צעעפנטע אויגן און, נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט, איז ער באַלד נעלם געוואָרן.

בליי־שנעל האָבן מיר זיך אַ כאַפּ געטון צו דער אַרבעט פון צענעמען די טרעפּלעך. אָנגעהויבן האָבן מיר צו צענעמען די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו די קאַיוטן פון די ענגלישע מאַטראָזן, בכדי אָפּצוהאַקן זייער צוטריט צום קעלער. אָבער ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט, האָט זיך די טיר אויבן האַסטיק אויפגעפּראַלט און אין איר האָט זיך באַוויזן דער קאַפּיטאַן צוזאַמען מיט אַ גרופּע סאָלדאַטן מיט די רעוואָלווערן אין די הענט.

עטלעכע פון אונז האָבן אויפגעריסן זייערע העמדער און אויסשטרעקנדיק זייערע נאַקעטע ברוסטן צום קאַפּיטאַן, האָבן זיי זיך צעשריען: —

— „נאַ, שיס, קאַפּיטאַן! שיס, וואָס האָסטו מורא?" —

דער קאַפּיטאַן האָט באַפוילן:

— די טרעפּ טאָר מען נישט צענעמען!

— פאַרוואָס?

— דורך די טרעפּ וועלן די מענטשן דאַרפן אַרויפגיין!

איינער פון אונז האָט זיך צעשריען:

— נישט אייער עסק! דאָס דאַרף איך אַרויפגיין און מיין חבר! דאָס זיינען, אַלזאָ, אונזערע טרעפּ און מיר וועלן מיט זיי טון דאָס, וואָס עס וועט זיך אונז גליסטן!

דער קאַפּיטאַן האָט ווידער באַפוילן:

— די טרעפּ טאָר מען נישט צענעמען!

אין דעם אויגנבליק האָט זיך איינער אַ ריז, פון די פּאַרטיזאַנער, אַ ריס געטון פאָרויס, און מיט איין שפּרונג שוין געווען אויפן לעצטן טרעפּל אויבן, ממש אונ־טער די פיס פונם קאַפּיטאַן. דער לעצטער האָט זיך דערשראָקן און מיט אַ נישט זיכערן קול האָט ער אַ פרעג געטון:

# נאָך דער שענדלעכער אָפּעראַציע „אָאזיס"



פאַרווונדעטע „עקזאָדוס"־קעמפער אין האַמבורגער שפּיטאָל



צוריק אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד !
אינם לאַגער פון פאפענדאָרף

— אָבער אַ פּאָר טרעפּלעך וועט איר איבערלאָזן?
— מיר וועלן איבערלאָזן.

ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט זיין גאַנ־צער פאַמיליע.

מיר האָבן אויסגעשטעלט די קאַמפּס־גרופּן, נאָכאַמאָל געגעבן די לעצטע אָנ־ווייזונגען און יעדע גרופּע האָט פאַרנומען איר פּלאַץ. אויבן, אויף די לעצטע אי־בערגעבליבענע טרעפּלעך, האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ עטלעכע יינגלעך, וועמענס אויפגאַבע איז געווען, צו זיין די אויסשפּירער און די פאַרבינדלער. מיר אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט לענג־אויס די ווענט פונם קעלער און פאַר אונז די קינדער.

צען אַזייגער אינדערפרי האָבן די ענגלענדער אינסטאַלירט אויבן אויף דעם שיפס־דעק, אַ מעגאַפאָן, דורך וועלכן זיי האָבן אונז אויפגעפאָדערט אַרויסצוגיין אויפן ברעג אָן ווידערשטאַנד. איבערגעחזרט האָבן זיי דעם אויפרוף אין עטלעכע שפּראַכן און אַלץ געפאָדערט מיר זאָלן זיך אונטערוואַרפן דעם באַפעל. אַזוי ווי דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו דראָען, אַז אויב נישט — וועט זיין ביטער צו אונזער גורל.

און מיר? מיר זיינען געזעסן אין קעלער און... געזונגען. איין ליד נאָכן צווייטן, אַ לאַנגע קייט פון שירים אָן אַ סוף, אָן אַן אויפהער. מיטן זינגען האָבן זיך אונ־זערע הערצער אויך צעוואַרעמט, אונזערע פּנימער האָבן געפלאַמט, די אויגן האָבן געבלישטשעט און אין האַרצן האָבן מיר געפילט: — אויב אַפילו זיי וועלן אונז באַזיגן מיט דער פויסט, וועלן זיי אָבער אונזער גייסט נישט צעברעכן!

ווי מיר זינגען אַזוי — פּראַלט זיך אויף די טיר אויבן און, ווי קאַרטאָפל פון אַן אָפענעם זאַק, האָבן זיך מיט ווילדע געשרייען, אַ שיט געטון אין קעלער אַריין יענע יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אויפן דעק: — „זיי גייען שוין! אָט זיינען זיי שוין דאָ!" און אין דער טיר באַווייזן זיך טאַקע די ענגלענדער. ווי אַ שטורעם רייסן זיי זיך אַריין אין קעלער, אַלע הויכע, ברייט־פּלייציקע, אויסגעקליבענע איינס ווי איינס. אויף זייערע קעפּ שטאָלענע העלמען, אויף די ברוסטן לעדערנע פּאַנצערס און אין די הענט — שטעקנער. זייערע פּנימער — רויטע ווי בוראַקעס, עס גייט פון זייערע מיילער אַ געשטאַנק פון אַלקאָהאָל — ווייזט אויס, אַז זיי האָבן געמאַכט יענע כוסה, כדי זיך צוצוגעבן „מוט און קוראַזש". זיי שטעלן זיך אויס אין אַ ריי אַנטקעגן אונזערע רייען, אָבער מיר בלייבן ווייטער רואיק אויף אונזערע פּלעצער, אָן בהלה, אָן מורא. מיר ווייסן: איצט איז געקומען דער דעצידירנדיקער מאָמענט. מיר האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן. אין אונזערע הערצער האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער פון קאַמף — און מיר פילן, אַז איצט איז געקומען דער מאָמענט צו באַ־צאָלן זיי, כאָטש טיילווייז, פאַר זייער שענדלעכער באַציונג צו אונז במשך פון דער גאַנצער צייט.

ספּאָנטאַניש אינטאָנירן מיר די „התקוה", און בשעת דעם זינגען שטייען מיר אויף פון אונזערע ערטער. די ענגלענדער נוצן אויס דעם דאָזיקן מאָמענט און מיט ווילדע אויסגעשרייען וואַרפן זיי זיך אויף אונז און הויבן אָן צו שלעפּן די מענטשן צו די טרעפּ. שטעקענער הויבן זיך אין דער לופטן און פאַלן אַראָפּ אויף אונזערע קעפּ און קערפּערס, דער גאַנצער חלל פילט זיך אָן מיט געשרייען און געוואַלדן און עס צעצינדט זיך אַ האַרטער קאַמף.

פון אַלע זייטן פליען קאָנסערוון־פּושקעס. די מענטשן וואַרפן אָן אַ ציל, ווייל אין דעם שרעקלעכן תוהו ובוהו, וואָס איז אַנטשטאַנען, און ווו די קערפּערס

פון די ענגלענדער און מעפּילים האָבן זיך פאַרפלאָכטן אינאײנעם, איז שווער אויס־צוקלײבן דעם ציל. די פּושקעס טרעפן אי דעם פײנט און אי דעם פרײנט. דער ח׳ מ. צעשרײט זיך מיט אַלע כוחות: — „וואָס פאַראַרבעט איר, רוצחים, הערט אויף צו וואַרפן!” די ענגלענדער מײנען, אַז ער העצט אונטער די וואַרפער, באַפאַלן זײ אים און צעשלאָגן אים ביז בלוט. מיט גרױס מי געלינגט מיר אָוועקצורײסן אים אין אַ זײט, איך ציִ אַרױס אַ באַנדאַזש פון מײן זעקל און פאַרבאַנדאַזשיר אים די װוּנדן.

בײ די טרעפּ קומט פאָר דער פאַרביסנסטער קאַמף. די ענגלענדער שלאָגן מכות רצח און שווערע, האַרטע קלעפּ פאַלן אויף אונזערע קעפּ, פּנימער און פּלײצעס. איך דערזע מיטאַמאָל, אַז איך געפין זיך אײנע אַלײן צווישן אַ גאַנצער באַנדע ענגלענדער. איך וויל דורכרײסן די קײט, וואָס רינגלט מיך אַרום, כדי צוצוקומען צו די חברים, וואָס געפינען זיך הינטער זײ, אָבער אײנער פון די ענגלענדער כאַפּט מיך אָן און טראָגט מיך צו די טרעפּ. איך שטעל זיך אַנטקעגן מיט אַלע מײנע כוחות און מײן האַנט בלאָנדזשעט איבער זײן קערפּער, זוכנדיק אַ ווידערשטאַנדס־פּונקט. איך פיל פּלוצים זײן האַלז אונטער מײן האַנט און מיט אַלע כוחות גראָב איך זיך אײן מיט מײנע פינגער אין זײן גאָרגל. ער רײסט אָוועק מײן האַנט, און זי פאַלט דאַן אַרויף אויף זײנע האָר. איך רײס זײ, וויפיל כוח איך פאַרמאָג נאָר אין מיר. דער ענגלענ־דער גליטשט זיך אויס און מיר פאַלן בײדע אויף דער ערד. די אַנדערע זעלנער לויפן צו און אַ האָגל פון קלעפּ שיט זיך אויף מײן קערפּער. איך פיל אַ שרעקלעכן ווײ־טיק און איך... פאַרליר מײן באַוווסטזײן.

ווען איך קום צוריק צום באַוווסטזײן, דערזע איך, ווי מען שלעפּט נישט ווײט פון מיר, אויף דער פּאָדלאָגע, אײנעם פון די מדריכים פון „הנוער הציוני”. ער איז שווער פאַרוואונדעט, רינט אָפּ מיט בלוט און קרעכצט מוראדיק. אײזיק, דערהערנדיק די קרעכצן, דערקענט זײן חברס קול און הויבט אָן צו שרײען ווי נישט מיט זײן קול — „וואַנקאַ, מען שלאָגט וואַנקאַ׳ן!” ער פּרוּווט אויפשטײן און צוקומען צו די ענג־לענדער, אָבער אַ פאַרוואונדעטער און אַ צעשלאָגענער מאַכט ער אַ פּאָר טריט פאָ־רויס און פאַלט צוריק אויף דער ערד, גלײך, ווי די נשמה וואָלט אים אויסגעגאַנגען. ער ליגט אין אַ קאַלוזשע פון בלוט, וואָס רינט פון זײן פּנים און פון די הענט. מיט גרויס מי געלינגט מיר אַרויסצוציען פון מײן טאָרבע אַ טיכל און איך הויב אָן אויס־ווישן זײן פּנים, ער מאַכט אויף די אויגן, קוקט אויף מיר און שטאַמלט אַרויס: — „מאַיאַ, האָסט באַקומען אין פּנים אַרײן?” — איך הויב אויף מײן האַנט צו מײן פּנים, גיב אַ וויש און דערזע, אַז זי איז פול מיט בלוט. אויך איך בין פאַרוואונדעט.

פון אַלע זײטן שלעפּט מען מענטשן. פיר, פינף סאָלדאַטן שלעפּן אײן ייִדן. אײ־נער פון די פּאַרטיזאַנער ליגט אויף דער ערד ווי אַ פעלז און ס׳איז אוממעגלעך צו רירן אים פון אָרט. די ענגלענדער, זעענדיק, אַז זײ וועלן אים נישט בײקומען, דער־נענטערן זײ זיך צו זײן פּרוי, וועלכע איז אין 7־טן מאָנאַט, און הויבן זי אָן צו שלאָגן. דער פּאַרטיזאַנער דערזעענדיק דאָס, שפּרינגט אויף מלא כעס, וואַרפט זיך אויף די זעלנער און אַראָפּרײסנדיק פון אײנעם פון זײ זײן שטאָלענעם העלם, כאַפּט ער אָן פאַרן פּאַסיק, וואָס הענגט אַראָפּ פונם העלם און דערלאַנגט שרעק־לעכע קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס ביז דער פּאַסיק רײסט זיך איבער. ערשט דאַן געלינגט עס די ענגלענדער בײצוקומען אים און זײ שלעפּן אים אַרויף אויבן.

אין קעלער ווערט וואָס אַמאָל לײדיקער. אין אײן ווינקל זײנען נאָך געבליבן די קינדער פון קבוץ „איתן”. זײ האַלטן זיך אַלע בײ די הענט און לאָזן זיך נישט רירן פון אָרט. די ענגלענדער גיסן אויף זײ קאַלט וואַסער און די קינדער שווימען שוין

# אינם לאַגער פון פאַפּענדאָרף



צום ציגיינער־לעבן נעמט נאָך אַלץ נישט קיין עודע

ממש ווי אין אַ טייך, אָבער די הענט לאָזן זיי נישט אָפּ און הערן נישט אויף צו זינגען די „התקוה".

איך באַקום פּלוצים אַ שרעקלעכן קלאַפּ און האַלב־באַוווּסטזיניק פּיל איך ווי מען שלעפּט מיך צו די טרעפּ, דאַן אַרויף אויפן דעק. אַ קורצע ווײַלע זע איך נאָך פּיס, אין אויסגעפּוצטע, גלאַנצנדיקע שטיוול און דאַן פאַרשווינדט אַלץ...

איך וועק זיך איבער אינם אויטאָ, וווּהין די ענגלענדער האָבן מיך אַרײַנגע־וואָרפן ווי עפּעס אַ זעקל. דאָ געפינען זיך שוין אַ סך פון מײַנע באַקאַנטע. אַלע זײַ־נען זיי פאַרוווּנדעט און פון די ווונדן רינט דאָס בלוט... ביים אויטאָ שטייט אַן ענג־לישע וואַך.

מיר פאָרן עטלעכע מינוטן און דער אויטאָ בלייבט שטיין. צוויי ענגלענדער דערנענטערן זיך און הייבן אָן אַרויסצונעמען די פאַרוווּנדעטע...

מיר געפינען זיך אין אַ פּאָליציי־שטיבל. מיר זיינען אַרום 15 מאַן. די ענגלענ־דער פירן דורך אַ רעוויזיע ביי יעדן איינעם. איך קען נישט פאַרטראָגן וויאַזוי די ייִדן לאָזן זיך אַזוי לייכט באַזוכן און איך הויב אָן צו שרייען. אַן ענגלישער אָפיציר הייסט צוויי זעלנער מיך נעמען און זיי טראָגן מיך אַרויס ווידער צו דער מאַשין. איך ווער זיך מיט מײַנע לעצטע כוחות, ביז איך פאַרליר ווידער דעם באַוווּסטזיין.

אויפגעקומען בין איך, ווען מיר זיינען געבליבן שטיין פאַר אַ צוג. די פענסטער פאַרקראַטעוועט און הינטער זיי זע איך קעפּ, קעפּ קעפּ... לענגאויס דעם צוג שטייט אַ געדיכטע ריי פון מיליטערישער פּאָליציי. צוויי זעלנער נעמען מיך אָן, — איינער פאַר די הענט, דער צווייטער פאַר די פיס, — און טראָגן מיך צום צוג. איך ווער זיך, אָבער זיי זיינען שטאַרקער פון מיר און זיי וואַרפן מיך אַריין אינם צוג ווי עפּעס אַ פּגר.

דער צוג רירט פון אָרט. איך בין אינגאַנצן נאַס און צעוויייטיקט גלייך ווי יעדער אבר וואָלט געווען אַ ווונד. יעדער שאָקל פונם צוג פאַרשאַפט מיר נאָך גרעסערע יסורים: מיר פאָרן לאַנג, לאַנג ביז דער צוג שטעלט זיך ענדלעך אָפּ. דאָס איז די לעצטע סטאַנציע פון אונזער נסיעה.

מיר זיינען ווידער אין אַ לאַגער, אויף דער דייטשער פאַרשלאָטענער און פאַר־בלוטיקטער ערד...

## מיטן געזאַנג פון „התקוה" אויף די ליפּן

(„עקזאָדוס"־קינדער דערציילן . . .)

...די געשרייען און געוואַלדן האָבן פאַרפילט דעם גאַנצן חלל פונם קעלער. די רוצחים האָבן אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעשטעלט זייער „אַרבעט". אָט שלעפּן זיי אַ קליין מיידל. זי רייסט זיך אַרויס פון זייערע הענט און פּרובירט אַנטלויפן. איך האָב דערקענט, אַז דאָס איז די קליינע גאָלדע. באַלד אָבער האָבן די סאָלדאַטס־קע הענט אַרומגעכאַפּט איר איידעלן קערפּער ווי מיט קלעשטשעס און ווען זי האָט נישט אויפגעהערט צו וואַרפן זיך, ווילנדיק אַרויסרייסן זיך פון זייערע האַרטע קלעשטשעס — האָט זיך אויף איר צאַרטן קערפּער אַ שאָט געטון אַ האָגל פון קלעפּ פון פויסטן און שטעקענער. פינף זעלנער האָבן געמוזט שלעפּן די קליינע גאָל־דע, כדי זי בייצוקומען.

מיר האָבן זיך אַלע — די חברים פון קבוץ „איתן" — אַנגענומען פאַר די

אַרעמס, צונויפגעפרעסט זיך ווי אין איין פּילקעפּיקן גוף און אַזוי אַרום נישט דער־לאָזט, אַז די ענגלענדער זאָלן האָבן מיט אונז אַ לייכטע אַרבעט. זיי האָבן אונז גע־צווּיגן פאַר די הענט, פאַר די פיס און נאָר געוואָלט צערייסן אונזער קערפּער־קייט. מיר האָבן זיך ממש צוגעקלעפּט איינער צום צווייטן, אַז ס'איז אַפילו שווער געווען אַ שפּילקע אַריינצושטעקן.

פינף זעלנער שלעפּן בעלאָן. מישאַן שלעפּן זיי פאַר די פיס ווי עפּעס אַ הורג, און זיין קאָפּ שלאָגט זיך אָן אין די טרעפּ ווי אַ באַלעם...

דער קעלער איז שוין ליידיק, נאָר אונזער גרופּע אַליין שטייט אין ווינקל און רירט זיך נישט פון אָרט. פון דער גרויסער טומלדיקער מענטשן־מאַסע זיינען מיר געבליבן אַליין... מיר הויבן אָן צו זינגען די „התקוה", כדי זיך צוצוגעבן מוט און קוראַזש. די ענגלענדער גיבן אונז נאָך פינף מינוט צייט, אַרויסצוגיין פונם קעלער. מיר זינגען ווייטער און רירן זיך נישט פון אָרט.

די ענגלענדער הויבן אָן צו גיסן אויף אונז קאַלט וואַסער. עמערס נאָך עמערס גיסן זיך אויף אונז קאַלטע וואַסער־שטראָמען און... מיר זינגען נאָך אַלץ. מיר שטייען שוין ביז צו די קניען אינעם וואַסער און... מיר האַלטן זיך נאָך אַלץ פעסט פאַר די הענט און זינגען די „התקוה".

משוגע פון כעס וואַרפן זיך אויף אונז די ענגלענדער, רייסן אַרויס יעדעס קינד באַזונדער פון דער קערפּער־קייט און וואַרפן עם פון האַנט צו האַנט ווי אַ פּילקע ביז אויף דעם דעק אַרויף.

ערשט ווען זיי האָבן דעם לעצטן פון אונז פון קעלער „אַרויסגעוואָרפן" איז דאָס ליד פאַרשטומט געוואָרן.

קבוץ „איתן"

9 אַזייגער אינדערפרי זיינען מיר אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף. פון גרויס כעס האָבן מיר אָנגעהויבן אַריינצוּוואַרפן אין וואַסער אַריין אַלץ, וואָס איז אונז נאָר גע־קומען אונטער דער האַנט. דאָס אַראָפּגיין איז פאָרגעקומען זייער פאַ־מעלעך און זיך געשלעפּט ווי אַן אייביקייט. דאַן האָבן זיי אונז איינגעשפּאַרט אין די באַן־וואַגאָנעס. די ענגלענדער האָבן אונז געברענגט עסן, אָבער קיינער פון אונז האָט נישט געוואָלט נעמען.

אַלע שויבן פונם צוג זיינען געווען אויסגעהאַקט. אָבער דאָס איז שוין נישט געווען די שולד פון די ענגלענדער. אַזוי ווי מיר זיינען נאָר אַריינגעקומען אין צוג, האָבן מיר מחמת כעס און פאַרדרוס צעהאַקט און צעבראָקלט אַלע שויבן פונם צוג. און נישט נאָר די שויבן אַליין האָבן מיר צעבראָכן, נאָר אַלץ, וואָס מיר זיינען בכוח געווען צו צעברעכן אין די וואַגאָנען איז געפאַלן אַ קרבן פון אונזער צאָרן.

נאָך אין די פאַרמיטאָג שעהן זיינען מיר אָנגעקומען אין די צוגעגרייטע פאַר אונז לאַגערן.

קבוצת „ברזל"

## אין די לאַגערן פון פּאָפּענדאָרף און אַמסטאַו

פּאָפּענדאָרף, 11 סעפּטעמבער. —

גרויסע אומרוען זיינען היינט אויסגעבראָכן אין די לאַגערן פון פּאָפּענדאָרף און אַמסטאַו, וווּהין די יידן פון די „עקזאָדוס"־שיפן זיינען נעכטן איבערגעפירט געוואָרן.

אין פּאַפּענדאָרף זאָגן זיך אָפּ די יידן צו ענטפערן אויף פראַגן, וואָס עס שטעלן זיי די ענגלישע באַאַמטע און זאָגן זיך אָפּ פון יעדער הילף, וואָס עס לייגט זיי פאָר די אינטערנאַציאָנאַלע פּליטים־אָרגאַניזאַציע. אויף אַלע פראַגן פון די ענגלענדער ענטפערן זיי „פּאַלעסטיין".

אין לאַגער פון אַמסטאַו איז נעכטן די לאַגע געווען אַזוי געשפּאַנט, אַז מען האָט געבעטן די דריי אַמעריקאַנער סענאַטאָרן און אַ פאָרשטייער פון דעם ניו־יאָרקער שטאַט אָפּצולייגן זייער געפּלאַנטן באַזוך.

אַן ענגלישער באַאַמטער האָט געפּרוווט דערקלערן די האַלטונג פון די עמי־גראַנטן מיטן פאַקט, וואָס די דייטשן ווערן באַנוצט אויף קאָכן דאָס עסן, און וואָס אַ סך דייטשן אַרבעטן אין און אַרום דעם לאַגער. ער האָט צוגעגעבן, אַז די ענגלענ־דער ווילן נאָכגעבן דעם ווונטש פון די עמיגראַנטן און באַזייטיקן די דייטשן אין איניקע טעג אַרום.

אין פּאַפּענדאָרף, וואָס איז, פּונקט ווי אַמסטאַו, אַרומגערינגלט מיט שטעכיקע דראָטן, געפינען זיך די מעפּילים פון די לעצטע צוויי שיפן. דאָ זיינען נעכטן די מעפּילים דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געווען אין אַן אויפגערעגטער שטימונג מחמת דעם, וואָס אַ סך פון זייערע (ביי אַ 50 מאַן) זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די ענג־לענדער, בתוכם אויך מרדכי קאַסמאַן. די ענגלענדער באַטראַכטן זיי אַלס די אָנפירער פונם ווידערשטאַנד. די מעפּילים דערקלערן, אַז אויב מען וועט נישט באַפרייען זייערע חברים, וועלן אויסברעכן ערנסטע אומרוען.

3 יידישע בחורים ווערן נאָך געהאַלטן אין האַמבורגער תפיסה. די ענגלענדער זאָגן, אַז זיי ווילן געבן די „היץ־קעפּ" צייט זיך אָפּצוקילן, און אַז זיי וועלן זיי איינ־גיכן אַרויסלאָזן.

אַמעריקאַנער קאָנגרעס־מענער זיינען היינט פרי אַריינגעלאָזט געוואָרן צו זען די יידישע פּליטים. זיי דערציילן, אַז עס זיינען נישטאָ קיין בעטן אין לאַגער און אַז די באַדינגונגען זיינען ווייט צו זיין גוטע.

נאָכן באַזוך האָבן זיי דערקלערט פאַר פּרעסע־פאָרשטייער, אַז זיי זיינען געווען טיף גערירט פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע, וואָס דער לאַגער סימבאָליזירט מיט זיך. זיי האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו קאָנסטאַטירן די פאַרביטערטקייט, וואָס איז פאַרשפּרייט צווישן די יידן.

זיי דערציילן אויך, אַז בעת זייער געשפּרעך מיט די מעפּילים, האָבן זיי פאָר־געלייגט די קינדער שאָקאָלאַד. די קינדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו נעמען. צום סוף, ווען זיי האָבן איניקע מאָל איבערגעחזרט, אַז זיי זיינען אַמעריקאַנער און נישט קיין ענגלענדער, האָט איין קינד גענומען אַ קליין שטיקל שאָקאָלאַד און דאָס איז אַלץ. „מיר ווילן נישט קיין שאָקאָלאַד אָדער צדקה, האָט געזאָגט אַ מעפּיל, וואָס האָט גערעדט ענגליש, מיר ווילן אַהיים קיין ארץ־ישראל".

אַ בריטישער באַאַמטער האָט איבערגעגעבן די קאָנגרעס־מענער, אַז ביי דער אויספאָרשונג זאָגן אַלע, אַז זיי פאַרשטייען נאָר יידיש אָדער העברעיש.

אַ סך פון די, וואָס מאַכן אַזאַ דערקלערונג, קומען אין אַ זייט פון זאַל און רעדן מיט די זשורנאַליסטן אין אַ פּערפעקטן ענגליש.

איינע פון די פראַגן, וואָס ווערט אַלעמען געשטעלט איז, אויב זיי וואָלטן וועלן פאָרן קיין פראַנקרייך, ווו די רעגירונג וויל זיי אויפנעמען. ביז איצט האָבן אַלע געענטפערט „ניין"!

אָט איז אַ טיפּישער ביישפּיל פון אַן אויספאָרשונג:

פראַגע: „ווו זייט איר געבוירן?"

ענטפער: „אין ארץ־ישראל".

פראַגע: „וויאַזוי קומט איר אַהער"?

ענטפער: „איך בין געשטאַנען אין חיפהער פּאָרט און בריטישע סאָלדאַטן האָבן מיך געכאַפּט און געבראַכט אַהער קיין דייטשלאַנד".

קיין איינציקער פון זיי, אַפילו געקומענע פון אוישוויץ און מיט נומערן אויף זייערע הענט, ווילן נישט צושטימען, אַז זיי זיינען געקומען פון פוילן אָדער פון אַן אַנדער לאַנד אין איירָאָפּע.

אַפילו די קליינע קינדער ענטפערן די ענגלענדער, אַז זיי זיינען פון ארץ־ישראל.

די אינטערנאַציאָנאַלע פליטים־אָרגאַניזאַציע האָט געעפנט אַ רעגיסטראַציע־ביוראָ. אָבער קיין איינציקע פון די יידן האָט זיך דאָרט אַהין נישט געווענדעט.

מעפּילים־פאָרשטייער האָבן באַזוכט דעם אַמעריקאַנער פאָרטרעטער אין דער אָרגאַניזאַציע און אים באַדאַנקט פאַר זיין אָנוועזנהייט דאָ, דערביי האָבן זיי אים דערקלערט אַז עס איז אינגאַנצן אומעגלעך אָנצונעמען הילף פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. די יידישע פירער האָבן אויך פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל די „עקזאָדוס"־מעפּילים נישט צעשפּרייטן אין פאַרשידענע לאַגערן.

אינם באַשלוס פון די יידן צו בלייבן אַלע צוזאַמען אין פּאָפּענדאָרף, זעען די ענגלענדער אַ סכנה פאַר נייע אומרוען. די ענגלענדער האָבן דערקלערט, אַז לאַנג קענען די יידישע עמיגראַנטן אין פּאָפּענדאָרף נישט בלייבן. אויב די יידן וועלן זיך נישט לאָזן רעגיסטרירן דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, כדי צו ווערן איבערגעפירט אין פאַרשידענע לאַגערן פון דעפּלאַסירטע פּערזאָנען, וועלן זיי איבערגיין אויפן סטאַטוס פון די דייטשע בירגער און וועלן צעשיקט ווערן אין פאַרשידענע דייטשע שטעט.

# שלום־וואָרט

מיט דער צייט זיינען די לאַגער־באַדינגונגען, אין וועלכע די מעפּילים האָבן זיך געפונען, געוואָרן לייכטער. די מעפּילים אָבער האָבן אויף קיין איין רגע נישט אויפגעגעבן זייער ווילן ווי אַמשנעלסטן צו דערגרייכן די ברעגעס פון ארץ־ישראל און טראָץ אַלע ביזאיצטיקע ליידן, האָבן זיי זיך ווידער דעצידירט צו גיין נאָכאַמאָל אויפן וועג פון העפּלה.

די העפּלה האָט נאָר אָנגענומען אַנדערע פאָרמען. גרופּנווייז פלעגט מען זיי אַרויסנעמען פון די לאַגערן און דורך פאַרשיידענע וועגן האָבן זיי דערגרייכט די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

זייער דערשטוינט איז דעריבער געוואָרן די גאַנצע וועלט, ווען ס'האָט זיך פּלוצים, אין אַ העלן טאָג, באַוויזן אין דער גאַנצער וועלט־פּרעסע די ידיעה, אַז „היינט איז די לעצטע גרופּע מעפּילים פון דער שיף „עקזאָדוס 1947" אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל". (געווען איז דאָס דעם 11־טן מאַי 1948, האַרט פאַר דער פּראָקלאַמאַציע פון דער יידישער מדינה).

ווידער אַמאָל האָט עס אַ שיין געטון מיט גרויסע אותיות אין אַלע גרעסטע צייטונגען וועגן דער העלדישער. עפּאָפּעע פון „עקזאָדוס 1947". ווידער אַמאָל האָט די גאַנצע וועלט־פּרעסע מיט באַוואונדערונג און רעספּעקט דערמאָנט דעם העראָאיזם פון די „עקזאָדוס"־מעפּילים, זייערע ליידן און ענויים און לבסוף זייער ענדגילטיקן זיג מיטן דערגרייכן, טראָץ אַלע שוועריקייטן, די ברעגעס פון זייער פאָטערלאַנד.

אַ טייל פון די „עקזאָדוס"־מעפּילים האָט אויך עולה געווען אויפן סמך פון צערטיפיקאַטן, וואָס זיינען צוגעטיילט געוואָרן דורך דער מאַנדאַט־מאַכט דער בריטישער זאָנע פון דייטשלאַנד.

דאָס קאַפּיטל „עקזאָדוס 1947" איז געקומען צום סוף.

איצט שרייבן די מוטיקע מעפּילים פון „עקזאָדוס 1947" אַ ניי קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. צוזאַמען מיט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יידישע קעמפער פון צבא הגנה לישראל, פאַרטיידיקן זיי די יונגע יידישע מדינה און שטייען אויף דער וואַך פון איר גאַנצקייט און אומאָפּהענגיקייט.

# אינהאלט


| זייט | אינהאלט |
| --- | --- |
| 7 | פאָרוואָרט |
| **12 — 27** | **1934: דער ערשטער העפלה־אויסברוך און זיינע ליידן** |
| 13 | וועלאָס, — די ערשטע שיף פון דער העפלה |
| 21 | די עליה און דער געיעג נאָך איר |
| **29 — 58** | **1937: און טראָץ אַלעמען — וועלן די מעפילים ווייטער קומען!** |
| 31 | אין שליחות פאַר דער העפלה |
| 47 | „און צונויפגעקליבן האָט ער זיי פון אַלע לענדער — צום אָרט פון זייער באַגער" |
| **59 — 85** | **1939: כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט** |
| 61 | מעפילים אויף די בלוטיקע סטעזשקעס |
| 77 | פּראָטעסטן און מאַניפעסטאַציעס קעגן... הערצער פון שטיין |
| **87 — 136** | **אין האַרץ פון ים** |
| 89 | הקדמה |
| 91 | פון שיף צו שיף |
| **137 — 150** | **ווען די שיף קומט צום ברעג** |
| 139 | די עליה־נעכט |
| **151 — 162** | **עפענען די געשלאָסענע טויערן!** |
| 153 | רעדעס |
| **163 — 266** | **אין די יאָרן פון אומגליק** (ת"ש — תש"ה) |
| 167 | די וואָס האָבן געוואָגט — זיינען עולה געווען! |
| 174 | אָן אַ וועג און אָן אַ שטעג |
| 189 | די מאַרטיראָלאָגיע אויפן ים |
| 189 | א) „פּאַטריאַ" |
| 206 | ב) „מאוריציוס" |
| 223 | ג) דאָס אומגליק פון „סאַלוואַדאָר" |
| 227 | ד) „סטרומאַ" |
| 240 | ה) „לילי" |
| 242 | ו) „מאַריצאַ" |
| 251 | די אומגליקן האָבן נישט אָפּגעשראָקן — מען זעצט פאָר! |
| **267 — 288** | **ווען די זון פון נצחון שיינט אויף...** |
| 269 | די בריגאַדע אויפן העפלה־פראָנט |
| 277 | אויך פון צפון עפנט זיך אַ טויער |
| 280 | די נאַכט פון עתלית |

| זײַט | אינהאַלט |
|---|---|


289 — 333 דער קאַמף פאַר עליה אין די יאָרן תש"ו — תש"ז
291 שיפן קומען...
299 די עולים פון „לאַ ספּעציאַ"
305 ענגלאַנד מאָביליזירט זיך
312 די ערשטע דעפּאָרטאַציעס
331 די העפּלה ווערט פאַרגעזעצט

„עקזאָדוס — 1947"
(יציאת אירופה — תש"ז)

337 — 443 „עקזאָדוס — 1947"
339 הקדמה
341 דער אומגלייכער קאַמף אויפן ים
370 אין פּאָרט־דע־בוק
402 צוריק אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד


## בילדער


15 וועלאַס — די ערשטע שיף פון דער העפּלה
109 שווימען שיפן אינמיטן פון ים...
165 אויף די וואַנדער־וועגן צום ציל
191 די טראַגעדיע פון „פּאַטריאַ"
211 די מאַוריציוס־פאַרטריבענע
283 עתלית־לאַגער
301 עולים פון „לאַ ספּעציאַ"
315 גלות־ציפּערן
329 אינם מחנה־עולים פון קרית שמואל
345 די שיף „עקזאָדוס 1947" ביי די ברעגעס פון חיפה
351 צוויי פון די פיר טויזנט פינף הונדערט
361 קעגן וועמען די ענגלישע אימפּעריע פירט מלחמה!
371 אין פּאָרט־דע־בוק
377 קינדער און יוגנטלעכע פון „עקזאָדוס 1947"
383 אין פּאָרט־דע־בוק
391 אויף די תפיסה־שיפן אין פּאָרט־דע־בוק
405 אָפּעראַציע „אָאַזיס" אין האַמבורגער פּאָרט
411 אין האַמבורגער פּאָרט
415 אין האַמבורגער פּאָרט
421 אינם לאַגער פון פּאָפּענדאָרף
427 די זעלבע מעטאָדן נאָך אַנדערע אויספירער
433 נאָך דער שענדלעכער אָפּעראַציע „אָאַזיס"
437 אינם לאַגער פון פּאָפּענדאָרף

# באַמערקטע דרוק־פעלערן

| זייט | שורה | דאַרף זיין: | אַנשטאַט: |
| --- | --- | --- | --- |
| 19 | 15-טע פון אונטן | וואָס זיינען אָפּגעצערט | וואָס זענען אָפּגעצערט |
| 25 | 3 -טע „ „ | יום-טובדיקע | יוב-טובדיקע |
| 34 | 11-טע „ „ | סוף יאָר 1938 | סוף יאָר 1939 |
| 35 | 1 -טע „ „ | וואָס וואָלט | וואָס וואָלטן |
| 40 | 14-טע „ אויבן | פונם מאַטעל | פונעם פאַטעל |
| 49 | 3 -טע „ אונטן | גרענעץ | גרעניץ |
| 64 | 4 -טע „ „ | אשקלון | אשקלות |
| 65 | 15-טע „ „ | די עזה־ברעגעס | די עזה־ברעגן |
| 71 | 5 -טע „ „ | די שיף „רים", וואָס האָט געפירט עולים | אַ שיף מיט עולים |
| 135 | 1 -טע „ אויבן | נאָך האַלבער נאַכט | נאָכמיטאָג |
| 190 | אונטערן אונטערשטן בילד דאַרף זיין: אַ בריוו פון אַ מעפּיל פון „סטרומאַ" | | |
| 197 | 19-טע „ אונטן | צו די ברעגעס פון לאַנד | צו אונזער לאַנד |
| 205 | צווישן דער 5-טער און 6־טער שורה פון אויבן פעלט פאָלגנדיקע שורה: זיך. אָט דער באַוווסטזיין מוז ווערן דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין .אונזער מל- | | |
| 235 | 5 -טע „ אויבן | דאַרף זיך לייענען: מאַכט האָט נישט געוואָלט דערלאַנגען קיין הילף, ווען דאָס טערקישע שיפל איז, | |
| 256 | 2 -טע „ אונטן | דאַרף זיך לייענען: אונז געזען און מיר האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי איז אונז נישט גע- | |
| 276 | 3 -טע „ „ | זאַמדיק-גרויען אין סוף — | זאַמדיק-גרויען און סו; |
| 294 | 8 -טע „ אויבן | פון קעלט און פון די געפילן | פון קעלט און די געפילן |
| 297 | 5 -טע „ „ | אַ סירענע־געפייפעריי | אַ סירענע. געפייפעריי |
| 325 | 14-טע „ אונטן | האָבן מיר דערקלערט | האָבן דערקלערט |